STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08956

A ZEKSTER VELT-TEYL

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א זעקסטער וועלט-טייל

מ. סמבטיון

א זעקסטער וועלט-טייל

ראמאן

פארלאג מ. גראהאר
פאריז
1949

BIBLIOTECA
DE
NICOLAS E [illegible]

M. SAMBATYON: A ZEKSTER WELT-TEYL - ROMAN
UN SIXIÈME CONTINENT — A SIXTH CONTINENT

III

*

נאָכדרוק אפילו טיילווייז פאַרווערט

*

ÉDITIONS GROHAR ET RUDETZKI
SOCIÉTÉ D. O. R. A. - PARIS
COPYRIGHT BY M. SAMBATYON - PARIS

הויפּט-פאַרקויף פאַר אייראָפּע און ישראל:
ÉDITIONS U.P.J. - 10bis, RUE ELZÉVIR, PARIS III

*

הילע און שער-בלאַט געצייכנט פון אַ. קאָלניק

*

50 עקזעמפּלאַרן זענען געוואָרן געדרוקט
אויף פּאַפּיר OFFSET, געבונדן אין לייוונט
און געחתמעט פונעם מחבר

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS-X

דריטער באַנד:

א צעטריבענע סטאדע

ערשטער טייל

קאַפּיטל ו

דער כּרך קיעוו האָט ווי אַ געפּעסטעט בת־יחידהקעלע זיך געהנדלט קעגן דעם ניסנדיקן הימל. אין די פינטלענדיקע קאַיאָרן, אויף אַ שפּיץ פון אַ ווייַנשלביימל אָדער אין אַ קריינדעלע פון אַן אַקאַציע־דריז, פלעגט זיך נישט דרייסט אַן עפן טון אַ קנאָספּעלע, זיך שרעקעוודיק אַרומקוקן און פרעגן ביי נאָך אַזאַ האַלב־וואָך קנאָספּעלע: „שוין צייט? — נאָך נישט?" — און דאַן פאַרשנורעוועו צוריק דאָס מיילעכל, ברוגז אָנבלאָזן די ליפּעלעך און זיך מיט אַ לייכט־זיפּצעלע ווידער איינקאָרטשען אונטער די פּיצעלעך בלעטעלעך.

דער דניעפּר האַלט זיך אין איין אויסגלייכן די ביינער פאַר דעם גאַנצן ווינטער. זאָרגעוודיק קעמט ער אויס און באַצירט מיט פאַרשידענע קרייזעלעך יעדעם כוואַליעכל באַזונדער און זעט בכלל אויס ווי אַ יונג ווייבל צום שלייער־וואַרעמעס. לאָדנס פלעגן איצט פריער אויפגעקייטלט ווערן; פענצטער — פריער אויפגעפּראַלט ווערן; צוגן — שמיידיקער זיך איילן צו די פאַרשטאָטישע ווועלדלעך — און דער גיגאַנטישער בעטאָנירטער וואָקזאַל — פריידיקער זיי אויפנעמען אונטער זיינע הענגענדיקע קאָרידאָרן.

זיבן אין דער פרי זענען די כמעלניקער געסט אָנגעקומען קיין קיעוו. גלייך פון וואָקזאַל איז שלמה אוועקגעפאָרן אויף נאַבערעזשנע־ניקאָלסקע אין „פאַנטאָפל" אַריין און דינה — צו זיך אויף דער פאַבריק.

אויפן צווייטן אָונט איז געווען אָנגעמערקט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע אַרבעטער פון אַרטעל. אין דעם בריוו פון „אוטיל־פראָם־סאָיוז", וועלכן מען האָט פאַרגעלייענט פאַר אַלע פאַרזאַמלטע, איז געשטאַנען פאָלגענדיקס:

„...אַזוי ווי דער אַרטעל „פאַנטאָפל" האָט אין משך פון געציילטע חדשים אַן אויסערגעוויינלעכן שפּרונג געטון פאָרויס. אָנשטאָט אַ קאַרגן צענדליק מיטגלידער, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט בשעתן גרינדן, פאַרמאָגט ער שוין היינט זיבעציק ביז פינף און זיבעציק מענטשן... די פּראָדוקציע, וועלכע האָט פון אָנהייב אָן שטאַרק געהינקען אויף דער קוואַליטעט, ווערט היינט געלויבט אין דער פּרעסע. אמת, דעם פּלאַן גיט דער אַרטעל ערשט אויף 60 ביז 70 פּראָצענט, נאָר דערין שטעקט אויך אַ ביסל אונדזער שולד, ווייל מיר געבן נישט רעגלמעסיק די נייטיקע רוישטאָפן און נישט אין דער נייטיקער מאָס... דאָס וועלן מיר ווי אַמשנעלסטן פאַרריכטן און אָנהייבן פּלאַנמעסיק אייך פאַרזיכערן מיט מאַטעריאַלן. ווידער, נעמענדיק אין אכט, אַז די אַרבעטער פון אַרטעל זענען טיילווייז זייער אַלטע און טיילווייז זייער יונגע: מיטגלידער פון העכער פופציק יאָר און יינגער פון זעכצן יאָר שטעלן צונויף העכער אַ דריטל פון דער גאַנצער קערפּערשאַפט פון אַרטעל... און נעמענדיק אויך אין אכט, אַז אַלע אַרבעטער אָן אויסנאַם זענען פרישע מענטשן ביי דער אַרבעט, נישט קיין דערפאַרענע. באַטראַכטנדיק דאָס אַלץ

און אויסרעכענענדיק אויף דער ווייטערדיקער, אלץ שטייגנדיקער אקטיוויטעט פון די ארבעטער, האט די אנפירונג פון „אוטיל־פראם־סאיוז", מיטן פאר־שטייער פון „נארקאמליעגפראם"* חבר יעמצאוו און מיטן סעקרעטאר פון גארפארטקאם כ' ניקיטשענקא באשלאסן: אין צוזאמענהאנג מיטן קומענ־דיקן יום־טוב, דעם ערשטן מאי, אויסדריקן א דאנק אלע מיטגלידער פון ארטעל ווי אויך דעם פארזיצער פון ארטעל, כאווער פערלמאן, און פארלייגן זיי אויסקלייבן א פארוואלטונג אין צוזאמענשטעל פון פינף מענטשן און א רעוויזיאנס־קאמיסיע אין דער צאל פון דריי מענטשן. דער ארטעל, אין זיין איצטיקן מאסשטאב, איז שוין ארויס פון דער עלטער, ווען א פארזיצער אליין קען טראגן די גאנצע לאסט און אלע פליכטן..."

די גאנצע פארזאמלונג האט ווארעם באגריסט און היים אפלאדירט דעם פארשלאג פון די בעלי־בתים. דורך די אפענע פענצטער האט אריינגעקוקט א סמאלע־שווארצע נאכט. דער דניעפר האט מיט זיינע הונדערטער צעפלא־סענע אייגעלעך פארקוקט אויף נאבערעזשנע: ווו פליעסקעט מען דאס? קיין שטערן האט מען אויך נישט געזען. עס איז געווען ווארעם, פריש, שמעקנדיק און זייער פינצטער. איינשטימיק האט מען אויסגעקליבן א פארוואלטונג פון פאלגנדיקע חברים: פערלמאן — פארזיצער, סעגאל — פארטרעטער, פיאטיגארסקי, טאני פייגנבוים און יוסף גארדאן — מיטגלי־דער פון דער פארוואלטונג. אין רעוויזיאנס־קאמיסיע זענען אריינגעגאנגען: משה פרידמאן — פארזיצער, שמעון קלאדניצקי און קאמיניעצקי, דער אינ־סטרוקטאר פון ניי־צעך — מיטגלידער פון דער רעוויזיאנס־קאמיסיע. קאמי־ניעצקי האט געגעבן א פארשלאג, אז נישט קוקנדיק דערויף, וואס די חברים סעגאל און גארדאן זענען אזוי גרויס געווארן, זאל די אלגעמיינע פארזאמ־לונג פאדערן פון דער נייער פארוואלטונג, אז זי זאל באשטימען סעגאלן אלס טעכנישן דירעקטאר פון ארטעל און גארדאנען אלס נאטשאלניק פון די צעכן. דערפון איז אפהענגיק די גיכערע און בעסערע אויספילונג פון „פראם־פין־פלאן".

אלע אנוועזנדיקע האבן שטייענדיק אפלאדירט זייערע באליבטע אנפי־רערס און איינשטימיק אנגענומען דעם פארשלאג.

שלמה האט זיך גלייך נאך זיין קומען מיטן גאנצן ברען פון זיין אנגע־ווייטיקטער נשמה אריינגעווארפן אין קעסל, וואס רופט זיך „פאנטאפל". נעמענדיק דעם ערשטן טאג צערייסן א גומי־ליווונטענעם פאס אויף שניידן פארעשוועס, האט זיך אים געוואלט דעם פאס א קוש טון... יעדע מינדסטע זאך פון ארטעל האט אין זיינע אויגן באקומען דעם זיבעטן חן, געווארן וויכטיק און באליבט ביז גאר.

דינהן האט ער כמעט נישט געזען. זי האט אויך איבערגעלעבט די זעלבע „ספאזמע" וואס ער, נאר אין צווייען, אי צו דער ארבעט, אי צום לערנען.

---

* „נארקאם-ליעג-פראם" — ראשי תבות פון „פאלקס-קאמיסאריאט פאר לייכטער אינדוסטריע".

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער „פּאַנטאָפל" האָט איינגעשלונגען כמעט דעם גאַנצן טאָג, דאָס זיין אין פאַרוואַלטונג האָט געבראַכט מיט זיך פרישע התחייבותן, דינהן וואָס צו עסן, אַז זי וועט קומען פון דעם לערנען, דאַרף מען אויך אָנגרייטן, צו די פייגנבוימס מוז מען זיך אויך אַריינכאַפּן, און ביי די טולטשינסקים אויך נישט פאַרפעלן צו זיין. פון דעסט וועגן האָט שלמה אויף איין סעקונדע נישט פאַרגעסן זיין מיסיע אין קיעוו... ער האָט אָנגעבעטן אַלע באַקאַנטע פון צענטער שטאָט, פון סאָלאָמינקע און פון פּאָדאָל, טאָמער וועלן זיי וויסן פון אַ דירה, וואָס פאַרקויפט זיך, זאָל מען אים מודיע זיין.

אַ וואָך צוויי נאָך זיין קומען האָט אברהם שאַרפשטיין איבערגעגעבן אין אַרטעל אַריין, מען זאָל אים צושיקן שלמה פּיאַטיגאָרסקין, ער דאַרף אים נייטיק האָבן.

אויף דער נאַכט, טרינקענדיק טיי, זאָגט אים שאַרפשטיין:

— אָט וואָס, גוטער ברודער: דאָס, וואָס דו האָסט פאַרטראַכט אַ דירה צו קויפן, איז דאָס, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, גאָר נישט פון די לייכטע זאַכן...

— איר האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פראַגע, ר' אברהם? איך בין אייך זייער דאַנקבאַר...

— אינטערעסירט, אינטערעסירט, וואָס דען, איך האָב מיך נישט אינ־טערעסירט? ברענגען אַזוינע טייערע יידן קיין קיעוו איז עפּעס נאָר דיין זאַך? אינטערעסירט... שווייג, שלאָג מיר נישט איבער!... איך וויל זיך דאָך מיט דיר אַן עצה האַלטן... איז אָט וואָס: כ'האָב געפרעגט אומעטום, ס'איז אַ שווערע זאַך און אויב עס טרעפט זיך יאָ אַ מאָל, אַז אַ גוי פאַרקויפט זיין שטיבל, איז דאָס ערשטנס מעבר לים, ערגעץ אויף קאָרינעווקע אָדער אויף טעליטשקע, אַז נישט שטעקט עס ערגעץ אויף טשאָקאָלאָווקע, אויב נישט אויף סיריעצק. הייסט, חוץ דעם הייסט מען זיך באַצאָלן צען טויזנט און פופצן אויך... יאָ, יאָ, שרעק זיך נישט... און עס זענען דאָ בעלנים און מען צאָלט... ווער עס וויל שטאַרק ווערן אַ קיעווער, דער צאָלט. אַז עס איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ — צאָלט מען... נו, ווי קומען צו דיר אַזעלכע געלטער? ווערליק ר' יואל קאַמינקער דערציילט מיר, קלאַפּט מען נאָך נישט אָן קיין קאַפּיטאַלן פונעם אַרטעל... וואַרט, וואַרט, לאָז זיך דינען... תרי קלא לא משתמע*... האָב נישט קיין טבע איבערצושלאָגן... איך האָב דאָך אַ געדאַנק... וויל איך פרעגן דיין מיינונג וועגן מיין געדאַנק... נאָר הער אויס מיט קאָפּ: ביי מיר אין הויף וווינט אַן איינזאַמע אַלטע סטאָראָזשקע אין אַן אייגן הייזל. אַ קליין הייזעלע פון איין צימערל, נישט קיין הויכס, מיט אַ קאָרידאָרל פון פאָרנט. אַ שוועסטער האָט זי אויף דער צווייטער גאַס, יענע האָט שוין יאָ אַ מאַן מיט קינדערלעך. ליגט זי איבער, די סטאָראָזשקע, ביי דער שוועסטער גאַנצע טעג. אַ מאָל טרעפט, אַז זי קומט נישט נעכטיקן עטלעכע טעג אויך. דאָס שטיבל איז שטאַרק פאַרלאָזט: אַ שאָק מיט יאָרן

---

* קיין צוויי שטימעס גלייכצייטיק קען מען נישט הערן.

נישט געשמירט, קיין דאַך נישט פאַרריכט, קיין פענצטער נישט אויסגע־וואַשן — אַזוי ווי אַ זאַך, וואָס איז נישט באַליבט... דאָס דירהלע, אַזוי פאַרשטיי איך, שטעקט איר ווי אַ ביין אין האַלדז. זי וואָלט אין גאַנצן איבערגעגאַנגען צו דער שוועסטער ווינען, קען זי זיך קיין עצה נישט געבן: וואָס טוט מען מיט דער כאַטע. וואָלט איך דיר געזאָגט אַזוי... מען קען ביי דער סטאַראָזשקע אָפּקויפן דאָס גאַנצע שטיבל מיט הכל־בכל פאַר אַ דריי הונדערטער. זאָלסטו דאָס קויפן, לאָזן מאַכן דאָרט דעם שענסטן רעמאָנט, אויסקאַלכן אין דרויסן, אָפּפאַרבן דאָס דעכל, אויסשפּאַלירן די ווענט, אָפּ־פאַרבן די פּאָדלאָגע, מאַכן דאָרט פּאַלייען... וואַרט, וואַרט, איך ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגן, אָבער אַז איך ווייס אַליין, אַז דיינע געסט קענען לעבן אָן געפאַרבטע פּאָלן אויך, יאָ? און אַז אין יענעם צימערל איז נישט מעגלעך אַריינצושטופּן קיין זעקס מענטשן... היינט, די משפּחה? דאָס האָסטו גע־וואָלט זאָגן? זעסטו שוין, אַז איך ווייס אַליין אַלצדינג? מען דאַרף נאָר נישט איבערשלאָגן און זיך לאָזן דינען... הער ווייטער, דאָס איז שוין אַ פאַנטאַסטישער קוק, נאָר אויך אַ קוק. איז אַזוי די זאַך: מיין הויז איז נומער 70, דאָס ווייסטו? דאָס צווייטע הויז, נומער 72, וואָס עס איז ביי אונדז מיט זיי אַ בשותפותדיקער הויף, ווינט דאָרט פון פאָרנט מיט אַן אַרויסגאַנג אויפן גאַניק, דאַכט זיך, די פערטע קוואַרטיר איז דאָס, ווינט דאָרט אַ פּאָליאַק, אַ צורר ישראל... וויאַטשעסלאַוו קאַרלאָוויטש דאָמבראָוו־סקי רופט מען אים. ער מעג איינעמען אַ מיתה־משונה פאַר אונדז ביידן און פאַרן כלל ישראל. האָט ער אָבער אַ מעלה, וואָס ער שטאַרבט דריי מאָל אין טאָג פאַר אַ שטיקל ברויט... ער האָט אַ שגץ פון אַ יאָר זעכצן און אַ שיקסע פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, דאַכט זיך ביידע טובערקולאָזע, צי נאָר דער זון, ווייסט זיי דער רוח... דאָס וויב, אויך אַ פאַרטיקע פגירה... און מען שטאַרבט פון הונגער... יענע וואָך טרעפט ער מיך פאַר דער שטוב, האָט ער זיך איינגעבויגן אין דרייען: — פאַניע אַבראַמיע, פאַניע אַבראַ־מיע... אפשר ווייס איך עפּעס אַ שטיקל שטעלע פאַר אים, אפשר אַ סטאָ־ראָזש ערגעץ, אפשר אַן אויפרוימער... ווער פאַרברענט, טראַכט איך מיר, מיט דיינע טובערקולאָזניקעס אין איינעם!... ציַנד זיך אָן, נישט צו דיר רעדנדיק, מיט דיין דירה צוזאַמען, איך דאַרף דיך האָבן פאַר אַ שכן, דאַרף איך דיך? דו פאַרשטייסט דאָך, אַ דירה האָט ער אַ מלוכה! איך בין ביי אים אַ פּאָר מאָל געווען. אַ זאַל און אַן אַלקער און נאָך אַן אַלקער און אַ גרויסע קיך... און אַ הייזל — און וואָס נישט? עס זאָל אים נאָר פאַרשטערט ווערן!... אַריינלאָזן אַ שכן אין איין צימער און נעמען דערפאַר אַ צוואַנ־ציק אָדער פינף און צוואַנציק רובל אַ חודש — דאָס טוט ער נישט... די פאַרפּושטע וועלמאָזשעס קענען נישט פאַרטראָגן קיין פרעמדע מענטשן פאַר די אויגן. פּעכנען אויפן פּיסק — דאָס יאָ, אָבער אַריינלאָזן עמעצן ווינען — דאָס נישט... ער איז פון יענעם טיפּ „שליאַכטן", וואָס קיינער האָט זיי נישט ליב און איך האָב זיי פיינט... נאָר איצט איז אים אַ פּנים דאָס וואַסער איבערן מויל... זיי צאַנקען דאָרט אַלע אין איינעם. איך האָב

נישט געקענט צוקוקן דעם רחמנות, עלעהיי אַ הונט, און אים געבאַרגט צען רובל... עס רעדט זיך נאָר אַזוי געבאָרגט... איך קען זיי שוין זען, ווען איך וועל זען מיינע אויערן. יאָ, איז וואָס זשע איז מיין פּלאַן? אַז מען דאַרף זיך צואײַלן קויפן ביי דער סטאַראָזשקע דאָס כאַטקעלע, מאַכן דערפון פּיתום ורעמסס, דאַן וועל איך פּרווון אַרייַנגעבן דעם פּריץ אַזאַ אידייע, אַז ער זאָל נעמען טויזנט אָדער פופצן הונדערט אָדער אפילו גאַנצע צוויי טויזנט רובל און איבערטראָגן זיינע חולאים אין דער קלײנינקער דירה. אויך אַ ריינע, אויך אַ שיינע, נאָר אַ ביסל אַ קלענערע... צו וואָס דאַרף ער אַזאַ בוידעם?...

— ר׳ אברהם, איך האָב מורא, צי זענט איר נישט מעייל פּילא בקופא דמחטא *... אַז יענער וויל אפילו קיין געלעגער נישט פּאַרדינעז...

— עס זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ... דו ביסט דאָך נישט קיין נאַריש ייִנגל, ודי לחכימא ברמיזא **. אַט וועסטו אומיסטן זען, ווי דער שידוך וועט אם ירצה השם עולה יפה זיין. דו פאַרשטייסט? אויב די עצה זאָל זיך איינגעבן, קען אין יענער דירה אויף דער ערשטער צייט אַריין גאַנץ כמעל־ניק... אין סאַלאָמינקער ראַיאָן־מיליץ האָב איך אַ ייד — מיטן צושרייבן זיך וועט קיין שוועריקייטן נישט זיין. וואָס נאָך? טאָמער פיר איך טאַקע אַרויף דעם שכן אויף דעם בייט, האָט ער דאָרט מעבל גענוג, דו וועסט ביי אים פאַר גראָשנס אָפּהאַנדלען, וואָס דיין האַרץ גלוסט, און ווערן אין איין כהרף־עין אַ קיעווער שטאָטבעל־הבית... איצט מעגסטו שוין אויסרעדן: וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?...

— איך וויל נאָר זאָגן, מיר זאָלן טאַקע שוין אַ קוק טון, אפשר איז די סטאַראָזשקע פּונקט אין דער היים?

אויף מאָרגן האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט דריי בעלי־מלאכות.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס קליינע חורבהלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיק ווינקעלע: געפאַרבטע פענצטער, געפאַרבטע ווענט, די פּאָדלאָגע, דער דאַך, יעדעס פּיצעלע האָט געבלישטשעט מיט נייקייט און מיט פרישקייט. ר׳ אברהם שאַרפשטיין האָט גוט־ברודעריש גענומען דעם פּריץ אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַרייַנגעגאַנגען באַטראַכטן דעם „נייעם שכנס” דירהלע. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, אַהין אַהער — ער האָט אים געמאַכט דעם פאָרשלאַג... לכתחילה האָט זיך דער פּאָליאַק אַזוי דער־שראָקן, אַז ער האָט זיך אויף גיך איבערגעצלמט און גלייך געוואָלט אוועק־גיין; האָט אים ר׳ אברהם אָוועקגעזעצט, פאַמעלעך געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס צוויי טויזנטער באַטייטן היינטיקע צייטן... ער האָט שוין אפילו מורא געהאַט דערמאָנען ווייניקער... אַט־אַזוי־אָ פּוס־טריט האָט ער דער־נענטערט די זאַך צו יענעמס שכל, איינגערעדט אים, איבערציינגט, אפילו אָנגעוויזן אים, ווו זיין ווייב דאַרף ליגן און ווו די קינדער. מען האָט שוין

---

* אַריינברענגען אַ העלפאַנט אין אַ לעכל פון אַ נאָדל.

** פאַר אַ קלוגן איז גענוג אַ ווינק.

געזען, אז דער גוי גיט נאך. איין זאך האט אים באנג געטון מער פון אלצדינג:

— פאניע אבראמיע, איר שטעלט זיך נישט פאר, ווי מיר איז א שאד דער פראנט, דער צענטער... דער שענסטער צענטער אויף סאלאמינקע איז ביי מיר... אז מען זעט דעם טראמוויי גיין פון דער ארט־שול *, לויפט מען ארויס פון דער שטוב און מען באווייזט נאך אוועקצופארן...

— אדוני פריץ, דו ביסט דאכט זיך אזא קלוגער מענטש און רעדסט עפעס פון נארישקייטן. טראמוויי, פראנט... ד י ר פעלט עס? ווער לויפט ביי דיר? ווער האט ביי דיר קיין צייט נישט?...

— דאס זענט איר אפילו גערעכט, ביי מיר האבן אלע צייט...

— היינט דאס, וואס דו וועסט קענען שטעלן דיינע קראנקע אויף די פיס, דאס איז גארנישט? און וואס פארלירסטו דא? א דירה גיט מען דאך דיר און נאך א שיין דירהלע אויך... און טאקע ווידער אליין, אן שכנים...

— איר לאכט פון מיר, פאניע אבראמיע? ווי זענען דא מעגלעך שכנים? מיר וועלן קוים אליין ארייך אין פירן... איר וועט מיר גלייבן? מיר טוט שרעקלעך באנג דער לאנגער טיש פון דעם זאל, דא האב איך אים נישט ווו צו שטעלן, ער וועט נישט ארייך...

— א געשעפט האסטו מיטן טיש. וועט ער שטיין דארטן, ווו ער שטייט איצטער... ער פעלט דיר שטארק? און דער קונה וועט דיר פאר אים באצאלן... ער איז א לייטישער מענטש, דו וועסט מיט אים דורכקומען... בכלל קען ער ביי דיר אוועקקויפן אלע, וואס דיר איז איבעריק... דאס וועט אויך אויסמאכן א שיינע קאפיקע. עס איז פאר דיר א גליקלעכער צופאל, זאג איך דיר... כ'האב אים קוים איינגערעדט...

סוף־כל־סוף האט מען זיך אויסגעגלייכט פאר צוויי טויזנט פיר הונדערט רובל, אויסגעצאלט דאס געלט אחת ואחת און שלמה האט טעלע־גראפירט אהיים, אז מען זאל קומען.

* ארטילעריע־שול.

קאפיטל II

די וואך פון שבועות האבן שלמה מיט דינהן באגעגנט אויפן פעראָן: דעם פאטער, די מוטער מיט דער משפחה, דעם זיידן, מיכאלן, ברכהן מיטן קינד, שפרהן מיט חנהן און מנשה דעם רב מיט די שוועסטער. אלע צוזא־מען — פופצן פארשוין.

שלמה קושט דעם פאטער און פרעגט לאכנדיק:

— טאטע, ווער איז דאָרט נאָך געבליבן?

— הויז קברים און קאמסאמאלצעם — קיינער נישט, מיין זון!...

ס'איז צוגעלאָפן יונהלע אין איין אָטעם:

— ווו איז מיין וועלאָסיפעד? האסט אפגענארט?

— איין וועלאָסיפעד גאר? וואס וועסטו מאכן מיט איין וועלאָסיפעד? א גאנצע פאבריק פון וועלאָסיפעדן, דאס איז שוין עפעס א זאך...

— גיי, איך בין אויף דיר ברוגז... ווען איך זאל געוועו וויסן, אז דו נארסט אפ, וואלט איך נישט געוועו געקומען... כ'וואלט זיך געוועו צוגע־האלטן ביי א בוים... גיי, רעד צו מיר נישט און קוש מיך נישט אויך...

— נארעלע, געזאגט איז געזאגט. דו האסט ביי מיר א וועלאָסיפעד...

אויפן צווייטן טאג נאך זייער קומען האבן שוין די טערליצער שוועס־טער געארבעט. אויף מאלא־וואסילקאוסקע 27, ווו דינה האט געוווינט, האט מען זיך פונקט געגייטיקט אין א קוכערין פארן זשילקאפ * און אין א גע־פעס־וואשערין פאר דער דאקטיקער סטאלאווע.

אין עטלעכע טעג שפעטער האט שלמה מיטגענומען די שוועסטער כאדאראוו מיט זיך אין „פאנטאפל" אריין. דינהן האט מען געשטעלט שניידן כאליוועקעס און גאלדען — צו א ניימאשין, מחמת זי האט א ביסל געקענט די מלאכה פון דער היים.

אומגלויבלעך שנעל האבן זיי אויך א דירה געקריגן. טאקע אויף סאלא־מינקע, הינטער אפרים־אהרונס הויז, נאר מיטן ארויסגאנג אויף א צווייטער גאס. עס זענען צוגעפגעליגן געווארן קעסטלעך מיט ברעטער. עס האבן זיך איבער נאכט געיאוועט אי בעטלעך, אי א טיש, אי פאליצעס פאר גע־פעס, פאר ספרים. עס איז מיט אייגענע כוחות געמאכט געווארן א גרונט־לעכער רעמאנט. אלץ האט געפינקלט און געבלישטשעט, אזוי ווי אין א שטוב, ווו עס וווינען מיידלעך בריהם. עס האט זיך ממש נישט געגלייבט, אז אזוי גרינג איז מען פון כמעלניקער איינוווינער געווארן קיעווער.

פון דער ערשטער מינוט אן האט שלמה צוגענומען פאר זיך דאס קלענ־סטע צימער פאר א קאבינעט. ער האט זיך געקליבן פרווון אנשרייבן א בוך און געדארפט אליין א צימער. ביים פאליאק האט ער פאר זיך געקויפט

---

* וווין־קאאפעראטיוו. געמיינט — די אדמיניסטראציע פון הויז.

א ביורא־טיש מיט א שיינעם טישלאמפ און איז געווארן א בעל־הבית פאר זיך...

דינה האט נישט געוואלט אריבערגיין אהיים פון די זוואניצקעס. פון דארט איז איר געווען נעענטער, סיי אויף דער ארבעט, סיי אין ראבפאק. די טערליצער האבן געגעבטיקט ביי זיך אויף דער ארבעט. דעם זיידנס משפחה האט דערוייל געוווינט מיט אפרים־אהרונען. נאר מיכאל האט שטארק געזוכט א דירה און איז ארומגעגאנגען מיט די מעקלערס גאנצע טעג. אט אזוי איז פון דעם גרויסן יאריד געווארן צוריק א קליין יארידעלע. אלץ האט זיך איינגעארדנט גרינגער און גיכער, ווי מען האט זיך פארגע־שטעלט און כמעט אן שוועריקייטן.

ווען יאני האט דערהערט, אז די פיאטיגארסקים זענען געקומען, איז ער גלייך אוועק צו זיי. נישט געטראפן די מאנסבילן אין דער היים, איז ער אוועקגעפארן אין קופעטשעסקע־שול. דארט האט ער געטראפן אי דעם אלטן שלומען, אי אפרים־אהרונען, אי מנשה דעם רב. נישט קוקנדיק דער־רויף, וואס זיי זענען געשטאנען אין די טלית ותפילינס, האבן זיי זיך מיט אים שטארק צעקושט און זיך גארנישט געקענט אנפרייען מיט אים. צו־נויפלייגנדיק די תפילין רופט אפרים־אהרון אפ יאנין אויף א זייט:

— הערט זשע, יאני, די השגחה האט אזוי געפירט, אז מיין קינד זאל אנקומען צו אייך אין שטוב אריין...

— און איר וועט אם־ירצה־השם זיין צופרידן דערמיט...

— מילא, וואס איז דא צו רעדן? עס איז דאך, הייסט עס, כמעט א פארפאלענע זאך... מיין מיינונג אין דער פראגע שפילט שוין קיין ראל נישט... די „סאמאאבלאזשעניע" האט מיך געקאסט גענוג טייער... נאר איין זאך וויל איך אייך בעטן: קיין בלוט זאלט איר אים נישט צאפן... עס איז מיינס א קינד, דאס אויג אין קאפ, און דאס הארץ רייסט מיר אויף אים...

— אפרים־אהרון, וואס רעדט איר? וואס הייסט: „בלוט צאפן"?

— פאלגט מיך... איך ווייס, וואס איך רעד... כ'בין נישט קיין יינגע־לע... מילא, צי זי האט אים די ווערט צי ניין, דאס ווייסט איר אזוי גוט ווי איך... אפשר נאך בעסער... שייך, איך זאל מיר ווינטשן פאר מיין דינהן אזא מציאה, ווייס איך פריער, אז עס איז א ברכה לבטלה... נאר גארנישט, מן הסתם האט זיך א זיידע פאר איר געמיט... נאר על־כל־פנים אן שפיכות־דמים... טאמער איז ער איר נישט צום הארצן, וועט ער גלייך אויפהערן... ער פארמאגט א גאלדן הארץ, ער קען זיך מקריב זיין פאר דעם מענטשן, וואס איז אים געפעלן, און דערצו וועל איך נישט דערלאזן... געדענקט, וואס איך זאג אייך... אויב בכבוד? מהיכא תיתי! איז איר גליק! מן הסתם האט זי זוכה געווען, נאר טאמער נישט? — איז אפגעהאקט, איינס און צוויי... בחור לו מיתה יפה... פארשטאנען?

— אפרים־אהרין, וואס רעדט איר? יענע איז נאך אים סכנות־נפשות...

— נו, נו, האב איך נישט געטראפן, איז דאך אודאי גוט...

דערמיט האָט זיך דער שמועס געענדיקט און זיי זענען זיך צעגאַנגען.

צוריקגייענדיק פון דער שול איז יאַני עפּעס געווען באַטריבט:

— פאָלי איז נאָך אים סכנות נפשות, האָט ער אים געזאָגט... איז עס דען באמת אַזוי? האָט עס דען עמעצער געזען? אפרים־אהרן זאָגט: „און דערצו וועל איך נישט דערלאָזן"... נו, און ער, יאַני, וועט עס יאָ דערלאָזן? מאַכן אַ סדום־ווינקל פאַר שלמהן ביי זיך אין שטוב? ער זאָל אפילו וויסן, אַז זיין טויט וועט זיין!... „טאַטעטער־לעבן", וועט ער איר זאָגן: „ער געפעלט דיר? נעם אים! ניין? — לאָז אים אָפּ, מאַטער נישט"... אָבער וואָס זשע הייסט: „לאָז אים אָפּ?"... שלמהן אָפּלאָזן?... ער וועט עס דען איבערטראָגן? ער קען דען צולאָזן דעם געדאַנק: זיין שטוב — אָן שלמהן? פאָלי — נישט פאָלי שלמהס? ער קען דען זיין שלמהן געטרייער ווי זיך אַליין?... געטרייער ווי זיין אייגן קינד?...

יאַני איז געווען שטאַרק באַטריבט. עפּעס אַ שווערער פאַרגעפיל האָט אים גענאָגט ביי דער נשמה. אים איז געווען שווידערלעך זיך צו דערמאָנען שלמהס ווערטער: „איר וועט האָבן צרות פון איר, יאַני"... נאָך וואָס האָט ער אים אַזוי אויסגעלייגט? אַ מענטש האָט אַ צונג און רעדט... ער האָט אפילו נישט געזאָגט: „די שעה זאָל נישט זיין"...

דער זומער האָט ביסלעכווייז פאַרנומען אַלע פּאָזיציעס. דעם אַרבעטס־טאָג האָט מען אַרויפגערוקט אויף אַ שעה. די פאַרנאַכטן האָבן זיך פאַר־לענגערט, די אָוונטן פאַרקירצט. איידער מען האָט זיך אַ קער געטון, איז שוין געווען האַלבע נאַכט. דער דניעפּר איז שוין געווען באַלאַגערט פון ביידע זייטן פון באַגינען ביז דעם באַווייזן זיך פון שטערן. אויף דער פּליאַזשע זענען געווען צעשאָטן ביידלעך מיט ערשט אויפגעקומענע פּרוכטן, מיט געטראַנקען, מיט אייזקרעם. דער זומער האָט צוגעזאָגט צו זיין זייער אַ שווערער. באַלד פון פרימאָרגן אָן איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

אַלע פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט פלעגט דאָס יונגוואַרג פונעם „פּאָנ־טאָפל" אַרויסשיפן זיך פון דער פּליאַזשע־זאָנע אין היינטערשטאָטישן מרחב און זיך דאָרט לאַנג באַלעווען אין די לעבלעכע וואַסערן פון דעם טונקל־בלויען דניעפּר. שלמה, יוסף און מאיר סעגאַל האָבן זיך פאַרמאָסטן איבער־שווימען אָט די ריזיקע וואַסער־חיה אין דער ברייט. אַלע דריי זענען זיי געווען נישט קיין שלעכטע שווימערס, נאָר גאָרדאָן איז שטענדיק פאַר־שוומען מיט אַ הונדערט מעטער ווייטער פון זיינע חברים. אַדלער מיט קלאַדניצקין זענען נאָכגעפאָרן אויף אַ שיפל מיט אַ זייגער אין דער האַנט און ווען עמעצער האָט זיך געבעטן, אונטערגעכאַפּט אים און אַריינגע־שלעפּט אין שיפל. די קאָנקורענטן האָבן מיט קנאה באַטראַכט דעם זיגער. ער איז נישט פאַרסאָפּעט ווי זיי, דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין אים נישט משוגענערווייז, ער איז לחלוטין רואיק. די קלייענדלעך אויף די ראָזע בעקע־לעך זענען אוים ווי ווייניקערלעך נאָך אַ רעגן, ווען די זון פאַרבלאָנדזשעט צו זיי. די מוסקולן — צוויי האַרטע אָדערדיקע פויסטן.

— גאָרדאָן, דו האָסט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט?
יוסף אַנטפּלעקט צוויי רייען אייזערנע ציין, ווייס ווי ביי אַ נעגער:
— ווער, איך? קיין קאַפּעטשקעלע אויך נישט...
— דו וואָלסט נאָך געשוואומען?
— וואָס דען, ניין?
— פאַר וואָס זשע האָסטו זיך געהייסן ארויפנעמען?
— פשוט, ווייל אליין גלוסט זיך נישט שווימען... מיר קענען פון דאָס ניי אָנהייבן, האַ?
די ספּאָרט־מענער קוקן זיך איבער: עס גייט! אדלער קאָמאַנדעוועט:
— מיטן רעכטן פוס! איינס, צוויי, דריי! — הלך משה־מרדכי...
און ווידער הוידען זיך דריי קעפּלעך אויף די פרידלעכע כוואַליעס, מיט בין־השמשות־גאָלד באַלויכטענע, טוקן זיך אונטער און שווימען ארויס, פארשווינדן אויף עטלעכע מינוט און באַווייזן זיך ווידער. דאָס שפּיל שפּירט זיי נאָך פוסטריט. צוויי פאַר הענט ווארטן נאָר אויף אַ ווונק און באַלד וועט דאָס „קעפּל“ ליגן אין שיפל. נאָר קיינער וויל נישט ווינקען, דאָס נעיעג האָט זיך ערשט צעפּלאַקערט מיט אַ נייעם ברען. צום ברעג קומט דאָס מאָל גראָד שלמה דער ערשטער. ער גייט זיך דורך הין און צוריק אויף די הענט, קייקלט זיך איבער ווי אַ פעסל דריי מאָל הין און צוריק. ערשט איצט הייסט עס, אז ער איז געקומען...
גאָרדאָן פרעגט אָנגעבלאָזן:
— דו האָסט זיך גוט אָנגעמאַטערט, שלמה?
— ווער, איך? קיין קאַפּעטשקעלע אויך נישט...
— איר ווייסט וואָס, חברה? קומט שווימען צוריק אויך...
שלמה האַקט אים אָפּ די פליגל:
— וואָס דען, כ'האָב מער גאָרנישט וואָס צו טון?...
Що дурень робить? Воду міряе! *

---

* וואָס טוט אַ שוטה? מעסט וואַסער!

קאפיטל III

ס'איז נישט געווען דער טאָג, אַז שלמה זאָל נישט זיין ביי פּאָלין: דאָס רוב אין דער היים, און אויב זי האָט זיך איבער עפּעס פאַרהאַלטן, פלעגט ער זי אָפּוואַרטן ביים אַרויסגיין פון דער אַרבעט, צונעמען ביי איר דעם שווערן פּאָרטפעל, אַריינגיין מיט איר אין אַ קאַפע איבערכאַפּן דעם הונגער און פאַרפאַלן ווערן אין די פוסטע אַלייען פון די שטאָטישע און פאַרשטעטישע פּאַרקן. די זון כאַפּט בגנבה אַ קוק דורך די בלעטער: פּאָלי קנאַקט סיעמעטשקעס און שלמה רעדט... די שאָלעכץ שפּאַלט זי אויף מיט אַ שאַרפן נאָגל און דער יאָדער פליט פליגנק אין מויל אַריין. שלמה דערציילט... נישט זיין נאָמען, נישט אידער, ווערן נישט דערמאָנט. ער בויט אויף פאַר איר אַ פאַנטאַסטישן פּאַלאַץ און פירט זי אַריין אין אים... זי באַמערקט אַליין נישט, אַז זי מאַכט דורך אויף די שפּאַצירן אַ קורס פון יידישער היסטאָריע, פון יידישער ליטעראַטור, און מער פון אַלץ, אַז זי ווערט אַריינגעצויגן אין דער ארץ־ישראל־ראָמאַנטיק... דאָס רוב קוקט שלמה אויף די שפּיץ ביימער, אויף די מידע זונשטראַלן און אויף דעם זאַמד מיט שטיינדעלעך. פון צייט צו צייט אָבער גייט ער מיט פאַרליבטע אויגן אַ קוק אויף זיין באַגלייטערין: זי הערט!... געלויבט דער אייבערשטער, עס פאַרכאַפּט זי און זי הערט!...

אַ מאָל, ווען ער מידט זיך איין, ווענדט ער זיך צו איר:

— דערציילט איר שוין עפּעס, פּאָלי, פאַר וואָס שווייגט איר די גאַנצע צייט?

— איך האָב נישט וואָס צו דערציילן. איר האָט אַן אידעאַל, רעדט איר פון אים. איך האָב נישט קיין אידעאַל. וואָס דען, גלאַט מעשות — וועט אייך זיין נישט אינטערעסאַנט. איך בין נישט אַזאַ געשמאַקע דערציילערין ווי איר, דאָס ווייסט איר דאָך...

— פּאָלי, ווי שעמט איר זיך נישט צו זאָגן, אַז איר האָט נישט קיין אידעאַל? מיר וואָלט געפלאַמט דאָס פּנים פאַר בושה, ווען אַ פרעמדער זאָל איצט געווען הערן אייערע רייד...

— אָט האָט דאָך געהערט אַ פרעמדער...

— אויב אייך פאַרשאַפט אַ גרויסן פאַרגעניגן צו דערמאָנען מיר, אַז איך בין אַ פרעמדער, קענט איר דאָס איבערהזרן, וויפל אייער האַרץ גלוסט...

— איר האָט זיך באַליידיקט? נו, אַנטשולדיקט... איך האָב געמאַכט אַ שפּאַס... איר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז ווען איך זאָל צו אייך גאָרנישט פילן, וואָלט איך נישט אַרומגעגאַנגען מיט אייך אַזוי פיל. כ'וואָלט נישט דערלויבט מיך באַגעגענען אַרויסגייענדיק פון דער אַרבעט און מכבד זיין מיט פּיראָזשקעס...

— פּאָלי, פון וואָס רעדט איר? ס'איז מיר אַ בזיון צו הערן...

— אז איך רעד שוין, רעד איך פון אלץ... יאָ, קענן וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַ־האַ! קענן דעם, וואָס איר ווילט נישט ליידן, פאַר וואָס איך זאָג, אַז איך האָב נישט קיין אידעאַל אין לעבן.

— נו יאָ, ווייל עס איז טאַקע אויסטערליש... ווי לעבט דאָס אַ מענטש אָן אַן אידעאַל? אָן אַ שטרעבונג? מיר דאַכט, אַז איך האָב אָן אַ שיעור אידעאַלן...

— למשל, לאָמיר הערן...

— דער ערשטער און שטאַרקסטער אידעאַל — זענט איר...

— דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה...

— אָן אידעאַל איז אַזוי ווי וויין: וואָס עלטער ער איז, אַלץ שטאַרקער איז ער... דער צווייטער אידעאַל איז ביי מיר איצט רייך צו ווערן... מיר דאַכט, אַז דאָס איז אַן אומבאַדינגט מיטל צום ערשטן אידעאַל...

פאַלי גיט אים אַ פּאַטש איבער דער האַנט:

— איר זענט אַ נאַרעלע, שלמה...

— אַבי נישט קיין גרויסער נאַר... מיר קלינגט נאָך אין די אויערן דער באַגייסטערטער טאָן, מיט וועלכן איר האָט דערציילט וועגן דער „קאָנטינענטאַלער“ וווינונג... ביים טאַטן איז נישקשה אַ פּאַדוואַל אויך, אָבער ביי זיך?... וועט זיך אייך שטענדיק חלומען יענער משוגענער לוקסוס... נישט אַזוי?...

פאַלי האָט מיט אַ צווייגעלע צעשאַרט די זאַמדעלעך אויפן וועג און גאָרנישט געענטפערט.

— דער דריטער אידעאַל איז ארץ־ישראל... איך מיט דיר, פּאַליטשקע... מיט אייך, מיין איך, דאַרפן קומען אין יענעם געבענטשטן לאַנד... איר קענט זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, ווי שיין איר וואָלט ערשט דאָרטן געוואָרן... פאַרטרעטן פון אייך וואָלטן זיך צעגאַנגען אויף גאָר דער וועלט מיט די אונטערשריפטן: „חבצלת השרון“, „שושנת המזרח“... אין אייערע אויגן וואָלט זיך פאַרקליבן דער ירדן, דאָס פּנים וואָלט צוגעברוינט געוואָרן אַזוי ווי די בעססטע עפּל „ווייסער אַנגוס“, וועןאונטער דער זיידענער הויט באַווייזן זיך רויטע אָדערלעך מיט געל־גרינע פּינטעלעך... אָך, איך קען נישט העדן וועגן ציון און זיך נישט אויפרעגן... טאָמער שטאַרב איך, נישט קומענדיק קיין ציון, איז גלייכער געווען נישט געבוירן ווערן. און קומען אַהין דאַרפן מיר מיט אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער... אַז עס זאָל שוין מער אין ערגעץ קיין מאָל נישט ציען... און דעם זיידן שלומען ווייל איך אויך האָבן לעבן זיך און מנשהן אויך און די מומע טייבלען אויך און די פייגנבוימס — אויך, און אַלע חברים און הרב פרידמאַן, און הרב ביאַליק און ר' אברהם שאַרפשטיין און מיין רבין שמעיהן וויל איך אויך דאָ נישט לאָזן און אַלע קופּעטשעסקער יידן, זענען טייערע יידן...

פאַלי צעלאַכט זיך:

— אוי, שלמה, זענט איר אַ פאַנטאַזיאָר... גאָט מיי־נער!...

— פּאָליטשקע, טייערע, לענין האָט געזאָגט:

Революция без фантазии не делалась. *

— איר וועט שוין באַלד פאַרנעמען דאָס גאַנצע פאָלק... אַלץ צוליב דעם, אַז אין מיינע אויגן זאָל זיך פאַרקלייבן דער ירדן, האַ?

שלמה שעפּטשעט אַרויס פאַרשטיקט:

— לאַכט נישט, איך בעט אייך. איך ווייס אַליין, אַז דאָס זענען משוגענע חלומות, און האָט נישט קיין מורא, דאָס גאַנצע פאָלק נעם איך נישט... מאַרוסיאַ איז דאָך אויך אַ יידיש קינד... זי וכדומה אַזעלכע שלעק לאָז איך איבער פאַר דער ראַטן־מאַכט... קיין קרעץ פירט מען מיט זיך נישט...

— שלמה, ווי שעמט איר זיך נישט אַזעלכע מיאוסע ווערטער ברענגען אויף די ליפּן?

— אַז אַנדערע מענטשן שעמען זיך נישט צו ברענגען זיי אין שטוב אַריין, מעג איך זיי ברענגען פאַרן מויל... נאָר עס איז אַן עבירה פטרן די צייט אויף דעם אומריינקייט... זאָגט מיר בעסער, איז וואָס: איר האָט טאַקע אויף אַן אמת קיין אידעאַל נישט? ווי איז דאָס מעגלעך?

— גייט שוין, גייט, איך האָב געלאַכט. וואָס הייסט, איך האָב נישט?

— אין וואָס זשע באַשטייט אייער אידעאַל?

— איך פאַנטאַזיר נישט פון רייך צו ווערן און נישט פון אויסלאַנד און נישט פון שענער ווערן... כ'בין צייטנווייז נישט צופרידן פון דעם אויך...

— פאַר וואָס זשע? ס'איז שלעכט, אַז מען איז שיין? חלואי בין איך —

— זאָלט איר טאַקע וויסן, אַז עס איז נישט קיין גרינגע מיסיע... צי מיינט איר, אַז אין די קאָנטאָרן זיצן אויך שלמה אפרים־אהרונס?... אַזוי איז דאָס אין „קאָנטינענטאַל“, אַזוי אין רעסטאָראַן, אויף אַ באַל, צי אויף אַ פּיקניק און דאָס זעלבע אויף דער אַרבעט. און דער גרעסטער נאַכאַל איז דער דירעקטאָר אַליין... יענע וואָך זאָגט ער מיר, איך זאָל ברענגען אין אָרדענונג מיינע פּאַפּירן, ווייל ער פירט מיך איבער פאַר זיין פּערזענלעכער סעקרעטאַרשע, כ'וועל האָבן אַליין אַ קאַבינעט. איך האָב אים גלייך געענטפערט, אַז ווי באַלד אַזוי, גיי איך אַוועק פון דער אַרבעט... ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט זיינע גרינע אייגעלעך, געקוקט, געקוקט און אַ שמייכל געטון: „אַז איר וועט קליגער ווערן, זאָלט איר זיך נישט שעמען... גלייך צוגיין און זאָגן... דאָ באַקומט איר 218 רובל אַ חודש, איאַ אַזוי? דאָרט ווערט איר באַלד אי סעקרעטאַרשע, אי סטענאָגראַפּיסטקע און באַקומט 600 רובל מאָנאַטלעך, און חוץ דעם... נו, וואָס חוץ דעם, פאַרשטייט איר שוין אַליין... זייט נישט קיין נאַר און באַטראַכט זיך גיכער... אפילו ווען איר זאָלט פרעגן ביי אייער אייגענער מאַמען, וועט זי אייך אויך הייסן“... נו, האָט איר געהערט אַזאַ אויסוואורף?...

---

* די רעוואָלוציע איז נישט אָן פאַנטאַזיע געמאַכט געוואָרן.

שלמהס פנים איז געווען זייער בלייך. ער איז נאָכגעגאַנגען און געשווינגן. פאָלי האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט און ווייטער דערציילט:

— פונעם הויפּט־בוכהאַלטער האָב איך שוין גאָר געבּרענטע ליידן... אַז ווו אַן אומגליק, קומט דאָס אויף מיין קאָפּ... איר מיינט, ער טשעפּעט מיך? דוקא נישט, מיט קיין איין וואָרט נישט, נאָר ער האָט אַ ווייב... פון יענע ווייבעלעך... פון די צוטריטלעכע. איז זי אויפן פערטן קורס אין אוניווערסיטעט... דאַכט זיך, אַ געלאָג, ווייסט זי דער רוח... אייפערט ער זי צום דעקאַן... פאַר אַ יאָרן זענען זיי, זי מיטן דעקאַן, צוזאַמען געפאָרן קיין קיסלאָוואָדסק... געפאָרן אויף אַ חודש און זיך געזאַמט צוויי און געקומען קראַנק... האָט ער חושד געווען פאַרשידענע קאָמבינאַציעס... דאָס אַלץ האָבן מיר שוין די מיטאַרבעטערינס דערציילט... איך דאַרף דאָס טאַקע נייטיק וויסן... בקיצור, זי איז ווידער געזונט געוואָרן און ער אייפערט נאָך שטאַרקער ווי פאַר אַ יאָרן... איז זיך מיישב דער פאַרשוין און הייבט אָן אָפּערירן מיט מיין נאָמען... מיך טשעפּעט ער נישט, נאָר דעם ווייב זאָגט ער, אַז זי קען שוין גיין מיט איר דעקאַן, ווען זי וויל און וווהין זי וויל, ער האָט זיך שוין אויך אָפּגעזוכט — און רופט איר אָן מיין נאָמען... אויף מאָרגן איז יענע געקומען צו אים אויף דער אַרבעט מיט אַן אויסרייד. זי איז לייכט געוויר געוואָרן, וועלכע איז דאָ פאָלינאַ יאַקאָוונאַ און האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס... כ'האָב נאָך דאַמאָלסט גאָרנישט געוווסט, נאָר איך האָב אַ פולן טינטער איבערגעקערט אונטער איר קוקעלע... טאַקע פאַרפלעקט מיין ברוין וואָלן קלייד... די פלעקן גייען נישט אַראָפּ, כאָטש וואַרף עס אַרויס... אין עטלעכע טעג אַרום — זי איז ווידער דאָ!... זי קוקט שוין נישט, נאָר זי שטעכט... גייט אַרום מיין טיש, באַשמעקט מיך... עטלעכע מאָל אַזוי... קומט צו גיין, רעדט אויס מיט אים לפנים עטלעכע ווערטער און די איבעריקע צייט הויכערט זי דאָס פּאַפּיראָסל און קוקט אויף מיר... זשמורעט די אייגעלעך און קוקט און קוקט... איך זאָל וויסן, וואָס דאָס קוקן באַטייט? איך הייב אפילו קיין אויג נישט אויף... פונעם ערשטן מאָל האָב איך זי פיינט באַקומען... כ'וויים נישט פאַר וואָס, נאָר איך קען אויף איר נישט קוקן... און זי אַ פּנים האָט אויסגעטייטשט מיינע אַראָפּגעלאָזענע אויגן אַלס אַ געפיל פון בושה... אַז איך פיל זיך, הייסט עס, שולדיק קעגן איר... דאָס האָט נאָך מער באַשטעטיקט דעם מאַנס אַנצוהערענישן... איין מאָל האָב איך פונקט גענדאַרפט צוענדיקן אַן אַרבעט און זיך פאַרזעסן שפּעטער פון אַלע. די אויפרוימערן האָט שוין אויסגעקערט, באַשפּריצט דעם פאָל, אַוועק האָט זיך שוין טעלעפאָניש אָנגעפרעגט, פאַר וואָס איך פאַרשפּעטיק מיך אַזוי... איך זע, מיין הויפּטבוכהאַלטער גייט נישט אַהיים... איך כאַפּ בגנבה אַ קוק: וואָס טוט ער? איך זע, ער לייענט אַ „קראָקאָדיל"*. ריכטיקער געזאָגט: נישט ער לייענט, נאָר ער קוקט אויף די מענטשעלעך... גיי ווייס דאַמאָלט, אַז דאָס וואַרטן

---

* אַ זשורנאַל פאַר הומאָר און סאַטירע.

איז א גאַנצער סטראַטעגישער פּלאַן... איך האָב גאָרנישט געוווּסט... נאָך א שטיקל צייט גיב איך אים א פרעג, אַזוי פון העפלעכקייט וועגן:

— יעפים באָריסאָוויטש, פאַר וואָס גייט איר נישט אהיים?

דער „קראָקאָדיל", זע איך, טריקנט אויס פונעם טיש. ער הוסט אָפּ און ענטפערט הייזעריקלעך:

— איך דאַרף קאָנטראָלירן דעם האַלב־יאָריקן באַלאַנס... און איר פאַר וואָס גייט נישט אהיים?

— איך דאַרף ענדיקן צונויפשטעלן אן אַבראַטקע *... איך גיי שוין באַלד...

ווידער איז שטיל אין צימער, מען הערט נאָר מיין פען קריצן און זיין בלעטערן דעם „קראָקאָדיל". ענדלעך האָב איך געענדיקט, זיך אויסגעגלייכט די ביינער און א זאָג געטון:

— אוף, שוין נמאס געוואָרן. איך גיי שוין...

ער וואַרפט אַריין דעם „קראָקאָדיל" אין ביוראָ, פאַרשליסט, גיט כלומרשט א וואָרף די פען:

— ווייס איך, ס'וועט זיין געגוג אויף היינט... איך גיי שוין אויך...

אויף דער גאַס נעמט ער מיך אונטערן אָרעם. ס'איז דווקא הייס, נאָר איך האָב עפּעס נישט געוואַגט אים אָפּזאָגן... פאַרט א נאַטשאַלניק... און זייער א סטאַטעטשנער מענטש, וועט קיין מאָל נישט באַליידיקן יענעם אפילו מיט קיין קוק... גייען מיר אַזוי... מיר גייען נישט אָפּ קיין האַלבן קוואַרטאַל, קומט אונדז אָן אַנטקעגן זיין ווייב... און דווקא אַליין... און דווקא אָן א פּאַפּיראָסל. ער קוקט נישט אויף איר, כאָטש כ'האָב גוט באַמערקט, אַז ע ר האָט זי דער ערשטער דערזען און מיך שטייפער גענומען אונטער דער האַנט... זי איז בלייך, קוקט אויך נישט אויף אים, נאָר אויף מיר... זי איז דורכגעגאַנגען פאַרביי און אַוועקגעגאַנגען גלייך... לכתחילה האָב איך דווקא געוואָלט אים זאָגן: „יעפים באָריסאָוויטש, אָט איז אייער פרוי דאָך דורכגעגאַנגען"... נאָך דעם האָב איך זיך באַטראַכט: וואָס איז מיין עסק?... יענע פראַוועז רוגזלעך? זאָל זיי זיין צום געזונט... וועמען אַרט דאָס? אויפן ראָג פון קרעשטשאַטיק און אוריצקע־גאַס האָבן מיר זיך געזעגנט און איך בין זיך אַוועק אהיים מיט א רואיקן געוויסן. אויף צו־מאָרגנס, בשעתן מיטאָג־איבעררייס, איך גיי מיר אַרויס עפּעס קויפן — אהא! יענע וואַרט שוין אויף מיר. זי לויפט גיך איבער די גאַס, יאָגט מיך אָן, שטעלט מיך אָפּ אויף א גראָבן אופן, מיט א שלעפּ פאַרן אַקסל:

— הערט נאָר, איר, אויב מיין פּימקע זוכט זיך מיט מיר צו קוויטירן, דאָס איז זיין זאַך. אָבער ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו פאַרפירן מיין מאַן, א פאָטער פון צוויי קינדער? איר מיינט, אַז איך וועל אייך שווייגן?... איך וועל אייך דווקא נישט שלאָגן און נישט סקאַנדאַליען אויף דער אַרבעט, איך בין נישט אַזעלכע... איך וועל אייך נאָר ברענגען

* א בוכהאַלטערישער דאָקומענט.

זיינעביידע קינדער אויך... איך ווייס שוין, ווו איר וווינט, אויף אוריצקע־גאס 21 אין פּאָדוואַל. איר האָט, דאַכט זיך, א מאַמע אויך, זאָל זי זיך מיט זיי ניאַנטשען... איר האָט גדאַרפט וויסן פריער, אַז איר נעמט אים מיט צוויי קינדער... און איך, אויב פריי, זאָל זיין פריי! צו וואָס דאַרף איך נאָך האַלטן אַ דינסט?...

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן, שלמה? איר מיינט, אַז איך האָב איר געענטפערט כאָטש איין וואָרט?... קיין האַלב וואָרט אויך נישט!... כ׳האָב נאָר זיך אַזוי צעוויינט, אַז איך האָב אויף מיין לעבן אַזוי נישט געוויינט... זי האָט נאָך עפּעס דאָרטן גערעדט... איך האָב גאָרנישט געהערט... נאָך דעם האָט זי זיך עפּעס דערשראָקן פאַר מיין געוויין... דער סאָחט פרויען האָט אַ חוש אין טרערן... זי האָט אַ פּנים דערפילט, אַז עס איז אַ בוידעם די גאַנצע מעשה, אַז דאָס איז דעם מאַנס אַ שפּיצל, און האָט זיך געשווינד אָפּגעטראָגן... מער קומט זי שוין נישט צו אים אויף דער אַרבעט... מער האָב איך זי נישט באַגעגנט... אָט וואָס עס קומט אויס אויסצושטיין איבער אייערע בעסטע עפּל „ווייסער אַנגוס“... ניין, ניין, מען איז אייך מוחל די טובה, איך וויל שוין נישט שענער ווערן...

שלמהס גליענדיקער קוק קען זיך נישט אָפּרייסן פון איר זעלטן שיין פּנימל, ער פלאַקערט פון ליבע צו איר... זי לייענט דאָס אויף זיין פּנים און איז זייער צופרידן דערמיט... ער דריקט איר די האַנט:

— איך פיל אייך זייער מיט, פּאָלי יאַנים, און עס טוען מיר זייער וויי אייערע דאַמאָלסטדיקע טרערן... הייסט עס, שענער ווערן ווילט איר בשום אופן נישט? נו, וואָס קען איך העלפן? און רייך ווערן ווילט איר אויך נישט? און קיין אויסלאַנד ציט אייך אויך נישט... וווהין דען ציט אייך יאָ, אינטערעסאַנט צו וויסן?

— אין אינסטיטוט אריין, אהין ציט מיך געפערלעך!... כ׳האָב נאָך אויף קיין איין רגע נישט פאַרלוירן מיין האָפענונג, אַז פון דער אַרבעט זאָל מען מיך שיקן אין אַן אינסטיטוט אריין... עס פאַרשטייט זיך, אַז דעם וועג אין אינסטיטוט אריין קען איך אַליין אויך טרעפן, אָבער די לאַגע ביי אונדז אין שטוב ווייסט איר דאָך גוט... דער טאַטע ווערט אויסגעריסן, שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות און — אין טעפּל איז נישט כמעלניק... זיך דערשלאָגן צו אַן אינסטיטוטסקע סטיפּענדיע אַזוי ווי אַוראַם איז נישט פאַר מיינע כוחות, דערויף דאַרף מען האָבן אַווראַמס פעאיקייטן מיט אַווראַמס התמדה. וואָס דען, אַוועקוואַרפן די אַרבעט און אַוועקגיין לערנען אָן קיינעמס שטיצע, דאָס הייסט: ערשט ווערן אויף דער עלטער אַן אומזיסטיקע עסערין אויפן טאַטנס האַלדז, דאָס קען איך אויך נישט, ווייל... איר פאַרשטייט אַליין —

— אודאי פאַרשטיי איך אַליין, וואָס בין איך, אַ מלופּם־קינד? איר דאַרפט מיר צעקייען און אריינלייגן אין מויל אריין?

— נו אָט... אַז איר פאַרשטייט, איז גוט... מוז איך געדולדיק וואַרטן, ביז מיין דירעקציע וועט זיך אין מיר דערמאָנען און מיך שיקן לערנען אויף

איר חשבון פאַרזיכערנדיק מיר דעם איצטיקן געהאַלט... דאָס איז מיין איינ־ציקער אידעאַל...

די בלייכקייט פאַרגיסט ווידער שלמהס געזיכט:

— האָט איר טאַקע פעסט באַשלאָסן נאָך גיין זיך לערנען?

— פעסטער קען גאָרנישט זיין!...

— איר זענט דען צוגעגרייט אויף אַריינצוטרעטן אין אַן אינסטיטוט?

— אין איין האַלב יאָר, העכסטנס אַ יאָר, וועט איך צוגעגרייט...

— איר זאָגט זיך אָפּ אַזוי פּראָסט: „העכסטנס אַ יאָר“... נו, און נאָך דעם פינף יאָר לערנען?...

— נאָך דעם פינף יאָר לערנען...

— און נאָך דעם פּראַקטיק?

— נאָך דעם פּראַקטיק, ווי אַזוי דען?... הלואי האַלט איך שוין דערביי...

— און נאָך דעם אויף „קאַזיאָנע פּאָווינאָסט“ *?

— און נאָך דעם — דאָס וואָס מיט דער גאַנצער וועלט, דאָס מיט מיר...

— נו, און —

— וואָס: „נו — און“?

— גאָרנישט... איך זאָג גאָרנישט...

— איר האָט דאָך עפּעס אָנגעהויבן זאָגן, דערזאָגט זשע!...

— איך זאָג... מיר וועלן היינט נישט אַן אין טעאַטער אַריין? די זון איז שוין, דאַכט זיך, נישטאָ...

ביידע קוקן זיך פאַרשטייענדיק איבער און מען מישט מער נישט אויף דעם שמועס. אויף גיך שפּאַנט מען אַוועק אויף אוריצקי־גאַס, פּאַלי טוט זיך איבער און אין טעאַטער וואַרט מען נאָך גוטע פופצן מינוט ביזן אָנהייב.

נישט שטענדיק איז פּאָלי באַרעדעוודיק. עס טרעפט, אַז זי איז אַזוי ווי אַ שוועבעלע... איין וואָרט, נישט ווי איר געפעלט — און זי צינדט זיך אָן ווי אַ העליש פייער, כעסט זיך, זידלט אים און טרייבט אים פון זיך... טאָמער וויל שלמה טאַקע אַוועקגיין, האַלט זי אים צו, אַנטשולדיקט זיך, וויינט אַ מאָל... שלמה קען נישט פאַרטראָגן אירע טרערן און בלייבט... ער קוקט אויף דער בינע און טראַכט ביי זיך:

— וואָס טוט זיך מיט איר היינט? ווידער דער דירעקטאָר מיט זיין קאַבינעט? צי דער בוכהאַלטער האָט איבערגעפּירט די שפּיל אין אַן אמת? צי „קאָנטינענטאַל“? צי זי האָט זיך אין עמעצן פאַרקאָכט? אפשר אין דער היים עפּעס אַ סצענע?...

צוריקגייענדיק פונעם טעאַטער איז פונעם שטורעם קיין סימן נישט געבליבן. זי פירט אים אונטער דעם אָרעם, איז לוסטיק, פריילעך און קען נישט פאַרליידן קיין טרויעריק פּנים...

---

* פאַרפליכטונג צו דער מלוכה.

זיי לאָזן נישט דורך נישט קיין איין טעאַטער־שטיק, נישט קיין נייעם פילם, באַזוכן צוזאַמען ווו אַן אָפּערע, ווו אַ קאָנצערט.

זיין גיין צו די טולטשינסקים נעמט אָן אַן אָפּיציעלן כאַראַקטער. עס איז שוין מער נישט קיין סוד... טאָמער פרעגט עמעצער אויף שלמהן און ער איז נישטאָ אין דער היים, זאָגט מען אים שוין פראָסט: איר גייט צו אויף אוריצקי־גאַס 21 אין פּאַדוואַל, צו טולטשינסקין, אָדער ער איז דאָרטן דאָ אָדער ער דאַרף אָנקומען. אַלנפאַלס, דאָרט וועט מען אייך שוין זאָגן...

וויפל מאָל בעט זיך ביי איר שלמה:

— פּאָלי, פּאָלגט מיך איין מאָל, איין און איינציק מאָל, און קומט מיט מיר צו צו די פייגנבוימס. איר וועט זען, ווי פריילעך עס איז דאָרט... איר וועט זיך דאָרט פילן ווי אין דער היים... שטעלט אייך איין מאָל, מיט וואָס ריזיקירט איר?

נאָר זי האַלט זיך ביי אירן:

— שלמה, טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר מיט אייערע פייגנבוימס. איך שלעפּ אייך נישט צו מייניקע, שלעפּט איר מיך אויך נישט צו אייעריקע... וואָס קער איך זיך אָן מיט זיי? וואָס פאַר אַ געמיינזאַמס האָב איך מיט זיי? נו, נו, אַזאַ אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ!... נאַ דיר גאָר פייגנבוים... טאָמער טוט מיר דער קאָפּ קאַרג ווייניק וויי אָן זיי, ווייסט נישט וואָס? אַן עקס־קור־סיע!... כ'האָב אַזוי אויך גענוג אויסצושטיין! פאַר עטלעכע וואָכן טרעפן מיך די שוועסטער כאַדאַראָוו און גאָלדע פרעגט מיך: „פּאָליטשקע, עס איז אמת, אַז דו האָסט חתונה מיט שלמהן?“ — זאָג איך זיי מן הסתם, אַז עס איז נישט אמת; שטייט זי צו, גאָלדע, ווי אַ פּיאַווקע צום אָדער: „אויב עס איז אַ ליגן די מעשה, פאַר וואָס זשע שפּאַצירסטו מיט אים? פאַר וואָס זשע דערלאָזסטו, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל רעדן? אַז ביי אפרים־אהרונען אין שטוב זאָל מען דיך רופן „אונדזער פּאָליטשקע“, „שלמהס פּאָלי“... ס'איז דען שיין אַזוי?“... זאָגט מיר, שלמה, ס'איז אמת, אַז ביי אייך אין שטוב רעדט מען פון מיר אַזוי?

— אַך, פּאָלי, רעדט מיט מיר נישט וועגן גאָלדען... גאָלדע און מאַ־רוסיא שטייען ביי מיר אויף איינער און דער זעלבער מדרגה. אמת, די מיינט איין זאַך, יענע אַ צווייטע זאַך, אָבער טון טוען זיי ביידע איינס און דאָס זעלבע... כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער... איך זע בעסער, ווי אויף אייך ווירקן זייערע פּזמונות, דאָס קרענקט מיך שוין מער אַ ביסל...

— פון דעסט וועגן הערט, שלמה, איך האָב צו אייך אַ ביטע... און איר מוזט מיר צוזאָגן זי אויספילן...

— זאָגט, זאָגט... אויב עס איז מעגלעך, וועל איך מסתמא אויספילן...

— איך פיל, אַז עס איז אפילו אַ ביסל פּאָדלע פון מיין זייט ביי אייך דאָס צו בעטן... נאָר איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז... אַז איך קען נישט אַנדערש...

— פּאָלי, איר שרעקט מיך, וואָס קענט איר ביי מיר אַזעלכעס וועלן בעטן?

— איך וויל ביי אייך בעטן, אַז אין דער קעגנוואַרט פון די כאַדאַראַוום, אויב אונדז זאָל זיך אַ מאָל טרעפן צוזאַמענקומען, זאָלט איר זיך האַלטן פרעמד מיט מיר... דאָס בעסטע איז אין גאַנצן נישט צו רעדן... זאָגט איר מיר צו?...

— אַזוי מורא האָט איר פאַר יענער אַלטער מויד?

— וואָס איז אייער עסק, מורא צי נישט מורא, אַזוי וויל איך און שוין!...

— מילא, אַז עס גייט אייך אַזוי אין לעבן, טו איך אייך צו ליב... אַן אַנדער ברירה האָב איך מיט אייך?

קאפיטל IV

ביי אפרים־אהרונען אין שטוב האט דאס לעבן אנגעהויבן אריינגיין אין נארמאלע באדינגונגען. מיכאל האט געקריגן א דירה פאר זיך, טאקע אויף סאלאמינקע, און א דירה אין צענטער שטאט, נישט זייער ווייט פון קופעטשעסקע־שול פארן פאטער מיט ברכהן. אויף ענגעלס־גאס 72 איז מיט א מאל געווארן זייער גראם. שלמהס צימער איז געשטאנען פארמאכט, קיינער איז אהין נישט אריינגעגאנגען. דאס שלאפצימער איז געווען נאר פאר די עלטערן. און זאל איז געווען געננג פרייער פלאץ פאר די יינגערע פיר קינדער. דינה פלעגט קומען נאר ביי טאג אפעסן און דאס איבעריקע פלעגן איר די קינדער אפטראגן אויף איר אכסניה צו די זוואניצקעס.

אין די אלע צענדליקער און צענדליקער קליינע שטעטלעך פון יענע געביטן, וווּ עס איז געווען באקאנט אפרים־אהרונס נאמען, איז מען גיך געוווּיר געווארן, אז ער וווינט שוין אין קיעוו, סאמע לעבן וואקזאל, אז עס איז שוין דא וווּהין צו פארפארן און מיט וועמען אויסצורעדן א ווארט וועגן געשעפט און עס האבן זיך אויף ענגעלס 72 א לאז געטון גוטע ברידער, ווער מיט עטלעכע ניקאלאיעווסקע צענערלעך, ווער מיט דאלארן, ווער מיט א ביסל נשאר־קראם פון די גוטע „נעפעווסקע" יארן, ווער א דירה קריגן, ווער מיט א צרהלע, ווער מיט א שמחהלע, ווער צו אן אדוואקאט, ווער צו א דאקטער... די שטוב איז פארוואנדלט געווארן אין א קליין וואקזאלכל. ביי יעדן באזונדער האט אפרים־אהרון געכאפט א מעקלעריי, א בנאמנותל, שיע־פיע, אויפן שפיץ מעסער... נאר פון די אלע שפיץ־מעסערס איז אין שטוב געווען אלץ ברחבות, מען האט שוין מער נישט ארויסגעקוקט אויף שלמהס פארדינסטן. און גראד האט זיך שוין צו יענער צייט דער „פאנטאפל" אזוי ארויפגעארבעט, אז אן ארבעטער האט באקומען געהאלט נישט ווייניקער, ווי אויף דער גרעסטער פאבריק — א פאכמאן...

יידן האבן אחויסגעווארפן פון קאפ אלע געדאנקען פון גרינגע פרנסהלעך, פון לופטיקע פארדינסטלעך. דער גאנצער מוח איז אריינגעלייגט געווארן אין מאכן א פעסטערע פארדעשווע, א שענערע כאליווקע, א שטייפערן זאדניק און א פרעכטיקע צוויקאווקע... עס זענען צוגענומען געווארן פארן געברויך פון ארטעל נאך צוויי שכנותדיקע צימערן, וועלכע האבן לכתחילה געדינט פאר סקלאדן פון רוווארג און פון פראדוקציע. איצט זענען די סקלאדן אריבערגעפירט געווארן אויף א העכערן שטאק און פון די אלע צימערן זענען געשאפן געווארן פיר גרויסע אפטיילונגען: א צושניידער־צעך, א גנניי־צעך, א שוסטער־צעך און א „רויטער ווינקל".

אין דער לעצטער אפטיילונג האט „געארבעט" בלויז דער פארזיצער פערלמאן. דארט האט ער צעלאזט זיין פארטייאישן טאלאנט. די ווענט

זענען באַהאַנגען געוואָרן מיט פּלאַקאַטן, מיט לאָזונגען און מיט טראַנספּאַ־רענטן פון דער סטעליע ביזן פּאָל, אַזוי אַז קיין שפּעלטיקל האָט מען נישט אַרויסגעזען. אין רעכטן ווינקל, אויף אַ רויטן פּאָסטאַמענט, איז געשטאַנען לעניניס אַ ריזיקער ביוסט, און לינקן אַ באַוועגלעכע ביבליאָטעק. אין צענ־טער פון צימער — אַ קיילעכדיקער טיש, מיט רויטן באַדעקט. דאָרט איז אַ גאַנצן טאָג געווען דעם פּאַרזיצערס קעניגרייך. פאַר נאַכט, ווען פונעם „פּריץ" איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געווען, פלעגן האַלב אַרבעטער פון יעדער צעך אַריינגיין אין „רויטן ווינקל", מיטן רויטן טישטעך איבערדעקן דעם „פּסל" און זיך שטעלן דאַווענען מנחה. אָפּגעדאַוונט, פלעגן זיי זיך נעמען צוריק פאַר דער אַרבעט און די צווייטע העלפט אַרבעטער פלעגן גיין דאַווענען.

נאָכן דאַווענען, אויב מען האָט געדאַרפט אַרבעטן נאָך אַ האַלבע סמענע, כדי איבערצושטייגן דעם פּלאַן, פלעגן פון געהיימע שאַפּקעלעך זיך יאָווען גמרות מיט עין־יעקבס. די העמערלעך האָבן אויפגעהערט קלאַפּן, די מאַשינען האָבן אויפגעהערט שטעפּן, די מעסערס שניידן, די נאָדלען נייען — אַלץ פלעגט אָפּשטאַרבן אויף אַ גאַנצער שעה. אין „רויטן ווינקל", וואָס איז אויס רויט געוואָרן, פלעגן זיך אַרום קיילעכדיקן טיש פאַרזאַמלען די מהרש"א־קעפּלעך און מען האָט געלערנט אַ שאַרפן שיעור. אין שוסטער־צעך, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער, פלעגט איינער פון דער חברה לערנען מיטן פּראָסטן עולם „עין־יעקב" און אויב עס פלעגט נאָך בלייבן צייט, אויך חומש מיט רש"י אָדער אַ קאַפּיטל תהילים. די פרויען פלעגן פון זייערע ערטער זיך אויך איינהערן, אַ מאָל פרעגן עפּעס, אַ מאָל זאָגן עפּעס.

צו דער ענדע פון דער שעה דערהערט זיך אַ קלונג. עס פאַרשווינדן די ספרים אין זייערע געהיימע באַהעלטעניש. לעניין ווערט אָפּגעדעקט, דער טיש — ווידער רויט, אויף אַלע זיצפּלעצער זעט מען ווידער איינגעהוי־קערטע רוקנס, אָנגעשפּיצטע בליקן און אויסגעאַרבעטע פלינקע פינגער. אין יעדן צעך זענען מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות, אויף יידיש, רוסיש און אוקראַיניש, אויפגעשריבן סטאַלינס זעקס באַדינגונגען. יעדער פון די אַרבעטער קען זיי אויף אויסנווייניק, אַזוי ווי להבדיל מודה־אני. ביי יעדן טישל, מאַשין און שוסטער־ווערקשטאַטל הענגט אַ טאַבעלע, אויף וועלכער עס איז פון אויבן אָנגעשריבן דער נאָמען מיט דעם פאַמיליע־נאָמען פון דעם אַרבעטער, אונטן איז אָנגעשריבן זיין פּלאַן: פאַר אַ חודש, פאַר אַ וואָך, פאַר אַ טאָג און פאַר אַ שעה. גאָרדאָן אַליין אַרבעט אַלס אַ שוסטער, נאָר אַלע צוויי שעה לויפט ער אַרום דעם גאַנצן צעך מיטן זייגער אין האַנט און מען הערט שטילע, נאָר שטרענגע פאָרוואָרפן:

— חבר, שוין דריי שעה, אַז דער פּלאַן הינקט ביי אייך, וואָס טראַכט איר זיך?

— חברטע, וואוהין יאָגט איר זיך? אייערע לעצטע כאָליוועקעס טויגן אויף כפּרות, מיר וועלן זיי פאַרבראַקירן און דעם באַטרעף פון דעם רוי־

וואַרג מיט דער מלאכה אַראָפּרעכענען פון אייער פאַרדינסט, וועט איר ווּיסן זיך פאַרקוקן אויף פייגעלעך בשעת דער אַרבעט...

— מאַלאַדיעץ, חבר! אי איסות, אי כמות. איר וועט ביי אונדז זיין אויפן רויטן טאָוול. כאַפּט א קוק, זייט מוחל, צום שכן אויך... עפּעס קלעפּט זיך ביי אים נישט...

— חבר, נאָך אַזאַ צוויקאָווקע אַז איך וועל באַגעגענען, נעם איך אייך אַראָפּ פון דער אַרבעט און איר גייט ביי מיר סאָרטירן די שטיקער געוואַנט... וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? נעכטן געזאָגט, אייערנעכטן געזאָגט, היינט — שוין צוויי מאָל, די גאַל קען פּלאַצן... איין פּאָר שיך אַזעלכע הרגענען אַוועק אַ טראַנספּאָרט פון טויזנט פּאָר... איר מיינט, איך חכמע זיך מיט אייך? איר וועט באַלד אַ סימן האָבן... ביי דער אַרבעט לייג איך נישט קיין כבוד אפילו אויפן אייגענעם טאַטן... איך וואָרן אייך דאָס לעצטע מאָל, געדענקט!...

— חברטע, פון אייער אַרבעט בין איך אַנטציקט, נאָר גיכער אַ ביסעלע מאַכט מיט די הענט... מען קען מיינען, אַז איר פּליקט פעדערן... איר האָט אַ מאָל געפּליקט פעדערן? ניין? זייער גלייך!... שווימען קענט איר? אויך נישט? אַ שאָד!... אַז איר וועט האָבן צייט, לערנט זיך אויס, אומבאַדינגט לערנט זיך אויס!... דאָס וועט אייך נוצן אַהער אויך... פאָלגט מיך...

אַרומגעלאָפן דעם צעך פאַרנעמט ער צוריק זיין פּלאַץ און נאָך אַ הע־מערל, אַ פינקטלעכס ווי אַן אויטאָמאַט, שליסט זיך איין אין כאָר...

רעדן ביי דער אַרבעט איז נישט דערלויבט, סיידן אַ פראַגע ביים אינ־סטרוקטאָר. זינגען איז אויך נישט דערלויבט. סיי דאָס, סיי יענץ ברענגט צו היסח־הדעת און שוואַכט אָפּ די דיסציפּלין... מענטשן אַרבעטן ווי די מעכ־אַניזמען, שטיל און קאָנצענטרירט. דער צוטראָגער שוועבט אַרום איבער די צעכן ווי אַ סוד. אַוועקגעלייגט מאַטעריאַלן, צוגענומען דעם האַלב־פאַבריקאַט, שאַ־שטיל, אַזוי ווי אין מיטן שמונה־עשרה...

יעדער אַרבעטער האָט אַ נומער. צום האַלב־פאַבריקאַט ווערט צוגע־קלעפּט זיין נומער און מען וועט שוין וויסן אפילו אויפן גרייטן שוך, ווער עס איז דער טאַטע פון דעם שטיקל אַרבעט. די פּאַרטיקע שיך גייען דורך די „פּוצערייי" און ווערן אַראָפּגעטראָגן אין סקלאַד אַריין און אָפּגעלייגט אין אַ באַזונדער ווינקל, ביז די קאָמיסיע וועט זיי צונעמען. די אויפנאַם־קאָמי־סיע באַשטייט פון ביידע אינסטרוקטאָרן, שמעון קלאַדניצקי, רבקה טוער־סקי מיט יוסף גאָרדאָן אין דער שפּיץ. די פּראָדוקציע ווערט צוגענומען און באַזונדער פאַרשריבן אין אַן אַקט: ערשטער, צווייטער אָדער דריטער סאָרט. דעם אַקט שרייבן אונטער די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע און קיינע אָנ־קלאַגעס ווערן נישט אָנגענומען. דער אַרבעטער באַקומט זיין לוין לויטן סאָרטאַזש, וועלכער איז באַשטעטיקט פון דער קאָמיסיע.

נאָך שבת־נחמו, נאָך אַ געהיימער באַראַטונג, האָבן די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פאַרגעלייגט דעם פּאָרזיצער פּערלמאַן, ער זאָל צונויפרופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און איינלאַדן די בעלי־בתּים פון „אוטיל־פּראָם־

סאָיוז" און אומבאַדינגט אויך אַ פאָרשטייער פון אוקראַינער „נאַר־קאָמליעגפּראָם".

יענער אָוונט איז גראָד געווען זייער אַ וואַרעמער און אַ לויטערער. די פולע לבנה האָט נישט געזשאַלעוועט קיין זילבער פאַרן דניעפּר. דער דניעפּר האָט נישט געקאַרגט קיין פיאָלעט־גלאַנץ פאַרביידע ברעגן און פאַרן רי־זיקן שיפבוי־זאַוואָד מיט זיינע הונדערטער לעמפּעלעך. איבער דער וואַסער־פלאַך האָבן געבלאַנדזשעט רויטע לעמפּעלעך מיט טונקעלע ציטערדיקע עקן. דאָס האָבן גליסערס געאַקערט די מידע, פאַרן טאָג אָפּגעסמאַליעטע, דניעפּר־פלייצע. ערגעץ פון יענער זייט בריק האָבן זיך פאַראַנקערט גרויסע מאַ־סיוון מיט געהילץ.

פון די אויפגעפּראַלטע „פאַנטאָפל"־פענצטער האָט מען געקענט זען דעם רוקן פון דעם „קייזערלעכן גאָרטן" און דעם השכותדיקן תהום פון פושטשע־וואָדיצער וועלדער. ערגעץ נישט ווייט אין דער נידער, אין גערטנדל, וואָס פאַרן טייך־וואָקזאַל, האָט אַ קאַפּעלע באַיאַניסטן * גע־שפּילט: **...«Кавказский пленник» די שטימונג ביים עולם איז געווען אַ פייערלעכע. די צעכן זענען אויפגערוימט געוואָרן ווי צום ערשטן סדר ביי דער גרעסטער בריה אין שטוב. די דיקטענע ווענטלעך, וואָס צעטיילן דעם גרויסן זאַל אויף פיר חלקים, זענען ערגעץ פאַרשוווּנדן. עס זענען געשטאַ־נען בענק פאַר אַלע אַרבעטער און שטולן פאַרן פּרעזידיום. איבער לעניִנס גרויסן שטערן האָט אַ צענומענע געפּלאַטערט די אַרטעל־פאָן. פון דעם דניעפּר איז געווען דערקוויקנדיק־קיל און ווינטיק. אויפן פּרעזידיום־טיש איז געשטאַנען קרעם־סאָדע ***, ביר, פלוימען און מאַנדאַרינקעס. פאַר דער מאַסע איז געווען עפּל, וויפל מען האָט געוואָלט.

ענדלעך, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אויף פופצן מינוט, איז צוגעפאָרן אַ לאַקירטער „זים" **** און עס זענען אַריינגעקומען: פּערלמאַן, דער פאָרזי־צער פון „אוטיל־פּראָם־סאָיוז" מיט צוויי פּאַרטרעטער, אַ פאָרשטייער פון „נאַרקאָמליעגפּראָם", אַ דעפּוטאַט פון שטאָטראַט, אַ באַפולמעכטיקטער פון שטאָט־קאָם־פּאַרטיי און צוויי פאָרשטייער פון דער פּרעסע. אַלע אַר־בעטער האָבן שטייענדיק באַגעגנט די בכבודיקע סוויטע. באַלד איז אויס־געקליבן געוואָרן אַ פּרעזידיום. פּערלמאַן האָט באַגריסט די געסט אין נאָמען פון אַלע אַרבעטער און דאָס וואָרט צו אַ באַריכט האָט באַקומען דער מיט־גליד פון דער פאַרוואַלטונג: שלמה פּיאַטיגאָרסקי.

---

* באַיאַן — ציִ-האַרמאָניע, אַקאָרדעאָן.

** די קאַוואַלעריע פון קאָמאַנדאַרם בודיאָנע, פאָלקסליד.

*** אַ בעסערער סאָרט לימאָנאַד.

**** אַן אויטאָמאָביל, אויסגעאַרבעט אין זאַוואָד אויפן נאָמען פון סטאַלין.

קאפיטל V

שלמה האט זיך אויפגעהויבן פון זיין ארט, עס האבן א בליץ געטון די „לייקעס" פון די רעפארטערן און שלמהס קול איז זיך רואיק צעגאנגען איבערן זאל:

— חברים ארבעטער און חברים געסט! אומגעריכט און אומפארדינט איז מיר אנגעקומען דער כבוד ארויסצוטרעטן פאר אזוינע חשובע געסט, וואס באערן אונדז מיט זייער וויזיט, צום ערשטן מאל פאר דעם קארגן יאר, וואס דער ארטעל עקזיסטירט. ריכטיקער געזאגט, לעבט ערשט אונדזער ארטעל ניין חדשים. די הריי קווארטאלן קען מען איינטיילן אויף דריי באזונדערע עטאפן אין אונדזער וווקס. איך וואלט אפילו געזאגט: דריי עפאכעס, האב איך מורא מען זאל מיך נישט חושד זיין, אז איך גיי דא האלטן א ליטערארישן רעפעראט. אלזא, איז אזוי די זאך: אויף היינטיקן טאג ציילט אונדזער ארטעל 127 מיטגלידער, זעקס לערן־יינגלעך און צוועלף בוטעם ליגן איצט אויפן טיש פון מענטשן, וואס בעטן, מען זאל זיי ארייננעמען. די נייע מענטשן קענען מיר אלע, דאס זענען ערנסטע און פעאיקע בירגער, וועלכע וועלן אין קורצן ארבעטן נישט ערגער ווי יעדער איינציקער פון אונדז און מיר וועלן זיי אן שום ספק היינט אויף דער נאכט ארייננעמען אלס מיטגלידער פון אונדזער ארטעל. צוזאמענגענומען, הייסט עס שוין באלד אן ארמיי פון אוועלכע הונדערט פופציק פערזאן — א קליין פאבריקל.

אונדזער ארטעל פארמאגט אבער צוויי מעלות, וועלכע עס פארמאגט נישט קיין איין פאבריק און ראטן־פארבאנד, אפילו נישט „מאס־שוויי־פראם"*... ביידע מעלות האבן איין און דעם זעלבן נאמען: אוטיליזאציע. ערשטנס: אוטיליזאציע פון מענטשן. דעם דאזיקן קלאס מענטשן, וואס זיצט דא פאר אונדז, האט אונדזער מלוכה אפגעשריבן אין אוטיל, פאראורטיילט אויף פארפוילט צו ווערן... דא האט איר א ריין דעקלאסירטן עלעמענט, קליינע קרעמערלעך, רבנישע קינדער און גלאט אזוי גערופענע „קרומע רוקנס"... ווען עמעצער שטעלט זיך איין פאר א יארן אין דער צייט זאגן, אז ד ע ר קלאס מענטשן וועט אויספילן און איבערשטייגן דעם „גאס־פראם־פינפלאן" פון יאר 1930, וואלט מען אזא מענטשן געווען אויף יעדן פאל איינגעשפארט אין קירילאווסקער משוגעים־הויז...

היינט איז דאס א פאקט! היינט זענען די פאנטאפל פון אט דעם אוטילנעם קלאס מענטשן גאנצע בעלי־בתים אין קיעוו... אין „קיעוו־טארג" שטייט נאך זיי א ריי קונים פון פאר טאג אן... איר טרעפט זיי אויף קרעשטשאטיק, איר טרעפט זיי אין „דינאמא"**, איר טרעפט זיי אויף דער

---

* פארקירצונג פון — „מאסקווער שניידער־אינדוסטריע", דער גרעסטער ניי־קאמבינאט אין לאנד.

** א מאגאזין פון ספארט־מכשירים.

מאנץ־פלאשטשאדקע *, אין אפערע און אפילו — איר קענט מיר גלייבן — כ'האב זיי אליין געזען אויף דער סצענע, אויף די פיס ביי א העלדין פון דער דראמע. מיט איין וואָרט: קיינער שעמט זיך נישט מיט אונדזער פראָדוקציע. דאָס איז א סענסאציע!

די צווייטע סענסאציע איז, וואָס דער העכסט סימפאטישער „פאנטאָפל" דערנערט זיך פון הוילן אוטיל... אויף פראָסט יידיש גערעדט, הייסט עס: פון מיסטקאסטן... וועגן דעם, אז מען גיסט איבער ברוך־אייזן אויף פריש אייזן, שמיקלעך מעש אין בויגנס מעש — דאָס ווייסט די גאנצע וועלט. אָבער אַז מען קען פון שמאַטעס מאכן כאַליוועס, פון אַלטע, צעריסענע און איבערגעזשאָווערטע פאסן — פאדעשוועס, פון אָפשניצלעך פון דער קאַרטאָן־פאבריק — סמיעלקעס און זאדניקעס, דאָס האָט זיך קיינער נישט פאָרגעשטעלט. און אָט איז דאָס דער צווייטער איבעררעשנדיקער פאַקט: אַן אומגעריכטער רעזערוו מענטשן און אַן אומגעריכטער רעזערוו רוויווארג.

איצט, וועגן אונדזער רענטאבלקייט... אַ! אונדזער עקזיסטענץ איז זייער באַרעכטיקט... אַ שטייגער, לאָמיר נעמען אין באַטראַכט, וויפל קאָסטן מיר דען אָפּ אונדזער מלוכה? גאָרנישט מיט נישט... קיין פאַרפּלאַנירטע מאַטעריאַלן גיט מען אונדז נישט, קיינע סובסידיעס, קיינע הלוואות — גאָרנישט!... אפילו אין זינען פון נאַטשאַלסטווע: מענטשן באַפרייטע פון דער אַרבעט, מיט אַ גאַראַנטירטן געהאַלט. אויך אויף דעם געביט האָבן מיר געשלאָגן אַ רעקאָרד. אויף אַ קאָלעקטיוו פון אַנדערטהאַלבן הונדערט אַרבעטער האָבן מיר בסך־הכּל פינף באַפרייטע אַרבעטער: דער פאָרזיצער כ' פערלמאַן, זיין פאַרטרעטער כ' סעגאַל, וואָס מיר גערעדנקען שוין נישט וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט, אַזוי לאַנג טאַנצט ער אַרום פון לענינגראַד קיין גאָרקי, פון גאָרקי קיין קראַמאַטאָרסק און פון דאָרט קיין מאָסקווע — און טאַקע נאָר אַ דאַנק זיין אַקטיווער אַרבעט ווייסן מיר נישט, וואָס הייסט אַ מניעה אין רוויוואַרג. דער דריטער איז דער בוכהאַלטער, וועלכער פּילט גלייכצייטיק אויס אויך די פונקציעס פון אַ קאַסירער, און די צוויי אינסטרוקטאָרן: איז צוזאַמען פינף. דאָס מאַכט אויס אַ העלפט, אַ דריטל קעגן אַנדערע אַרטעלן און מיר ברענגען איין דער מלוכה אָט די איבעריקע הוצאות.

עס פאָדערט זיך אַ קולט־מאַסאָווע אַרבעט? פיל איך אויס די אַרבעט אָן אַ גראָשן געלט און דאָס ווייסט איר גאַנץ גוט, אַז אין ערגעץ לייענען נישט די אַרבעטער אַזוי פיל צייטונגען ווי ביי אונדז; אין ערגעץ זענען נישט אַריינגעצויגן פּראָפּאָרציאָנעל אַזוי פיל אַרבעטער אין מיטהעלפן צו דעם אַרויסלאָזן די וואַנט־צייטונג ווי ביי אונדז... פיל אַרטיקלען פון אונדזער וואַנט־צייטונג זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער צענטראַלער צייטונג. צי למשל: אויף יעדן אומגליקס־פאַל דאַרף מען אַ מעד־שוועסטער ביי אַזאַ עולם, וואָס פאַרעט זיך מיט מעטערס, מיט נאָדלען און מים גע־

---

* אַ ספּעציעלער פּלאַץ צום טאַנצן.

זשאַווערטע צווקעס. אַ מעד־שוועסטער, צי זי האָט וואָס צו טון צי ניין, נעמט געהאַלט 250 רובל אַ חודש; ביי אונדז פילט אוים אונדזער חשובע חברטע טאַני פייגנבוים די פונקציע אומזיסט... און עס האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז אַן אַרבעטער זאָל מוזן לויפן אין פּאָליקליניק. צי לאָמיר אַפילו נעמען אַ בריגאַדיר, וואָס דאָס פּאָדערט זיך אין יעדן צעך באַזונדער, און ביי אונדז אויף דריי צעכן איז דאָ איין חבר גאָרדאָן, וואָס איז צופעליק טאַקע אַ „שרעקלעכער" פּאָקוסניק: ער באַווייזט אומעטום צו זיין צו דער נייטיקער מינוט און נעמט דערפאַר אויך גאָרנישט. ער איז חוץ אַלעמען פּראָסט אַ שוסטער, אַזוי גוט ווי איך — אַ צושניידער און טאַניע פייגנבוים — אַ נייטאָרן. דאָס איז שוין דער דריטער פּאַרדינסט פון אונדזער אַרטעל פאַר דער מלוכה און דער פּאַרטיי.

די דריי עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון אונדזער אַרטעל באַשטייען אין דעם: די ערשטע דריי חדשים האָבן מיר זיך געדראַפּעט אויף דער לייטער, די צווייטע דריי האָבן מיר זיך פּאַרפעסטיקט אויף דער לייטער, אויף וועלכער מיר האָבן זיך פּאַרקליבן, און די דריטע דריי חדשים, פילנדיק שוין די קראַפט פון אונדזערע הענט, פון אונדזער מייסטערשאַפט, האָבן מיר פּאַרלאָזט די לייטער און זיך געלאָזט קריכן אויפן דאַך... דאָס מיינט דעם פּלאַן, וועלכן מיר האָבן פאַר די ערשטע דריי חדשים אויסגעפילט אויף 62 פּראָצענט, דערנאָך אויף 96 פּראָצענט און לעצטנס — אויף גאַנצע 133 פּראָצענט. אָט דאָס איז אין אַלגעמיין דער איבערבליק פון דעם עבר פון אַרטעל.

איצט, בנוגע דעם עתיד, בין איך באַפולמעכטיקט פון דער פּאַרוואַל־טונג בעטן ביי די פּאַרשטייער פון אונדזערע העכערע אינסטאַנצן, וואָס האָבן אונדז באַערט מיט זייער באַזוך, דריי זאַכן: אַ מינדערוועריקע זאַך, אַ מער וויכטיקע און אַ גאָר וויכטיקע.

ערשטנס, מיר מוזן האָבן אַ סטאָלאָווע און אונדז קומט אַ סטאָלאָווע. ביז ווען איז דער שיעור, אַז אַ „פּאַנטאָפעליעץ" זאָל אָפּלעבן אַ טאָג מיט טרוקענער שפּייז?... די אַרבעט איז ביי אונדז אַ שטויביקע, זשאַווערדיקער שטויב. אַ טעלער זופּ און נאָך דעם אַ גלאָז קיסעל וואָלטן דערקוויקט דעם אַרבעטער. אין אַלע „פּראָאיזוואָדסטוועס" איז דאָס דאָ, פאַר וואָס זאָלן מיר דאָס נישט האָבן? און טאַקע אַ פלאַש ביר נאָכן עסן און בלומען אויף די טישן און אַ פרישע צייטונג און אַ ראַדיאָ־קאָנצערט און אַ פּאַטעפאָן... וואָס איז עפּעס? מיר קענען זיך נישט פּאַרגינען? מיר האָבן אפשר נישט די ווערט? נאָך נישט צייט צו לעבן ווי קולטורעלע מענטשן? אַלזאָ, זענען מיר אייך מודיע, אַז אין שכנותדיקן הויז האָט מען באַפרייט אַ גרויסן זאַל. דער פּאַרט האָט דאָרט געהאַלטן אַרעסטירטע סחורות, איצט האָט מען זיי שוין פון דאָרט פּאַרנומען און דער צימער פּוסטעוועט. דאַרף מען דאָס צימער גוט אויסרעמאָנטירן און עס אונדז אָפּגעבן אויף אַ סטאָלאָווע, אַז אונדזער אַרבעטער זאָל שוין אויפהערן עסן זיין איבערבייסן אויף דער פּאַרשמאָלצעווטער פּאָלע, ביי זיך אויפן שוסטער־בענקעלע, ווי אַ יאַריד־

ניק... וויפל מאָל האָט זיך אַן אַרבעטער געוואָרגן מיט אַ צוועקל, וואָס איז אומבאַמערקט פאַרקראָכן אין עסן? ניין, ניין... אויפן דרייצנטן יאָר פון דער רעוואָלוציע זאָגן מיר אָפן, אַז דאָס איז נישט היגיעניש און נישט מענטשלעך. דאָס איז איין פראַגע. די מינדערוויכטיקע.

איצט גייט די מער וויכטיקע. באַלד קומט דער אָסיען, פאַנטאָפל וועלן ווערן נישט גאַנגבאַר, מיר קענען נישט אָנאַרבעטן קיין פּראָדוקציע און ליגן מיט איר ביז איבער אַ יאָר, קיינער גיט אונדז נישט אַזוינע קאָלאָסאַלע קרע־דיטן און מיר האָבן נישט קיין פּאַסיקע סקלאַדן — מיט איין וואָרט, מיר מוזן איבערגיין אויף שיך. דער איבערגאַנגס־פּראָצעס וועט זיין אַ לייכטער, נישט מער, עס פאָדערן זיך דערצו נייע עלעמענטן רוּיוואַרג, מיט וועלכע דער „סאָיוז" און דער „נאַרקאָמאַט" וועלן אונדז דאַרפן באַזאָרגן. מיר האָבן זיך קאָנסולטירט מיט אונדזערע אינסטרוקטאָרן און באַקומען זייער הסכמה דערויף.

און איצט, די לעצטע און וויכטיקסטע פראַגע: מיר, די קערפּערשאַפט פון „פאַנטאָפל" ווילן זיין אָנגעשלאָסן אין דער ערב־אָקטיאַבערסקער סאָ־ציאַלער פאַרמעסטונג פאַר דער איבערגייענדיקער רויטער פאָן פון נאַרקאָמ־ליעגפּראָם אין קיעוו... מיר זאָגן צו, אין אַלע הינזיכטן, זיין פון די ערשטע... הן אין אויספילן דעם פּלאַן, הן אין איכות פון דער פּראָדוקציע, הן אין קולט־מאַסאָווער אַרבעט. מיר דאַכט, אַז מיר האָבן די רעכט אויף דער ערע..."

אונטער רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן איז שלמה צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט. פּאָרזיצער איז געווען יעמצאָוו, דער פאָרשטייער פון נאַרקאָמ־ליעגפּראָם. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איינגעשטילט דעם עולם און גע־פרעגט:

— האָט עמעצער פראַגן, פאָרשלאָגן?

קולות פון די ערטער:

— פּיאַטיגאָרסקי האָט אַלץ קלאָר ארויסגעזאָגט, מיר האָבן נישט וואָס צוצוגעבן, די בקשות בעטן מיר צו דערפילן...

— אָבער אפשר וויל עמעצער פון אייך אַ וואָרט?

אַלע האָבן געשוויגן. יעמצאָוו האָט אָפּגעהוסט:

— דאַן האָב איך אַליין צום חבר פּיאַטיגאָרסקי גאַנצע דריי פראַגן...

פּיאַטיגאָרסקי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— זאָגט מיר, טייערער חבר פּיאַטיגאָרסקי, איר פאָדערט אַ סטאָלאָ־ווע — אייער ביטע וועט באַטראַכט ווערן און איך זאָג אייך צו פּאָרוים דערפאָלג. אייער פאָדערונג איז יורידיש און פּראַקטיש באַרעכטיקט. אָבער ענטפערט מיר אויף אַזאַ פראַגע: מיר האָט מען ערשט דערלאַנגט אַ צע־טעלע, אַז אין אַרטעל אַרבעטן בלויז רעליגיעזע יידן, וועלכע עסן נישט קיין טריפות... דאָס איז אמת?

שלמה האָט באַשטעטיקנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— אויב אַזוי, אויב אָן פליייש, צו וואָס זשע נוצט אייך די סטאָלאָווע?

שלמה האָט אָפּגעמאָסטן דעם פּרעזידיום מיט אַ קאַלטן, שאַרפן קוק:

— דאָס איז אונדזערע אַן אינערלעכע פראַגע און זאָל קיינעם נישט ווײ טון דער קאָפּ פאַר איר. ביי אונדז איז שוין אָנגעמערקט אַ פּאַרוואַלטער־רין פון דער סטאָלאָווע און אַ געהילף. דאָס זענען גרויסע בריהס, זיי וועלן פון פיש, פון גרינוואַרג און פון פרוכטן מאַכן זעלטענע מאכלים, וואָס וועלן מיט דערפאָלג פאַרבייטן פלייש. איר שאַפט אונדז די סטאָלאָווע און מיר פאַרבעטן דעם פּרעזידיום צו אונדז אויף דעם ערשטן מאָלצייט אַלס ריכ־טער, וועט איר אַליין זען...

— פון וויפל מענטשן דאַרף באַשטיין דער פּערסאָנאַל פון דער סטאָ־לאָווע?

— פון דריי מענטשן: די דערמאָנטע צוויי פרויען און אַ שוואַרץ־אַרבעטערין אויף שיילן קאַרטאָפל, אויפרוימען און אַנדערע שווערע אַר־בעטן.

— איר האָט פאַרגעסן קעלנערס, צום טיש דערלאַנגען?

— איך האָב נישט פאַרגעסן. לויט דער ריי וועלן אונדזערע יינגלעך און אונדזערע מיידלעך אַליין דערלאַנגען צו די טישן... קליינע פּריצים...

— איצט, די צווייטע פראַגע: איר זאָגט, איבערגיין אויף שיך. פאַר־געסט נישט, אַז עס דערנעענטערט זיך דער יאָר־בילאַנס... דער רווישטאַף, וואָס איר וועט דאַרפן, ליגט נישט ביי אונדז אין שופלאָד, מען דאַרף אים ערשט קריגן, אויסשפּירן אפשר אין „לעדערפּראָמסאָיוז", אפשר אין „פּראָמ־סאָיוז פאַר פאַרשידענע סחורות". נישט אַזוי טוט זיך, ווי עס רעדט זיך... פאַרשטייט איר, אַז דאָס באַדראָט אויפן געפערלעכסטן אופן די אויספילונג פון פּלאַן. דער איבערגאַנגס־פּראָצעס קען אייך דערשטיקן. איר רעדט פון דער רויטער פאַן און קענט פאַרקריכן אויף דעם שוואַרצן טאָוול... האַ?

— געערטער חבר יעמצאָוו! איך בין נישט קיין קליינינקער, איך זאָל פאַנטאַזירן, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן זאָל מען דעם גאַנצן אַרטעל איבערפירן אויף שיך. דאָס איז דאָך אַן אַבסורד!... קיין זאַך ווערט נישט באַשאַפן מיט איין מאָל... איך האָב גערעדט און געמיינט: נחופנווייז, צו צען, צו פופצן מענטשן איבערפירן אויף דער נייער אַרבעט, אָפּקלייבן די בעסטע, די סאַמע קוואַליפיצירטע, און דאַן ערשט די שוואַכערע. מיט אַזאַ חשבון, אַז אין זעקס אָדער אין אַכט חדשים אַרום זאָל דער גאַנצער אַרטעל איבערגיין אויף שיך. אָט אַזוי האָב איך געמיינט.

— אויב אַזוי, איז גאָר עפּעס אַנדערש... אויב אַזוי, האָט עס אַ זין... נו, און בנוגע דער רויטער פאָן איז די רעכט פון יעדן סאָוויעטישן בירגער שטרעבן ביז צו דער רויטער פאָן און ביז אַן אָרדען און אפילו ביז אַן אויפ־נאַם ביי סטאַלינען... איר וועט אומבאַדינגט אַריינגעטראָגן ווערן אין דעם צעטל פון די קעמפער פאַר דער איבערגייענדיקער פאָן... מיטן גרעסטן כבוד, כאָטש איך בין שטאַרק אין ספק, צי איר וועט זיך צו איר דערשלאָגן... דאָס איז אַ האַרטע נוס, זי איז נישט גרינג איינצובייסן. און איצט גיי איך איבער צו דער לעצטער פראַגע. איך זע, אַז איר זענט אַ קלוגער מענטש, אַן אַנטוויקלטער און אַ קולטורעלער. זאָגט מיר, צי קלערט איר נישט, אַז

ביי הונדערט פּופּציק מענטשן, ווי איר אַליין האָט זיך אויסגעדריקט: „אַ קליין פאַבריקל", איז שוין צייט זיך אין גאַנצן איינשליסן אין סאָוויעטישן אַרבעטער־קלאַס און אויפהערן האַלטן שבת פאַרמאַכט דעם אַרטעל? עס איז דאָך אַ שאַנדע פאַר לייטן... האַ?

— איך האַלט אויך, אַז עס וואָלטן שוין לאַנג צייט געווען...

אַלע הערצער האָבן זיך אָפּגעשטעלט... נאָר דער דניעפּר האָט מעטאַ־דיש געטריי געוואַשן דעם ברעג... יעמצאָוו האָט פריינדלעך אַ קוק געטון אויף שלמהן:

— האַלט איר אויך אַזוי? זענט איר דאָך טאַקע אַ מאַלאַריעץ... נאָר אין וואָס איז די מניעה?

— קיין ריכטיקע מניעה איז טאַקע נישטאָ... נאָר בכלל, צו אַלצדינג איז נוטּ, אַז מען דערגייט אַליין מיטן שכל... איך האָף, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען דער טאָג, ווען אַלע מיטגלידער וועלן זאָגן צו זייער פאַרוואַלטונג: פירט אונדז איבער אויפן אַלגעמיינעם אָפּרוטאָג... מיר ווילן שוין נישט זיין קיין אויסנאַמען... און ביז דאַמאָלסט מוזן מיר געדולדיק וואַרטן... קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ...

— חבר פּיאַטיגאָרסקי! די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אויך אַליין נישט געקומען... מען דאַרף אונטערוואַרעמען, אַגיטירן אַ ביסל...

— חבר יעמצאָוו! וואָס גלייכט איר? די רעוואָלוציע האָט מען דאָך געמאַכט מיט באַוווסטזיניקע בירגער און ד ע ר עולם, זאָל מיר מוחל זיין, איז דאָך אַ דעקלאַסירטער עלעמענט... געבראָכענע עקשנים און טאַקע אַ ביסל אָפּגעשטאַנענע אויך... זיי פאַרשטייען נישט ווי געהעריק די דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער אויפבויאונג, זיי ווילן נישט אַריינדרינגען אין דעם מהות פון דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. איך וועל זיי נעמען אַגיטירן, וועט ביי זיי אָנהייבן פאַלן די אַרבעט פון די הענט... דאָס וועט נאָך זיין ערגער פון איבערגיין אויף שיך מיט אַ מאָל... ניין, שוין גלייכער אויס־וואַרטן, ביז דער טיפער אמת פון דער נייער געזעלשאַפט וועט זיי אַליין דורכנעמען און זיי וועלן זיך ביי אונדז בעטן: מיר ווילן שוין נישט קיין שבת, נימ אונדז דעם אַלגעמיינעם אָפּרוטאָג... יאָ, יאָ, אַזוי איז גלייכער...

— איך קען אייך נישט זאָגן, חבר פּיאַטיגאָרסקי, אַז איר זענט אין גאַנצן גערעכט, נאָר אויף היינט וועט זיין גענוג... דער עיקר, דערווייל, פאַרשטייט זיך, איז דער פּלאַן... די כמות און די איכות... איך דערקלער די זיצונג פאַר געשלאָסן. די נייע חברים וועט איר אַריינגעמען, פאַרשטייט זיך. צום ווידערזען, חברים, אייערע פאַרשלאָגן וועלן באַטראַכט ווערן און מיט אַלע מעגלעכקייטן אויסגעפירט ווערן... אַ דאַנק פאַר דער וואַרעמער אויפנאַמע. אַ גוטע נאַכט!

מיט אַפּלאָדיסמענטן האָבן די אַרבעטער אַרויסבאַגלייט די געסט. די סירענע האָט אַ קרעכץ געטון און דער „זים" איז פאַרשוווּנדן אין דעם נאַכטיקן נעפּל...

גייענדיק צום טראַמוויי האָט טאַני אָנגענומען שלמהס האַנט:

— שלמה, איך דאַנק אייך פאַרן היינטיקן אָוונט... איך האָב זיך אין אייך נישט גענאַרט... איר זענט אַ דיפּלאָמאַט...

שלמה, אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט נאָר אַ שנאָל געטון אין איר חנעוור־דיק נעזל.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַ גאַנצע בריגאַדע אַרבעטער רעמאָנטירט דעם סאַלאָן אויף נאַבערעזשנע־ניקאָלסקע, אויף אַ סטאָלאָווע פאַר די „פאַנטאָפּלצעס“.

די מיטלסטע טאָכטער, מלכה פייגנבוים, איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטערין און שלמהס מומע ברכה אַלס געהילף.

קאפיטל VI

די שבת־ביי־טאגן פלעגן די מיטגלידער פון „פאנטאפל“ פארברענגען ביי די פייגנבוימס בראש מיט הרב ביאליק. די שבת־צו־נאכטסן פלעגן זיי גרופנווייז באזוכן טעאטער, קאנצערטן.

עס איז שווער צו זאגן, ווער עס האט דער ערשטער אנגערופן די יוגנט־לעכע יידישע ארגאניזאציע אין קיעוו מיטן נאמען „תפארת־בחורים“ און די אנפירנדיקע מיטגלידער — „ועד־תפארת־הבחורים“. קיינער האט דעם „ועד“ נישט געקליבן, מען האט נישט געהויבן קיין הענט און דאך האבן זיי זיך דערפילט פאראנטווארטלעך פארן כלל און פאר אלע יידישע ענינים. דאן האבן זיי אויף אן ענגער זיצונג באשלאסן, אז אין משך פון דער וואך זאל יעדער איינציקער פון זיי זיך גוט צוקוקן צו אלע יידישע אינסטיטו־ציעס אין קיעוו, באמערקן, וואס עס פעלט זיי, צוטראכטן אן אופן ווי ארום דאס צו פארבעסערן, און אויף דער קומענדיקער זיצונג מיטטיילן אלעמען זיינע פארשלאגן. אזוי ארום וועט פארקומען א מיינונגס־אויסטויש און עס וועט מעגלעך זיין אנצונעמען א באשלוס.

א גאנצע וואך האט דער ועד ארומגעגנישטערט איבער קיעוו. באזונ־דער, יעדער פאר זיך, האט אויסגעפארשט די לאגע פון יעדער יידישער אינסטיטוציע, פון יעדער מער־ווייניקער קהלישער קערפערשאפט. ווען יע־דער איינער האט מודיע געווען, אז ער איז שוין פארטיק מיט זיין פלאן, זענען זיך די סאמע נאענטסטע חברים צונויפגעקומען אין זעליק פייגנבוימס אייגענער דירה.

דאס איז געווען א גרויס, רייך מעבלירט צימער אויפן דריטן שטאק, טאקע אין זיין פאטערס הויף אויף קאראוואיעווסקע 67. די שטארן זענען אין יענעם אוונט נידעריק אראפגעלאזט געווארן, די טיר פעסט פארשלאסן. ביים קיילעכדיקן טיש האבן זיך אלע ענג ארומגעזעצט, אפגעזופט פון דער טיי און איינשטימיק אויסגעקליבן דעם בעל־הבית פון דער דירה אלס פאר־זיצער. זעליק האט זיך נישט געפרווט אפזאגן, ער האט אפגערוקט פון זיך דאס גלאז טיי און די זיצונג האט זיך אנגעהויבן.

זעליק: טייערע חברים! שוין דער פאקט אליין, וואס פון אלע אונדזערע, יעהן־שבתדיקע 60־70 חברים, זענען מיר אויף דער ערשטער ערנסטער זיצונג, אפילו קיין גאנצער מנין נישטא, דאס אליין שטרייכט גאנץ גענוג אונטער אז מיר, הנצבים פה היום, שטעלן מיט זיך פאר די אזוי גערופענע „פאליט־ביורא“ פון קיעווער „תפארת בחורים“. שמייכלט נישט, דאס איז נישט קיין טיטל, דאס איז א חוב. א גרויסער בלוטיקער חוב פארן יידישן פאלק בכלל און פארן קיעווער יידנטום בפרט. כמדומין אתם, ששררות אני נותן לכם? — עבדות אני נותן לכם *!...

---

* איר מיינט, אז הערשאפט געב איך אייך? קנעכטשאפט געב איך אייך! פון דער מסכת הוריות.

שלמה, מיט א פאַלשן ערנסט:

— ווער לאַכט? איר זעט מיך לאַכן? מיט אייער אָריגינעלן פאַרגלייך דערמאָנט איר מיך נאָר אין יענעם ליבהאַרציקן דאָרפס־יידן, וואָס האָט אין בית־המדרש הינטער דער הרובע געזאָגט תהילים אויף קולי־קולות, — מן הסתם אויף אַ צרהלע. מיט אַ מאָל האָט אים צונעשלאָגן צום האַרצן אַ כוואַליע ביטערניש און ער האָט אַ טיפן קרעכץ געטון דאָרט, ווו ער האָט געהאַלטן: „אוי, רבונו של עולם, ואתה אנוש כערכי" *...

אַלע ביים טיש פּלאַצן אַרויס מיט אַ געלעכטער. שלמה זעצט פאָר שמייכלענדיק:

— אַקוראַט אַזוי קלינגט אין מיינע אויערן אייער „געלונגענער" פאַר־גלייך... מיר, פאַרוואָגלטע שוסטערס, שמאַטע־לוויזערס — פּאַליטרביוראָ!...

זעליק, מיט פאַרדרוס:

— וואָס וועט זיין דער תכלית פון אייך, שלמה? איר זענט, דאַכט זיך, אַ דערוואַקסענער מענטש און ווייסט נאָר וועלטלעך זאַגן, אייביק נאָר איר לאַכט... אַ לעבערדיקע נשמה האָט מען אייך איינגעטיילט... זאָלט איר טאַקע וויסן, בדחן מיינער, אַז מיר, פאַרוואָלגטע שוסטערס, שטעלן מיט זיך איצט פאָר, בעונותינו הרבים, דעם מח פון דער קיעווער יידישער יוגנט... נישט קוקנדיק אויף אייער לצנות איז דאָס פאַרט אַזוי!... און וואָס איר זאָגט: „שוסטערס, שמאַטניקעס", איז דאָס אין אונדזערע יאָרן גאָר קיין חרפה נישט. אויך וואָראָשילאָוו האָט אין לוגאַנסק געאַרבעט אַלס אַ פּראָסטער שלאָסער און בודיאָנע איז אַ פאַסטעך געווען... וויצלט זיך ווייניקער און שטערט מיר נישט. אַלזאָ: מורי ורבותי! מיר לעבן אין אַ צייט, ווען תורת־משה ווערט אָפּגעשטופּט אַלץ ווייטער און ווייטער... אויב די ראַטן־מאַכט וועט אויך ווייטער אַזוי אינטענסיוו אָנגרייפן אויף יעדן מינדסטן פּרט פון יידישקייט, איז שלעכט!... קען הלילה אין פופצן, צוואַנציק יאָר אַרום נישט בלייבן קיין זכר פון קיין ייד. אמת, דער אייבערשטער פירט די וועלט, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט, אָבער אויב מיר וועלן זיצן מיט פאַר־ליינטע הענט, איז דאָס גלייך ווי מיר זאָלן זיי צוהעלפן... מיר מוזן מיט מסירות־נפש אויסזוכן די שוואַכסטע ערטער און זיי פאַרטיידיקן... אודאי, דאָס ערשטע איז פאַרזיכטיקייט. מיר זענען צו ווייניק דאָ, אַז מיר זאָלן גרינגשעצן אונדזער בלוט, אָבער גאַרנישט טון — טאָר מען אודאי נישט... דאָס איז אַ מעות לא יוכל לתקון **... אונדז מיט אייך וועט מען מעניש זיין גלייכצייטיק פאַרביידע זאַכן: פאַר חטאת הצבור והיחיד. מאי טעמא, פרעגט איר? — על דבר, אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים!... פאַר דעם זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט און גאַרנישט טון, פאַר דעם גלעטן זיך די בייכלעך: שישו בני מעי ***, אַבי מ י ר זענען שיינע יידן... פאַרשטאַ־

* דו ביסט דאָך אַ מענטש פון מיינס גלייכן. געזאָגט פון דוד המלך צו זיין פאַררעטערישן בעל־יועץ.

** אַן עולה, וועלכע ס'איז אוממעגלעך צו פאַרריכטן.

*** פרייט זיך, געדערים מיינע.

נען, חברים? דאָס וועט מען אונדז קיין מאָל נישט מוחל זיין, ווייל „כי לכך נוצרנו"... נאָך עטלעכע ווערטער, און איך וועל אייך לאָזן רעדן... איך וויל זאָגן אָט וואָס: אַזוי ווי מיר זענען שוין אַלע נישט קיין קליינע קינדער, אַלע ברוך־השם זעלבסטשטענדיקע מענטשן מיט רייפן פאַרשטאַנד, וואָלט געווען געוווּנטשן, מיר זאָלן נישט פאַרוואַנדלען אונדזער פאַרזאַמלונג אין קיין קינדערשפּיל. פריער אַ ביסל, בשעת דעם עסן, האָב איך געהערט אָפּגעריסענע שושקערייען, עפּעס עמעצער האָט דאַכט זיך געזאָגט: אַרומפאָרן אין די צוגן מיט עטלעכע פּאָר תּפילין און ווו מען וועט טרעפן אַ ייִדן, אים איינרעדן אָפּצודאַווענען... אַ צווייטער האָט געזאָגט, בעטן אין אויסלאַנד „פאָדערונגען" פאַר אונדז אַלע... חברים, אַזעלכע פאָרשלאָגן איז גאָר אַ בזיון ברענגען צום טיש... דאָס איז ווילדע פאַנטאַסטיק... ווער קען דאָס אַרומפאָרן אין די צוגן? און די אַרבעט? הייַנט, הייסט עס דאָך אָפענע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע? קען מען דאָך אַריינפאַלן? און ווער פאָרט דען אין די צוגן? אויב אמתע ייִדן — דאַווענען זיי אַליין, אויב קאָמוניסטן, בעזבאָזשניקעס, וועלן זיי נאָך אויסגעבן אויך... ס'איז נאַריש... צי, למשל: אויסלאַנד! יעדן אַרויסגעפאָדערטן מענטשן מוזן צוגעשיקט ווערן 600 רובל אין גאָלד און ערשט נאָך דעם גיט די מלוכה אפשר איין אויסלענדישן פּאַספּאָרט אויף פינף הונדערט פאָדערונגען... איז ערשטנס, קען דאָס דאָך טון יעדער פון אונדז פּריוואַט, אויב ער האָט נאָר די קלינגערס, און צווייטנס, אונדזער אונטערנעמונג באַשטייט דאָך פון אויפטון עפּעס פאַרן קיעווער ייִדנטום און צוגן מיט פּאַספּאָרטן האָט נישט קיין מינדסטע שייכות מיט קיעוו... אָט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן, עס זאָלן אויפגעגעבן ווערן רעאַלע פּלענער, פּאָזיטיווע, און וועלכע מיר זענען מסוגל אויסצופירן... מאיר סעגאַל, איר האָט דאָס וואָרט... קיין רעגלאַמענט גיב איך נישט

מ א י ר: איך וואָלט פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אויסשפּירן און אויפזוכן ווו ערגעץ אַ ייִד מיט אַ „ניצוץ" פון אַלע אַרטעלן, פאַבריקן, זאַוואָדן און אַנדערע אַנשטאַלטן... נישקשה, חברא, חברא אית ליה... מיר וועלן געוויר ווערן... לאָמיר אַרויסכאַפּן פון אומעטום יעדעס ייִדיש קינד, וואָס עס טליעט נאָך אַ פונק ייִדישקייט אין זיין נשמה, אָרגאַניזירן זיי און עפענען נאָך אַ „פּאַנטאָפל", צי אַן אַנדער מין צעך, אַן אַנאַלאָגישן צו אונדזערן... דערווייל וועלן ייִדן נישט מחלל שבת זיין... שקולה שבת כנגד כל התורה כולה...

אויף זעליקס ליפּן שוועבט אַ לייכט חוזק־שמייכעלע. אַלע שווייגן שטיל. אין חלל פונעם צימער הענגט נאָך דאָס ווידער־קול פון דער ערשטער פּערזאָן אין „פּאַנטאָפל". גאָרדאָנס שטול האָט מיט אַ מאָל געמאַכט אַ שיכורן רעוועראַנס, אַזוי אַז ווען נישט ער כאַפּט זיך אָן אינעם טיש, וואָלט ער זיך געווען אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע אין דער גאַנצער לענג. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו אים מיט פאָרוואָרף.

ז ע ל י ק: נו, נו, יוסף, איך זע דאָך, אַז עס בריט דיך אין אַ געווים אָרט...

קענסט נישט איינזיצן אויף אַן אָרט... זאָג שוין, זאָג, נאָר עפּעס אַ רעכטס... און דער עיקר: קורץ און שאַרף!

גאַרדאָנס אויגן געבן פאַרשייט אַ פינקל:

— גלייך ווי איך קען זאָגן נישט קיין רעכטס אויך...

ער הייבט זיך אויף און זעצט זיך גלייך צוריק אַוועק. זיינע גרויסע גראָע אויגן זענען איצט ווי איבערגעצויגן מיט אַ דורכזיכטיק רויכל. זיי גיבן אַן אָפּעגעם קוק יעדן גלייך אין די אויגן אַריין און מיט אַ פאַרחומפּן קול ווי ביי אַ פאַרשווערער כריפּעט ער אַרויס:

— איך וואָלט פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן בשתיקה פאַרגרייטן אַ ביסל געווער. טאָמער גיט זיך וועמען פון אונדז אַ מאָל איין צו גנבענען אַ גרע־נעץ, קען דאָרט אויסקומען זיך פאַרטיידיקן קעגן באַסמאַטשן* אָדער קעגן אַנדערע מענטשן־פרעסער... איך האָב איצט גראָד אויפן אויג אַ קאָלט**, אַ צאַצקע, זאָג איך אייך... נאָך כמעט אַ נייער... נישט מער, וואָס ס׳איז דערווייל נישטאָ צו אים קיין „יאָדערן“... אָבער דאָס איז פון די קליינע זאַכן... האַ, וואָס? איר זאָגט עפּעס?

אין צימער איז מאָדנע שטיל געוואָרן. פון דעם אומגעריכטן פאָרשלאָג האָבן אַלע פּנימער אויסגעזען דערשראָקן און... פאַרשעמט. נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָט זיך שלמה פּלוצלינג הילכיק צעלאַכט. ווען אַלע אויגן האָבן זיך פרעגנדיק געווענדט צו אים, האָט ער זיך אַ פאַרלוירענער גענומען פאַר־ענטפערן:

— וואָס איז, ווער לאַכט דען? איר זענט אמתע אינקוויזיטאָרס, אויף מיין וואָרט... טאָמער גיט אַ מענטש אַ שמייכל, הייסט עס שוין ביי אייך געלאַכט... וואַרפט מען שוין אויף אים אַרויף די קוקערס און מען איז אים גרייט דורס צו זיין... איך האָב זיך דערמאָנט אַ לאַכנדיקס, האָב איך גע־לאַכט... אָט וועלן מיר אומיסטן זען, צי איר וועט זיין בעסער...

און נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי קיינעם הייבט ער אָן אין אַ געמיטלעכן טאָן צו דערציילן דאָס לאַכנדיקע:

— באַלד נאָכן באַנדיטיזם האָבן מיר געוווינט אין זוועניגאָראָדקע. דאָס איז אַ היפּשע שטאָט. אפשר אַזוי די גרייס ווי פּעטשערסק. איך פלעג אָבער פון צייט צו צייט פאָרן צו גאַסט צו זיידע־באָבע קיין כמעלניק. יענץ שטעטעלע איז שוין געווען פּיל, פּיל קלענער אפילו פון סאָלאָמינקע. אין דעם כמעלניק, טיף פאַררוקט צווישן די הינטערגעסלעך, איז מיט אַ צייטל, ווי אַ ברוגזע מחותנתטע, געשטאַנען דאָס פישערגעסל. אייגנטלעך האָט שוין אין דעם געסל קיין פישער נישט געוווינט פון כמה וכמה יאָרן. דער לעצטער פון זיי, ר׳ גרונם־יקותיאל פלאָטיצע, איז נאָך באַלד נאָך „ביילים“ אַוועק צו אַ רייכן קוזין קיין אַמעריקע, אָבער דער נאָמען פונעם געסל איז איבערגעגאַנגען בירושה פון עלטערן צו קינדער און, ביז ווי לאַנג איך גע־

* אויף דער שפּראַך פון די אַזיאַטישע פעלקער, דאָס זעלבע וואָס — באַנדיטן.

** אַזאַ מאַרקע פון אַ רעוואָלווער.

דענק עס, געבליבן דער זעלבער. אין דעם דאָזיקן געסל, סאַמע אויבן־אָן, איז געשטאַנען אַ לאַנגע הילצערנע שטוב אונטער שטרוי. צום אַריינגאַנג אין געסל האָבן אַרויסגעשטעקט צוויי אַרומגעפליקטע גאַנקעס ווי סקעלעטן פון „פאַר־מבולדיקע" חיות, זיי האָבן געשטשירעט אויפן דורכגייער די געזשאַ־ווערטע צוועקעס און אָנגעיאָגט אַ אומדערטרעגלעכע עצבות מיט זייערע פאַרפוילטע, היפש־צעשויבערטע שטרויענע פיאות. דער רעכטער גאַנעק האָט געקערט צו איתמר־גדליה דעם פאַרמעטניק, דער לינקער צו ירוחם־שעפּטל דעם פאָטאָגראַף. אָבער ביידע גאַנקעס, סיי דער רעכטער, סיי דער לינקער, זענען געשטאַנען פאַרוויסט און פאַריתומט: מען האָט אויף זיי נישט געטראָטן. די בעלי־בתים זייערע האָבן נאָך מקדמת דנא אויס־געהאַקט טירן אין די זייטיקע ווענט, כדי זיך נישט צו באַגעגענען איינער מיטן צווייטן.

ירוחם־שעפּטל דער פאָטאָגראַף איז כל ימיו, פון נאָך דער חתונה אָן, געווען אַ זייגערמאַכער. קיין שום חתן־בחור איז נישט געגאַנגען צו תנאים, ביז ער האָט פריער נישט אַ שמעק געטון ביי ירוחם־שעפּטלען, וואָס פאַר אַ „כלי" מען האָט פאַר אים באַשטעלט. אַז ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָ־לוציע און אַ זייגער אין שטעטל איז געוואָרן אַ יקר־המציאות, איז ער אַוועק קיין אומאַן, אָפּגעזעסן דאָרטן אַ געשוואָלענע וואָך און ערגעץ אויסגעקראַצט פאַר אַ דבר־שבוש אַן אָפּגענוצטן פאָטאָ־אַפּאַראַט. פון די שטאָטישע איינ־וווינער, אויב עמעצער האָט געדאַרפט זיך אַראָפּפאָרטרעטלען אויף צו שיקן אַ רייכן פעטער קיין אַמעריקע אָדער חתן־כלה פאַר דער חתונה — אויב די כלה איז געווען אַן איינגעשפּאַרטע — פלעגט מען פאָרן אין שטאָט אַריין, קיין זוועניגאָראָדקע. נאָר די שקצים און די שיקסעס פון כמעלניק און פון די דערבייאיקע דערפלעך פלעגן קומען „זיך אַראָפּנעמען" אין דעם פישערגעסל, אויפן פאָן פון דער איין און איינציקער לייוונט: עטלעכע מעוברתדיקע ביימער מיט אַ לבנה פון קרייד צווישן די משונה־קרומע צווייגן. ירוחם־שעפּטל האָט גערעדט מיט דער „שין". אין שטעטל פלעגט מען נאָכ־מאַכן, ווי אַזוי ער שטעלט אַוועק די אויסגעסטראָצלטע שיקסעס אונטער דער קריידענער לבנה און אַליין פאַרשווינדט ער אויף אַ מינוטקעלע אונ־טערן שוואַרצן דעקטוך. נישט מער, פאַר דעם „מינוטקעלע" האָט מען גע־קענט פאַרפאָרן קיין יהופּעץ און צוריק. ענדלעך דערהערט זיך אַ קול ווי פון אַ קעלער: „שפּאָקאָינאָ, שנימאַיו! שפּאָ־קאָ־אי־נאָ... טאָ־טאַ־טאָ"... דאָן גיט ער אַ כאַפּ אַרויס דעם קאָפּ: „ווזשע... שפּאָרטיל" *...

איתמר־גדליה דער פאַרמעטניק איז געווען פון דער בר־מצוה אָן אַ פעלנקראַצער. ער פלעגט קויפן געווייינלעכע נאַסע פעלן, זיי טרוקענען, אויסציען, אָפּשאָבן די האָר און אויספּאַרטיקן פון זיי גלאַטינקן פאַרמעט אויף ספרי־תורות, תפילין אָדער מזוזות. נאָך דער רעוואָלוציע, אַז די סופרים זענען געוואָרן אויס סופרים, ספרי־תורות און תפילין האָבן זיך

---

* „רואיק — כ'נעם אַראָפּ! רו־איק... שוין...קאַליע געמאַכט..."

געוואַלגערט אין די בתי־מדרשים אין אַלע קאַסטנס, איז ער געוואָרן אַ געהילף ביי אַ רימער. איתמר־גדליה איז געווען אַ ייד אונטער די פופציק, אַ געלער, אַ לאַנגער, אַ דאַרער. ווען ער איז אַ מאָל געפאָרן מיטן פאָטער קיין טאַלנע צום רבין, האָט ער זיך שטאַרק פאַרקילט און אויער און איז אויף אַלע יאָרן פאַרבליבן אַ בעל־מום: טויב אויף איין אויער. איתמר־גדליה האָט גערעדט מיט דער „סין" און טאַקע מחמת דעם זענען די צוויי שכנים געווען ווי פייער מיט וואַסער. ירוחם־שעפטל האָט געגלייבט באמונה שלימה, אַז איתמר־גדליה רעדט אומיסטן מיט דער „סין", כדי אים צעפּי־קען די גאַל. דאָס זעלבע האָט געגלייבט אויך דער צווייטער און דעריבער איז מען געווען גרייט איינער דעם צווייטן אין אַ לעפל וואַסער צו דער־טרינקען. אָט די אייטערדיקע שנאה איז בשלמות איבערגעגאַנגען צו קינדער און צו קינדס־קינדער. אַלע ערב יום־כפּור פלעגן שטאָט־בעלי־בתים זיך אַריינלייגן אין שלום אַריין און די „שין" מיט דער „סין" האָבן מיט אַראָפּ־געלאָזטע נעזער געמוזט טרינקען „לחיים". אָבער נאָכן תענית, צוריק פון דער שול, פלעגט מען שוין גיין אַ היים מיט פאַרשידענע געסלעך און זיך אַריינקוועטשן אין די הייזער דורך די זייטיקע טירלעך און אַזוי כסדר, יאָר־איין, יאָר־אויס...

אין די יאָרן 1921-1923 האָבן אין יענע שטעטלעך, ווי באַוווסט, עקזיסטירט יידישע גרופּעס פון אָכראַנע אָדער סאַמאָאָבאָראָנע *. אין יעדן הויז איז אומבאַדינגט איינקוואַרטירט געוואָרן אַ ביקס. פאַר איר גוטן צו־שטאַנד איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דער גדול הבית. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען איבונגען מיט געווער און אַ מאָל — לכבוד העכערער נאַטשאַלסטווע — אפילו פּאַראַדן. זייענדיק איין מאָל צו גאַסט ביי זיידע־באָבע האָב איך געהאַט דאָס גליק בייצווזיין ביי אַזעלכע, אַזוי צו זאָגן, איבונגען. דער נאַטשאַלניק פון דער אָכראַנע האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע, ביי וועמען ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן געווער, זאָלן עס דרינגענ־דיק צונויפטראָגן אין שטאַב אַריין, קודם כדי צו קאָנטראָלירן, צי דאָס געווער ווערט אָפּגעהיט, ווי עס דאַרף צו זיין, און דערנאָך וועלן פאָרקומען איבונגען אויף „שיסן". דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויסגעשאָטן אויפן פּלאַץ הינטערן שטאַב און איך אויך בתוכם. יעדער איינער איז געווען אַ בעלן צו זען די גבורה פון די יידישע לייבן. אַזעלכע „מאַנעווערעס" האָבן ס'רוב גע־געבן דעם שטעטל שטאָף אויף אָפּצולאַכן פון די יידישע גבורים אויף זייער לאַנג.

ירוחם־שעפטל דער פאָטאָגראַף האָט אַרויסגעטראָגן די ביקס אַרומגע־וויקלט אין שוואַרצן פּאַפּיר פון פאָטאָ־מאַטעריאַלן — אַזוי ווי אַ חולה־נופל, בשעת ער באַקומט דאָס פּאַלעניש — און געטראָגן זי פאַר זיך אין דער הייך ווי אַ פאָן. איתמר־גדליהס ביקס איז געשטאַנען אין ספרים־שראַנק אַרומ־געוויקלט מיט אַן אַלטן טלית־קטן און אַרומגעבונדן מיט פסולע רצועות —

* זעלבסטשוץ.

אַ זכר פון אַמאָליקע יאָרן. אַז דער באַפעל וועגן צונויפטראָגן דאָס געוועער איז אָנגעקומען צו איתמר־גדליהן אין שטוב אַריין, האָט דאָרט מניה וביה אויסגעבראָכן אַ שטיקל מחלוקת: די קינדער האָבן געזאָגט, אַז ס'איז אַ בזיון פאַר לייטן צו טראָגן די ביקס אין טלית־קטן איבער דער גאַס, די פלוניתטע זיינע האָט זיי אויך אונטערגעהאַלטן: — „מען וועט דיך אַרומשטעקן מיט פעדערן, דו לעקיש־בער, ביסט טויב ווי די וואַנט, זיי כאָטש נישט קיין עקשן־משומד...“ האָט אָבער איתמר־גדליה זיי אויסגעברייעט מיט כמה וכמה ראיות און משלים, אַז מיט פייער שפּילט מען זיך נישט: — ס'איז אייך נישט קיין אתרוג, וואָס מען קען אים איינפּאַקן און אויספּאַקן און ס'וועט קיין זאַך נישט טרעפן... אַ ביקס איז — אַ ביקס... דער סוף איז געווען, אַז מנצח געווען האָט טאַקע דער גדול הבית: — ווי אַ זאַך מאַכט זיך... צו וואָס דאַרף מען ריזיקירן?... און אויב אפילו ס'איז נישט קיין גוואַלדיקע ריזיקע, וועט ער, אַ טאַלנער חסיד, נאָכגעבן אַט דעם ווייבערוואַרג? ווער זשע וועט שוין מקיים זיין דעם „להיות כל איש שורר בביתו?“...

אַז איתמר־גדליה דער פאַרמעטניק האָט זיך באַוויזן מיט זיין באַציצהטן כלי־זין אויף דער גאַס, האָט זיך אַרום אים גלייך צונויפגעקליבן אַ כאָפּטע ווייסע־חברהניקעס, וואָס האָבן אים באַגלייט אין שטאָב אַריין מיט גרויס קוראַזש. מיידעלעך מיט צעפּעלעך האָבן מפקיר געווען זייערע זאַמדיקע חלות און זענען צוגעשטאַנען צו דער פּראָצעסיע. דער פאַרמענטניק האָט געטראָגן די ביקס צוגעדריקט צום האַרצן ווי אַ קליין קינד. עפּעס איינער פון די „ממזרים“ האָט אויסגעשריגן אויף דער גאַנצער גאַס: „עוזר דלים, הושיעה נא...“ און אַ קינדערשער כאָר האָט אונטערגעכאַפּט: „דערלעבט איבער אַ יאָר... דערלעבט איבער אַ יאָר...“ די הקפות אין מיטן יאָר האָבן דעם פאַרמעטניק אַרויסגעבראַכט פון געדולד, ער האָט זיך אויסגעדרייט, באַמערקט די בכבודיקע לויה און האָט אַ ריטשע געטון: — „איך טרעט אָפּ פון מיר, הינטשלעגערס, וואָרעם אָט שיס איך אייך אַלע אויס“... און תוך כדי דיבור כאַפּט ער די איינגעפּאַקעוועטע ביקס און צילט זיך אין דער ווייסער־חברה אַריין. די מיידעלעך זענען זיך צעלאָפן מיט אַ קוויטשעריי, נאָר יענער „ממזר“, וואָס האָט אים געפּראַוועט די הקפות, האָט זיך דווקא נישט דערשראָקן און אים נאָכגעשריגן: „וואָס שרעקסטו די געננדז, דו טויבער לאָך?“... אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך די לויה פאַרטאָפּלט. פון דעסט וועגן האָט די באָסע־קאָמאַנדע געהאַט אויסצושטיין אַ גרויסן נסיון. כאָטש ס'האָט זיך זיי שטאַרק געגלוסט אַ שלעפּ טון דעם „יון“ ביי אַ ציצה, אָבער מען האָט דאָס נישט געטון מכמה טעמים: ערשטנס, קען דער טויבער פאַרמעטניק דערלאַנגען אַ פּליק אין די ציין, אַז מען זאָל דערזען די באָבע פון יענער וועלט, והשנית, האָט מען פון דעסט וועגן געהאַט אַ ביסעלע דרך־ארץ — פאַרט אַ ביקס! איתמר־גדליה האָט געהאַט אַ שווערן וועג פונעם פישערגעסל ביז אין שטאָב אַריין. דער שוויים האָט פון אים געגאָסן ווי, להבדיל, אין שוויצבאָד אויף דער אייבערשטער באַנק. די צווייטע

האלב וועג האָט ער געטראָגן די ביקס אויף דעם שטייגער, ווי מען טראָגט א שירעם — פאַר דעם אייבערשטן שפּיציקל...

אויפן פּלאַץ פון די מאַנעוורעס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. דאָ זענען געווען סיי יידן, סיי גוים, שכנים פונעם דאָרף. קעגן די שיסערס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א שטרויענער מאַנעקען און דער נאַטשאַלניק האָט אויסגערופן די נעמען פון די, וואָס דאַרפן „אויסשיסן". זעענדיק, אז דער נאַטשאַלניק „פּאַרעט" זיך ביים לינקן פליגל, האָט איתמר־גדליה אריינגענומען די ביקס צווישן די פיס, אויסגעקראַצט פונעם זשילעט־קעשענקעלע א שוועבעלע מיט א שטיקעלע וואַטע און גענומען רייניקן דעם טויבן אויער, איינהערנדיק זיך מיט אלע חושים, וואָס דאַרטן רייניקט זיך. ירוחם־שעפּטל, וועלכער האָט באַמערקט זיין שכנס ארטיסטישע פּאָזע, האָט בייזוויליק אָנגעוויזן דעם נאַטשאַלניק אויף אים. דער נאַטשאַלניק דערזעענדיק איינעם פון זיינע העלדן ביי אזא מאָדנע רייניקן, האָט אים שטאַרק פאַרקאַכט ביים האַרצן אויפן טויבן, פאַר וואָס ער ברעכט די דיסציפּלין, און ער האָט אים גלייך אויסגערופן צום שיסן. איתמר־גדליה איז געווען אזוי אריינגעטון אין רייניקן דעם אויער, אז ער האָט גאָר נישט געהערט. זיין שכן אין דער ריי, טאַדרעס־רפאל דער מעבעלעכעס, האָט אים ארויסגעשלעפּט די האַנט פונעם אויער און אריינגעשריגן אהין מיט זיין באַסאָווער שטימע: „ר' איתמר־גדליה, מען איז אייך מכבד מיט א סאָם!" דער פאַרמעטניק האָט ביים אויסגעריסן די האַנט: „מען איז מוחל דעם כבוד, סיסט אליין!"...

די „פּאַנטאָפלצעס" ארום טיש האָבן אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער. אפילו זעליק פייגנבוים אליין האָט אויך אן אָנגעכמורעטער מיטגעלאַכט. זיין פּנים איז אָבער גלייך ערנסטער געוואָרן און ווען דאָס געלעכטער איז אַנטשטילט געוואָרן, האָט ער זיך מיט א פאַלש שמייכעלע געווענדט צו שלמהן:

— גאָט צו דאַנקען, דער זכרון האָט זיך ביי אייך היינט צעאַרבעט גאָר־גאָר אויף אן אַנדער מין אופן... ברוך השם, ווו ערגעץ אן עם־האַרצישער דאָרפסייד און ווו א קליין־שטעטלדיקער שלימזל, זענט איר אים איצט מזכיר נשמות... מען קען דען מיט אייך רעדן ערנסט? אז אלצדינג איז ביי אייך א שפּאַס... איר ווייסט נישט מער ווי כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי...

שלמה, מיט א נעבעכדיקער צורה:

— וואָס ווילט איר פון מיר האָבן? איך קען נישט ארויפציען אויף זיך קיין ערנסטקייט. די סאַמע ערנסטע געדאַנקען פאַלן מיר איין דוקא בשעת איך לאַך... וואָס קען איך העלפן? ס'איז א פאַרפאַלענע זאַך, אזא בין איך...

— זאָגט מיר, תנא־קמא מיינער, בשעת איר וועט זאָגן דעם „הרי־את", וועט איר כאָטש זיין ערנסט?

— איינס פון דיביידע: אָדער יאָ אָדער ניין, וועד ווייסט? סיידן אפשר, אז מען זאָגט דעם „הרי־את", פאַרגייט דער געלעכטער?... דאָס דאַרפט איר וויסן בעסער פון אונדז אלע...

ביים טיש איז א פרישער אויפרייס פון געלעכטער. זעליקס ווייבל דראָט

פון ווייטנס שלמהן מיטן פינגער ביי דער נאָז. זעליק ווענדט זיך אַ ביי־זער צו גאָרדאָנען:

— און אָט דאָס גאַנצע סיסעריי, מיין טייערער שפּיל־פויגל, איז איבער דיין גאַונישער המצאה... מען רעדט פון שטיצן אַ דבר שבקדושה, ביסטו אונדז מכבד מיט אַ סאָס...וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט און יענע נאַכט... נו, נו, אַזאַ אַנשיקעניש... ס'איז שוין דאַכט זיך באַלד טאָג און מען האָט נאָך קיין וואָרט תכלית אין מויל נישט גענומען.

אין צימער האָט זיך צעהערשט אַ דריקנדיקע שטילקייט.

זעליק: נו, נחום אַדלער, איך זע, דיך קיצלט עפּעס. זאָג שוין, זאָג!...

נחום: איך וואָלט געזאָגט, אַז מיר יונגוואַרג זאָלן גרינדן אַ באַזונ־דערע שול, אַהין וועט זיך גיכער איינגעבן צוציען פּאַרלוירענע יידישע יונגעלייט. מיר וועלן דאַווענען מיט זיי, לערנען מיט זיי און אונדזער קיבוץ וועט פיל געווינען פון דעם... אַזוי טראַכט איך... כ'ווייס? וואָס זאָגט איר?

זעליק: מיר וועלן דיר שוין זאָגן, וואָס מיר טראַכטן... ניסן, זאָג דו עפּעס אַ גוט וואָרט...

ניסן: איך וואָלט געזאָגט... מיר דאַכט, אַז מיר זענען צו שוואַך זיך אַנטקעגנצושטעלן דער אָפּענסיווע פון דער מאַכט קעגן דער רעליגיע. סוף־כל־סוף וועלן מיר ווערן איינגעבראָכן און הלואי אָן קרבנות... וואָלט איך געזאָגט אַזוי... אַז מיר אַלע זאָלן זיך פאַרנעמען ערגעץ ווייט אויף מזרח, קיין קוטאַאיס למשל, אָדער בוכאַרא, באַטום אָדער דושאַמבע. דאָרט איז דער דרוק אויף רעליגיע אַ פּיל, פּיל שוואַכערער, אָדער אפשר איז ער גאָר אין גאַנצן נישטאָ. דאָרט וועלן מיר עפּענען אַהטעלן, אַריינציען די דאָרטיקע יידן, זיך אויסלערנען זייער שפּראַך, לערנען מיט זיי תורה און לעבן רואיק... נישט ציטערן מיט דער נשמה. אָט אַזוי וואָלט איך געזאָגט...

זעליק: וואָס הייסט, דו וואָלסט ערשט געזאָגט? דו זאָגסט דאָך...

ניסן, צעטראָגן: נו, יאָ, איך זאָג, אודאי זאָג איך...

זעליק: נו, פּיאַטיגאָרסקי, איצט איז אייער ריי...

שלמה: אפשר איז מעגלעך, אַז איך זאָל רעדן דער לעצטער?

זעליק, מיט אַ זיסן שמייכל: איצט מוזט איר מיך פאָלגן. תעלא בעידניה, סגיד ליה*...

שלמה, פאַרשעמט: אין דעם פאַל איז נישט תעלא און נישט סגיד... מילא, כ'וועל זאָגן, וואָס קען דאָרט זיין?

אַ לאַנג־דויערנדיקע מינוט איז שלמה געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַלע האָבן מיט דרך־ארץ געשוויגן, נאָר סעגאַל האָט געוווּנקען צו פרידמאַ־נען: אַ באָמבע...

שלמה: אפשר וועט מיר זיין דערלויבט, איידער איך גיי אַרויסזאָגן

---

* אפילו צו אַ פוקס, נאָר בעת ער איז קיסר, איז דער לייב זיך מחויב בוקן צו אים.

מיינע אייגענע רעיונות, זיך פריער קורץ אָפּשטעלן אויף די דריי ערשט אַרויסגעזאָגטע פּלענער ?

ז ע ל י ק : דאָס דאַרף מען פרעגן ביי די קאָלעגן... וואָס זאָגט איר, חברה ?

אַ ל ע : זאָל ער זאָגן... זאָל ער זאָגן...

ז ע ל י ק : נו, מען האָט דערלויבט, זאָגט !...

ש ל מ ה : אויף די חברימס פּלענער וועל איך זיך אָפּשטעלן זייער קורץ, דערנאָך וועל איך פונאַנדערוויקלען מיין אייגענעם פּלאַן. איך מוז אייך מודה זיין, ווי עס איז מיר נישט אָנגענעם, אַז אַלע פאָרגעשלאָגענע אופנים זענען מיר נישט צום האַרצן, זיי געפעלן מיר פשוט נישט... מיר וועלן נעמען סעגאַלס : ער מיינט, אַז ער איז אין ארץ־ישראל... ער וועט זיך ערשט צעצוויינגן, ער וועט ערשט לאָזן וואָרצלען... ער פאַרגעסט, אַז דער „פּאַנטאָפל“ אַליין איז דעם „אוטילפּראָמסאָיוז“ ווי אַ בעלמע אויפן אויג, איבער דעם שבת... ווען נישט דאָס, וואָס מיר אַרבעטן אויסגעצייכנט... ווען נישט דאָס, וואָס די קולטורמאַסאָווע אַרבעט איז ביי אונדז אַוועקגעשטעלט אויף אַ געהעריקער הייך, וואָלט מען אונדז שוין לאַנג צוגעמאַכט דאָס קלייטל... מיט נסים האַלטן מיר זיך און עס איז שווער פאָרויסצוזאָגן, צי איז דעם „פּאַנטאָפל“ אָנגעצייכנט צו לעבן נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש צי נאָך אַ יאָר, וועט ער ערשט אַרויסקוואָקען פרישע פּאַנטאָפל מיט פּאַנטאָפּעלעך... גלאַט הייסט עס, אַבי רעדן... נו, אויף גאָרדאָנס „קאָלטן“ וועלן מיר זיך נישט אָפּשטעלן. זיך שפּילן מיט פייער קען נאַכט, איז דאַכט זיך אַ שטיקל סכנה... ווייטער, וועגן אַדלערס מקום־קדוש. ער האָט אַ ביסעלע פּאַרשפּעטיקט... נישט אויף קיין סך, נאָר אויף אַ דריי צענדליק יאָר... אַזאַ שולכל, ווי אים גלוסט זיך, איז שוין אַ מאָל געווען אין קיעוו, מיטן נאָמען „מגן דוד“, אויף באָלשאַיאַ־וואַסילקאָווסקאַיאַ 32, האָט עס די רעוואָלוציע באַלד צוגעמאַכט... וויל ער אויף דער עלטער, בעת די „אָקטאָבערס“ ווערן שוין אָט־אָט „בר־מצוה“, ערשט אַנטדעקן אַמעריקע און עפענען אַ בחורים־קלייזל... ר' נחום, ווישט זיך אויס די אויגן און גיט אַ קוק אויפן קאַלענדאַר : עס איז נישט דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט, נאָר ברוך־השם דאָס צוואַנציקסטע... נאָר אונדזער זיידע חוני האָט זיך געקענט פאַרגינען צושפּאָרן אויף זיבעציק יאָר... די היינטיקע חונילעך טאָרן נישט איינדרימלען אפילו אויף קיין זיבעציק מינוט... אויפן פראָנט איינשלאָפן, הייסט אומקומען... איצט, וועגן ניסנס בוכאַרער יידן... זיין פּלאַן קען מען שוין הערן, אָבער ערשטנס האָט ער דאָך, ווי זעליק האָט לכתחילה געזאָגט, קיין שום שייכות נישט מיט קיעווער יידן, מיר האָבן דאָך גערעדט וועגן פאַרזאָרגן קיעווער יידן, נישט דושאַמבעער אַנדערטהאַלבן מנינים, אָדער צוויי, וואָס געפינען זיך דאָרטן... צווייטנס, האָט יעדער פון אונדז עלטערן, משפּחה... ווער וועט זיך עס גיין צעשיידן אויף יאָרן צוליבן שטיקל ברויט ? אָט למשל, ווי איר קוקט אים אָן, טאַקע דעם ניסנען, מיין איך... פרעגט אים נאָר, ער וועט אַוועקפאָרן אַהין ? און ווען איר זאָלט אים אָפּשניידן אַ פינ־

גער, וועט ער איבערלאָזן קאַראַוואַיעווסקע 67? ער וואָלט, דאַכט זיך, אויסגעדראַפּעט די אויגן... און אַזוי יעדער פון אונדז... צו וואָס זשע גלאַט רעדן?... אָט אַזוי, פריינד מיינע, האָב איך קיין נחת נישט פון אַלע אייערע דריי פּלענער... נו, אפשר האָב איך שוין אויסגענוצט מיין חלק צייט און עס וועט זיין גענוג?

זעליק: רעדט ווייטער, פּראָוועט נישט קיין עניוות דאָרט, וווּ מען דאַרף נישט...

שלמה: יאָ... איצט גייען מיר אַריבער צו מיין פּלאַן. אין קיעוו האָב צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט דריי לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס הינקען אַלע אונטער. מיר מוזן זיך דערויף מאָביליזירן, און מיט אַלע כוחות, מיט די גרעסטע קרבנות ראַטעווען די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע. די דריי פּראָבלעמען הייסן: תלמוד־תורה, מקוה און גמילות־חסד. תלמוד־תורה — ווער לערנט היינט קינדער יידיש אין קיעוו? קיינער נישט! די גרעסערע ישיבות האָט מען פאַרמאַכט אין די יאָרן 1922-1923, די חדרים — אין 1925-1926 און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע, אויס קול־תורה, אויס תינוקות של בית רבן... אויס יידן!... פאַר וועמען זשע וועלן חתונה האָבן אונדזערע קליינע שוועסטערלעך? אונדזערע צוקינפטיקע טעכטערלעך? ניין! מיר „פאַנטאַפּלצעס" דאַרפן אויפהייבן די צעבראָכענע לוחות... אמת, די חז"ל האָבן בפירוש פאַרויסגעזען, אַז: עתידה תורה שתשתכח מישראל, אָבער ווי איז צו דעם דור אין וועמענס צייטן דאָס וועט געשען און ווי איז צו די מענטשן, וועלכע וועלן נישט קעמפן קעגן דעם בכל מאמצי כוחם! וועגן געלט וועלן מיר שפּעטער רעדן, איך האָב באַגרינדעטע אויסזיכטן, נאָר די פינאַנסיעלע פראַגע וועלן מיר שפּעטער באַהאַנדלען, צו ערשט וועלן מיר פאַרענדיקן מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. מיר מוזן ערגעץ אָפּזוכן אין אַ יידישן ראַיאָן, ווייט פון צענטער, אַ גרויסע דירה, אַריינזעצן אַהין אַ געוועזענעם מלמד מיט דער פאַמיליע און ביי אים אין שטוב איינפירן אַ חדר און אפילו אַ ישיבה. מיר וועלן גוט נאָכקאָנטראָלירן, ביי וואָס פאַר אַ מין פאָטער מיר נעמען אַ קינד. צי קען ער אַליין נישט פאַרראַטן אָדער זיך אויסרעדן פאַר אַ פאַררעטער. די קינדער, וואָס האָבן היימען, וועלן פאָרן אַלע טאָג לערנען און וווינען ביי די עלטערן. מיר וועלן אָבער מוזן באַזאָרגן אַן אינטערנאַט אָדער פּריוואַטע דירות פאַר היימלאָזע קינדער, יינגלעך און מיידעלעך. פּראָפּאָרציאָנעל צום צופלוס פון די תלמידים וועלן מיר דינגען מלמדים. די מלמדים דאַרפן מיר אינספּעקטירן, וואָס, וויפל און ווי אַזוי זיי זאָלן מיט די קינדער לערנען... אפשר וואָלט איך נאָך אַראָפּגעבראַכט צו דעם צוועק מיינעם אַ מלמד פון זווניגאָראָדקע... כאָטש... ניין! ער טויג שוין דערצו נישט... צו אַלט... דערצו — וועלן די קיעווער יינגלעך נישט פאַרשטיין זיין שפּראַך... נאָר מילא, דאָס איז שוין אַ טעכנישע פראַגע... מלמדים פעלן נישט... זיי לעבן אַלע, מיר וועלן זיי אויפזוכן...

ווייטער: מקוה... אין דעם גרויסן קיעוו זענען לעצטנס אין גאַנצן געווען צוויי מקואות. איצט איז שוין נאָר געבליבן איינע, יענע, וואָס איז גע־

ווען אין קאראוואיעוווסקע באַד, האָט מען נישט לאַנג פארשיט, די צווייטע לעבט נאָך דערוויל. אָבער מען דאַרף דאָך נישט זיין קיין גרויסער חכם צו פאַרשטיין, אז אויב די מלוכה האָט געהייסן פארשיטן א מקוה, וואָס האָט געהאַט א קיום פערציק יאָר, און נישט גלאַט א מקוהלע ואויף יוצא זיין. איך דאַרף דאָך אייך נישט דערציילן, וואָס פאַר א מקוה דאָס איז געווען: א פאָלנער באַסיין... א יופי, אַן ערשט־קלאַסיקער פאַרגעניגן. נאָר ווייל עס איז גלייכצייטיק א רעליגיעזע זאַך אויך, האָט מען זי אומברחמנותדיק פאַרשאָטן, און אוים! פאַר וואָס זשע קען מען זיך נישט ריכטן, אז די מלוכה קען אין א שטיקל צייט ארום פאַרזיגלען אָדער גאָר אין גאַנצן צו־מאַכן ד י מקוה אויך? הא? עס קען אפשר נישט זיין, ווער איר זאָגן? וואָס זשע ווערט דאַן? ווערט קיעוו א שטאָט פון בלויז נדות און אלע פריש געבוירענע קינדער — פגומים... אלזאָ, איז מיין עצה אַזעלכע, אז אין שטרענגסטן געהיים, אפילו פאַר די אייגענע חברים, זאָלן מיר קריגן אזא אָרט, ווו מען זאָל קענען אויפבויען א קליין מקוהלע, עס זאָל שטיין גרייט מיט אלע מכשירים, אפילו מיט הייצונג, און קיין בן־אדם, א חוץ אונדז, דאַרף דערפון נישט וויסן. און דאַמאָלסט, אויב חלילה די מלוכה וועט פאַר־מאַכן יענע מקוה, וועט אויף צו מאָרגנס גלייך ארבעטן אונדזער רעזער־ווירטע מקוה. ווי אַזוי און ווענען מודיע צו זיין, וועלן מיר שוין דאַמאָלסט צוקלערן, טעכנישע שוועריקייטן וועלן מיר גרינג באַזייטיקן... איך וויים, אז דערויף פאָדערט זיך א קאָלאָסאַלע סומע, כ'האָב מורא, אויב נישט גאַנצע פינף טויזנטער... אָבער ווענן געלט האָב איך שוין געזאָגט, וועלן מיר רעדן צום סוף.

איצט, מכוח דער דריטער זאַך: גמילות־חסדים! איינע פון די דריי זאַכן, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט, איז אין קיעוו אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן, און דאָס איז זייער נישט גוט. קומט א יונגערמאַן פון דער פראָ־ווינץ, אַן אָרעמאַן, און דאַרף לעבן... ער האָט נאָך אפשר א ווייב מיט קינדערלעך... און פון דעסט ווענן וואָלט ער זייער נישט געוואָלט ארבעטן אום שבת, נישט עסן קיין טריפות... ער איז אָבער אַן אָרעמאַן... ווען ער האָט א הונדערטער אָדער צווייי, וואָלט ער דערוויל ארויסגעגאַנגען אין מאַרק אריין עפעס פאַרדינען... און דאַן וואָלט ער זיך ארומגעקוקט, אפשר א קוסטאַר ווערן... אפשר א קלייבער פון אוטיל... צי אפשר טאַקע זיך ארומדרייען אויפן מאַרקפלאַץ, דאָס איז אי גרינגער, אי עס לוינט בעסער... עד־לחשבון בלייבט ער א ייד, לייגט ער תפילין, קאָכט זיין ווייב כשרם, גייט ער שבת אין שול און אפשר נעמט ער נאָך מיט דאָס יינגעלע אויך... דאָס אלץ איז געוועדט געוואָרן, אויב ער קריגט ערגעץ די צוויי הונדער־טערם. אויב ער קריגט זיי אָבער נישט, מוז ער אריינפאַלן אין א זאַוואָד. האָט ער די וואַכטע זעקס א זייגער — אוים תפילין! מוז ער עסן אין סטאָ־לאָווע — אוים כשרות! אָפּרוטעג גלייך מיט אלע — אוים שבת! בקיצור, אוים אלץ, אוים ייד, פאַרלוירן א גאַנצע יידישע משפחה איבער צוויי הונדערט קאַרבן, וועלכע ער וואָלט גאָר אפשר מיט דער צייט אומגעקערט.

אַזעלכע פֿאַלן קען מען ברענגען צענדליקער, ווי אַזוי דאָס יידישקייט לײַדט דערפֿון, וואָס עס איז נישטאָ דער מזומנער הונדערטער, ווען מען דאַרף אים. אַלזאָ, איז מײַן פֿאָרשלאָג צו שאַפֿן אַ היפּשן פֿאָנד, וועלכער זאָל דינען ספּעציעל צו דעם צוועק: אַרויסצוהעלפֿן דעם נויטבאַדערפֿטיקן, ווען דער חלף ליגט אים אויפֿן האַלדז.

אָט דאָס זענען מײַנע דרײַ פּראָבלעמען. דאָס האָט שוין אַ דירעקטע שײַכות מיט דער שטאָט קיעוו, נישט מיט קוטאַאיס. די דאָזיקע אונטער־נעמונגען וועלן נישט אַרויסרופֿן קיין רעפּרעסיעס מצד דער מלוכה, ווי אַ שול אָדער אַ צעך, פּראָסט־פּשוט דערפֿאַר, ווײַל זי וועט פֿון די אינסטי־טוציעס נישט וויסן. זי טאָר פֿון זיי קיין מאָל נישט געוווּיר ווערן... פֿאַר דער יידישער עפֿנטלעכקייט וועט מען מוזן סימולירן אויף אַזאַ שטייגער: עס דאַרף אַזוי אױסגעשטעלט ווערן, אַז יעדע זאַך טוט אַ יחיד. עס טאָר נישט דערמאָנט ווערן דער נאָמען „תפארת־בחורים“, דאָס שמעקט מיט אָרגאַניזאַציע, נאָר איינציקע נעמען פֿון מענטשן: דאָס קינד אין חדר האָט בײַ אים צוגענומען זרח, אין מקווה האָט זי געפֿירט דוואָסיע, אַ גמילות־חסד האָט אים געגעבן גרונם. אַזוי אַרום וועט עס טראָגן דעם כאַראַקטער פֿון אַן אינדיווידועל שטיקל אַרבעט און נישט אַרויסרופֿן קיין רעש... איצט וועגן געלט: די אַלטע עצה פֿון אהרון־הכהן, אַרויסגיין מיט דער פּאַטשיילע: למי זהב? יעדער פֿון אונדז האָט באַקאַנטע און פֿרײַנט. מען גייט אַרײַן צו יענעם אין שטוב אָדער מען שטעלט אָפּ יענעם אין גאַס: — „גוטער ברודער, מען דאַרף אַ גרעסערע נדבה, אויף אַ לעבנס־נייטיקער זאַך“. אין די טעג אַרבעטן מיר, אין די נעכט גייען מיר אַרום איבער די הײַזער... דאָס איז אונדזער פּראָגנט, עלעהיי אַ סאָלדאַט... דאָס מוז שאַפֿן גרויסע סומעס. למשל, דורך מײַן טאַטן קען איך זיך כמעט מיט אַלע וואָלוטע־הענדלערס פֿון קיעוו. מיר וועט קיינער נישט אָפּזאָגן... איך דאַרף צו זיך קיינעם נישט... מען וועט מיך נישט חושד זײַן. און ווידער, אויב מען גיט נישט מיט גוטן, גיט מען מיט בייזן. איך קען אַ מאָל אַזוי אַרײַנזאָגן... בקיצור, אין איין חודש צײַט נעם איך זיך אונטער צונויפֿ־קלײַבן 1500 רובל. פֿאַרגעסט זשע נישט, אַז איך בין נישט קיין קיעווער... היינט די פּייגנבוימס, קלאָדניצקי...

ס ע ג אַ ל: אַנטשולדיק מיר, שלמה, ס'איז אודאי נישט העפֿלעך דיר איבערשלאָגן, אָבער איך מוז דיר שטעלן איין פֿראַגע: דו האָסט שוין אַמאָל געפּרוווט צונויפֿנעמען געלט?

ש ל מ ה, שטאַמלענדיק אַביסל: — לעת עתה איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען, אָבער וואָס איז דער משל —

— אַהאַ, וואָס איז דער משל? בכבוד גדול! אָט זאָג איך דיר שוין דעם משל מיטן נמשל צוזאַמען. אַ קליינשטעטלדיקער ייד איז אַ מאָל אַרײַנגעקומען אין אַ גרויסשטאָטיש הויז. דערזען אַ פּיאַנינע, איז ער צוגעגאַנגען, אָפּגעוואָרפֿן דאָס דעקל און אַ טאַנץ געטון מיט די פֿינגער איבער די קלאַווישן. פֿרעגט אים זײַן פֿרײַנד: „כאַסקל, איר קענט שפּילן

אויף א פיאַנינע?“ ענטפערט אים כאַסקל גאַנץ דרייסט: „איך האָב נאָך נישט געפּרוווט, נאָר מסתמא קען איך“... דעמזעלבן חן האָבן ביי מיר דיינע רייד, אַז דו ווערסט און דו ווערסט... פּרוּוו זיך קודם דורכגיין איבער די הייזער, ווערסטו ערשט געוואָר ווערן, ווי אַזוי מען טראָגט אַקעגן הונדערטערס... מען קוקט אַרויס אויף דיר... פון דער צונג גייען ביי דיר אַראָפּ די דיבורים אַזוי גלאַטיק, אַז ס'איז אַ מחיה צו הערן. אָבער, גוטער ברודער, לא המדרש עיקר אלא המעשה...

— הער, מאיר, דו ביסט טאַקע וויצע־פּאַרזיצער, אָבער אין דיני־ממונות האָב איך ביי זיך נישט געפּועלט, אַז דו ביסט דערפאַרענער פון מיר, פאַרקערט — אפשר יאָ. אויב איך האָב צוגעזאָגט צו שאַפן פופצן הונדערטער, איז דאָס נישט קיין פערצן, נאָר פופצן... איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע רייד, און וועל אם ירצה השם האַלטן מיין צוזאָג, אַליין, אָן אַפּוטרופּסים... און נאָך עפּעס: מיר אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ, און די, וועלכע מיר וועלן פאַרשטיין, אַז עס איז מעגלעך זיי זאָגן דערפון, וועלן אַראָפּגעבן מעשר פון זייער אַרבעטסלוין, דאָס מאַכט אויך אויס מאָנאַטלעך אַ היפּשע סומע...

ווייטער: מיר וועלן ביי די טישלעך שטילערהייט איבערשמועסן מיט אונדזערע אַרבעטער, אַז מען דאַרף אויף אַ גרויסער זאַך אַראָפּנעמען פון זייער אַרבעטסלוין דריי פּראָצענט... נישט מיר, נישט טאַניין, נישט יוספן, ווער שמועסט מאירן... קיינעם פון אונדז וועט קיינער נישט אָפּזאָגן. און דאָס מאַכט אויס, ווייסט איר, וויפל? אַ מטמון מיט געלט!... אָן עשרות!... און מיר וועלן מאַכן די קונץ יעדן חודש, אַטראַזווי־אַ, גוטע ברידער... היינט איז דאָך עפּעס דאָ אַ גאָט אויך!... ער איז אין גאַנצן פּטור? ער וועט אויך העלפן... מיר וועלן צושטיין צו אים, ער וועט זיך פון אונדז נישט אָפּטשעפּען... שאַ, שאַ, טאַניטשקאַ, איך האָב נאָך נישט געענדיקט... ליידט שוין נאָך אַ ביסל... איר האָט שוין געליטן אַזוי פיל, זייט שוין לייטישע קינדער ביזן סוף אַריין... צו ענדע שטעל איך נאָך איין נייטיקן באַדינג: קיין הסידישע מלוה מלכה טויג דערביי נישט... מען דאַרף אָנמערקן מענטשן, וועלכע זאָלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער טייל אַרבעט. דער גוי זאָגט אַ ווערטל:

— Як багацько хозяів, хата не метена.*

אַזוי טויג נישט: מיר וועלן טון, מיר האָבן געטון... יעדער דאַרף האָבן זיין פּאָסטן און וואָס ווייניקער מענטשן, אַלץ בעסער וועט ווערן אויסגעפירט די זאַך. וועט זיך נישט פאַרלאָזן איינער אויפן צווייטן. און מען מוז נישט אויסקלייבן אַלע. עס מעג, עס דאַרף בלייבן אַ רעזערוו, טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, איז שוין דאָ אַ פאַרטרעטער... שוין, איך האָב געענדיקט...

זעליק פרעגט ערנסט, ביי אַ טויטער שטילקייט:

---

* ווען עס זענען דאָ אַ סך בעלי־בתים, איז די שטוב נישט אויסגעקערט.

— ווענען, שלמה, וואָלט איר אָנגעמערקט אויף יעדן פּאָסטן באַזונ־דער?

— איר האָלט שוין ביי די פּאָסטנס? מיין פּלאַן ווערט דען אָנגע־נומען?

— א פּנים אַז יאָ, קוים איך פרעג אייך...

שלמה, מיט א שיינענדיק פּנים, כּלומרשט בייזלעך:

— וואָס זשע עפּעס פרעגט איר ביי מיר? פרעגט ביי דער פאַר־זאַמלונג... איך בין נישט איינער...

— איך פרעג ביי אייך, מן הסתם דאַרף איך... מיר ווילן זיך אָריענ־טירן אויף אייער מיינונג צוערשט... נו, מיר הערן אייך...

שלמה האָט שאַרף באַטראַכט אַלע אָנוועזנדיקע און ענערגיש געזאָגט:

— איך וואָלט באַשטימט צום גמילות־חסד זעליקן מיט שמעונען, קיעווער געבוירענע... צו דער מקוה — טאַנין... מען מוז א פרוי דערצו, און צו איר — יוסף גאַרדאַן... דאָס איז דער אשמדאי אַליין... ביי אים וועט אַלץ געשאַפן ווערן... משה פרידמאַן דאַרף זיין קאַסירער פון אַלע געלטער און די פראַגע פון תלמוד־תורה, רעכן איך, דאַרף אויף זיך נעמען, במחילה, פּיאַטיגאָרסקי אַליין... טאַקע א שיינער ייד, נאָר ער מעג זיך אויך מטריח זיין לכבוד התורה, לכבוד המקום ולכבוד השבת... די רעשט חברים — אין רעזערוו!...

זעליק גיט א זעץ מיטן פויסט אין טיש:

— אָנגענומען! אַזוי בלייבט עס. שלמה ווייזט אַהער אייער לאַפּע...

טאַני זאָגט שמייכלענדיק:

— שלמהס גליק איז, וואָס ער איז א יינגל, ווען נישט, וואָלט ער שוין נישט אַרויס טרוקן פון מיינע הענט... איך וואָלט פון אים געמאַכט א וויניקן עפּל...

פון דעם מאָרגנדיקן טאָג אָן האָט זיך חברה גענומען צו דער עבודה.

קאפיטל VII

איין מאָל, ווען יאַני איז געקומען פאַר נאַכט אַהיים, האָט אים אסתר דערלאַנגט אַ בריוו.

— פון וואַנען איז דער בריוו?

— איך ווייס אַליין נישט. דער פּאָסטזיגל איז פון זווענינאָראָדקע און דער בריוו איז עפּעס אַ מאָדנער, אַ לשון־קודשדיקער, דאַכט זיך...

יאַני נעמט אַרויס אַ בייגעלע פּאַפּיר צונויפגעלייגט אין פירן. אויף איין זייטל זענען אָנגעשריבן אַ פּופּצן שורהלעך, מיט פּיצעלעך, קאַליגראַפישע אותיות, וועלכע רופן אַרויס אַפּשיי צו זיך. ער פּרוווט לייענען, עס גייט נישט... נישט פאַר זיינע ציין... ער הייבט אָן אותיות־ווייז צעגלידערן דעם אונטערשריפט: זאב בן הצדיק ר' יוחנן טווערסקי מראַכמעסטריווקע...

דאָס האַרץ גיט זיך אין אים דערשראָקן אַ וואָרף: פונעם רבין ר' וועלוועלען...

ער הערט נישט אסתרס פּראָטעסטירן און פליט אַרויס פון שטוב. אין מח ביי אים איז אָן איבערקערעניש... וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט מיט אים דער רבי? פון וואַנען ווייסט ער גאָר, אַז ער איז אין קיעוו? ווער האָט אים געגעבן זיין אַדרעס? צו וועמען גייט מען איבערלייענען? וואַרטן אויף שלמהן — טאָמער קומט ער היינט צופעליק נישט? אין קופּעטשעסקע? ניין, עס איז אַ בזיון, דאָרטן קען אים יעדער...

ער איז אַראָפּגעפאָרן אין פּאָדאָלער שול. אָפּגעדאַוונט מנחה, האָט ער זיך צוגעזעצט צו איינעם, וואָס איז געזעסן איבער אַ גמרא:

— איך האָב צו אייך אַ ביטע, פעטער...

— איך האַלט אין מיטן אַ סוגיא...

— אויף געציילטע צוויי מינוט...

— נו, נו....

— איך האָב באַקומען אַ בריוו אויף לשון־קודש און פאַרשטיי נישט אַליין...

— ווייזט אים שוין אַהער... אַך, וואָס פאַר אַ כתב! געקליבענע פּערל... פון וועמען איז ער? פאַר וואָס פאַרשטעלט איר דעם אונטערשריפט?

— פון וואַנען ער איז, דאָס ווייס איך אַליין... איר זעצט מיר נאָר איבער וואָרט ביי וואָרט, פון אָנהייב אָן, פון סאַמע אָנהייב...

„לכבוד האברך המהולל, איש יקר ונדיב לב, ר' יעקב טולטשינסקי שיחי'...” דאָס זענט איר דאָס ר' יעקב?

— לייענט, לייענט, שלאָגט נישט איבער, זעצט איבער אויף יידיש וואָרט ביי וואָרט...

„... מיר איז באַוווסט געוואָרן, אַז הבחיר המופלג שלמה בן אפרים־אהרון נ״י גייט אַריין צו אייך אין שטוב און עס געפעלט אים אייער

טאָכטער. איז אויב עס איז שוין לאחר המעשה, זאָל זיין בשעה טובה ומוצלחת און מיט פיל ברכה... אויב אָבער עס איז נאָך לפני המעשה, וויל איך זאָגן אַזוי: פונעם ערשטן קוק איז דער שידוך זייער אָפּגעפרעגט. שלמה הנ"ל איז אַ פרום קינד, אַ גרויסער מיוחס און אַ בקי בש"ס ופוסקים. אייער טאָכטער ווידער איז מסתמא נישט דאָס און נישט יענץ, אָבער אַז ער איז מותר אויף זיינע זכיות און זאָגט אויף זיך: „נחות דרגא ונסיב אתתא" *, פאַלן דאָך אָפּ אַלע קשיות ואבעיות, אָבער איר זאָלט גוט וויסן זיין, ר' יאַני, אַז אַזאַ גליק טרעפט איין מאָל אין אַ יובל... חוץ אַלעמען איז שלמה הנ"ל אַ גרויסער בריה בהויות העולם און אַ משכיל. ער איז בלי עין־הרע פול אומעטום. על־כן, זאָלט איר און אייער טאָכטער נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות און ברענגען די זאַך לידי גמר. אַזאַ אויסערגעוויינ־לעכע הצלחה איז עלול קאַליע צו ווערן פון אַ גוט אויג און פון אָפּרעדן... דער אייבערשטער האָט אייך צוגעשיקט אַ מתנת־חנם, נעמט זי גיך און גרינג און לאָזט די זאַך נישט געזייערט ווערן. איך ווינטש אייך און אייער טאָכטער פיל גליק פון די הויכע הימלען. דער אייביקער זאָל שטענדיק באַשיצן מיט זיין רעכטער האַנט דאָס נייע פאָר־פאָלק און זייערע עלטערן מיט זייערע בני־בית..." אָן עק, נעמט שוין צו דעם פינגער, וועל איך אייך שוין זאָגן פון וועמען דער בריוו איז...

— אַ דאַנק פאַר דער טרחה, דאָס איבעריקע וויים איך שוין אַליין...

— זייט נישט קיין איינגעשפּאַרטער ייד, איך וויל אַליין אויך וויסן...

— טאַקע, מהאי טעמא, ווייל איך נישט ווייזן... האָט נישט קיין פאַר־איבל, וואָס איך האָב אייך איבערגעשלאָגן, איר קענט ענדיקן די סוגיא...

אַ גאַנצן וועג אַהיים האָבן אים געקלונגען דעם רבינס רייד אין די אויערן... זאָל ער דערציילן פון דעם בריוו פאַלין?... גאָט באַהיט! דאָס קען נאָך קאַליע מאַכן... זי ווייסט אַ סך און אַ ים, וואָס עס הייסט אַ רבי און וואָס עס הייסט „בקי בש"ס ופוסקים"... ניין! זי דאַרף נישט וויסן פון דעם בריוו און שלמה דאַרף אויך נישט וויסן, קיינער דאַרף נישט וויסן!... עס איז זיין ווייטיק מיט זיין בזיון... האָבן פאַר די אויגן אַזאַ בריליאַנט און אים נישט אויפהייבן... אָבער וואָס קען ער העלפן? גאָט האָט אים מזכה געווען מיט אַזאַ כשרער קו, נאָך ערגער פון איר מאַמען... און עס ווייזט זיך איר אויס, אַז אייביק וועט מען איר נאָכלויפן... ער איז אַזוי אויך אַ שוטה, דער שלמה, וואָס ער לאָזט זיך טרעטן אויפן קאָפּ... וואָס איז, ער, יאַני, זעט דען נישט, ווי זי איזדיעקוועט זיך איבער אים?... אָדער זי לאָזט אים וואַרטן אַ גאַנצן אויפדערנאַכט אָדער זי בלאָזט זיך אָן און ענטפערט אים אין גאַנצן נישט... אַז נישט, גייט זי גאָר איבער אין „קאָנטינענטאַל" אויף עטלעכע טעג און קומט אפילו נישט נעכטיקן... וואָס איז דאָ צו רעדן? אויף צוויי טעלער גיט מען נישט... טאָמער איז די טאָכטער אַ יפת־תואר, דערפאַר האָט ער פון איר צרות אויפן פוד...

* נידער אַראָפּ עטלעכע שטאַפּלען און נעם דיר אַ ווייב, געמיינט — צוליב אַ שידוך איז כדאי צומאַכן די אויגן אויף יחוס.

אין דער היים האָט מען אויף אים געוואַרט מיטן מיטאָג, נאָר פּאָלי איז נישט געווען.

— אסתר, פּאָלי איז נאָך אַזוי שפּעט נישטאָ?

— זי איז שוין געווען. זי האָט אויף איין פוס אָפּגעגעסן און איז אוועקגעגאַנגען.

— וווהין איז זי געגאַנגען?

— איך ווייס וווהין? און אַז איך פרעג, זאָגט זי מיר? זי האָט זיך ממש געוואָרגן מיטן ביסן, אַזוי האָט זי זיך געאײַלט...

— אוראַם, דו ווייסט נישט, וווהין זי איז אוועק?

— איך ווייס יאָ... צו די טולטשינסקיס... זיי פאָרן היינט ערגעץ צוזאַמען...

— שלמה איז נישט געווען?

— ניין, ער איז נישט געווען...

— אָבער ער קען דאָך קומען. וואָס הייסט, זי גייט אוועק אָן אַ „זיי־געזונט“?

— מיר שיינט, אַז זי איז אוועקגעגאַנגען מיט אַ „זיי־געזונט“...

— וואָס הייסט מיט אַ „זיי־געזונט?“

— אַזוי. זי האָט, דאַכט זיך, אָנגעזאָגט שלמהן, אַז ער זאָל עטלעכע טעג נישט קומען.

— פון וואַנען נעמסטו דאָס?

— איך בין היינט געגאַנגען פון דער פּליאַזשע, האָב איך אין פּאַרק דערזען שלמהן. זיי האָבן אויסגעלאָדן גומי־לייוונטענעם ברעזענט פון אַ באַרזשע... ער מיט נאָך אַ גאַנצער חברה. פרעג איך אים, צי ער וועט זיין אויף דער נאַכט, זאָגט ער: ניין, ער איז פאַרנומען עטלעכע טעג און וועט נישט קענען קומען... איך אָבער האָב פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף זיין פּאָלים אַרבעט... וואָרעם שלמה, אַז ער וויל קומען, זוכט ער אויס אַן עצה...

יאַני האָט שווייגנדיק געקנעטן מיטן גאָפּל די קאַרטאָפל און נישט גענומען צום מויל... אסתר איז אַ ברוגזע צוגעגאַנגען:

— פאַר וואָס בין איך אומגליקליכער פון אַלע ווייבער? זיבעצן יאָר ציט זיך דער אָנבייסן און איך קען פון אים גאָרנישט אַרויסקריכן... וואָס קיצלסטו די קאַרטאָפל? פאַר וואָס עסטו נישט? נאָך צו פרי, אפשר?

יאַני האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן קוק, גאָרנישט געענטפערט און גענומען עסן.

— יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן, פון וועמען זשע איז טאַקע דער בריוו?

— דער בריוו איז געווען צו איינעם אַ שוחט פון קופּעטשעסקע־שול. מען האָט נישט געוווסט דעם שוחטס אַדרעס, האָט מען געשיקט אויף מיינעם... איך בין געווען אין שול און האָב אים שוין אָפּגעגעבן דעם בריוו...

— טאַקע נייטיק ווי איין לעבן געדאַרפט לויפן פאַרן עסן... און ווי אַזוי

האָט מען אין זוועניגאָראָדקע געפּאַקט דיין אדרעס?

— אדרבה, ביסט דאָך אַ קלוג ווייבל, זאָג דו מיר... איך וויל אויך וויסן...

— א י ך זאָל גאָר זאָגן? דו האָסט געדאַרפט פרעגן ביי דעם שוחט, ער מוז וויסן...

דעם אויפדערנאַכט האָט זיך פּאָלי נישט אומגעקערט אהיים און יאַני איז אַוועק צו דער אַרבעט מיט אַ שווער געמיט... ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דעם רבינס בריוו. ער האָט שוין אליין פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט און עס האָט אים געשניטן אינעווייניק, לייענענדיק אים. פאַר נאַכט איז ער ספּעציעל געקומען אהיים פריער אַ ביסל און אָפּגעוואַרט פּאָלין. לאַנג איז אים נישט אויסגעקומען צו וואַרטן — פּאָלי איז אַריין אין שטוב ווי אַ דונער:

— גיך, מאַמע, עסן. כ'האָב שטאַרק קיין צייט נישט...

אסתר פרעגט אַ בייזע:

— כ'וואָלט געוואָלט וויסן, ווען האָסטו שוין אַ מאָל יאָ געהאַט צייט?

— ניין, מאַמאַטשקע, היינט ערגער ווי שטענדיק... כ'האָב צוגעזאָגט אין פופצן מינוט אַרום צו זיין „דאָרט“...

— ווו איז דאָס דער „דאָרט?“ ווו ברענט דאָס אַזוי?

— מאַמע, דו גיסט? אַז נישט גיי איך אַוועק אומגעגעסן...

— גיי אַוועק... סטראַשעט מיך... זי מיינט, איך וועל איר נאָכלויפן... קומט צו לויפן ווי אין אַ רעסטאָראַן... די קעלנערשע דערלאַנגט, די קעלנערשע נעמט צו און די פּאַניענקע ווייסט נאָר: זיך אויסשרייען, אָפּעסן און אַנטלויפן...

ביי פּאָלין ציטערן הענט און פּיס פון אומגעדולד... יאַני האָט זיך געוואַשן און אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש. זעענדיק, אַז די מוטער זאַמט זיך, איז פּאָלי אַרונטער אונטער דעם שפּאַניער־ווענטל און האָט גענומען אויף גיך זיך איבערטון.

ביים עסן פרעגט זי יאַני:

— פּאָלי, וווהין יאָגסטו זיך אַזוי?

— מען וואַרט אויף מיר אין „קאָנטינענטאַל“... מיר ווערן אָן...

— אין „קאָנטינענטאַל“ גאָר?... און איך האָב געמיינט אויף סאָלאָמינקע...

דער פאָטער מיט דער טאָכטער קוקן זיך גלייך אין די אויגן... די שטומע סצענע דויערט אַ האַלבע מינוט און מען עסט ווייטער שטיל. יאַני פרעגט רואיק:

— וואָס הייסט, דו גייסט אַוועק? טאָמער קומט שלמה...

— ער וועט קומען, וועסטו זיך מיט אים פרייען... און ווידער, ער וועט נישט קומען...

— פון וואַנען ווייסטו? דו האָסט אים אַזוי אָנגעזאָגט?

— וואָס עפּעס דאַרף אַ י ך אים אָנזאָגן? צו מ י ר עפּעס קומט ער?

— צו ווּעמען דען, צו מיר?

— צו מיר אויך נישט... איך בעט אים נישט קומען... ער מעג זיצן אויף סאַלאַמינקע...

— דו האָסט אים אויך דאָס זעלבע געזאָגט?

— וואָס דאַרף איך אים עפּעס זאָגן? ער איז נישט קליין אליין צו פאַרשטיין...

— הייסט עס, דו קלערסט נישט חתונה האָבן מיט אים?

— איך האָב דיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט און וואָרן דיך צום לעצטן מאָל: טאָמער דערמאָנסטו מיר נאָך אַ מאָל אָט דאָס וואָרט, טרייב איך אים אין גאַנצן אַוועק פון זיך...

— דו האָסט דאָך ערשט אַליין געזאָגט, אַז נישט צו דיר קומט ער, מיט וועלכע זשע רעכט וועסטו אים טרייבן?

— וועל איך אים נישט טרייבן, איך וועל אים נאָר מעלדן, אַז ער זאָל זיך נישט וואַגן ווענדן צו מיר מיט קיין איין וואָרט, ווייל איך וועל אים נישט ענטפערן...

— זאָג זשע מיר, טאָכטער: נאָך וואָס דען גייסטו אַרום מיט אים? פאָלי צעלאַכט זיך:

— וואָס אַרט מיך? עס פעלט פון מיר עפּעס אָפּ?

— אָבער יענער מיינט דאָך עפּעס אַנדערש?

— זאָל ער נישט זיין קיין שוטה... ווער הייסט אים?

— וועל איך אים אַליין זאָגן, אַז עס איז אַ ברכה לבטלה...

— אוי־וואַ!... פאַרסטראַשעט די גענדז... איך וועל נישט קריגן קיין אַנדערע פּופּצן שלמהס... אַ גרויסע מעצאַצע!... און ווידער, אַזוי, מיינ־סטו, טרעט ער שוין אָפּ?... מיט קיין שטעקנס וועסטו אים אויך נישט אַוועקטרייבן... יענער איז די כפרה נאָך מיר... דעם שטויב פון מיינע שיך, ווען איך דערלויב אים, וואָלט ער אָפּגעלעקט.

— איז דאָך טאַקע אַזעלכן גוט צו נעמען...

— ווער — נעמען? וואָס — נעמען? איך קלער נאָך נישט פון נעמען... נאַ דיר גאָר אַ נעמעניש... איך וויל אַוועקגיין לערנען און ענ־דיקן און זיך גוט איינאָרדענען... דאַן וועל איך זיך אומקוקן, ווער איז דאָס נעמעניש געוועזן...

— פאָלי, דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט שוין אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר...

— וואָס זשע האָסטו אַזוי מורא? אַזאַ ווי דיין שלמה וועט מיך ביי זעכציק אויך נעמען מיטביידע הענט... ער האָט מורא, כ'וועל אים אָנווערן...

יאַנים האַרץ קען דאָס נישט פאַרטראָגן. עס פאַרקלעמט אים ביי דער נשמה פון אירע רייד. ער פילט, אַז דער טויט איז אים ניחא'ר איידער שלמהס ליידן... איידער זען שלמהן מיט אַ צווייטער... אָבער וואָס קען ער העלפן?...

קאפיטל VIII

אין דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע אַריין האָבן זיי טאַקע פאַרשפּעטיקט: אַלע לאָזשעס זענען שוין געווען פאַרפולט. דעם רעדאַקטאָר מיטן ווייב האָט מען ווי עס איז נאָך אַריינגעקוועטשט אין דער ערשטער רײ און פאַלין מיט מאַרוסיאַן אין דער פּערטער. אין אַנטראַקט פרעגט מאַרוסיאַ ביי פאַלין:

— וואָס ביסטו עפּעס היינט אַזוי צעטראָגן?

— ווער? איך? עס דאַכט זיך דיר...

— פאַ־ליאַ!... וועמען לערנסטו? נאָך ווייסטו נישט, אַז איך בין אויף דיר אַ גוטער מבין... שוין צייט, דאַכט זיך, אַז דו זאָלסט עס וויסן...

פאַלי לאָזט אַראָפּ די אויגן און ענטפערט גאָרנישט.

— עפּעס אין דער היים אַ סצענקע?

פאַלים שווייגן ענטפערט פאַר איר.

— אַן אינצידענט מיטן טאַטן, צי מיט דער מאַמען?

— מיטן טאַטן... מיט דער מאַמען רעכן איך שוין נישט...

— אַלץ איבער דעם קרעציקן זשידעק?

— מאַרוסיאַ, וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַדער דו זאָלסט אים רופן שלמה אָדער אין גאַנצן זיין נאָמען נישט דערמאָנען...

— וואָס ציטערסטו אַזוי איבער אים? אָנגערירט „יעווא וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ” *?

— איך ציטער נישט איבער אים, נאָר איך וויל נישט ליידן, אַז דו זאָלסט אין מיין קעגנוואַרט אָפּלאַכן פון אים... ער איז נישט מיינס און נישט דיינס גליכן...

— וואָס זשע קריכט ער צו דיר, אַז ער איז נישט דיינס גליכן?

— ערשטנס גייט ער, נישט ער קריכט. אַ מענטש קריכט נישט. ער גייט צו מיר, ווייל ער האָט מיך שטאַרק־שטאַרק ליב...

— אור־וואַ!... אַ גרויסע מציאה!... ווער וועט דיך נישט ליב האָבן?

— איך רעכן, אַז אַזוי ווי ער — קיינער נישט...

— דאָס האָט ע ר דיר אַזוי איינגערעדט?

— פאַר וואָס עפּעס ער? און איך אַליין פאַרשטיי שוין גאָרנישט?

— גאָט מיינער! איך קען דיך נישט פאַרשטיין... מיר דאַכט, כ'וואָלט געשטאָרבן פאַר עקל, ווען אָט דער יודאַש רירט זיך צו מיר צו מיט אַ פינגער... מיט אַ שפּיץ נאָגל...

— מאַרוסיאַ, זאָל דיך נישט עקלען, ער וואָלט דאָס במילא קיין מאָל נישט געטון...

---

* זיין הויכע וואויל־געבורט. אַ ווענדונג, אין צאַרישן רוסלאַנד, צו גרויסע לייט.

— פאַר אַזאַ הייליקן האַלטסטו אים ?
— דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך. נאָר ער האַלט שטאַרק נישט פון דיר...
— נו, און דאַנק גאָט דערפאַר... עס פעלט מיר טאַקע, ער זאָל זיך נאָך נעמען נאָכשלעפן נאָך מיין קליידל...
פאָלי האָט זיך נערוועז צעלאַכט. מאַרוסיאַ האָט זיך אָנגעכמורעט:
— וואָס לאַכסטו ?
— גאָרנישט... איך לאַך דערפון, וואָס דו זאָגסט „קליידל"... יענער טראַכט אפילו דערפון נישט... ער איז אַזאַ פּאָעט... דו זאָלסט אים הערן רעדן, דאָס האַרץ קען צעגאַנגען ווערן... יעדעס פינטעלע פון מיין פּנים געדענקט ער אויף אויסנווייניק בעסער פון מיר אַליין... און דו זאָגסט נאָר: „קליידל"...
— פאָלי, אויף מיין וואָרט, איך זע, דו האָסט אים אויך ליב... אמת ?
— ליב, מסתמא נישט... נאָר געפעלן געפעלט ער מיר...
— און דו וועסט חתונה האָבן מיט אים ?
— ניין, דאָס — נישט!... אַ מענטש איז ער אַ ווילער, אָבער פאַר קיין מאַן געפעלט ער מיר נישט... דאָס דאַרף זיין גאָר עפּעס אַנדערש...
— דו האָסט אין מיר אַ מצוה געהאַט, פאָליטשקע... וואָס דען, מיט אַזאַ כניאָק בלייבן אַליין אין אַ צימער... מען קען גראָ ווערן פאַר איין נאַכט...
— מאַרוסיאַ, כ'האָב דאָך דיך עפּעס געבעטן...
— נו, שאַ, שאַ... כ'וועל מער נישט אָנרירן דיין „הייליקן"... זאָג מיר נאָר איין זאַך: פאַר וואָס זאָלסטו אים נישט דורכטרייבן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל ?
— נאָך דאָס פעלט מיר. דער טאַטע וואָלט מיך, דאַכט זיך, דער־וואָרגן... און פאַר וואָס עפּעס זאָל איך אים טרייבן ?... ער האָט מיך אויף זיין לעבן נישט באַליידיקט מיט קיין איינציק וואָרט... און האָט מיך אַזוי שטערבלעך ליב... ער גייט — זאָל ער גיין... וואָס אַרט מיך, אַז איך גיי אַ מאָל מיט אים אויך ערגעץ ? ער וועט אַזוי לאַנג גיין, ביז עס וועט אים אַליין נמאס ווערן... וועך שמועסט, אויב איך זאָל נאָך אַוועקגיין לערנען, וועט ער זיך באַלד אָפּזאָגן פון מיר... ער וועט קיין יאָרן נישט וואַרטן... ער מעג אפילו ליב האָבן כ'ווייס ווי שטאַרק... דאָס וואָלט געווען די בעסטע עצה... שאַ, שטיל, אָן סצענעס און אָן היסטעריקעס...
— און אויב עס דאַרף נאָך דויערן אַ יאָר, ביז מען וועט דיך שיקן לערנען ?
— ערשטנס, דאַרף נישט דויערן קיין יאָר... צווייטנס, וואָס אַרט מיך, אויב ער וועט גיין נאָך אַ יאָר... איך דערלייג עפּעס דערצו ?...
— און דערווייל זאָל אַזאַ... דיך פירן אונטערן אָרעם ?
— נישט שטענדיק פירט ער מיך אונטערן אָרעם.
— אָבער עס טרעפט...
— עס טרעפט... נו, איז וואָס ?

— און אַ מאָל אַ קוש אויך... זאָג, שעם זיך נישט...
— איך שעם זיך נישט, נאָר דערווייל האָט נאָך נישט געטראָפן...
— קיין מאָל?
— קיין מאָל...
— אָבער עס קען טרעפן?
— קענען — קען... נאָר מיר דאַכט, אַז עס וועט נישט טרעפן...
— וואָס וואָלסטו אים געטון, ווען ער גיט דיר פּלוצלינג אַ קוש?
— כ'האָב מורא, אַז גאָרנישט...
— האָב איך דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט אים אויך אַ ביסל ליב...
— ווער זאָגט דיר דען, אַז ניין?
— פון דעסט וועגן האָסטו אים געהייסן עטלעכע טעג נישט קומען?
— איז וואָס זשע, מיינסטו, האָב איך אַזוי גוט געטון?
— פאַלי, פאָלג מיך, טרייב אים ארוים! ער וועט דיך מאַכן פאַר אַ רביצין...
— שווייג שוין שטיל!... דער פאָרהאַנג הייבט זיך שוין אויף...
מאַרוסיאַ פאַלט צו צו פאַלים אויער און פליסטערט אריין:
— דו וועסט אליין נישט באַמערקן, ווי ער וועט דיך אריינשלעפן אין אַ זומפּ... פאָלג מיך, טרייב אים דורך!... פאָלג מיך איין מאָל, וואָס ארט דיך?

*

אין עטלעכע טעג ארום, ווען אלע זענען שוין געשלאָפן, האָט אסתּר איבערגעווישט דאָס געפעס און גענומען פארריכטן יאַנים אנצוג. פון דער וועסטל־קעשענע איז ארויסגעפאַלן דעם שוחטס בריוו. אסתּרס אויגן האָבן אַ פינקל געטון מיט אַ חשד:
— האָט ער דעם בריוו, הייסט עס, נישט אָפּגעגעבן דעם שוחט?...
ניין, מען דאַרף אָן שום תּירוץ געוויר ווערן, וואָס שטייט דאָ?...
זי האָט באַהאַלטן דעם בריוו ביי זיך אין בוזעם און ווייטער פאַר־ריכט די הויזן. ווען שלמה איז צו מאָרגנס געקומען, האָט זי אים מיט אַ ווונק ארויסגערופן אויף די טרעפּ און שעפּטשענדיק געזאָגט:
— נאַ, שלמה, לייען איבער און זאָג מיר, וואָס שטייט דאָ?
שלמה האָט צוויי מאָל איבערגעלייענט די געפּערלטע אותיות און אומגעקערט אסתּרן דעם בריוו.
— וואָס זשע שווייגסטו? איך פרעג דאָך דיך, וואָס שטייט דאָ גע־שריבן?
— פון וואַנען דער בריוו איז, ווייסט איר דען?
— פון זוועניגאָראָדקע. וואָס דען, איך וויים נישט? פאַר וועמען האַלטסטו מיך?
— איז שרייבט דאָס דער זוועניגאָראָדקער שמש יאַנין, ווען ער האָט יאָרצייט נאָך זיינע עלטערן... און בעט ביי אים עטלעכע רובל, אויב ער פאַרמאָגט...

— איז אַ שמש קען שרייבן לשון קודש?
— עס איז נישט אויף לשון קודש, עס איז אויף תרגום...
— תרגום איז דען גרינגער?
— אָ־אָ! פיל גרינגער... וואָס הייסט, ווער קען נישט קיין תרגום?...
— מהם... נו, אַ דאַנק... דו זאָג קיינעם נישט...
— אַזוי ווי אין אַ קבר... פאַר וועמען האַלט איר מיך?...

אין דער פרי, ווען די קינדער זענען זיך צעגאַנגען פון דער שטוב און יאַני האָט נאָך געהאַלטן אין דערזאָגן דעם „יום" תהילים, האָט אסתר אויף זיך אַ קוק געטון אין שפיגל, פאַרריכט די האָר און איז צוגעגאַנגען צו יאַנין:

— נו, גוט אַזוי, יאַני, זאָג אַליין... פון ווען אָן האָבן מיר דאָס אָנגע־הויבן אָפּנאַרן איינס דאָס אַנדערע?

— ווער נאַרט דיך? איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר...

— ווער נאַרט נאָך, פרעגט ער? דו שעמסט זיך גאָרנישט? אויס־טראַכטן אַ בוידעם מיט אַ שוחט, מיט אַ קופּעטשעסקע, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן... און וואָס? וואָס האָסטו מורא געהאַט זאָגן, אַז דער וועניגאַראָדקער שמש בעט אַ נדבה? ס'איז עפּעס אַ פאַרברעכן?

— פון וואַנען ווייסטו דען? ווער האָט דיר דערציילט?

— דו מיינסט, איך וועל זיין גערעכט אין דיר? אויסטראַכטן עפּעס אַ ליגן, אַ האַצעקלאַץ... דוקא נישט! איך נאַר נישט אָפּ, ווער שמועסט דעם אייגענעם מאַן... וואָס הייסט, פון וואַנען איך ווייס? בשעתן פאַרריכטן האָב איך אין דיינע הויזן געפונען דעם שמשס בריוו, האָב איך אים נעכטן אויף אַ ציקאַוועסט געוויזן שלמהן, האָט ער מיר שוין געזאָגט...

יאַני שענקט אסתרן אַ ווייסטן קוק און קען נישט איופרוימען דעם אומגליקלעכן שמייכל פון די בלאָע ליפּן. אסתר מאַכט אים אַ הנדעלע און זאָגט ווייטער מיט אַ קאַפּריזנעם פאַראיבל:

— פאַרקערט, זאָג אַליין, צי האָב איך דיר שוין אַ מאָל געשטערט צו געבן אַ רובל צדקה? דאַכט זיך, אין כמעלניק, וויפל דו פלעגסט צע־טיילן... האַ? צי האָב איך אַ מאָל געפּרוּווט זאָגן: „יאַני, עס איז צו פיל"? ניין, דאַכט זיך? היינט, צו וואָס זשע האָט דיר געטויגט דער ליגן מיטן שוחט? מיך וועט אַרן, אויב דו וועסט שיקן עפּעס דעם שמש?... מיטן גרעסטן כבוד... אַבי דו האָסט נאָר — שיק...

נאָר וואָס איז דאָס? יאַני כאַפּט דעם מאַנטל אין איין האַנט, דעם פּאָרטפּעל אין דער צווייטער און פליט אַרויס פון דער טיר אָן אַ „זייט געזונט"... וואָס איז דאָ געשען? אפשר האָט זי אים מיט עפּעס באַנגערירט דעם כבוד? גאָט מיינער! ווען איז יאַני געווען אַזוי אַמביטנע? מען זאָל זיך גאָר דאַרפן היטן מיט אַ וואָרט... ווי געפינט זי זיך? אין געפּעאַו, נישט ביי זיך אין שטוב?

זי הייבט אָן דורכזיפן אין געדאַנק אַלץ, וואָס זי האָט אים דאָ גע־זאָגט, און קען בשום־אופן נישט טרעפן, מיט וואָס האָט זי אים דאָ אַזוי

שרעקלעך באַליידיקט. זי נעמט זיך עפּעס טון און פאַלט אַנידער מיט אַ געוויין... נישטאָ דאָס לעבן וואָס אין כמעלניק... יאַני איז גאַרנישט דער יאַני... שטענדיק פאַרבלאָזן, פאַרמרח־שחורהט... פון אירע אויגן גיסן זיך אַלע הייסערע טרערן. טרערן פון אַן אומזיסט באַליידיקטער, טרערן פון בענקעניש נאָכן פאַרגאַנגענעם גליק, פון גלוסטעניש נאָך אַ פונק ליבע, נאָך אַ גוט וואָרט, נאָך אַ גוטן בליק...

פאַר נאַכט, בעת פאַלי טוט זיך איבער און שלמה קוקט אַריין אין אַ צייטונג, זוכט יאַני אויף שלמהס געזיכט אַ שפּור פון דעם רבינס בריוו און געפינט נישט. דאַן רופט ער זיך אָן צו אסתרן, אויף אַ קול, אומיסטן, כדי שלמה זאָל אויך הערן:

— אסתר, איך האָב דיך געפאָלגט און היינט טאַקע אויפגעלייגט דעם זוועניגאָראָדקער שמש עטלעכע רובל...

— זאָל אים וויל באַקומען. איך בין עפּעס אַ מאָל געווען קעגן אַזאַ זאַך?

זי גייט צו נעענטער און זאָגט יאַנין שעפּטשענדיק:

— איך בעט שלמהן קיינעם נישט דערציילן און דו דאַרפסט אויסשרייען אויף דער גאַנצער שטוב... געשיקט — איז געשיקט...

יאַני נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון שלמהס פּנים: אַ ספינקס!... קיין איין אָדער האָט נישט קיין ציטער געטון. ער טראַכט מיט שרעק: דאָס איז אַ מסוכנער מענטש, אָט דער שלמה. אים פּאַסט צו זיין אַ נאַטשאַלניק פון געפּעאו. פונקט אַ פּאַר פּאַר מיין העצלקע*. גאַטעניו פאָטער! האַלט דיין רעכטע האַנט איבער מיין שטוב... איך וויל ביי דיר גאָרנישט, נאָר שלמהן... שלמהן נעם ביי מיר נישט צו...

---

* אַ צונאָמען פאַר אַ קינד, וואָס שפּרינגט משוגענערהייט.

קאפיטל IX

דער זומער האָט שוין געשמעקט מיט „המצא מנוחה"... זומערטעג לויפן גיך... דער „פאַנטאָפּל" האָט געאַרבעט אויף אַלע רעדער. מען האָט געדראָפּט אויספילן דעם פּלאַן פון דעם אָנקומענדיקן „תשרי", מען האָט געדראַפּט אויספילן דעם פּלאַן פאַר די חברים, וואָס האָבן זיך געלערנט די נייע מלאכה פון שיך מאַכן, מען האָט זיך געדראַפּט יאָגן נאָך דער איבערגייענדיקער רויטער פאָן... דער מעת־לעת איז געווען צו קליין...

ווען עס איז אויסגעפאַלן זיין גורל, פלעגט שלמה גיין מיט פּאַלין, וווהין עס איז נישט איז. ער פלעגט נישט פאַרפעלן צו זיין ביי די פייגנבוימס, אָרגאַניזירן די תלמוד־תורה און דאָך פלעגט ער נאָך אָפּשפּאָרן עטלעכע שעה אויף שרייבן אויך... אין זיין ביוראָ האָבן זיך באַוויזן אַ סך העפטן. ער פלעגט זיך פאַרשליסן אין זיין קאַבינעט ביז צוויי, דריי נאָך האַלבער נאַכט און אַלץ שרייבן און נאָטירן. ער האָט פאַרפּלאַנירט אַ גרויסן ראָמאַן וועגן דער צעבליאונג פונעם קליינעם שטעטל אין דער צייט פונעם „נעפּ" און וועגן דעם צעפאַלן זיך פונעם קליינעם שטעטל נאָך דער „ראַס־קולאַטשעוואַניע".

פונעם פופצנטן אויגוסט האָבן זיך אָנגעהויבן עקזאַמענס אין אַלע לערן־אַנשטאַלטן און דעם ערשטן סעפּטעמבער איז שוין דינה געגאַנגען אויף דעם ערשטן קורס פון קיעווער גיגאַנטישן מאַשינבוי־אינסטיטוט. אין דעם זעלבן אינסטיטוט איז אויך אָנגעקומען אווראָם טולטשינסקי. פּאַלי האָט זיי ביידן מקנא געווען ביז גאָר. נישט מער, זי האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועט זי אויך אַוועקגיין לערנען. מילא, וועט זיין שפּעטער מיט אַ יאָר, וואָס קען מען העלפן? בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל נישט.

אין אלול האָט מען אַרויסגערופן פּערלמאַנען אין „אוטיל־פּראָם־סאָיוז". דער פּאַרזיצער האָט אים אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט, איבערגעדרייט דעם שליסל צוויי מאָל און אַריינוואַרפנדיק זיך אין זיין פּאַטערשטול האָט ער אַ געשריי געטון:

— וואָס טראַכסטו זיך, פּערלמאַן? איך וועל נאָך לאַנג דורך דיר ליידן בזיונות? צו וואָס האָב איך דיך, באַלוואַן מיט אויערן, אַוועקגעזעצט דאָרטן? האַ?

— וואָס ווילט איר פון מיר האָבן, מאַיסיעי לוואָוויטש? וואָס זאָל איך טון?

— וואָס הייסט, וואָס דו זאָלסט טון? אָט דאָס הייסט אַ פּאַרטייאַרבעטער?! אַבי ער נעמט די זעקס הונדערט רובל אַ חודש און טראָגט ביי זיך אַרום אַ קיילעכדיקן זיגל? דו האָסט אַן אַרטעל, דעם סאַמע רענטאַבעלנעם אין קיעוו, אַרבעטער — בלויז אודאַרניקעס*... אַדלערס... גייען

* שלאָגלערס.

אויפֿן ערשטן אָרט... נאָך דער שבת הרגעט זיי אוועק. זאָל אַזאַ דעמב ווי דו נישט קענען פֿועלן ביי זיי, מען זאָל מאַכן אַן עק פֿון דער דאָזיקער מאַניפֿעסטאַציע... איך קען דאָך די גאַס נישט דורכגיין. קום איך אין „אָבלפּראָמסאָוויעט“ *, לאַכט מען מיר אין פּנים אַריין: „וואָס מאַכן עפּעס דיינע שומרי־שבתניקעס? אין דער ערב־יום־טובדיקער פֿאַרמעסטונג גייען זיי ביז עפּעס וואָס אויפֿן ערשטן אָרט!...“ — קום איך אין אָבלאיספּאָלקאָם, זאָגט מיר דער ערשטער סעקרעטאַר: „מאָיסיעי לוואָ־וויטש, איר זאָלט אומבאַדינגט איבערשרייבן דעם שילד. אויס „פֿאַנטאָפּל“ זאָל זיין!... שרייבט גלייך אָן „סובאָטניק“, וועט כאָטש די וועלט וויסן וועמען דער קיעווער „אָבלאָוטילפּראָמסאָיוז“ קען נישט באַזינגן...“ — און אַזוי אין באַנק און אַזוי אין שטאָטפּאַרט־קאָם... כאָטש אַנטלויף פֿון קיעוו אָדער דיך איבערגעבן אין גפּעאו אַלס פֿאַררעטער... אדרבה, זאָג אַליין, וואָס זאָל איך טון מיט דיר? הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, יענע רבנים וועלן זיך דערשלאָגן צו דער רויטער פֿאָן אויך... איך האָב געפּרוווט אַ שעפּטשע טון יעמצאָוון, אַז ער זאָל זייערע סוואָדקעס ** פֿאַרגעסן אונטערן געוואַנט... האָט ער אויף מיר אויסגעשטשירעט די ציין, אַז איך האָב גע־מיינט, אָט עסט ער מיך אויף: „מאָיסיעי לוואָוויטש! מיין קאַבינעט איז נישט קיין בולוואַר!... דאָ חכמעט מען זיך נישט!... גיבן דעם אַרטעל זיין נעהעריקן אויסזען, דאָס איז אַ י י ע ר זאַך, הערויף לעבט אַ י ר אויף דער וועלט. איך וויים נאָר ציפֿערן... עס מעגן זיין גלחים, יעפּיסקאָפּן, רבנים אָדער נעכטיקע קרימינאַליסטן, איך אַנערקען נאָר שוואַרץ אויף ווייס... אויב לויט דער דינאַמיק וועט דער „פֿאַנטאָפּל“ גיין אויף דעם ערשטן אָרט, וועט ער האָבן די רויטע פֿאָן! און בנוגע זיין פּאָליטישן פּרצוף — דערויף האַלטן מיר אייך... שלאָפֿט נישט! קעמפֿט!...“ נו, פּערלמאַן, איצט זאָג אַליין... וואָס זאָל איך טון מיט דיר? פֿאַר וואָס פֿאַרשוואַרצסטו מיר אַזוי דאָס פּנים?... דו שטעלסט זיך פֿאַר, וואָס פֿאַר אַ סקאַנדאַל עס קען זיין, אויב זיי וועלן צונעמען די איבערגייענדיקע פֿאָן און נאָך אַלץ האַלטן שבת?... קיעוו וועט זיך איבערקערן!... וואָס שווייגסטו?

— וואָס האָב איך צו זאָגן, מאָיסיעי לוואָווימש?... איך קען מיט זיי נישט מלחמה האַלטן!... זיי אַרבעטן ווי די רוחות. דער קלענסטער פֿון זיי פֿאַרדינט כמעט אַזוי פֿיל וויפֿל איך. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס באַקומען דרייצן הונדערט רובל אַ חודש. און פּיאַטיגאָרסקי, יענער וואָס האָט גע־רעדט דאַמאָלסט, האָט גאָר אויסגעאַרבעט זעכצן הונדערטער דעם לעצטן חודש. אַ גאַנצער פּראָפֿעסאָר געוואָרן... הוץ דעם קערן זיי איבער אַ וועלט... זיבן און דרייסיק ייִנגלעך און מיידלעך גייען אויף צוויי שעה אין טאָג אויף מעד־קורסן. דאַכט זיך, צוואַנציק אָדער פֿינף און צוואַנציק האָבן שוין

* געגנטלעכער אינדוסטריע־ראַט.

** אַ בילאַנס פֿאַר אַ קורץ שטיקל צייט.

אויסצייכענונגען אַלס „וואָראָשילאָווסקע שיסער“. חוץ דעם ווערט נאָך דער אַרבעט דורכגעפירט אַ טורניר פון שאַכשפילער און אַ חוץ פון „דאַמקע“. ביים עסן לייענט מען אין דער הויך די „פּראַוודאַ“ און די „איזוועסטיע“. מען האָט שוין דאָס פערטע מאָל איבערגעביטן די באַוועגלעכע ביבליאָטעק. אַז כ'וויים גאָרנישט, ווען לייענען זיי נאָך, אָט די שדים?... ווען לייענט מען און ווען שלאָפט מען?... מיינט איר, אַז עמעצער פאַרשפּעטיקט אַ מאָל צו דער אַרבעט? קיין מאָל נישט!... אַזאַ געזעץ האָט אַרויסגעגעבן דער בריגאַדיר: ביז פינף מינוט, רעכנט זיך נישט, נאָך פינף מינוט, אויב עמעצער האָט פאַרשפּעטיקט, ווערט אים אָראָפּגערעכנט אַ האַלבער אַרבעטסטאָג. איך זאָג אייך, מאָיסיעי לוואָוויטש... אַ מיליטערישע שול — און שוין!... אויף קיין פאַבריק וועט איר נישט טרעפן אַזאַ דיסציפּלינירטקייט און אַזאַ געהאָרכזאַמקייט, נאָר אַז עס קומט צו שבת... איז שטאָל און אייזן! וויפל איך רעד מיט זיי — אַזוי ווי צו דער וואַנט!... רעד איך צו דער פאַרוואַלטונג, ווייזן זיי מיר אָן אויף די אַרבעטער; רעד איך צו די מאַסן, ווייזן זיי מיר אָן אויף דער פאַרוואַלטונג. פיר איך זיי צונויף און מאַך אַן אָטשנעסטאַווקע*... שווייגט מען אין גאַנצן. מען בלאָזט זיך אָן און מען שווייגט... און גיי טו עפּעס מיט אַזעלכע מענטשן! איך ווער צעפּיקעט רעדנדיק און זיי ענטפערן מיר מיט שטומעניש. היינט גיי זיי אַ חכם...

— זאָג מיר, פּערלמאַן, ווער איז ביי זיי דער אָנפירער?

— זיי זענען אַלע אָנפירערס... עס פאַרשטייט זיך, די סאַמע גרעסטע אויטאָריטעט איז סעגאַל, מיין פאַרטרעטער... אים קוקט מען אין מויל אַריין און זיינס אַ וואָרט איז הייליק. אָבער גאָרדאָן איז, דאַכט זיך, קיסר פאַר זיך, אַלע ציטערן פאַר אים אימת־מות... צי, למשל, פּיאַטיגאָרסקי, צי אַדלער, צי קלאַדניצקי... ווייסט זיי דער רוח, ווער עס איז ביי זיי דער עלטסטער, ס'איז אַ גוטע באַנדע!... איר מעגט מיר מקנא זיין... איך וואָלט בעסער זיך אַליין אַוועקגעזעצט צוקלאַפּן אַ פאָדעשווע איידער זיין ביי זיי פאָרזיצער...

— ווי זשע קומט אויס לויט דיין געדאַנק: אָט גייען זייערע יום־טובים, וועט זיין פאַרמאַכט דער אַרטעל יעדן צווייטן טאָג? האַ?

— כ'האָב שוין די פראַגע איין מאָל אויפגעהויבן, האָט מיר סעגאַל געענטפערט, אַז נישט נאָר דער פּלאַן וועט איבער די יום־טובים נישט געמינערט ווערן, נאָר דאָס נאָרמאַלע איבערשטייגן פון פּלאַן וועט אויך נישט קלענער ווערן אפילו אויף איינם פּראָצענט... און אַז ער זאָגט, קען מען זיך אויף אים פאַרלאָזן... זיי וועלן מן הסתם אַרבעטן גאַנצע נעכט...

— הער, פּערלמאַן... רוק זיך צו אַהער... אויף די אָנפירערס פון אַרטעל איז נישטאָ וואָס אויסצורעכענען... דאָס זענען אַלט־געבאַקענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. חו הייב אָן שמועסן מיט יעדן אַרבעטער באַזונדער... רעד אָפּ מיט אים, אַז ער זאָל אַרויסגיין שבת אויף דער אַרבעט...

* צונויפפירן אויג אויף אויג.

אַזוי מיט איינעם, אַזוי מיט נאָך איינעם, וועסטו אַליין זען, אַז דעם צווייטן שבת וועלן שוין אַרויסגיין צוויי מאָל אַזוי פּיל... און אַזוי וועט עס אַוועקגיין אַ גאַנג... נאָר מען דאַרף מיט פאַרשטאַנד צוגיין צום אַר־בעטער, צוזאָגן עפּעס... אַ חנפע טון...

— מאַיסיעי לוואָוויטש, כ'האָב מורא, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן די טרחה...

— אין דיין גאָטס מאַמען אַריין! סוואָלאָטש *!... אויף וואָס דען דאַרף איך דיך דאַרטן? וואָס האָסטו שוין אויפגעטון פאַר אַ יאָר צייט?

פון יענעם טאָג אָן איז געווען צו באַמערקן, ווי פּערלמאַן, אַ בלייבער, פלעגט זיך בייגן אין דרייען, פאַר דעם אַרבעטער, פאַר יענעם... איינ־טענהן, צורעדן... די אַרבעט איז געגאַנגען ווי געוויינלעך. אויף דער טיר פונעם אַרטעל איז שבת געהאַנגען אַ שלאָס ווי געוויינלעך. קאַמיניעצקי, דער איינציקער פּאַרטייער אין אַרטעל חוץ פּערלמאַנען, איז געווען מיט דער חברה יד־אחת... וואָס פּערלמאַן פלעגט אים דערציילן בסוד־סודות, האָט די חברה אין אַ שעה אַרום געוווסט און תיכף ומיד רעאַגירט דערויף, ביי צייטנס צוגעגרייט קאָנטער־מיטלען און געמאַכט צו נישט פּערלמאַנס אַטאַקעס...

*

אַ פּאָר טעג פאַר ראש־השנה האָט דער זיידע שלום באַקומען אַ שנה־טובה־בריוו פון דער מומע טייבל:

„... וואָס זאָל איך דיר שרייבן פון זיך, שלום? אַז ווי איז מיר, צו וואָס איך האָב דערלעבט... איך האָב זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט, נאָר דאָס וואָסער גייט שוין איבערן מויל... דאָס יאָר ווינען אין אָרעם האָט פון מיר שוין אויסגעזאַפּט דער מאַמעס מילך... אַז וואָס? וואָס איז מיר געבליבן? מילא, גרשון האָט זיך שוין צוגעוווינט... די שול איז ערגעץ מעבר־לים, דאַוונט ער אין דער היים... רחלע אַרבעט שבת גלייך מיט דער ערגסטער קאָמסאָמאָלקע... ווער ווייסט, אפשר איז זי שוין אויך אין קאָמ־סאָמאָל? דו מיינסט, מען גייט מיר דערציילן?... ביי די קינדער איז אויך קליינע גליקן, קוים וואָס מען קראַצט אויס די הוצאה. קיין רינדערן פלייש זעט מען נישט פאַר די אויגן. וואָס דען? עופות! זאָגן זיי מיר, אַז זיי שיקן צום שוחט. שווערן וועל איך נישט פאַר זיי... פאַר קיינעם וועל איך היינט נישט שווערן... איך אַליין, נישט פאַר דיר געדאַכט, בין די לעצטע צייט שטאַרק נישט מיט אַלעמען... דאָס האַרץ, דאָס האַרץ... אַז כ'דער־מאָן זיך, וואָס עס פלעגט זיך אָפּטון אין אַנאַניעוו אין דער צייט, פאַר־לויפט מיר דאָס האַרץ מיט בלוט... אין אַנאַניעוו האָט דער אלול געהאַנגען איבערן קאָפּ... געקומען סליחות, איז די גאַנצע שטאָט אויף געווען, אַ פיש אין וואַסער האָט געציטערט, קענסט פרעגן שלמה אפרים־אַהרונס... און דאָ... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, איך וויל אויף קיין יידן נישט

* אויסוווּרף.

רעדן, נאָר עס רעדט זיך אַליין... אזא כרך! אנו, עס זאָל זיין אַ מינדסטער אופן פון נישט ארבעטן שבת... אנו, עס זאָל זיין אויף אַ רפואה איין ווייבל צו סליחות... אנו, מען זאָל אַ מאָל זען אויף אַ „שהחיינו" אַ קינד אין שול... אַ הפקר־שטאָט! איך בענק אַזוי נאָך אַ יידישער קהלה... נאָך אַנאַניעוו, נאָך אַנאַניעווער גאַסן, נאָך אַנאַניעווער שטיינער... כאָטש, וואָס איז שוין היינט דאָ אין דעם אַנאַניעוו, אומשטיינס געזאָגט ... מען שרייבט אונדז, אַז די גרויסע שול האָט מען גאָר אָפּגעגעבן אויף אַ צעך, רחמנא ליצלן. די קלויז האָט מען צעצוימט און עס וווינען היינט דאָרטן צוויי יידישע קאָמוניסטן... אפילו דאָס שעכטהויז אין מארק האָט מען איבער־געמאַכט אויף אַ בית־הצניעות... סקוטשנע צו לעבן אויף דער וועלט! איך פיל, אַז איך וועל שוין לאַנג נישט דערציען... דאָס האַרץ, דאָס האַרץ פּלאַצט... איך ווינטש יעדן באַזונדער אַ כתיבה וחתימה־טובה. טאָמער איז עמעצער אויף מיר ברוגז, בעט איך אים איבער... גיב איבער זלאַטעס קינ־דער, אַז אויף זייער פאָטער איז אַ שטאַרקער רחמנות... ער איז אַלט און קראַנק און פאַר וואָס טאַקע זאָלן זיי אים נישט נעמען צו זיך? ער איז דאָך פאָרט אַ פאָטער. מילא, פריער האָט זלאַטע נישט דערלאָזט, האָבן זיי נישט געוואָלט איר קיין יסורים פאַרשאַפן, אָבער איצט, איצט איז דאָך שוין דער תירוץ אָפּגעפאַלן... עס איז אַ גרויס אכזריות פון קינדער נישט נעמען צו זיך אַן אַלטן טאַטן... וואָס זיי עסן, וועט ער אויך עסן... זע, ווירק דו אויף מנשהן, ער זאָל קומען נאָך אים. דיין יחיאל קומט צו אונדז זייער אָפט, ער איז קיין עין־הרע זייער שיין, נאָר ער ווערט גוט פאַרשוואַרצט... אי לערנען, אי אַרבעטן, פאַרשטייסטו דאָך אַליין... מיר האָבן אים דוקא צוגערעדט איבערפאָרן קיין קיעוו, ערשטנס וועט ער פאַר־שפּאָרן זיך וואַלגערן אין דער פרעמד, ער וועט קענען וווינען מיט מיכאלן, און סתם אַזוי, דאָרט האָט ער דעם פאָטער, ברידער און שוועסטער... ער אָבער — איין מאָל ניין... ער וועט פאָרן, זאָגט ער, נאָר נאָך נישט אַזוי גיך... רחלע זאָגט מיר, אַז ער באַקומט בריוו פון שלמהן. איך ווייס?... מיר ווייזט ער גאָרנישט. נו, האָט אַ גוט יאָר און לאָמיר אויך זיין פון די גע־האַלפענע... גרשון מיט די קינדער וועלן אפשר אַליין אָנשרייבן..."

קאַפּיטל X

באַלד נאָך ראש־השנה איז דוד זוואַניצקי, דינהס בעל־הבית, געשטאָרבן. נאָך זיין ווייב איז געקומען אַ טאָכטער פון מאָסקווע און האָט זי פאַרנומען מיט זיך. נאָר פאַרן אוועקפאָרן האָט די אַלטע פרוי זוואַניצקי נאָך אָפּגעטאָן אַ גוטע זאַך. זי האָט פאָרמעל זיך אָפּגעזאָגט פון איין צימער לטובת דעם „זשילקאָפּ“, דערפאַר האָט זי דאָס צווייטע אוועקגעשענקט איר „פּלימעניצע“ דינה פּיאַטיגאָרסקי. זי איז נישט אָפּגעפאָרן פון קיעוו, ביז אַלע פאָרמאַליטעטן זענען נישט געווען פאַרענדיקט און ביז דינה איז נישט געוואָרן די גע־זעצלעכע באַלעבאָסטע פון דעם גרעסערן צימער. דאָס גאַנצע מעבל אירס איז אויך אַריינגעבראַכט געוואָרן אין גרעסערן צימער און דינה אפרים־אהרונס איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע באַלעבאָסטע אין קיעווער צענטער פון שטאָט. רבקה איז איבערגעגאַנגען וווינען צו דינהן און אויף ענגעלס 72 איז געוואָרן נאָך גרוימער.

אין איינעם פון די יום־טובדיקע טעג איז שלמה אַריינגעגאַנגען צו די כאַדאַראָווס נעמען מנשהן מיט זיך און זיך ערגעץ דורכגיין, אויפן אַלטן גוטן כמעלניקער שטייגער. נאָך פון יענער זייט שטוב האָט ער דערהערט פריילעכע פרויען־שטימען, געלעכטערס און געזאַנג. ער האָט געכאַפּט אַ קוק פון הינטער דער סוכה, דאָרט איז געזעסן אַ גרויסע פרויען־געזעלשאַפט: ביידע שוועסטער כאַדאַראָוו, די טערליצער שוועסטער שפרה מיט חנהן, פאַלי מיט סאָנקען, זיין דינה מיט רחלען און אַלע דריי שוועסטער פייגנבוים. שלמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווי קומט אַהער פאַלי? נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער טאָג איז אַן אַלגעמיינער אָפּרוטאָג. האָבן זי, הייסט עס, די כאַדאַראָווס איינגעלאַדן מיט אַ וויזיט אויף סאָלאָמינקע... ווי אַזוי זשע זאָל ער זיך האַלטן מיט איר? אַלע אַנוועזנדיקע ווייסן, אַז ער גייט אַרום מיט איר... וואָס זשע פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן, אויב דאָ, פאַר לייטן, וועט ער זיך האַלטן פרעמד, אַזוי ווי ער האָט איר דאַמאָלסט צוגעזאָגט?... נישט קומענדיק צו קיין באַשלוס איז ער אַ צעטראָגענער אַרויסגעגאַנגען פון הינטער דער סוכה און, צוגעבנדיק זיך מוט, ווי פאַרוואונדערט אויסגערופן:

— אָ־אָ! קיין עין־הרע!... אַ גאַנצער פרויען־באַטאַליאָן!...

— האַ, שלמה!... ווו איז דער „גוט־יום־טוב?“ פאַרגעסן אין דער היים?

פאַלי איז געזעסן מיט אַ זייט און זיך אפילו נישט אויסגעדרייט אויף זיין באַגריסונג. אַלע האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן גאָרנישט, נאָר שלמהס פלוצעמדיקע בלייכקייט האָט נישט ווילנדיק צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. טאַני האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרבל:

— ווהין איז, שלמה? וואָס האָט איר דאָרט אין סוכה נישט געזען? אַ שיינער קאַוואַליער, כ׳לעבן... זעט, אַז מיר זיצן דאָ העכער אַ מנין

פרויען אָן איין מאַנספּערשוין, רוקט ער זיך נאָך אין סוכה אַריין... זיצט מיט אונדז אַ ביסל... דערציילט עפּעס, באַלד וועט מסתמא ניסן אויך קומען...

— איך רעכן, אַז אַ גאַנצע וואָך אין „פאַנטאָפל" עסט מען זיך געוואוינט איין איינער דעם צווייטן, אַזוי, אַז יום־טוב איז גלייכער יעדן פון אונדז זוכן זיך אַ נייע געזעלשאַפט. אפשר נישט אַזוי, טאַני?

טאַני בלאָזט אָן אירע קליינע ליפּן:

— אודאי רעכן איך, אַז נישט אַזוי... אָפּגעזאָגט — און מיינט: כ'ווייס וואָס פאַר אַ חכמה ער האָט דאָ אָפּגעזאָגט. אפשר זענען מיר אייך דערעסן, דאָס קען זיין, אָבער איר אונדז — זענט נישט דערעסן... שאַ, לאָמיר פרעגן די מיטגלידער פון ארטעל, מלכה, גאָלדע, דינה, פאַר וואָס שווייגט איר? שלמה איז אייך דערעסן, צי ניין?

אַלע שווייגן שמייכלענדיק... פאַלי, אַזוי ווי זי האָט אים באַגעגנט מיט אַן אַקסל, אַזוי איז זי פאַרקילט געוואָרן... שפּילט זיך מיט אַ ניסל און הייבט נישט אויף די אויגן... דורך די ראַגאָזשעס, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר די ווענט פון דער סוכה, באַמערקט שלמה, אַז מנשה נעמט קיין אויג נישט אַראָפּ פון דער גאַנצער סצענע. דאָס בלוט פון גאַנצן קערפּער איז ביי שלמה איצט אין פּנים...

טאַני שטייט נישט אָפּ:

— נו, שלמה, וואָס ישובט איר זיך אַזוי לאַנג? צי אפשר שטייט אייך נישט אָן צו זיצן מיט אונדז? מיר זענען דאָך טאַקע נישט קיין שרייבערס און נישט קיין מוזיקער...

שלמה כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי:

— ווייסט איר וואָס? לאָמיר פרעגן ביי דער יינגסטער פון אייער געזעלשאַפט. סאָנקע, וואָס זאָגסטו, וואָס דאַרף איך איצט טון? בלייבן דאָ און אייך שטערן צו פאַרברענגען, ווי אייך געפעלט, צי נעמען מנשהן און זיך אַ ביסל דורכגיין פאַר אַ גאַנץ יאָר, זיך אַ ביסל דורכלופטערן די צונג פאַר אַזאַ שטיק צייט... האַ, וואָס זאָגסטו?

סאָנקע גיט ממזריש אַ בליץ מיט די אויגן:

— איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן, נאָר איך רעכן, אַז אַ מענטש דאַרף שטענדיק גיין אַהין, וווהין עס ציט אים מער...

— בראַוואָ, סאָנקע, בראַוואָ!... דו ביסט טאַקע אַ חכמה... נו, טאַניטשקאַ, אַנטשולדיקט, זייט איר אַליין חזן אין אייער קלייזל...

ער לאָזט זיך גיין אין סוכה אַריין און פילט הינטער זיך גאָלדעס טריאומפירנדיקע בליקן... פאַר וואָס איז זי אים אַזאַ שונא, אָט די גאָלדע? וואָס האָט ער איר אַזוינס געטון? די גאַנצע ביטערניש, וואָס זי טראָגט אין האַרצן אויף דער מאַנסבילשער טייל מענטשהייט, וויל זי אויסגיסן אויף אים?... און אַלץ איבער דינהן?... וואָס דאַרף זי אים אַזוי נייטיק פאַר איר דינהן? נישטאָ קיין שענערס פון אים? ער האָט זי דען די ווערט, דינהן? אָט זיצט זי הינטערן פענצטער, אַ שיינהייט!... אַ בליענ־

דיקע ליליע!... אָט האָט זי זיך אויפגעהויבן: אַ טענענבוים!... ער וואָלט אומיסטן געוואָלט פאַרגלייכן דינה דער מומע זלאַטעס מיט פּאָלין, נאָר יענע האָט זיך נאָך איין מאָל נישט אומגעקוקט. גערעדט: „פּרעמד" — איז פּרעמד. זי איז אַ בוכהאַלטער, עס דאַרף שטימען צום גראָשן... און פאַר וואָס, אַ שטייגער, זיצט זיין דינה אַזוי דערשלאָגן? וואָס איז איר עסק, צי פּאָלי קוקט יאָ אויף אים, צי זי קוקט נישט אויף אים? אפשר געפעלט אים גאָר אַזוי בעסער? אפשר וויל ער גאָרנישט, אַז זי זאָל אויף אים קוקן בשעת מענטשן זען? אפשר גאָר האָט ער אַליין איר אַזוי אָנגעזאָגט? ווייסט זי דער גוטער יאָר, האָט באַגראָבן דעם קאָפּ אין דער ערד, ווי זי זאָל זיצן שבעה, חס־ושלום... אַז יעדער איינער ווייסט נאָר צאַפּן בלוט פון אים... אפילו טאַני דאַרף אויך פאַרטשעפּען מיט אים... ער פעלט איר דאָרט אויס צו אַ מנין... וואָס איז איר עסק, וואָס ער טוט? שלמה גייט, זאָל ער גיין!... ער שטייט, זאָל ער שטיין!... ער טשעפּעט עמעצן? ער גייט אַרום אויף עמעצנס וועלט? ניין, דאַכט זיך? און שפרה פאַרשטייט אויך עפּעס... אַז נישט, וואָס דען חוימט זי עפּעס איין חנהן אויפן אויער? און די עלטערע פייגנבוימס קוקן אויך אויף פּאָלין — אַ פּנים, עמעצער האָט זיך שוין מטריח געווען און צוגעטראָגן זיי, ווער דאָס מיידל איז... דאָס דאַרף אויך זיין גאָלדעס אַרבעט... איי, איז דאָס אַ גאָלדע, אויף קיין גוט אָרט זאָל זי נישט טרעטן!

אין סוכה זיצט מנשה איבער אַ גרויסער ווילנער גמרא. שלמה גיט אַ קוק: גיטין. ער זעצט זיך צו, אָבער מנשה הייבט אפילו די אויגן נישט אויף. כדי איבערצורייסן דאָס שווייגעניש, פרעגט ער:

— מנשה, מיט „קידושין" זענט איר שוין פאַרטיק און לערנט שוין גיטין?

— עס טרעפט, אַז מען דאַרף בייטן די יוצרות...

— איך פאַרשטיי נישט...

— אָט דאָס איז דיין גאַנצער אומגליק, וואָס דו פאַרשטייסט נישט, וואָס דו ווילסט נישט פאַרשטיין... קום אַהער, נענטער אַ ביסל, ציטער נישט... קוק אָן חנהן און קוק אָן פּאָלין, דאָס איז איין מענטש... דאָס מאַכט נישט אויס, וואָס איינע איז עלטער און די צווייטע יינגער, זיי שפּילן ביידע איין ראָל... די עלטערע האָט מיר צעבראָכן דאָס לעבן, די יינגערע וועט דיר צעברעכן דאָס לעבן... דאָס איז ווי צוויי מאָל צוויי... איי, שלמה, שלמה!... וואָלט מיר נישט געווען אַזוי גוט באַקאַנט דער וועג, אויף וועלכן דו גייסט, וואָלט איך דיר גאָרנישט געזאָגט... אָבער איך בין שוין אַ געשלאָגענער... דו האָסט כאָטש געזען דעם קבלת־פּנים, וואָס זי האָט דיר געמאַכט פאַר לייטן אין די אויגן? דו ביסט כאָטש געווען אַ מבין אויף דעם שטיק הינטער־חלק, וואָס זי האָט דיר אַרויסגעשטעקט?... איי, שלמה, שלמה!... אַזאַ געראָטענער שלמה און ברענט ווי אַ שטרויענער דאַך... דו זעסט דאָך, אַז זי קוקט אויף דיר אפילו נישט, וואָס לויפסטו איר נאָך ווי אַ הינטל? וואָס וואַרטסטו אויף אַ נדבה, וואָס? איך שטעל

זיך שוין פאר, וואָס פאר אַ טעם עס האָט דיין גיין מיט איר אין קינאָ, צי איך וויים וווהין נאָך דאָרטן... זי מוז אודאי גיין אויף אַ פופציק שפּאַן פאָרויס און דו זיך נאָכשלעפּן הינטן... איי־איי־איי!... אַ יינגל, וואָס חברים שעצן אים אַזוי הויך... וואָס דער לעבעדינער רב האַלט פון אים, הרב ביאַליק לויבט אים אין דער וועלט אריין און גאַנץ קופּעטשעסקע — און ווער נישט? זאָל אַזאַ בחור אַזוי טיף אריינפאַלן!... קוק, קוק אומיסטן, אַט קוקט זי אין אונדזער זייט אריין... דו זעסט אויגן? המן הרשע!... עמלק!... עמלקס אויגן!... אַזוינע אויגן קענען דען עמעצן ליב האָבן? וואָס נאָך האָסטו אין איר? אַ גוויינלעך פנים, אַ גראָבע, נישט קיין רירעוודיקע, אַזוי ווי אַ געפּענטעטע... וואָס דען, די האָר, דאָס בערדל... איז צוליב אַ ביסל האָר מיט אַ שפּיץ בערדל דאַרף מען פון זינען אראָפּ?... כ׳מעג שווערן, אַז מיין דינה איז פיל שענער פון איר... היינט, חוץ שיינקייט... איר חן, איר יידיש הארץ, איר עניוות... דו האָסט דען אַ געפיל אין איר? דו מיינסט, ווען מען זאָגט איר: שלמה, אַזוי כאַפּט זי דיך שוין? — פּאַוואָליע מיט דער משא!... נאָר גאָרנישט, מען קען רעדן פון דער זאַך, מען קען באַנוצן כוחות... וואָס זשע זאָגסטו?

שלמה האָט גאָרנישט געזאָגט. דורך די ראָגאָזשעס האָט ער געזען, ווי חנה האָט עפּעס געשמועסט מיט פּאָלין, און אים איז געווען גרויליך זיך איבערצייגן, אַז מנשה איז אין אַ געוויסער מאָס גערעכט: די צוויי פנימער האָבן עפּעס געהאַט געמיינזאַמס... ביידע האָבן געשמייכלט מיט אַזאַ כיטרע שמייכעלע, ווי נאָר זיי ביידע וואָלטן עפּעס געוווּסט אַ סוד... אָפּגעשמועסט וועגן עפּעס... פאַרקויפט עמעצן...

מנשה האָט אַלץ געוואָלט באַקומען אַן ענטפער אויף זיין לאַנגער דרשה:

— וואָס זשע שווייגסטו, אַז מען רעדט צו דיר? פּאָלג מיך, פאַר־ענדיק מיטן סדר „גיטין", הייב אָן מיטן סדר „קידושין" און זיי גליקלעך... צוויי מאָל אַזאַ גליק טרעפט זיך נישט... פאָלג מיך, באתרא דליעול ירקא, ליעול בשרא וכוורא*... זיי נישט קיין נאַר... און בכלל, זאָג מיר, וואָס מאַכסטו עפּעס אַזאַ צימעס פון דעם זלידנישן שטיקל עולם־הזה? אויף אַ וואָקזאַל, אין אַ פּרוזהור פּראַוועט מען אַזעלכע קאַפּריזן? דו האָסט דאָך מסתמא געהערט: „על זאת, יתפלל כל חסיד אליך, לעת מצא" — זו אשה. ההא דכתיב: מצא אשה, מצא טוב... דו ביסט דאָך עפּעס אַ יונגערמאַן מיט אַ חוש אין יהודא־עילאה**, דו ווייסט, וואָס עס הייסט חשבון־הנפש, ווו איז דיין „על כרחך אתה חי?" דיין „עפר אני בחיי?" וואָס איז מיט „ימיו כצל עובר?" ווו איז דער „כחלום יעוף?" האַ?...

— איר דרשנט זייער שיין, כמעלניקער רב, הלואי וואָלט איר זיך

---

* אָנשטאָט אַריינצוברענגען אין זיך גרינוואַרג, איז גלייכער, אַז עס זאָל אַריינקומען פליויש מיט פיש. אַ גמרא-ווערטל.

** געמיינט — זיך אַריינטראַכטן אין דער גאָטהייט.

געווען געזאָגט כאָטש האַלב... אפשר האָט איר געהערט די מעשה? א גביר, א גרויסער עם־הארץ און א צבועק, נישט פאַר אייך געדאַכט, האָט געוואָלט גילטן ביי זיך אין שטאָט פאַר א פרומען יידן. גייט ער איין מאָל, סוכות אויף דער נאַכט, צו צום רב און מאַכט צו אים מיט א הייליקער אַנגסט אויפן פנים: „רבי, ווי אַזוי א שטייגער איז מען זיך נוהג מיט שלאָפן היינט ביי נאַכט אין סוכה? אז ס'איז אַזוי קאַלט, ס'איז דאָך א סכנה" — „ס'איז קיין שום סכנה נישט — מאַכט צו אים דער רב — מען דאַרף נישט קעלטער, ווי דו ביסט אין דער שמונה־עשרה, און דאָך שלאָפסטו אין איר גאַנץ געשמאַק..." מען דאַרף נישט טיפער, ווי איר זענט פאַרקראָכן, און עפעס האָט מען נישט געהערט, אז איר זאָלט זיך בשעתו געווען שטאַרק אָנשטרענגען אויף אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטע... אז ס'האָט געהאַלטן ביי אייך אַליין, איז גאָר קיין לשון נישט געווען... דאַמאָלסט האָט איר געהאַלטן מיט יענעם... איר האָט געהערט, ווי יענער האָט געזאָגט: דאָס לעבן איז טאַקע געגליכן צו א חלום, אָבער ווייל איז צו דעם, וואָס האָט געהאַט א גוטן חלום, און ווי איז צו דעם, וואָס האָט געהאַט א שלעכטן...

— דאָס וואָס דו זאָגסט: „ז י ך געווען זאָגן", איז דאָס אַן אַלטער כלל, אז „אין חבוש מתיר עצמו מבית־האסורים". אָבער וואָס דו זאָגסט „א גוטער חלום" — טפו, אויף מיינע שונאים קעפּ! איז דאָס ליידן בזיונות פון אַט דער טריפהנער מויד, פון אַט דעם נחש הקדמוני — הייסט ביי דיר האָבן א גוטן חלום? אַלע בייזע, וויסטע חלומות... איך זאָג דיר, אז ביי דיר אין מח איז עפעס נישט אַלץ, ווי עס דאַרף צו זיין...

— מילא, וואָס קען איך העלפן, משוגע איז משוגע. גאָט דאַרף האָבן צו זיין קרעמל משוגעים אויך... מנשה, קומט א ביסל אַרויס פון שטאָט... דורך טשאַקאַלאָווקע וועלן מיר אַרויסקומען פון יענער זייט אעראָדראָם...

— וואָס פאַררעדסטו מיר די ציין? דו ענטפער מיר קלאָרע דיבורים: איבעררעדן מיט איר?

— מנשה, איר גייט? אז נישט גיי איך אַליין אַוועק...

אַרויסגייענדיק פון דער סוכה האָט שלמה אין דער לופט אַריין א וואָרף געטון „א גוטן יום־טוב" און זיך אפילו נישט אומגעקוקט אין „יע־נעם" ווינקל. פאָלי האָט אויף א סעקונדע א קוק געטון אויף זיין פּלייצע: זיך, דאַכט זיך, באַליידיקט... א מצוה אויף אים... זאָל ער נישט קומען, ווען איך בין דאָ... כ'האָב אים דאָך געוואָרנט...

און זי האָט מיט א ריינעם געוויסן פאָרגעזעצט דאָס געשפּרעך מיט חנהן...

אַרויסגעגאַנגען פונעם הויף האָט זיך מנשה אומגעקוקט אויף שלמהן, ווי ער שלעפּט זיך נאָך א נידערגעשלאָגענער און א צערייצטער, און האָט מיט א נקמה־שמייכעלע א זאָג געטון:

— דו ביסט כאָטש א מבין אויף דעם גראָבקייט?

שלמה האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— וואָס מאַכסטו זיך געפגרט? האָסט גאָרנישט באַמערקט, וואָס

פאר א הארציקן „יברכך“ דיין „באשערטע“ האט דיר נאכגעזאגט, הא? אט דא האט זיך ארויסגעוויזן דער עכטער באנדער, וועלכן דו וועסט נישט אויסוואַרצלען עד עשרה דרא, צי אפילו דאס פארשטייסטו אויך נישט?

— איך פארשטיי נישט, וואס צו פארשטיין...

— שוין זשע האט זי דיך נאך נישט איבערצייגט דערין, אז צווישן אייך ביידע איז נישטא גארנישט קיין געמיינזאמס, קיין איין בשותפותדיק געפיל, קיין איין בשותפותדיק שטעגעלע? שוין אזוי פיל יארן, אז זי קנעלט מיט דיר אט די פראסט־פשוטע סוגיא... דאכט זיך, א דרדקי־יינגל... און דו מאכסט זיך כלא ידע: דו הערסט נישט, דו זעסט נישט, דו ווייסט נישט, הא?

— איך ווייס נישט, וואס צו וויסן...

— דו ווייסט נישט... איי, ווייסטו נישט... „ואביה ירק ירק בפניה, הלא תכלם“*... יענע שפייט דיר אין פנים אריין בפני עם ועדה, פאר אייגענע און פאר פרעמדע. יענע לאכט זיך אויס פון דיר אין די אויגן און אונטער די אויגן און דו ווייסט נישט... וואס ביסטו, א געטשקע, וואס: עינים להם ולא יראו, אזנים להם ולא ישמעו?... אזוי, דאכט זיך, ביסטו א גאנצער קנאקער און אז עס קומט צו עפעס, ביסטו נישטא אין דער היים. צי האסטו כאטש געפרווט איין מאל איר זאגן: פאלי, ביז וואנען וועט איר מיך דרייען ביי די אויערן? וויפל איז דער שיעור? אהער אדער אהין, נאר אן עק זאל דאס נעמען! וואס זשע שווייגסטו? דו האסט א מאל געפרווט אזוי שטעלן פאר איר די פראגע און איין מאל פאר אלע מאל געוואר ווערן, ווו דו ביסט אין דער וועלט?

— איך האב נאך לעת עתה נישט געפרווט פרווון.

— נישט געפרווט... פרווון... פלאפלעריי... פע, מעגסט זיך שעמען אין דיין וווייטן האלדז אריין... איצט, אין א צייט פון הרת עולם, דאס גאנצע אלטע, איינגעזעסענע, ווערט חרוב ונחרב, דאס נייע, דאס צוגעזאגטע, איז נאך: עין לא ראתה. דאס גאנצע יידישקייט הענגט אויף א האר, אויף יעדן טריט און שריט ווארט אויף דיר טורמע אדער קאנצלאגער. ס'איז ממש א גזרת השמד, א שעת חירום, און דו טראגסט זיך ארום מיט דיין קקיון־דיונהדיקער תאוה בפומבי** צו שאנד און צו שפאט פאר גאט און פאר לייט. די אלע, וואס וויסן נאר פון דיין איינגערעדטער „טראגעדיע“, שטעקן דיך ארום מיט פעדערן. מען טייט אויף דיר מיט די פינגער: אט גייט דער כמעלניקער דאן קיכאט... און דערצו, ווען די וועלט זאל נאך וויסן, וועמען מען לייגט דיר פאר אנשטאט אט דעם „פסל“, ווען מען ווערט געוואר, אז דו קענסט דערגרייכן מיין דינהן, וואלט מען גע־

* ווען דער פאטער שפייט איר אן אין פנים, וואלט זי דאך פארשעמט געווארן. פון חומש.

** עפנטלעך.

עפּנט מויל און אויערן: היתכן? יציבא בארעה וגיורה בשמי שמיא?*... און דו האָסט אַ פּאַרוואַשן פּנים און הערסט די וועלט ווי דעם קאָטער... פּע, ס'איז אַ בזיון! אַ בושה און אַ חרפּה...

— איך ווייס... איך ווייס אַליין... אַ בושה און אַ חרפּה און אפשר נאָך אַ חילול־השם. אָבער וואָס קען איך העלפן, אַז ס'איז ביי מיר: כאילו כופאו שד**...

— רעד זיך איין, רעד זיך איין... דו מיינסט, אַז די וועלט איז אַ יידענע, זי לאָזט זיך איינרעדן... איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל און נאָך דריי מאָל: כלך לך אצל מינך! מיין דינה איז פּאַר דיר אַ פּאָר. דו וואָלסט נישט מיינען, אַז דער היינטיקער בייטאָג איז אַ צופעליקייט: מעשה בדינה כאַדראַוו ובפאַלי טולטשינסקי שנזדמנו לפנדק אחד... ניין, דאָס צוזאַמענטרעפן זיך איז אַ השגחה פּרטית, מען ווייזט דיר אומיסטן: זה לעמת זה ברא אלקים און מען גיט דיר דוקא די ברירה. אָבער דו זייַ אַ מענטש — ובחרת בחיים...

---

* דער ריכטיקער (געבוירענער) ייִד — אויף דער ערד, און דער גר — אויף דעם הימל?

** גלייך ווי עס וואָלט אים דערצו געצוווּנגען אַ שד. פון דער גמרא.

קאפיטל XI

ס'איז פאריבער תשרי. פאריבער אקטאבער. די קאמיסיע פון „נאר־קאמליעגפראם" וועגן דער רויטער פאן האט אנגעהויבן אירע זיצונגען דעם צווייטן נאוועמבער. דער פארזיצער פון „אויטאפראמסאיוז" האט זיך נישט גערעכנט מיט זיין כבוד, איז געקומען צו יעמצאוון און האט אים פייערלעך געמאלדן:

— מיין פליכט איז אייך נאך א מאל צו ווארענען: דער „פאנטאפל" מיט זיין שבת שטייט שטאל און אייזן... סיי פערלמאן, סיי מיינע פאר־טרעטערס האבן זיך שוין די ציין צעקרישעט רעדנדיק... און עס איז אלץ ווי אן ארבעס אין דער וואנט. מען דארף זיי מאראליש צעברעכן... טאמער גיט מען זיי די רויטע פאן, איז אלץ פארפאלן... מען דארף זיי מאראליש צעברעכן... איך ווארן אייך...

— איר זענט א פארמעלער אידיאט, מאיסיעי לוואוויטש!... ווער האט דאס אייך געלערנט צו ווארענען אייער נאטשאלניק?... פריער ווישט זיך אפ די נאז און נאך דעם וועט איר מיך קומען ווארענען... בנוגע מאראל האב איך דערויף מיין אייגענע מיינונג... אייער רעצעפט אינטערעסירט מיך נישט... צי דער „פאנטאפל" האט פארדינט די פאן, ווייס איך נאך נישט, דאס וועט די קאמיסיע פעסטשטעלן... נאר אין איין זאך קען איך אייך פארזיכערן, אז אויב ער האט זי יא פארדינט, וועט ער זי באקומען! באקעמפן זיין אידעאלאגיע, דאס איז אייער זאך. מיין זאך איז אנאליזירן זייערע אויפטוען און באלוינען... פארשטאנען?... און אויב איר וועט וואגן מיך נאך א מאל צו ווארענען, וועט איר ביי מיר פליען דורכן פענצ־טער... נאטשאלסטווע בעט מען, מען ראפארטירט, נישט מען ווארנט...

דעם פינפטן נאוועמבער איז צעשיקט געווארן דער באפעל פון „נאר־קאמליעגפראם" איבער דער גאנצער נעץ פון קיעווער ארטעלן: די רויטע פאן, וועלכע איז פון חודש יולי אן איינגעשטאנען ביים זעקס־הונדערט־קעפיקן ארטעל־קאמבינאט „רויטער פרימארגן" אויפן נאמען פון ערנסט טעלמאן, ווערט איבערגעגעבן דעם ארטעל פון דער סיסטעם „אויטאפראמ־סאיוז" — „פאנטאפל"...

אויפן צווייטן טאג פאר מיטאג, געפירט פון א מיליטערישן ארקעסטער, איז דער גאנצער „פאנטאפל", 173 מאן, צו זעקס אין א ריי, אוועק מיט לידער און מיט לאזונגען אויף לענין־גאס צום „רויטן פרימארגן" צונעמען די כשר פארדינטע פאן.

אויף לענין־גאס 71, ווו דער קאמבינאט האט זיך געפונען, איז לענג־אויס די טראטוארן געשטאנען א לאנגע ריי מיט בליאסקענדיקע אויטאס. די באזינגערס האט מען שוין דערוואַרט. דער ארקעסטער האט אויפגעשפילט א רוישיקן מארש. נאכן ארקעסטער האט געשפאנט ניסן פייגנבוים מיט דער פאן פון „פאנטאפל" און נאך אים, ווי זעלנער, האבן מארשירט מיט

גליקלעכע פנימער די שומרי־שבתניקעס... די טויערן פון קאָמבינאַט האָבן זיך ברייט צעעפנט און זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ גרויסן רונדן הויף.

אין צענטער פון הויף איז שוין געשטאַנען אַ טריבונע פון דיקטענע טיילן אויף זאַוויעסעס. אַלע זייטן פון דער טריבונע זענען געווען אויסגע־פאַרבט אין רויטע שטערנס און אין סערפּ און האַמערס. דער טיש איז גע־ווען מיט רויטן באַדעקט און פון ביידע זייטן טיש, אויף שיינע געשניצטע טומבאַטשקעס *, זענען געשטאַנען שנייוויסע ביוסטן פון לענין און סטאַלין. אויפן גערויש פון דער מוזיק האָבן הונדערטער מענטשן אויסגע־שאָטן פון די צעכן און זיך פאַרמירט אין רייען. פון דער קאָנטאָר זענען אַרויסגעגאַנגען יעמצאָוו, די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון „אוטילפּראָמסאָיוז“, פאָרשטייער פון שטאָט־קאָמפּאַרטיי, פון שטאָטראַט, פון דער פּרעסע און די לעצטע, די פאַרוואַלטונג פון „רויטן פרימאָרגן“ מיט דער פאָן. אויף זייערע געזיכטער איז דאָס מאָל דווקא געלעגן אַ שוואַרצער פרימאָרגן, נישט קיין רויטער... דאָס עצבות און דאָס פאַרלוירנקייט האָט אַראָפּגעקוקט פון זייערע פנימער און אויסגעגעבן זייער געמלאכהטע גלייכגילטיקייט. די „פּאַנטאָפּעלצעס“ האָבן זיך אויסגעשטעלט אין איין פלאַנג, רעכטס פון דער טריבונע, די טעלמאַנאָוועס — לינקס און פאָרנט, ווי אַ דאַלעד. צוזאַ־מען האָבן די דריי שפּאַליערן מענטשן געשאַפן אַ לעבעדיקע חית מיט אַ רויט פּינטעלע אין דער מיט. יעמצאָוו האָט איינגעלאַדן אַלע מיטגלידער פון ביידע פאַרוואַלטונגען אויף דער טריבונע, מען האָט זיך באַקענט איינער מיטן צווייטן און דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבן.

דער ערשטער האָט גערעדט יעמצאָוו:

... עס וועט ערשט ווערן אַ יאָר, זינט דער אַרטעל האָט זיך גע־גרינדעט, און שוין פאַרדינען די רויטע פאָן פון נאַרקאָמאַט — דאָס איז אַ היסטאָרישע געשעעניש! דער קאָמבינאַט אויפן נאָמען פון טעלמאַן איז שוין אַ זקן באַלד פון אַכט יאָר און נישט געקענט ביישטייען קעגן אָט דעם יונגינקן שלאָגלערישן „פּאַנטאָפל“... עס מעגן גיין אַלטע ספּעציאַליסטן און אַלטע מאָסאָוויקעס זיך לערנען ביי די „פּאַנטאָפּלצעס“. אמת, נישט אַלץ איז נאָך גלאַט ביי זיי, דעם אמת דאַרף מען זאָגן, אַז מיר האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים באַשטימען זיי די פאָן... עס איז געווען אַ גע־וויסע שטערונג דערצו... איך אַליין אָבער, וואָס בין געווען דער אָנפירער מיט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן זשורי, האָב געזאָגט מיינע קאָלעגן, אַז אין דעם יונגן אַרטעל געפינען זיך קלוגע און טאַלאַנטירטע חברים, וועלכע וועלן קענען שעצן די גרויסע ערע, וואָס מען טיילט זיי צו, און וועלן ווי אַמשנעלסטן ליקווידירן אויך דעם איינציקן פעלער, וועלכן מען וואַרפט זיי פאָר, אַפּוואַשן דעם איינציקן פלעק, וועלכער הענגט אויף זיי... איר, ווידער, חברים פון „רויטן פרימאָרגן“, דאַרפט ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן, נישט שטענדיק קען מען זיין די בעסטע... פאַרקערט, עס דאַרף אייך נאָך פרייען, וואָס יונגע, נישט דערפאַרענע חברים זענען געווען אַזוי פיל פּעאיק

* האַלב־שאַפּקעלעך.

אַריבעריאָגן אין אַלע הינזיכטן אַזאַ אַלטן גיגאַנט. איך קען אייך נאָר ווינטשן, אַז אויף די מאַי־פייערונגען זאָלט איר אָפּגעווינען צוריק די פאָן... נאָר אויף דעם וועט איר דאַרפן היפּשלעך צוהאָרעווען. ביי די לייט זענען קלעפּיקע פינגערלעך... זיי וועלן זי שוין אַזוי לייכט נישט אָפּגעבן... נישט אַזעלכע... דערלאַנגט מיר די פאָן... פּערעלמאַן, אין נאָמען פון דער ראַטן־מאַכט און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין נאָמען פון „נאַרקאָמליעג־פּראָם" און קיעווער „אָבל־אוטיל־פּאָרם־סאָיוז" גיב איך איבער דיר און אין דיין פּערזאָן דעם גאַנצן קאָלעקטיוו אַרבעטער פון „פּאַנטאָפּל" די איבערגייענדיקע רויטע פאָן. איך באַגריס אייך מיט דעם דערפאָלג! האַלט זי שטאַרק, חברים, זי זאָל זיך ביי אייך פון די הענט נישט אַרויסגליטשן... גיט זי קיינעם נישט אָפּ, געדענקט!"...

יעמצאָוו האָט איבערגעגעבן פּערלמאַנען די פּליושענע פאָן מיט די רויטע זיידענע טראָלדן, זיי האָבן זיך צעקושט און דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל". נאָכן שפּילן האָט פּערלמאַן אָפּגעגעבן די פאָן דעם רעכטן פלאַנג און אַ מעכטיקער „הורראַ" פון הונדערט דריי און זיבעציק העלדזער האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן קוואַרטאַל... דורכן טויער האָבן דורכגייער זיך געשטופּט אָנקוקן, וואָס קומט דאָרט פאָר?... די טעלמאַנאָווצעס זענען געשטאַנען אַזוי ווי מענטשן, וואָס מען האָט זיי אָפּגעשמיסן און אַרויסגעשטעלט נאַקעטע אין מיטן דער גאַס... אויף דער טריבונע האָבן זיך געביטן די רעדנערס... די מוזיק האָט געשפּילט... עס האָט גערעדט דער פּאָרזיצער פון „אוטילפּראָמסאָיוז", נאָך אים האָט לאַנג און איבערחזרנדיק זיך געטודיעט ביי דער נשמה פּערלמאַן. נאָך אים איז צוגעגאַנגען דער דירעקטאָר פון קאָמבינאַט „רויטער פרימאָרגן" צום שטענדער. ביי אַלעמען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— חברים פון „רויטן פרימאָרגן" און חברים פון „פּאַנטאָפּל"... ביי אונדז איז היינט דאָ אַ פייערונג. אונדזער מאַכט צייכנט אויס פרישע יונגע אַרבעטער מיטן גרויסן אַטעסטאַט „די איבערגייענדיקע רויטע פאָן"... דאָס איז אַ פרייד פאַר אַלע אַרבעטער, פאַרן גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. עס פאַרשטייט זיך, דאָס מיינט נישט, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן ערגער אָדער אַז עמעצער אַרבעט שוין בעסער פון אונדז... כּלל נישט דאָס! נאָר אַלע ווייסן מיר דאָך, אַז אַ פאָן דערציט... אַ פאָן יאָגט פאָרויס... מיר זענען שוין דערפאַרענע, פאָרויסגעשריטענע אַרבעטער און דערפאַר האָבן די העכערע אינסטאַנצן געפונען פאַר מעגלעך, אַנטלייען ביי אונדז אונדזער פאָן, כּדי מיט איר אויפצומונטערן נאָך אַ קאָלעקטיוו אַרבעטער... און מיר פאַרזיכערן דעם „נאַרקאָמליעגפּראָם", אַז צו דער קומענדיקער קאָמיסיע וועלן מיר אויף „נאַבערעזשנע־ניקאָלסקע" מיט גרויס פּאַראַד און מיט דריי אָרקעסטרעס זי אָפּנעמען אויף צוריק. דערווייל, פאַרשטייט זיך, אויב די חברים פון „פּאַנטאָפּל" וועלן קומען צו אונדז זיך לערנען אַרבעטן אָדער ווי אַזוי אָרגאַניזירן די אַרבעט, וועלן מיר זיי ווייזן מיטן גרעסטן כּבוד!... איאָ אַזוי, חברים טעלמאַנאָווצעס?...

די טעלמאַנאָווצעס, דערמוטיקט א ביסל פון זייער דירעקטאָרס רייד, האָבן הויך געשריגן:

— מיר'ן זיי ווייזן, מיר'ן זיי נישט זשאַלעווען, אָבער די פּאַן וועלן מיר אַלץ איינס אָפּנעמען...

יעמצאָוו בייגט זיך אָן צו פּיאַטיגאָרסקין:

— ענטפער אים א פּאָר ווערטער, נאָר אַזוי, אַז עס זאָל אים פאַרגיין אין דער נאָז...

— חבר יעמצאָוו, מען דאַרף א זידל טון, און דערצו טויג איך נישט, דערצו טויג בעסער דער חבר גאָרדאָן... יוסף! שיט אים אַריין אין קאָלנער, נאָר אַזוי, ווי דו קענסט... אַז עס זאָלן אים אָנהייבן גיין קאַרעטעס פאַר די אויגן...

— די מינוט... לאָז מיך צו... שטיל זאָל זיין!... חברים און חברטעס! ווען איך בין נאָר אָנגעקומען אַרבעטן אין „פּאַנטאַפּל", האָב איך באַלד פאַרקלערט, אַז מען דאַרף ביים „רויטן פּרימאַרגן" אָפּנעמען די פּאַן... זיי געפינען זיך אויף לענינס גאַס, דאָס איז שוין באַלד אַזוי גוט ווי האָבן לענינס אָן אָרדן, הייסט צו וואָס זשע דאַרפן זיי נאָך א פּאַן אויך?... האָט מיך אָבער די פּאַרוואַלטונג אָפּגעהאַלטן, געבעטן צוּוואַרטן א זעקס חדשים... מילא, וואָס האָב איך געקענט טון מיט זיי? האָבן מיר פאַר די עטלעכע חדשים אַריינגעטומען פרישע הונדערט פּופציק מענטשן, ווייל דאַמאָלסט, ווען איך האָב געוואָלט גיין צו אייך נאָך דער פּאַן, זענען מיר ערשט אין גאַנצן געווען עטלעכע און צוואַנציק... נו, איצט, אַז מיר טראָגן די פּאַן אָפּ צו זיך, ווייל איך אָבער, איר זאָלט שלאָפן רואיק: די פּאַן וועט ביי אונדז האָבן זייער א בכבודיקן אָרט און איך פאַרזיכער אייך, אַז בעסער ווי ביי אונדז איז איר נאָך אין ערגעץ נישט געווען... זעט איר, איך האָב שיר נישט פאַרגעסן, טאָמער וועט אייך איבער נאַכט שטאַרק ציען דאָס האַרץ און איר וועט זייער בענקען נאָך דער פּאַן, קענט איר זי מאָרגן זען אויף דער דעמאָנסטראַציע... איך קען אייך נאָך נישט זאָגן אויף זיכער, ווער עס וועט זי טראָגן, אָבער עמעצער וועט זי שוין טראָגן... ווייטער קען מען אַראָפּפאָרן צו אונדז אין אָרטעל אַריין, דאָרט אין „רויטן ווינקל" קענט איר זי שטענדיק זען... נאָך צוויי ווערטער און איך ענדיק... דאָ איז פריער געזאָגט געוואָרן, אַז מיר וועלן קומען צו אייך, וועט איר אונדז אַלץ ווייזן... נו זאָגט אַליין, חברים טעלמאַנאָווצעס, איז דען נישט גלייכער, אַז איר זאָלט קומען צו אונדז? מיר קענען ביי אייך זיך לערנען ווי אַזוי אָפּ־צוגעבן א פּאַן, אמער וועט איר זיך ביי אונדז לערנען, ווי אַזוי צוצונעמען א פּאַן... אפשר נישט אַזוי?... אין נאָמען פון אונדזער פאַרזיצער, אין נאָמען פון אַלע אַרבעטער און פון די יעניקע, וואָס וועלן נאָך א מאָל אַריינ־טרעטן צו אונדז אַרבעטן, דאַנקען מיר אייך, וואָס די פּאַן איז אין פולער אָרדענונג, דער פליוש אויסגעבערשטלט, די זיידענע טראָלדן אויסגעקעמט און דער שטעקן אַזש גלאַטער...

פרידמאַן האָט א ציִ געטון גאָרדאָנען פאַרן רעקל:

— געגוג, דו ווילדער, מאך שוין צו דאָס מויל...

גאָרדאָן, א צעשטראָלטער:

— געגוג, זאָגסטו? פּיאַטיגאָרסקי, געגוג? נו זאָל זיין געגוג!... חברים און חברטעס! אונדזער רעוואָלוציאָנס־קאָמיסיע זאָגט: געגוג, מען דאַרף פּאָלגן!... געגוג איז געגוג... טאָ זאָל זשע לעבן דער דרייצנטער אָקטאָבער, הורראַ!... זאָל לעבן דער „פּאָנטאָפּל" מיט זיין רויטער פאָן, הורראַ!... נאָך דער רויטער פאָן זאָל גיין א רויטער אָרדן, הורראַ!... פּאַרן חבר סטאַלין, הורראַ!...

די מוזיק האָט געשפּילט און די „פּאָנטאָפּלצעס" האָבן ארויסמאַרשירט אויף דער גאָס מיט צווי פאָנען... די גאַסן זענען געווען יום־טובדיק דעקאָרירט, פיל אַרבעטנדיקע האָבן געפייערט אויך דעם זעקסטן נאָוועמבער. אויף די טראָטואַרן איז געווען ענג פון נייגעריקע... אַלע האָבן באַוואונדערט די ערב יום־טובדיקע דעמאָנסטראַציע, זיך נאָכגעפרעגט, ווער עס זענען די מאַרשירענדיקע, און נאָכגעגאַנגען. אין אַרטעל האָט מען ערשט געטיילט דעם עולם צווייערליי מתנות, פאַרן נצחון איבער די טעלמאַנאָווצעס און לכבוד דעם יום־טוב, און דער עולם איז אַן אויפגעלייגטער זיך צעגאַנגען איבער די היימען.

צו מאָרגנס האָט גאַנץ קיעוו דעמאָנסטרירט פאַר דער טריבונע. דאָרט האָט זיך געפונען כמעט א האַלבע אוקראַינישע פּאָליטביוראָ. פון כאַרקאָוו, ווו ס'איז געווען די רעזידענץ, זענען לכבוד יום־טוב געקומען די באַלעבאַטים פון דער רעפּובליק: קאָסיאָר, פּעטראָווסקי, באַליצקי, זאַטאָנסקי און דער קאָמאַנדאַרם פון אוקראַינע: יאַקיר, פיל געהויבענע געסט פון מאָסקווע און די באַלעבאַטים פון די קיעווער אָנפירנדיקע אָרגאַנען. הינטער זיי איז געשטאַנען א ריזיקער קויש מיט בוקעטן שמעקנדיקע בלומען. פון דעם קויש האָט מען געוואָרפן בלומען אין די רייען פון קאַוואַלעריס־טישע „אָדלערס", קינסטלער, ספּאָרט־מענער, אַקאַדעמיקער, חנעוודיקע שילערינס און עלטערע ארבעטער. מיט דער אומענדלעכער מחנה מאַר־שירנדיקע איז אויך אָנגעקומען דער „פּאָנטאָפּל" צו דער טריבונע. די רויטע פאָן האָט הויך און שטאָלץ געטראָגן יוסף גאָרדאָן און — לעבן אים — די אַרטעל־פאָן האָט געטראָגן טאַני פּייגנבוים. יעמצאָוו האָט זיי באַמערקט. ער האָט אריינגעשריגן אין רופּאָר:

— פאַר אונדזערע יונגע העלדן, וואָס האָבן גובר געווען די אַלטע לייבן — הורראַ!...

א טויזנטפאַכיקער „הורראַ" האָט זיך איבערגעקויקלט אין דער לופטן און געבליבן הענגען אויף אָפּגעגילדעטע שפּיצן פון פלאַמענדיקע פענער. צווי שיינע בוקעטן, איבעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן זיך גע־טראָגן צו די „פּאָנטאָפּלצעס". דעם ערשטן האָט אין דער לופטן איבערגע־כאַפּט גאָרדאָן און ארויפגעזעצט אויף דער רויטער פאָן, דעם צווייטן האָט פּיאַטיגאָרסקי אונטערשפּרינגענדיק געכאַפּט, צעטיילט אין די ערשטע רייען און טריאומפירנדיק דורכמאַרשירט דורך קרעשטשאַטיק.

קאפיטל XII

באלד נאך יום־טוב איז פערלמאן מיט סעגאלן אוועק אין „אבל־אויספיר־קאם". זיי האבן זיך דערוואַרט אויף א פרייער מינוט און זענען אריינגעגאנגען צום פאַרזיצער אין קאבינעט:

— חבר פאַרזיצער, עס גייט ווינטער: שנייען, פרעסט, אפשר מניעות פון די טראַמווייען, א גרויסער טייל פון אונדזערע ארבעטער זענען עלטערע מענטשן, זיבן אכטל ארבעטער וווינען אויבן אין שטאָט. פאַר וואָס זאל א רויט־פאַניקער ארטעל זיך מוזן וואַלגערן אין עק שטאָט, ביים סאמע דניעפּער? מיר בעטן אונדז צו שטעלן א דירה ערגעץ אין צענטער שטאָט. אונדזער ארטעל ציילט ביי צוויי הונדערט מענטשן. מיט אזא היפשער גרופּע דאַרף מען זיך שוין רעכענען... דער „רויטער פרימאָרגן" האט פאַרלוירן די פאן און ווינט אויף לענינא און מיר האבן געוווּנען די פאָן און ווינען אויף עק פאַדאָל...

דער פאַרזיצער פון אבל־אויספיר־קאם געפינט אין א גראָבן בוך לויטן אלפאבעט דעם נאָמען „פאַנטאָפל" מיט א קורצער ביאָגראַפיע. ער מאכט צו דאס בוך און פאַרזשמורעט די אויגן מיט א כיטרע שמייכעלע...

דער פאַרזיצער איז אלט לויטן אויסזען א יאָר פינף און פופציק, זעכציק, דאָס פנים מיט א טיפן שראָם, וואָס הייבט זיך אָן העכער פון דעם לינקן שלייף און פאַרשווינדט אונטער דער באָרד. די צוויי אָרדנס, לענינס און א רויט־פאַניקער, וואָס הענגען אויפן רעכטן קעשענקעלע פון זיין מיליטערישן פרענטש, מאכן דאָס פנים יינגער און פייערלעכער. זיין אייבערשטע ליפּ הייבט זיך אונטער ווי א פאָרהאַנג, דער שראָם טרעט אָפּ צום אויער און די נאָזלעכער פאַרענדיקן דעם שמייכל... ער ווייזט זיי אָן ערטער און פרעגט, ווענדנדיק זיך צו סעגאַלן:

— וואָס געפעלט אייך צום „רויטן־פרימאָרגן"? דאָרט האלט מען דאָך נישט קיין שבת? עס איז דאָך א בזיון אייך ארויפצונעמען אין שטאָט אריין... אין דעם טאָג, ווען אויף דער גאנצער וועלט ארבעט מען, הענגט ביי אייך א שלאָס אויף דער טיר און ווען די וועלט רוט זיך אויס, דאמאָלסט שלאָגט איר רעקאָרדן און פאַרלויפט די קלעזמער אויף פאַרנט... איר געפינט נישט, אז דאָס מאכט קאַליע די באַציאונגען צו אייך?

סעגאַל זאָגט העפלעך:

— חבר פערלמאן, איר זענט עלטער, ענטפערט...

— כ'בין דיר מוחל דעם כבוד. אויף אזא פראַגע ענטפער דו אליין...

— מיין מיינונג, חבר פאַרזיצער, איז א פאַרקערטע... מיר, די יונגע ארבעטער פונעם ארטעל, לייגן אוועק אלע כוחות אויף אויפקלערן דעם עלטערן עולם און זיי צונויפגיסן מיטן אלגעמיינעם סאָוועטישן ארבעטער־קלאס... פאַראַן ביי אונדז אייניקע פאַרגעשריטענע חברים, פאַראַן איינער, פּיאַטיגאָרסקי, איז ער א ליטעראַט, דרוקט זיך אין קיעווער צייטונגען,

אין א לענינגראדער זשורנאל... זייער א באגאבטער יונגערמאן... פאראן נאך איינער, גאַרדאַן, א בריגאדיר, גייט אום אין פיל ארטעלן און לערנט זיי ווי דורכצופירן אין לעבן דעם חבר סטאלינס זעקס באדינגונגען. איך אליין מיטן אויטאריטעט פון א פארטרעטער פון פאַרזיצער. פאראן נאך איניקע באוווסטזיניקע. מיר אלע לייגן צו פיל מי, כדי אהויספירן דעם אפגעשטאנענעם עולם אויפן ברייטן וועג, אָבער איר, הויכע אינסטאנצן, דאַרפט אונדז צוהעלפן... עס איז גאַרנישט לייכט צו מאכן פון פופציק־זעבציק־יעריקע גלויביקע מענטשן — אומגלויביקע... אייער הילף איז זייער וויכטיק... א ביסל די פאן, א ביסל די דירה אין צענטער שטאט, נאכן יאָר־בילאנס דאַרף מען פרעמירן די בעסערע ארבעטער — דאָס אַלץ האָט א ווירקונג... מענטשן וועלן זען, אז מען רעכנט זיי פאַר גלייכע, דאָס רופט ארויס דעם באוווסטזיין ביים האַראָפּאַשניק... אַלץ נעענטער ווערן זיי צו דער פראַגע פון איבערגיין ארבעטן מיט אן אלגעמיינעם אָפּרוטאָג...

דער פאַרזיצער דרייט אויס דעם שראַם, די נאָזלעכער סאָפּען שוין אין פערלמאנס זייט:

— וואָס זאָגסטו, פערלמאַן? א בעסערע דירה וועט עפּעס ווירקן?

— א י ך קען דאָס נישט זאָגן... ס'איז ביי מיר א גרויסער, גרויסער ספק... אמת, איך קען נישט אזוי גוט דעם עולם ווי סעגאל, נאָר דאָס ווייס איך גוט, אז עס איז א שווערע אויפגאבע... בכלל, ארבעטער זענען זיי ערשט־קלאסיקע, אָבער פאנאטיש ווי די רוחות...

— זאָלן זיי זיך אין דער היים זיין רעליגיעז, וועמען אַרט דאָס? אָבער שבת האַלטן אויפן שלאָס א מלוכהשן אנשטאַלט — דאָס איז דאָך אום־מעגלעך!...

— דאָס זעלבע טענה איך דאָך מיט זיי: דאַוונט אייך דריי הונדערט פינף און זעבציק מעת־לעת אין יאָר, אָבער שבת זייט גלייך מיט אַלע... שווארצט מיר נישט דאָס פּנים... ווער, וואָס? אז איך שטיי צו צו זיי, ענטפערן זיי מיט נאָך צוואנציק פאַר שיך א טאָג... שטיי איך צו נאָך שטאַרקער — מיט דרייסיק פאַר א טאָג און די הויפטפראַגע בלייבט אַלץ אויפן אַלטן אָרט... שווערע מענטשן, שרעקלעך שווערע מענטשן...

דער פאַרזיצער טראַכט א ווײַלע און ענטפערט אנטשלאָסן:

— איך וועל פון דעסט וועגן פאָלגן דעם חבר סעגאל, מיר פון אונדזער זייט וועלן פאַרגרעסערן דעם אוואנס און לאָמיר זען זייער יושר...

ער האָט א דריק געטון א קנעפּל ביים שופלאַד און אויף דער שוועל איז אויסגעוואקסן א קוריער.

— רופט מיר ארויף דעם נאַטשאַלניק פון דער וווינונגס־אָפּטיילונג, חבר קאַסאריעוו, מיט א סכעמע פון פרייע דירות.

דער קוריער איז פאַרשווונדן. אין פינף מינוט אַרום איז אריינגעקומען קאַסאריעוו.

— זאָגט מיר, חבר קאַסאריעוו, מיר האָבן ערגעץ פרייע דירות אין צענטער שטאָט?

— זייער וויניק.
— איך הער אייך.
— ווי גרויס דאַרף זיין די דירה?
דער פּאַרזיצער קוקט אויף פּערלמאַנען, פּערלמאַן קוקט זיך איבער מיט סעגאַלן.

— אויף די צעכן, סקלאַרן, אויף דער בוכהאַלטעריע, רויטן ווינקל, וואַשצימער און סטאָלאָווע, קלער איך, קען סטאַיען פון הונדערט דרייסיק ביז הונדערט פופציק קוואַדראַט־מעטער... איאַ אַזוי, סעגאַל?...

קאַסאַריעוו פאַרטראַכט זיך. עס איז צו זען, אַז ער איז אין אַ פאַר־לעגנהייט...

דער פּאַרזיצער פרעגט אים שטרענג:
— נו, וואָס? איר האָט צי ניין?
— אַלעקסעי פּאַלעטש, אַזאַ פרייע דירה איז נישטאָ... אָבער דעם פופצנטן ווערט באַפרייט אויף קאַראַלענקאַ 39 אַקוראַט אַזאַ דירה.
דער פּאַרזיצער ברומט אַרויס:
— נאָר וואָס דען?
— נאָר גאָרנישט... ווי איר פאַרשטייט... דער שאַרנע־צעך פון זאַוואָד „באָלשעוויק" אַרבעט אין שטאַלן, האָב איך זיי צוגעזאָגט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט... ס'איז דאָך עפּעס פּאַרט „באָלשעוויק"!... ווינטער צו אַרבעטן אין אַ שטאַל, איז אוממעגלעך!...

— אָט וואָס, קאַסאַריעוו, גיב אָט די חברים שוין אַרויס אַן אָרדער אויף קאַראַלענקאַ און די שאַרניקעס וועט איר שיקן אויף נאַבערעזשנע־ניקאָלסקע. דער „באָלשעוויק" האָט גענוג אייגענעם טראַנספּאָרט, ער קען צושטעלן זיינע אַרבעטער אַזוי ווייט אויך. איר זענט פריי...

געזעגנענדיק זיך מיט די „פּאַנטאָפּלצעס" דראָט ער סעגאַלן מיט אַ פינגער:

— דאָס הויז נומער 39 שטייט, דאַכט זיך, אַקעגן דעם אָפּערע־טעאַטער... איר זעט, וווהין איך האָב אייך אַרויפגענומען? זייט מענטשן!... איך זאָל מער פון שבת נישט הערן!... מיך דאַרף מען נישט צעבייזערן!...

— חבר פּאַרזיצער, אויף וויפל עס וועט זיין געווענדט אין מיר, קענט איר זיכער זיין... אַ גרויסן דאַנק!... איך האָף, אַז עס וועט ווירקן, עס מוז ווירקן...

צו ענדע נאָוועמבער האָט שוין דער „פּאַנטאָפּל" געאַרבעט אין שיינע, הויכע, פריש אויסגעקאַלכטע צימערן, אַקוראַט קעגן דער צענטראַלער פּאַראַדנע פון דער גרויסאַרטיקער אָפּערע.

פון דאַנען איז געווען בסך־הכל צען מינוט גאַנג צו יאַנין. מיטן טראַמוויי נומער 8 — פופצן מינוט צו פאָרן אויף סאָלאָמינקע, און צען מינוט — אויף קאַראַוואַיעווסקע 67. עס איז מיט אַ מאָל יעדן געוואָרן גרויס אין צייט... די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע; די צימערן האָט

מען באַהייצט מיט פּאַרע; די צעכן האָבן שעמערירט מיט זויבערקייט און מיט אָרדענונג.

די שעהן, וואָס פלעגן פריער אוועקגיין אויף פּאָרן אין אַרטעל אַריין און צוריק, האָט שלמה אין גאַנצן אוועקגעגעבן אויף ליטעראַטור. ביסלעכ־ווייז איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּרעסע, געפּרוווט שרייבן לידער, פּאָליטישע אַרטיקלען, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער־ציילונגען און נאָוועלן: דאָס איז געווען זיין זשאַנר. דעם האָנאָראַר פאַר זיינע „אַרבעטן" האָט ער באַזונדער געקליבן אין שפּאַרקאַסע, נישט אָנ־רירנדיק פון אים אויף דער הוצאה.

*

מיט די ערשטע פּרעסט איז געקומען מנשהם פּאַטער, דער פּעטער לייב כּאַדאַראָוו, פון אָדעס. שלמה האָט געמיינט, אַז ער וועט באַגעגענען עפּעס אַן אינטערעסאַנטן טיפּ, אַ קעמפער פאַר השכלה, עפּעס אַ מין אוריאל אַקאָסטאַ, נאָר ער האָט אַ נחוסן טעות געהאַט. דאָס איז געווען כמעט אַ גרויער אַלטיטשקער, מיט פאַרלאָשענע אויגן, מיט אַ שוואַרץ, מאָגער, געקנייטשט פּנים און אויף די פּלייצעס איז ביי אים געהאַנגען אַ היפּשער האָרב... מען האָט פון זיין פיגור געקענט דייטלעך אָראָפּלייענען, וואָס דער מענטש האָט זיך אָנגעליטן פאַר זיינע דרייסיק יאָר גלות. שלמה האָט געזוכט אין אים שיריים פון זיין פריידענקערישער פאַרגאַנגענהייט און גאָרנישט געפונען. ער האָט געדאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין גלייך מיט אַלע פרומע יידן, געטראָגן אַ יאַרמעלקע אונטערן היטל, אַ טלית־קטן — ביז צו דער ערד... שלמה האָט אין אים געפונען אַ לעבעדיקע ענציקלאָ־פּעדיע. ס'איז נישט געווען דאָס בוך, וועלכעס דער פּעטער לייב זאָל נישט האָבן געלייענט אָדער על־כּל־פּנים געזען אַ מאָל.

סיי מנשה, סיי די שוועסטער האָבן אויסגעפילט זייער פליכט פאַרן פאָטער, ווי מען פילט אויס אַ חוב, אָבער אָן האַרץ, אָן פייער... די קינדער זענען געווען אָפּגעוווינט פון זייער פאָטער, אָפּגעקילט אין משך פון לאַנגע יאָרן. דינה האָט אים גאָר אין גאַנצן נישט געקענט... גאָלדע האָט אַלץ געטון פאַר אים, נאָר נישט געקענט קוקן אויף אים... זיי האָבן אים נישט געקענט מוחל זיין דאָס איבערלאָזן די קינדער און אַ קראַנק ווייב אויף הפקר אַזוי פיל יאָרן... דער אויסגעמאַרכעוועטער אַלטיטשקער איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען. ער איז געווען עלנט צווישן זיינע אייגענע קינ־דער, אָפּגעזונדערט און פאַרשלאָסן אין זיך. אין אַ האַרציקן שמועס פלעגט ער אַ מאָל זיך אָפן מודה זיין פאַר שלמהן, אַז צייטנווייז ציט אים אומ־אויפהערלעך צוריק קיין אָדעס, אין זיין טונקל, שמוציק צימערל... עס גייט אים אויס דאָס חיות נאָך זיין לעבעדיקן, שטרויענעם מאַטראַץ...

— אמת, קיין גרויסן נחת האָב איך אויך דאָרט נישט געהאַט, אָבער איך בין שוין געווינט געווען... שכנות פלעגן אויף מיר רחמנות האָבן, באַדויערן מיין עלנט. אין שולכל אויף דעם פּערעסיפּ* בין איך שוין גע־

* אַ פאָרשטאָט אין אָדעס.

ווען א גאַנצער שטאָטבעל־הבית; טאָמער האָט עמעצער געדאַרפט, מען זאָל פאַר אים אָפּלערנען א פּרק משניות, האָט ער שוין געוווסט: ר׳ לייב... האָט עמעצער געוואָלט, אז זיין יינגל זאָל זאָגן א דרשה צו דער בר־מצוה, איז ר׳ לייב! איבערזיצן א נאַכט ביי א בר־מינן, אָנשרייבן עמעצן א גוטן בריוו, איבערקוקן א פּאָר תפילין, א מזוזה, ציצית איינמאַכן... עס האָבן זיך שוין אָפּגעזוכט פאַר מיר אַזעלכע „ארבעטן״, וועלכע האָבן מיך ערשטנס געשפּייזט, צווייטנס צונויפגעפירט מיט מענטשן... אָבער איצט — וואָס?... מנשה גייט ערגעץ ארום, די מיידלעך ארבעטן, גאַנצע טעג ליג איך דאָ אליין ווי א הונט ביי דער טיר... לאָזן די שטוב אליין, טאָר איך נישט, עס קען זיין א גנבה, קיינעם זע איך נישט פאַר די אויגן, א סטראַזש בין איך געוואָרן ביי מיינע קינדער... אפילו דיין זיידן שלומען זע איך אויך א מאָל אין א יובל... כ׳האָב געמיינט, א שוואָגער, א בן־עיר, א בן־גיל, מיר וועלן צוזאַמען איבערמישן דעם ספר־הזכרונות, אויפוועקן אונדזער יוגנט... צום סוף, ווער, וואָס... עס הייבט זיך גאָרנישט אָן!... ער האָט זיך באַזעצט ערגעץ אין צענטער שטאָט ארום קופּעטשעסקע־שול... איז אריין אין אַלע חברות און הרייט ערשט א לירע... א יונגערמאַן געוואָרן, מאַכט ערשט פּרנסה, כאַפּט אריין מעקלערייען, מישט זיך אין שטאָטזאַכן, פירט אוים שידוכים, פראַוועט קערמישלעך פאַר חסידים... כ׳ווייס? מ י ר פעלט דאָס נישט... א י ך — קוים וואָס איך ריר זיך שוין... ווען נישט טייבל, וואָס האָט מיר טאָג־טעגלעך געפיקט אין קאָפּ אריין מיט אירע דרשות, וואָלט איך נישט געוועזן געקומען אהערצו... וועמען האָב איך דאָ? און וועמען פעל איך דאָ אוים? די צערטלעכע קינדערלעך מיינע דאַרפן מיך? איך פעל זיי אוים ווי א הונט דאָס פינפטע פיסל... גאָרנישט, וואָל־גערט זיך אָן אַלטער טאַטע, עלעהיי א בעטלער... א געשעפט האָבן זיי מיט אים... מען קאָכט מיטאָג — וואַרפט מען אריין נאָך עטלעכע קאַרטאָפל, עלעהיי אָן אָרעמאַן; מען וואַשט וועש — וואַרפט מען אריין מיין העמד אויך... וואָס זעט זיך אָן, נאָך א שטיקל, נאָך צוויי... די גאָלדע מיינע... כ׳זאָל איר נאָר נישט גערעכנט ווערן... כ׳האָב גאָר ביז איצט נישט גע־ווסט, אז זי איז אזא מרשעת, אזא המנטע... דו מיינסט, אז נאָר צו דיר איז זי אזוי? צו מיר נאָך ערגער!... זי ציילט מיר דעם ביסן אין מויל אריין, ציילט זי מיר... טאָמער גיט זי א קוק אויף מיר מיט אירע צוקער־זיסע אייגעלעך, אזוי ווערט מיר אַנטפאַלן דאָס געזונט... עס גלוסט זיך שוין איבער צו עסן און אפילו אויך צו לעבן אויף דער וועלט... אזוי, אזוי, קינד מיינס, דאָס אַלטמאָדישע ווערטל איז נאָך גילטיק ביז היינ־טיקן טאָג: אז עלטערן געבן קינדער, זענען ביידע צדדים צופרידן. און טאָמער חלילה מאַכט זיך פאַרקערט, אז קינדער דאַרפן געבן עלטערן, זענען ביידע צדדים אומצופרידן... דאָס איז א כלל אויף אייביק... אין כל חדש.. באמת, עס טוט מיר באַנג, וואָס איך בין געקומען פון אָדעס... דאָרט וואָלט איך נאָך געלעבט און געלעבט און דאָ פיל איך, אז דער מלאך־המות לאָקערט שוין אויף מיר... פאַרפאַלן, געמאַכט א פעלער... נישט

געטאָרט זיך לאָזן איבערדערן. אָבער איצט איז שוין פאַרפאַלן, צוריק פאָרט מען נישט... כ'האָב קוים אהער פאַרפירט מיינע אַלטע ביינער... און וואָס וועט די וועלט זאָגן? אויף דער עלטער אַוועקפאָרן פון אייגענע קינדער... פאָרן אין דער פרעמד שטאַרבן... דאָס איז דאָך אַ בזיון פאַר לייט... דערוואַקסענע קינדער... מען טאָר אַזוי נישט. מיין דינה איז דאָך אַזאַ גאָלדענע נשמה, דאָס גוטסקייט ליגט איר אויפן פנים, טאַקע נאָר פון איר איינער הער איך נאָך אַ מאָל אַ וואַרעם וואָרט, זע איך נאָך אַ געטרייען קוק... גאָט זאָל איר טאַקע צאָלן דערפאַר, ווהין זי וועט זיך קערן און ווענדן... דאַקעגן יענע צוויי קענען אויף מיר נישט קוקן... גוקם ונוטרס... קענען מיר נאָך אַלץ נישט מוחל זיין מיין אַנטלויפן קיין אָדעס... און מיט וועמען האָבן זיי דאָ אַן עסק? מיט אַן אַלטן צעבראָכענעם שאַרבן... אַך־אַך־אַך, האָב איך זיך באַנאַרישט!... ווי צו מיינע יאָרן...

קאפיטל XIII

אין אָקטאָבער חודש האָט זיך טאָני פייגנבוים אוועקגעלייגט אויף טיפוס... דאָס איז געווען אַ קלאַפּ פאַרן גאַנצן אַרטעל. פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן האָבן זי אַלע ליב געהאַט, זי איז געווען די מוטער פון אַרטעל, פאַר יעדן געזאָרגט, יעדן געטראָגן אויפן קאָפּ: ביי דעם איז אַ קינד נישט געזונט, ביי יענעם גייט אויס דאָס הייצונג, ביי דעם רינט פון די ווענט... ביי יענעם דרייט זיך אַ שידוך פאַר דער טאָכטער... אַלעמענס זאָרגן האָבן געפונען פלאַץ אין איר קליין שוואַרץ־חנעוודיק קעפּעלע... פון דעם ערשטן טאָג פון איר קרענק האָט זיך באַוויזן ביי דער וואַנט־צייטונג — דאָרט ווו עס איז געהאַנגען דאָס פּאָסטקעסטל פאַר אַנאָנימע אַרטיקלען — אַ ביולעטין וועגן דעם צושטאַנד פון איר געזונט. די ערשטע אַרבעט ביים קומען אין צעך אַריין איז געווען צולויפן אַ קוק טון אין ביולעטין, וואָס מאַכט טאָני. ווי אַזוי איז איבערגעלאָפן די נאַכט... דער וועד פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז נישט אָפּגעטראָטן פון קאַראַוואַיעווסקע 67, באַזונדערס האָט זיך שלמה מפקיר געווען. ביז נאָכן קריזיס פלעגט ער גאַנצע נעכט אָפּזיצן ביי איר בעט, ווײַלן זי, בעת זי האָט נישט געקענט איינשלאָפן. זי פלעגט שטרענג פאָדערן גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן יעדער מינדסטער געשעעניש, וואָס האָט אַ שייכות מיטן „פאַנטאָפל“.

און גראָד איז דאַמאָלסט געווען וואָס צו דערציילן... יעדער טאָג האָט זיך געהאַט זיין „נייעסל“, זיין עפּיזאָד אָדער צוזאַמענשטויס... די מלוכה האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויפן אַרטעל. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ שיט געטון צירקוליאַרן און אַגיטאַטאָרס. עמעצער האָט זיך נישט געפוילט אָנשרייבן אין מאָסקווער „פּראַוודאַ“ וועגן דעם „מקום קדושל“, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט אין קיעוו קעגן דער אָפּערע... אַנדערע ווידער האָבן דורך דער פּרעסע שאַרף קריטיקירט די אַרבעטער פון אוקראַינער „נאַר־קאָמליעגפּראָם“, וועלכע לאָזן גיין אין דער ערשטער ריי אַ קאָלעקטיוו פון רבנים און שוחטים, וואָס האָבן זייער אויטאָנאָמיע אויף קאָראָלענקאַ 39 און פּראָוואָצירן דעם אַרבעטער־קלאַס מיט זייערע פאַלשע טעמפּן און פיינטלעכער שלאָגלערישקייט.

אַ טאָג איבער אַ טאָג זענען געווען אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, די פּראָפּאַגאַנדיסטן פלעגן קריכן פון דער הויט, זיך וועלן דערשלאָגן אַן אָפּ־שטימונג וועגן אַרבעטן שבת. אין קעגנוואָרט פון די „כאַוויירים“ פלעגן די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג און פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע אונטערהאַלטן די פאָדערונג פון די העכערע אינסטאַנצן, פּירוואַרפן דער מאַסע, אַז זיי זענען די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע אַרבעטער אין קיעוו. וועמען ליגט היינט אין קאָפּ שבת?... נאָר אָט האָט זיך די פאַרזאַמ־לונג געענדיקט, די גרויסע לאָמפּן לעשן זיך אויס, ביים אַרויסגאַנג הענגט אָנגעשטאָט אַ ווייס לעמפּל — אַ רויטס... וועמען וועט איינפאַלן, אַז דאָס

האָט אַ באַדייט? אָבער די אַרבעטער ווייסן שוין אַלע דעם סיגנאַל. אין צוואַנציק מינוט אַרום קערן זיך אַלע אום צוריק אין אַרטעל אַריין. דער סטאַראָזש הענגט אויף אַ שלאָס אויף דער טיר און קריכט אַליין אויך צוריק אַריין דורך אַ פענצטער. ביי דעם שוואַכן שיין פון אַ פאַרהאַנגען לעמפּעלע שטייען ביי צוויי הונדערט מענטשן, אַלט און יונג, מענער און פרויען, אויף אַ טיש שטייט פּיאַטיגאַרסקי, מיט אַן אויסגעשטרעקטן קולאַק אין דער לופטן:

— חברים, נישט געפאַלן ביי זיך, מיר דאַרפן זיך האַלטן שטאַל און אייזן!... זיי דאַרפן רעדן און מיר דאַרפן לאַכן פון זייערע רייד. איך גלייב, אַז דאָס, וואָס סעגאַל, קלאַדניצקי און איך האָבן זיי אונטערגעהאַלטן און אייך איינגערעדט אַרויסצוגיין שבת צו דער אַרבעט, האָט איר ריכטיק פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז אַ שווינדל... אונדז לוינט נישט, אַז די מלוכה זאָל וויסן, אַז אין „פאַנטאָפּל" איז אַ פאַראייניקטער פראָנט. אַז ביי אונדז איז אַ היילִיקע סאָלידאַריטעט. דאָס קען נאָך אַרויסרופן רעפּרעסיעס, דאָס קען געבן אַ נישט געוווּנטשענע רעאַקציע... בעסער זאָלן זיי מיינען, אַז ביי אונדז איז דאָ אַן אינערלעכער קאַמף אָדער, ווי ביי זיי רופט זיך דאָס: קלאַסן־קאַמף... וואָס מער מיר וועלן זיי עפּענטלעך אונטערהאַלטן, אַלץ לענגער וועלן זיי אונדז דולדן... חברים, מיר דאַרפן אויסהאַלטן דעם שטורעם! אָפּשלאָגן אַלע אַטאַקעס. אָט די אַלע שרייערס, דאָס זענען לופטיקע חיילות... קיין בייז וועלן זיי אונדז נישט טון. אַזוי לאַנג, ווי מיר פּילן אויס דעם פּלאַן אויף הונדערט פופציק פּראָצענט, אַזוי לאַנג, ווי די רויטע פאָן געפינט זיך ביי אונדז אין „רויטן ווינקל", קענען אָט די אַלע פּראַ־פּאַגאַנדיסטלעך נאָר שרייען און פּינען, אָבער מיט די הענט — פּאַוואָ־לינקע!... און אויב, חלילה, מען וועט אונדז אַ מאָל איינברעכן און הייסן זיך צעגיין איבער די היימען, גלייב איך און איך האָף, אַז קיינער פון אונדז וועט נישט פאַרראַטן די היילִיקע פאָן פון „פאַנטאָפּל", קיינער וועט דאָ שבת נישט אַרבעטן און נישט נאָר דאָ, נאָר אין ערגעץ נישט... מיינע פריינט, דאָ איז נישט דאָס פּאַסיקע אָרט אויף צו האַלטן דרשות און נישט די שעה איז פּאַסיק און דער עיקר: נישט אייך, אונדזער שטאָלץ, אונדזער אַוואַנגאַרד, דאַרף מען ערשט אויפקלערן, ווי וויכטיק שמירת־שבת איז, אָבער דאָך מוז איך די פראַגע פאַרטשעפּען מיט אַ פּאָר ווערטער. דער שולחן־ערוך זאָגט: „מי שטעה והתחיל תפילה של חול בשבת, סימן רע לו, ויפשפש במעשיו כל ימי השבוע הבאה, ויעשה תשובה". איז דאָך אין פּלוג זייער קשהדיק: וואָס איז דער גוואַלד, אויב מען זאָגט אַ וואָכע־דיקע ברכה? די וואָכעדיקע ברכה איז דאָך אויך פון היילִיקע ווערטער... ביי קיין שום עבירה וואַרפט מען נישט אָן אויפן חוטא אַזאַ מרה־שחורה ווי ביי דער — לכאורה, לייכטער, אָדער גאָר קיין עבירה נישט — וואָס זשע איז טאַקע די מעשה? נאָר דער מיין איז דאָ אַ פּיל טיפערער. די כוונה פון דער גזירה איז אַזוי: אויב אַ ייד, — וועלכער וואָלט גאָר באמת אַלע טאָג געדאַרפט וויסן פון חשבון, וווּ ער איז אין דער וועלט, ווייל מי יודע

מה ילד יום? — און צום סוף ווייסט ער אפילו שבת אויך נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, אַזאַ ייד דאַרף בפירוש שטאַרק תשובה טון. סימן רע לו — ווייל אַז מען לעבט אָן חשבון, שטאַרבט מען אָן ודוי... און דאָס זעלבע מיינט די גמרא מיט איר מאמר: „הלן שבעה לילות בלא חלום — נקרא רע". פאַר וואָס זאָל דאָס אַזוי זיין? און וואָס איז נעבעך שולדיק יענער, וואָס האָט אַ רואיקן שלאָף און קיין חלומות באַאומרואיקן אים נישט, בלויז דערמיט הייסט ער שוין אַ — רע? נאָר דער מיין איז דאָ אויך גאָר אַן אַנדערער: שבעה לילות, אַ וואָך, אַ וואָך מיט אַ שבתדיקן טאָג! אויב עס גייט פאַריבער אַ זמן מיט אַ שבת אין דער מיט און ער ווערט אויך אין יענעם הייליקן טאָג נישט געוווירּ, אַז דאָס לעבן איז אַ חלום, אַז אַלץ, צו וואָס ער איז פאַרקנעכטעט, איז נאָר אַ דמיון, אַ פאַר־בלענדעניש — דאַן איז ער אַ: רע, אַ פאַרפאַלענער מענטש! דער שבת, דאָס איז אונדזער אַפּטער ראש השנה, אונדזער וואָכנטלעכער יום הדין, און דעריבער טאַקע זאָגט די גמרא: כל המחלל את השבת בפרהסיא, כאלו כפר בכל התורה כולה, והרי הוא כעובד כוכבים לכל דבריו... און דעריבער זאָגט די גמרא אין אַן אַנדער אָרט: שקולה שבת כנגד כל התורה כולה. מיט שבת איז מען אַ גאַנצער ייד, אָן שבת גאָר קיין ייד נישט!... קיינע פשרות גייען דאָ נישט אָן. אָדער... אָדער — איך וויים די גרוים פונעם נסיון, איך באַגרייף, וואָס עס הייסט, אין אונדזערע טעג, צו ווערן אַרבעטסלאָזע, פועל־בטלניקעס, אָבער בעסער וועלן מיר זיין שמאַטע־קלייבערס, בעסער וועלן מיר ווערן גרוזשטשיקעס* אין פאָרט, טרעגערס און שטיינהאַקערס, איידער פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת!... וואָס נאָך איז אונדז געבליבן פון דעם גאַנצן יידישקייט אַ חוץ אַ כשרער ביסן און שבת... לאָמיר אויך אויף ווייטער סימולירן פאַר די נאַטשאַלניקעס, אַז מיר וואַקלען זיך, און ביי זיך אַליין — זיין שטאָל און אייזן!...

איינציקווייז, מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס, פלעגט דער עולם זיך צעקריכן איבער קיעווער גאַסן, מיט צעקאָכטע הערצער, צעפלאַמטע גע־פילן און שטאָלענע ווילנס: בלייבן יידן!...

איין קאָמוניסט אין קיעוו האָט געוווסט פון די אַלע געהיימע פאַר־זאַמלונגען, פאַר אים האָט מען זיך מיט גאָרנישט געהיט. דאָס איז געווען קאַמיניעצקי, דער אינסטרוקטאָר פון שוסטערצעך: ער איז געווען אַ גוטער ברודער. כאָטש אַליין האָט ער קיין מינדסטע פאַרשטעלונג נישט געהאַט וועגן רעליגיע, אָבער ער האָט אין האַרצן מיטגעפילט די קעמפער און זיי אַלע שטאַרק ליב געהאַט. פערלמאַן האָט פאַר אים קיין סודות נישט געהאַט און קאַמעניעצקי פלעגט אַלץ אין דער זעלבער רגע איבערגעבן גאָרדאָנען אָדער סעגאַלן. אַ דאַנק אים האָט חברה שטענדיק געוווסט פריער פון יעדער אונטערנעמונג קעגן דעם אָרטעל, פון יעדער קומענדיקער אַטאַקע.

אין די פרייע אויפדערנאַכטן פלעגט מען פאַרבעטן הרב ביאַליק צו

---

* טרעגערס, אַנלאָדערס.

ר׳ אברהם פייגנבוים אָדער אוועקגיין צו אים אהיים און צוזאַמען עטלעכע שעה לערנען. טאַני איז לאַנגזאַם געזונט געוואָרן און אָנגעהויבן ביסלעכ־ווייז זיך צו ווייזן אין אַרטעל. לכתחילה אויף קאַטאָוועס פּרווון אַ דריי טון די מאַשין, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן גיין אויף אַ האַלבער סמענע, ביז זי האָט אין גאַנצן פאַרנומען איר פריערדיקן פּלאַץ.

עס האָט זיך איין מאָל געטראָפן, אַז סעגאַל איז נישט געווען אין קיעוו און פּיאַטיגאָרסקי, ווי אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, איז אוועק מיטן בוכהאַלטער אין באַנק אונטערשרייבן אַ משעק און באַקומען געהאַלט פאַר די אַרבעטער. ס׳איז אַקוראַט געווען נאָכמיטאָג־צייט, די גאַסן זענען געווען שוואַרץ פון מענטשן. אויף איינעם פון די קאָכיקע שטאָטפּלעצער, ביי אַ פאַרמאַכטן סעמאַפאָר, האָט שלמה באַמערקט אין אַ פּרעכטיקן אויטאָ זיין זיידן שלומען מיט נאָך איינעם אַ פרעמדן. דער זיידע איז געווען אָנגעטאָן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע און אין שבתדיקן קאַשקעט. שלמה איז אַ דערשטוינטער געבליבן שטיין. ער האָט נישט באַוויזן צוצי־לויפן און פרעגן: „זיידע, וווהין איז?“, ווי די מאַשין, כּאַפּנדיק דאָס גרינע אייגל, איז פאַרשוווּנדן אין אַלגעמיינעם געווירבל. שלמה איז געווען זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט מיט זיין זיידן, און איז צוגעפאָרן צו מעריב אין קופּעטשעסקע־שול. דער זיידע איז נאָך אַלץ געווען אין דער פּראַקטוכענער* קאַפּאָטע מיטן זיידענעם גאַרטל. זיין פּנים האָט געשיינט מיט הייליקן גליק, ער איז געשטאַנען אין מזרח צווישן אַ רעדל בעלי־בתים און עפּעס מיט פייער איינגעטענהט מיט זיי.

נאָך מעריב איז שלמה צוגעגאַנגען צום זיידן:

— זיידע, וווהין זענט איר דאָס היינט געפאָרן אין אַ מאַשין?

— עס האָט איינער אַן אינזשיניער, דווקא אַ קאָמוניסט, געפּראַוועט אַ ברית און געוואָלט, אַז נאָר איך זאָל זיין סנדק. פרעג איך אים, ווו ער וווינט, זאָגט ער אויף קאַריניאַווקע, ביים סאַמע פּושטשער וואַלד, פאָלג מיך אַ גאַנג... הכּלל, אַז איך האָב אים אויסגערעדט, אַז עס איז פאַר מיר אַ צו גרויסע טרחה צו פאָרן מיט דריי טראַמוויען, איז ער נישט פויל געווען, גייט און ברענגט אַ טאַקסי גלייך אהער צו דער שול... זענען מיר שוין קודם צוגעפאָרן צו מיר אהיים, איך האָב זיך איבערגעטון און מיר זענען אוועק־געפאָרן. ערשט נישט לאַנג האָט ער מיך צוריקגעבראַכט אהערצו. טאַקע מיט נסים געהאַט אַ מנין צו מנחה, קוים צונויפגעשלעפּט... ווו זשע האָסטו מיך געזען, ווו? איך האָב דיך גאָרנישט באַמערקט...

— איך האָב אייך געזען אויף דומסקי־פּלאַץ, מיך האָט איר נישט נעקענט באַמערקן. האָט איר עפּעס פריילעך פאַרבראַכט אויפן ברית, זיידע?

— זייער אַ פריילעכער ברית געווען. דווקא קאָמוניסטלעך, אָבער גאַנץ פיינע מענטשן... צוגעזאָגט קיין טריף־פלייש מער נישט נעמען... אַ יידישע

* אַזאַ קאָרט, פון וועלכן פאַרצייטיקע יידן פלעגן זיך מאַכן קאַפּאָטעס.

נשמה קען מען טאקע נישט אפשאצן... די יולדת איז אליין אן אומאנער, איר זיידן האב איך גוט געקענט...

— קומט זיידע, איר גייט?

— ניין, שלמהלע, איך קאן נאך נישט גיין, מיר האבן דא היינט א זיצונג...

— ווער הייסט דאס: מיר?

— מיר, הייסט דאס, די אלטע בעלי־בתים און שטיקלעך גבאים...

— וועגן וואס זשע א זיצינג?

— וועגן שטעלן עטלעכע פאריאדן * אין שטאט אויף מצות באקן... ווידער האט מען פארגעלייגט פון גרוזיע, א יידישער קאלכאז האט דארט צו פארקויפן צוויי הונדערט פוד ווייץ, שמירה משעת קצירה... דארף מען געלט, מען דארף א מענטשן, מען דארף א דערלויבעניש, עס איז דא גענוג ארבעט... דו גייסט אפשר צו די פייגנבוימס?

— איך גיי דורך, וועל איך מן הסתם אריינגיין...

— זאג, זיי מוחל, ר' אברהמען, ער איז עפעס נישט מיט אלעמען, איז ער שוין דעם צווייטן טאג נישטא דאווענען, אז ער זאל אזוי גוט זיין באלד צושיקן דעם בריוו פון קוטאאיס און די טעלעגראמע פון בוכארא... אויב ער פילט זיך בכוח, זאל ער אליין צוקומען... ווייל היינט אויף דער נאכט מוז מען שוין אננעמען א באשלוס... וועסטו נישט פארגעסן?

— פאר וואס זאל איך עפעס פארגעסן? איך גיי און וועל אים שוין זאגן...

— נו, און ביי דיר וואס הערט זיך עפעס גוטס?

— אזוי, נישטא קיין נייעס. פון יחיאלן האט איר עפעס געהאט?

— נעכטן איז געוועזן א בריוו, אויך קיין נייעס נישטא. ער האט גע־וווּנען אויף אן אבליגאציע דריי הונדערט רובל, האט ער מיר צוגעשיקט צוויי הונדערט... אזא שוטה! ... עס פעלט מיר דא זיין געלט. בעסער וואלט ער זיך דארט פארגינען א גלאז מילך, צי איך וויים וואס נאך דארטן...

— נו, ער ווייסט דאך נישט, אז איר פארדינט דא ברוך־השם... וואס, שרייבט ער, טוט די מומע טייבל?

— ער דערמאנט אפילו נישט טייבלס נאמען. בכלל א בריוועלע פון געציילטע ווערטער... נו, און ביי דיר, ווי אזוי גייט עפעס די ארבעט?

— נישקשה, דאנקען גאט...

— ביי יאנין וואס הערט זיך?

— איך בין שוין דריי טעג נישט געווען ביי זיי.

— דו גייסט טאקע מיט איר?

— איך גיי א מאל...

— און וואס?

— וואס דארף זיין?

---

*אונטערנעמונגען.

דער זיידע איז זייער אַ דעליקאַטער מענטש, ער פירט גלייך איבער דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— און דו שרייבסט נאָך אַלץ?

— אַז איך האָב צייט, שרייב איך...

— און וואָס וועט דאָס זיין?

— מן הסתם פּאַק־פּאַפּיר... וואָס דען, מיינט איר, וועט דאָס זיין?

— נייסטו, שלמה? גיי, גיי, זונעניו!... און זאָל ער באַלד טאַקע צושיקן אָדער צוברענגען. וועסט פאַרדינען אַ מצוה... און נאָך, זאָג אים, זאָל ער, אגב אורחא, מיטנעמען אויך דעם קראַסנאָדאַרער בריוו פון יענעם חודש. אפשר וועלן מיר זיך נאָך איבערלייגן און נישט וועלן זיין געראָטן אין דער אשת־חיל וואָס: ממרחק תביא לחמה. גיי, גיי און לאָז אין דער היים גרוסן...

אויף דער גאַס האָט שלמה געטראַכט:

— דעם זיידן איז נישט צו דערקענען... וועדליק די לעצטע יאָרן אין במעלניק, ממש פון טויט — לעבעדיק... ער האָט דערקענט די שטאָט, די שטאָט האָט אים דערקענט. ווי אַזוי האָט ער געזאָגט, דער פעטער לייב? — „שלום איז ערשט אַ יונגערמאַן געוואָרן"... טאַקע אמת! פון דאַמאָלסט, נאָך דער באָבע זעלדעס טויט, איז ער איצט ווי יינגער געוואָרן מיט צוואַנציק יאָר, דאָס פּנים — פרישער, די אויגן — גלאַנצנדיקער... און אין שטעטל האָט ער שוין געשמעקט מיט „המצא מנוחה". ממש אַ רמז אויף תחית־המתים.

קאפיטל XIV

פון זינט ס׳האט זיך געשאפן די רוסישע שפראך, ווייסן אלע ווערטערביכער צו זאגן איין און איינציקע טייטש אויפן ווארט: „זאלאטוכא“. דאס איז, לא עלינו, אזא אנשטעקנדיקע מחלה, א מין עקזעמע, רחמנא ליצלן, וואס גיסט זיך אויס אויפן קעפל, וואס רינט מיט בלוטיקן אייטער: פון די אויערלעך, פון די נאזלעכער און אפילו פון די אויגן. דאס דאזיקע אנשיקעניש טרעפט אמיינסטן ביי קליינע קינדער און ס׳איז אך און ווי צו דער מוטער, וואס איר קינד האט ערגעץ „געפאקט“ אט די „שיינע מתנה“ אויפן קעפל. קיין שלאף קומט שוין נישט אויף אירע אויגן, דאס קינד רייסט דאס קישן אונטער זיך, דאס „שמירעכץ“ צעגייט געשווינד אויפן גליענדיקן קעפעלע און פליסט גלייך אין די אייגעלעך, אין מיילעכל. בקיצור, ס׳איז זיי ביידן ניין מאל גוט, אי דער מוטער, אי דעם קינד.

דעם מאנאפאל אויף דער דאזיקער קרענק האבן אבער קינדער געהאט נאר ביזן יאר 1931. אין יענעם יאר האבן אלע ווערטערביכער און מעדיצינישע לערנביכער געמוזט ענדערן דעם באדייט פון דעם דאזיקן ווארט. פון דעם יאר אן איז דאס געווארן א קרענק נאר פאר דערוואקסענע, מיט גאר אן אנדער דיאגנאז: זאלאטוכא, פון דעם ווארט: זאלאטא — גאלד. א גאלד־קרענק, וואס האט געלייגט איר שטעמפל אויפן „חולה“ נישט ערגער ווי למשל: צוקערקרענק, נירנקרענק, לונגענפעלער, הארצפעלער וכדומה אזעלכע קרענק און פעלערן, וואס דערגייען די יארן און לאזן נישט לעבן אויף דער וועלט.

אין יענעם יאר האט זיך אנגעהויבן אן אלפארבאנדישע מאביליזאציע פון אינערלעכע רעסורסן — אן אנאלאגישע צו יענער, וואס האט זיך דורכגעפירט מיט א האלב צענדליק יאר צוריק אונטערן נאמען „סאמאאבלאזשעניע“, נאר מיט צוויי חילוקים: די ערשטע האט ארומגעכאפט די גאנצע באפעלקערונג, ארעם און רייך, די לעצטע אבער איז חל געווען נאר אויף די, וועלכע האבן געהאט באהאלטן אויסלענדישע וואלוטע און גאלד, אדער אויף די, אויף וועלכע מען האט געהאט א חשד, אז זיי זענען בכלל פארמעגלעכע און אויב אפילו זיי פארמאגן נישט קיין גאלד, וועלן זיי דאס קריגן ווו עס איז, אויב מען וועט זיי א רעכטן קוועטש טון. דער צווייטער אונטערשייד צווישן די צוויי „קאמפאניעס“ איז געווען, וואס די ערשטע האט פרעטענדירט אויף א שם פון פריוויליקייט, פאר דער עפנטלעכקייט האט עס געהייסן, אז מען באשטייערט זיך „זעלבסט“, אז מען טראגט אקעגן מיט נעזאנג דעם „איין און איינציקן“ חודש געהאלט, וואס די מלוכה האט „איינגעוויליקט“ צו נעמען ביים דורכשניטלעכן בירגער, דאקעגן די צווייטע קאמפאניע, די „זאלאטוכא“, האט נישט באהאלטן אירע אמתע כונות. די קאמפאניע־מאכער האבן פראנק און פריי מודיע געווען, אז דאס איז אן אקציע אויף ארויסצופאמפען פון דער מאסע דאס ניקאלאיעווסקע צענערל

און די דאָלאַרטשיקלעך, וואָס רייכע פּעטערס פלעגן פון מאָל צו מאָל צו־שיקן פונעם גאָלדענעם לאַנד.

אין דער טרויעריק־באַרימטער קיעווער לוקיאַנאָווקער טורמע איז אויס־געטיילט געוואָרן אַ באַזונדערע „אויטאָנאָמיע" מיט אַ וואָכעדיקן נאָמען: „די גאָלדענע שאַכטע". צו דער אַזוי גערופענער „שאַכטע" האָבן געקערט צוויי קאָרפּוסן. יעדער קאָרפּוס האָט פאַרמאָגט עטלעכע קאָרידאָרן און יעדער קאָרידאָר צו עטלעכע און צוואַנציק קאַמערס. מיט דער „גאָלדענער שאַכטע" האָט פאַרוואַלטעט אַ ספּעציעל באַשטימטער שטאַט אויספּאָר־שערס. אהין זענען צוגעקליבן געוואָרן ספּעציעלע וועכטער און אַפילו ספּעצ־ציעלע דאָקטוירים. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס גאָלד און וואַלוטע זענען אַזעלכע נייטיקע זאַכן פאַר דער מלוכה, פון דעסט וועגן איז אין דער דאָזי־קער טורמע־אָפּטיילונג אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פּרינציפּ: יעדער קליענט, אָן אַן אויסנאַם, מוז באַאַרבעט ווערן אין משך פון צען ביז פופצן טעג, בשום אופן נישט פאַרפירן אין דעם טורמע־פיליאַל קיין געוועלעכן אַרעס־טאַנטן Гнойник * און די הויפּט־רעזשיסאָרן פון ד ע ר אָפּערע האָבן שוין געטון דאָס נייטיקע, אַז אַזאַ טערמין זאָל מוזן זיין גענוג. און מערקווירדיק: עס האָט זייער זעלטן געטראָפן, אַז אַ גאָלדגעבער זאָל אָפּזיצן אַפילו אַ וואָך. אַזאַ טערמין האָט זיך שוין גערעכנט פאַר אַ רעקאָרד.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס דערפון, וואָס מען האָט אַריינגעקוועטשט אין אַ קאַמער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר פינף און צוואַנציק מענטשן, הונדערט מיט פופציק. די נאַרעס** האָט מען אַראָפּגענומען, דעם טיש אַרויסגעוואָרפן און דאָך איז געווען ענג אַפילו צו שטיין. געהייצט די הרובעם האָט מען נישט, אָבער ס'איז אַזוי אויך קאַלט נישט געווען. אין קאַמער איז פון מענטשישע לייבער געשטאַנען אַ שרעקלעכער געשטאַנק און אַן אומדערטרעגלעכע היץ. קיין עסן פאַר די אַרעסטאַנטן האָט מען ביי די קרובים נישט צוגענומען, זיי האָבן באַקומען נאָר דאָס, וואָס די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט אַרויסגעגעבן: דריי הונדערט גראַם גערשטנברויט, און איין מאָל אין טאָג אַ קווערטל באַלאַנדאַ*** פון טוכלע פיש. דאָס ברויט איז אָפט מאָל געווען מיט פאַרשידענע פסולתן, נישט זעלטן האָט אַ צאָן געקענט אָנטרעפן אויף אַ שטיינדעלע און זיך גלייך רירן פונעם אָרט. די „באַלאַנדאַ" האָט געעפּושט פאַר אַ מייל און פון די אוראַלטע פיש האָט מען גאָר אָפט אָנגעטאַפּט מיט דער צונג אַ זאַפּטיק ווערעמל... צי אין ד י „קעסט" איז שולדיק געווען די אַדמיניסטראַציע, צי דאָס נאַכלעסיקייט פון די אַרעסטאַנטסקע קאָכערס און באַקערס, דאָס ווערט מען קיין מאָל נישט געוווּיר; אָבער אויף די איינוווינער פון דער „שאַכטע" האָט עס שרעקלעך

* אַן אויטערדיקער קוואַל.

** אַזעלכע לאַדנס, וואָס דינען די אַרעסטאַנטן פאַר בעטלעך.

*** די אַרעסטאַנטן אין רוסלאַנד רופן אַזוי אָן דאָס געקעכטס, וואָס מען גיט זיי.

געווירקט. דעם אמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. מען איז דערצו אודאי נישט געוווינט געוואָרן, אָבער פון קיין שטיינדעלע צי פון קיין וועדעמל שטאַרבט מען נישט; מקצר ימים געווען האָבן די „ראַסקאָלשטשיקעס". די בוכשטעבלעכע טייטש פון דעם וואָרט איז: צעהאַקערס, אויפשפּאַלטערס, און דאָס איז טאַקע אייגנטלעך געווען די ריכטיקע פונקציע פון דעם מין מענטשן.

„ראַסקאָלשטשיקעס" — דאָס זענען קרימינאַליסטן מיט אַ היפּש פּעקל „יאָרן" אויף זיך, וועלכע זענען איבער דער אָדער יענער סיבה נאָך נישט אַוועקגעגאַנגען מיטן עטאַפּ. אַזאַ מין „טיפּ" רופט מען אריין צום הויפּט־אויספאָרשער, וואָס איז גלייכצייטיק אויך דער אַדיוטאַנט פון דעם שרעק־לעכן בראָניעוואָי *, און דאָרט קומט פאָר צווישן דעם פּאָרל אַ קורצער געשפּרעך:

— זאָג נאָר, דו באַנדיט איינער, דו ביסט געטריי און איבערגעגעבן דער ראַטנמאַכט, צי ניין?

— זאָל מען מיך אויפהענגען, אויב נישט, בירגער אויספאָרשער, איבערגעגעבענער קען שוין גאָר נישט זיין...

— וויפל האָסטו באַקומען?

— אַכט יאָר, בירגער אויספאָרשער, פאַר גאָרנישט מיט נישט...

— און דער היים האָסטו עמעצן איבערגעלאָזט?

— אַ ווייב... זי קער זיך זיכער שפּילן מיטן שכן, די זונה, אַ מכה איר אין בויך...

— בקיצור, אַהיים גיין ווילסטו?

— בירגער נאַטשאַלניק, ווער וויל נישט אַרויס אויף דער פריי? און דערצו, זאָג איך אייך, ווען איר זאָלט וויסן... פאַר גאָרנישט מיט נישט...

— דו דערצייל מיר נישט קיין מעשׂות... מיר קענען אייער אומשולדי־קייט. אַלע ווערט איר הייליקע, אַז איר קומט אַהער. אָבער דאָס איז איצט נישט וויכטיק. די זאַך באַשטייט אין עפּעס אַנדערש. דו קענסט זיך פאַר־דינען די פרייהייט, נאָר מען דאַרף צוהאָרעווען, אומזיסט איז נישטאָ. ביסטו מסכים אויף מיין פאָרשלאַג?

— בירגער נאַטשאַלניק... אויף אַלצדינג בין איך מסכים... אפילו אַ מענטשן הרגענען... כ'מיין... מיט איין וואָרט: כ'בין גרייט אויף אַלצדינג...

— קיין מענטשן הרגענען דאַרף מען נישט, מען דאַרף נאָר קענען מאַכן

---

* דער דאַמאָלסטדיקער נאַטשאַלניק פון קיעווער געפּעאו. אַ ייד. געווען באַוווּסט אויף גאַנץ אוקראַינע מיט זיין אכזריות. נאָך דער „זאַלאַטוכע" איז ער אַריינגעפאַלן ביי דער מלוכה אין אומחן און איז אין מאָסקווע דערשאָסן געוואָרן. מאחורי הפרגוד איז מען שפּעטער געוווּיר געוואָרן, אַז דער אומחן איז כלל נישט געווען אויפן פּאָליטישן געביט, נאָר ווייל מען האָט אים פאַרהאַלטן ביים שוואַרצן די פּוילישע גרענעץ, צוזאַמען מיט זיינע דריי נאָענטסטע אַדיוטאַנטן. יעדער פון די פיר „קאַרפּנקעפּ" האָט געטראָגן צוויי וואַליזעס מיט דאָלאַרן, גאָלד און ברי־ליאַנטן. אין מאָסקווע האָט מען זיי איינס און צוויי אַריבערגעשטעלט די „גרענעץ".

אַן אַנשטעל, ווי דו ווילסט אים הרגענען. מיר ווארפן דיך אריין אין אַ קאַמער פון באַהאַלטענע קאַפּיטאַליסטן, וואָס ווילן נישט אָפּגעבן דער מלוכה זייער גאָלד. און דו דאַרפסט מאַכן אַזוי, אַז... אַז זיי זאָלן ווייבער ווערן. דו דאַרפסט אָט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, אָט די שונאים פונעם פאָלק אויפקלערן... אויף דיין שטייגער — אויפקלערן. שלאָגן — נישט! געדענק, איך פאַרווער דיר דאָס! נאָר אַזוי... אָנשרעקן, למשל, זיך אַ שפּיל טון... מיט איין וואָרט... דו פאַרשטייסט שוין, וואָס איך מיין... איך דערקען דאָס נאָך דיינע טיגרישע אויגן, וועלכע זאָגן עדות, אַז דו ביסט געבער אומשולדיק און זיצסט פאַר גאָרנישט מיט נישט... אָבער געדענק, שלאָגן פאַרווער איך דיר, דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן. פאַר יעדן קליענט, וואָס דו מאַכסט מיר „צורעכט" און ער צעשנורעוועט דאָס בייטעלע, שענק איך דיר אַ יאָר פון דיין טערמין. נאָכן אַכטן „קליענט" גייסטו דיר אַהיים זיך אָפּצורעכענען מיטן שכן, פאַר וואָר ער קריכט צו דיין ווייבל. האָסטו צעקייעט דעם ענין, צי מען דאַרף דיר געבן קייען שטרוי?

אין יעדער קאַמער פלעגט אַריינגעשיקט ווערן צו פיר, פינף אַזעלכע מענטשנפרעסער און זיי פלעגן דאָס זייעריקע טון באמונה. אין אַזאַ קאַמער איז אַ קיילעכדיק מעת־לעת געווען ששון ושמחה. פון גרוים היץ איז אומעגלעך געווען צו טראָגן אויף זיך די הלבשה, אַלע אָן אויסנאַם זענען געווען נאַקעט אָדער כמעט נאַקעט. שלאָפן האָט מען געדאַרפט שטייענדיק, אָנגעשפּאַרט אין אַ צווייטן אָהער אין דער שווייסיקער וואַנט. אין יעדן ווינקל איז געווען צו זען אַזעלכע שטייענדיקע האַלבע־מתים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן איינער פאַרן אַנדערן און געכאַפּט אַ דרימל. זיך אַראָפּלאָזן אויף דער פּאָדלאָגע האָבן די „ראַסקאַלשטשיקעס" נישט געלאָזט, זיך אָנטרינקען, ווען ס'האָט זיך געוואָלט, האָבן זיי אויך נישט געלאָזט, דאָס וואַסער איז געווען אונטער זייער קאָנטראָל. ווער ס'האָט זיך געלאָזט „שפּאַלטן", דעם האָט מען נעגעבן געגנוג צו טרינקען און אויך דעם, וואָס... האָט געחלשט. פאַר אַ וואָך צייט איז דער סאַמע האַרטנאַקיקסטער מענטש געווען באַאַרבעט: אָדער מען האָט אים אין שפּיטאָל אַריין אָדער ער האָט אָפּגעגעבן די גראָשנס און איז געגאַנגען אַהיים. פינף און נייַנציק פּראָצענט פון די „זאָלאָטושניקעס" זענען געווען יידן. מען האָט דאָרט אפילו צונויפגעשטעלט אַ זמרל מעגינא דיומא:

גיב אָפּ די מטבע
И иди домой *
הייב נאָך אויף ביידע הענט צום הימל
און זאָג: ברוך הוא וברוך שמו.
Москва слезам не верит
Так сказал — Броневой! **

* און גיי אַהיים.
** מאָסקווע גלייבט נישט אין קיין טרערן,
אַזוי האָט געזאָגט — בראָניעוואָי!

געווען אויך אַזעלכע חכמים, וואָס נאָך אַ שעה אָפּזיצן אין קאַמער האָבן זיי זיך געהייסן אָפּפירן צום אויספאָרשער, זענען ווי עס איז דורכגעקומען מיט אים פאַר דעם פרייז און אַהיימגעגאַנגען, איידער זיי האָבן פאַרלוירן דעם מענטשלעכן אויסזען. אָבער מענטשן מיט אַזעלכע אַנטשלאָסענע כאַראַקטערס האָט מען געקענט איבערציילן אויף די פינגער. קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט אַזוי גרינג זיך צעשיידן מיט זיין פאַרמעגן.

ס'זענען געווען פאַלן, ווען מען האָט גענומען אין „חדר" אַריין באַוווּסטע פּראָפעסאָרן, אַרטיסטן, שרייבערס אָדער אַנדערע וויסנשאַפטלער און קינסטלער, אויף וועלכע ס'איז געווען אַ מסירהלע, אַז זיי האָבן אַ „קניפּל". מיט אַזעלכע גרויסע „קאַרפּן" איז מיטגעגאַנגען דער אויספאָרשער אין קאַמער אַריין, דער וועכטער האָט אָפּגעטריבן די שמוציקע קאַמער־איינוווינער פון דער טיר, מען זאָל חלילה נישט איינשמוצן חעם חבר פּראָפעסאָר צי דעם חבר מאָלער. דער אויספאָרשער האָט דער געבראַכטער פערזענלעכקייט בכבודו ובעצמו געגעבן אַן אויספירלעכע לעקציע אין הלכות קאַמער־לעבן: אָנגעוויזן אויף די פאַרשפּאַרטע, ווי ענג ס'איז זיי נעבעך, ווי מענטשן זענען דאָרשטיק, שלעפעריק און האַלב־בלינד פון דער שטענדיקער שאַרפער עלעקטריע־שיין. נאָך אַזאַ לעקציע האָט דער אויספאָרשער זייער העפלעך געעצהט דעם „העכט", זיך בעסער נישט צו באַקענען מיט יענע ווילדע פון דער קאַמער, יענע זענען פּעאיק אויף אַלץ... באַהיט גאָט צו זיי אַריינפאַלן! דאַן פלעגט ער נעמען דעם גאַסט אונטערן אָרעם, מעשה קאַוואַליער, הייסן עפענען פאַר אים אַלע טירען און טריאומפירנדיק, ווי פון שלאַכטפעלד מיט דעם שונאס פאָן, אים אַרויספירן פון דער טורמע. דאָרט פלעגט דער אויספאָרשער אין זיין אייגענעם אויטאָ אָפּפירן דעם גאַסט צו אים אַהיים, גאַלאַנט העלפן אים אַרויסגיין פון אויטאָ און ביים געזעגענען זיך אים אָנרופן דעם טערמין, וואָס ער גיט אים אויף זיך צו באַטראַכטן.

דאָס רוב פלעגן אַזעלכע „קאַרפּן" זיך מער אין קאַמער אַריין נישט אומקערן. די עקסקורסיע האָט געווירקט.

ס'זענען געווען פאַלן, ווען אַ ייד האָט זיך „צעשפּאַלטן" און אָפּגעשיקט מיט אַ געפּואיסט צום ווייב אַ בריוועלע, אַז זי זאָל אַרויסבאַקומען פון „דאָרט און דאָרט דאָס און דאָס" און אָפּגעבן. דער געפּואיסט איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פון איר, די יידענע האָט זיך פאַר גרויס עגמת־נפש אַזוי פאַרלוירן, סיי פון דעם, וואָס מען מוז אָפּגעבן דאָס „שוואַרצאַפּל פונעם אויג", סיי דערפון, וואָס דער „יון" שטייט איבער איר און היט איר די נשמה, אַז זי האָט פאַר גרויס אימפּעט געטראָפן צו אַן אַנדער גריבל און אַרויסבאַקומען נישט דאָס, וואָס דער מאַן האָט געשריבן. אַזאַ מענטש האָט שוין שלעכט אָפּגעשניטן: מען האָט בכבוד גדול צוגענומען די „אומגעריכטע מציאה", זיך דערקליבן אויך צום אָנגעוויזענעם „פּעקעלע" און ערשט נאָך אַלע „היום'ס" איבערגעלאָזט זיצן דעם „צעשפּאַלטענעם" און נאָך פאַר אַ צוגאָב איינגעזעצט די פּלוניתטע אויך:

— אויב ער האָט צוויי קברימלעך, קער ער האָבן נאָך און נאָך...

אויב די סומע אין קניפּל האָט יאָ געשטימט מיט דער ציפער, וואָס דער בעל־הבית האָט אָנגעגעבן, נאָר די אויספאָרשערס האָבן נישט געהאַט די זיכערקייט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע פונעם לעצטן, האָבן זיך שוין די אַגענטן אָן עצה געגעבן, אַז... זי זאָל נישט שטימען. זייערע אויסגעמושטרירטע פינגער פלעגן זיך קונציק צערוקן ווי ביי אַ פאָקוסניק און פאַר אַלעמענס אויגן אומבאַמערקט דורכלאָזן אַ פּאָר מטבעות אָדער אַסיגנאַציעס. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז דער פאַרהאַלטענער איז בכבוד גדול ווייטער געבליבן זיצן, ביז ער וועט אָפּגעבן דאָס „ריכטיקע״ פּעקעלע.

די „צעשפּאַלטונג״ האָט געהאַט פאַרשידענע פאָרמען. פאַר מענטשן, אויף וועלכע דער חשד, אַז זיי האָבן באַהאַלטענע אוצרות, איז געווען מער באַגרינדעט, זענען געווען אַזוי גערופענע „באָד־קאַמערן״. מיט דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען זיי געקרוינט, ווייל דאָרט איז געווען היים ווי אין אַ באָד. די וואַנט־הרובעס פון ביידע זייטן האָבן געשרפהט אַ קײלעכדיקן מעת־לעת ווי אַ שייטערהויפן. אין קאַמער, וווּ ס׳איז אוממעגלעך געווען „אַ נאָדל דורכצוּוואַרפן״, איז געשטאַנען אַזאַ היץ, אַז די פּאַדלאָגע איז געווען נאַס פון מענטשישן שוויים. אַלע אָן אַ אונטערשייד זענען געגאַנגען אין אונטערשטן וועש און ווער — אפילו אָן דעם העמד. ווען עמעצער פלעגט זיך אומפאַרזיכטיק אַ קער טון, האָט זיך די גאַנצע מענטשן־מאַסע אַ וואַקל געטון און באַלד פלעגט זיך דערהערן אַ האַרצרייסנדיקער קוויטש: דאָס האָט מען עמעצן נישט ווילנדיק צוגעפרעסט צו דער אָנגעגליטער הרובע. דער אָפּגעבריטער פּאַכעט מיט דער האַנט אויפן רויטן פּלעק, אָבער דאָס ווינטעלע איז נישט קילער פון דער אַלגעמיינער אַטמאָספערע. אין אַ ווײלע אַרום פלעגן אויף דעם אָפּגעבריטן לייב אַרויסקריכן וואַסער־בלאָטערס: פּלאַכע, ווייכע און שרעקלעך שמערצנדיק. די סאַמע אויסגעהאַלטענע מענטשן פלעגן וויינען ווי קליינע קינדער פון אָט די פּליסיקע טאָרבעלעך, וועלכע פלעגן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלען אין אַ ביטערער מכה. פון באַקומען מעדיצינישע הילף צו אַזעלכע „נאַרישקייטן״ איז געווען אָפּגערעדט. אויף די „פּראָוויערקעס״ *, ווען דער קאָמענדאַנט פלעגט מעכאַניש אַ וואָרף טון די טראַדיציאָנעלע פראַגע:

— אַלע זענען געזונט? קיינער קלאָגט זיך אויף גאָרנישט?

פלעגט מען זיך נאָר שעמען צו באַקלאָגן אויף אַ פּשוטן ברי. בעת מען פלעגט עפענען די טיר אויפן קאָרידאָר אַרויס, פלעגט אויסוואַקסן אין חלל פון דער טיר אַ געדיכטער עמוד־העגן: דאָס האָט די פאַרע פונעם צימער זיך געשפּאַרט צום אַרויסגאַנג. דאַקעגן, פלעגט די קאַלטע לופט ווי מיט אַ חלף שניידן די צעווירענע נאַקעטע קערפּערס.

ווען עס האָבן זיך געטראָפן באַזונדערס איינגעשפּאַרטע און דער טערמין פון מעגן זיי האַלטן אונטערן שלאָס האָט זיך דערנענטערט צום סוף,

---

* דאָס איבערציילן די אַרעסטאַנטן אין דער פרי און אויף דער נאַכט.

פלעגט דער אויספאָרשער אינסצענירן אין דער „באָד־קאַמער“ אזא מין ספעקטאַקל: מען האָט גענומען דעם עקשן, אים אָנגעטון א שווערן שמויסענעם פעלץ, ארויפגעזעצט אויפן קאָפּ א היפּש האָריק היטל, ארויפגעשלעפּט אויף זיינע אָנגעדראָלענע פיס א פּאָר אומגעלומפּערטע פּוישטן — ווי דאָ אין קאַמער וואָלט געווען פופציק גראַדוס די קעלט, נישט א דערשטיקנדיקע היץ. אָנגעטון אין די דאָזיקע בגדי־כהונה, האָט מען דעם אומגליקלעכן ארויפגעשטעלט אויף א טאַבורעט אין מיטן צימער, אלע ארעסטאַנטן זענען געשטאַנען ארום אים און דער אויספאָרשער אויך בתוכם. דער אָנגעפּעלצטער האָט זיך נישט געטאָרט באַוועגן, אפילו נישט אָפּווישן די ריטשקעלעך שוויים, וואָס האָבן זיך געיאָגט פונעם פּנים, פון די אויערן, פון די נאָזלעכער. ער האָט נאָר גערדאַרפט האַלטן אין איין רעדן. דער אויספאָרשער האָט אים געהייסן דערציילן די אויטאָביאָגראַפיע, דערציילן, ווי אזוי ס'איז ביי אים פאָרגעקומען אין דער ערשטער ליבע נאַכט... ווען דער דערציילער איז שוין געווען אויף א דרך, האָט אים דער אויספאָרשער אומגעקערט אויף צוריק: ער זאָל אָנהייבן אלץ פונעם אָנהייב, נאָר אלץ איבערחזרן וואָרט ביי וואָרט, נישט פאַרפעלן גאָרנישט... ווען יענער אויפן בענקל האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען אויף די פיס, האָבן אים געטרייע הענט, וועלכע האָבן נישט אויסגעפעלט אין קיין שום קאַמער, אונטערגעכאַפּט און צוריק אוועקגעשטעלט „סמירנאָ“. דער אויספאָרשער פלעגט אלע מאָל א ריטשע טון אויף אים:

— וואָס מוטשעסטו אומשולדיקע מענטשן, אויסוואורף איינער? וואָס האָסטו צו זיי, נעבעך... איבער דיינע גנבישע עטלעכע רובל דאַרפן זיך מאַטערן אזוי פיל מענטשן? גיב אָפּ די קלינגערס, לאָז איך גלייך אָפּ אלע פון דער קאַמער פריי...

ביי אזעלכע ווערטער פלעגט דער גאַנציער המון ארעסטאַנטן, א צערייצטער, זיך וואַרפן אויפן האַלב־טויטן איינגעשפּאַרטן, אָבער שלאָגן — האָט דער אויספאָרשער נישט דערלאָזט. אלצדינג — יאָ, אָבער שלאָגן — נישט! אויף דורכצופירן די זאָלאָטוכע־אַקציע זענען פון די העכערע אינסטאַנצן געווען דערלויבט נאָר הומאַניטאַרע מיטלען, אָבער א וועלכער עס איז פיזישער צוואַנג איז שטרענג געווען פאַרבאָטן.

אויב די „אויטאָביאָגראַפיע“ האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט מען פון דעם ביטערן עקשן אראָפּגעריסן די וואַרעמע בגדים און מען האָט אים א האַלב־נאַקעטן און אָפּט מאָל א באָרוועסן אוועקגעשטעלט אין קאָרידאָר אויפן געפרוירענעם צעמענט מיטן פּנים צו דער וואַנט. אזוי פלעגט ער אָפּשטיין אכט שעה, צוועלף שעה און ווער אפילו — צוואַנציק שעה. כדי ער זאָל זיך נישט פּרווון צוזעצן אָדער גאָר זיך דורכגיין איבערן קאָרידאָר, האָט מען אים צוגעזעצט אלס א שומר... אַן אָוטשאַרקע*. טאָמער האָט

---

* א דרעסירטער אויספּיר־הונט, וועלכער איז נישט וויניקער שרעקלעך פון א וואָלף.

דער ארעסטאַנט זיך געוואָלט א ריר טון פונעם אָרט, איז גלייך די „אָור־טשאַרקע" געהאַנגען אויף זיין פּלייצע. נאָך אזא „שמונה־עשרה", אז מען האָט דעם ארעסטאַנט ארייננעוואָרפן צוריק אין קאַמער אריין, איז ער געווען פאַרהילצערט און בלוי ווי א מילץ, די פּיס זענען געווען געשוואָלן ווי א ראַשטשינע.

דער זעלבער סדר, מיט אלע פּישמשעוקעס, פלעגט זיך אָפּשפּילן אויך אין די פרויען־קאַמערן פון דער „גאָלדענער שאַכטע". די זעלבע מעטאָדן און די זעלבע הומאַניטאַרע מאָסמיטלען, נישט מער, פון „עזרת נשים" פלעגן זיך אין די שפּעטע ביינאַכטיקע שעהן טראָגן אין הימל אריין אזעלכע שווידערלעכע קולות, וואָס האָבן געמאַכט קילן דאָס בלוט און גרוילן דאָס לייב ביי די יעניקע, וואָס פלעגן זיי דערהערן...

און די „שאַכטע" האָט זיך געטון אירס: געאַרבעט א קיילעכדיקן מעת־לעת, אויסגעשפּיגן מענטשן און איינגעשלונגען אַנדערע.

יידן פלעגן מיט א פאַרביטערטן האַרץ פרעגן ביי היימישע פּאַרטייער:

— סטייטש, היתכן, אָט אזוי האַנדלען מענטשן? איר ווילט אונדז איינרעדן, אז „פון אויבן" איז מען גורם אזעלכע ווילדע דרכים און אזעלכע... פּראָסט גערעדט, רציחות?

יענע פלעגן מיט ביטול א קוק טון אויף די קלאָץ־קשיות־פרעגערס און נדלותדיק ענטפערן אויף רוסיש:

Ни-че-го! Революция тоже в перчатках не делалась... *

אויף דעם ארגומענט האָט שוין קיינער גאָרנישט געקענט זאָגן. דעם פאַקט אָפּווענדן איז געווען שווער. זיי האָבן געהאַט רעכט. אויף דעם געביט האָט די אמאָליקע טשעקאַ און היינטיקע געפּעאו געהאַט א גאַנץ בכבודיקן סטאַזש, וואָס אמת, איז אמת.

---

* עס מאַכט נישט! די רעוואָלוציע איז אויך נישט אין הענטשקעס געמאַכט געוואָרן...

קאפיטל XV

פון שלמהס קרייז באקאנטע זענען קראנק געווארן אויף „זאלאטובע" דריי מענטשן: ר' אברהם שארפשטיין, ר' אברהם פייגנבוים און... ר' יואל קאמינקער, דער סטאלענער חסיד און דער שיינער בעל־לשון.

אויף שארפשטיינען האט מען צוגעטראגן א מסירהלע, אז פונעם ספרים־האנדל האט ער אפגעשפארט א שיין ביסל געלט. אויף פייגנבוימען האט מען אנגעוויזן, אז כאטש אליין איז ער א קבצן, אבער ער קען די „גאנצע" שטאט און דארף געבן „קרבנות".

שארפשטייז האט געבראכט די אויספארשונגס־ארגאנען צענדליקער ראיות און האט זיי דערוויזן באותות ובמופתים, אז ביי דעם מסחר מיט די ספרים האט ער גאר „געבראכן דעם קאפ". נישט קוקנדיק דערויף, וואס ס'איז שוין באלד פאריבער א יאר זייט דאמאלסט, קען ער זיך נאך נישט „אויסטשוכען", אזוי האט מען אים „אפגעשניטן א פאלע". ס'איז אבער געווען אומזיסט זיין טענהן, ס'האט אים קיינער נישט געגלייבט. ניין מעת־לעת האט ער זיך אפגעמאטערט אין די „ראסקאלאטשנעס" און ווען מען האט אים סוף־כל־סוף געבראכט צו פירן אהיים, האט ער אפגעקרענקט א שפאר ביסל צייט.

דער אלטער פייגנבוים האט אויף דער ערשטער אויספארשונג געענט־פערט אן שום קווינקלעניש:

— איך האב נישט קיין געלד און וויים נישט ווער עס האט, כאטש איך קען קיווו ווי מיינע צען פינגער. נאר איר קענט זיין זיכער, ווען איך וויים אפילו יא, וואלט איך אייך אויך נישט געגאנגען דערציילן. וואס בין איך ביי אייך — א שפיאן צי וואס? זוכט אייך אייערס גלייכן און מיך לאזט צו רו...

מען האט אים מיט גרוים פאראד ארייגעווארפן צו די „ראסקאלשטשי־קעס". אויפן צווייטן טאג אבער האט דאס „געהיימע אויג", וועלכעס האט אכטונג געגעבן אין יעדער קאמער באזונדער, ראפאטירט דער נאטשאל־סטווע, אז דער פארעקשנטער אלטיטשקער איז א שברי־כלי: אין משך פון דעם פארהאנגענעם טאג האט ער פיר מאל געחלשט. אויב מען וועט זיך מיט אים לאנג שפילן, קען מען זיך נאך דערשפילן...

חעם זעלבן טאג נאך האט מען אים פריינעלאזט, נעמענדיק, פארשטייט זיך, פריער ביי אים דאס ווארט, אז קיינעם: ני־בע, ני־מע — אז נישט...

*

ר' יואל קאמינקער, אדער ליאכאוועצקי, ווי ער האט זיך געשריבן אין די דאקומענטן, האט געוווינט נישט ווייט פון דעם צענטער שטאט אויף מוזיקאלנע־גאס. אויפן צווייטן שטאק, ווו ער האט פארנומען צווי קליינע צימערלעך מיט א קיכל, האבן איבערן גאנצן קארידאר מער קיין יידן נישט

געווינט: איין ייד צווישן א מחנה צוררי־ישראל. זיין גאנצע משפחה איז באשטאנען בלויז פון צוויי פארשוין: ער און שרהלע, א מיידעלע פון פערצן יאר. זיין יינגסט אייניקל. מער האט ער נישט פארמאגט קיינעם. ער האט פארנומען איין צימערל, דאס אייניקל — דאס צווייטע, און אין קיכל האבן זיי געגעסן.

ווען מען האט אין יענעם אוונט אנגעקלאפט אין דער טיר, איז שוין דאס אייניקל לאנג געשלאפן און ר' יואל, אן אויסגעטונענער, האט נאך אריינגעקוקט אין א ספר. ס'איז געווען נאך עלף א זייגער. דערהערנדיק דעם קלאפ האט ער זיך א פארחידושטער אפגעווארפן אויפן צוקאפנס־קישן און זיך געוואלט איינרעדן, אז ס'האט געמוזט עפעס אראפפאלן פון דער פאליצע. אין א מינוט ארום האט זיך דער קלאפ איבערגעחזרט נאך מיט מער בייזקייט. לכתחילה האט ר' יואל אפילו א טראכט געטון נישט גיין עפענען: זאל מען קלאפן אזוי לאנג, ביז שרהלע וועט דערהערן. זי איז יינגער מיט א מיטוואך, זאל זי גיין עפענען. ער האט אבער גלייך חרטה געקריגן אויף זיין מחשבת־זרה. נישט קוקנדיק אויף זיינע עטלעכע און זיבעציק יאר איז אים געווען א שאד שרהלעס ערשטער שלאף. ער האט אנגעשטעקט אויף די בארוועסע פיס א פאר אלטע פאנטאפל, א זכר פון זייער ערשטער פראדוקציע, און האט זיך אוועקגעשלעפט צו דער טיר.

א דערשטוינטער ביז גאר האט ער דורכגעלאזט אין צימער אריין א געפּואיסט. דאס איז געווען גאר א יונג בחורל, א ייד, מיט צוויי פירעקן אין דער פעטליצע, משמעות — אזש א לייטענאנט. דער אריינגעקומענער האט זיך נייגעריק ארומגעקוקט, פארדעכטיק באטראכט דעם האלב־נאקעטן אלטיטשקן און ארויסגעהודעט:

— פאר וואס עפעם האסטו מיר געעפנט? ווו איז דער באלעבאס?

ר' יואל האט געזאגט, אז ער פארשטייט שלעכט אויף רוסיש, און דער אגענט האט אים איבערגעחזרט די זעלבע פראגע אויף יידיש. ר' יואל, דער־הערנדיק א יידיש ווארט, האט זיך אזש מחיה געווען:

— קודם כל, שריי נישט אזוי, זיי מוחל, דו קענסט מיר אויפוועקן מיין אייניקל. שטילער רעדן קענסטו נישט?

— הו לערן מיך נישט ווי אזוי צו רעדן, איך בין שוין אן אויסגע־לערנטער. ענטפער מיר, ווו איז דער באלעבאס פון דער וווינונג: ליאכא־וועצקי יואל ירוחימאוויטש?

— ליאכאוועצקי יואל ירוחימאוויטש, דאס בין איך אליין און זאגן מיר „דו" איז פון דיר א חוצפה... ווען איך האב שוין געהאט אזעלכע אייניק־לעך ווי דו, פלעגט זיך ביי דיר נאך טרעפן אין די הייזעלעך...

דער אגענט האט זיך קענטיק א ביסל פארשעמט און אראפלאזנדיק פונעם טאן, כמעט מיט א שעפטשע געזאגט:

— קומט מיט מיר, טוט זיך אן אויף גיך...

— אי קומט, אי נאך אויף גיך... וואס איז אזוי דאס איילעניש, וואס? וווהין איז דאס גיין, וווהין?

— פרעגט ווייניקער קשיות, וועט זיין פאַר אייך געזונטער. מיר'ן קומען אויפן אָרט, וועט איר וויסן.

— פאַרט, וואָס איז דאָ דער סוד?

— ס'איז נישטאָ קיין סוד. איך פיר אייך אָפּ אין די דריי־אותיות*.

— אָך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. אפילו אין אַלע צוויי און צוואַנציק. אָבער מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט אַזאַ ערע? וואָס דאַרף מען מיך דאָרט אַזוי נייטיק, אין יענעם מקום?

— קומט שוין, פּטרט מיר נישט אומזיסט קיין צייט. איידער איר שלעפּט אַרויף אַ שיך, קען מען אויספאָרן די גאַנצע שטאָט.

— שאַ! מאַך נישט קיין יעלות... דו קענסט נישט ליידן, אַז דאָס קינד שלאָפט?

אויף דער גאַס האָט געגאָסן אַ רעגנדל געמישט מיט אייז. די טראָטואַרן זענען געווען ווי אויסגעפּלאַסטערט מיט גלאָז. אָפּגעגאַנגען ביזן ראָג האָט זיך ר' יואל אָפּגעשטעלט, זיך אַקוראַט אויסגעשנייצט די נאָז דורך ביידע נאָזלעכער, איינס נאָכן אַנדערן, און געשעפּטלעך אַ פרעג געטון:

— ס'איז נאָך עפּעס ווייט צו דיר אין די אותיות?

— איר הייבט שוין אָן צו פרעגן? איר זענט דאָך נאָך פון אייער געסל נישט אַרויסגעגאַנגען...

— ס'קער זיך נישט אָן, ווייטער גיי איך נישט.

— וואָס הייסט, איר גייט נישט?

— פשוטו כמשמעו: איך גיי נישט און שוין. ס'איז נישט פאַר מיינע כוחות צו גיין אין אַזאַ גליטש.

— איז וואָס זשע ווילט איר, איך זאָל אייך אפשר פאַרוואַרפן אויף די פּלייצעס און אָפּטראָגן אויף יעליזאַוועטינסקע?

— וואָס איז עפּעס פאַרוואַרפן אויף די פּלייצעס? וואָס בין איך דיר, וואָס? אַ באַראַן? אַ שעפּס?

— וואָס דען ווילט איר?

— איך וויל גאָרנישט... איך וויל גאָר... איך בין דאָך צו דיר נישט געקומען וועקן פון שלאָף, נאָר דו — מיך... ער האָט נאָך טענות... אויב דיינע באַלעבאַטים קענען זיך שוין טאַקע אָן מיר נישט באַגיין, מעג זיי אָנשטיין צושיקן נאָך מיר אַ פאַעטאָן צי אַן אויטאָמאָביל, ווי ביי לייטן פירט זיך. ווי דען?

הער אַגענט האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ צערייצטן קוק:

— איר שפּאַסט פון מיר, ליאַכאָוועצקי?

— גאָט באַהיט, לצנות גאָר?... בכלל האָב איך נישט קיין טבע צו לצעווען, ווער שמועסט נאָך אין אַזאַ אומקומעניש. און סתם, וואָס האָב איך דען צו דיר? דו ביסט זייער אַ פיין קינד, מען דערקענט גלייך אַ טאַטנס אַ קינד...

* געמיינט: ג.פּ.או.

— חבר ליאַכאָוועצקי, די נאַכט שטייט נישט, געגאַנגען זאָל ווערן, איר זענט נישט איינער ביי מיר...

— ע, ברודערקע, איך זע, אַז דו האָסט ווייניק געהערט פון יואל קאַמינקער, דערפאַר רעדסטו אַזוי. א י ך, אַז איך זאָג: גיין, מעגן שוין קומען כל מלכי מזרח ומערב —

— אָבער איר גייט דאָך אַלע טאָג אין אַרטעל אַריין, וואָס פּראוועט איר פוילע שטיק? צי איר מיינט, אַז מיר וויסן נישט?

— פאַר וואָס עפּעס זאָלט איר נישט וויסן? איך באַהאַלט עס דען אין אַ פּושקעלע? אָבער קודם פאַר איך אַהינצו מיטן טראַמוויי, נישט איך גיי.

— איז דאָך איצט קיין טראַמוויי נישטאָ... איך קען דאָך פון זיך נישט מאַכן...

— אָט־אַ־דאָס־אָ זאָג איך דאָך...

— הערט, ליאַכאָוועצקי, ברענגט מיך נישט אַרויס פון געדולד, איר זענט צו אַ גרויסער מיוחס ביי זיך...

— טע־טע־טע, נישט אַזאַ גרויסער ווי דו מיינסט... און ווידער, ווען דו זאָלסט וויסן, פון וואַנען איך שטאַם, וואָלסטו דיינע אויערן נישט גע־גלייבט...

— בקיצור, פאָלגט מיך און קומט פּאָוואָלינקע...

— איי, דו ביסט אַ נאַר, כ'האָב דאָך געזאָגט: גיין...

— אפשר וועט איר זיך אָפּרוען אַ ביסל און דערנאָך...

— גיי, שוטה וואָס דו ביסט, דו רעדסט ווי אַ קינד, ס'וועט נישט העלפן... פאָלג מיך, איך וויים בעסער... אָפּרוען גאָר...

— ווי אַזוי זשע פאַרט גייט איר טאָג־טעגלעך אין אַרטעל אַריין?

— גראַם־שטראַם! וואָס פאַר אַ מאָדנע מענטש דו ביסט! באַלד עפּעס, פאַרגעסטו. כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: קודם, אין אַרטעל אַריין גיי איך נישט, נאָר איך פאָר מיטן טראַמוויי. צווייטנס, איז נישט טאָג־טעגלעך, שבת גיי איך נישט! דריטנס, איז נישט אַלע מאָל אַזאַ גליטש. ביי אַזאַ גליטש וואָלט איך טאַקע נישט געגאַנגען... אפשר וועט נאָך נאָכ־לאָזן ביז אין דער פרי, מען דאַרף אַ סך? פערטנס, אַהין מוז מען דאָך!

דער אַגענט צעשפּיליעט זיך דעם קאָלנער פון דער גימנאַסטיאָרקע, ווישט אָפּ מיטן אַרבל דעם שטערן און פרעגט הייזעריקלעך:

— אַהין מוז מען און אַהער מוז מען נישט?

— הער זשע, וואָס איך וועל דיר זאָגן, לעולם וויל איך נישט שטעלן אויף זיך, אָבער ס'איז נאָך ביי מיר לחלוטין נישט קלאָר, צי ס'איז נייטיק צי גיין. נאָר צו וואָס טויגן די אומזיסטיקע רייד. נייטיק צי נישט נייטיק, דאָס וועלן מיר זען דאָרטן, אָבער אַזוי צי אַזוי, קיין הינטישע פּיס האָב איך נישט און אין אַ גליטש גיין צו פוס אַזאַ מהלך־רב קען איך נישט.

ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות. דער אַגענט האָט פון אַן אַפּטייק געמוזט אָנקלינגען און אַרויסרופן אַן אויטאָ פון יעליזאַוועטינסקי.

אויפֿן קאָרידאָר, וווהין מען האָט פֿון דער קאָמענדאַנטור אַרויפֿגעשיקט ר׳ יואלן, איז געווען ליבלעך וואַרעם און האַלב־טונקל. דער וועכטער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ באַנק און אַליין איז ער אַראָפּגעגאַנגען צוריק אין דער קאַנטאָראַלקע. ר׳ יואל האָט זיך איינגעהערט. פֿון ערגעץ האָט מען גאָרנישט געהערט. די זיבן, אַכט טירן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויפֿן קאָרידאָר, זענען געווען זאָרגעוודיק אָנגעבעט און האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין מינדסטן קלאַנג. ר׳ יואל איז אַ ביסל געזעסן, אַ ביסל זיך אַרומגעדרייט אויפֿן טעפּיכל, ביז ס׳איז אים נמאס געוואָרן דאָס וואַרטעניש. דאַן האָט ער צונויפֿגעקייקלט דאָס טעפּיכל, עס אַוועקגעלייגט צו קאָפּנס, אַ רייב געטון די הענט אין דער וואַנט, אָפּגעזאָגט „המפּיל“ און זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק כאַפּן אַ דרימל, אויף דעם מאַניער, ווי ער פֿלעגט דאָס טון מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק אין ישיבה.

מען האָט אים לאַנג געטרייסלט און געשטורכעט, ביז ער האָט געעפֿנט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט די פֿיס אויפֿן פּאָל. אַ הויכער געפּאַקטער אוקראַינער האָט עפּעס גערעדט צו אים און אָנגעוויזן אויף אַ טיר, וווהין ער דאַרף אַריינגיין. אַלס ענטפֿער אויף די ערשטע פֿראַגן, וואָס דער אויספֿאָרשער האָט אים געשטעלט, האָט אים ר׳ יואל אויף אַ געמישטן זשאַרגאָן און דער עיקר מיט די הענט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער, יואל, פֿאַרשטייט נאָר „פּאָ זשידאָווסקי“. דער אויספֿאָרשער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרלוירן און האָט זיך טעלעפֿאָניש אָנגעפֿרעגט אין קאָמענדאַנטור, צי ס׳איז נישטאָ עמעצער פֿון דער יידישער חברה. פֿון דער קאָמענדאַנטור האָט מען אים געענטפֿערט, אַז פּאַרלויפּיק איז קיינער נישטאָ פֿון די יידישע קאָלעגן, אַלע זענען „אויף דער אַרבעט“, אָבער איינער, דער זעלבער, וועלכער האָט געבראַכט ליאַכאַוועצקין, דאַרף באַלד אָנלויפֿן. ער האָט נאָר וואָס טעלעפֿאָנירט, אַז ער איז שוין פֿריי.

ווידער האָט זיך ר׳ יואל צוגעשפּאַרט אין קאָרידאָר אויף דער באַנק. דאָס מאָל שוין אויפֿן קולעק, דאָס טעפּיכל איז שוין געלעגן צעשפּרייט אין צווייטן עק קאָרידאָר. דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ רמז, אַז מען הייסט נישט טשעפּען. ער האָט אָבער נישט באַוויזן אָפּצוזאָגן צום זיבעטן מאָל דאָס קאַפּיטל „יענך“, ווי ס׳איז אָנגענומען צו טון אין אַזעלכע פֿאַלן, ווי אויף די טרעפּ איז אַרויפֿגעלאָפֿן זיין אַלטער באַקאַנטער אַגענט.

קאפיטל XVI

ר׳ יואל האט זיך ברייט צעזעצט אין דער אָנגעוויזענער שטול און דער שמועס האט זיך געפירט דורך דעם איבערזעצער. ווי ס׳איז איינגעפירט מקדמונים, איז צום אלעם ערשטן צונויפגעשטעלט געוואָרן א געגויע אנ־קעטע פון דעם עלטער־זיידן אָן. ווען די פאָרמאַליטעטן זענען געווען אויס־געפירט, האָט זיך דער אויספאָרשער כלומרשט א מידער אָפּגעוואָרפן אויף דער פּלייצע פון זיין פאָטעל און מיט א דורכדרינגענדיקן קוק באַטראַכט דעם זקן, וואס זיצט פאר אים. צו זיין גרויסן וווּנדער האָט ער נישט באמערקט אויף אים קיין שפור פון קיין פחד אָדער פון פארלוירנקייט, וועלכעס ער איז געוווינט געווען צו זען ביי אלע איבעריקע קליענטן. לאַנגע עטלעכע מינוטן האט געדויערט דאס קעגנזייטיקע באַטראַכטן זיך, דערנאָך האט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער. דער אויספאָרשער האט כסדר געפרעגט דורכן אָגענט און ר׳ יואל האט דורך אים געענטפערט.

— זאָג נאָר, אַלטיטשקער, דו ווייסט, ווו דו געפינסט זיך?

— כ׳קען נאָר נישט נאָכזאָגן דעם נאָמען, אָבער אָט דער יונגערמאַן, וואס האט זיך מטריח געווען נאָך מיר, האט מיר עטלעכע מאָל אָנגערופן די גאס...

— דאָ האנדלט זיך נישט אין דעם נאָמען פון דער גאס, נאָר אין דער אינסטיטוציע...

— א נפקא מינה, אזא אינסטיטוציע צי אן אַנדער אינסטיטוציע, דער עיקר — איך ווייס, ווו איך געפין זיך. וואס קומט אָבער ארויס, אז איך קען נישט רעדן קיין צוויי ווערטער...

— פאר וואס זשע קענסטו נישט? ווער שטערט דיר דאָ?

— ווער דאַרף מיר שטערן? אין האלדז איז מיר איבערגעטריקנט און די צונג איז מיר ממש צוגעקלעפּט צום גומען...

— זעסט, אין ווינקל אויף א טומבאַטשקע שטייט א גראפין מיט גע־קאָכט וואסער. נעם, גיס דיר אָן...

— וואסער גאָר? וואס פאר א משקה איז וואסער? א פערד טרינקט וואסער!...

— וואס דען וואָלסטו געוואָלט?

— כ׳ווייס, וואס כ׳וואָלט געוואָלט? אז מען האט מיר שוין במילא איבערגעשלאָגן דעם שלאָף, וואָלט גוט געווען אויפצוקלאַפּן א „ריקאָווקע" *, וואָלטן מיר ביז עפּעס וואס געמאַכט א „לחיים"...

---

* אזוי האט מען אין יענע יאָרן גערופן אין רוסלאַנד א פלעשל בראָנפן. דער דאָזיקער נאָמען שטאַמט פון דעם נאָמען ריקאָוו, דער דאַמאָלסטדיקער פאָר־זיצער פון פאָלקס־קאָמיסאַרן־ראַט, וועלכער איז געווען באַרימט פאר א נישקשה־דיקן שיכורניק.

— ווו זאָל איך דיר נעמען בראָנפן אין מיטן דער נאַכט?
— זאָג איך דאָך, אַז ס'איז אַ שווערע זאַך, אָבער אַ גלאָז טיי, אַ גלאָז טיי מוז איך האָבן אַזוי ווי דאָס לעבן...
דער אויספאָרשער האָט מיט אַ צוואַנגס־שמייכעלע אָנגעקלונגען אין דער קאָמענדאַטור און מען האָט גלייך אַרויפגעטראָגן טיי. ר' יואל האָט איינגעטונקען דאָס צינגעלע צוקער אין גלאָז, געמאַכט אַ ברכה אויפן קול, פאַרדראָסיק אַ קוק געטון אויפן יידישן אַגענטל, פאַר וואָס ער ענטפערט נישט קיין „אָמן" און, האַלטנדיק די גלאָז צווישן ביידע זשמעניעס, לאַנג־זאַם אָנגעהויבן צו זופּן.
— זאָג נאָר, ליאַכאָוועצקי, דו ביסט אַ געטרייער זון פון דער ראַטן־מאַכט?
— אַ שאלה אַ ביסל. ווי קען עס אַנדערש זיין?
— אויב ס'איז אמת, ווי דו זאָגסט, דאַרפסטו אָפּגעבן דער מלוכה אַלץ, וואָס דו האָסט פון: גאָלד, זילבער, בריליאַנטן און אויסלענדישער וואַליוטע...
— אוי וויי, איר האָט דאָ אויסגערעכנט אַזוי פיל מינים, אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט...
— איז וואָס זשע זאָגסטו?
— וואָס האָב איך צו זאָגן?
— דאָס דאַרפסטו געוויר ווערן ביי זיך.
— איך זאָג, אַז ס'איז נישט שלעכט...
— וואָס איז נישט שלעכט?
— אַז מען האָט אָט די אַלע זאַכן, ווען וועלכע ס'איז דאָ ערשט גע־רעדט געוואָרן, איז נישט שלעכט.
— קאָנקרעטער!
— וואָס זאָגט איר — עטער?
— קאָנקרעטער, זאָג איך, נעענטער צו דער זאַך. דו גיסט אָפּ, וואָס מען האָט דיר געהייסן?
— איך וועל אייך זאָגן דעם רעכטן אמת...
— נאָר דעם אמת... מיט קיין ליגנס וועסטו דאָ גאָרנישט מאַכן...
— איך וועל אייך זאָגן דעם רעכטן אמת, אינו דומה, ווען איך וואָלט טאַקע געהאַט אַזעלכע זאַכן, וואָלט מיר דאַמאָלסט געדאַרפט דער קאָפּ ווייטון: געבן צי נישט, אָבער אַזוי ווי איך בין ברוך־השם כל ימי באַהיט גע־וואָרן דערפון, איז מיר גוט ווי דער וועלט, האָב איך זיך, הייסט עס, איינ־געשפּאָרט אַ גאַנג...
— הייסט עס, דו ווילסט דערמיט זאָגן...
— נאָ דיר גאָר, איך וויל ערשט נישט איך וויל, נאָר איך זאָג: אַז גאָט האָט מיך אָפּגעהיט פון אַזעלכע אוצרות, ווי איר האָט דאָ אויסגערעכנט... כ'וויל אייך זאָגן דעם אמת: מילא, גאָלד און זילבער האָב איך זיך גענוג אָנגעזען אויף מיין לעבן... כ'האָב אַליין אַ מאָל געהאַט אַ זילבערן בשמים־שקעטעלע און בעכערס דריי, חוץ „אליהוס" אַ גרויסן כוס... מילא, איז דאָך פון

זילבער אָפּגעשמועסט, נאָר גאָלד, ממש גאָלד, האָב איך אויך גענוג געזען. אין סטאָלין, ביים רבין, זכר צדיק לברכה, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, איז געווען אַ ריזיק זילבערן חנוכה־לעמפּל מיט גאָלדענע אַכט קרינגעלעך — אַ יופי, זאָג איך אייך... מען זאָל, דאַכט זיך, אויספּאָרן אַ האַלבע וועלט... בשעת דעם בענטשן פלעג איך שטענדיק שטיין ביים רבינס רעכטער האַנט, נו, פאַרשטייט איר דאָך שוין... קעגן וואָס זשע דערציייל איך עס אייך? יאָ, קעגן אייערע בריליאַנטן! איך שווער אייך ביי מיין באָרד און פּיאות, ווען איר ווייזט מיר אַן אמתן בריליאַנט, וואָלט איך פאַר אייך אין די אויגן געמאַכט אַ „שהחינו" בשם ומלכות. הלמאי זאָל איך זאָגן, דאָס דריטע ווייב מיינס, רוכצי לשלום, זי זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט דוקא געהאַט פון איר ערשטן מאַן אַ פּאָר אויריינגלעך, זיי האָבן בפירוש שטאַרק געפינקלט, ס'האָט אַזש געשניטן אין די אויגן, ס'איז אָבער געווען — צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן — אַן אָפּגענאַרטע זאַך, גלאָז! פּשוט גלאָז, אויף מיין וואָרט!

אַ פּאָר מינוט איז געווען שטיל. מיט אַ מאָל האָט זיך ר' יואל אַ כאַפּ געטון:

— פון איין זאַך בין איך נתפעל. מיר געפעלט דער איינפאַל, ווי איך בין אַ ייד. איך זאָג אייך, ס'איז אַ גאונישער איינפאַל, אַז ביי יואל קאַמינ־קער איז דאָ אַ מטמון... דאָס איז דאָך אַ זעלטענער אויפטו. מען דאַרף, דאַכט זיך, זיין מיט הערנער, אויף צו קענען אַזעלכעס צוטראַכטן...

— שטעל דיר פאָר, ליאַכאָוועצקי, אַז מיר זענען דוקא אָן הערנער, און פון דעסט וועגן זענען מיר געוויר געוואָרן פון דיין אוצר...

— פון מ י י ן אוצר? פּלאַי־פּלאַים! כ'וואָלט אויך געוואָלט פון אים געוויר ווערן... אדרבה, אפשר מעג איך אויך וויסן, צי ס'איז פאַר מיר אַ סוד?

דער אויספאָרשער איז אַרויס פון די כלים פון ר' יואלס תמימותדיקע קשיות און ער האָט צערייצט אַ ריטשע געטון:

— הער נאָר, דו אַלטער זשוליק, דו זאָלסט אונדז נאָר נישט האַלטן פאַר נאַרישער פון זיך, דו זאָלסט נישט מיינען, אַז מיר גייען שלעפּן אַזעלכע נבלות ווי דו פון די בעטן בלויז צוליב דעם, אַז זיי זאָלן זיך הורכפאָרן אין אַן אויטאָ און זיך אָנזשליאָקען מיט טיי...

ר' יואל איז געזעסן אַ דערשטוינטער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, מה רעש? וואָס איז דאָ פאַראַן, פון וואָס זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ? אָט איז ער, למשל, כאָטש זיי האָבן אים צוגענומען פונעם בעט, כאָטש ער האָט געמוזט דאָס קינד פאַרשפאָרן אַליין אין שטוב—און דאָך פילט ער עפּעס נישט צו די לייט קיין שטאַרקן צאָרן, גיכער פילט ער צו זיי אַ רחמנות, אַ מיטגעפיל, עמעצער לאָזט זיי נישט שלאָפן, עמעצער רייסט זיי אויך אַראָפּ פון די גע־לעגערס... איז, דאַכט זיך, גענוג וואָס ער האָט אויף זיי אַזאַ למוד־זכות? איז, דאַכט זיך, שיין פון זיין זייט, וואָס ער האָט וועגן זיי אַזאַ גוטע מיי־נונג? ניין, שרייען זיי נאָך! זיי זענען נאָך גערעכט...

דער אויספאָרשער האָט דערווייל שוין געלאַסענער פאָרגעזעצט.

— מיר גייען נישט צו קיינעם, איידער מיר האָבן וועגן אים געוויע ידיעות: ווער ער איז, פון וואַנען ער איז, ווו ער אַרבעט און ווו ער באַהאַלט זיינע אוצרות. דאָס זעלבע איז אויך מיט דיר. דו זאָלסט נישט מיינען, אַז מיר ווייסן נישט, וואָס ביי דיר אין קאַסטן ליגט. נישט מער, אויב דו וועסט אליין אָפּגעבן דאָס טאַרבעלע בריליאַנטן, וועט זיין פאַר דיר געזונטער...

דער אַלטער יואל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און מיט אומצוטרוי צו זיך אַליין איבערגעפרעגט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי האָט איר געזאָגט?

— איך זאָג, דאָס טאַרבעלע בריליאַנטן, וואָס דו האַלטסט אין קאַסטן, און האָסט אַ טבע זיך שפּיגלען אין דעם פאַרן שלאָף, מוז איבערגיין צו אונדז אין די הענט און ס'איז גלייכער מיט גוטן איידער מיט בייזן... אַז נישט, איז דיין לעבן אַ גראָשן נישט ווערט...

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט... עפּעס רעדט איר מיר: פּדרוך...

— וואָס מאַכסטו זיך געפּגרט, דו אַלטער כלב? דיינע אַ שכנטע האָט אַליין אונטערגעקוקט, ווי דו האָסט פאַרן שלאָפן גיין אַרויסבאַקומען פון קאַסטן אַ טאַרבעלע, אויפגעעפנט און מיט גיריקע אייגעלעך זיך געשפּיגלט אין דעם. צי ס'איז אפשר אַ ליגן, האַ? פּרווו אפשר זאָגן, אַז ס'איז אַ ליגן...

ר' יואל איז געזעסן ווי פאַרטשמעליעט. זיין פּנים האָט נערוועז געצוקט. ער האָט אַלץ נישט געקענט אַריינדרינגען אין דער פאַרבאָרגענער כוונה פון דעם אויספאַרשערס רייד. אַ ווײַלע איז געווען שטיל אין צימער. מיט אַ מאָל איז ר' יואל אויפגעשפּרונגען ווי אַ קליין יונגעלע און האָט אָנגעכאַפּט דעם אויספאַרשער פאַר ביידע הענט:

— ס'איז דאָ! געפּאַקט! אָט דאָס גאָר האָט איר געמיינט? גיי זיי אַ נביא... קוים געפאַלן אויפן אמתן זין פון אייערע רייד...

— נאָר דעם אמת, נאָר דעם אמת, ביי מיר מיט ליגנס וועסטו זיך גיך פאַרשיטן...

— ווער דאַרף ליגנס? כ'האָב אין מיין לעבן קיין ליגן נישט געזאָגט. בקיצור, אָט דאָס איז דאָס. איר קענט מיך שוין אָפּפירן אהיים... אַ האַרבע סוגיא, אָבער בייגעקומען... ס'איז אייער טעות. איצט איז מיר שוין פאַר־ענטפערט דער ווידעראַנאַנד...

דער איבערזעצער פרעגט איבער:

— דער וואָס?

— דער ווידעראַנאַנד, דער ווידעראַנאַנד. אַ ווידעראַנאַנד הייסט אַ קשיא, אַ וואָפּראָס, דו וועסט לערנען גמרא, וועסטו וויסן.

— וואָס זשע איז דיר פאַרענטפערט געוואָרן, לאָמיך וויסן. רעד דייט־לעכער, די נאַכט שטייט נישט.

— שוין, שוין! וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן, וואָס? איצט איז שוין רעכט מכל הצדדים... די שכנטע ימח שמה האָט אָנגענומען מיין טאַרבעלע ארץ־ישראל־ערד פאַר בריליאַנטן. אָט דאָס איז עס... איצט פאַלן אָפּ אַלע השדים, קלאָר ווי דער טאָג.

— דיין טאַרבעלע — וואָס?

דער אויספאָרשער בייגט זיך אַריבער איבערן טיש, כאָטש ער פאַר־שטייט נישט קיין איין וואָרט פון יואלס לשון. ער עסט זיך איין מיט די אויגן אין אַלטנס פּנים. אין חלל פון צימער הענגט נאָך די פראַגע:

— דיין טאַרבעלע, — וואָס?

— ארץ־ישראל־ערד. כ׳האָב שוין צוויי מאָל געזאָגט. ערד פון ארץ־ישראל, פון פּאַלעסטינע.

— צו וואָס זשע נוצט זי, אָט די דאָזיקע ערד?

— אָ! זי קומט גוט צו נוץ, אָבער נישט אויף שוין.

— למשל, אויף וואָס?

— איבער הונדערט יאָר, אַז מען ציט אויס די רגלים, היט זי אָפּ פון ווערעם, וואָס מאַכן פונעם מענטשן אַ טל־תל.

— און פאַרן טויט צו וואָס דאַרף מען זי?

— פאַרן טויט? פאַרן טויט איז דאָס אויך אַ שמירה. און ווידער, אַזאַ זאַך איז גוט, אַז זי ליגט גרייט. ס׳איז היינט אַ יקר־המציאות. אַ מענטש איז עפּעס ביי זיך אין די הענט? ער ווייסט דען, ווען ער שטאַרבט?

— הער נאַר, דו, קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, מיט דיין אויסרייד וועגן ווערעם, מיינסטו דערמיט נישט די ראַטן־מאַכט?

— חלילה וחס! וואָס פאַלט אייך איין, וואָס עפּעס פּלוצים די ראַטן־מאַכט? קיין שענערן פאַרגלייך האָט איר שוין נישט געפונען? נאַ דיר גאָר אַזאַ אויפטו... דאָס מיין איך פּשוט די געוויינלעכע ווערעם מיט די רויטינקע פּיסקעלעך און מיט די שפּיציקע נעגעלעך...

— אַך, דו סוואָלאָטש! דאָס מיינסטו ווידער די ראַטן־מאַכט...

— גאָט איז מיט אייך!... איר ווילט אויף מיר מאַכן אַן עלילת דם?

— זאָג זשע מיר, ווי קומט צו דיר אָט די ערד?

— אָ־אָ! ער האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה... זי ליגט שוין ביי מיר פון כמה וכמה יאָרן...

— ביסטו זיך מודה, הייסט עס, אַז דו האָסט געהיימע פאַרבינדונגען מיט פּאַלעסטינע?

— פאַרבינדונגען יאָ, נאָר נישט קיין געהיימע.

— וואָס זשע פאַר אַ פאַרבינדונגען?

— איך זאָג דריי מאָל אין טאָג: „תקע בשופר“.

— וואָס הייסט דאָס?

— אַז גאָט זאָל אונדז אַלע צונויפנעמען קיין ארץ־ישראל.

— וואָס דאַרפט איר דאָרט האָבן?

— וואָס הייסט, וואָס? גיין קעגן משיחן!

— זענען דאָ אַ סך אַזעלכע בעלנים צווישן דיינע קאָלעגן, וואָס ווילן אוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע?

— אַלע וואָס דאַווענען, ווילן! און אַפילו די יעניקע, וואָס דאַווענען נישט, ווילן אויך! און אַפילו דיך, מיין טייערער שפּילפויגל — ר׳ יואל

טיטשעט מיטן גראָבן פינגער דעם לייטענאַנט אין דער ברוסט — אפילו דיך, גוטער ברודער, נעמען מיר אויך מיט, מיר לאָזן דאָ קיינעם נישט איבער.

דער אויספאָרשער מיטן איבערזעצער קוקן זיך איבער און שיסן ביידע אוים מיט א געלעכטער.

דער אויספאָרשער באַפעלט דורכן טעלעפאָן, אז מען זאָל אים דער־לאַנגען זיין אויטאָ צו דער פאַראַדנע, ער הייבט זיך אויף און באַפעלט דעם איבערזעצער:

— נעם דעם ארעסטאַנט און קום. מיר פאָרן צו א קוק טון אויף זיין ווערעמדיקער ערד...

אויפשליסנדיק די טיר האָט ר' יואל זיך געבעטן ביי די געסט:

— נאָר איין זאַך בעט איך אייך: מאַכט נישט קיין קולות. ס'איז א שאָד אויפצוּוועקן מיין שרהלען.

אין שטוב האָט ער ארויסגעוואָרפן אַלץ פונעם קאַסטן. אויפן דנאָ פונעם קאַסטן איז געלעגן א בלעכערנע פושקע פון קאָנפעקטן, אין איר, איינ־געוויקלט אין א לייבל און אין עטלעכע פאָר זאָקן, איז געלעגן דאָס טאָר־בעלע ארץ־ישראל־ערד.

ביידע געפּואיסטן האָבן די ערד געפּרוּווט אויף די פינגער, געשמעקט זי, געפּרוּווט זי נאָס מאַכן מיט א ביסל שפייעכץ און כאָטש זי האָט אויס־געזען ווי געוויינלעכע ערד, נישט ארויסבאַוויזן קיין שום באַזונדערע אייגנ־שאַפטן, פון דעסט וועגן האָט דער אויספאָרשער געמאָלדן:

— איך מוז מיטנעמען אָט די „טשערטאָווּשטשינע“ * מיט זיך, איך וועל דאָס איבערגעבן אין דער לאַבאָראַטאָריע און הערן, וואָס וועט מען דאָרט זאָגן...

ער האָט נישט באַוויזן אויסרעדן, ווי ר' יואל איז צוגעשפּרינגען מיט דער פלינקייט פון א קאַץ, א ריס געטון דאָס זעקעלע פונעם אויספאָרשערס הענט און עס באַהאַלטן אין בוזעם. ער איז געוועזן אַזוי בלייך ווי די וואַנט, אין וועלכער ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט, כדי ער זאָל נישט אומפאַלן. מיט א פאַרשטיקט קול האָט ער קוים ארויסגעריפּעט:

— נאָר צוזאַמען מיט מיר קענט איר נעמען דאָס טאָרבעלע... איך גיב עס נישט אָן שווין...

דער אַגענט האָט דעם אויספאָרשער עפּעס איינגערוימט אויפן אויער און ביידע זענען אָן א „זיי־געזונט“ אוועק פון שטוב.

ערשט ווען זייערע טריט זענען אָפּגעשטאָרבן אין דער ווייט און א פאַרטוּיבטער הודאָק האָט אָנגעזאָגט זייער אָפּפאָר, איז ר' יואל געקומען צו זיך. לאַנגזאַם האָט ער צוריק פאַרפּאַקט דאָס טאָרבעלע, צונויפגעלייגט מיט א סדר די זאַכן אין קאַסטן און איז אויף די שפּיץ פינגער אריינגעגאַנגען אין אייניקעלס צימער. אין דער פינצטער האָט ער אָפּגעזוכט מיט די ליפּן

* בוכשטעבלעך — „וויסט עס דער רוח, וואָס דאָס איז אַזוינס“.

איר שטערנדל און קוים־קוים א קוש געטון. שרהלע האט זיך אבער פונעם קיצל, וואס די באָרד האט איר געטון, גלייך אויפגעכאפט. זי האט אוועקגע־זעצט דעם זיידן לעבן זיך, ארומגענומען זיין האלדז מיט אירע ווארעמע הענטעלעך און זיך טוליענדיק צו אים געשמאק אפגעגענעצט.

— אוי, זיידע, פאר וואס ביסטו אזוי פרי אויפגעשטאנען?

— ווייל עס שלאפט זיך נישט אויף דער עלטער, קינד מיינס. און די וואנצן לאזן נישט צו רו...

— מא־מע־ניו! נאך א מאל וואנצן? איך האב דאך, דאכט זיך, אזוי אויסגערייניקט...

— אונדזער רייניקן האט קיין שום ווערט נישט, קינד מיינס. דו גע־דענקסט נאך אין חומש, וואס איך האב מיט דיר געלערנט, געדענקסט די זשאבעס ביי פרעהן? ביז דער קודשה־בריך־הוא אליין האט זיי נישט אויפגע־רוימט, האבן נישט געהאלפן קיינע תחבולות, האבן זיי געקאמאנדעוועט... דעסט גלייכן איז דא אויך... וואנצן, דאס איז א גאט־זאך... ער הייסט זיי דערקוטשען, דערקוטשען זיי... יעדעס באשעפעניש טוט נאר דעם רצון־הבורא...

— דו ווייסט, זיידע, ס'האט זיך מיר געחלומט, אז דו ביסט ערגעץ אוועקגעגאנגען, אז כ'האב געהערט פרעמדע קולות און שטוב... עפעס אזא מאדנע געפלאנטער...

ר' יואל ווערט בייז:

— שלאף, איך בעט דיך, שפיי אוים דריי מאל און דריי זיך אוים אויף דער רעכטער זייט... לאז, וועל איך דיך איינדעקן...

ער האט זי נאך א מאל א קוש געטון, זיין איינציק איבערגעבליבן קינד, און האט שטיל פארמאכט הינטער זיך די טיר.

אין קיך האט ער אויפגעמאכט די פליטע, אויסגעדראפעט פון דארטן א ביסל גרויען אש, ארויפגעלייגט עס אונטער דער יארמעלקע, אויף דער סאמע קרקפתא, ווו מען לייגט דעם של־ראש, א קרעכצנדיקער זיך אראפ־געלאזט אויפן פאל און ביי א וועקסן הבדלה־ליכטל געזומען אפריכטן „חצות". דאס שוואכע פלעמעלע מיט דעם ראזע בעקעלע האט זיך גע־ווארפן אויף אלע זייטן, זיך געוואלט אפרייסן פונעם קנייטל, עס האט נישט געקענט פארליידן דאס שלוכצן פון דעם צעבראכענעם אלטיטשקן:

— יתומים היינו, ואין א־א־א־ב...

אויפן בלייענעם הימל האבן געפרווירענע כמארעס זיך געראנגלט מיט אנקומענדיקן טאג.

קאפיטל XVII

אין יענעם ווינטער האָבן זיך אין קיעוו און אין אַלע גרויסע שטעט פון ראַטן־פאַרבאַנד געעפנט גרויסע, רייכע מאַגאַזינען מיטן נאָמען „טאָרגסין“ *. דאָס איז געווען אַ פרישער מיטל אויף אַרויסצופּאָמפּען די אויסלענדישע וואַלוטע פון פּריוואַטע הענט. די דאָזיקע מאַגאַזינען זענען געווען איבערפולט מיט די בעסטע עקספּאָרט־און־אימפּאָרט־סחורות, אַלץ אַזעלכע אַנטיקלעך, וועלכע מען האָט אַפילו פאַר דער רעוואָלוציע נישט באַגעגנט אומעטום. פאַרקויפט האָט מען דאָרט אויסשליסלעך נאָר פאַר גאָלד און פאַר דאָלאַרן.

לכתחילה האָבן יידן מורא געהאַט אַפילו דורכצוגיין נאָענט פאַרביי אַזאַ מאַגאַזין. מען האָט אַלץ חושד געווען, טאָמער איז דער גאַנצער מסחר נאָר אַ פאַרבלענדעניש, אַ פרישער אויפטו פון דער געפּעאו אויף אַריינ־כאַפּן קרבנות, אומפאַרזיכטיקע נאַראָנים. ביסלעכווייז אָבער האָט מען זיך אָנגעהויבן איינשטעלן און אַריינגיין אין די „גאָלדענע“ קלייטן. ווען עס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע דאָלאַרן, האָט די באַנק אויפגעהערט אויס־צאָלן מיט מזומנים, נאָר געבן אַ טשעק אין טאָרגסין אַריין. דאָרט האָט דער קליענט געקענט זיך איינקויפן פאַרן געלט, וואָס זיין האַרץ האָט גע־גלוסט. די „טשעקיסטן“ ** זענען שוין געגאַנגען דרייסטער אין טאָרגסין אַריין. זיי האָבן שוין נאָך דעם אין די רעדלעך אויפן גאַס, אין די שולן ביי די הרובעס צעפּויקט, אַז עס איז גאָר נישט שרעקלעך. דער „טאָרגסין“ איז אַ מאַגאַזין גלייך מיט אַלע מאַגאַזינען, נישט מער, וואָס מען פאַרקויפט דאָרט נאָר פאַר גאָלדן געלט... קיין איין „קנעפּל“ זעט מען דאָרט נישט, קיינער פרעגט נישט, קיינעם אינטערעסירט נישט, ווער ביסטו, פון וואַנען האָסטו גענומען... מען דערלאַנגט דעם טשעק אָדער די מזומנים, שרייבט מען אויס, וואָס מען הייסט, און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע... די אָנגע־שטעלטע זענען אַלע אַזעלכע פיינע, צוגעקליבענע, באַנעמען זיך אַזוי דעלי־קאַט, טאַקע ווי אין אַן אמתן אויסלענדישן מאַגאַזין.

יידן האָבן גענומען די נשמות אין די ז שמעניעס, אויף יעדן פאַל זיך געזעגנט מיט ווייב און קינדער, איבערגעלאָזט ערגעץ באַהאַלטן אַ צוואה און אוועק אין „טאָרגסין“ מיט מזומנע דאָלאַרן... פאַרן גיין זענען די דאָ־לאַרן גוט צעקנייטשט געוואָרן, אַ ביסל איינגעשמירט, אַ ביסל איינגעריסן, כדי טאָמער חלילה טשעפּעט מען זיך צו, זאָל מען קענען זאָגן, אַז זיי ליגן נאָך פון „כמעלניצקעס“ צייטן... אַז די קאַסע האָט אָבער פאַר אַ

---

* פאַרקירצט פון „האַנדל מיט אויסלענדער“.

** אַ ווערטער־שפּיל. דאָ געמיינט — אייגנטימערס פון דאָלאַרן־טשעקן, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע האָט דער נאָמען באַטייט — אַן אַגענט פון „טשעקאַ“, שפּעטערדיקע „געפּעאו“ און איצטיקע „נ.ק.וו.ד.“.

מינדסטן הסרון אָנגעהויבן אַראָפּרעכענען צען פּראָצענט, אָננעמען זיי אַלס דעפּעקטנע, האָט מען שוין אָנגעהויבן טראָגן אין קלייט אַריין נייע דאָלאַרן, פֿריער צו פינף, צו צען, דערנאָך צו הונדערט און מער... דער מסחר איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין יידישן קוואַרטאַל ווי אַן עפּידעמיע. יעדער דריטער קיעווער סוחרישער ייד האָט געהאַט אַ דירעקטע אָדער אומדירעקטע שייכות צום „טאָרגסין". אָדער ער איז אַליין געווען אַ „טשער־קיסט", אַז נישט, האָט ער געהאַט טשעקן צו פאַרקויפן אָדער ער איז געווען אַ קונה אויף טשעקן. און אויב נישט דאָס און נישט יענץ, האָט ער זיך גלאַט געדרייט אַרום „טאָרגסין", געהאַנדלט, געמעקלערט, זיך געשותפט, מיט איין וואָרט: גאָלד, דאָלאַר, וואַשינגטאָן, קאַנאַדע, פונט שטערלינג זענען געוואָרן די סאַמע פּאָפּולערסטע ווערטער אין שול און אויף דער גאַס. מנשה כאַדראַוו האָט זיך אויך פאַוואָלינקע צוגעשאַרט צום „טאָרגסין" און האָט זייער שיין פאַרדינט...

אַרום פורים האָט אַ טרויעריקע ידיעה אויסגעטרייסלט די קיעווער רעליגיעזע יידישע קרייזן. ר' אברהם פייגנבוימס ווייב, וועלכע יעדער האָט געקענט און יעדער האָט געשעצט, איז פּאַראַליזירט געוואָרן. זי איז פריער נישט קראַנק געווען, קיין שום אויפטרייסלונג נישט איבערגעלעבט און פּלוצ־לינג — געליימט געוואָרן. דער גאַנצער קערפּער איז געוואָרן אָפּגעשטאָרבן, נאָר דער קאָפּ איז געבליבן דער זעלבער. אמת, גערעדט האָט זי פיל שוואַכער, אָבער די גוטע מוטערלעכע אויגן האָבן געשיינט מיט זייער אַמאָליקן גלאַנץ, די אויערן האָבן געהערט, די נאָז האָט געשמעקט, די ליפּן האָבן אפילו באַוויזן עפּעס ענלעכס צו אַ שמייכל, נאָר דער קערפּער איז געווען נישט קיין היגער. די הענט האָבן נישט דערלאַנגט אין מויל אַריין און מען האָט זי געדאַרפט האָדעווען ווי אַ קליין קינד. די פיס זענען געלעגן ווי די העל־צער, אויפזעצן זי האָט דער דאָקטער נישט דערלויבט און אַריינלאָזן צו איר זייטיקע מענטשן, די ערשטע צייט, אויך נישט. פאַר רחמנות איז געווען אוממעגלעך צו קוקן אויף די פייגנבוימס.

מלכה פייגנבוים, וועלכע האָט פאַרוואַלטעט מיט דער סטאָלאָווע, האָט זיך באַלד באַפרייט פון דער אַרבעט, כדי צו באַדינען די מוטער, און דעם פּאָסטן אירן האָט מען פאַרטרויט דינה כאַדראַוו. די מוטער פייגנבוים האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך, אָבער דער פּאַראַליטש איז נישט אַוועקגעגאַנגען. ביסלעכווייז האָט מען זי אָנגעהויבן אויפזעצן, אונטערשפּאַרן מיט קישנס און זי לאָזן זיצן עטלעכע מינוט. מען האָט אָנגעהויבן אַריינלאָזן נאָר היימישע מענטשן צו איר און דער ווייטיק פון די שטוביקע איז אַ ביסל טעמפּער געוואָרן; מען האָט זיך אָנגעהויבן צו־געוווינען.

שלמה פלעגט אָפט אַריינגיין צו די טולטשינסקעס, אַרומגיין מיט פאַלין, צוזאַמען באַזוכן אַלע פריילעכע ערטער. מיט איר איז געווען אָט זומער און אָט ווינטער. עס האָט געטראָפן, אַז זי איז געווען מערדעריש

שלעכט צו אים, נישט געוואָלט אפילו קוקן אויף אים. אויב יאַני מיט וואָרמען זענען אין שטוב נישט געווען, פלעגט זי אים פּראָסט פרעגן:

— שלמה אפרים־אהרונס, וואָס גייט איר אַהער? וואָס האָט איר דאָ פאַרלוירן? איר קוקט, וואָס דער טאַטע פלאַטערט איבער אייך? וואָס וואָראַם מיינט, אַז קיין קליגערס פאַר אייך איז גאָר נישטאָ? איך לעב נישט מיט קיינעמס שכל, נאָר מיט מיינעם... זיי געפעלט איר, גייט אייך מיט זיי! וואָס וואַרט איר אויף מיר? איך וועל היינט אין ערגעץ נישט גיין... און מיט אייך — אודאי נישט... אומזיסט אייער וואַרטן, ערנוואַרט!...

שלמה פלעגט ווערן בלאַס, נאָר נישט פאַרלירן דעם גוטמוטיקן שמייכל:

— פאַלי, איך זע, אַז עמעצער האָט אייך היינט אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה... דער דירעקטאָר אָדער דער בוכהאַלטער אָדער מאַרוסיאַ אָדער כ׳וויים וועלכער רוח דאַרטן... איך נעם אָן אייער דערקלערונג נאָר מיט אַ קליינעם תנאי: אויב מאָרגן אין דער צייט וועט איר מיר איבערחזרן די זעלבע רייד, וועל איך זיך מער קיין מאָל נישט ווייזן פאַר אייערע אויגן... אייך בלייבט אַ גאַנצער מעת־לעת אויף צו באַשליסן זיך...

אַפּגעזאָגט, פלעגט ער אַ וואָרף טון אַ „גוטע נאַכט" דער סטעליע און אַוועקגיין. אויף צו מאָרגנס פלעגט אים שוין פאַלי דערוואַרטן אויפן ראָג, אים אָנכאַפּן ביי ביידע הענט און מיט טרערן אין די אויגן בעטן אַנטשול־דיקונג...

צייטנווייז פלעגן אירע נערוון זיין אַזוי צעשרויפט, אַז זי פלעגט, נאָך אַזאַ אינצידענט, נעמען זיינע שפּיץ פינגער אין מויל אַריין און בייסן זיי ביז ווייטיק. ווען שלמה פלעגט איר שווערן ביי וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, אַז ער געדענקט שוין נישט אַ וואָרט דערפון, וואָס זי האָט נעכטן גערעדט, דאַן פלעגט זי אַ גליקלעכע אויסווישן די אויגן, אַ ליכטיקער שמייכל ווי די זון אין פרילינג פלעגט זיך צעבליען איבער איר פּנים, זי הענגט זיך אין גאַנצן אויף אויף זיין אָרעם, און ער, אַ גליקלעכער ביז גאָר פון אַזאַ הייסער חרטה, פירט זי אַפּ אין אַפּערע אָדער אין דראַמע און ביידע זענען דעם אויפדערנאַכט אויפן זיבעטן הימל. זי שווערט זיך אים אין ליבע און ער גלייבט איר גערן און גיסט אויס זיין גאַנצע נשמה פאַר איר.

אויף מאָרגן איז פאַלים פּנים ווידער איבערגעביטן, זי געדענקט שוין נישט אַ וואָרט פון דעם, וואָס נעכטן איז גערעדט געוואָרן... כעסט זיך, וואַרפט זיך און פרעגט שלמהן ווידער: — וואָס האָט ער דאָ פאַרלוירן?...

זי האָט נאָך אַליץ געאַרבעט אויף איר פריערדיקער אַרבעט. פון שיקן זי לערנען האָט קיינער אפילו נישט געקלערט. וואָראַם האָט געלערנט אין אינסטיטוט, ניומאַ מיט סאַנקען — אין די שולן, יאַני — געאַרבעט אַלס אינקאַסאַנט. שלמהס חברים האָבן דערשמעקט, ווו ער וואַרט פאַרפאַלן גאַנצע אויפדערנאַכטן און זענען געווען שטאַרק בייז אויף אים, פאַר וואָס ער באַגעגנט זיך מיט אַ מיידל, וואָס שעמט זיך מיט זייער געזעלשאַפט. שלמה האָט געפּרוווט זי פאַרענטפערן: זי איז אויף איר לעבן אין אַזאַ

סביבה נישט געווען... זי איז נאָך צו אים אַליין נישט אין גאַנצן צוגע־בונדן... נאָר זעענדיק, אַז די חברים ווילן אים נישט פאַרשטיין, האָט ער אויף זיי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: זאָלן זיי זיך בלאָזן, אַ דאגה אים אַ גרויסע, אַבי אים איז גוט... פֿאַלי דערלויבט אים זיך געפינען לעבן איר, איינטונקען פון מאָל צו מאָל זיינע אויגן אין איר שיינענדיקער צורה, הערן אַפּט איר זיס קולכל — וואָס פעלט אים נאָך?...

קאפיטל XVIII

דאָס איז געווען שבת הגדול נאָך הבדלה. איבער קיעוו איז געהאַנגען אַ העל־בלויער הימל מיט מיליאַרדן שטערנדלעך. די אויפדערנאַכטן זענען נאָך געווען קילע, אָבער די טעג זענען שוין געווען וואַרעמע. ביי אפרים־אהרונען אין זאַל האָט העל געברענט דער צוויי־הונדערטער לאָמפּ. אויפן בלאַנקענדיקן טישטעך האָבן גאַנץ באַשיידן געברענט די הבדלה־ליכט, צו־געבנדיק דעם צימער אַ פייערלעכן אויסזען. אויבן־אָן ביים טיש זענען גע־זעסן דער זיידע שלום, מנשה כאַדאָראָוו, ר׳ אברהם שאַרפשטיין און האָבן מיט אַ פייער געשמועסט וועגן מעות חיטים, וועגן „טאַרגסין" און וועגן „פאַנטאָפל". אין צווייטן עק טיש האָבן די קינדער דורכגעקוקט די ערב־שבתדיקע לעקציעס. רבקה האָט זיך פאַרקעמט קעגן שפּיגל, אונטערהאַלטנ־דיק פאַר איין וועגס אַ טאָן דעם פּאַטער. אפרים־אהרון איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, צונויפגעלייגט דעם טלית און געזונגען:

— אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי...

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ קער געטון אין רבקהס זייט און געפרעגט:

— ווו זענען ערגעץ שלמה מיט דינהן?

— זיי זענען ערשט ערגעץ אַוועקגעפאָרן...

— וווהין זשע זענען זיי אַוועקגעפאָרן?

— איך ווייס, וווהין זיי פאָרן? איך האָב נאָר געזען, אַז זיי האָבן זיך אָנגעטון...

אפרים־אהרון איז אַריינגעגאַנגען אין קיך אַריין. צפורה מיט שיינדע־לען האָבן דאָרטן געגרייט מלוה־מלכה פאַרן סאַלאָמינקער מנין. עס האָבן געדאַרפט זיין געסט פון דער שטאָט אויך. שלמהס חברים האָבן אויך צוגעזאָגט צו קומען. מען וועט אודאי פאַרברענגען ביז טאָג. אין אויוון האָט געפלאַקערט, אין אַ גרויסער עמאַלענער שיסל זענען געווען פאַרמישט רעטשענע לאַטקעס, עס האָבן זיך געגרייט באָרשטשעס מיט געגדזענע ביי־ליקס, קאָמפּאָטן. אפרים־אהרון איז צוגעגאַנגען צום אויוון:

— אליהו הגלעדי, במהרה יבוא, יבוא אלינו... צפורה, ווו זשע זענען שלמה מיט דינהן?

— איך בין אין קיך און דו ביסט אין שטוב, פרעגסטו ביי מיר?

— ביי הבדלה זענען זיי געווען און פון אונטער די הענט נישט גע־וואָרן... רבקה זאָגט, אַז זיי האָבן זיך אָנגעטון אויף אַוועקצוגיין. וואָס זאָגסטו דערויף?

— עס קען נישט זיין, שלמה וועט דאָס נישט טון. ער האָט דאָך אַליין איינגעלאַדן זיינע חברים...

— אשרי מי שראה פניו בחלום... אָט דאָס רעד איך דאָך, ער האָט מיר נאָך פרייטיק צוגעזאָגט, היינט אין ערגעץ נישט גיין...

— מסתמא האָבן זיי זיך אַזוי אַרויסגעכאַפּט... אפשר צו די כאַדאָ־ראָוווס?

— ס'א משל, מנשה זיצט ביי אונדז...

— איז צו דינהן מיט גאָלדען. שלמה האָט געקענט וועלן אריינבעטן דעם פעטער לייבן אויך צו דער מלוה־מלכה...

— ד' יברך את עמו בשלום... איך האָב נישט געוואָרט אויף אים. איך האָב אים אליין געבעטן...

אין דער זעלבער צייט האָבן שלמה מיט דינהן זיך אויפגעהויבן אויף אוריצקע־גאַס. דינה האָט זיך א ביסל געקווענקלט זאָגן צי נישט זאָגן. ענדלעך האָט זי באשלאָסן און נישט דרייסט געפרעגט:

— שלמה, דו האָסט טאַקע באשלאָסן רופן די טולטשינסקים אויך?

— פאַר וואָס נישט? מלוה־מלכה איז א יידישע זאַך... וואָס זענען זיי, קיין יידן נישט?

— וואָס טויג מיר, יאָ יידן, נישט יידן, אָבער — פנים חדשות... מען וועט פרעגן...

— איז וואָס זשע, אז מען וועט פרעגן? יאַני איז דעם טאַטנס א ידיד, פאַלי איז דיינע א חברטע... און ווידער, וואָס איז דען דאָ אזא סוד?

— וואָס, דו קלערסט, אז פאַלי זאָל אויך מיטגיין?

— איך קלער אודאי, צוליב דעם האָב איך דאָך דיך מיטגענומען...

— איך גלייב עפעס נישט, אז זי זאָל וועלן גיין...

— פאַר וואָס זאָל זי נישט וועלן? מען וועט זי דאָרט אָפּבייסן? און ווידער, ניין — איז ניין!...

אין שטוב האָבן זיי געטראָפן אלע טולטשינסקים ביים טיש טרינקען טיי. יאַני איז אזש אויפגעשפרונגען פאַר התפעלות:

— אַך, וואָס פאַר א געסט! און פאַלי האָט געזאָגט, אז שלמה וועט שוין היינט נישט קומען...

שלמה גיט א פאַרליבטן קוק אויף פאַלין:

— ווי האָט איר געהאַט אזא אכזריות צו מאַכן אויף מיר אזא בלבול?

פאַלי בלאָזט אָן אירע שיינע ליפּן. אין די אומענדלעך בלאָע אויגן ברענט א שפּילעוודיק פייערל. זי נעמט אַרום דינהן און ענטפערט שלמהן:

— וואָס דען, אזוי שפּעט קומט מען? מיר האָבן שוין אומעטום אָנגע־ וחורין.

— אומעטום, נאָר נישט אויף סאָלאָמינקע...

— וואָס הייסט? איך פאַרשטיי נישט...

— עס איז דאָ נישטאָ קיין גרויסע זאַכן וואָס צו פאַרשטיין... עס איז היינט ביי אונדז א... נו, א... ווי אזוי רופט מען דאָס? מיט איין וואָרט, עס האָט עטלעכע נעמען... יידן רופן דאָס „מלוה־מלכה", ביי גוים רופט מען דאָס א „וויעטשערינקע" און איך וועל דאָס גאָר א נאָמען געבן „אימע־נינעס"... נישט לאַנג זענען געווען מיין טאַטנס אימענינעס, מיר האָבן דאָן גאָרנישט געפּראַוועט, וועלן מיר איצט אזוי צו זאָגן אָפּצאָלן א חוב... וויל איך, אז איר זאָלט אלע גיין מיט אונדז...

יאַני, אויסער זיך פאַר פרייד, גיט א פּאַטש מיט די הענט:

— גוט, מיר גייען... שוין טאקע לאנג מיט יידן צוזאמען נישט געזעסן. אסתר, טו זיך אן...

— איך, גאר? וואס פאר א פנים האט עס, קומען אויף מלוה־מלכה מיטן ווייב? די קינדער — זאלן גיין, איך וועל בלייבן אין שטוב. איך דארף טאקע פארריכטן די וועש... עס ליגט פון יענער וואך אן נישט פארריכטע...

פאלי גיט א דריי מיטן נעזל:

— איך גיי אויך נישט...

שלמה, געפאלן ביי זיך:

— פאר וואס ווילט איר נישט גיין?

— וואס האב איך דארט צו טון? כ׳האב נאך נישט געזען קיין אלטע יידן?

— עס וועלן זיין יונגע מער פון אלטע... אלע מיינע חברים... און מוזיק וועט אויך זיין... מיר האבן באשטעלט...

דינה גיט דערשטוינט א קוק אויף שלמהן. זי גייט צו צו אורעמען, פארפירט מיט אים א שמועס מכוח דעם אינסטיטוט און שלמה׳ לייענט איבער פון איר בליק:

— נו, ברודער מיינער, איך שטער דיר נישט. קענסט — מאך עפעס מיט איר...

שלמה פירט אפ פאלין אין א זייט, רעדט שטיל און באטאנט:

— פאלי, אויב צווישן אונדז איז וואס עס איז נישט איז פאראן עפעס אינטימס, דארפט איר איצט גיין מיט אונדז... איך האב ספעציעל מיטגע־נומען מיין דינהן, כדי עס זאל זיין גלאטיק, געקומען צו א חברטע... די שוועסטער כאדראוו וועלן אויך זיין... א היימישע סביבה... און מיר אליין ווילט זיך שרעקלעך נישט צעשיידן זיך היינט מיט אייך... איר זענט היינט אזוי וואונדערלעך שיין... ווען איך בין א גוטער מאלער, וואלט איך אליץ אויף דער וועלט אוועקגעווארפן און זיך געטומען איצט מאלן אייער שיי־נענדיק געזיכט אויף א לייוונט... איר זענט איצט — קלעאפאטרע... געט־לעך!...

— פאר וואס זשע טאקע זאלט איר מיך נישט מאלן? איך האב דאך געזען אייערע עסקיזן, זייער געלונגענע...

— איר ווילט מיך ארויספירן אויף א פארברעכן, פאליא? נישט אזא מאלער ווי איך דארף אייך מאלן... אין אייער געזיכט מוז מען קענען אויפ־כאפן דעם כשוף... דאס, וואס דער אייבערשטער האט אייך געשענקט און א צווייטן נישט... אז איך מיט מיינע ידים זאל דאס נעמען טון, דאס איז א פארברעכן... דאס איז א שטיקל ארבעט פאר א ראפאעל, נישט אנדערש...

— אבער אזוי ווי קיין ראפאעלס זענען היינט נישטא, וויל איך, אז איר זאלט מיך א מאל מאלן...

— פאליטשקא, איך וועל אייך שוין א מאל מאלן אין פראזע...

— וואָס קען מען וועגן מיר דען שרייבן אין פּראָזע?...
— איך וועל שוין עפּעס אָפּזוכן...
— ניין, זאָגט, וואָס וועט איר שרייבן וועגן מיר?
— וואָס איר אַליין וועט מיר דיקטירן... ווי אַזוי איר וועט זיך אויסבעטן, אַזוי וועט איר שלאָפן.
— און עס וועט זיין אינטערעסאַנט, רעכנט איר? מען וועט עס וועלן לייענען?
— איך וועל שוין מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל זיין אינטערעסאַנט... די לייענער וועלן דאָס שלינגען און לעקן די פינגער פון אייך... בקיצור, פּאָלי, איר גייט מיט אונדז?
— אַן אַנדער ברירה האָב איך מיט אייך? כ'האָב שוין מורא זיך שלעכט אויסבעטן, איר זאָלט מיך חלילה נישט פאַרמסרן פאַר דער וועלט... איצט דרייט זיך אויס צום טיש און קוקט זיך נישט אום, איך וועל זיך איבערטון.
— פּאָלי, ווי לאַנג נאָך וועל איך זיך דאַרפן פאַרקוקן?...
פּאָלי דערלאַנגט אים אַ פעטשל איבער די ליפּן:
— איר וועט ביי מיר רעדן נאַרישקייטן?... איך וועל אייך אַליין זאָגן, ווען עס וועט קומען די צייט... מאַמע, ווו האָסטו אַוועקגעשטעלט מיינע טופל?
יאַני, אַווראַם און סאָנקע זענען געשטאַנען אָנגעטונענע און געוואַרט, ביז פּאָלי וועט זיך פאַרקעמען. ניומאַ האָט זיך אָנגעריבן אַ פּוס און נישט געקענט גיין אויף אים.
פּאָלי גיט אַ פרעג:
— שלמה, אויב אייער טאַטע איז אַן אימעניניק, וווּ זשע זענען אייערע בלומען?
איך האָב פאַר אים אַ מתנה, אַ ביסל אַ שענערע פון בלומען...
— וואָס פאַר אַ מתנה?
— אויפן וועג, אויפן וועג וועל איך דערציילן. איצט איז נישטאָ קיין צייט...
— דינה, זאָג דו, וואָס פאַר אַ מתנה? ביי שלמהן וועסטו אַ מאָל עפּעס געוווּיר ווערן... ביי אים איז אַלץ אָדער אַ סוד אָדער אַ סיורפּריז... נו, דינה...
— גלייב מיר, פּאָליטשקע, אַז איך ווייס אַליין נישט... איך האָב נאָר וואָס גלייך מיט דיר געהערט, אַז ער האָט עפּעס אַ מתנה...
— נו, איך בין פאַרטיק. מאַמע, דו האָסט נישט געזען ערגעץ מיין שאַליקל? אהאַ, אָט איז עס, איך דאַרקען שוין סאָנקעלעס הענטעלעך... אַז עס הענגט אין שאַפע, מאַכט עס איר ענג... אַ גוטע נאַכט, מאַמאָטשקע... עס וועט דיר נישט זיין סקוטשנע?
— גייט געזונט און פאַרברענגט פריילעך... נאַ דיר גאָר סקוטשנע, אפשר קלעזמער מיר דינגען?...

קאפיטל XIX

אראפגעגאנגען אויף קרעשטשאטיק האבן זיך אלע א נעם געטון אין דער ריכטונג צו בעסאראבקע. נאר שלמה האט א געשריי געטון:

— שטייט, וווהין גייט איר? מיר מוזן זיך אויפהייבן אויף סווערד־לאווא...

— וואס איז עפעס סווערדלאווא? דא ארום איז דאך נעענטער.

— מען ווייסט די מעשה, ווי ארום עס איז נעענטער... נאר אזוי דארף מען...

שלמה האט גענומען יאנין אונטער איין האנט, פאלין אונטער דער צווייטער. אווראם, דינה און סאנקע זענען געגאנגען פארויס. שלמה האט צוגעפרעסט פאלים ארעם שטארק צום הארצן און זיך געווענדט צו אלעמען:

— איצט, מיינע פריינד, וועל איך אייך דערציילן, וואס פאר א מתנה איך האב צוגעקלערט פאר מיין טאטן... די מתנה קאסט מיך צוויי הונדערט פינף און צוואנציק רובל און זי בויט זיך שוין העכער א חודש... חוץ דעם האב איך שוין אין איין וועגס זיך אויך געקויפט א מתנה פאר הונדערט פערציק רובל, צוזאמען מאכט דאס אויס א גאנץ סאלידע סומע. דאס איז פון מיין האנאראר, וועלכן איך גיב נישט אפ אין שטוב אריין... אלזא, איז אזוי די זאך: מיין טאטע, ווי איר אלע ווייסט, איז א סקווירער חסיד. זיין רבין, ר' דודל סקווירער נ"ע, האב איך אויך עטלעכע מאל געזען. איין מאל אין פיאטער, ווו איך בין געבוירן, און צוויי מאל אין סקווירע. דער רבי, ווי נאך פיל רביים, האט זיך קיין מאל נישט געלאזט פאטאגראפירן. וויפל זיינע חסידים פלעגן צו אים נישט צושטיין, בעטן, טענהן: — „סטייטש, עס שטייט דאך געשריבן: והיו עיניך רואות את מוריך..." עס האט אלץ נישט געהאלפן. און דער רבי ר' דודל ז"ל, מוז איך אייך זאגן, איז געווען אזא הייליקע שיינהייט, אז מען האט אים אין פנים אריין נישט געקענט קוקן, ממש די שכינה האט אויף אים גערוט... און פון דעסט וועגן איז פארט דא פון אים א פאטאגראפיע און נאך זייער אן אינטערעסאנטע אויך... און די פאטאגראפיע געפינט זיך ביי מיר... די געשיכטע פון דעם בילד איז אזעלכע: דער רבי איז א מאל געווען אין זשיטאמיר. אין גארטן פון גרויסן בית־מדרש איז געווען א מקוהלע. דאס איז געווען א לעבעדיקער קוואל, צו וועלכן מען האט זיך געדארפט אראפלאזן פון עטלעכע טרעפ. דער רבי האט זיך אנגעהויבן אראפלאזן און דער שמש איז געבליבן שטיין פון דער ווייטנס. מיט א מאל האט דער שמש א געשריי געטון:

— רבי, דרייט זיך אויס, א פאטאגראף האט זיך באהאלטן אין די קוסטעס...

דער רבי האט נאך געקענט באוויזן צו פארשטעלן מיט די הענט דאס פנים, אז דער פאטאגראף זאל נישט האבן וואס צו פאטאגראפירן... נאר אנשטאט פארשטעלן דאס פנים, האט דער הייליקער צדיק א ווונק געטון דעם פאטאגראף:

— איך זע אויף אייך, אז איר דאַרפט מיין בילד לשם פּרנסה. פאָטאָ־גראַפירט, פאָטאָגראַפירט, איך וועל אויסוואַרטן...

דער פאָטאָגראַף איז אַרויסגעשפּרונגען פון די קוליסן און אַ געשריי געטון:

— אויב מיין מזל האָט שוין יאָ אַזוי אויפגעשיינט, טאָ זאָל שוין דער רבי זיין אַזוי פיל גוט און קוקן גלייך אויף מיר...

— דו דאַרפסט נישט מיינע אויגן, דו האָסט גענוג מיין פּנים...

און אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן דעם סקווירער רבינס אַ בילד. מיט דער צייט איז דאָס אַזוי שווער דערלאַבערטע בילד פאַרלוירן געוואָרן און נאָר געציילטע עקזעמפּלאַרן פון דעם זענען געבליבן ביי דער וועלט. איין עקזעמפּלאַר איז בדרך נס מגוגל געוואָרן צו מיר. אַז איך האָב גענומען קלערן, וואָס אַזעלכעס שענקט מען דעם טאַטן צו זיינע אימענינעס, האָב איך אויסגעפונען, אַז קיין טייערערס פאַר אים קען גאָר נישט זיין ווי אַ פאַרגרעסערט בילד פון זיין רבין... וואָס זאָגט איר?

פּאָלי גיט אים אַ שלעפּ ביים אַרבל:

— אָבער פאַר וואָס דאַרף דאָס קאָסטן צוויי הונדערט פינף און צוואַנציק רובל?

— נישט עס ד אַ ר ף קאָסטן, נאָר עס ק אָ ס ט... דאָס בילד איז גע־מאַכט געוואָרן אין דער נאַטירלעכער גרייס פון אַ מענטשן. דער רבי זעט אויס אויף דעם ווי לעבעדיק. איך האָב דאָס געמאַכט אין דער קינאָ־פאָטאָ־סטודיע. אַלע טאָג האָב איך באַזוכט די סטודיע און איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס בילד איז אַן איבערראַשנדיקס! דער פּייזאַזש, די חנעוודיקע אַראָפּ־געלאָזטע אויגן, דאָס צוהאַלטן די קאַפּאָטע מיט צוויי פינגער... איר וועט שוין אַליין זען...

— און פון וואַנען ווייסט איר, אַז עס איז אין גאַנצן פאַרטיק?

— עס איז נאָך דינסטיק געווען פאַרטיק, נאָר כ'האָב עס נישט גע־וואָלט ברענגען אַהיים אין אַ וואָכעדיקן טאָג... געוואָלט מאַכן דעם טאַטן אַ סיורפּריז פאַר מענטשן אין די אויגן... אָט ווי איצט למשל...

— ווי אַזוי זשע וועט איר דאָס פירן?

— מיר וועלן נעמען אַן אָפענעם אויטאָ... דאָס בילד איז שוין איינ־געפּאַסט אין אַ שיינער ראַם פון נוסנהאָלץ, אונטערגעשריבן די דאַטע פון געבוירן און פון הסתלקות, און אפילו אָנגעגלאָזט... דאָס אָנגלאָזן קאָסט אַ חוץ פערציק רובל...

— יאָ, און זיך — וואָס פאַר אַ מתנה?

— זיך — אַ פידל... נאָר אַ פידעלע, זינט גאָט האַנדלט —

— בראַוואָ!... אָט דאָס הייסט אַ מאָלאָדיעץ!... ווו זשע איז דאָס?

— אויך אין סטודיע. איך האָב עס ספּעציעל דאָרטן געלאָזט, כדי צוזאַמען אַהיימברענגען... אַ! אָט דאָ איז דאָס, קומט אַריין... אַלע, אַלע קומט אַריין, עס מאַכט נישט אויס!...

אין סטודיע איז געווען ליכטיק ווי אין מיטן העלן טאָג. מען האָט זיי

אַרייַנגעפּירט אין אַ זייַטיקן פּאַוויליאָן, וווּ אין אַ טשעכאָל * פאַרוויקלט איז געשטאַנען עפּעס אַ זאַך פון אַ דריי פערטל מעטער די ברייט און אַ צוויי מעטער די הייך. לעבן דעם, אין אַ ראָזע קאַרטאָנענעם שאַכטל, איז געלעגן שלמהס פידל אין אַ נייעם שוואַרצן פוטליאַר. פאַלי מיט דינהן זע־נען צוגעגאַנגען צום טשעכאָל מיט דער כונה אַ קוק טון, וואָס הינטער אים טוט זיך, נאָר שלמה האָט זיי אָפּגעשטעלט:

— נישט דאָ, מיינע טייערע. אין דער היים, גלייך מיט אַלע, וועט איר אויך זען.

פאַלי האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער טאַליע און מיט אַ ליבן בייזער איבערגעקרימט זיך:

— גלייך מיט אַלע, און טאָמער וויל איך נישט גלייך מיט אַלע? און טאָמער ווילן מיר זיין די ערשטע? אַליין איז ער געלאָפן אהער אַלע טאָג... און אונדז לייגט ער אָפּ אויף אין דער היים, גלייך מיט אַלע... וואָס זאָגט איר אויף אים, האַ? נו, טאַטע, זאָג שוין אַליין... דער תכשיט דיינער...

יאַני האָט זיך געווענדעט צו שלמהן:

— טו איר שוין צו ליב און קנעפל אויף דעם טשעכאָל. דו ווייסט דאָך, זי, אַז זי שפאַרט זיך איין —

— יאַני, דאַרט וואַרטן מענטשן אויף אונדז... און דאָס איז נישט אויף קיין מינוט...

— מילא, וועט מוזן זיין יאָ אויף אַ מינוט... מיר וועלן נאָר אַ קוק טון און דו וועסט באַלד צוריק פאַרמאַכן...

מיט אַ ציטער, ווי צו אַ הייליקטום, איז שלמה צוגעגאַנגען, פאָרזיכ־טיק אָפּגעקנעפּלט דעם טשעכאָל און וואַרפנדיק אַ פיל־באַדייטנדיקן קוק אויף זיינע באַגלייטערס, האָט ער אַנטבלויזט דאָס בילד. די איבעראַשונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַלע האָבן זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט אויף אַ טריט צוריק, ווי לאָזנדיק אַ וועג דעם הייליקן צדיק. אין צימער זענען שוין געווען נישט קיין זעקס מאַן, נאָר זיבן. דער סקווירער רבי האָט אויך געלעבט און איז געשטאַנען דאָ מיט זיי. אפילו שלמה, וועלכער האָט שוין געזען דאָס בילד צענדליקער מאָל, איז אויך גלייך מיט אַלע געשטאַנען ווי געפּלעפט. דער רושם איז געווען אויסערגעוויינלעך. קיינער האָט זיך נישט איבערגעקוקט, קיינער האָט אַ וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט, נאָר ווען שלמה האָט גענומען צוריק פאַרשפּיליען די קנעפּלעך פונעם טשעכאָל, איז פאַלי צו אים צוגעגאַנגען, מיט אירע טיפע אויגן אים באַטראַכט און שטאַרק אַ דריק געטון זיין האַנט:

— ביי מיר ווערט דאָס בילד איינגעקריצט אין זכרון אַלס אייער ערשט גרויס ווערק... עס איז אייך ווירקלעך זייער, זייער געראָטן...

ווען די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז נומער 72 אויף

---

* אַ לייוונטענע זאַך אויף איינצוּוויקלען אַ טייער שטיקל מעבל אָדער אַנדערע חפצים.

ענגעלס־גאַס, האָט זיך פון דער נישט פעסט צוגעמאַכטער טיר דערטראָגן אַ פרייליך געזאַנג פון אַ גרויסן עולם. דאָס רויִשן פונעם מאַטאָר האָט אין שטוב אַריין נישט דערגרייכט: דאָס געזאַנג האָט אַלץ פאַרטויבט. זעקס פּאָר הענט האָבן פּאַרזיכטיק אַראָפּגענומען די טייערע משא און אַרויפֿגעטראָגן זי אויפֿן גאַניק. שלמה האָט זיך צעצאַלט מיטן שאָפער און זיך אָנגערופן:

— דינה, נאַ דיר דעם פידל. דו מיט סאַנקען בלייבט איר אויפֿן גאַניק, ביז איך וועל אַרויסבעטן דעם עולם אין צווייטן צימער אריין, און דאַן וועלן מיר אַריינגעמען דאָס בילד און עס אוועקשטעלן...

פּאָלי האָט געמאַכט אַ טריט פּאָרויס:

— איך וועל דאָ בלייבן מיט סאַנקען און זאָל דינה גיין אין שטוב אַריין...

שלמה האָט שטיל און געלאַסן געענטפערט:

— ניין, פּאָלי, איר מוזט מיט אונדז אַריינקומען אין שטוב אַריין פון די ערשטע...

— פאַר וואָס עפּעס מוז איך, גנעדיקער הער פּיאַטיגאָרסקי?

— ווייל אויב איר וועט דערשיינען צוזאַמען מיטן בילד, וועט דער עולם נישט וויסן אויף וועלכן בילד פריער צו קוקן...

פּאָלי האָט אים אַ זעץ געטון איבער דער האַנט און מיט אַ וויינענדיקער שטימע זיך געווענדעט צו יאַנין:

— מאַמע, זאָג אים עפּעס, וואָס טשעפּעט ער זיך... אַ גאַנצן אויפֿדערנאַכט נאָר ער ווויצלט זיך אויף מיין חשבון...

ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל, איז שוין די שטוב געווען פול מיט געסט. פון די לאַטקעס איז געשטאַנען אין צימער אַ לייכטע פאַרע און אַ היימישער גערוך פון אַ פעטן וואָלעבישן באָרשטש. דערזען די געסט איז דער זיידע שלום אַרויסגעלאָפן פון הינטערן טיש:

— אָ!... שלמה, יאַני מיט די קינדער... איך האָב באַלד געזאָגט, אויב שלמה איז אוועקגעגאַנגען, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט... נאָר וואָס האָט ביי אייך אַזוי לאַנג געדויערט דאָרטן? יאַני, קומט אַרויף אהער... מנשה, גיב זיך אַ רוק, אָט האָט איר אַן אָרט...

שלמה רופט זיך אָן מיט אַ שמייכל:

— וואַרט נאָך אויס מיט אַן אָרט פאַר יאַנין, איר זענט נאָך מיט אייערן אויך נישט זיכער... איך בעט אַלע געסט אויף צען מינוט אַריינגיין אין די קלענערע צוויי צימערן... שרעקט אייך נישט, קיין מינע וועל איך דאָ נישט אונטערלייגן... נו, רבותי, לעבעדיקער!... מאַמע, אין קיך טאָר מען אויך נישט בלייבן... סעגאַל און דינה כאַדאַראָוו, וואָס מאַכט איר זיך נישט וויסנדיק? דאָ זענט איר קליינע דירעקטאָרן, מאַרש אין די שלאָפֿצימערן!... חברים, געציילטע צען מינוט אָדער נאָך ווייניקער...

קאפיטל XX

אין צימער איז מיט א מאל פוסט געווארן... די גרויסע לאמפן האבן נישט פארשטייענדיק באטראכט דעם ליידיק־געווארענעם זאל... אויף די דיוואנעס זענען געהאנגען קאפאטעס מיט שבתדיקע קאשקעטן. פון די לאטקעס איז נאך געהאנגען אין צימער א לייכטע פארע. דער בארשטש פון די טעלער האט מיט פעטע אויגן צוגעקוקט, וואס קומט דא פאר...

שלמה האט פון זיין קאבינעט ארויסגערופן אווראם טולטשינסקי און צוגעמאכט צוריק די טיר:

— וואס ביסטו אוועק גלייך מיט אלע, שוטה דו? פאר דיר איז דאך שוין קיין סוד נישט... העלף מיר איבעררוקן די ספרים־שאפע אין לינקן ווינקל!... נאך א ביסל! צום פענצטער צו!... איצט רעכטס, אט אזוי!... צו דער וואנט, צו דער סאמע וואנט! פארטיק! איא, גוט אזוי?

— אויסגעצייכנט... און איצטער, וואס?

— גערולד, אלץ וועט זיין גוט!... איך וועל אויסקערן דעם רעכטן ווינקל און דו טראג מיר ארוים פון מיין צימער די צוויי נייע טומבאטשקעס און וויש ארום דעם שטויב פון זיי מיט אט דעם האנטעך... טומבעטשקעס, זאג איך דיר — א יופי אין דער וועלט, טאקע ספעציעל געקויפט לכבוד דעם רבין... טראג זשע אריין, וואס שטייסטו און הערסט מיך אוים?

— ווו שטייען זיי דארט ביי דיר?

— איך האב דאך דיר געזאגט, אין מיין צימער... אה, ווו זיי שטייען? זיי שטייען נישט, זיי ליגן. זיי ליגן אונטער מיין בעט... נו, לעבעדיקער!...

אויף די צוויי געלבלעכע, בייכיקע, געטאקטע טומבאטשקעס, אין רעכטן ווינקל סאמע ביי דער טיר, איז אוועקגעשטעלט געווארן דאס פרעכטיקע בילד. דער טשעכאל איז אראפגענומען געווארן, דאס גלאז — אויסגעווישט, דער פידל איז אויפגעהאנגען געווארן אויף דער וואנט הינטערן בילד. ווען שלמה מיט אווראמען האבן ברייט צעעפנט די טירן פון די שלאפצימערן, האבן אלע פארדעכטיק באטראכט די סטעליע, דעם פאל. קיינעם איז גאר־נישט איינגעפאלן זיך אומקוקן אין עקסטן טיר־ווינקל... ווען א האלבער עולם איז שוין געזעסן אויף זייערע פלעצער, האט עמעצער אויסגעשריגן:

— אוי, ווער איז דאס ביי דער טיר?

מיט פארכאפטע אטעמס און צוגעשמידטע בליקן זענען אלע געשטא־נען פארן בילד און שלמה אויך בתוכם... מען האט פארגעסן אין דעם טיש, אין דער מלוה־מלכה, אין דער שפעטער שעה און אין דעם איבערגעריסענעם פריילעכן ניגון. ביי יעדן אין הארצן האט איצט געלעבט דער סקווירער רבי... ווער עס האט געדענקט דעם רבין ביים לעבן, האט בגנבה אפגעווישט א טרער.

ווען אלע האבן זיך ווידער אויסגעזעצט ביים טיש, האט שלמה אויסגערופן:

— אָט דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן צום אָנדענק פון מיין טאַטנס געבורטסטאָג, וועלכער איז נישט לאַנג געווען...

אפרים־אהרון האָט ארומגענומען שלמהן און הארציק אים א קוש געטון אין די אויגן.

— און אין זיך האָב איך אויך נישט פארגעסן... פון קינדווייז אָן, אז איך פאַנטאזיר וועגן אן אייגענעם פידל, איך בין אָבער אלץ נישט פריי געווען אין קיין געלט. איצט, פון דעם האָנאָראר, וואָס איך האָב היינטיקן ווינטער באַקומען, האָב איך זיך שוין דערלויבט אויך אָט דעם לוקסוס...

שלמה האָט ארויסגענומען דעם פידל פונעם פוטליאר און א גלעט געטון די סטרונעס מיטן סמיטשיק... א זיסער ציטער האָט אָנגערירט יעדן ביי דער נשמה... אַלע האָבן אויסגעשריגן:

— באַנייען... באַנייען דעם פידל... שפּיל עפּעס א שבת־צו־נאַכטסע־דיקס...

נאָך לאַנגע יאָרן נישט האַלטן קיין פידל אין דער האַנט, האָט שלמה מיט בענקשאַפט א צי געטון מיטן סמיטשיק:

— אליהו הנביא, אליהו התשבי, אלילו הגלעדי...

אַלע האָבן שטיל אונטערגעכאַפּט... שלמהס קלינגענדיקער טענאָר איז געגאַנגען פאָרויס, פירנדיק די מאַסע ברומענדיקע קולות און דורכלאָזנדיק אויף צו פריער דאָס פידעלע, וואָס האָט ארויסגעגעבן צערטלעכע קולות: וועקנדיקע, דערמאָנענדיקע און רופנדיקע צוריק צו דער פארשווונדענער יוגנט... צו דער גליקלעכער קינדהייט...

ביידע יינגערע שוועסטער פייגנבוים, וועלכע זענען געווען אויף דער מלוה־מלכה צוזאַמען מיטן פאָטער, זענען שוין געווען באַקאַנט מיט פאַלין פון פריער און האָבן צוזאַמען מיט די כאַדראַאָווס און מיט שלמהס שוועס־טערלעך געמיטלעך פארבראַכט ביי א באַזונדער טישל אין עק צימער. אַלע מאָל האָבן זיך אַנדערע געסט אויפגעהויבן פון טיש, פון דאָס ניי באַקוקט דאָס בילד און שאָקלענדיק מיט די קעפּ אוועקגעגאַנגען. אברהם שאַרפ־שטיין האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין אייך מבטיח, ר׳ אפרים־אהרון, אַז וויפל עס זענען דאָ אין קיעוו יידן, וואָס האָבן פערזענלעך געקענט דעם סקווירער רבין, וועלן זיך איצט א לאָז טון צו אייך. עס וועט ארויס א קלאַנג, אַז דער רבי לעבט ביי אייך...

סאָנקע מיט רבקהן, פארקלייבנדיק זיך אין שלמהס צימער, האָבן גע־פירט אן „אינטימען" געשפּרעך:

— סאָנקע, ווען, קלערסטו, קען זיין די חתונה ביי שלמהן מיט פאַלין?

— דעם קומענדיקן זומער געוויס נישט...

— אזוי גאָר? פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— מן הסתם, אַז איך זאָג, ווייס איך. איך האָב אונטערגעהערט א שמועס פון פאַלין מיטן טאַטן...

— איז דעם זומער, זאָגסטו, נישט?

— דעם זומער נישט...

— אָך, אזא שאָד, עס וועט נאָך ווערן אוים מאָדע, אָט וועסטו זען א שיינס...

— פון וועמען רעדסטו דאָס? ווער וועט ווערן אוים מאָדע?

— איי, קיינער נישט, אומזיסט כוחות געפטרט...

— זאָג, וואָס האָסטו מורא... וואָס איז דיר א שאָד?

— איך האָב זיך אויסגעלערנט א וואלס־באָסטאָן... געמיינט, צו דער התונה...

— וואָס קען מען העלפן? אפשר וועט גאָט העלפן, ער וועט נישט ארוים פון דער מאָדע...

— סאָנקע, פאר וואָס האָט פאָלי געזאָגט, אז זי וויל נישט? אפשר געפעלט איר שלמה נישט?

— ס'א משל. ווען שלמה וואָלט איר נישט געווען געפעלן, וואָלט זי אהער נישט געגאַנגען... נא דיר גאָר, נישט געפעלן... אפילו מיר געפעלט ער אויך...

— דיר? פאר וואָס זשע נעמסטו אים נישט?

— אויף וואָס דארף ער מיך? אויף כפרות? פאָלי — דאָס איז עפּעס אנדערש...

— פאָלי... פאָלי... מען קען אָן אמת מיינען א גאַנצע מיוחסת... דו זאָלסט דאָ געווען הערן, וואָס מען האָט גערעדט ביים טיש פאר אייער אנקומען, וואָלסטו שוין געוווסט, וואָס שלמה איז... פאָלי... פאָלי... שלמה איז א גליק פאר איר...

— וואָס זשע האָט מען דאָ אזעלכעס גערעדט?

— ר' אברהם פייגנבוים, נו, טאַנקעס פאָטער, אָט דער מיט דער שיינער גראָער באָרד, האָט דאָ געזאָגט, אז מיטן גאנצן „פאַנטאָפל" פירן אָן נאָר דריי מענטשן: סעגאַל, גאָרדאָן און שלמה... און שלמה נאָך מער פון אלע, ווייסטו שוין?... היינט, זיין פידל־שפּילן?... און וואָס קען פאָלי? אבי זי קען זיצן א פוס אויף א פוס און גלאָצן מיט די אויגן... אָט דאָס קען זי...

— נו, נעמט זי נישט, אז זי געפעלט אייך נישט...

— ווער נעמט זי דען? נאָר אויב שלמהן געפעלט זי, בריקעוועט זי נאָך... דעם זומער — נישט, יענעם זומער — נישט... זאָג אליין, סאָנקע, ס'איז נישט קיין גוואלד, הא?

— דער עיקר ארט דאָך דיך, וואָס דער וואלס וועט ווערן אוים מאָדע...

— סאָנקע, וואָס קריגסטו זיך?

— א י ך קריג זיך? ד ו קריגסט זיך...

— ניין, ד ו קריגסט זיך...

פונעם צימער זענען זיי ארוים אָנגעבלאָזן איינע אויף דער אנדערער, געקוקט אין פארשידענע זייטן און אויסגעמיטן זיך צו באגעגענען.

שלמה האָט געשפּילט עטלעכע חזנישע זאַכן, עטלעכע „פּריילעכס״. פּאַר טאָג צו איז זיך דער עולם צעגאַנגען. אַלע זענען געווען אויפגעלייגט, באַגייסטערט פון דער וואַזשנער מלוה־מלכה, פון דעם קומענדיקן הייליקן פּסח, פון דעם ליבלעכן פרילינג, וואָס לאָזט שוין פון זיך הערן. ביי דער טיר האָט מען זיך נאָך אַ מאָל אָפּגעשטעלט, זיך ווידער איינגעקוקט אין דער הייליקער צורה אויפן בילד און טיף געקרעכצט, וואָס היינט איז דער דור עלנט, אָן אַ פירער, אָן אַ וועגווייזער.

צו מאָרגנס, זיצנדיק אין קינאָ, זאָגט פּאָלי צו שלמהן:

— אוים, מער גיי איך מיט אייך קיין מאָל נישט אַהין, ווו עס געפינען זיך אייערע חברים...

— אַזוי שלעכט האָט איר זיך ביי אונדז געפילט?

— נישט וואָס שלעכט, וואָס עפּעס דאַרף איך זיך פילן שלעכט? כ'האָב עפּעס צונעגנבעט, צי וואָס?

— האָט איר זיך נישט געפילט שלעכט, איז דאָך אודאי גוט...

— וואָס זשע איז דאָס גוטסקייט? אייערע חברים האָבן מיך דורכגענומען מיט זייערע אייגעלעך... עס האָט מיך געשטאָכן אין פּנים ווי נאָדלען...

— מיינע חברים זענען העכסט לייטישע בחורים. אָנשטענדיקע און סאָלידע...

— וואָס נייט מיך אָן זייער אָנשטענדיקייט? איך גיי מיט זיי קיין שידוך נישט טאָן... איך בין מיט זיי אַ קליינע מחותנתטע...

— נו, און זיי האַלטן זיך מיט אייך יאָ פאַר שטיקלעך מחותנים...

— דאָס האָט איר זיי געהייסן מיך האַלטן...

— קיינער האָט זיי נישט געהייסן און איך אודאי נישט... נישט מער, איך בין ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַן אייגענעם ברודער... האָבן זיי מן הסתם גערעכנט, אַז אויף אַ שוועגערין מעג מען קוקן...

— אַ שוועגערין... אַ שפּראַך אַ ביסל... דערווייל בין איך נאָך קיינעמס נישט קיין שוועגערין... אַזא עזות!... זעצן זיך אַוועק עטלעכע צענדליק געזונטע לאָבוזעס און טוען מער גאָרנישט, נאָר קוקן אויף דיר, נעמען קיין אויג נישט אַראָפּ, כאָטש אַנטלויף פון דער שטוב...

— פּאָליטשקע, מען דאַרף דאָך אַריינגיין אין זייער לאַגע אויך. ווי איז דען מעגלעך אויף אייך נישט צו קוקן? זיי זענען דאָך נישט מער ווי מענטשן...

— הייבט זיך שוין אָן מיט אים...

— אָט איז דאָך דער סקווירער רבי נישט ברוגז געוואָרן, וואָס מען האָט געקוקט אויף אים... אַ בילד — קוקט מען, ווי דען אַנדערש?...

— מען האָט שוין געהערט די חכמה... איבערגעקייעטס איז נישט געשמאַק... מער גיי איך שוין אין יענער געזעלשאַפט קיין מאָל נישט...

— פּאָליטשקע, ביז ווי לאַנג — מער?

— איך האָב נישט ליב אַזעלכע פראַגן, ווייסט איר דאָך... און טאָמער האָט איר נישט געוווסט, בעט איך אייך געדענקען...

— אָבער פאָרט, יעדע זאַך האָט דאָך אַ גרענעץ...

— וויפל מאָל דאַרף מען דערפון רעדן? איך האָב אייך שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז איך וויל נאָך אוועקגיין לערנען און ענדיקן און אָנקומען אַרבעטן אַלס אינזשיניער אָדער דאָקטער — דאַמאָלסט וועלן מיר זען... און ביז דאַמאָלסט זאָלט איר מיך מער נישט איבערפרעגן. איר ווילט — קענט איר אַריינקומען, איר ווילט נישט — קענט איר אויפהערן. מיר איז נישט קיין אונטערשיד...

— פאַליאַ, לערנען, ענדיקן, אַרבעטן, דאָס איז אַ חשבון פון אַ יאָר צען, פופצן...

— אפילו פינף און צוואַנציק... עס לוינט אייך נישט — האָט איר אַ ברירה... קיינער צווינגט אייך נישט...

קאפיטל XXI

עס איז פאריבער פסח, פאריבער שבועות. שלמה האט באקומען א בריוו פון זיין רבין שמעיהן, פון זוועניגאראדקע:

„... וואס נאך זאל איך דיר שרייבן, טייער קינד מיינס?... דו שטייסט מיר פאר די אויגן, וווהין איך גיב זיך נאר א קער... איך בענק אזוי נאך דיר, אז דער גוטער יאר כאפט מיך אזש אוועק... בכלל, פאר דעם יאר, וואס מיר האבן זיך נישט געזען, האב איך זיך שטארק אראפגערוקט. איך פארליר איין חוש נאכן צווייטן... כ'וועל אנקומען אין קבר אריין א גולם, אן אמתער גולם... באלד נאך פסח האט מיר זאול דעם פראצענטניקס איידעם — דו דארפסט אים געדענקען: ער האט געוווינט אין דער צווייטער האלבער דירה פון כאסקל דעם בעקער... בנימין הייסט ער, א שווארצינקער אזא... — האט ער מיר געבראכט אין שטוב אריין זיינס א יינגעלע און א שוואנגערס א יינגעלע. ער וועט מיר גוט באצאלן, אבי איך זאל מיט זיי לערנען... מילא, האב איך זיך דערפרייט... פרעג שוין גארנישט! דאכט זיך, מיט משיחן קען מען זיך שוין שטארקער נישט פרייען... איך וואלט אים, דאכט זיך, צוגעצאלט. נאר א קלייניקייט, ווידער א מאל הערן דעם זיסן נאמען „רבי"... ווידער אויסזינגען מיט יונגינקע העלדזעלעך: „ואני — און איך יעקב"... דו געדענקסט נאך די ווערטער מיטן ניגון? איי, פלעגט דאס קלינגען הייליק און לויטער אין די ווינטערדיקע נעכט... צי א שטייגער: „שיר — א געזאנג, השירים — איבער אלע געזאנגען; אלע געזאנגען האט גע־זונגען א מלך, דאס געזאנג האט געזונגען א מלך בן מלך; אלע געזאנגען האט געזונגען א נביא, דאס געזאנג האט געזונגען א נביא בן נביא; אלע געזאנגען זענען קודש, דאס געזאנג איז קודש־קדשים..." איי, קלינגט דאס מיר אין די אויערן, איי, איז דאס געווען מלא טעם... האב איך געמיינט, מלאכים שפילן זיך מיט מיר: נאך א מאל רבי... איך האב זיי באזעצט ביי זיך אין בעט. אפגעווישט זיי די נעזעלעך, אזוי ווי איך דערצייל דיר... ארויסגענומען מיינע ציצית, אריינגערוקט זיי אין די הענט אריין און געהייסן זיי א קוש טון. קוקן זיי זיך איבער, די ממזרים, און מאכן: Фу, гадко!*... כ'זאל דיר דערציילן אין קורצן, זיי האבן מיך ממש אראפ־געווארפן פון הימל אויף דער ערד!... אויפן דריטן טאג האב איך זיי אליין אפגעשיקט אהיים... כ'האב יענעם טאג אזוי געוויינט, ווי עס וואלט הלילה ביי מיר א רייניקייט ארויסגעפאלן פון די הענט. אבער זאג אליין, ווי אזוי האב איך געקענט אנדערש טון? אז יענע רעדן נישט א ווארט יידיש... און איך — גויאיש האב אפילו אין די יונגע יארן שוואך פארשטאנען, ווער שמועסט איצט, אז בסך־הכל דערהער איך שוין א ביסל נישט און דער דיבור איז אויך געמוטשעט... וואס ווילסטו? איך בין שוין טאקע א

---

* פע, א מיאוסקייט!

טיפער, טיפער זקן... און די חברה — בלויז גויאיש!... ציצית איז — גאַדקאַ... כ'האָב זיך אָפּגעקערט אויף אַ סעקונדעלע, האָבן זיי אַרויס־געשלעפּט רבנו־תמ'ס תפילין און מיט די רצועות געבונדן די קאַץ... אַז כ'האָב דערזען און געמאַכט אַ גוואַלד, זאָגן זיי חנהן — ווייל איך פאַר־שטיי זיי שלעכט — זאָגן זיי צו איר: „וואָס שרייט ער, דיין אַלטיטשקער, דאָס זענען שטאַרקע שטריקלעך, עס וועט זיי גאַרנישט שאַטן"... דו ווייז זיי עפּעס אין סידור, פרעגן זיי: „פון וואַנען ווייסטו? ווער האָט דיר געזאָגט?" בקיצור, איך האָב זיי משלח געווען... פריער האָב איך זיך אַליין גענאַרט, אַז איך קען נאָך, איך וואָלט נאָך... איצט ווייס איך שוין, אַז איך טויג שוין נאָר אויף סים טיסיאַטשי* כפּרות... אַזוי, אַזוי, קינד מיינס... ווער שמועסט פון נאָכן בית־מדרש... שאַ, דו ווייסט דאָך נאָך פון גאָרנישט... אויס, שלמה, אויס בית־מדרש! נישטאָ שוין קיין בית־מדרש אין זוועניגאָראָדקע, מען האָט אים צוגענומען פאַר אַ פאָלקס־שול... פונקט האָב איך דאַמאָלסט געדאַוונט מיטן לעצטן מנין, ווען די פושעי־ישראל זענען אַריין מיט דער פאָן פאַרנעמען דעם בית־מדרש... עפּעס אַ פאַרשייטע מויד, — עס זאָל פון איר נאָר שטיקער פאַלן לעבע־דיקערהייט, רבונו של עולם! — איז צו צום ארון־קודש, אַראָפּגעריסן דעם פּרוכת און גענומען אַרויסוואַרפן די ספרי־תורות אויפן פאָל... אַרויס־וואַרפן זאָל עס די ביינער פון אירע עלטער־עלטער־זיידעס ביז אדם־הראשון געפלויגן געוואָרן. מיר האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלד, געוואָלט אויפהייבן די ריינקייטן, דאָן האָט יענע משומדת אַראָפּגעריסן דאָס מענטעלע און אָפּגעטון אויף אַ ספר אַזאַ מיאוסע זאַך... אוי, אוי, אוי... בעסער וואָלטן מיינע אויגן געווען אויסגערינען, איידער כ'האָב דערלעבט זען אַזאַ חורבן... דערוויל איז דער בית־מדרש פול געוואָרן. אויף אונדזערע גוואַלדן זענען זיך צונויפגעלאָפן פיל יידן, מיר האָבן געוואָלט אויסרייסן די ספרים ביי זיי... עס איז געוואָרן אַ געשלעג... עס איז אָנגעלאָפן אַ מחנה קאָמסאָ־מאָלצעס, מען האָט געבראַכט מיליציע און מען האָט אַרעסטירט פיר און צוואַנציק אָנטיילנעמער אין געשלעג און מיך אויך... פון זייערע -— אפילו איינעם נישט... כאָטש געשלאָגן האָבן זיי, נישט מיר... אויף צומאָרגנס האָט מען מיך באַפרייט... נאָר עס וועט נאָך זיין אַ פּראָצעס אויף אונדז, פאַר שטעלן זיך קעגן דער מלוכהס געזעצן... און דערוויל, אַלע פינף און זעכציק ספרי־תורות פון ביידע ארוני־קודש האָט מען אָפּגעפירט צו די שאָרניקעס. בעלי־בתים זענען נאָכגעלאָפן מיט אַ געוויין, די קליידער געריסן אויף זיך... נאָר ווער? וואָס? זיי קוקן דען אויף עפּעס? עס אַרט זיי שטאַרק? מען האָט געוויינט, געשריגן, קריעה געריסן, שבעה געזעסן און — פאַרפאַלן!... אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין מאָל קיין בית־מדרש אויף דער וועלט נישט געווען... אָבער טאָמער מיינסטו, אַז די גאַנצע גע־שיכטע איז אונדז אָפּגעלאָפן גלאַט, אָן דיני־נפשות, האָסטו דווקא אַ גרויסן טעות. ביי דער באַנדע איז פּטור בלא־כלום אי־אפשר. איינער פון אונדז האָט

* זיבן טויזנט.

טאקע געכאפט א פסק. ווייסטו, ווער? משהלע מיטן טשייניק! ער האט עס אפגעלייזט פארן חטאת־הצבור, אחת ואחת. דעם דאזיקן משהלען דארפסטו געדענקען, ווייסע־חברההניקעס פלעגן אים רופן: „דער אייביקער ייד“. א גרויסער ליבהאבער פון טיי געווען. בעת די באסע־קאמאנדע* האט זיך אריינגעריסן אין שול אריין, איז ער געזעסן ביים טיש און האט געטרונקען טיי. כ׳זאל דיר נישט מאריך זיין, וואס אין בית מדרש האט זיך נישט אפגעטון — ער האט זיך נישט גערירט פון ארט. נאר ווען יענע פארשיימטע מויד האט אפגעטון, וואס זי האט אפגעטון, האט ער געכאפט פון דעם טיש דעם טשייניק מיט דער זודיקער טיי, איז צו צו איר און — גלייך איבערן קאפ!... ז י האט מען באלד אוועקגעפירט אין שפיטאל אריין אן אפגעקאכטע און א צעקאליעטשעטע און אים — אין ראיאן־מיליץ. אויף דער צווייטער וואך איז געווען נאזנאטשעט דער סוד** פאר כוליגאנסטווע, עס האט זיך פארזאמלט די גאנצע שטאט. מען האט אים אבער געמוזט אפליגן, ווייל משהלע איז געלעגן אין קאמער קראנק. מען האט אפגעלייגט דעם סוד אויף אכט טעג, אבער ביז דאמאלסט איז שוין נישט געווען וועמען צו משפטן... אפילו ארויסגעבן דעם בר־מינן, אז מען זאל אים ברענגען צו קבר־ישראל, האט מען אויך נישט געוואלט. עס פאלאגאיעט זיך נישט***, זאגן זיי. מען מעג זאגן: זכרונו לברכה. אומגעקומען על קדוש השם. ממש פנחס בן אלעזר בן אהרון הכהן. א פארצייטישער ייד געווען, א נסתר. נישט מיר האבן א י ם פארשטאנען, נישט זיינע דרכים. תהי נשמתו צרורה בצרור החיים. פון נאך דעם פאל האב איך ערשט דערפילט, ווי איבעריק איך בין אויף ד ע ם עולם... זוועניגאראדקע איז מיר שטארק פרעמד געווארן... דאס זוועניגאראדקע וואס אויפן בית־עולם — יענץ איז מיינס, אבער דאס לעבעדיקע זוועניגאראדקע איז מיר נמאס ומאוס, אז איך קען דערויף נישט קוקן... דער בית-מדרש איז אלט אפשר הונדערט פופציק יאר. אז איך בין בחורווייז אנגעקומען קיין זוועניגאראדקע, האבן אים שוין גרייז־גראע יידן געדענקט פון קינדווייז אן... און איצט וועט מען דארטן טון כל הפאסקודסטוועס שבעולם... לערנען די קינדער, אז עס איז נישטא קיין גאט אויף דער וועלט... אזוי, אז איך בעט אויף זיך דעם טויט... און עפעס זאגט מיר דאס הארץ, אז דאס מאל וועל איך פועלן... גענוג! יוצא לכל הדעות, וויפל נאך?... מיין חנהן רעדט מען דא א שידוך מיט איינעם א שניידער, נישט לאנג זיך אהער אריבערגעקליבן פון שפאלע. איז ער אן אלמן מיט דריי קינדער... בפירוש א שווער געזינדל און דערצו איז ער אליין אויך נישט קיין איבעריק געזונטער... נאר וואס זאל מען טון? זי וואלט בפירוש איינגעגאנגען אויף דעם שידוך... טב למיתב טן דו, מלמיתב ארמלתא****. בעסער ווי צו זיין א דינסט ביי יענעם — איז אבער

* באראוועסע.

** באשטימט, אז דאס געריכט זאל פארקומען.

*** מען טאר אזוי נישט טון.

**** בעסער צו וווינען זאלבעצוויים, איידער צו זיצן אן אלמנה.

אַ בזיון פאַר דער וועלט. חוהלע איז אַ מיידל צו לייטן, ווען זי האָט שוין חתונה, וואָלט חנה אויך אויפגעריכט געוואָרן. נאָר ווי אויף צו להכעיס טרעפט זיך איר נישט קיין גלייכער שידוך... נישט מער, איך רעכן, אַז דעם שניידער מיט זיין קאַפּעלע וועט חנהלע נישט אָנווערן... די מציאה וועט קיינער נישט אויסכאַפּן... און אויב יאָ, איז אויך נישט קיין אומגליק... און די חוהלע איז זייער אַ טייער קינד... טאָמער מאַכט זיך דיר עפּעס אַ פיין בחורל?... האָב אין זינען, קינד מיינס. איך האָב שוין פון דיר אַ היפּשע צייט קיין בריוו נישט געהאַט... איי, שלמה, שלמה!... דו מיינסט, אַבי דו שיקסט צו דאָס געלט, ביסטו שוין יוצא לכל הדעות... ניין, נישט דאָס איז דער עיקר! מילא, דאָס געלט... ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? ס׳איז מיר שוין אַלץ איינס!... דו מיינסט, איך קען נאָך עסן? אָטראַזווי־אָ, כי הוא זה... אָבער אַ בריוועלע, איי, אַז איך באַקום פון דיר אַ בריוועלע, קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. דאָס איז מיין גאַנצער פאַרגעניגן. ערשט דאַן דערפיל איך, אַז מיך פאַראייניקט נאָך עפּעס מיט דער וועלט... דו הערסט, שלמה, איך שווער דיר ביי מיין אַלטער באָרד, אַז טאָמער באַקום איך נאָך אַ מאָל פון דיר געלט אָן אַ בריוו, נעם איך דאָס געלט נישט אָפּ און עס גייט אַוועק צוריק... דאָ האָסטו אַ גוטע שבועה... ביי אונדז האָט עמעצער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז מנשה דער רב האָט אין קיעוו חתונה געהאַט... ס׳איז אמת, צי ניין? עפּעס מיר גלייבט זיך נישט... אַזאַ נאַרישקייט וועט ער טון? פאַר וואָס שרייבסטו קיין מאָל נישט אָן, וואָס איז געוואָרן ביי דיר מיט יאַנים מיידל? צי דו מיינסט אפשר, אַז עס אינטערעסירט מיך נישט?... אַנומלטן איז מיר געקומען צו חלום מיין זיידע אַנשיל עליו־השלום, ווי ער טראָגט אַ גרויסן קרוג מיט מים־שלנו, ער — ביי איין אויער און מאָטל דער דיין לשלום — ביים צווייטן אויער... און דער זיידע דערלאַנגט מיר אַ ליילעך און זאָגט בזה הלשון: „נעם, נעם, וואַש זיך אַרום און וויש זיך אָפּ"... איך ווייס נישט ווי אַזוי דו, א י ך גלייב אין חלומות: דאָס וואַסער איז טהרה־וואַסער, דאָס ליילעך איז תכריכים... אַזוי גלייב איך... און גלייב מיר, עס הייבט מיך אפילו נישט אָן צו אַרן, איך בין דאָס שוין געוואָרן... נאָר פון דעסט וועגן זאָלסטו נישט מיינען, אַז שמעיה פּאָקוטילאָווער איז שוין לחלוטין אויסגעבראָכן פון אַלע תאוות העולם... איך האָב נאָך איין נאַרישן ווונטש און דו דאַרפסט אים וויסן: טאָמער דערלעב איך נאָך ימים־טובים, וואָלט איך נאָך געוואָלט איין מאָל אין מיין לעבן האָבן אָן אייגע־נעם לולב מיט אָן אייגענעם אתרוג. דאָס איז מיין איינציקע בקשה צו דיר... אויב עס וועט נאָר זיין בנמצא און נישט טייער, קויף פאַר מיר און שיק איבער מיט אַ געלעגנהייט. און דער עיקר: שרייב אָפּט און אַ סך... אַ גרוס דעם זיידן שלומען, דעם טאַטן און מנשה דעם רב. טאָמער איז אמת, אַז ער האָט חתונה געהאַט, גיב אים אָפּ פון מיר אַ מזל־טוב. זיי מיר געזונט. דיין רבי שמעיה פּאָקוטילאָווער..."

קאפיטל XXII

א פּאָר טעג נאָך שבועות האָט מען אַרויסגערופן פּערלמאַנען אין שטאָט־קאָם־פּאַרטיי. דער ערשטער סעקרעטאַר און דער צווייטער סעקרע־טאַר האָבן זיך פאַרשלאָסן מיט אים אין קאַבינעט.

— זאָג נאָר, פּערלמאַן, ווי לאַנג נאָך וועלן מיר ליידן בזיונות דורך דיר?

— וואָס קען איך העלפן, חבר סעקרעטאַר?

— דו ביסט אַ קאָמוניסט, צי ניין?

— אודאי בין איך אַ קאָמוניסט...

— עפּעס זעט מען דאָס נישט אַרויס... דאָרטן ביי דיר זיצן אַנטי־קאָמוניסטן, זעט מען פון זיי אַרבעט, אָבער פון דיר, וואָס זעט מען פון דיר?

— חבר סעקרעטאַר, איך קריך פון דער הויט זיי אַרויסצושלעפּן פון דעם איינגעגעסענעם שבת און ס׳איז אַלץ אומזיסט... רעד צום לאָמפּ און אַן עק!... אַרבעטער זענען דאָס — וועלף! כ׳האָב נאָך אַזוינס נישט געזען... אַלטע לייט פון זעכציק יאָר, קינדער פון פופצן יאָר, אַן אונטערשיד. ממש די אַרבעט ברענט ביי זיי אונטער די הענט, אָבער ווען עס קומט צו דער פראַגע פון שבת, איז שטאָל און אייזן. כ׳האָב זיי געבראַכט אַן אָרדער אויף פלייש פאַר דער סטאָלאָווע — אָפּגעזאָגט זיך... איך זאָג זיי צו דאָס טעלערל פונעם הימל און זיי רעדן אפילו מיט מיר נישט... אוי, אַ שווערער קאָלעקטיוו! נעמט מיך אַראָפּ פון דער אַרבעט, כ׳וועל בעסער גיין אויף אַ שאַכטע אָדער פאָרן אויפן ווייטן מזרח, אבי פטור ווערן פון דעם רבנישן רויט־פּאַניקן אַרטעל...

— אַז מיר וועלן דיך דאַרפן אַראָפּנעמען, וועלן מיר זיך מיט דיר נישט עצהן, דערווייל זאָג אונדז אַזאַ זאַך: מיט וועמען האָט איר אַן אָפּמאַך וועגן אָפּנעמען די פּראָדוקציע?

— מיטן קיעוו־טאָרג.

— איר האָט נאָך אָפּנעמערס?

— ניין, מער קיינעם נישט...

— יאָ... איז אָט וואָס: אפשר קענסטו אונדז זאָגן, ווען דאַרפט איר אָפּגעבן דעם ערשטן טראַנספּאָרט סחורה אין קיעוו־טאָרג אַריין, צי דאָס ווייסטו נישט?

— וואָס הייסט עפּעס, איך ווייס נישט? פאַר וואָס זאָל איך נישט ווויסן? היינט איז דער נייַנטער, הייסט עס, אין דריי וואָכן אַרום, ענדע חודש...

— אַ פּאָר טעג פאַרן אָפּגעבן די סחורה זאָלסטו אונדז אַריינגיין זאָגן, דאַן וועלן מיר אין געהיים אַנשרייבן אין דער „ספּעציעלער אָפּטיילונג" פון קיעוו־טאָרג, מען זאָל פאַרבראַקירן די גאַנצע סחורה... פאַרשטאַנען?

דאָס וועט אונדז געבן אַ מעגלעכקייט, אויף עטלעכע פון זיי מאַכן אַ פּראָצעס פאַר איבערפירן רוויוואַרג, און דעם אַרטעל צעלאָזן... און אַן עק זאָל עס נעמען מיטן שומר־שבת... נאָר ביז דאַמאָלסט — האַלט דאָס מויל... קיינעם — ני בע, ני מע...

צוריק פונעם שטאָט־פּאַרט־קאָם איז פּערלמאַן געגאַנגען שטאַרק טרויעריק... אמת, ער האָט זיך טאַקע געבעטן אין שאַכטע אַריין אָדער אויפן ווייטן מזרח, אָבער דאָס זענען געווען בלויז רייד... זעענדיק אַצינד, אַז מען האָט זיך גענומען ערנסט ליקווידירן דעם אַרטעל, האָט אים שטאַרק באַנג געטון דער איינגעזעסענער פּלאַץ... די זעקס הונדערט רובל געהאַלט פּאַרט־מאַקסימום * זענען נאָר געווען דער גרונטשטיין פון זיין געהאַלט. הייַנט, וויפל פלעגט אים חברה צושאַרן „לא יחרץ" געלט?... עס פלעגט צונויפגעשטעלט ווערן אַן אַקט, אַז דער גאַנצער קאָלעקטיוו אַרבעטער איז געווען אין טעאַטער, און דאָס געלט איז פאַרבליבן ביי אים אין טאַש... וויפל מאָל האָט אים די פאַרוואַלטונג פּרעמירט? וויפל פאַר שיך האָט מען ספּעציעל פאַר אים געלאָזט מאַכן? נאָך אַ פּאָר און נאָך אַ פּאָר, אַזאַ קאָליר און אַזאַ קאָליר... ניין, ניין, נאָך אַזאַ וואַרעמע קאָמפּאַניע וועט זיין שווער צו געפינען... נאָך אַ מאָל אַזעלכע אָנבייסנס וועלן זיך אים נאָר חלומען... מען דאַרף ביי צייטנס זיך אָפּזוכן אַ ווייך ערטעלע... נאָכן „פּאַנטאָפל" וועט זיין שווער זיך צוצוזוכן... נו, נו, אַ שבת אויף זיין קאָפּ... ווער האָט אים אויסגעטראַכט?...

— אין „רויטן ווינקל" שפּאַצירט ער אַרום אויף און אָפּ, אויף און אָפּ, ווי אַ בער אויפן שטריק, ענדלעך גייט ער צו צו קאַמיניעצקין, נעמט אים אונטער דעם אָרעם:

— קום, וועלן מיר טרינקען ביר...

— פּערלמאַן, איך קען נישט גיין, איך דאַרף באַלד צונעמען פּראָדוקציע אויפן סקלאַד...

— קום, זיי נישט קיין נאַר, די לבנה וועסטו שוין נישט איבעריאָגן...

און אין דרויסן ענדיקט ער זיין געדאַנק:

— דו הערסט, קאַמיניעצקי, מיר זענען שוין געקומען צו פאָרן...

— וווהין — צו פאָרן?

— וווהין? אויפן אַרבעטסלאַזן רינאַק... זיי געזונט „פּאַנטאָפל"!...

— פּערלמאַן, קיין ביר האָבן מיר נאָך נישט געטרונקען און דו ביסט שוין שיכור...

— אודאי בין איך שיכור, באַלד וועסטו אויך ווערן שיכור...

און אַריבערבייגנדיק זיך איבערן טישל אין רעסטאָראַן, האָט ער וואָרט און וואָרט איבערגעגעבן קאַמיניעצקין דעם אינהאַלט פון דעם שמועס אין שטאָט־פּאַרט־קאָם...

---

* אין די 30-קער יאָרן און אויך פיל שפּעטער האָט אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נישט געטאָרט האָבן קיין גרעסערן געהאַלט ווי 600 רובל.

אין צעך האט קאמיניעצקי א שעפטשע געטון גארדאנען:

— אין אפטייק האט מען היינט באקומען פרישן א־דע־קאלאן...

יוספן דארף מען צוויי מאל נישט זאגן. ער האט שוין אפגעווארט אין דער נאענטער אפטייק קאמיניעצקין. דארט האט יענער אים איבער־געגעבן אלץ, וואס ער האט געוווסט, און איינציקווייז האבן זיי זיך אומ־געקערט אין ארטעל אריין.

דעם זעלבן אויפדערנאכט איז ביי זעליק פייגנבוים אין שטוב, ביי אראפגעלאזטע שטארן און א פארשלאסענער טיר, פארגעקומען א געהיימע זיצונג. אין דער שטימונג האט זיך געפילט, אז עס שטייען פאר וויכטיקע געשעענישן. אלע האבן שטיל פארנומען זייערע פלעצער. פארזיצער, ווי אלע מאל, איז געווען זעליק אליין. זיין פרוי האט געוואלט דערלאנגען טיי, האט ער איר א וווּנק געטון:

— ס'וועט זיין דאס מאל אנגענעם אויך אן טיי... קיינעם קריכט איצינד נישט קיין טיי־טרינקעניש אין קאפ אריין... נו, הברים, הבה נתחכמה!... נאך אנדערטהאלבן יאר עקזיסטירן פון „פאנטאפל" האט די מאכט באשלאסן, מיט איין קלאפ אים צעשמעטערן... אלע האט איר געהערט פון גארדאנען, וואס פערלמאן האט דערציילט קאמיניעצקין, מיט וואס פאר אן אפערע מען האט באשלאסן צו פארענדיקן מיטן „פאנטאפל". ס'איז אן אלטע חקירה: וואס מען קען נישט נעמען מיט קיין פראנטאלער אטאקע, נעמט מען מיט א קינזשאל אין רוקן... איז אין איין שיינעם טאג וועט איר ווערן אוים שלאגלער, אוים פאראויסגעשריטענע, אוים פאן־טרעגערס, נאר בראק־מאכערס, שעדיקערס און געפערלעכע עלעמענטן... זאגט אייך ארוים, חברים, נאר באטראכט, נישט געכאפט: וואס דארפן מיר איצט טון? צי דארף מען אננעמען אלץ פאר ליב און ווארטן אויפן סוף? ווייל מיט א מלוכה איז זיך שווער צו פארמעסטן... צי אפשר וועלן מיר נאך קעמפן? א שאד אזא וויכטיקער בנין, הא? איצינד, ווען עס איז געקומען צום לעבן, ווי מען זאגט... און אויב קעמפן, ווי אזוי קעמפן? מיט וואס קעמפן? גארדאן, דו האסט דאס ווארט.

גארדאן: מיין מיינונג איז אזא: דא אויפן ארט קענען מיר גארנישט אויפטון... לויטן אפמאך מוזן מיר די פראדוקציע אפגעבן נאר דעם קיעווער טארג און זייער עקספערטיזע מוז זיין פאר אונדז אננעמבאר... וואס דען איז מיין עצה: מיר זאלן טעלעגראפירן אין פאליט־ביורא...

זעליק: עך, דו שוטה, וואדף שוין אוועק דיינע נארישקייטן... שטענדיק איז ביי דיר גלייך, דאמאלסט האסטו אונדז מכבד געווען מיט א „סיסערייי" פון „קאלטן" און איצט שיקסטו אונדז מיט א פעטיציע אין קרעמל אריין... נאך ווייסטו נישט, אז אונטער אזא שלייער, צי אונטער אן אנדערן — אומעטום איז די זעלבע יענטע... ניסן, דיין ווארט!...

ניסן: איך וואלט געזאגט, מען זאל אנשרייבן קיין אויסלאנד, אז מען זאל דארט אינטערוועניִרן וועגן דעם ביי ליטווינאוון. אפשר אזוי ארום...

זעליק: א שטומער וואלט דאס אין קיין יאר נישט אויסגערעדט...

אָנהייבן דורך ליטווינאָוון, איז דאָס אַ לידל אויף דריי יאָר און דאָ האָבן מיר אין גאַנצן דריי וואָכן... צווייטנס, דו ווייסט, וואָס עס הייסט, זיך קלאָגן פאַר אויסלאַנד? דאָס איז דאָך אָפענע קאָנטר־רעוואָלוציע... אויב מען וועט נישט שיסן דערפאַר — וועט מען פאַרשיקן אויף אייביקער קאַטאָרגע... קלאַדניצקי, זאָג דו שוין עפּעס אַ קלוג וואָרט.

קלאַדניצקי: איך בין אַ פּראָסטער ייד און קען געבן אַ פּראָסטע עצה... מיין מיינונג איז אַזאַ: פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס דעם אַרטעל איז נאָך באַשערט צו לעבן, זאָל יעדער איינציקער פון אונדז זיך צולערנען די פּראָצעסן פון דער אַרבעט, וועלכע ער קען נאָך נישט, וואָס גרונטלעכער זיי אויסשטודירן, און ווען דער אַרטעל וועט זיך צעפאַלן, זאָל יעדער פון אונדז, אויף אַ קוסטאַרישן אופן, זיך אַרבעטן אין דער היים... וויפל ער וועט אויסאַרבעטן, אַזוי פיל וועט ער האָבן... די נייטיקע מאַטעריאַלן קען מען איינקויפן אויפן מאַרק און די גרייטע טופל אויך אָפּזעצן אויפן מאַרק... און מיט קיין מלוכה שלאָגט מען זיך נישט... אין בעסטן פאַל, וועט מען אונדז ביי יעדער מינדסטער געלעגנהייט צודריקן צו דער וואַנט, פון שטיצן מיט רוי־וואַרג אָדער מיט אַ הלואה קען שוין קיין רייד נישט זיין. און דאָס איז דאָך אַן אַלטער כלל, אַז: ישיבה שאין בה סמיכה, עמידה טובה הימנה... קיין קלוגערע עצה קען איך נישט צוטראַכטן...

זעליק: דיין פּלאַן איז אפילו יאָ עפּעס נישקשה, נאָר ער האָט צוויי חסרונות. ערשטנס, וועסטו קיין שוסטער־ווערקשטאַטל אונטער דער פּאָלע נישט באַהאַלטן... עס זענען דאָ שכנים, עס איז דאָ אַ דוואָרניק, פון קיין וועלט באַהאַלט מען זיך נישט אויס... די פין־אינספּעקציע וועט אַזוי באַשטעלן מיט שטייערן, אַז עס וועט דיר נישט סטאַיען דיין פאַרדינסט, דו זאָלסט שוין אפילו פּראָדוצירן ממש פאַבריטשנע טופל... היינט, מן הסתם וועט זיי נאָך עפּעס פעלן צו די פאַבריטשנע. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר: פאַר אונדז אַרט מיך שוין נישט אַזוי שטאַרק, דער גאָט, וואָס האָט יעדן געשפּייזט ביז דעם „פּאַנטאָפל“, וועט מוזן שפּייזן אויך נאָכן „פּאַנטאָפל“... מיך אַרט דער איבעריקער עולם! אַז מיר וועלן זיך צעקריכן איבער די היימען, וועלן מיר מיטן וועג פאַרלירן האַלב עולם, וואָס מיט אונדז צוזאַמען האַלט ער זיך ווי עס איז און אַרבעט נישט שבת און אַן אונדז וועט ער זיכער יאָ אַוועק אַרבעטן שבת... נישט יעדער וועט ווערן אַ קוסטאַר, נישט יעדער האָט חשק דערצו... אָט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך... נו, שלמה, טאָני, פרידמאַן, אַדלער, וואָס שלאָפט איר? רעדט!...

פרידמאַן: מען קען ווערן איינבינדערס...

זעליק: דאָס איז אַן עסק פאַר יחידים, נישט פאַר קיין מאַסע...

אַדלער: מיין פּלאַן איז, אַז מיר זאָלן זיך צעוואַרפן איבער די גרויסע זאַוואָדן און פאַבריקן... אַז עס קומט שבת, בייט מען זיך מיט דער וואַכטע... שאַ, שטיל... נישט צוציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט היינטיקע יאָרן...

זעליק: דו וועסט שיין אויסזען אויף די פאבריקן מיט דיינע ביי־טענישן. וויפל מיינע שוועסטער האבן זיך אנגעליטן פון די וואכטעס אין א פאליקליניק, וויל ער גאר אויפשטעלן אזא סיסטעם אין א זאוואד, ווו יעדער ארבעטער ווערט אויפגעצייכנט לויטן טאבעל*, און וויפל וועסטו פארדינען, זונעניו, אויפן זאוואד? וויפל האסטו געהאט יענעם חודש נע־האלט? זיבן הונדערט פינף און דרייסיק רובל? מזל־טוב דיר, און דארט וועסטו זיין צופרידן, אייב דו וועסט האבן צוויי הונדערט פינף און דרייסיק רובל. דאס ווייסטו, צי ניין? רעדסט... אבי גערעדט...

טאני: איך וואלט שוין בעסער אזוי געזאגט, מיר זאלן אין משך פון דער וואך אויספילן דעם שבתדיקן פלאן אויך... און שבת עפּענען דעם ארטעל, זיך זעצן יעדער אויף זיין פלאץ און גארנישט טון...

זעליק: גאט איז מיט דיר, מאניושא, אן איטאליענישן שטרייק? אין ראטן־פארבאנד? טאני, שלאף זיך אויס, דו רעדסט נישט צו דער זאך...

טאני: א דאנק פאר א קאמפלימענט...

זעליק: צו געזונט... איך זאג דאס, וואס עס איז. נו, שלמה, וואס שווייגט איר? איר ווארט אפשר, מען זאל אייך בעטן?

שלמה: איר אליין האט נאך גארנישט געזאגט.

זעליק: מיין ווארט וועט זיין צו לעצט...

שלמה: מיין עצה, כדי צו באקעמפן די איצטיקע סיטואציע, באַ־שטייט אין דעם: צום אלעם ערשטן מוזן מיר אויספועלן אין קיעוו־טארג, מען זאל אפלייגן דעם טערמין פון אפגעבן די פראדוקציע אויף א חודש אדער כאטש אויף צוויי וואכן... סעגאל איז א מזיק אויף די זאכן... ער דארף דאך די טעג זיך אומקערן פון וועג. ער וועט זיך דורכגיין צום דירעק־טאר אהיים... „פארגעסן" ביי אים א פאטעפאן... אדער א פינגערל פארן ווייב... כ'בין זיכער, ער וועט פועלן... דאס איז דאס ערשטע... זאל קודם כל ווערן פרייער אויפן קאפ... ווייטער, מיר שאפן ספעציעל א זעלטן גוט ביסל רוויווארג, מיר לאדן איין עטלעכע קוסטארן־שוסטערס, ספעציאליסטן, און מיר מיט זיי צוזאמען, נישט עסנדיק און נישט שלאפנדיק, דורך די נעכט, בסוד־סודות, אז עס זאל נישט געוויר ווערן קיינער, מאכן מיר א גרויסע צאל גוטע, אבער טאקע גוטע שיך. ווען אט דער געהיימער טראנס־פארט ווערט פארטיק, פארט סעגאל צו קיין מאסקווע, פארקויפט אין מאסמארג** די מוסטערדיקע פארטיע סחורה, נעמט אן פון מאסטארג א גרויסע באשטעלונג, ווערט ארייגעטראגן אין צעטל פון נארקאמסנאב*** אויף באקומען רוויווארג און באקומט א בריוו פון מאסקווער שטאטראט, אדרעסירט אין קיעווער „אוטילפראמסאיוז", אין וועלכן עס דארף זיין

---

* דא געמיינט — א שאפע, ווו יעדער ארבעטער ביים קומען צו דער ארבעט הענגט אויף זיין נומער און נעמט אים צו ביים אוועקגיין.

** מאסקווער האנדלס־אונטערנעמונג.

*** פאלקס־קאמיסאריאט פאר ליפערונגען.

געשריבן, אַז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס לויטן סטאַטוט דאַרף דער „פּאַנ־טאָפּל״ זיין פּראָדוקציע אָפּזעצן אויף אוקראַינע, נאָר אַזוי ווי דער „מאָסטאָרג״ איז זייער פאַראינטערעסירט צו באַקומען דאָס אַרטיקל פאַר דער הויפּטשטאָט, בעטן זיי דעם קיעווער „אויטאָפּראָמסאָיוז״ דאָס מאָל מאַכן אַן אויסנאַם און אַזוי ווייטער און ווייטער... כ׳בין זיכער, אַז זיי וועלן אויף אַלץ איינגיין, אונדזערע שיך וועט מען טיילן אויף טאַלאָנען... ווען פּערלמאַן וועט אָפּטראָגן דעם אַקט וועגן פאַרבראַקירן אונדזער פּראָ־דוקציע אין שטאָטפּאַרטקאָם אריין, וועט סעגאַל גלייכצייטיק אָפּטראָגן דעם מאָסקווער בריוו אויך אַהינצו... דער עפעקט וועט זיין אַן אויסער־געוויינלעכער: קענגן מאָסקווע וועט מען נישט גיין און דער גאַנצער אויפטו מיטן פאַרבראַקירן וועט אויסזען געסטריגעוועט מיט ווייסע פעדעם. אמת, ס׳איז לא ימלט, אַז מיר וועקן דאָ אויף קעגן זיך אַ גרויסן גרימצאָרן: וואָס הייסט, מען שפּאַרט אַזש אָן קיין מאָסקווע? וואָס הייסט, מען דערלאַנגט אַריבער איבער זייערע קעפּ? וואָס הייסט, מען פּראָוועט סודות פאַר דעם פּאַרזיצער? טענות וועלן, פאַרשטייט זיך, זיין אָן אַ שיעור, אָבער איר ווייסט דאָך גוט דעם כּלל: Победителя не судят.* אויב מאָסקווע וועט אונדז האָבן אָנערקענט פאַר ספּעציאַליסטן, אַ פּשיטא שוין, אַז זיי קענען אונדז שוין דאַמאָלסט נישט מאַכן פאַר קיין בראַק־מאַכערס. וואָס איז שייך אונדזער אַרטעל, וועט ער אויסשפּילן אין צווייען, אי, מיר וועלן בלייבן בשלמות, אי מיר וועלן אָנהייבן באַקומען פּלאַנירטן רויוואַרג. געגנוג זיך געגריבלט אין די מיסטן נאָך אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק...

ביי יעדן אין די אויגן איז צו זען אַ באַגייסטערונג. מען האַלט אין איין קוקן פון זעליקן אויף שלמהן און פון שלמהן אויף זעליקן. זעליקס אויגן קוקן אין איין פינטעלע, אַ סימן, אַז זיין מוח אַרבעט שטאַרק... אַלע שווייגן.

זעליק: שלמה, אפשר קענסטו אַ ביסל קאָנקרעטיזירן דיין פאָרשלאָג?

שלמה: פאַר וואָס נישט? מיטן גרעסטן כּבוד... ווען איך האָב נאָך צונויפגעקויפט ספרים, בין איך געווען אין אַ שטעטל זשאַשקאָוו, דאָס איז נישט ווייט פון מיין געבורטס־שטעטל. דאָרטן איז פאַראַן אַ צוקער־זאַוואָד. זייער אַ גרויסער. מען האָט אים גראָד דאַמאָלסט רעסטאַווי־רירט, כמעט איבערגעבויט אויף דאָס ניי. עס איז שוין פאַוואָלינקע צוויי יאָר אין דער מעשה. האָב איך דאָרט באַמערקט אין איינעם פון די סקלאַדן אַ גרויסע צאָל אַלטע זאָטלען... אפשר דריי טויזנט שטיק... מסתמא נאָך פון פאַר דער מלחמה, צי פון נאָך דער מלחמה. זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז זיי קערן נאָך דאָרטן ליגן, וויל דער זאַוואָד איז נאָך זיכער נישט גרייט, און ווי באַלד ער אַרבעט נישט, ווער וועט דאָס גיין זיך גריבלען אין די סקלאַדן צווישן אַלטוואַרג?... פון די זאָטלען קען מען מאַכן ערשטקלאַ־

---

* דעם זיגער משפּט מען נישט.

סיקע כאַליוווקעס און פּאַדעשוועס, ממש דאָס זעלבע, וואָס פון נייעם לעדער... איז כדאי, אַז עמעצער זאָל צופּאָרן קויפן זיי פאַרן „פּאַנטאָפל“ און אָפּשיקן אין אַ פאַרחתמעטן וואַגאָן... דאָ וועלן מיר דינגען אַ שכנישע קאַמער, פאַרפירן אַהין די זאַטלען, אַז פּערלמאַן זאָל נישט וויסן... בכלל אינטערעסירט אים גאַנץ ווייניק, וואָס ביי דער ארבעט טוט זיך... ווער שמועסט די לעצטע טעג, גייט ער אין גאַנצן ארום ווי אין עולם־התוהו... זיין עסק איז נאָר, אַבי די וואַנטצייטונג גייט ארויס צו דער צייט און אַ שוואַרצע גלאָז ביר נאָכן אָנבייסן. יענע וואָך האָט ער געדראָט דער מומע ברכה מיינער, מיט אַ פאַרוואורף אין באַפעל, דערפאַר, וואָס דער ביר איז געווען אויסגעוועפּט... אָט דאָס וואָלט איך פאַרגעלייגט...

זעליק: איך האָב אפילו אויך געהאַט אַ שטיקל פּלאַן, נאָר דיינער איז העאַלער און אויספּירבאַרער... בקיצור, מיר נעמען אָן דיין פּלאַן. חברים, ווער איז פאַר שלמהס פּלאַן? אַלע. קעגן? קיינער. איינשטימיק!...

שלמה: איצט קלויבט אויס, ווער עס זאָל פאָרן קיין זשאַשקאָוו...

זעליק: שוין אויסגעקליבן... שלמה פּיאַטיגאָרסקי... דו ווייסט, ווו עס איז, און דו וועסט עס מאַכן בעסער ווי עמעצער אַנדערש.

שלמה: איינער אַליין אין אַזאַ ווייטן וועג איז אומעטיק, כאָטש נאָך עמעצן...

זעליק: נישטאָ קיין קאָמפּאַניעס אויפן וועג, אפשר נאָך קלעזמער דיר דינגען?... וועסט מיטנעמען אַ ביכל, וועט דיר נישט זיין אומעטיק. וואָס נאָך?

שלמה: נאָך צוויי זאַכן דאַרף מען...

זעליק: זאָג, מיר הערן.

שלמה: ערשטנס, צוועקעס מיט פּאַדעס, דאָס קריגט מען אויך אין קיעוו, אָבער נייעם קאַרמאַן אויף סטיעלקעס און נייע לייוונט אויף אונטערשלאַק, דאָס קריגט מען שוין אין קיעוו נישט און דאָס איז זייער וויכטיק, אויב מיר ווילן, אַז די שיך זאָלן זיין מיט אַלע מעלות. דאַרף מען צופאָרן קיין גלובאָוו אָדער קיין פּאָלאָנע. אַז נישט איז קיין קאָנאָטאָפּ. אין די דאָרטיקע שמאַטעס־פאַבריקן וועט מען די זאַכן קריגן. אויפן שפּיץ־מעסער אַ שמיר טון דעם קלאַדאָווישטשיק*, די נאַטשאַלניקעס פון די צעכן און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג...

זעליק: וועמען זשע, לויט דיין מיינונג, דאַרף מען שיקן אַהין?

שלמה: זאָל פאָרן סעגאַל...

זעליק: סעגאַל, סעגאַל, שטענדיק, מיינסטו, קען מען אָפּשיקן סעגאַלן? דו פאַרגעסט, אַז ער איז פאַרטרעטער פון פאַרזיצער, עס קען זיך וואַרפן אין די אויגן זיין אָפּוועזנהייט... מאַלע, וואָס עס קען טרעפן...

שלמה: ווי אַזוי זשע וועט ער פאָרן קיין מאָסקווע?

---

* פאַרוואַלטער פון סקלאַד.

ז ע ל י ק: מילא, וואָס זאָל מען טון? אַהין מוז שוין פאָרן אַן אָפּיציר־עלע פּערזאָן, אָבער נאָך אַט די שאַר־ירקות קען פאָרן ווער עס איז...

ש ל מ ה: אויב אַזוי, זאָל פאָרן קלאַדניצקי...

ז ע ל י ק: קלאַדניצקי טויג דערצו נישט... גלאַט אַבי שיקן...

ש ל מ ה: זאָל פאָרן פרידמאַן...

ז ע ל י ק: ווייס איך, וואָס רעדסטו נאַרישקייטן? אויף אַ דין־תורה וואָלט מען אים געקענט שיקן, נאָר נישט נאָך קיין קאַרטאָן אויף סטיעלקעס און זאַדניקעס...

ש ל מ ה: שאַ, איר אַליין, זעליק, מעגט זיך אויך מטריח זיין... טאַקע אַ האַנדלס־דירעקטאָר ביי זיך אויף דער אַרבעט, אָבער לטובת הכלל... פאָרט, פאָרט איר...

זעליק פאַרקנייטשט זיך:

— די אַרבעט ביי מיר איז אַ משוגענע, אויף קיין מינוט קען איך זיך נישט אָפּרייסן, נאָר מילא, איך פאָר. עס איז היינט נישט אַזאַ טאָג פון לאָזן זיך בעטן... וואָס נאָך? די צווייטע זאַך...

ש ל מ ה: והשנית, איז אָט וואָס... גאָט וועט העלפן, איך וועל ברענגען די זאָטלען, איר — די איבעריקע שלעמויזן. מען דאַרף אָבער אַ מענטשן פאַר אַ בעל־הבית מאַכן איבער דעם געהיימען שטיקל אַרבעט... אַ מענטשן, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט לייב און לעבן צו דער זאַך. אַכטונג געבן, אַז עס זאָל אַרויס וואָס מער און וואָס בעסערע פּראָדוקציע... אפילו אַ קליין קינד פאַרשטייט דאָך, אַז אויף צוואַנציק פאָר שיך, צי אפילו אויף הונדערט צוואַנציק פאָר, וועט זיך מאָסקווע נישט יאָגן געבן אונדז אַ בריוו פון שטאַטראַט... אין דער אמתן וואָלט מען געדאַרפט האָבן צו דער קונץ טויזנט פאָר, נאָר על־כל־פנים — פינף הונדערט, טאַקע נישט ווייניקער. אַז נישט, איז אַרויסגעוואָרפן אונדזער טרחה און אין צייט זענען מיר זייער באַשרענקט. אַלזאָ, לייג איך פאָר, מאַכן גאַרדאָנען פאַר נאַטשאַלניק איבער דעם קאָנספּירירטן פאַבריקל... ביי אים וועט ברענען די אַרבעט, אַזאַ גויאישן מזל האָט ער שוין...

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן איינשטימיק אויפגעהויבן די הענט פאַר דעם פאָרשלאָג און דערמיט האָט זיך די זיצונג געענדיקט.

נאָך די זעלבע נאַכט זענען שלמה מיט זעליקן אָפּגעפאָרן פון קיעוו.

קאפיטל XXIII

ס'זענען פאראיבער עטלעכע וואכן.

אין די פארשלאסענע שאפעס, איינגעדעקט מיט ראגאזשעס, זענען שוין געלעגן זיבן הונדערט דרייסיק פאר שיך. ביי פארהאנגענע פענצטער האבן די בעסטע יידישע שוסטערס פון קיעוו אנגעפירט מיט דער ביינאכטיקער וואכטע און אליין אויך געארבעט. די זאטלשע שיך איז שווער געווען אונטערשיידן פון פאבריטשנע...

פאראיבער נאך עטלעכע וואכן...

דער קיעוו־טארג האט לויט דער דירעקטיוו פון שטאט־קאם־פארטיי פארבראקירט א גרויסן טראנספארט פראדוקציע פון „פאנטאפל“, צוגענומען אים אלס פערטער סארט און דעם אריגינאל פון דעם אקט דערלאנגט פערלמאנען. סעגאל, וועלכער איז אויך געווען דערביי, האט זיך כלומרשט געחידושט אויף דעם אומרעכט, פראטעסטירט און געדראט אנגעבן אין ערקאאי *. גייענדיק פון קיעוו־טארג, ווענדעט זיך פערלמאן צו סעגאלן:

— נו, סעגאל, מיין פליכט איז אצינד, נאך אזא שרעקלעכן סקאנדאל, צו גיין אין שטאט־פארט־קאם און ראפארטירן, ווייזן דעם אקט... אזעלכע זאכן באהאלט מען נישט אין קיין פושקעלע...

— קומט, איך גיי אויך מיט אייך...

— וווהין, אין שטאט־פארט־קאם? וואס האסטו דארט צו טון?

— דאס זעלבע וואס איר... קומט...

— קום, דו מיינסט עס ארט מיך?

אין קאבינעט ביים ערשטן סעקרעטאר האט פערלמאן, נישט אויסרעדנדיק קיין ווארט, דערלאנגט אויפן טיש דעם אקט פון „קיעוו־טארג“... יענער איז פלינק דורכגעלאפן מיט די אויגן דעם געריכט־באשריבענעם בויגן פאפיר, דערטאפט די ווערטער „פערטער סארט“ און א ריטישע געטון:

— פער־טער סארט!... שיין!... שיין זיך ארויפגעארבעט... באטש גיב זיי נאך א פאן... טאקע כדאי געווען זיך ניאנטשען מיט זיי די גאנצע צייט...

און זיך ווענדנדיק צו פערלמאנען:

— ווער איז דער חבר, וואס דארף ער דא?

— דאס איז מיין פארטרעטער... איינער פון די גרינדער פון „פאנטאפל“.

דער סעקרעטאר פון שטאט־פארט־קאם גיט א זעץ מיטן פויסט אין טיש:

— איר וועט מיר איבערפירן רעוואַרג? ווי רופט מען אייך? סעגאל?

---

* ראשי תבות פון „ארבעטער און פויערישע אינספעקציע“ — דער העכסטער בירגערלעכער מאכט־ארגאן.

איר ווייסט, וואָס עס הייסט, נאָכן „פּינפּיאַר" מאַכן פערטן סאָרט?

זיין פּנים איז אָנגעגאָסן מיט בלוט, די אויגן ברענען פון צאָרן:

— פּאַר אַזעלכע פּאָקוסן איז אייך שוין קאַרג... פערטער סאָרט!...

— חבר סעקרעטאַר, עס איז דאָ נאָך אַ בריוו...

— שווייגן!... איר וואָגט זיך נאָך צו פאַרענטפערן?

— איך פאַרענטפער זיך נישט... איך זאָג נאָר, אַז עס איז דאָ נאָך אַ בריוו...

— פון וואַנען אַ בריוו?

— פון זייער אַ סאָלידער אָרגאַניזאַציע...

און סעגאַל לייגט קאַלטבלוטיק אַרויס אויפן טיש צוויי בריוו. ביידע געדרוקטע, ביידע מיט רויטע שטעמפּלען און שרייענדיקע שטאַמפּן. איינער פון „מאַסטאָרג", דער צווייטער פון „מאָס-שטאָט-ראַט". דערלאַנגט די בריוו, רוקט ער זיך אָפּ אין אַ זייט און בלאָזט זאָרגעוודיק אָפּ אַ פּעדערל פון זיינע הויזן. אין סעקרעטאַרס פּנים מישן זיך אַלערליי קאָלירן... ער לייענט איבער אפשר צען מאָל די בריוו, קוקט אויף סעגאַלן, נאָר יענער האָט אַנטדעקט אויף זיינע הויזן פעדערלעך אָן אַ שיעור... ער פירט איבער זיין בליק אויף פּערלמאַנען, יענער שטייט תמעוואַטע, כאַטש מעלק אים אויס... ער זעט אויף זיין פּנים, אַז דער שוטה ווייסט גאָרנישט פון וואָס צו זאָגן... דאַן ווערט ער פּלוצלינג רואיק און זאָגט גאַנץ געלאַסן:

— חבר סעגאַל, איר קענט גיין...

עטלעכע מינוט איז אין קאַבינעט שטיל געווען. דורך דער אָנגעבעטענער טיר האָט זיך דערטראָגן עמעצנס טריט פון די טרעפּ. לאַנגזאַם איז דער סעקרעטאַר אַרויסגעגאַנגען פון יענער זייט טיש, צוגעגאַנגען צו פּערלמאַנען און מיט פאַראַכטונג אַרויסגעזייעט צווישן די ציין:

— באַלוואַן מיט אויערן!... דו ווייסט כאָטש, וואָס דאָ איז געשריבן?...

פּערלמאַן איז אויף גיך איבערגעלאָפן ביידע בריוו און פּיטלענדיק מיט די אויגן געבליבן שטיין אָן לשון.

דער סעקרעטאַר האָט פאַרגעזעצט מיט אַ סאַרקאַסטישן טאָן:

— דו פאַרשטייסט כאָטש, דו שטרויענע קוקלע, אַז אָט די „סובאָטניקעס" האָבן פאַרוואַנדלט אונדזער גאַנצן אויפטו מיטן „קיעוו-טאָרג" אין אַ קאָמעדיע... מען וועט מוזן צושיקן אַ קאָמיסיע אין „קיעוו-טאָרג" און זיי זאָלן איבערשאַצן די שיך אויפן ערשטן סאָרט. דאָ קען אַרויס אַ סקאַנדאַל פאַר דער גאַנצער עפנטלעכקייט און דאָס לוינט אונדז אַמווייניקסטן. יאָ, פּערלמאַן, מען קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן... דאָ שמעקט מיט אָרגאַניזאַציע און דו זעסט נישט, וואָס ביי דיר אונטער דער נאָז טוט זיך... גיי, קענסט גיין!... איך וועל היינט זיין ביים סעקרעטאַר פון „אָב-קאָם-פּאַרטיע", מיר וועלן צוזאַמען עפּעס צוטראַכטן. דאָס איז נישט קיין שפּילעכל, מען דאַרף דעם ראַק אויסשניידן מיטן וואָרצל און באַלד טאַקע, אויף דער שטעל!... גיי, פּערלמאַן, קום מאָרגן פינף פאַר נאַכט, וועלן מיר דיר זאָגן

דעם רעזולטאט... דערווייל רעד מיט זיי גארנישט... זאל אלץ גיין, ווי עס גייט...

אויפן צווייטן טאג, צען אין דער פרי, האט דער קאמענדאנט פון שטאט־פארט־קאם טעלעפאניש זיך אנגעפרעגט ביים ערשטן סעקרעטאר:

— ס'איז געקומען סטעלמאך, אים ארויפלאזן?

— די רגע ארויפלאזן.

ער האט פארוויכערט א שמעקנדיקן „אלעגרא" און זיך פארטראכט. מען האט אנגעקלאפט אין טיר.

— איר מעגט אריין, סטעלמאך...

צום טיש האט זיך דערנעענטערט א יונגער מענטש פון א יאר פינף ביז אכט און צוואנציק, מיט א שיין, לויטער, ענערגיש פנים און מיט קלוגע אומרואיקע אייגעלעך.

— זיצט, חבר סטעלמאך, איר רויכערט?

עטלעכע מינוט האבן זיי גערויכערט און געשוויגן. ענדלעך האט דער סעקרעטאר העפלעך געפרעגט:

— ווי רופט מען אייך אויפן נאמען?

— אלעקסאנדער פעטראוויטש.

— זייער אנגענעם... און מיך — פאוול אנדרעיעוויטש.

זיי האבן זיך געדריקט די הענט און זיך צוריקגעזעצט.

— וו ארבעט איר היינט, אלעקסאנדער פעטראוויטש?

— אין „סאיוז־זערנא" *.

— וואס זשע טוט איר דארט?

— איך אינספעקטיר די תבואה, וועלכע קומט אן פון די עלעוואטארס.

— יא, איר ווייסט, אז פון נעכטן אן ארבעט איר שוין נישט אין „סאיוז־זערנא", נאר אין „לעדער־פראם־סאיוז"?

— איך הער דאס ערשט פון אייך און פארשטיי נישט...

— וואס איז דא דא צו פארשטיין? איר זענט א קאמוניסט?

— פון יאר 1919.

— נו אט... די קאמ־פארטיי איז דער שטאב פון אייער פראנט.

וווהין דער שטאב געפינט פאר נייטיק, אהין שטעלט ער דעם זעלנער...

— כ'דין דעם ארבעטער־קלאס און בין גרייט אויספילן זיינע באפעלן.

— אט אזוי... אין דער ארמיי האט איר לאנג געדינט?

— פיר יאר... אין צאריצין געווען... באקומען א פערזענלעכן דאנק פון דעם חבר וואראשילאוו...

— זייער, זייער גוט!... איצט שיקן מיר אייך אליין איינעמען קליין־צאריצין... וואס קוקט איר מיך אזוי אן? מיר שיקן אייך אין א פיינט־לעכן לאגער, וועלכן איר דארפט קלוג און ענערגיש ליקווידירן... הערט צו מיט קאפ: מיט אוועלכע צוואנציק חדשים צוריק האט זיך געגרינדעט אן

---

* מלוכה־אמט צו פארגרייטן תבואה.

אַרטעל פאַר שוסטערס אין דעם סיסטעם פון „אוטילפּראָמסאַיוז" מיטן נאָמען „פּאַנטאָפל"... נישט געהערט קיין מאָל פון אַזעלכן?

— נישט געהערט... „סאַיוז־זערנאָ" מיט שוסטעריי...

— מילאַ, דאָס איז נישט וויכטיק. דער אַרטעל אַרבעט אויס פון אוטיל — שיך. אַלטע שטיקער קאַרט און פּאַסן פון מאַכאָוויקעס*, דאָס איז זיין שפּייז און ער טוט אַן קיעוו מיט שיך, פּאַנטאָפּעלעך און אַלערליי שטובשיכלעך... אַ רענטאַבלער אַרטעל, זייער, זייער אַ רענטאַבלער...

— נאָר וואָס דען?

— שלאָגט נישט איבער, אַלעקסאַנדער פּעטראָוויטש, אַ יונגערמאַן מוז זיין געדולדיק. נאָר וואָס דען? דער אַרטעל אַרבעט נישט אום שבת... אַהין האָבן זיך צונויפגעצויגן אַלע נישט געוואונטשענע עלעמענטן, רעשטלעך פון דער דוכאָווענסטווע, פון דער אָרטאָדאָקסיע און גלאַט דעקלאַסירטע עלעמענטן. ווי אויף צו להכעיס אַרבעטן זיי זייער גוט, אין איין יאָר האָבן זיי אויסגעקעמפּט די איבערגייענדיקע רויטע פאָן, עד־היום האַלטן זיי זי אין ביי זיך... אָט דאָס איז דאָס!... ביי היינטיקן טאָג ציילט דער „פּאַנטאָפל" ביי צוויי הונדערט מאַן, ריכטיקער געזאָגט: צוויי הונדערט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער דער שירמע פון דער רעליגיע... און מען דאַרף זיי צעטרייבן ווי די קרעציקע הינט... אָט דאָס איז די אויפגאַבע...

— איז אַ געשעפט זיי צעטרייבן?

— ווי אַזוי מיינסטו, מיט מיליץ? מיט פּאַזשאַרנע שלאַנגען, האַ? עך, דו! סטעלמאַך דו! נאָך אַ „פינף־הונדערט העלד" **... נעכטן האָט מיר דער ערשטער סעקרעטאַר פון „אָבקאָם" אייך רעקאָמענדירט אויף דעם פּאָסטן. ער זאָגט, אַז איר האָט זיך אין דעם פּעריאָד פון קאָלעקטיוויזירן דאָס דאָרף אויסגעצייכנט... דאָ דאַרף מען צוגיין דעליקאַט מיט דעם אַר־טעל... ערשטנס, עס זאָל קיין רעש נישט ווערן... אונדז פּאַסט נישט, מען זאָל רעדן, אַז מחמת שבת רואינירן מיר זיי... עס זענען דאָ גענוג אויס־לענדישע שפּיאָנען צווישן אונדז, וואָס זוכן אַזעלכע פּאַקטן מיט ליכט... צווייטנס, און דאָס איז אייער הויפּט־אויפגאַבע, אַז וואָס מער אַרבעטער זאָלן בלייבן אַרבעטן שבת און נישט אויסגעשלאָסן ווערן... זיי זענען שוין ערשט־קלאַסיקע אַרבעטער, דערפאַרענע און אויסגעפּרוווטע... געדענקט, דער עיקר זאָלט איר לייגן מי אויף די עלטערע מענטשן... אַן עלטערער מענטש, אַז ער גייט אַריבער אויף אונדזער זייט, איז דאָס אַ גאַנצער זיג. אַזעלכער האָט שוין השפּעה אויף די יינגערע אויך... ווייטער, איר זאָלט זיך פאַרבינדן מיט די יונגע פּאַרגעשריטענע אַרבעטער,

---

* גרויסע רעדער אין מילן און זאָוואָדן.

** אין פּעריאָד פון דורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע אויפן דאָרף האָט די אוקראַיִנישע קאָם־פּאַרטיי אויסגעטיילט פינף הונדערט „אויסערגעוויינלעכע קאָ־מיסאַרן". שפּעטער איז יעדן פאַרבליבן דער דאָזיקער נאָמען ווי אַן אויסצייכענונג.

וועלכע האָבן אונדז שטענדיק אויף די פאַרזאַמלונגען אונטערגעהאַלטן... פאַראַן דאָרט אַזעלכע... אפילו אַ שריפטשטעלער האָבן זיי דאַכט זיך אויך אַן אייגנעם. זיך געמאַכט אַן אויטאָנאָמיע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן... אייניקע דאַרף מען אַרויסרוקן אַלס זעלבשטענדיקע אַגיטאַטאָרס און איר אַליין אויך. אַלע טאָג ביים מיטאָג, נאָך דער אַרבעט, אַלץ עקבערן און עקבערן, אַז מיט שבת איז געענדיקט... באַלד נאָך אייער אָנקומען אויף דער אַרבעט, זאָלט איר פאַרפירן פליישׁ אויף דער קיך און הייסן קאָכן אַ פליישיקן מיטאָג. אויב די קעכינס וועלן זיך אָפּזאָגן קאָכן — אַרויסטרייבן פון דער קיך און ברענגען נייע!... איך גלייב נישט, אַז דער עולם וועט בלייבן הונגעריק און נישט קומע עסן. נאָר טאָמער אפילו יאָ — נישט קוקן דערויף און אויף מאָרגן ווידער קאָכן פליישׁ. ווייטער: אַרויסהענגען גרויסע פּלאַקאַטן אין אַלע צעכן, אַז ווער עס וועט שבת נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט וועט אויסגעשלאָסן ווערן פון אַרטעל... דאָרט איז דאָ נאָך אַ קאָמוניסט, אַ בריגאַדיר, אַן אינסטרוקטאָר, דאַרפט איר קאָאָרדינירן אייער טעטיקייט מיט אים... צוויי וואָכן — אַזוי האָבן מיר באַשלאָסן נעכטן אין „אָבקאָם“ — וועלן מיר נאָך דולדן; טאָמער פירט איר זיי אַראָפּ פון דעם שבת, איז זייער גוט און אויב אויך אייך וועט זיך דאָס נישט איינגעבן, דאַן וועלן מיר מאַסנווייז אַריינוואַרפן אַרבעטער אין „פאַנטאָפל“ פון אַלע קיעווער שוסטער־אַרטעלן... צוליב דעם צוועק האָבן מיר היינט איבערגעפירט דעם אַרטעל פון „אוטיל־פּראָם־סאָיוז“ אין „לעדער־פּראָם־סאָיוז“. ערשטנס, כדי עס זאָל זיין באַקוועם צו בייטן דעם פאָרזיצער, זייער פריערדיקער פאָרזיצער פערלמאַן בלייבט אין רשות פון „אוטיל־פּראָם־סאָיוז“ און איר ווערט אַריינגעשיקט אַלס פאָרזיצער פון „לעדער־פּראָם־סאָיוז“, „אין וועלכן איר אַרבעט שוין לאַנג“... צווייטנס, האָט דער „אוטיל־פּראָם־סאָיוז“ קיין שוסטערס נישט און דער „לעדער־פּראָם־סאָיוז“ — יאָ!... מיר וועלן אַריינשיקן אַזוי פיל אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ווערן די מערהייט... און דאַן, ווער עס וועט נישט אַרויסגיין שבת צו דער אַרבעט — אויסשליסן פאַר אַ פּראָגול*... שאַ־שטיל, שיין און פיין... אָט דאָס איז אַלץ... איך ווינטשׁ אייך מער דערפאָלג פון אייער פריערדיקן קאָלעגע... קומט היינט פינף פאַר נאַכט אַהערצו, וועל איך אייך באַקענען מיט פערלמאַנען און גלייך וועט איר גיין איבערנעמען די ענינים.

---

* פאַרשפּעטיקונג, אָדער נישט קומען צו דער אַרבעט.

קאפיטל XXIV

פאריבער א וואָך, זינט דער „פּאַנטאָפּל“ האָט באַקומען א נייעם „סאָיוז“ און א נייעם פאָרזיצער. ווידער אזוי ווי מיט א יאָר צוריק האָבן די אַרבע־טער געגעסן זייערע מיטאָגן אויף דער פּאָלע, זיצנדיק אויף דעם שוסטער־בענקעלע, ביי דער מאשין און ביים שטאַמפּ. אין סטאָלאָווע האָט געשמעקט מיט טריפה און דעם ריח האָבן זיי נישט געקענט פארליידן... אַלע זענען שטאַרק איבערראַשט געוואָרן פון קאַמיניעצקים גרוס, מיט וועלכע באַפּול־מעכטיקונגען סטעלמאַך איז געקומען אין אַרטעל אריין...

ס'איז פאַראיבער נאָך א וואָך און עס האָבן זיך א שאָט געטון אין אַר־טעל אריין פּנים־חדשות, מערסטן טייל קריסטן... דער „סאָיוז“ האָט זיך נישט קאָנסולטירט מיט דער פאַרוואַלטונג, נאָר צוגעשריבן אויף קורץ:

— איך שיק אייך פופצן צוויקאַוושטשיקעס.

— איך שיק אייך צוואַנציק שוסטערס.

— איך שיק אייך צען צושניידערס.

די צאָל פרישע אַרבעטער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג...

מאָסקווע האָט זיך אָנגעפּרעגט, ווען באַקומט זי דעם ערשטן טראַנס־פּאָרט פּראָדוקציע...

פּיאַטיגאָרסקי אַלאַרמירט א דרינגענדיקע געהיימע זיצונג. אויפן סדר־היום האָט ער אוועקגעשטעלט בלויז צוויי פראַגן: סעגאַלס דעמיסיע און גאָרדאַנס פאַרטרעטן זיין פּאָסטן. זעליק האָט אים געגעבן דאָס ערשטע וואָרט:

— חברים, טייערע חברים. איך רעכן, אז דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך דאָ פאַרזאַמלט, טראַגנדיק נאָך דעם באַליבטן נאָמען „פּאַנטאָפּלצעס“. דער „פּאַנטאָפּל“ איז געשטאָרבן, דאָס איז א פאַקט. עס איז א גרויסער שאָד. א טייערע אינסטיטוציע געווען, אָבער אָן אריכת־ימים... איצט איז אָבער נישט קיין צייט צו טרויערן, מען דאַרף זען זיך ארויסכאַפּן פון דאָרט אָן מענטשן־פאַרלוסט. אין דער ערשטער ריי דראָט סעגאַלן אן אומפאַר־מיידלעכע געפאַר... מחמת ביי אונדזער מלוכה, אז עס פאַלט א מויער, מוז מיטפאַלן דער אינזשיניער אויך... פּטור בלא כלום, אי אפשר... דאָס האַרץ איז מיר שווער פאַר סעגאַלן, ער מוז זיך אומבאַדינגט באַפרייען. איך האָב א באַקאַנטן דאָקטער אויף סאָלאָמינקע, אַרבעט ער אין אַלעקסאַנדראָווסקע־שפּיטאָל, וועט ער אים מאַקע מאָרגן ארויסגעבן א דאָקומענט, אז עס איז ביי אים אַן ערנסטער „ענדאָקאַרדיט“ * און ער מוז צייטווייליק אויפהערן אַרבעטן... אז סעגאַל, אונדזער וויצע־פּרעזידענט, וועט שוין זיין מחוץ דער געפאַר, איז ערשט איין האַלב שטיקל אַרבעט אָפּגעטון... מען דאַרף צו סטעלמאַכן צוזעצן אונדזערן א מענטש... כדי מען זאָל זיך קענען אָפּטראָגן

---

* האַרץ־קראַנקהייט.

פונעם „פאנטאפל“ אן קרבנות, איידער מען גיט אויף אונדז א קוק מיטן לינקן אויג... צוריק גערעדט: צעלויפן זיך ווי די שאף, טויג אויך נישט... מען זאל נישט ארויסרופן קיין חשד... מען זאל נישט זאגן, אז מיר פילן זיך אין עפעס שולדיק... ס'איז אן אלטער כלל: תחילת נפילה — ניסה. די מינדסטע פאניק קען אונדז מזיק. אלזא, האב איך פארגעשלאגן גארדאנען אויף סעגאלס ארט... איך וואלט ארויסגעשטעלט מיין קאנדידאטור, אבער מיך קען מען אומעטום שוין צו גוט... גארדאן וועט סימולירן אן עכט סאוויעטיש ארבעטער. ער וועט אויסשליסן די „סובאטניקעס“ אויף רעכטס און אויף לינקס... ער וועט שוין וויסן, וועמען מען מעג נאך איבערלאזן און וועמען מען מוז שוין באפרייען... און אז אלע וועלן שוין זיין אויף דער יבשה, וועט ער אויך אויסשטייגן פון דער אונטערגייענדיקער שיף... און אז מיר וועלן זיך אלע נאך דעם באגעגענען אויף יענער זייט, וועלן מיר זיך זאגן „מזל־טוב“ און פראוועןן א סעודת־הודאה...

די נעשעענישן אין „פאנטאפל“ האבן איבערגעיאגט איינע די אנדערע... סעגאל איז באפרייט געווארן, גארדאן איז ארויף אויפן בענקל... אין משך פון צען טעג זענען אנגעקומען הונדערט פופצן פרעמדע ארבעטער און „פאנטאפל“ האט אנגעהויבן ארבעטן שבת... דעם ערשטן שבת זענען פון די פריערדיקע ארטעל־מיטגלידער געקומען צו דער ארבעט בלויז זעקס מענטשן: יונגע חברה, וואס האבן ביי אזא יקרות מורא געהאט צו פארלירן זייער ארבעט. אויף מארגן האט דער „לעדער־פראמ־סאיוז“ געהאט א זיצונג וועגן דעם מאסאווע פראגול און אויפן טאוול פון דער וואנטצייטונג איז דערשינען א שטרענגע ווארענונג, אז ווער עס וועט מאכן נאך א פראגול, וועט ער ארויפגענומען ווערן פון דער ארבעט אן קאמפענסאציע.

די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג האבן, מיט פארשידענע תירוצים, איינציקווייז זיך באפרייט. זייערע ערטער האבן פארנומען קריסטן און עטלעכע יידן פון די נאר וואס צוגעשיקטע. דעם צווייטן שבת זענען שוין ארויסגעגאנגען צו דער ארבעט, אנשטאט זעקס, דריי און צוואנציק „פאנטאפלצעס“... דער עקאנאמישער קריזיס איז געווען זייער גרויס, אנקומען אויף אן ארבעט איז געווען ווי קריעת ים־סוף און שטארבן פון הונגער צוליב שבת איז נישט יעדער גרייט געווען... נאכן צווייטן שבת האט די נייע פארוואלטונג אויסגעשלאסן א טייל שומרי־שבת און די איבעריקע נאך א מאל געווארנט... גארדאן, סימולירנדיק א פלאמענדיקן „בעזבאזשניק“, האט נישט געקענט קאלטבלוטיק אריבערטראגן די איינגעשפארטע ווילדע, שיטנדיק אויף זיי פעך און שוועבל האט ער דיקטירט, וועמען מען דארף שוין אויסשליסן און אויף וועמען עס איז נאך דא א „האפענונג“... די גסיסה האט לאנג נישט געדויערט: נאך פאר ימים־נוראים איז דער ארטעל געווארן אפגערייניקט פון שומרי־שבת — „יודן־ריין“! ווען יוסף האט דאן דערלאנגט א ביטע סטעלמאכן וועגן באפרייען אים פון דער ארבעט, האט יענער אנגעשטעלט אויף אים א פאר פארוונדערטע אויגן:

— דו — זיך באפרייען?

— יאָ, איך.

— דיך קען איך נישט באַפרייען. גיי אין לעדער־פּראָם־סאָיוז. ווי אַזוי זיי וועט געפעלן, זאָלן זיי טון...

די זעלבע פראגע האָט גאַרדאַנען געשטעלט דער פּאָרזיצער פון „סאָ־יוז":

— דו — זיך באַפרייען?

— יאָ, איך.

— וואָס פעלט דיר דען ביי אונדז?

— איך קלאָג זיך אויף גאָרנישט, נאָר עס ציט מיך נישט צו בלייבן...

— איצט, אַז מיר האָבן אויסגעראַמט דאָס גאַנצע רעליגיעזע פּאַסקוד־סטווע פון דאָרט, וועט ערשט ווערן אַ לעבן... „פּאַנטאָפל" וועט ווערן אַ פאַבריק...

— עס קען זייער געמאָלט זיין...

— און דו וועסט זיין טעכנישער דירעקטאָר פון פאַבריק. וואָס גע־פעלט דיר בעסער: טעכנישער דירעקטאָר צי האַנדלס־דירעקטאָר?

—ביידע פּאָסטנס זענען נישקשהדיקע, נאָר איך וויל ווערן אַן אַר־טיסט...

דער פּאָרזיצער האָט אַ קוק געטון גאַרדאַנען אין פּנים אַריין: אַ שיין, לאַכנדיק, האַלב־מיידלש פּנים און די לאַכנדיקע אויגן רייצן זיך:

— אפשר ווילסטו זיך שלאָגן?

מיט אַ געפאַלענער שטימונג און אַ ביסל הייזעריקלעך האָט דער פּאָר־זיצער צוגעגעבן:

— און מיר האָבן געקלערט רעקאָמענדירן דיך אין דער פּאַרטיי אַריין...

— מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אַזאַ ערע?

— איך ווייס אויך נישט מיט וואָס, נאָר מיר אַלע האָבן דיך ליב באַקומען און די אַרבעטער שעצן דיך זייער... וואָס פאַר אַן אינטערעס איז ווערן אַ קאָמעדיאַנטל?... כאָטש אַרטיסטן זענען היינט שטאַרק בכבוד, אָבער אַן אינדוסטריעלער איז אַלע מאָל אויפן ערשטן פּלאַץ... פּאָלג מיך, בלייב! און איך גיב שוין אַרויס אַ באַפעל, דיר העכערן דעם געהאַלט אויף צוויי הונדערט רובל... דו וועסט באַקומען אין גאַנצן מיט הונדערט רובל ווייניקער פון סטעלמאַכן... שרייבן?

— אַ גרויסן דאַנק אייך פאַר אַלץ, נאָר מיין כלה וועט מיך אוועק־וואַרפן, אויב איך וועל נישט ווערן קיין אַרטיסט... אַזאַ קאַפּריז איז ביי איר...

אַ בייזער האָט דער פּאָרזיצער גענומען זיין ביטע מיט צוויי פינגער און מיט אַ קאַליע האַנטשריפט אָנגעוואָרפן: Уволить!*... אויף גאַר־דאַנס „צום ווידערזען" האָט ער נישט געענטפערט.

צעזייט און צעשפּרייט זענען די „פּאַנטאָפלצעס" געוואָרן... הפקר!...

---

* אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט.

הפקר און אַרבעטסלאָז האָבן זיי אַרומגעשמאַיעט איבער דעם רוישנדיקן קיעוו, איבער די אָנגעגליטע טראָטוארן און געשלונגען די סלינע אין מויל. פאַר די פאַר חדשים, זינט דער „פאַנטאָפּל" האָט זיי אויסגעשפּיגן, האָט יעדער איינער באַוויזן אויפצועסן זיינע אָפּגעשפּאַרטע עטלעכע רובל, אָנ־לייען זיך ביז איבער די אויערן און שטאַרבן פאַר אַ גראָשן... יעדער איינ־ציקער האָט געהאַט וועמען עס איז אויף אויסהאַלטונג און די לאַגע איז געוואָרן זייער ביטער...

נישט איין מאָל פלעגט אַ „פאַנטאָפּעליעץ" זיך אָפּשטעלן הינטער די גרויסע „פאַנטאָפּלסקע" פענצטער און מיט קנאה באַטראַכטן די אַרבעטער. דאָס הארץ פון דעם אַרויסגעשטויסענעם פלעגט פאַרלויפן מיט בלוט פאַר פאַרדרוס און פאַר ווייטיק. די צוגעווויינטע פינגער פלעגן זיך ציען צום העמערל, צום מעסער, נאָר יענץ איז געווען אַ פאַרבאָטענע זאַנע... אַ גן־עדן פאַר גויים און אַ גיהנם פאַר יידן.

נישט קיין פרייליכע ימים־טובים האָבן געהאַט די „פאַנטאָפּלצעס". יעדער איינער פון זיי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פלענער אויף ווייטער, נאָר דערוייל האָט נאָך קיינער גאַרנישט געטון און בסוד איינער פאַרן צווייטן היפשלעך צוגעהונגערט. זעליק האָט יעדן באַזונדער בסוד־סודות פאַרגע־לייגט צו לייען אים עטלעכע רובל פון דער קאַסע אָדער פון דער גמילות־חסד־פושקע — קיינער האָט אָבער זיין פאַרשלאַג נישט אָנגענומען.

שלמה האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן זיין ליטעראַרישער אַרבעט. זיינע דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין זשורנאַלן און אין אַלמאַנאַכן: אין קיעוו, אין כאַרקאָוו און אפילו אין מאָסקווע... נאָר דאָס רוב צייט פלעגט ביי אים איינשלינגען זיין גרויסער בוך. גאַנצע מעת־לעתן פלעגט ער נישט אַרויסגיין פון שטוב, נאָר זיצן איינגעבויגן איבער די העפטן און שרייבן, פאַרגעסנדיק אין אַלץ, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך... אַ האַלבער בוך איז שוין געלעגן ביי אים אַ פאַרטיקער, פאַרשלאָסן אין שופלאָד. דאָס שלי־סעלע פון דעם שופלאָד האָט ער געטראָגן אויפן האַלדז, דאָס בוך איז ביי אים געוואָרן טייערער פון זיין לעבן. ער האָט זיך נישט פאַרגונען ערגעץ זיך צו פאַרהאַלטן אויף קיין האַלבער שעה. ביי יעדן מינדסטן עכוב האָט ער אַלץ געמאָסטן אין געדאַנק:

— וויפל זייטלעך קען ער אָנשרייבן פאַר דער צייט?...

ביים פאָטער זענען גראָד געוואָרן שוואַך די געשעפטן. די „זאַלאָטוכע" און דער „טאָרגסין" האָבן אין גאַנצן אויסגעשעפּט, אַי די וואַליוטע אַי די פרנסה. עס וואָלט געווען אַ יושר עפּעס טראַכטן מכוח פרנסה. שלמה איז אָבער געווען נישט אויף דעם עולם. דאָס בוך האָט צוגערויבט ביי אים די גאַנצע ענערגיע און געמאַכט פּאַסיוו צו אַלץ, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיטן בוך. נאָר צו איין און איינציקער זאַך האָט דאָס בוך קיין שליטה נישט געהאַט: צו זיינע באַזוכן ביי פאַלין... פאַר די באַזוכן האָט זיך געפונען צייט אָן אַ שיעור.

קאפיטל XXV

לאנגע שעהן פלעגט שלמה אפוואַרטן פאַלים קומען און אָפט מאָל זיך טאַקע נישט דערוואַרטן. ביי יאַנין אין שטוב איז מען שוין אַזוי געוווינט געוואָרן, אַז שלמה זיצט ביים טואַלעט־טישל, שרייבט עפּעס און וואַרט אויף פאַלין, אַז עס איז שוין עפּעס געוועזן אומהיימלעך אין שטוב, אויב עס האָט אויסגעפעלט זיין ריטמישער בלייפעדער־ניגון און מען האָט נישט געזען די איינגעבויגענע פלייצע אויף דער סאָפע. אָפט מאָל פלעגט פאַלי זיך אומקערן מיט מאַרוסיאַן אָדער מיט אַנדערע חברטעס. מיט נישט אויפגעהויבענע אויגן פלעגט שוין שלמה באַמערקן, צי עס איז היינט זיין טאָג, צי ער איז היינט „פריי"...

איין מאָל זעט ער, ווי מאַרוסיאַ פירט אָפּ פאַלין אויף אַ זייט און שעפּטשעט איר אויפן אויער אַזוי, אַז שלמה זאָל הערן:

— פאַלי, ער איז שוין אין גאַנצן איבערגעגאַנגען ווייַנען צו אייך?

— פון וואַנען נעמסטו דאָס?

— קוק, ווי ער האָט זיך צעלייגט אויף דיין סאָפע. ד ו שלאָפסט דאָך אויף דער סאָפע?

— יאָ, א י ך שלאָף. איז וואָס זשע איז?

— בר... ר... איך וואָלט זיך שוין געמיאוסט לייגן אויף איר...

— מאַרוסיאַ, ביסט אַ צעדרייטע... ווי אַזוי שעמסטו זיך נישט?

— דו — ווי שעמסט זיך נישט? עס קען נאָך פון אים עפּעס אַראָפּקריכן און אַריינקריכן צו דיר אין אויער אַריין... און פון דאָרט אין קאָפּ אַריין און פון דאָרט...

— מאַרוסיאַ, דו ווערסט אַנטשוויגן, צי דו רעדסט אומיסטן אַזוי הויך, אַז ער זאָל דערהערן?

— ער הערט נישט, ער הערט נישט... וואָס ציטערסטו אַזוי פאַר אים? ער האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז דו ביסט אַריינגעקומען...

— מאָל דיך, אַז ער מן הסתם יאָ באַמערקט...

— לאָמיר זיך וועטן, אַז ניין. דו זעסט דאָס, ווי ער דרייט זיך אפילו נישט אויס...

— דאָס איז דערפאַר, ווייל דו ביסט דאָ...

— הייסט עס, די ליבע גיסט ער אויס, נאָר ווען קיינער זעט נישט?

— פאַר וואָס? נאָר דו ביסט אַן אויסנאַם...

— איז אפשר שטער איך דיר, קען איך אַוועקגיין...

— זיי נישט קיין נאַר און מאַך שוין צו דאָס מויל...

— וואָס שרייבט ער אַזוי פיל?

— ש־ש־ש!... אַ בוך שרייבט ער. וואָס רעדסטו אַזוי הויך?

— איז אַז מען קומט צו אַ באַרישניע, שרייבט מען דערווייל אַ בוך?

— ער וואַרט אויף מיר שוין לאַנגע שעהן. דו פאַרגעסט, אַז מיר זע־נען שוין היינט געווען אין קינאָ?

— און אַפּט אַזוי וואַרט ער אויף דיר?

— נישט אָפּטער ווי יעדן טאָג...

— אַ פּנים, עס האָט אים שטאַרק פאַרשמעקט דיין באַרשטש...

— שווייג, דו אומפאַרשעמטע! לאָז מיך אָפּעסן...

— פּאָלי, דו זאָלסט גוט אָפּשאַרן דעם דיוואַן, ער קען נאָך פאַרלירן אַ ציצה אויך...

עס קומט אַן יאַני פון דער שטאָט, גיט אַ קוש די מזוזה:

— אַ גוטן אָוונט! אסתר גרייט צום טיש... עס פעלט מיר אַרויס דאָס האַרץ... האַ, שלמה? וואָס מאַכסטו עפּעס גוטס? כ'האָב דיך גאָר נישט באַמערקט, פאַר וואָס האָסטו זיך פאַרזעצט אַזוי ווייט? קום צום טיש!

שלמה הייבט זיך אויף, גלייכט זיך אויס די ביינער און קוקט זיך איין אויפן דיוואַן...

יאַני האָט נישט קיין געדולד:

— קום שוין אַהער... וואָס זוכסטו דאָרט?

— עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'האָב פאַרלוירן אַ ציצה...

פּאָלי ווערט בלאַס, פאַרבייסט אַ ליפּ און הייבט נישט אויף קיין אויג.

יאַני באַנעמט נישט:

— וואָס עפּעס גאָר פּלוצלינג אַ ציצה?

— ווער זאָגט אייך, אַז פּלוצלינג? אַלע אויפדערנאַכט קען ביי מיר פאַרלוירן גיין אַ ציצה... מילא בקיצור, דערציילט שוין איר עפּעס נייעס...

יאַני קוועטשט מיט די פּלייצעס:

— וואָס פאַר אַ נייעס ווילסטו? מען לויפט זיך אָפּ די פיס, אַז מען פאַלט אַריין אין שטוב אַריין ווי אַ הורג...

אווראָם רייסט איבער זיינע לעקציעס:

— טאַטע, דו ווייסט, סאָניע ווייסבלאַט איז עפּעס שלאַף...

— פון וואַנען ווייסטו?

— איך בין היינט געווען ביי זיי, זי גייט נישט אַראָפּ פון בעט.

— וואָס איז איר?

— מען ווייסט נאָך נישט וואָס, נאָר עס רוישט איר שרעקלעך אין קאָפּ.

שלמה שטעלט אַריין קאַלטבלוטיק:

— עס מוז ביי איר זיין די מאָדנע קרענק...

— וואָס פאַר אַ מאָדנע קרענק?

— איר האָט גאָרנישט געהערט? לעצטנס פּראַקטיצירט זיך אַזאַ באַשעפעניש, וואָס פאַרקלייבט זיך אין אויער און פון דאָרט אין קאָפּ אַריין און פון דאָרט נאָך ווייטער... און דערפון באַקומט זיך אַ שטאַרקער קאָפּשווינדל...

יאַני שפּייט אויס דריי מאָל:

— נישט פאַר אונדז געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט...

פּאָלי הייבט זיך אויף נישט פעסט אויף די פיס און עפּנט אויף דעם קליידערשראַנק. זי וויל עפּעס ארויסנעמען... יאַני הייבט זיך אויך אויף, זוכט כלומרשט עפּעס אויף דער שאַפע און ווינקט איבער די קעפּ צו פּאָלין, אַנווייזנדיק אויף שלמהן... פּאָלי, אַ צעטראָגענע, ווינקט אים אויף מאַרוסיאַן... דער פאָטער, אויסער זיך, טייטלט שוין מיטן פינגער אויף שלמהן און פּאָלי הינטערן טירל פון דער שאַפע ווייזט אים, אַז זי קען נישט, זי מוז גיין מיט מאַרוסיאַן, מיט איר איז זי געקומען... יאַנים אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט, ער ווינקט איר שוין מיט איין פינגער אויף מאַרוסיאַן און מיטן צווייטן אויף זיך. פּאָלי ווייזט אים, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט, דאַן קלאַפּט ער זיך אין האַרצן מיט איין האַנט און די צווייטע ווייזט אַלץ אויף מאַרוסיאַן... פּאָלי באַמיט זיך צו כאַפּן דעם פאָטערס מיין, נאָר יאַני האָט שוין אויסגעקראַצט עפּעס אַ פאַרשטויבט ביכל אויף דער שאַפע און זעצט זיך דערמיט צוריק צום טיש. שלמה פילט אינסטינקטיוו די גאַנצע סיגנאַליזאַציע, וואָס איז דאָ פאַרגעקומען איבער זיין קאָפּ, און ווערט פאַרברענט פאַר בושה:

— גוואַלד, מיט וועמען קאָנקורירט ער?... ביי וועמען גייט דער פאָטער זי אויסרייסן פון זיינעט וועגן?... דאָ אין שטוב הייסט ער אויך שלמה פּיאַטיגאָרסקי, צי ניין?... וווּ איז זיין שטאָלץ? ווו איז זיין איינגעבילדע?

עס איז אים אַ בזיון פאַר זיך אַליין, עס איז אַ בזיון פאַר פּאָלין, וואָס זעט אים אַזאַ וואָלוועלן... עס איז אַ בזיון פאַר זיינע עלטערן, פאַר זיינע חברים און אפילו פאַר מאַרוסיאַן... די שלאַנג פאַרשטייט אויך דעם גאַנצן דועל צווישן פאָטער און טאָכטער... זאָל כאָטש גיכער אַן עק נעמען. מיט אים, צי מיט איר, נאָר געגאַנגען זאָל ווערן!...

ווי אַן ענטפער אויף זיינע געדאַנקען גייט פּאָלי אַרויס אַן אָנגעטוענע פון הינטערן טירל. זי באַווייזט נישט צו מאַכן קיין איין טריט, ווי יאַני מאַכט צו דאָס ביכל, הייבט זיך אויף פון טיש און זאָגט:

— קומט, מאַרוסיאַ, איר גייט? איך גיי צו אַ קוק טון צו סאָניען, קען איך אייך אַ ביסל אונטערפירן...

מאַרוסיאַ הייבט זיך אויף:

— יאָ, איך גיי... איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך האָב נאָך אין דער היים עפּעס אַן אַרבעט...

זי גייט צו צו פּאָלין:

— אַ גוטע נאַכט, פּאָלינאַ, מאָרגן קלינג מיר אָן...

— אומבאַדינגט, אומבאַדינגט...

און שעפּטשענדיק גיט זי צו:

— אַנטשולדיק מיר, מאַרוסינקאַ... איך קען נישט גיין קעגן טאַטן...

צוריק אַ שעפּטשע:

— איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי... טרייב אים דורך, איך קען אויף אים נישט קוקן...

— מאַרוסיאַ, שטילער, ער האָט הונדערט פֿאַר אויערן...

— און טאָמער קושסטו זיך מיט אים, וועל איך דיך הרגענען... צום ווידערזען. פֿאָליטשקע. צום ווידערזען, אַוורּאַמטשיק!... אַ גוטע נאַכט!

אַרויסגעגאַנגען יאַני מיט מאַרוסיאַן — און אין שטוב איז געוואָרן שטיקנדיק שטיל. אסתר מיט די קינדער האָבן נישט אויפגעהויבן די קעפּ. פֿאָלי איז געשטאַנען אַן איבערגעטונענע אין מיטן שטוב מיט די הענטשקעס אין די הענט. איר פּנים איז געווען ווי מיט ערד איבערגעמישט, אירע אויגן האָבן זיך געטונקלט פֿאַר צאָרן און שאַנדע. שלמה איז געזעסן אַ בלאַסער מיט אַ נויט־שמייכעלע אויף די ליפּן. מיט די אַפּצאַסן האָט ער עפּעס געשריבן אויפן פֿאָל און זיך אפֿילו נישט אומגעקוקט אויף פֿאָלין. נאָך אַ האַלבע מינוט איז זי געשטאַנען אַן אומבאַשלאָסענע און מיט אַ מאָל אַ שמיץ געטון די הענטשקעס אויפן דיוואַן:

— פֿאַר וואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך?

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופֿן און זיך אפֿילו נישט אומגעקוקט אויף איר. זי האָט אַ צערייצטע אויפגעריסן דאָס טירל פֿון שראַנק, אַרונטער אונטער דעם און גענומען מיט רציחה אַראָפּרייסן פֿון זיך דאָס קלייד. אין שטוב האָט קיינער נישט רעאַגירט אויף דעם, וואָס זי טוט. יעדער האָט זיך געטון זיינס. דאָס האָט זי אַ ביסל אָפּגעקילט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגענומען איר אייגענעם קולאַק אין מויל און געביסן ביז וויטיק...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי צוריק אַן אָנגעטונענע געשטאַנען פֿאַר שלמהן. מיטן שפּיץ שוך האָט זי אָפּגעשטעלט שלמהס שוך.

— שלמה, איר ווילט זיך נישט אַ ביסל דורכגיין?

שלמה האָט פֿאַרלוירן אַ שמייכל געטון:

— נאָך וואָס דען בין איך געקומען אַהער? אויף שרייבן האָב איך אין דער היים אַ באַזונדערן קאַבינעט...

— איך האָב געמיינט, אַז איר האָט איינגעדרימלט...

— איך זיץ דאָך איצט נישט אויפן דיוואַן...

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

אויף די דעכער איז געקראָכן אַ יונגינקע לבֿנה. ליוואַשאָווסקע־גאַס, אויף וועלכער זיי האָבן פֿאַרקערוועט פֿון אוריצקע, האָט זיי פֿאַרשלונגען אין אירע געדיכטע קאַשטאַנען־אַלייען. פֿון דעם סך צווייגן איז אויפֿן טראָטואַר געווען פֿינצטער. נאָר אַ באַלויכטענע שויב אין דער קינאָאיבערדיקער ריי הייזלעך האָט געקענט דערמאָנען, אַז עס איז אַ לבֿנה־נאַכט. שלמה מיט פֿאָלין האָבן לאַנגזאַם שפּאַצירט ביי ביידע זייטן טראָטואַר... זינט זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב, האָט נאָך קיינער פֿון זיי נישט קאַליע געמאַכט די שטילקייט... צו רעדן איז געווען אי אַ סך, אי גאָרנישט... יעדער פֿון זיי האָט זיך איינגעהערט אין זיינע אייגענע געדאַנקען און געוואַרט, דער צווייטער זאָל עפּעס זאָגן.

אין דער זעלבער צייט האט יאני מיט מארוסיאן, גייענדיק אויף ניקאָלאיעווסקי צום „קאָנטינענטאל“, געפירט א הארציקן געשפרעך:

— זאָגט מיר, יאני, וואָס גייט אָט דער שלמה צו אייך?

— וואָס הייסט, וואָס ער גייט? מיר האָבן זיך מיט זייער שטוב גוט פארהאַלטן נאָך פון במעלניק, דערפאר גייט ער...

— עס ווייזט מיר אויס, אז ער טראכט פון פאָלין?

יאני גיט א פינקל מיט די אויגן:

— עס ווייזט זיך אייך נישט אויס, ער טראכט פון איר און זי טראכט פון אים...

— פאר וואָס זשע דערלאָזט איר דאָס?

— וואָס הייסט גאָר, איך דערלאָז? איך וואָלט שוין גערן געוואָלט זען די זאַך אויף א וועג.

— יאני, אַלע ביי אונדז אין שטוב האַלטן אייך פאר א קלוגן... און איך — אודאי. אָבער אין דער פראַגע דערקען איך אייך נישט... צו וואָס נוצט אייך נעמען פאר אזא אויסגעשפילט קינד, ווי פאָלי איז, אזא... אזא...

— אזא וואָס? וואָס איז, איר קענט שלמהן?

— וועמען איז דען דאָ צו קענען? א מענטש הייבט נישט אויף קיין אויג, רעדט נישט אויס קיין וואָרט מיט קיינעם... ביי מיר זעט ער אויס ווי א פאָלנער אידיאָט...

— אויף מיינע קינדער אזא אידיאָטיזם געזאָגט געוואָרן... איי, וואָס האָב איך מיט אייך צו רעדן... יענער איז א זשעני און איר זאָגט... וויים איך...

— אָבער פאָלי קען דאָך נעמען א לייטענאַנט אָדער א מענטשן מיט העכערער בילדונג, זי זאָל וויסן, אז זי איז באַוואָרנט אויפן גאַנצן לעבן מיט אַלעמען...

— ביי א כלה ווערן קוקט מען נישט נאָר אויף עקאָנאָמישע באדינגונגען. פאָלי איז א יידיש קינד... שלמהס מינדסטער נאָגל איז חשובער פון אַלע אייערע לייטענאַנטלעך מיט אַלע אויסגעפּווישטשעטע זשורנאַליסטלעך...

— איר זאָגט, פאָלי איז א יידיש קינד... עס איז דאָך נאָר צום לאַכן... מיט וואָס, וואָלט איך געוואָלט וויסן, איז זי מער יידיש קינד פון מיר, למשל?

— זאָל מיך גאָט אָפּהיטן, זי זאָל גאָר זיין געראָטן אין אייך. וואָס איז, טאָמער זאָגט זי נישט קיין „מודה־אני“ אַלע טאָג?... צי וואָס זי עסט אויף דער ארבעט אין סטאָלאָווע? צי וואָס זי ארבעט אום שבת? צי וואָס זי קען נישט קיין יידיש וואָרט?

— יאני, איר האָט א מאָל געהערט דעם אנעקדאָט? א באַלעבאָסטע רופט זיך אָן צו איר שכנטע: „אַך, ווען איך האָב קעז און פוטער, וואָלט איך מיט פארגעניגן געמאַכט קרעפּלעך. ס'איז גלאַט, וואָס איך האָב קיין מעל אויך נישט“... איר פארשטייט? זי האָט נישט דאָס און נישט יענץ,

וואָס דען האָט זי יאָ? איר אויך אַזוי: זי איז נישט דאָס און נישט דאָס און נישט דאָס. דערווייל האָט איר ערשט אַלץ אויסגערעכנט, וואָס זי איז נישט. איצט, וואָס איז זי יאָ?

— וואָס איז זי יאָ? איך ווייס וואָס אייך צו זאָגן? אַ טאַטנס אַ קינד איז זי... און מיט גאָטס הילף, אַז זי וועט ווערן שלמהס פרוי, וועט זי זיין אַ יידישע טאָכטער גלייך מיט אַלע... איר מאַמע האָט קיין לייטענאַנט נישט גענומען און זי וועט זיך אויך באַגיין...

— יאַני, אָבער דער שלמה איז דען נאָר אַן אַרבעטסלאָזער, אַ סבצניוק! ער איז דאָך אַ כניאָק פון כניאָקן־לאַנד!... דער חסיד ליגט אים אויפן פנים, עס איז דאָך מיאוס זיך צורירן צו אים... גייט איר אומברענגען אַזאַ קראַסאַוויצע ווי פּאָלי צוליב אַזאַ אָפּגאָט... ווייל אייך געפעלט זיין דאַ־וועגען...

יאַני שטעלט זיך אָפּ אַ בלייכער:

— זאָגט מיר, מאַרוסיאַ, מיט פּאָלין רעדט איר אויך אויף דער טעמע?

— יאַני, פאַר וועמען האַלט איר מיך? וואָס איז, איך ווייס נישט, וווּ איין און וווּ אויס?

— געדענקט זשע, מאַרוסיאַ, איר זענט שלעכט דערצויגן... אייך איז געפערלעך צו הערן... איר זאָלט נישט וואָגן באַרירן מער די פראַגע... דאָס איז נישט אייער זאַך... דערויף האָט זי עלטערן, דאַנקען גאָט... און באַזונדערס וויל איך נישט ליידן, אַז איר זאָלט מיט פּאָלין רעדן דערפון...

— איר מיינט אויף אַן אמת, אַז איך האָב אַ געשעפט אַ גרויסן מיט פּאָלין, צי מיט שלמהן... וואָס אַמבאַלאַנגט מיך, קענען זיי זיך יאָ נעמען און נישט נעמען — אַ נפקא מינה מיר אַ גרויסע... איך האָב אייגענע זאָרג געגוג... גאָרנישט, מען האָט גערעדט, האָב איך געפרעגט... אָבער עס ליגט מיר עפּעס דערין?... שלמה? זאָל זיין שלמה!... אַ דאַנק פאַרן אונטער־פירן... אַ גוטע נאַכט!... גיט איבער סאָניען אַ גרוס און אַ ווונטש גיך געזונט צו ווערן...

קאפיטל XXVI

די קאשטאנען־אליע האט נייגעריק נאכגעקוקט דעם מאדנע פארפאלק. זיי האבן שוין אויסגעמאסטן די גאס אהין און צוריק און קיין איינציק ווארט נאך נישט אויסגערעדט. ענדלעך האט פאלי נישט אויסגעהאלטן. זי האט אנגערירט שלמהס ארבל און מיט א דערשלאגענעם טאן שטיל געפרעגט:

— איז וואס, שלמה, האט איר טאקע באשלאסן מיך היינט באיקאר־טירן מיט שווייגעניש?

— פאלי, איר שווייגט דאך אויך...

— שטענדיק זענט איר דאך דער בעל־מדבר, ווי די מאמע רופט עס אן, און היינט — א שלאס אויפן מויל!...

— שטענדיק... כא־כא־כא!... שטענדיק בין איך דער בעל־דברן... נו, אדרבה, זאגט איר מיר, פאלינא יאקאוונא, וואס האב איך דען צו רעדן? וואס פאר א טעם האט מיין רעדן?...

און פלוצלינג האט ער זי האסטיק אנגענומען ביי די אקסלען, ארויס־געשטופט פון דער טונקעלער אלייע אויף דעם באלויכטענעם מיטן גאס. ארום און ארום איז נישט געווען צו הערן קיין מינדסטן שארך. פעטשערסק איז רואיק געשלאפן הינטער טיולענע פארהאנגען און אראפגעלאזטע שטארן. שלמה האט אנגענומען פאלין בייביידע הענט, זיי זענען געווען קאלט און אן לעבן. זיין פייערדיקער בליק האט געשפאלטן די בלאסקייט פון איר געזיכט און אריינגעדרונגען אין דער גערעכעניש פון דער נשמה... א ווײַלע האבן זיי זיך געקוקט אין די אויגן שטיל.

— זאגט מיר, פאלי, נאר אויפריכטיק... איין מאל פאר אלע מאל... פאר וואס פאלגט איר נישט מארוסיאן?... זי האט אייך געעצהט מיך דורכטרייבן, פאר וואס טוט איר דאס נישט?... צי דאס וואלט געווען גוט אדער שלעכט, אבער צום ווייניקסטנס וואלט דאס געהייסן ערלעך גע־האנדלט... אנטשלאסן!...

פאלי האט זיך געביטן אין פנים. זי האט שוואך ארויסגעבראכט:

— עס ווייזט אויס, אז ווען איר קומט צו אונדז, טוט איר מער גאר־נישט, נאר איר שפיאנירט...

— נישט אמת, איך שפיאניר נישט...

— ווי אזוי דען ווייסט איר, וואס מארוסיא האט מיר געזאגט אויפן אויער?

— דאס איז מיין קונסט. די פאלע פון איר פאלטא דערציילט מיר, ווי אזוי אירע ליפן באוועגן זיך... איך האב עס אפילו נישט געהערט, גלייבט מיר, און זעט איר דאך — געטראפן!... פאר וואס זשע ענטפערט איר מיר נישט?

— וואס ווילט איר האבן פון מיר?

— פּאָליאַ, איר פֿאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט, אַז לענגער איז אוממעגלעך אַזאַ לאַגע. צו אייך גייט אַריין אַ מענטש, וועגן וועלכן איר ווייסט שוין אַזוי לאַנג, אַז ער איז גרייט זיך מקריב זיין פֿאַר אייך, וועמענס גרעסטער פֿאַרגעניגן איז, זען אייך, הערן אייך, פֿילן אייך לעבן זיך... און דער זעלבער מענטש מוז אויסהערן וועגן זיך אַזעלכע אומפֿאַרשעמטע שוידערלעכע רייד, פֿון דער סאַמע מיאוסטער שיקסע אויף אוקראַינע, און וועלכע ווערן געזאָגט — וועמען? זיין געליבטער!... דאָס דאַרף נישט אויסגעהאַלטן ווערן און דאָס וועט נישט אויסגעהאַלטן ווערן!... און בכלל, פּאָליאַ, מוזן באַלויכטן ווערן אונדזערע באַציאונגען... עס מוז אַלץ קלאָר ווערן, עס טאָר נישט בלייבן קיין איין נישט דערזאָגט וואָרט... איך בין זייער אַ ביליקער שידוך פֿאַר אייך, דאָס ווייסט איר גאַנץ גוט... וואָס בין איך? און ווער בין איך? אַ קרעמערל, אַ וועבער, אַן אוטילשטשיק, אַ שוסטער און איצט אַן אַרבעטסלאָזער... מיין זשורנאַליסטיק איז נישט קיין גענוג באַפֿרידנדיקע פּרנסה, מיט דעם קען מען נאָך קיין הויז נישט אויפֿשטעלן. ווער שמועסט נאָך, פֿון זינט איך האָב אינטענסיוו אָנגעהויבן אַרבעטן איבער מיין גרויס ווערק, האָב איך די זשורנאַליסטיק גאָר אין גאַנצן פֿאַרוואָרפֿן. בעת אין קאָפּ שאַפֿט זיך עפּעס גרעסערס, קאָן מען זיך נישט קאָנצענטרירן אויף קיין קלייניקייטן און דער גרויסער בוך איז נאָך אויך נישט קיין רעאַלע זאַך... אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ווערט מען נישט אַזוי גרינג קיין שרייבער... דער היכל איז אָפּגעשלאָסן מיט זיבן טויערן...

זיי האָבן פּוסטריט געשפּאַנט אויפֿן ציגלדיקן טראָטואַר, מיטשלעפּנדיק מיט די פֿיס אָפּגעפֿאַלענע בלעטער און אויסגעהוילטע קאַשטאַנענבייטעלעך. ביידע האָבן אויסגעמיטן צו קוקן איינער אויפֿן אַנדערן.

— אָט דאָס, פּאָליאַ, איז אין קורצן מיין אַנקעטע אויף היינטיקן טאָג... איר ווייסט זי אָן מיר אויך... איר, ווידער...

פּאָלי האָט זיך אומגעקוקט אויף אים, נאָר ער האָט איר קוק נישט געוואָלט באַמערקן...

— איר, ווידער, זענט אויך עקאָנאָמיש נישט בעסער באַוואָרנט פֿון מיר: אייער יאָ אַרבעטן און מיין נישט אַרבעטן האָבן ביידע גלייך גאָר נישט די ווערט. בנוגע דעם, וואָס איר קלייבט זיך נאָך לערנען, באַצי איך זיך צו דער זאַך זייער סקעפּטיש... איך ווייס אַליין נישט פֿאַר וואָס, נאָר מיין האַרץ זאָגט מיר עפּעס נישט, אַז איר זאָלט נאָך אַ מאָל זיין דאָקטער אָדער אינזשיניער... וואָס קען איך דעם טון? עס וויל נישט זאָגן און שוין!... נאָר וואָס איז דען דאָ צו רעדן, איר גלייבט דאָך נישט אין פֿאַרגעפֿיל... איר גלייבט דאָך נישט אין אינסטינקט... נאָר איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איר דאַרפֿט גאָרנישט זיין איינגעאָרדנט, איר דאַרפֿט גאָרנישט גיין לערנען... בלויז מיט אייער פּנימל קענט איר איינגעמען אַ וועלט, אַזוי רעכן איך... כ'ווייס? אפֿשר האָב איך אַ טעות?... איך מעסט אַלעמען אויף מיין אַרשין... איז וועט אייער שיינקייט אייך העלפֿן נעמען אַ דאָקטער אָדער אַ הויפּטבוכהאַלטער, אַ מיליטערישן טשינאָוו־

ניק אָדער אַ פּרעסע־מאַלאַדיעץ... דאָרט וועט איר האָבן אייער געזעלשאַפט און אַ גרויסן לוקסוס; דאַקעגן איך קען אייך ביי דער איצטיקער מינוט נאָר פאַרלייגן מיין האַרץ... אַ שטורמיש־גליענדיקע ליבע און דאָס איז אַלץ... דאַרף מען דאָך וויסן, צי זענט איר דער מין מענטש, וואָס זאָל שעצן אַזאַ גרויסע ליבע העכער פון טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען?... מאַלע וואָס דאָס יינגל האָט אייך ליב... מיט ליבע אַליין קען מען נישט זיין זאַט, ליבע קען מען נישט אָנטון און מיט ליבע שאַפט זיך נישט קיין באַקוועמע וווינונג... אָט אַזוי זעט אויס אונדזער פּראָזאַישער באַלאַנס... וועט איר דאָך פרעגן, אויב איך וויים אים אַזוי גוט, פאַר וואָס זשע הער איך נישט אויף צו גיין צו אייך... נאָר דאָס איז קיין פראַגע נישט. מילא, מיך האָט גאָט געשטראָפט, איך בין געפערלעך פאַרליבט... איר ווייסט נישט, אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, וואָס איז? טאָמער וועט דער־וויל געשען אַ נס... אויף מיר איז נישטאָ וואָס צו קוקן, איך בין ווי אַ לונאַטיק... עס ציט מיך — גיי איך... אָן חשבון... אָבער איר? איר זענט דאָך דאַנקען גאָט נישט פאַרליבט, איר זעט דאָך אַלץ אין די ריאַלע פאַרבן, פאַר וואָס זאָלט איר נישט פאָלגן אייער ראַטגעבערין און זאָגן שלמהן: „הער, גוטער ברודער, מיר זענען פאַרשידענע מענטשן, מיר גייען אין פאַרשידענע ריכטונגען, גייט אייך אייער וועג און לאָזט מיך גיין מיין וועג. מיר שטערן נאָר איינער דעם צווייטן"... דאָס וואָלט צום ווינציקסטן געווען אַ קאָנקרעטע לייזונג פון דעם פיינלעכן פּלאָנטער... פון זיך רעד איך שוין נישט, נאָר אייך אַליין וויפל האָט געקאָסט געזונט היינט אויף דער נאַכט מאַרוסיאַס רייד און אייער דינגען זיך מיטן טאַטן פון הינטערן טירל...

— דאָס האָט איר אויך באַמערקט? גאָט מיינער...

— אַלץ זע איך... קיין איין זשעסט אייערער גייט נישט דורך אומ־באַמערקט פאַר מיר... איך האָב אפילו באַמערקט, אַז בעת איר האָט זיך געקליבן גיין מיט מאַרוסיאַן, האָט איר אָנגעטון אייערע בלאָע לאַדאַטשקעס* אויף די הויכע אָפּצאַסן. און נאָכן טאַטנס אוועקגיין, זעענדיק, אַז אייך שטייט פאַר צו גיין מיט מיר, האָט איר אָנגעטון די שטוביקע שיך מיט די נידעריקע אָפּצאַסן... קודם, איז טאַקע גרינגער אַרומצוגיין און סתם — פאַר אים איז דאָס אויך גענוג!... נו, שאַט, שאַט, איך שפּאַס און איר מיינט ערנסט... בקיצור, דאָס איז נאַרישקייטן... דער עיקר, וואָס ענטפערט איר אויף מיינע פריערדיקע רייד? מאַרוסיאַ, צי שלמה, וועמען קלייבט איר אויס?...

— שלמה, לאָמיר בעסער איצט מער נישט רעדן דערפון... איך בין עפּעס היינט באַזונדערס דענערווירט...

— גוט, לאָמיר אָפּלייגן אונדזער שמועס אויף אַן אַנדערן מאָל... קוקט, וואָס פאַר אַ שיינע לבנה קוקט אונדז נאָך... כ'האָב קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז פּראָסטע אָפּגעפּאַלענע בלעטער קענען אַ מאָל אַזוי גלאַנצן.

---

* אַזעלכע לוקסוסדיקע דאַמענשיך.

קוקט, ממש ווי געשליפן גלאָז, ווי קרישטאָל... און דער הימל — וואָס פאַר אַ טיפקייט... גאָט מיינער!... פאָלי, טייערע מיינע, הערט נישט, וואָס כ'האָב דאָ אויף זיך אָנגערעדט... ס'איז אַלץ איבערגעטריבן... ס'איז אַ ליגן, קיינער וועט אייך אַזוי שרעקלעך נישט ליב האָבן ווי איך... די סאַמע הייליקסטע זאַך אויף אונדזער וועלט איז דאָך ליבע און דאָס טרעפט איר ביי מיר אַ גאַנצן אָקעאַן...

שלמה איז שטיין געבליבן, זיך צעטראָגן ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן, זיך איינגעקוקט אין פאָלים בלייכן געזיכט, אין אירע טיף־בלויע אויגן, זיך ווידער ארומגעקוקט און געפרעגט מיט אַן אויסגעלאָשענער שטימע:

— עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עמעצער האָט דאָ גערעדט?

— עס האָט זיך אייך אויסגעוויזן...

— אַ פּנים טאַקע, עס האָט זיך מיר געמוזט אויסווייזן...

ער האָט זי צוגעפירט צו דער שטוב. די שעה איז געווען אַ שפּעטע. די גאַסן ארום זענען געווען אויסגעשטאָרבן, אַלץ איבערגעלאָזט אויף דער לבנה, אויף איר יושר... זי האָט געטריי אַלץ ארומגעטאַפּט, אויסגעגלעט די שויבן, אָפּגעווישט די ווענט, די אייזערנע רייפן פאַר די וויטרינעס און זיך פאַרהאַלטן אויף פאָלים און שלמהס שטייף־פאַרדריקטע פינגער.

— שלמה, איר ליידט דורך מיר, עס רייסט מיר דאָס האַרץ אויף אייך...

— נישט רחמנות זוך איך אויף אוריצקע־גאַס...

— דאָס צווייטע געפיל איז נאָך נישט רייף, וואָס קען איך העלפן?

שלמהס געזיכט איז פלוצלינג באַלויכטן געוואָרן מיט אַ נישט־היגן ליכט. ער האָט פאַרהאַלטן פאָלים האַנט אין זיינער און פאַרחלומט געזאָגט:

— פאָלי, לאָמיך אייך נביאות זאָגן... איר ווייסט, ווען דאָס געפיל וועט ביי אייך רייף ווערן? ווען שלמה וועט שוין לעבן אייך נישט זיין... אָט וועט איר זען. עס וועט רייף ווערן, עס מוז רייף ווערן, נאָר מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג... הלואי איך זאָל אַזוי ליגן זאָגן, ווי איך האָב אמת געזאָגט...

איר האַנט איז ארויסגעפאַלן פון זיינער און ער איז מיט האַרטע שפּאַן אַראָפּגעגאַנגען דעם באַרג און צערונען געוואָרן אין דער מילכיקער לבנה־שיין.

פאָלי האָט אים נאָכגעשפּירט מיט אַ שווער פאַרגעפיל:

— שוין זשע וועט מקוים ווערן זיין נבואה? שוין זשע וועל איך זיך נאָך אַ מאָל שלאָגן „חטאתי" פאַר אַזעלכע אויפדערנאַכטן?... ניין, דאָס איז לויטער אילוזיע... לבנהשער היפּנאָז... און דער שלמה איז נישט קיין שלעכטער אַרטיסט... ער איז טאַקע שטאַרק איינגעליבט אין מיר, דאָס איז אויך אמת... אָבער זיין ראָל שפּילט ער אויסגעצייכנט... אוי־וואַ!...

די טיר האָט זי געטראָפן אָפן, דאָס עלעקטרישע ליכט — ברענען. דער פאָטער איז אין אָנטון געשלאָפן אויף איר געלעגער. זי איז געווען אין פאַרלעגנהייט: וועקן, צי זיך לייגן אויף זיין געלעגער? דער קאָפּ איז

איר געווען שווער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. אַלע גלידער האָבן זיך געבעטן: אָפּרו!... זי האָט פּאַרקייטלט די טיר און זיך אומבאַשלאָסן אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל. דער קאָפּ איז אָנמעכטיק אַראָפּגעפאַלן אויף אירע הענט און זי האָט איינגעדרימלט...

אויפגעכאַפּט האָט זי זיך מיטן געפיל, אַז עמעצער שטייט איבער איר. זי האָט זיך פאַר שרעק אַ וואָרף געטון און איבערגעקערט דאָס בענקל. אין צימער האָט זיך, דערהערט אַ טרוקענער הילך. און ווידער איז אַלץ שטיל געבליבן. לעבן איר איז געשטאַנען דער פאָטער. זיין פּנים איז געווען טרויעריק, דער קוק — אַ שטרענגער.

— דו ביסט שוין לאַנג דאָ?

פאַלי האָט שלעפעריק געוואָרפן אַ קוק אויפן וואַנטזייגער:

— ערשט אַ האַלבע שעה...

— פאַר וואָס זשע האָסטו מיך נישט אויפגעוועקט?

— דו ביסט געשמאַק געשלאָפן, האָב איך דיך נישט געוואָלט וועקן...

— שלמה איז דאָ אויך געווען?

— אַז איך בין אַריינגעגאַנגען אין פאַראַדנע, איז ער אַוועק אַהיים...

— הער, פאַלי, זעץ דיך צו אויף אַ ווייל... איך וויל, אַז אַט די אויסגעלאַסענע שיקסע, אָט די מיאוסע נבלה, זאָל מער מיין שוועל נישט אַריבערטרעטן... דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר, צי ניין?

פאַלי הערט, נאָר זי פאַרשטייט נישט.

— וועגן וועמען רעדסטו?

— דו ווייסט גאָרנישט, וועגן וועמען איך רעד? וועגן דיין מאַרו־סינקען...

— אַך, וועגן מאַרוסיאַן... וואָס איז זי עפּעס מיינע?... זי מעג זיין דיינע...

— זאָל זי דאַמאָלסט קומען אַהער, ווען א י ך וועל זי איינלאַדן... האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט מיט אַזאַ העסלעך באַשעפעניש, וואָס ס'איז מוקצה מחמת מיאוס, אַ שטיקל ברויט פאַר איר אויפצועסן, און זאָגט נאָך, אַז זי גייט צו מיר...

אַ ווײַלע איז געווען שטיל אין צימער, עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס איינטאָניקע כראָפּען פון די שלאָפנדיקע און דאָס שמאָרען מיט די נעזער.

— טאַטע, וואָס טוט סאָניע?

— איך בין ביי סאָניען נישט געווען...

— דו ביסט דאָך געגאַנגען?...

— איך בין געגאַנגען! איך בין געגאַנגען, כדי מאַרוסיאַ זאָל אויך גיין...

— האָט זי געזען, ווי דו האָסט זיך אומגעקערט? דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַל...

— זי האָט נישט געזען... פאַר וואָס עפּעס האָט זי גענדאַרפט זען?

— איך מעג אויסלעשן דאָס ליכט?

— מעגסט אויסלעשן...

ביי דער טיר האָט עפּעס אַ טרישטשע געטון און דער חושך האָט פאַר־שווענקען דאָס צימער. ביידע האָבן זיך גענומען אויסטון אויף זייערע גע־לעגערס. יאַני האָט קרעכצנדיק אַראָפּגעשלעפּט דעם ערשטן שטיוול און, לעכערנדיק די פינצטערניש מיט זיין שאַרפן קוק, געפרעגט:

— שלמה האָט דיר נישט דערמאָנט וועגן חתונה האָבן?

אַ הייזעריקער ענטפער:

— וואָס האָט ער מיר עפּעס צו דערמאָנען?

— ער האָט דיר נישט צו דערמאָנען? וואָס זשע, דו געדענקסט אַליין?

— איך געדענק אַליין נישט און וויל נישט הערן דערפון. איך האָב דיר הונדערט מאָל געזאָגט... איך האַלט נישט ביי חתונה האָבן, קורץ און שאַרף!...

— געדענק מיינע רייד, פאַלי, דו וועסט אַ מאָל ביטער וויינען אויף דיינע איצטיקע רייד... שלמה איז אַ יינגל מיט אַלע מעלות... אפילו דאָס, וואָס ער געפעלט נישט יענער פּאַסקודסטווע, איז אויך אַ מעלה... וואָרעם, פאַר וואָס זאָל ער איר יאָ געפעלן? עס שטייט מיר גאָר נישט אָן, אַז אַזאַ טינופת זאָל זיין אַ מבין אויף מיינס אַ קינד... געדענק, וואָס איך זאָג דיר, פאַלי, איך בין דיר געטריי, איך בין נישט אויסן שלמהן אַ טובה טון, נאָר דיר. ווער איז נאָך געטרייער פון אַ פאָטער?... שלמה האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער... שלמה האָט צו אַלצדינג זעלטענע פעאיקייטן... צו וואָס ער וועט זיך נעמען, וועט אים גיין מיט דער האַנט... שלמה האָט דיך ליב... דו מיין נישט, אַז אַלע חתנים זענען אַזוי פאַרליבט אין זייערע כלות און זענען גרייט אויסצושטיין פון זיי דאָס, וואָס שלמה שטייט אויס קודם פון דיר אַליין און צוליב דיר פון יעדן באַזונדער... עס האָט אים נאָך קיינער פון זיין סביבה נישט געפרווט זאָגן קיין גוט וואָרט אויף דיר... אַלע קרובים, אַלע באַקאַנטע זענען אומצופרידן מיט דעם שידוך, ווייל דו ביסט אַ פרעמדע פאַר זיי. נאָר ער איז אַ העלד!... ער הערט נישט קיינעם און אפילו נישט די עלטערן און גייט זיך זיין וועג... אָבער העלדישקייט האָט אויך אַ גרענעץ... ער איז אויך נאָר אַ מענטש... טאָמער פאַרשפּילסטו שלמהן... איז... איז אַן עק צו מיינע יאָרן, דאַרף איך נישט לעבן אויף דער וועלט!... האָבן אַזאַ בריליאַנט אין די הענט און אים פאַרלירן... דאָס דאַרף מען זיין... כ׳וויים?... אַ רוצח אויף זיך אַליין... דו הערסט, צי דו שלאָפסט?

— איך הער, איך הער...

— איז וואָס זשע זאָגסטו?

— איך זאָג גאָרנישט...

— ביז וואַנען זשע איז דער שיעור צו זאָגן גאָרנישט? אָבער מענטש־לעכקייט דאַרף מען האָבן? ממה נפשך, אויב ער איז דיר ליב, דאַרף מען אַ מענטשן אַזוי לאַנג נישט מאַטערן, טאָמער זשע איז אונדז נישט אָנגע־צייכנט אַזאַ גליק און ער געפעלט דיר נישט, דאַרף מען זיין אויף אַזוי

פיל ערלעך און זאָגן יענעם אָפענע דיבורים: „שלמה, לאָזט מיך אָפּ, איך געפעלט מיר נישט... מיר געפעלט בעסער א חתן, וואָס מארוסיא וועט מיר געבן... א טאַטנס א חתן איז היינטיקע יאָרן א בזיון צו נעמען... די טול־טשינסקים קענען נאָך לאַכן, מארוסיא קען נאָך לאַכן!" אָן עק!... וועט יענער וויסן, ביי וואָס ער האַלט... אָבער אַזוי, וואָס פאַר א פּנים האָט עס? ער וואַרט דאָ און דו שפּאַצירסט דיר דאָרטן אַרום מיט וועמען דיר געפעלט... עס איז יאָ א דרך, האַ?

אין פענצטער איז אַריינגעשווומען די בלאַסע לבנה. זי איז שוין גע־ווען אַרומגעקלעפּט מיט וואַטע, אַזוי ווי צו פאַר טאָג צו... דאָס פּאַסיקל שיין האָט זיך פאַרטשעפּעט אין עלעקטרישן לעמפּעלע און פון דאָרט צע־שיקט שפּיזלעך איבערן גאַנצן צימער. יאַנים קול האָט פאַרדומפּן געקלונגען אין חלל פון שלאָפנדיקן חדר:

— דו שלאָפסט א פּנים, האַ, פאַלי?

אַנשטאָט אָן ענטפער האָט פאַלי אַרויסגעוואָרפן די פיס פון בעט, זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע און זיך צוגעזעצט ביים פאָטער צופוסנס:

— איך וויל זיך מיט דיר נישט קריגן, נאָר גיב אַליין נאָך א מאָל א קלער. דו זאָגסט, חתונה האָבן פאַר שלמהן... אויף וועלכע מיטלען? אויף וואָס אויסרעכענענדיק?

— איי, טאַטער מיינע, דו רעדסט נאַרישקייטן... מיטלען, שמיטלען... די מיטלען, וואָס א מענטש גרייט זיך אָן, האָבן גאָרנישט די ווערט... און אַז א מאָל פלעגט גאָר די כלה געבן מיטלען... באַגייט מען זיך היינט נישט אָן דעם? גלייב מיר, אין הימל גיט מען גוט אַכטונג אויף יעדן. אַזוי לאַנג, ווי א מענטש איז איינער אַליין, גיט מען אים אויף איינעם... ווערט ער צוויי, גיט מען אים אויף צוויי... ווייזט זיך א דריטס, גיט מען אויף דריי, ווערט אַכט, גיט מען אויף אַכט... מיש זיך נישט אין דעם איבערשטנס גע־שעפטן! אָט נעם אונדז א שטייגער... ערשט פאַר צוויי יאָרן אין דער צייט: די מאַמע מיט די קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אין זוועניגאָראָדקע, גע־שטאָרבן דריי מאָל אין טאָג פאַר א שטיקל ברויט... דו — אין ווייסטן קאָלכאָז דאָרטן... פון מיר איז דאָך אָפּגעשמועסט... א ווייסטער, פינצטערער שאַכטיאָר... האָט אָבער דער אייבערשטער געוואָלט א גוטן קוק טון און דווקא אָן געלט און אָן מתנות, האָבן מיר איצט, ברוך השם, אונדזער דירה מיט שיינע מעבל און באַקליידעט נישקשהדיק און איינגעאָרדנט מער ווי־ניקער... היינט, וואָס גלייכסטו מיך צו שלמהן? ווי קום איך גאָר צו אים אין בריהשקייט? זיין זכות אבות אַליין — וואָס באַטרעפט?... ווער קען אָפּשאַצן זיין גאָלדענעם כאַראַקטער, זיין אויסגעהאַלטנקייט... איך האָב דאָ געזען פון אים עובדות... ביסמאַרק!... נישט אַלץ גיי איך דיר דער־ציילן... היינט, אַליין פאַר זיך, ער איז דאָך שיין ווי די גאַנצע וועלט, שטאַלטנע, רירעוודיק... עס האָט זיך אונדז אפילו א מאָל געקענט חלומען אַזא גליק? וואָס איז געווען מיין טאַטע עליו־השלום? א פּראָסטער תבואה־הענדלער!... וואָס איז געווען דער שווער עליו־השלום? א באָנדער!... וואָס

בין איך אליין ? אַ גראָבער גוי, וואָס קען נישט איבערלייענען קיין העברע־איש בריוועלע, ווער שמועסט אָנשרייבן, רעדט מען דאָך נישט... און שלמה איז אַ למדן, אַ שרייבער, אַ פּאָלנער מענטש, אַ מאַלאָדיעץ!... דו ווערסט אים אפשר צוגלייכן צו אונדזער אוראָמען, צו אפרים־אהרונס אחים... און צו וועמען יאָ ? ס׳איז דען בנמצא נאָך אַזאַ תכשיט ? און... און דער עיקר, וואָס ער האָט דיך טאַקע אַזוי שטאַרק ליב... פּאָלג מיך, ישוב זיך נישט קיין איבעריקס... מיט קיין מציאה טאָר מען זיך לאַנג נישט שפּילן... נאָר קלאַפּ און צייל און זאָל די וועלט צעפּיקעט ווערן פאַר קנאה... וואָס זשע זאָגסטו ? הא, פאָלי ?

— רעדן רעדט זיך דאָס גלאַטיק, אָבער טון טוט זיך דאָס אַ ביסל שפּיציק...

— ווי אַזוי מען קוקט אויף דער זאַך, אַזוי זעט זי אויס... אַז מען גייט צו מיט שפּיצן, ווייזט זי אויס שפּיציק, און אַז מען גייט צו גלאַט, איז די זאַך אויך גלאַט... אַלץ איז אין זיך אליין געווענדט.

— דו ווייסט וואָס, טאַטע, לאָמיר איצט שלאָפן, עס קער שוין זיין זייער שפּעט. מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען... דער טייך ברענט נישט...

די לבנה האָט גענומען פּאַרקוקן אין אַנדערע פענצטער און דער צימער פון די טולטשינסקים איז פאַרזונקען געוואָרן אין שווערן שלאָף.

און ווידער האָבן זיך געצויגן טעג, געווייינלעכע, מאָנאָטאָנע און קאָלירלאָזע.

פאָלי האָט געאַרבעט און שלמה האָט געשריבן.

אים איז געווען אַ בזיון, זיך דערמאָנען אין זיין נאַרישער נביאות, און פאָלי איז געווען אויף אַזוי פיל גרויסמוטיק און אים אפילו איין מאָל נישט דערמאָנט אין דעם.

קאפיטל XXVII

איינע פון די הויפּטאַרבעטן, צו וועלכע די געוועזענע „פאַנטאָפּלצעס" האָבן זיך אַ וואַרף געטון באַלד נאָכן „חורבן פאַנטאָפּל", איז געווען צו באַקומען „סטאַראָזשאָוועס", דאָס הייסט, צו ווערן נאַכטוועכטער ווו עס איז: אין מאַגאַזינען, אין פאַרשידענע באַזעס, סקלאַדן, צעכן, אַרטעלן, טרעסטן, קאָמבינאַטן, פאַבריקן, זאַוואָדן, שפּיטאָלן און כדומה. באַזונדערס האָבן זיך צו דער „עבודה" אַ כאַפּ געטון די עלטערע מענטשן, וועלכע ס'איז שוין שווער געווען צו טראַכטן וועגן זיך ערשט אויסלערנען אַ נייע פּראָפעסיע.

דער קומענדיקער היסטאָריקער, באַרירנדיק דאָס לעבן פון די רעלי־גיעזע יידן אין ראַטנפאַרבאַנד פון די דרייסיקער יאָרן און וועט אָפּגעבן פאַר אָט די אומשולדיקע „סטאַראָזשאָוועס" אַ באַזונדער קאַפּיטל. אין דעם לעבן פון די רעליגיעזע יידן אין די גרויסע שטעט האָט אין יענע יאָרן אָט די דאָזיקע „מלאכה" פאַרנומען דעם גאַנצן אויבן־אָן און זיך גרונט־לעך איינגעגלידערט אין זייער דאַמאָלסטדיקן שטייגער לעבן.

די דאָזיקע דערשיינונג, וואָס רעליגיעזע יידן האָבן בהדרגהדיק איבער־גענומען כמעט די גאַנצע „שמירה" איבער אַזוינע גרויסע שטעט ווי: קיעוו, מינסק, אָדעס, כאַרקאָוו, דנעפּראָפּעטראָווסק, ראָסטאָוו און אפילו מאָסקווע און לענינגראַד, האָט גענומען איר אָנהייב פון דער ברויט־פּראַגע, פון דעם אומגליקלעכן לחם הקלוקל.

דער גלגול פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם דערמאָנט אין דער פאָלקס־מעשה מיטן חשבון, וואָס די כעלעמער חכמים האָבן געמאַכט, ווען אין זייער שטאָט איז געקומען צו פאָרן וויינען אַ שמיד: „שמידן זענען דאָך שוואַרצע און שוואַרצע זענען ציגיינער און ציגיינער זענען גנבים"...

כמעט אַזוי האָט אויך אויסגעזען דער חשבון מיט די „סטאַראָזשאָוו־קעס":

— אַ מענטש דאַרף דאָך לעבן און אויף צו לעבן מוז מען דאָך האָבן ברויט און ברויט באַקומט מען דאָך נאָך אויף קאַרטן און די קאַרטן באַקומט מען דאָך אין „זשילקאָפּ", נאָר אויב מען ברענגט אַלע חודש אַ פרישע „ספּראַווקע", ווו מען אַרבעט און וויפל מען פאַרדינט — משמעות, אַז מען מוז ערגעץ אַרבעטן, ס'איז פּקוח נפש!

באַם ס'האָט זיך געפונען אַזאַ דרייסטער יאַנקל און האָט דעם פאַר־זיצער פונעם „זשילקאָפּ" מגלה סוד געווען, אַז ער איז איצט, נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט, אַרבעטסלאָז, האָט אין אַזאַ פאַל בפירוש דער פאַרזיצער געהייסן אַרויסגעבן די ברויטקאַרטן, סיי פאַר אים, סיי פאַר די, וואָס ער האָט אויף אויסהאַלטונג. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז דער דאָזיקער יאַנקל געוואָרן אַרויסגערופן אין דער „געפּעאו", ווו מען האָט אים געשטעלט איין און איינציקע פּראַגע:

— זאָג אונדז, ווי באַלד אַז דו אַרבעטסט נישט, פון וואָס זשע לעבסטו? ס'איז דאָך איינס פון די ביידע: האָסטו גרייטן קאַפּיטאַל — גיב אים אָפּ, זיי מוחל, דער מלוכה, האָסטו נישט, פון וואָס דען עקזיסטירסטו? דו ווייסט דען נישט דעם כאַווער סטאַלינס כלל:

Кто не работает, тот не ест! *

בקיצור: אַרבעטן האָט מען געמוזט אָן טענות. און דאָ האָט זיך ווייטער גענומען קייטלען דער „בעלעמער" חשבון:

— זאָל מען גיין אויף אַן ערנסטער אַרבעט, וואָס האָט חוץ דעם געהאַלט אויך אַ זייטיקע הכנסה, מוז מען דאָך אַרבעטן אום שבת; זאָל מען גיין אויף שוואַרצער טאָג־אַרבעט, גיט זי דאָך נאָר וואַסער אויף קאַשע, און לעבן מוז מען דאָך, און דער יקרות שטייגט דאָך פון טאָג צו טאָג. אַלאַ וואָס דען — זיך דרייען אויפן מאַרק און פון דעם שלעפּן די חיונה — וועט דאָך די „געפּעאו" ווידער נישט לאָזן צו רו: מאין ירק זה חי? פון אָט דעם פאַרפּלאָנטערטן שקלא וטריא איז נולד געוואָרן דאָס הכרחיות, אַז ייִדן, וואָס ווילן נישט אַרבעטן אום שבת, מוזן ווערן סטאָרייזשים. אַ סטאָראָזש — ביי נאַכט און אַ מאַרק־ייִד, אַ „שאָטעמאַיעשניק" ** — ביי טאָג. סטאָראָזשאָוקעס זענען געווען פאַרשידענע.

עס זענען געווען אַכט־שעהדיקע — אין מאַגאַזינען, וועלכע האָבן געאַרבעט ביז האַלבער נאַכט. אָדער, למשל, אין אַרטעלן, וועלכע האָבן „געיאָגט", אָדער „דעריאָגט", אָדער „אַריבערגעיאָגט" דעם „פּראָמפינפּלאַן", די אַזוי גערופענע: „שלאָגלערישע". עס זענען געווען זעכצן־שעהדיקע: אין אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געאַרבעט נאָרמאַל. עס זענען געווען אויך פיר־און־צוואַנציק־שעהדיקע: אין די זאַוואָדן און פאַבריקן, אין טראַנספּאָרטנע באַזעס אָדער קאַגאַטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אַ קיילעכדיקן מעת־לעת אוז מען האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף די עוברים ושבים, אַז מען זאָל מיט זיך עפּעס נישט מיטנעמען. עס זענען געווען אויך סטאָראָזשאָוקעס אינוויינינקסטע, ווו מען פלעגט דעם סטאָראָזש פאַרשפּאַרן פון דרויסן. אָבער דאָס רוב זענען זיי געווען אינדרויסנדיקע. דער געהיטער אָביעקט פלעגט פאַרשלאָסן ווערן דורך דעם באַלעבאָס און דער סטאָראָזש, אָנגעטון אין אַ שמויסענעם פעלץ מיט וואָילעטשנע פּוישטן, וועלכע עס פלעגט אַרויסגעבן דער אַרטעל פון די סטאָרייזשיב, פלעגט אין קאָרידאָר אָדער פּשוט אויף דער גאַס איבערשטיין די נאַכט.

עס זענען געווען סטאָראָזשאָוקעס „פרייַלעכע" און עס זענען געווען „אומעטיקע".

„פרייַלעכע" — האָט געמיינט: אין אַ צענטראַלן ראַיאָן פון דער שטאָט, ווו מענטשן גייען אַרום אַ גאַנצע נאַכט אויף און אָפּ, ווו עס זענען

---

* „ווער עס אַרבעט נישט, דעם איז נישט דערלויבט צו עסן".

** Що ты маешь? — הייסט אויף אוקראַיניש — „וואָס האָסטו עפּעס?", געמיינט — אַ סוחר אויף אַלץ, אַ קונה הכל.

דאָ בשכנות נאָך צענדליקער קלייטן אָדער אַנדערע אינסטיטוציעס, ווו מען קען זיך זען מיט אַ גוטן־ברודער, הערן אַ נייעסל, אַ פּיקאַנטן לינן, אויסרעדן אַ יידיש וואָרט. „אומעטיקע" — האָט געמיינט: פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַן עק שטאָט, ווו מען זעט נישט פון תחילת־נאַכט אָן קיין לעבעדיקן נפש.

בכלל די פונקציעס פון די „שומרי־ישראל" זענען געווען זייער באַגרעניצטע.

זייער „אַרבעט" איז געווען: פאַר נאַכט ווינטשן דעם באַלעבאָס אַ „גוטע נאַכט" און פאַרנעמען דעם פּאָסטן, און אין דער פרי ווינטשן דעם באַלעבאָס אַ „גוט מאָרגן" און זיך אַראָפּנעמען פונעם פּאָסטן. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז אָט די זיבעציק, און אפילו אַכציק־יעריקע זקנים וועלן זיך גיין שלאָגן מיט גנבים אָדער אפילו זיי נאָר זאָגן, חלילה, אַ קרום וואָרט. חס ושלום! יידן בני־תורה מיט „סמיכות" און מיט „הודאות" וועלן זיך גאָר גיין אַקעגנשטעלן גזלנים־מומחים אָדער רוצחים, רחמנא ליצלן — ניין! אָט די גאַנצע קאָמעדיע מיט די סטאָרייזשים איז נאָר געווען צוליב דעם, אַז אין פאַל, אויב עס געשעט אַ גנבה, זאָל זיין אַ פּאַרטיקער שעיר לעזאזל, וועמען „איינצוזעצן" און דער באַלעבאָס זאָל זיין „אין דרויסן".

דאָס איז געווען די גאַנצע כונה. מער נישט ווי צוליב דעם.

די וועכטער־אַרטעלן האָבן זיך מיט אָט די „שיינע יידן" ממש דערקוויקט. עס האָט זיך זיי גאָר קיין מאָל נישט געחלומט אַזאַ פּלוצימדיקער פּראָגרעס. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצופילן דעם פּלאַן אויף פינף הונדערט פּראָצענט.

פאַראַן אין ראַטן־פאַרבאַנד פיל אומדאַנקבאַרע פאַכן, ביי וועלכע דער אַרבעטער האָט נישט די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף די מינימאַלע באַדערפעניש, אפילו נישט אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט, אפילו נישט אויף פופצן טאָג אין חודש. אין צעטל פון אָט די „געבענטשטע" פּראָפעסיעס זענען אין יענע יאָרן אַריינגעגאַנגען: ברייונטרעגער, פאַרמאַצעפטן, ביבליאָטעקערס, אויפרוימערס און נאָך צענדליקער מינים מלאכות, וואָס דאָס לעבן פון די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט דאָס אומגליק זיך מיט זיי צו באַשעפטיקן, איז געשטאַנען אויף אַן אומגלייבלעך נידעריקן ניוואָ. אָבער צווישן אָט די אַלע פאַרשעמטע שטעלעס האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד די מלאכת־הסטאָראָזשעריי. די דאָזיקע „אָנגעשטעלטע" האָבן באַקומען אַזאַ לעכערלעכן געהאַלט, אַז מער ווי עטלעכע וואָכן האָט זיך קיינער נישט געהאַלטן ביי ד ע ר אַרבעט. עס פלעגן טרעפן סקאַנדאַלן, וועלכע האָבן זיך אָפט מאָל דורכגעריסן צו דער עפנטלעכקייט אפילו דורך דער פּרעסע: אַ דירעקטאָר פון אַן אַנשטאַלט קלינגט אָן אין וועכטער־אַרטעל, אַז מען זאָל אים צושיקן אַ וועכטער. דערויף ענטפערט אים דער פּאָרזיצער פון דעם וועכטער־אַרטעל:

— נישטאָ ביי אונדז קיין וועכטערס, אדוני פּריץ, קיינער וויל נישט אַרבעטן פאַר אָט דער גראָשנדיקער קיצבה. איר האָט נאָר אַ ברירה אַליין

בלייבן היטן אייער עשרות. נישטאָ קיין משרתים פאַר זעכציק רובל אַ חודש.

און עס זענען געווען פאַלן, ווען צווישן די אָנגעשטעלטע פלעגט צו־נויפגעשטעלט ווערן אַ ליסטע און יעדער אין זיין ריי פלעגט „שענקען" אַ נאַכט היטעניש. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען די אָנגעשטעלטע האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון דעם מין „פאַרבייסעכץ" נאָכן שווערן אַרבעטסטאָג און דער דירעקטאָר קען דאָך אויך נישט איבערלאָזן אויף הפקר מלוכהש פאַרמעגן, וועלכעס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן און פאַר וועלכן ער איז פאַראַנטוואָרטלעך מיטן קאָפּ. דאַן פלעגט ער אַליין טאָקע, בכבודו ובעצמו, ברענגען אַ קישן אין קאַנטאָר אַריין און זייער שיין דאָרטן בלייבן נעכטיקן. די דירעקטאָרשע, נעבעך, אויב זי האָט נאָך אַ גאַנצן איינזאַמען טאָג זיך געוואָלט אַ ביסל אונטערהאַלטן מיטן מאַן, האָט זיך געמוזט, במחילת־כבודה, אַראָפּלאָזן צו דער מדרגה פון אַ פשוטער סטאָ־ראָזשיכע...

ווי נאָר עס האָבן זיך אָבער אַ לאָז געטון די רבנים און סתם שיינע־יידן צו דער עבודה, האָט קיעוו פרייער אָפּגעאָטעמט. דער וועכטער־אַרטעל האָט ממש פאַרשאַטן די שטאָט מיט וועכטערס. אין קיעווער געגנט זענען, נישט קוקנדיק אויף אַלע רדיפות, נאָך געבליבן אַ שפּאַר ביסל רבנים און אַנדערע כלי־קודש און אַלע זענען זיי זיך צונויפגעלאָפן קיין קיעוו — יאָ גוט, צי נישט גוט, אָבי: בתוך עמי אנכי יושב, אָבי צווישן יידן! — און אַלע האָבן זיי געדאַרפט ספּראַווקעס אויף ברויטקאַרטן און אַלע האָבן זיי זעלבסטפאַרשטענדלעך דערביי געזוכט אָפּצוהיטן שבת. אַזוי אַרום זענען זיי אַלע מגולגל געוואָרן אין סטאָרייזשים.

דאָס באַליבטע ווערטל אין יענע טעג איז געווען: טאָמער טרעפט זיך אַ שאלה אויף אַן עוף, דאַרף מען נאָר אויסוואַרטן, ביז עס וועט נאַכט ווערן און דאַן אַרויסגיין אויף קרעשטשאַטיק... טאָמער האָבן מענטשן געהאַט אַ לאָדעניש, פלעגן זיי אָפּשמועסן זיך צו טרעפן אין אַ ביינאַכטיקער שעה אויף אַ צענטראַלער גאַס, ווו עס זענען דאָ פיל מאַגאַזינען: דאָרט האָט מען שוין געקענט צונויפשטעלן אפילו אַ גאַנצע סנהדריה־גדולה.

צווישן די וועכטערס אַליין איז צו יענער צייט געווען פאַרשפּרייט אַזאַ וויץ: איצט, אַז עמעצער קומט צום פאָרזיצער פונעם וועכטער־אַרטעל און וויל ווערן אַ סטאָראָזש, זאָגט מען אים יענער: — „ווייז דיין סמיכה אויף רבנות"... אַז גאָט וועט העלפן, די צייט וועט זיך בייטן, עס וועט ווידער ווערן שנים כתיקונם און עמעצער וועט קומען צו קהל און זאָגן: „איך בין ראוי להוראה, נעמט מיך אויף פאַר רב", וועט מען אים ענטפערן: — „ווייז אַ ספּראַווקע, אַז בימים ההם ביסטו געווען אַ סטאָראָזש"...

איבער גאַנץ קיעוו איז אויף אַ „שהחינו" שווער געווען צו געפינען אַ סטאָראָזש — נישט קיין יידן, אָדער אפילו אַ יידן, נאָר אָן אַ באָרד און פאות.

*

אין די אומענדלעך לאַנגע ווינטערנעכט פלעגט זיך זיצן אַ רב פון אַ

שטעטל, איינגעוויקלט אין דעם קאַזיאָנע האָריקן פּעלץ, וועלכער האָט נישט געלאָזט דערפילן דעם פראָסט. זיין פאַרגעלטע פון טאַבאַק גרויע באָרד פלעגט זיך צונויפגיסן מיט די וואָלענע שאַפּן־קאָלטונעס, די אויגן פלעגט ער צומאַכן — כאָטש אַנטשלאָפן ווערן איז געווען אַ סכנה — און זיך אין דמיון אַריבערטראָגן אין דער אַלטער היים, ווו ער און זיין פאָטער און זיין זיידע זענען געווען מורה־הוראהס. דער איינזאַמער פאַרשנייטער גאַנעק, אויף וועלכן ער פלעגט זיצן, פלעגט פאַרשווינדן, דער אָנפאַרטרויטער „אָביעקט" פלעגט צערינען ווי אַ חלום, און אָט וועט ער זיך מיט זיין עדה־קדושה בין מנחה־למעריב ביים „שיעור"... און אָט איז די פּאָרכטיקע יום־כפור־נאַכט. ער אַליין, אין טלית און אין קיטל, זאָגט פאַרן עמוד „שיר־היחוד". די מעת־לעתדיקע וואַקסענע נשמה־ליכט „שיסן" מיט סכנות־נפשות, דער שאַרפער ריח פונעם פרישן היי, וואָס איז צעוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע, דערמאָנט אין פעלדישן רחבות: בנאות דשא ירביצני*...

און אָט איז שמחת־תורה... און אָט איז פורים... און אָט כשרט ער די מיל... און אָט איז קהל צום „פינפטן ליכטל" ביי אים אויף לאַטקעס. די גבאים לעקן די פינגער פון די געריכטן און די רביצין, לשלום, שמעלצט זיך פאַר נחת... און אָט זעט ער די גדולה אין שטעטל, ווען ר' ירוחם בעל־טאַקסע האָט געשאָנקען אַ „רייניקייט" אין דער יונגעלייטישער קלויז... און אָט גייט מען נאָך באַגלייטן ר' ישראלצין, דעם רבינס משולח נאָך מעמד־געלט, וואָס פאָרט „אַהין", כדי זיך פאַרשפּאָרן גלגול־מחילות... און אָט שפּאַצירט ער מיט די גבאים אויסן דער שטאָט איבערקוקן דעם „עירוב"... און אָט פאָרט מען מיט דער „אקס" צום רבין. חסידים זענען עולה רגל אין אַלע עקן וועלט: קיין סקווירע, קיין טאַלנע, קיין זלאָטאָפּאָל, קיין טשערנאָביל, אַז נישט איז קיין מאַקאַראָוו אָדער קיין האָרנאָסטאָפּאָל... די רבישע הויפן זענען צע־שפּרייט מסוף העולם ועד סופו און חסידים ציִען זיך צו זיי ווי אָפּגעריסענע פונקען — אַרויף, צום מקור האש...

ווען דער מיליציאָנער, וואָס קאָנטראָלירט די פּאָסטנס, גיט אים אַ טאָרקע: „העי, דו, העראַי, האָסט זיך שוין גוט אויסגעשלאָפן?"... קוקט אים אָן דאָס שטעטלשע רבל מיט אַ פּאָר גלעזערנע פאַרוואָגלטע אויגן, פון וועלכע עס קוקט אַרויס דער טרויער פון דער וועלט. ער קען בשום אופן נישט משיג זיין, וואָס פאַר אַ סמיכת־הפרשה איז פאַראַן צווישן אָט דעם ערל מיט דעם רבינס הויף...

אַזאַ „סטאָראָזש", אַז מען פרעגט אַ מאָל אויף אַ ציקאַוועסט:

— ר' איצעניו־סערדצע, וואָס טוט איר דאָרט אַזאַ נאַכט איינער אַליין אויף דער גאַס? די נעכט זענען דאָך היינט לאַנג ווי דער יידישער גלות...

ענטפערט ר' איצעניו:

— וואָס הייסט, וואָס? איך מיש איבער אין קאָפּ דעם ספר־החיים מיינעם... ווי שטייט דאָרט אין דער מגילה: בלילה ההוא נדדה שנת המלך,

---

* אין אַ באַגראָזט ווינונג האָט ער מיך באַזעצט.

וואָס זשע איז געווען די עצה — ויאמר להביא את ספר הזכרונות... איך מאַך מיר אַ שטיקל חשבון־הנפש, איך באַטראַכט, עד שידי מגעת, וואָס איז דער תכלית פון דעם אַלעמען. איך פרעג ביי זיך אַליין: שומר, מה מלילה? שומר, מה מליל? נאָך דאָס אויך נישט, וואָלט איך דאָך שוין אין גאַנצן געווען אַ שומר חנם*...

גאַנץ אַנדערש פלעגן אויסזען די סטאַראָזשאָווקעס אויף די צענטראַלע גאַסן. יידעלעך־חסידימלעך אין די ברייטפּאָלעדיקע בורנעסן פלעגן זיך צונויפדריקן אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ ערגעץ אין אַ טונקעלן קאָרידאָר און מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס אויפכאַפּן אַ וואָרט פון „אים" זכרונו לברכה, אַליין נאָכדערציילן אַ „גלייכן צוקוק" און אַ מאָל אפילו אַ טיפּן פּלפּול. אָט דאָ אין די טונקעלע קאָרידאָרן האָט מען געקענט געוווּיר ווערן די פּרייז פון „לאָקשן" **, דעם קורס פון „קנעפּלעך" *** און אָפּזוכן אַ לאָך אויף אַן אבן־טוב. דאָ האָט מען שטענדיק געוווּסט, וואָס אין „טאַרגסין" איז אָנגעקומען, אין וועלכע „פּראָסטע" מאַגאַזינען מען וועט היינטיקע וואָך עפּעס „געבן" און אפילו אויף וועלכע טאַלאָנען. די דאָזיקע געמיטלעכע מסיבות פלעגן זיך ציען אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז אויפן דאַך פלעגט זיך באַוויזן אַ „קנעפּל". אַזוי ווי די שרעטעלעך פלעגט זיך דער עולם דאַן צעלויפן איבער זיינע קאָרידאָרן, הויפן און טראָטואַרן. ווי נאָר דער רוח פלעגט אָוועקטראָגן דעם „יון", אַזוי פלעגט ווידער ווערן אַ געדראַנג אין דעם צענטראַלן קאָרידאָר, ווידער פלעגן מיט אַ קרעכץ דערמאָנט ווערן די אַמאָליקע דאָנערשטיק־ביינאַכטן אין רבינס שטיבל... דעם רבינס „הקדמות"... דעם רבינס גיין אין אַ פּאָלאָנקע **** פאַרן פּראַווען „חצות"... דעם רבינס גיין אין וואַסער אַריין פאַר קידוש־לבנה, מוצאי יום־כפור, נישט אָפּגעפּאַסטערהייט...

---

* אַ ווערטער־שפּיל. דער ריכטיקער באַדייט — אַ וועכטער, וואָס נעמט נישט קיין געהאַלט. אָבער דאָ געמיינט — ווי באַלד אַזוי, האָט מיך גאָט אומזיסט געמאַכט פאַר אַ סטאַראָזש. אלא וואָס דען, ער האָט דערביי געהאַט אַ כונה, איז דאָך מיין חוב, צו טרעפן זיין כונה.

** געמיינט — דאָלאַרן.

*** געמיינט — גאָלד־מטבעות.

**** אַן אויסגעהאַקטער קוואַדראַט אין דעם אייז, וואָס דעקט צו דעם טייך, אויף צו וואַשן וועש.

קאפיטל XXVIII

וולאדימירסקע־גארקע איז דער שענסטער און באליבסטער פארק אין קיעוו. ער געפינט זיך אויף א בארג און הענגט אראפ משופעדיק איבערן דניעפר. אויפן סאמע בולטסטן ארט, שיף איבערן טייך, שטייט א גרויסער דענקמאל פון דעם פארצייטישן קיעווער פאטריארך — דעם הייליקן וולאדימיר. די געפאלדעוועטע ריאסע * הענגט מאיעסטעטיש אויף זיינע הויכע אקסלען און דערגרייכט ביז זיינע פיאטעס. די גלייך אויסגעקעמטע לאקן מיט די קרייזלען ביי די ברעגן מאכן א ביסל ווייכער דעם איינדרוק פון זיינע שטרענגע אקסלען, פון זיין ערנסט פנים און מילדערן א ביסל דעם שרעק, וואס עס ווארפט אן זיין אימהדיקע פיגור און דער לאנגער צלם, וואס ער האלט אין דער האנט.

איבער קיעוו הענגט א געדיכטער חושך. אין פארק זענען פארשטילט געווארן די קולות פון די שפאצירנדיקע. קיעוו שלאפט שוין און זעט פארשידענע חלומות, נאר די וועכטער — די יידן, וואס זענען מקריב צוליב דעם הייליקן שבת דריי הונדערט פינף און זעכציק שלאפלאזע נעכט אין יאר, נאר זיי זענען וואך און היטן די שטאט.

אויפן פנים פונעם הייליקן וולאדימיר פארשפרייט זיך א טיפע עצבות. צו פיל זאכן האט ער זיך שוין צוגעווינט, אזוי, למשל, האט ער שוין געפועלט ביי זיך, אז פון די וועלט־בארימטע פעטשערסקע־לאורעס, וווהין די רוסישע מאנארכן פלעגן ארייקריכן אויף די קניען און קושן די שטיינער פונעם פאל, דארף זיין אן אנטי־רעליגיעזער מוזיי און יענע הייליקע נישעם און קעליעם ** ווערן באטראכטן פון אן ערב־רב פרעמד־גלויביקע און אומגלויביקע... ס'איז שוין ביי אים רעכט געווארן, וואס דער סאפיעווסקעסאבאר ***, וועלכער איז העכער פון גאנץ קיעוו און וועלכער פלעגט באשירעמען די שטאט מיט דער הייליקייט פון די „מאשטשעם" ****, וואס רוען אין זיינע הייליקע היילן — דארף זיין אן ארטעל פון היטלמאכערס... אלץ האט ער שוין ביי זיך געפועלט, אלץ איז שוין ארייגעגאנגען אין א דרך הטבע, אבער אז דאס הייליקע פראוואסלאוונע קיעוו זאל פארגלייבט ווערן אויף דעם אחריות פון די איזראעליטן — דאס קען ער נישט סובל זיין, דאס איז איבער זיינע כוחות... ווען איז דאס אזא איינפאל? דאס איז דאך אזוי ווילד... אזוי ווילד... צוקוקנדיק יעדן אוונט, ווי משה רבינוס חיילות נעמען אין געפאנגענשאפט דאס הייליקע קיעוו, גיסט זיך פון אים ריטשקעסווייס זיין פאטריאכאליש בלוט:

Антихристы, анафемы, прости, Господи! *****

---

* א שווארצע, לאנגע, גלחישע קאפאטע. ** אזעלכע פארבארגענע מאנאכן-קעמערלעך. *** סאבאר — א גרויסער קלויסטער, ווו עס קומען פאר די בארא-טונגען פון די גייסטלעכע. **** ביינער פון הייליקע גייסטלעכע.

***** אנטיקריסטן, שדים, גאט זאל מוחל זיין פאר די רייד...

אזוינס דערלאָזן... אזוינס דערלאָזן... דאָס איז זייער נישט קריסטלעך... נישט עוואַנגעליש...

ער איז אומעטיק, זייער אומעטיק, דער אַלטער קיעווער פּאַטריאַרך — וולאַדימיר דער הייליקער, אויף וועמענס נאָמען עס רופט זיך דער פּאַרק.

נישט ווייט פונעם געריכטסהויז, אויפן פּלאַץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון די „העלדן פון פּערעקאָפּ" *, פּאַרכאַפּט דאָס אויג דער דענקמאָל פון באָגדאַן כמעלניצקי.

דאָס פערד אונטער אים — אַ צערייצטער טיגער, די אויגן כמיעלס — צוויי פּאַקעלן, די וואָנסן ציטערן אַזש, אַזוי אויפגערעגט איז זייער באַלע־באָס. און כמעלניצקי איז טאַקע נישט אויף קאַטאָוועס בייז. אַלצדינג האָט ער זיך גערעכט אויף די באָלשעוויקעס, נאָר אַזאַ זאַך — קיין מאָל נישט! אַזאַ פּרעכטיקע שטאָט ווי קיעוו, די קרוין פון אוקראַינע, זאָל מען זי אָנפאַרטרויען בלויז קרעטשמערס און פּראָצענטניקעס, וועלכע ער האָט, איידער מען האָט אים צוגעשמידט צו אָט דעם אָ פערד, אַזוי געטריי געשחטן און געברענט... ער איז מלא־רציחה און וועט עס דער ראַטן־מאַכט קיין מאָל נישט מוחל זיין...

אין ניקאָלאַיעווסקע פּאַרק, וואָס פאַרנעמט אַ „שטיק שטאָט", אַקוראַט קעגן דעם אוניווערסיטעט, טליעט אין דער נאַכט־פינצטערניש די גרויסע בראָנזענע פיגור פון דעם אוקראַינישן פאָלקס־דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ.

אויף זיין צערייצטן פּנים איז צו דערקענען, אַז עס ברענט אין אים אַ העליש פייער. די טונקעלע בראָנזע איז רויט־צעגליט און וואַרפט אָפּ אַ טרויעריקן אָפּשיין פון דעם פּלאַס, וואָס בושעוועט אין דעם דאָזיקן מעשע־נעם בן־אדם. אויך דער גראַניטענער פּיעדעסטאַל איז אָנגעגליט פון דעם צאָרן פון זיין באַלעבאָס. שעווטשענקאָ אַליין פאַרלירט שיר נישט זיין בלוט־רויטן קאַפּטאָן פון די אָנגעדראָלענע אַקסלען. די קאַזאַצקע וואָנסן און די בולבעוואַטע נאָז דערציילן דער נאַכטישער שטילקייט פון דעם גרימצאָרן, וואָס פּלאַקערט אין האַרצן פון דעם פּאָעט אויף די קאָמונאַרן, וואָס האָבן דערהצו דערלאָזט, און אויף די „קרעציקע זשידעס", וואָס האָבן פאַרנומען גאַנץ קיעוו, זיין קיעוו, דאָס הייליקע קיעוו, דאָס קאָזאַקישע קיעוו... טאָמער איז פּאַר זיי ווייניק די טעג, זענען זיי שוין געוואָרן אויך נאַכט־באַלעבאַטים... ווען ער זאָל קענען, וואָלט ער אַראָפּ פון דער דאָזיקער מצבה, ער וואָלט אויפגעהויבן דאָס גאַנצע פאָלק, פונעם דניעפּר ביזן דאָן און זיי וואָלטן שוין אָפּגענומען דאָס לאַנד ביי די פאַרכאַפּערס! זיי, די באַזונגענע היידאַמאַקעס מיט זייערע העלדישע העטמאַנעס און אַטאַמאַנעס, זיי וואָלטן שוין אָפּגענומען דאָס לאַנד צוזאַמען מיט די לעבנס ווי אין די אַלטע גוטע צייטן...

אויפן געוועזענעם דומסקע־פּלאַץ, וועלכער הייסט היינט אויפן נאָמען

---

* אַ פעסטונג אין אַזאָוו-שוואַרץ-ימישן געגנט, ביי וועלכן די רויטע אַרמיי, האָט זיך אין דעם ערשטן וועלטקריג באַרימט געמאַכט.

פון מיכאאיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, שטייען פאַרן אַבלפּאַרטקאָם צוויי גרויסע ביוסטן: פון קאַרל מאַרקס און פון פרידריך ענגעלס.

פאַלט צו די נאַכט, קוקן זיי זיך צו מיט פאַרחידושטע בליקן, ווי די ידישע אָרמייען פאַרנעמען די שטאָט. אין תוך גענומען אַרט זיי דאָס נישט. זיי זענען ווייט פון אַזאַ חיהש געפיל ווי אַנטיסעמיטיזם, מאַרקס איז אפילו אַליין אַן אָפּשטאַם פון יענעם שבט. זיי זענען נאָר איבערראַשט פון דעם דרייסטן פאַרנעם: אַלע וועכטערס — בלויז יידן און בלויז — רעליגיעזע יידן. און טאַקע דאָס רוב — עכטע כלי־קודש, אמתע נטורי קרתא*... היינט, גיי זיי אַ נביא, צי די שטאָט עקזיסטירט אין זכות פון דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע, וואָס איז שוין, למזל, בר־מצוה געוואָרן, צי אין זכות פון אָט די באַבערדיקטע תהילים־זאָגערס... עס אַרט זיי נישט, נאָר עס איז עפּעס אויסטערליש, פּאַראַדאָקסאַל...

פאַר דעם רעוואָלוציע־מוזיי, אונטער דער אויפזיכט פון צוויי שרעק־לעכע לייבן מיט אַרויסגעשטעקטע צונגער, אויף אַ הויכן פּאָסטאַמענט שטייט אַ גרויסער, אַ שיינער ביוסט פון אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש פּושקין.

מיט זיינע קלוגע, וואַרעמע אויגן קוקט ער זיך צו אַלע נאַכט, ווי אַזוי די אַלטפּרענקישע יידן מיט די גרויסע שטערנס און מיט די איבערגעשראָ־קענע אויגן צעקריכן זיך איבער דער שטאָט און פאַרנעמען די מאַכט איבער איר. אים איז דער דאָזיקער אויפטו זייער געפעלן. ער זעט אין דער דער־שיינונג אַ היסטאָרישן קוריאָז, אַ קאַפּריז פון אַ פאַרבאָרגענער מעכטיקער האַנט. עס טוט אים נאָר ווי דאָס האַרץ אויף זיך אַליין, וואָס ער מוז דאָ טאָג און נאַכט היטן אָט די איינגעגעסענע חיות־רעות; ווען נישט, וואָלט ער שוין פון דער דאָזיקער קאָמעדיע אָדער טראַגעדיע — ווי עמעצער קוקט אויף דעם — באַשאַפן אַ גרויסע באַלאַדע, אַ נייעם:

"Кавказский пленник"... **

אויפן ריזיקן וואָקזאַל־פּלאַץ שטייט אין זיין גאַנצער גרייס — וולאַדי־מיר איליטש אוליאַנאָוו — לענין.

די לינקע האַנט האַלט ער אין בוזעם און מיט דער רעכטער טענהט ער עפּעס צום רבונו־של־עולם... יעדן אָוונט, ווען די יידן פאַרנעמען זייערע פּאָזיציעס אין די קאָרידאָרן, אין די הויפן און אונטערן הוילן הימל אויף די טראָטואַרן, צינדן זיך אָן פרייליכע פייערלעך אין זיינע גוטמוטיקע אויגן. ער רייסט איבער דעם שמועס מיט דעם באַשעפער און באַקוקט די שטאָט מיט די יידישע לעגיאָנערן. ער האָט הנאה פון דער נייער דערגריי־כונג. עס געפעלט אים פשוט דער איינפאַל: זאָל דער אַלטער יידישער דור נישט קומען מיט קיין טענות, אַז ס'איז זיי נישט צוטריטלעך אומעטום...

---

* בוכשטעבלעך — שטאָט-היטערס. געמיינט — צדיקים, אין וועמענס זכות עס האַלט זיך אויף די שטאָט.

** „דער געפאַנגענער פון קאַווקאַז". אַ באַקאַנט ליד פון אַ. ס. פּושקין.

נו, פאַרקערט, זאָלן זיי פּרוּוון איצט אַזעלכעס זאָגן. גאָט אַליין ווייסט, אַז איצט זענען זיי די גאַנצע באַלעבאַטים אין שטאָט. זיי קענען איצט אפילו איבערקערן די שטאָט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף — קיינער קען זיי נישט שטערן, אַלע שלאָפֿן...

די ריזיקע חיה, וואָס טראָגט דעם נאָמען „קיעוו", שלאָפֿט מיט אַ שכּורן שלאָף פֿאַרגלייבנדיק זיך אין גאַנצן אויף די „באַנק־קוועטשערס", אויף די שול־יידן. און די דאָזיקע שול־יידן, בשעת מעשה, הערן ווי המן דעם גראַגער אָט די אַלע מעשענע און שטיינערנע „פּסלים", זיי שטעלן אַרויס איינעם אַכטונג געבן, צי עס באַווייזט זיך נישט דער „אדון בפּקדך" און אַליין דערציילט מען איבער אַ „וואָרט" פֿונעם רבין ר' יהונתן, אַ „צוקוק" פֿונעם ווילנער גאון, אַן „אויפֿטו" פֿונעם מלבי"ם, אָדער עמעצער „זאָגט עפּעס נאָך" בדחילו ורחימו * פֿונעם מגיד זכרונו לברכה. יידן זענען זיך מתדבק אין זייערע גרויסע „נפֿטרים" און פֿילן אין זייערע רייד אַ טעם מעין עולם־הבא. ווען נישט אָט די „פּאָנים"** אין די רויטע אָקאָלאָש־קעס***, וואָלט מען גאָר אין גאַנצן פֿאַרגעסן, ווו מען געפֿינט זיך און צוליב וואָס.

די נאַכט שוועבט איבער קיעוו אייַנהוילנדיק אין איר געדיכטן שלייער אַלץ מיט אַן אַנדער: אי די טענות־האָבנדיקע סטאַטוען, אי די איינזאַמע סטאַרייזשים אויף די פֿאַרוואָרפֿענע גאַנקעס, אי די „פּריילעכע" סטראַ־זשאָוועס. זי, די שוואַרצע וועלט־קעניגין איז גלייכגילטיק צו אַלץ. זי איז שווער מיט וואָס עס איז איבערצוראַשן:

— כבר היה לעולמים... אין כל חדש...

*

דאָס איז געווען אין אַ נאַכט פֿון די עשרת־ימי־תשובה.

איבער קיעוו איז געהאַנגען אַן אויסגעשטערנטער הימל. אויף דער גאַס איז די לופֿט געווען דורכגעזאַפּט מיט פֿייכטקייט, עס איז געווען ערשט נאָך אַ רעגן, קילבלעך.

ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט.

שלמה מיט פֿאָלין זענען אַרויסגעגאַנגען אויף סינאַי־מאַרק פֿונעם לעצטן סעאַנס קינאָ און האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים. זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצוגיין ביזן ראָג, ווי שלמה האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט, אַ רייב געטון דעם שטערן און זיך אָנגערופֿן צו זיין באַגלייטערין:

— פֿאָלי, זייט אַזוי פֿיל גוט, לאָמיר דורכגיין דורך קודראַווסקע־גאַס...

פֿאָלי האָט אים פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— ווי קומט אַהער — קודראַווסקע?

---

* מיט פּחד און ליבשאַפֿט.

** געמיינט — די מיליציאָנערן.

*** געמיינט — די פֿאַרמענע מיליציאָנערישע היטלען.

— זי קומט טאַקע נישט אַהער, מיר דאַרפֿן גיין צו איר. איך דאַרף דאָרט עפּעס אַ פֿרעג טון.

— איצט, אַזוי שפּעט?

— דאָרט האָט אַ סטאַראָזשאַווקע איינער אַן אַלטער ייד, ר׳ יואל, פֿאַרמאָגט ער אויף זיין אייגנס: איין און איינציק אייניקל, שרהלע, זייער אַ פֿיין קינד, די גאַנצע טרייסט זיינע. האָט זי זיך יענע וואָך אָפּגעבריט אַ ביסל מיט קאָכיקער מילך. זי איז געווען זייער ערנסט קראַנק... קומט, איך וועל נאָר אַ פֿרעג טון, וואָס זי מאַכט...

פּאָלי האָט אומצופֿרידן אַ בורטשע געטון:

— איז אים איצט אויסגעקומען... קיין אַנדער צייט נישט אויסגעפֿונען...

זיי האָבן פֿאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פֿון קודראַוווסקע.

קומענדיק צו דעם סקלאַד, וועלכן ר׳ יואל האָט באַוואַכט, האָט שלמה קיינעם נישט געטראָפֿן. ער האָט מיט די אויגן געזוכט אין אַלע זייטן: אומזיסט! דער סקלאַד איז געווען הפקר. ער איז צוגעגאַנגען נאָך צו עטלעכע קלייטן — אומעטום ליידיק. ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, ווען פֿון אַ הויף איז אַרויסגעשפּרונגען אַ „שומר" אין אַ קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט. שלמה האָט אין אים גלייך דערקענט דעם בעדריטשעווער סופֿר זלמן־דוד. ער איז אים געגאַנגען אַקעגן, דערלאַנגט שלום און געפֿרעגט, וואָס ער מאַכט.

— עט, נישקשה. געליבט דער אייבערשטער דערפֿאַר...

— נו, און אייער פּנחס־געצל?

— ברוך השם, אַל דאָס גוטס, נאָר מיט פּרנסה איז אַ ביסל גע... געפּאַנפּעט אַ ביסל, אָבער אַזוי, ברוך־השם, נישט צו פֿאַרזינדיקן.

— ביי וואָס אַרבעט ער היינט?

— וואָס איז שייך, ביי וואָס? ער אַרבעט... ער אַרבעט... ער אַרבעט לעצטנס אין ערגעץ נישט... ער איז ביי מיר מיט דעם וויב און קינדערלעך... אויף מיין איזשדיווועניע*, הייסט עס...

— ווי אַזוי זשע לגבי דער... מען מוז דאָך האָבן אַ נאָמען...

— מען מוז, מען מוז... פֿון אויפֿשטיין ביזן לייגן זיך הערט מען מער גאָרנישט רק: מען מוז... וו שטייט עס געשריבן, אַז מען מוז? וואָס איז איר אַזאַ קרענק אין די ביינער, דער מלוכה דיינער, אויב ער וועט אַ שטיקל צייט פֿרייער אָפּאָטעמען? און אַז מען פֿלעגט גאָר אַמאָליקע יאָרן האַלטן אַן איידעם אויף קעסט גאַנצע צען יאָר? ברוך השם, נישט זי האָדעוועט אים, נאָר איך!... איי, וואָס עס פֿעלט איר אויס צום סכום אַ סטאַראָזש, איז אויף איר אויך אַ קליינער נעבעך, אָט אַרבעט איך דאָך, ברוך השם, צוויי סמענעס...

— ר׳ זלמן־דוד, איר דערמאָנט מיר יענעם קליינשטעטלדיקן פּיקח.

---

* אויסהאַלטונג.

אין בית־מדרש הינטער דער הרובע זאָגט איין חקרן צום צווייטן: „דו זאָרג זיך נישט פאַר דעם אייבערשטן, ער דערלייגט צו זיין וועלטל קנאַפּ וואָס. טאָמער, למשל, טרעפט, אַז אַ ייד עסט, רחמנא ליצלן, פּת אומגעוואַשן, דערפאַר טרעפט אָבער אויך, אַז אַן ערל, וואָס איז נישט מחויב בנטילת־ידים, עסט אַן אייער־בייגל, אַזוי אַז עס מאַכט אויס אויס, דעם כביכול, גלייך אויף גלייך. זיין באָבעס ירושה דערלייגט ער נישט".

— ס'איז גאָרנישט אַזאַ קרומער איינפאַל, ווי דו מיינסט... הכל צפוי... כלם בחכמה עשית...

— ר' זלמן־דוד, אָבער ווי אַזוי, צום לעבן... אויף לחם לאכול קלעקט אייך יאָ?

— וואָס איז שייך, עס קלעקט? עס מוז קלעקן! קיין געבראָטענע טייבעלעך נוצן מיר נישט און קיין קוילעטש אין דער וואָכן זענען מיר זיך אויך נישט נוהג, כ'וועל דיר דערציילן אַ סוד: שבת, אויך נישט אַלע מאָל... דו ווייסט דאָך: עשה שבתך חול וכולי. און כ'בעט דיך, מה רעש? יידן זענען טאַקע בני־מלכים, אָבער דאָס איז נאָר אין רוחניות, בגשמיות קענען זיי זיך זייער שיין באַגיין אויך אָן מעדני־מלכים. דו האָסט דאָך אודאי געהערט, ווי די וועלט זאָגט אַ ווערטל: אַ ייד אַן אָרעמאַן טאָר נישט עסן קיין סמעטענע! פאַר וואָס? — ווייל ער איז נישט קראַנק צו עסן זויערמילך... אַזוי איז דאָס, שלמה, נאָכן „וישמן ויבעט" בענקען מיר נישט, וואָס דען, אויף אַ באָרשטש פון בוראַקעס קלעקט ווי עס איז...

— וויפל באַקומט איר אַרום און אַרום פאַרביידע סמענעס?

— כ'ווייס? כ'זאָל דיר גיין אָפּגעבן חשבון? אַט־אַזוי־אַ מוטשעט מען זיך, מען שטופט דורך די הוצאה. אַ ביסל טאַקע מיינע גראַשנס, דאָס איבעריקע איז מיין פלוניתטע עוסק בפּרקמטיא*. זי האָט שוין דאָרטן אירע באַלעבאָסטעס און אירע הייזער, וווּ זי איז אַן איינגייערין. און איך, בדיעבד, בין נאָך גערן אָט די ביינאַכטיקע אַרבעט, עס באַקומט זיך: מעז יצא מתוק.

— וואָס זשע, וואָס?

— וואָס הייסט, וואָס? תורה מה תהא עליה? דעם טאָג לערן איך צו ביסלעך... וויפל עס לאָזט זיך...

— אָט דאָס אין גאַנצן?

— און אַז אָט דאָס אין גאַנצן, געפעלט דיר נישט? דו ביסט שוין אויך, זע איך, קאַליע געוואָרן... אַבי מען זאָגט: שלמה... שלמה...

— ניין, כ'האָב נאָר אַזוי געפרעגט... אַז איר זאָגט: גערן, האָב איך געמיינט: מי יודע, וואָס...

— וואָס זשע וואָלסטו געוואָלט, זאָל איך טון אין די טעג? פאַלש געלט נאָכמאַכן? צי טרייבן בראָנפן?

— ווען זשע שלאָפט איר שוין? אַז צוויי סמענעס דעזשורעט איר און די טעג זיצט איר על התורה ועל העבודה...

---

* געמיינט — האַנדלען.

— אַטראַזוי־אַ קומט מען אויס, ווייסט נישט? און ווידער, מיר סטאַ־רייזשים טוען דען עפּעס? און היושב בטל — איז דאָך — כּישן דמי...

— עס דאַכט זיך מיר נאָר אויס, ר׳ זלמן־דוד, אַז ביי אייך ציטערט עפּעס דאָס רעכטע אויג...

— עס דאַכט זיך דיר נישט. ס׳איז גאָרנישט. ס׳וועט איבערגיין. ס׳איז פון אַ באַגעגעניש מיט אַ... מיט אַ הונט...

— מיט אַ הונט?

— מיט אַ הונט, מיט אַ הונט. מיט אַ כלב פּשוט... מעשה שהיה, כך היה: איך בין מיר אַזוי געגאַנגען, געגאַנגען, אַ פּנים, געווען פאַרטראַכט און דאָ איז ער אַרויס פון אַ הויף עפּעס אַזוי אומגעריכט... ממש בהסח־הדעת... און דאָ איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער. כאַטש נעם זיך אַרויס אַן אויג... ווי אַזוי זיי שמעקן דיר אָן — טאַקע פּלאַי־פּלאָים... איז ביי מיר פון דאַמאָלסט אָן... פון אומגעריכטקייט... נאָר די רופאים זאָגן, אַז ס׳וועט איבערגיין... ס׳איז נישט אויף אייביק, עס דאַרף האָבן אַן אויסשטאַנד...

— וואָס זשע פאַר אַ סטאַראַזש זענט איר, ר׳ זלמן־דוד, אויב איר האָט מורא פאַר אַ הונט? מענטשן פון אייער בראַנזשע דאַרפן אַנוואַרפן אַ פּחד אויף אַלע הינט, נישט אַליין גאָר מורא האָבן פאַר —

— מורא גאָר... שייך צו זאָגן מורא... ס׳איז דאָך נישט קיין בער... נישט מער, איך קען נישט סובל זיין זייערע משוגענע העוויות... נישט מורא, נאָר איך האַלט עפּעס נישט פון זיי... אַ פריקרע חיה — אַ הונט, אָן אַ טראָפּן שכל, לאָזט זיך נישט איינגעמען מיט קיין רייד, איין מאָל ניין... דו קענסט אים בראָיען פון היינט ביז מאָרגן, אַז דו האָסט דאָ גאָרנישט געמיינט, און ער טוט זיך זיינס...

שלמה האָט זיך שטום איבערגעקוקט מיט פאַלין. אויף זיינע ליפּן האָט געבלאָנדזשעט אַ ספק־שמייכעלע. נאָך אַ קורצער פּויזע שטילשווייגן פרעגט ער מיט אַ תמימותדיקן ערנסט:

— האָט איר דאָך געקענט זאָגן דעם פּסוק: „כי סבבוני כלבים״... ס׳איז דאָך בדוק ומנוסה...

— אודאי איז דאָס בדוק ומנוסה, נאָר ווען זשע? ווען דער כלב זאָל וועלן אויסוואַרטן, ביז כ׳וועל אָפּזאָגן. אָבער אַז יענער איז דיר גלייך דאָ מיט די חוצפּהדיקע ציין און מיט אַ שאגת ארי און מיט... פּחדים נוראים, זאָג איך דיר, זאָגסטו גאָר פּסוקים...

שלמה האָט זיך צעלאַכט און אַרויפלייגנדיק די האַנט אויפן סופרס פּלייצע, געשעפּטלעך געזאָגט:

— ר׳ זלמן־דוד, איך דאַרף האָבן ר׳ יואל קאַמינקער. איר ווייסט נישט, פאַר וואָס ער איז נישטאָ?

דער סופר האָט באַקוקט פאַלין פון אויבן ביז אַראָפּ און פון אונטן ביז אַרויף און מיט אַ פּלוצלעכער האַפעדריקייט געענטפערט:

— פון וואַנען דרינגסטו עס, אַז ער איז נישטאָ? אין בערלס קאָרידאָר דערציילט ער מעשות פון רביים. גיי אַריין אַהין, אַלע זענען דאָרט.

— פאַר וואָס זאָגט איר — אַלע? אַט זענט איר דאָך דאָ...

— פון מיר איז קיין ראיה נישט. איך טשאַטעווע דאָ דעם מיליציאַנער. כלומר: איך טשאַטעווע אים, צי ער טשאַטעוועט אונדז נישט... גיי אַריין, גיי אַריין, הו וועסט אַנקומען סאַמע גוט, איך בין ערשט נישט לאַנג געווען, ווייס איך.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג, ר׳ זלמן־דוד, אָבער אַריינגיין וויל איך נישט. איך וויל נאָר געוווער ווערן, וואָס עס מאַכט זיין שרהלע. אפשר ווייסט איר אַליין צופעליק?

— דאַרף איך דאָך פריער וויסן, אַז ער האָט אַ שרהלע...

— אַזוי גאָר? רופט זשע אים מיר אַרויס, זייט מוחל.

— גיי אַליין אַריין, גיי אַריין, האָב קיין מורא נישט. עס ברענט דאָרט אַ ליכט, אַ מחיה... מעגסט אַריינגיין מיט דער בתולה, מיט דער כלה מיין איך, מיט דיינער, אויב איך האָב קיין טעות נישט —

— שיקט אים מיר אַרויס, וועט זיין בעסער. פאָלגט מיך...

דער סופר האָט מיטן ציטערנדיקן אויג נאָך אַ מאָל געגנוי באַקוקט פאַלין פון אַלע זייטן און איז אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג.

שלמה האָט באַמערקט, אַז פאַלי ציטערט אין גאַנצן פאַר כעס. דעם אמת געערדט, האָט אים שוין אַליין אויך באַנג געטון, וואָס ער איז איצט אַהער געגאַנגען.

עס זענען נישט פאַריבער קיין צוויי מינוט, ווי פון אַ זייטיקן קאָרי־דאָר האָבן אויסגעשאָטן אַ פּאָר מנינים עלטערע יידן, מיט מאַנטלען און אָן מאַנטלען, ס׳רוב פון זיי מיט ברילן און כמעט אַלע מיט די טלית ותפילינס אונטער די אָרעמס, וועלכע זיי נעמען מיט מיט זיך, כדי זיי זאָלן קענען אין דער פרי פאָרן פון דער סטאַראָזשאַווקע גלייך אין בית־מדרש אַריין. דערהערט, אַז מען רופט דעם אַלטן יואלן, זענען אַלע ווי איינער אַרויס אויף דער גאַס, מכמה טעמים: ערשטנס, טאָמער עפּעס נייעס. אַזאַ שפּעטער וויזיט, מן הסתם, נישט פּראָסט. והשנית, קען מען טאַקע פאַר איין וועגס כאַפּן אַ קוק צו די שלעסער אויך. וואָס איז עפּעס, הפקר פּעטרישקע?

דער גאַנצער עולם האָט אַרומגעשטעלט דאָס יונגע פּאָרפאָלק און זיי נייגעריק באַקוקט. ר׳ יואל, אַ קרעכצנדיקער, איז דער ערשטער אַרויס מיט לשון:

— האַ, שלמה, וואָס זשע האָסטו מורא געהאַט אַריינגיין, וואָס? איך האָב זיי דערציילט די מעשה פונעם שפּאָלער זיידן מיטן וואָיעוואָדע און איבערדערציילט די געשיכטע פונעם „פני־יהושע״, זכרונו לברכה, מיטן מעזריטשער מגיד, זכותו יגן עלינו. כאָטש דו האָסט שוין די מעשה געהערט פון מיר נאָך אין „פּאַנטאָפּל״, אָבער דאָך מאַכט נישט אויס, אַז מען הערט נאָך אַ מאָל... גוט־יידישע מעשות כשרן די אויערן... כ׳געדענק נישט, ווען מען וואָרט דאָס איז... צי די כלה דיינע האָט דיך נישט געלאָזט?... הערסטו, שלמה, איך קוק אויף דיין פלונית... איך זאָג שוין, פלונית...

איך כאַפּ די פּיש פאַר דער נעץ... נאָר עס מאַכט נישט אויס... אין מוקדם ומאוחר... אין „כי תצא" רופט די תורה אָן די „נערה המאורשה" — „אשת רעהו" שמע מינה, היינו הך... קוק איך אויף איר, הייסט עס, און טראַכט: ממש, ווי צוויי טראָפּן וואַסער — מיינע, די צווייטע, לשלום... נישט אויפן פנים, פאַרשטייט זיך, נאָר כ'האָב געזען ביי איר עלטערער שנור אַ בילד... וואַסער, זאָג איך דיר... ווי צוויי טראָפּן, בנאמנות... כ'מיין קענן דעם, וואָס דו זאָגסט: אשה נאה...

שלמה האָט איבערגעטראָטן פון איין פוס אויף דעם צווייטן און מיט אַ כריפּענדיק קול אַ זאָג געטון:

— ר' יואל, איך בין ספּעציעל געקומען געוואויר ווערן, וואָס עס מאַכט אייער שרהלע...

— געלויבט דער אייבערשטער, מאַקע גאָר, גאָר אויף אַ דרך... די געשווירן האָבן שוין געפּלאַצט, עס אייטערט נאָך דוקא און בפירוש גאַנץ היפּשלעך, זי קוויטשעט נאָך, די קליינע, אָבער איך האַלט, אַז ס'איז שוין בעסער. די דאָקטערשע, וואָס די פּאָליקליניק האָט צוגעשיקט, האַלט אויך אַזוי... ווי רופט מען זי, די כלה דיינע? ווי רופט מען אייך, חברטע? פאַר מיר דאַרפט איר זיך נישט שעמען, ווי פאַר אַן אייגענעם טאַטן... איך בין שלמהס אַן אַלטער חבר, נאָך פון „פאַנטאָפּל"... פון אָנהייבס אָן צוזאַמען... צוזאַמען געשטאַנען אַי ביים ווינקל, אַי ביים גריבעלע... צוזאַמען נחת געהאַט און צוזאַמען פּולווער געשמעקט... נישט איין חודש און נישט איין יאָר... אין אַלע מיסטן זיך געוואַלגערט — אויך צוזאַמען... איז ווי אַזוי, זאָגט איר, רופט מען אייך?

אויף צוריקוועגס האָט שלמה באַמערקט, אַז פּאָלי וויינט. כאָטש אין האַרצן האָט ער שוין אויך חרטה געהאַט אויף זיין איינפאַל, אָבער דאָך האָבן אים אירע טרערן שטאַרק פאַרקאַכט. ביז צו דער שטוב איז צווישן זיי נישט אויסגערעדט געוואָרן אפילו קיין איין וואָרט.

ביים געזעגענען זיך האָט זיך פּאָלי פריש צעוויינט:

— איך פרעג נאָר, פאַר וואָס קומט דאָס מיר, אַז יעדער אַלטער שלעפּער זאָל זיך אָנקערן מיט מיר מחותנעשאַפט? וואָס איז מיין עסק, וווּ ער האָט געאַרבעט און וואָס ער האָט געטון?

— פּאָלי, אָבער דאָס איז דאָך אַ צופאַל... דאָס איז שרהלע שולדיק... ווען נישט די מילך...

— צופאַל, צופאַל... מאָרגן וועט ער מיך באַגעגענען אין גאַס און זיך מיט מיר אַרומכאַפּן...

— זייט זיכער, דער אַלטער יואל וועט זיך מיט אייך נישט אַרומ־כאַפּן. ער וועט אייך גאָרנישט דערקענען אויך...

— אַז נישט ער, וועט אַ צווייטער קרומער־רוקן מיך דערקענען... ווייניק זענען זיי דאָרטן געווען?

— ווי שעמט איר זיך נישט אַזוי צו רעדן, פּאָלי?... מיר זענען דאָך עפּעס סאָוויעטישע יוגנט...

— נישט איך פאסט צו רעדן וועגן סאוויעטישער יוגנט...
— הערט אויף צו רייסן די הענטשקע, ס'איז שוין באלד נאך איר...
— כאפט זי דער רוח!
— אָבער כ'פארשטיי נישט, מיט וואס האט די הענטשקע געזינדיקט?
— דערמיט, וואס זי האט זיך צו מיר געפאקט אין די הענט אריין אין אזא מינוט...
— זייט נישט אזוי נערוועז... מען טאר דאך נישט...
— ס'איז נישט אייער זאך מיך צו לערנען, וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט... כ'בין שוין נישט קיין קליינינקע...
שלמה האט געשוויגן א ווײַלע און דאן זיך אנגערופן רואיק און ערנסט:
— הערט, פאלי, איך האב נאר דערפון געטראכט די גאנצע צייט צוריקגייענדיק. איר זענט גערעכט. איך טאר אייך מיט מיינע דרכים נישט ברענגען צו קיין טרערן. און אזוי ווי איך קען קיינעם נישט פארשטאפן דאס מויל, בלייבט מיר איבער נאר איין אויסוועג: נישט גיין מיט אייך... און איך זאג אייך צו —
ער האט אן לשון א טרייסל געטון איר האנט און מיט מעסיקע טריט זיך געלאזט גיין בארג־אראפ פון אוריצקע אויף קרעשטשאטיק.
ער האט זיך נאך נישט אראפגעלאזט קיין האלבן בארג, ווי פאלי האט אים דעריאגט און אים אנגעכאפט ביי דער האנט:
— שלמה, שלמהקע, וואס האט איר געזאגט אזוינס?
— איך האב געזאגט און זאג... איך מיין עס גאנץ ערנסט...
— שלמהלע, הערט נישט קיין נארישקייטן... אויף מיר טאר מען נישט קיין פאראיבל האבן... איך וויים צו מאל נישט, וואס איך רעד...
— וואס הייסט, איר ווייסט נישט? אדרבה, איך זע, אז איר ווייסט דוקא גאנץ גוט... בפירוש טאקע, אויב א מינדסטע זאך קען אייך ברענגען צו טרערן —
— ס'איז שוין איבערגעגאנגען, שלמהלע... ס'איז געווען א משוגעת... אן אנגעלאפענע משוגעת... שאט, ווייסט איר וואס? טאמער גלייבט איר מיר נישט, קומט לאמיר זיך אומקערן צו זיי אויף א גאנצער נאכט, צו די... שפאלער זיידעס... גוט, הא?
שלמה האט איר פארגעבנדיק א גלעט געטון איבער די האר און זי צוריק אפגעפירט ביז צו די טרעפ.

קאפיטל XXIX

דאָס איז געווען אין דער ערב הושענא־רבהדיקער נאַכט. שלמה האָט זיך איבערגעטון און פאַרשלאָסן זיין ביורא. פלוצלינג האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט, צוריק אויפגעשלאָסן, אַריינגעלייגט אַ העפט אין בוזעמ־טאַש און צוריק פאַרשלאָסן. ביי דער טיר האָט אים דער פאָטער אָפּגע־שטעלט:

— וווהין גייסטו, שלמה?

— איך גיי...

— איצט „אַהינצו“?

— קען וואָס פרעגסטו דאָס? דו האָסט עפּעס צו זאָגן? — זאָג!...

— עס איז זייער נישט גלייך פון דיין זייט, שלמה, זייער נישט גלייך... אין אַזאַ אויפדערנאַכט... אַ צייט פון תרעין פתיחין*... כמעט ווי צו כל־נדרי... מאָרגן איז דער „גמר־טוב“... איי־איי־איי! אומעטום וועט מען היינט פאַרברענגען... אי יום־טוב, אי ימים־נוראים, בחינת: וגילו ברעדה... אונדזער מנין וועט זיך פאַרזאַמלען ביי אברהם שאַרפשטיין, עס וועט זיין משקה... מען וועט גיין אַ ריקוד... תהילים זאָגן... המתקת הדינים**... פאָלג מיך, גיי נישט אַוועק פון יידן... וואָס איז דאָס לויפן אַהינצו, וואָס? ווערסט עפּעס פאַרשפּעטיקן? זעסט דאָך אַליין, דו גייסט שוין צו איר באַלד צוויי יאָר... קיינער שטערט דיר שוין נישט, און — וואָס? לויפסט און לויפסט און שטייסט אַלץ אויף איין אָרט... פאָלג מיך, מיט דעם היינטיקן אויפ־דערנאַכט און אָן דעם היינטיקן אויפדערנאַכט — אַלץ איין שוואַרץ יאָר!... בעסער זיך געשמאַק אויסוויינען פאַרן רבונו־של־עולם פאַר דער חתימה... ווי זאָגט ער דאָרט? „טבעתי ביון מצולה“***... ווער איז נאָך אַזוי פאַר־קראָכן אין אַ בלאָטע ווי דו? דו ביסט אַריין איבער די קניען און קענסט נישט אַרויס... גיי איצט נישט, פאָלג מיך, גיי נישט...

שלמה האָט קוים אַרויסגעכריפּעט:

— ניין, איך רעכן יאָ גיין...

— הייסט עס, אַז אַ טאַטע רעדט און אַ הונט בילט, איז אַלץ איינס... איך היים דיר היינט נישט גיין!... דו ווילסט מיך אַרויסברענגען פון גע־דולד, אַז איך זאָל אויף דיר גוזר זיין בגזרת כבוד אב?

— פאָלג מיך, טאַטע, באַנוץ זיך וואָס זעלטענער מיט דעם דאָזיקן געווער, אַנדערש — וועט עס גיך טעמפּ ווערן...

דער פאָטער האָט פאַרקריצט מיט די ציין:

— עס שטעקט אַ היפּש ביסל עזות אין דיינע רייד... דו האָסט אין

---

* די טויערן פון הימל זענען אָפן, גרייט אויפצונעמען יידישע תפילות.

** שוואַכער מאַכן דעם אייבערשטנס צאָרן.

*** איך בין איינגעזונקען געוואָרן אין אַ קלעפּיקן אָפּגרונט. תהילים ס"ט.

ווּעמען צו גערֲאָטן זיין, דיינע מאָסקווער פּעטערוקעס זענען אויך נישט געווען בעסער, זיי האָבן זיך מיט דיר נישט וואָס צו שעמען. קוים האָבן די חז״ל געשטעלט דעם דיאַגנאָז: „רוב בנים הולכים אחרי אחי־אם“, איז דאָס אַ גוט ווערטל. איך זע שוין נישט פון ערשט, אַז וועלוועלעס בלוט קאָכט אין דיר, זרוק חוטרא באוירא, אעיקרא קאי *. אָבער איך פרעג דיך נישט מער, מיט וואָס איז דער היינטיקער אויפדערנאַכט ערגער פון פריי־טיק־צו־נאַכטס? מאָרגן זאָגט מען „למנצח“, מען זאָגט „מזמור שיר ליום השבת“, אפילו „קדוש ונורא“... פאָלג מיך, גיי היינט נישט, כ׳בעט דיך, עלעהיי שבת. גוואַלד, ווו איז דיין אויסגעהאַלטנקייט? ווו איז דער „יקוב הדין את ההר“?

שלמה האָט אָנגעשפּאַרט זיין הייסן שטערן אין דער קאַלטער אויפ־דערנאַכטיקער שויב. צו די פייגנבוימס האָט מען אים אויך איינגעלאַדן... מען וועט פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט... די חברים בלאָזן זיך אויף אים פאַרן אָפּשפּאַרן זיך פון דער וועלט... פאַרן שרייבן, פאַר פאַלין, פאַרן דערנידעריקן זיך... אַלץ ווייסן זיי שוין... די גאַנצע וועלט ווייסט שוין, אַז ער לויפט איר נאָך ווי אַ הינטל... ער וואָלט בפירוש געדאַרפט היינט צוגיין צו זיי... די פרוי פייגנבוים האָט ער שוין לאַנג נישט געזען... און אפשר איז גלייכער גיין מיטן טאַטן?... ווו איז כיבוד־אב? און דער זיידע וועט אפשר זיין און מנשה וועט אויך זיין... אָבער ווי אַזוי קען ער? ווי אַזוי קען ער?... מאָרגן איז יום־טוב, וועט ער זי נישט זען, איבערמאָרגן איז ווידער יום־טוב, גייט מען ווידער נישט אין ערגעץ, גאָר איבערמאָרגן, שמחת־תורה ביי נאַכט, וועט מען ביי די פייגנבוימס שפּעט פאַרברענגען, וועט ער זי ווידער נישט זען... ניין, דאָס איז שוין צו אַ לאַנגע הפסקה פאַר פאַלין... אַזוי לאַנג זי פאַרטרויען אויף מאַרוסיאַס הענט קען ער נישט... עס איז אַ פראָנט און ער מוז זיין אויף זיין פאָזיציע... יאָ, ער וועט גיין, ער קען נישט קוקן אויף גאָרנישט און וועט גיין, ער מוז גיין...

שלמה טראַכט און דער פאָטער הערט נישט אויף צו רעדן איבער אים:

— ירחמיאל דעם ווענעראַדער רב געדענקסטו דאָך מן הסתם? האָט ער געהאַט אַ קאַפּעלע, קיין עין־הרע, איינס קלענער פונעם אַנדערן. אין די ווינטערדיקע דאַנערשטיק־פאַרטאָגן פלעגט ער אָנהייבן אויפרייסן פונעם שלאָף די עלטערע יינגלעך, זיי זאָלן לערנען „אור־החיים“. נו, דו ווייסט נישט, אַ קינד, אַז ס׳איז איינגעדעקט מיט אַ פערינע **, אין שטוב איז קאַלט, אין דרויסן — אַ זאַווערוכע און דער פאַרטאָגיקער שלאָף איז דער סאַמע בעס־טער, האָט חברה מן הסתם נישט געוואָלט אויפשטיין. ער רייסט פון זיי אַראָפּ די קאָלדרע און זיי ציען זי צוריק אַרויף איבער דעם קאָפּ. דאַמאָלסט, געדענק איך, פלעגט ער זיי אָנהייבן צו מוסרן: — „ווי אַזוי איז אייך גאָר קיין בזיון נישט, לײדיקגייערס, לאַידאַקעס, הינטשלעגערס... די מאַמע איז

* וואַרף אַ שטעקן אין דער לופט, וועט ער פאַלן אויפן וואָרצל.

** אַ איבערבעט.

שוין וואָך פון דריי זייגער שעה, זי האַלט אין איין אַרומטאַנצן פון דעם אויוון צו דער מולטער און פון דער מולטער צום אויוון, זי האָט זיך נאָך נישט צוגעזעצט אויף קיין מינוט — וואָס איז? זי וויל נושא חן זיין ביים מאַן! דער מאַן, וויל זי, זאָל זאָגן אַ גוט וואָרט אויף דער חלה. און איר, פּאַס־קודניאַקעס וואָס איר זענט, וואָס קענט מיט אַ פּסוק „אור־החיים" נושא חן זיין ביים מלך מלכי המלכים הקדוש־ברוך־הוא, ליגט ווי די נבלות און פוילט זיך אויפשטיין פריער אַ ביסל... פאַר וואָס זאָלן מיר דאַרפן בעטן ביי השם־יתברך אויף געזונט מיט פּרנסה אַלס אַ נדבה, כעני בפתח? פאַר וואָס זאָלן מיר זיך נישט פאַרדינען אונדזער שטיקל ברויט בכבוד, אַזוי ווי מיר געפינען ביי דער אשת־חיל: „ולחם עצלות לא תאכל", הא?" דעסט גלייכן זאָג איך דיר, שלמה, הושענא־רבה ביי נאַכט... די בעלי דינים האָבן דאָס לעצטע וואָרט... אַלץ איז אָפּהענגיק פון אונדזער לעצטער תנועה. איז אַנשטאָט נושא חן זיין ביים אייבערשטן, גייסטו נושא חן זיין ביי אַזאַ... אַזאַ... כ'וויים אַליין נישט וואָס... כלפּי לייא! * וווהין שלעפּט עס דיך?

נישט ענטפערנדיק קיין איין וואָרט, האָט שלמה אַרויסגעשלייכט אויפן גאַניק און פעסט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר.

ביי יאַנין אין שטוב האָט ער געטראָפן נאָר אסתרן מיט סאַנקען. סאַנקע האָט געלייענט אַ ביכל און אסתר האָט געמאַכט קרעפּלעך.

— אַ גוטן אָוונט! פאַלי איז נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט?

— זי איז שוין יאָ געווען, זי האָט זיך ערגעץ אַרויסגעכאַפּט.

— אַליין?

— וואָס הייסט, אַליין?... אַ־האַ, אודאי אַליין... זי איז געקומען אָן קיינעם און איז אַוועק אָן קיינעם.

שלמה האָט אויסגעטון דעם פּאַלטאָ, אַרויסגענומען דאָס העפט און אויף יוצא זיין אַ פרעג געטון ביי אסתרן:

— און יאַני ווו איז אַזוי שפּעט?

— יאַני? וואָס פרעגסטו? ס'איז דאָך היינט אין קופּעטשעסקע־שול אַ גאַנצע גדולה... ער האָט אָנגעזאָגט, אַז עס קען זיין, ער זאָל אין גאַנצן היינט נישט קומען אַ היים שלאָפן. ס'איז מיר אַ חידוש, אַז דו זאָלסט נישט וויסן... איך האָב אַנדערש נישט געטראַכט, נאָר אַז דו ביסט אויך דאָרטן...

אירע רייד האָבן שלמהן געשניטן דאָס לייב ווי מיט אַ מעסער, נאָר ער האָט גאָרנישט געענטפערט און מיט נישט זעענדיקע אויגן געקוקט אין העפט אַריין... די געדאַנקען האָבן אים אונטערגעטראָגן אַ שפּיץ פּסוק: „הוציא את עצמו מן הכלל, כפר בעיקר"... יאָ, ס'איז אים, מיינט עס דער פּסוק, ער האָט זיך עס אויסגעשלאָסן פונעם כלל ישראל... יידן זיצן היינט אומעטום צוזאַמען... מען זאָגט, מען פאַרברענגט, הושענא־רבה!... און ער— וואָס?... ווי אַ געשמדטער זיצט ער דאָ און וואָרט אויף אַ צווייטער גע־

---

* פאַר וואָס זאָגסטו פאַרקערט פונעם אמת?

שמדטער אוןביידע משומדים, אויב עס וועט אים נאָך געראָטן, וועלן זיך נעמען אונטער די אָרעמס און גיין ערגעץ...

סאָנקע האָט זיך אַ כאַפּ געטון ווי אַן אָפּגעבריטע:

— שלמה, ס'איז מיר גאָר אַרויס פון קאָפּ! פּאָלי האָט דאָך אייך געלאָזט אַ צעטעלע.

אין צעטעלע איז געשטאַנען:

„שלמה, איך האָב אויף אייך געוואַרט אפשר אַ שעה צייט. איך האָב אָפּגעשמועסט מיט חברטעס (נישט מארוסיא) זיך באַגעגענען, לויף איך צו צו זיי, נישט אויף לאַנג. איר ווייסט וואָס, שלמה? אויף סטאָליפּינסקער גאַס, אין דעם זעקסטן קינאָ, גייט אַן אויסגעצייכנטער פילם, נאָך קינדווייז האָב איך אים געזען און איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אים געזען נאָך אַ מאָל. אויב איר זענט אין דער שטימונג, פאָרט צו און נעמט אונדז בילעטן אויף דעם לעצטן סעאַנס, וועלן מיר פריער אַזוי אַ ביסל אַרומגיין. איך וועל זיך נישט זאַמען. פּ.".

שלמה האָט אַריינגעלייגט דאָס צעטעלע אין קעשענע און איז אַרויסגעגאַנגען. עס האָט נאָך אין אים געטליעט דער פּאַרדרוס אויף זיך איבער הושענא־רבה, אָבער דאָך האָט ער גלייך געטון, וואָס ער איז געגאַנגען. היינט איז זי זיינע.

ביי דער קאַסע, נאָך בילעטן, איז געווען אַ היפּשע ריי. אָבער אויפן לעצטן סעאַנס האָט מען געגעבן אויסער דער ריי. ביז לעצטן האָבן נאָך געדאַרפט זיין צוויי סעאַנסן. אַ צופרידענער איז שלמה געגאַנגען אויף אוריצקע־גאַס באַרג אַרויף מיט די בילעטן אין טאַש.

אויפעפענענדיק די פאַראַדנע טיר, האָבן זיך צו אים דערטראָגן פונעם האַלבן פּאָדוואַל פרייליכע קולות און קוויטשענדיקע אויסגעשרייען. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט פון עפּעס אַ שווערן פאָרגעפיל. פון דער שוועל האָט ער באַלד באַמערקט אַ פולע שטוב מיט מיידלעך, יידישע און רוסישע. אַוראַם איז שוין אויך געווען. ער איז געזעסן אין אַ ווייטן ווינקל מיטן פּידזשאַק אויף די אַקסלען און האָט געבלעטערט די קאָנספּעקטן.

פּאָלי איז שלמהן געגאַנגען אַנטקעגן:

— פאַר וואָס אַזוי לאַנג, סאָלאָמאָן?

— איך בין ערשט נישט לאַנג אַוועק.

— די מאַמע זאָגט דאָך, אַז איר זענט אַריינגעקומען האַלב זיבן?

— דאָס צעטעלע האָט מיר סאָנקע נישט באַלד אָפּגעגעבן.

— סאָלאָמאָן, זייט באַקאַנט, דאָס זענען מיינע חברטעס פון דער אַרבעט.

שלמה האָט זעקס מאָל איבערגעחזרט „פּיאַטיגאָרסקי", זעקס מאָל געביטן מיידלשע הענט און געבליבן שטיין אין מיטן צימער, נישט אַהער, נישט אַהין. פּאָלי איז אונטערגעלאָפן:

— סאָלאָמאָן, וויפל בילעטן האָט איר געקויפט?

— וואָס הייסט וויפל? צוויי...

— פאַר וואָס אַזוי ווייניק?... אַ־האַ! איר האָט דאָך נאָך נישט געוווסט... זענט איר גערעכט!... מען דאַרף אָבער נאָך זעקס... שלמה, זייט אַ ווויל קינד...

— פּאַליאַ...

פּאַליאַ האָט זיך צוגעבויגן צו זיין אויער:

— סאַלאָמאָנטשיק... איך קען שוין נישט אַנדערש... כ׳האָב זיי צוגעזאָגט... כ׳האָב זיי דערציילט פון דעם פילם... זיי זענען אַזוי אַנטציקט...

און נאָך שטילער:

— איר מוזט זיי נישט נעמען מיט אונדז אויף איין באַנק... מיר וועלן זיצן באַזונדער...

וואָס האָט ער געקענט טון? אַז פּאַלי אַליין בעט און שלאָגט אַליין פאָר צו זיצן מיט אים באַזונדער...

ער איז אַוועק.

ער האָט לאַנג געוואַרט אויף אַ טראַמוויי, ביי דער קאַסע געשטאַנען אַ ביסל אין דער ריי און גענומען זעקס בילעטן.

פאָרנדיק צוריק זענען די טראַמווייען שוין געווען אַ ביסל ליידיקלעך. שוין נישט פרי געווען. העכער פון די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן האָט זיך באַוויזן אַ הושענא־רבהדיקע לבנה, איין קוואַרטירל * האָט אין איר געפעלט און זי איז געווען שטאַרק בלייך. שלמה האָט זיך באַמיט נישט צו טראַכטן: נישט פון די פייגנבוימס, נישט פונעם טאַטן, נישט פון פּאַלין, נישט פון די זעקס הענט, וואָס ער האָט צו דער „גמר־חתימה" געדאַרפט דריקן...

אויפהייבנדיק זיך פון קרעשטשאַטיק אויף אוריצקע האָט ער נאָך פון וויטנס באַמערקט פאַרן הויז נומער 21 אומדייטלעכע קאָנטורן פון עפּעס אַ ריזיקער געביידע. אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, האָט זיך דאָס האַרץ אין אים אומרואיק אַ וואָרף געטון. ער האָט פאַרגיכערט די טריט און דערזען, אַז דאָס איז אַן אַנדערט־האַלבן־טאָניקע לאַסטמאַשין. אויף דער פּלאַשטשאַדקע פון דעם אויטאָ זענען געשטאַנען צוויי בענק. ער האָט געוואָרפן אַ קוק אויפן פילשטאָקיקן הויז נומער 21: אין אַלע פענצטער האָט זיך נאָך געלויכטן. דער אויטאָ האָט געקענט האָבן געקומען צו יעדן איינעם פון די צענדליקער איינוווינער, וואָס אויף די אַלע שטאָקן. און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז: ניין, אַז ער איז געקומען נאָר כדי צום איבעריקן דערזאַלצן אים זיין היינטיקן אויפדערנאַכט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאַבינע, דאָרט איז געזעסן אַן עלטערער שאָפער אין אַ שמאַל מיליטערישן היטעלע און האָט געריכערט אַ פּאַפּיראָס.

— חבר, וועמען האָט איר דאָס געבראַכט?

— נאַדקע איז געקומען, נאַדיעזשדאַ טימאָפעיעוונאַ...

— אַ דאַנק, אַנטשולדיקט...

* אַ שמאָל האַלב־רייפל.

מיט אַ גרינג האַרץ האָט ער זיך געלאָזט גײן אין שטוב אַרײַן. אַ משוגע האַרץ בײַ אים... באַלד עפּעס, פּלאַטערט עס, אומזיסט זיך דערשראָקן.

אויף די טרעפּ איז אים אָנגעקומען אַקעגן אוראַם מיט אַ גראַפין אויף וואַסער. דערזען שלמהן, האָט ער באַהויערנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

Ну, что, братец, тяжела шапка Мономаха?
— Нет, зачем? Ни-че-го... Наоборот... *

---

* נו, וואָס, ברודערקע, שווער צו טראָגן דאָס היטל פון מאָנאָמאַך?
— ניין, פאַרוואָס?... עס מאַכט נישט... אדרבה...
אַ פאָלקס-ווערטל.
וולאַדימיר מאָנאָמאַך — אַ רוסישער קניאַז פון צוועלפטן יאָרהונדערט.

קאפיטל XXX

ווען ער האט זיך באוויזן אויף דער שוועל, איז מיט א מאל אין צימער שטיל געווארן. פאלי, עטוואס צעטראגן, איז צוגעגאנגען צו שלמהן:

— סאלאמאן, זייט באקאנט... די אוויא־שול אויפן נאמען פון קאמע־ניעוו איז אונדזער שעף, דאס ווייסט איר דאך. איז אט די חברטע א פלימעניצע פון דעם נאטשאלניק פון דער שול... די פארשטייערין פון אונדזער שעף... אליין א פליערין.

ערשט איצט האט שלמה באמערקט ביים טיש א נייע שיקסע, א הויכע, אן עלעגאנטע, מיט שארפע אויגן אונטער די צוזאמענגעוואקסענע ברעמען. זי האט זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל און מיט א מענערישער שטימע געמאלדן:

— נאדיעזשדא טימאפעיעוונא סיניצינא!...

— פיאטיגארסקי.

זיי האבן זיך דערלאנגט די הענט. די מענערישע שטים האט פארגע־זעצט האלב באפעלעריש, האלב מעלדנדיק:

— מיר האבן דא, חבר פיאטיגארסקי, אנגענומען א באשלוס, אז דעם פילם וועט מען שוין זען מארגן אויף דער נאכט. אפשר וועל איך נאך אויך מיטגיין. דער זעלבער פילם וועט גיין מארגן אויך. און איר אלע פארט מיט מיר צו מיין שוועסטער אויף אימענינעס. עס איז שוין אלץ גרייט און דער העכערער קאם־סאסטאוו* קער שוין אויך זיין... נו, אוועקפארן?

שלמה האט זיך אומבאהאלפן אומגעקוקט אויף פאלין. זי איז צוגע־גאנגען, אים ארויפגעלייגט די האנט אויפן אקסל:

— סאלאמאן... איר מוזט אונדז אנטשולדיקן... איר האט מסתם פאר אונדז באקומען בילעטן, הא? איא אזוי? נו, מיידלעך, וואס האב איך אייך געזאגט? עס איז נאך נישט געווען, אז סאלאמאן זאל נישט קריגן. אבער, סאלאמאנטשיק, איר פארשטייט דאך אליין... אן אויטא ווארט... דעם נאטשאלניק פון דער שול קען מען דאך נישט אפזאגן... פארט א שעף... איר וועט הען אויך מיטפארן? איא, ניין? ביי אייך איז, דאכט זיך, גאר היינט א יום־טוב, נישט אזוי?

— יא, ביי אונדז איז היינט א יום־טוב...

— זענט איר נישט בייז אויף מיר, סאלאמאנטשיק, אמת, אז ניין?

שלמהן פליט דורך א געדאנק אין קאפ:

— וואס וואלט געווען, ווען ער דערלאנגט איר מיטן קולאק צווישן די פארדעטערישע אייגעלעך, דערנאך אין די ציין, דערנאך אונטערן הארצן און אין בויך און אין רוקן...

אבער ער ענטפערט מיט א זיס שמייכעלע:

---

* קאמאנדירן־גרופע.

— עס מאכט נישט אויס... עס מאכט נישט אויס... פאזשאלויסטא *...

ער באגעגנט זיך מיט אווראמס אויגן. סאנקע דרייט זיך אומרואיק אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אנדערער... יא, ז י י פילן אים מיט... ז י י ווייסן, וואס אין אים קומט פאר...

פאלי רוימט אים איין אין אויער מיט א געשעפטלעכן טאן:

— די בילעטן קענט איר נאך פארקויפן, עס איז א שאד, אכט בילעטן. עס איז דאך אן אוצר מיט געלט...

— איך ווייס, איך ווייס, ווי דען? באאומרואיקט זיך נישט, אלץ וועט זיין אין ארדענונג...

גלייך מיט אלע איז ער ארויסגעגאנגען פון דער שטוב, געזאגט אסתרן א גוטן יום־טוב, א שאקל געטון מיטן קאפ אווראמען, איינגעזאפט אין זיך סאנקעס טרויעריקן קוק, וועלכע האט זיך אזש אויפגעזעצט אין בעט, און ער איז ארויסגעגאנגען אויפן גאניק. דארט האט ער אויף דאס ניי גע־האלטן אין זיין האנט זיבן ווארעמע הענטלעך, יעדערער געענטפערט מיט א שמייכל. פאלי איז צוגעגאנגען:

— אבער זאגט דעם אמת, שלמה, איר זענט נישט באליידיקט?

— גאט באוואר, וואס פעלט אייך איין?

— אויב אזוי, זענט איר טאקע א מאלאדיעץ... איך גלייב, איך בין כמעט זיכער, אז איך וועל אייך סוף־כל־סוף אויך ליב באקומען...

Москву, тоже, не сразу построили... ** א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט, א גוט יאר, פארברענגט פריילעך...

ער האט איר געהאלפן ארויפשטייגן אויף דעם אויטא און פארקייטלט דעם בארט***. די מאשין האט גערירט. אלע האבן צו אים געפאכעט מיט די הענט. אין א מינוט ארום איז ער געשטאנען איינער אליין...

די לבנה האט באדויערנדיק געשאקלט מיטן קאפ:

— גוואלד, שלמה, וואס פון דיר איז געווארן!... אויף וואס פאר א הענט דו ביסט איבערגעגאנגען... הושענא־רבה... תרעין פתיחין... איי־איי־איי!...

שלמה האט ארויסגעכאפט די בילעטן, זיי צעפליקט אויף פיץ־פיצלעך און זיך פארגאנגען אין א יאמערלעכן געוויין. אן איינגעהאלטענע היסטע־ריקע האט זיך מיט גוואלד געריסן אויף דער פריי, שטורמיש געטרייסלט זיין קערפער, גערופן צו שרייען, עפעס צעברעכן, עפעס צעשמעטערן, און עפעס זיך נוקם זיין פאר דער שאנדע, פאר דער דערנידעריקונג, פאר די אנגסטן... די הענט האבן אנגעטאפט א בוים, זיך פארפלאכטן ארום אים און דער קאפ האט זיך געקלאפט אין בוים:

---

* ביטע זייער, ביטע שיין.

** אויך מאסקווע האט מען נישט מיט א מאל אויסגעבויט.

*** די ווענטלעך פון אויטא.

— חטאתי, עויתי, פשעתי...

אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן שלמהן ארומגענומען פון הינטן און אַ קלינגענדיקער קוש האָט אָפּגעקלונגען אין דער פייערלעכער שטילקייט. שלמה האָט זיך קאָנוולסיוו אומגעדרייט און דערזען אווראַמען מיט פינ־קלענדיקע טראָפּנס אויף די וויעס.

— שלמה, איך האָב אַלץ געזען... איך בין ארויסגעגאַנגען גלייך נאָך דיר...

שלמה האָט זיך אויסגעריסן פון זיינע הענט און איז האַסטיק אַראָפּ־געלאָפן אויף קרעשטשאַטיק.

די צענטראַלע גאַס איז נאָך איז געווען וואַך. ביי די עלעקטרישע פּלאַקאַטן לעבן די קינאָס זענען געשטאַנען נישט קיין גרויסע גרופּעס צושויער... קיין אויטאָבוסן האָט מען שוין נישט געזען, נאָר אויטאָס: נייע, אויסגעפּוצטע האָבן זיי זיך געטראָגן אויף און אָפּ. דער ראַדיאָ האָט טראַנסלירט אַ פּרע־מיערע פון מלוכהשן „רעוואָלוציע־טעאַטער"... עס איז געווען דריי פערטל אויף עלף. שלמה איז געגאַנגען נישט גיך, נישט פּאַמעלעך, ווי אין אַ לע־טאַרגיע... נישט אָנפּרעגנדיק זיך ביי די געדאַנקען, האָבן אים די פיס פאַרטראָגן אין קופּעטשעסקע־שול. אין שול איז די עלעקטרישע ליכט אַ בנים קאַליע געוואָרן. אויף די טישן אוןביים עמוד האָבן געברענט פיל ליכט. ביים גרעסטן טיש האָט דער עולם אַרומגעשטעלט הרב ביאַליק און ער האָט עפּעס דערציילט.

אומבאַמערקט פון יעדן האָט זיך שלמה צוגעטוליעט צו דער וואַנט ביי דער טיר, אין שאָטן, און שווער געאָטעמט. הרב ביאַליק האָט געקערט דערציילן עפּעס אַ קאָמישע זאַך, ר' אברהם פייגנבוים האָט זיך דאָרט ביים טיש פון עפּעס צעלאַכט און האָט אויך אריינגעשטעלט אַ וואָרט. מיט אַ מאָל האָבן פיל קולות עמעצן געענטפערט: לחיים, לחיים! ביי אַלעמען אין די הענט האָבן זיך באַוויזן תהילימס און עמעצער ביים עמוד האָט אָנגעהויבן פון קאַפּיטל ע"ג.

שלמה האָט אַ טראַכט געטון:

— מען האַלט שוין ווייט, ווו וועל איך זיך שוין צוקלעפּן?...

שטיל און אומבאַמערקט האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון דער האַלב אָפענער טיר און איז ווידער אריינגעשפּרונגען אין פאַרחלומטן ביינאַכטיקן קיעוו... די פיס האָבן אים מעכאַניש געטראָגן אין דער באַקאַנטער ריכטונג און אין פּוסטן קאָפּ האָט אים מיט קלויסטער־גלאָקן געקלונגען:

— „ביי אייך איז, דאַכט זיך, גאָר היינט אַ יום־טוב?"

— „יאָ, ביי אונדז איז היינט אַ יום־טוב"...

... און אווראַם האָט אַלץ געזען, איצט וועט ער דערציילן דעם פאָטער... יאָ, אווראַם וועט אומבאַדינגט דערציילן... און סאָנקע האָט אויך נישט געקענט פאַרליידן דאָס שאַפן זיך מיט אים, דאָס אויסנוצן אים... אויסנוצן און אָפּוואַרפן ווי קאַרטאָפל־שאָלעכץ, ווי אַ פּודעלע פון קאָנסערוון... נאָר אסתר האָט דעם גאַנצן אויפדערנאַכט גאָרנישט באַמערקט... אפשר איז

פֿאַלי אויך אַזאַ נאַרישע בהמה? מיטן פּנים איז זי שטאַרק געראָטן אין איר מוטער... און ניומאַ האָט זיך פֿלינק אַקלימאַטיזירט אין דער גרויסער שטאָט. נאָך קיין גאַנצע זיבעצן יאָר נישט אַלט און ווערט שוין פֿאַרפֿאַלן ערגעץ אויף גאַנצע נעכט... די תורה לערנט מען זיך אויס גרינג... אָך, ווי דער טאַטע האָט זיך ביי אים געבעטן: „גיי נישט"... אַ שטייגער, ווען ער זאָל אים געוווען דאָס מאָל פֿאָלגן? וועמען וואָלט דאָס געוווען געשאַדט? וואָלט ער זיך נישט געוווען באַקאַנט מיט נאַדקע דער פֿליערן!...

ער איז צוגעגאַנגען צום הויז נומער 67 אויף קאַראַוואַיעווסקע־גאַס. ער האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט דעם פֿינגער צום גלעקל און איז צוגעכאַפּט אויף צוריק. ער איז אַריין אין הויף. דאָס זאַל־פֿענצטער איז געוווען העל באַלויכטן. דורך דער אָפֿענער פֿאָרטעטשקע האָבן זיך דער־טראָגן קולות. דורכן טיולענעם פֿאָרהאַנג האָט מען געזען סילועטן פֿון מענטשן זיך שאָקלען, אָבער אַלץ נישט דייטלעך. שלמה האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם מאַנטל, אַרויפֿגעדראַפּעט זיך אויפֿן קאַרניז און פֿון דאָרט זיך אָנגעכאַפּט אין גאַניקל. די שטאַכעטן זענען געוווען שיטערע און אין איין הייך מיטן פֿענצטער. פֿון דאַנען איז דאָס גאַנצע צימער געוווען ווי אויף דער דלאָניע: אויפֿן טיש איז געוווען פּרוכטן און געבעקס, עטלעכע האַלבע פֿלאַשן בראָנפֿן און איינגעהאַקטער הערינג. ביים עמודל איז גע־שטאַנען משה פֿרידמאַן. אַלע זענען געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט און געזאָגט תהילים. די פֿרוי פֿייגנבוים איז געזעסן, מיט קישנס אַרומגע־לייגט, אין אַ נישט לאַנג געקויפֿטער שטול. פֿאַר איר איז געלעגן אַ גרוי־סער תהילים און טאַני, וועלכע האָט מיט איר צוזאַמען געזאָגט, האָט איבערגעמישט, ווען מען האָט געדאַרפֿט. די שוועסטער כאַדראַוו זענען אויך געוווען. מנשה — נישט! ער איז נישט קיין חסיד פֿון די פֿייגנבוימס, ער געהערט צום סאַלאָמינקער מנין. דורך דער פֿאָרטעטשקע דערטראָגט זיך סענאַלם קול: „אל תשליכני מלפניך, ורוח קדשך אל תקח ממני. השיבה לי ששון ישעך..."

— „אל תשליכני"... אים אָבער האָט מען שוין אָפּגעוואָרפֿן... גאָט האָט זיך פֿון אים אָפּגעזאָגט. אַ סימן: היינטיקער אויפֿדערנאַכט... נאַ־דיעזשדאַ טימאָפֿעיעוונאַ...

ער שפּרינגט אַראָפּ אויף דער ערד, נעמט דעם מאַנטל און גייט אויף סאַלאָמינקע.

די גאַסן זענען שוין איינגעזונקען אין שלאָף. ווו נישט ווו גייט אַ בליץ קעגן דער לבנה אַ שוואַרצער דאַשעק פֿון אַ מיליציאָנעריש היטל, דערטראָגט זיך אַ וווייטער קלונג פֿון אַ טראַמוויי און ווידער איז די אָפּגעשאָסענע לבנה דאָס איינציקע וואַכנדיקע באַשעפֿעניש אויף דער לאַנגער גאַס. שלמהן טאַטשעט אַ וואָרעם:

— ... הושענא־רבה... די גאַנצע וועלט זאָגט תהילים, בעט עפּעס ביים רבונו־של־עולם — אים איינעם איז שוין אין גאַנצן גוט. ער דאַרף

נישט בעטן ביי גאָט, ער האָט אַזוי אויך אַל דאָס גוטס. וואָס פעלט אים דען?

גאַנץ סאַלאַמינקע איז ווי איין גרויסער שלאָפצימער. איין בלאָ לעמ־פעלע אין דער מיט — און געגנוג. שאַ־שטיל. מען הערט נישט קיין שאָרך. ביי זיי אין שטוב איז פינצטער, מען שלאָפט שוין. וואָס דען, אַזוי שפּעט זאָל מען נאָך זיצן? ער גייט אַריין אין הויף אַריין. פון שאַרפשטיינס זאָל איז אָפן דאָס פענצטער אין דער גאַנצער ברייט. עס ברענט דער קאַנדע־ליאַבער מיט אַלע לעמפּעלעך. נאָר עס איז עפּעס שטיל... וואָס קען דאָס באַדייטן? שוין זשע שלאָפט מען שוין און מען האָט פשוט פאַרגעסן אויס־צולעשן דאָס ליכט און צומאַכן דאָס פענצטער?... שלמה איז זייער נייגע־ריק צו זען, וואָס קומט דאָרט פאָר, אָבער אַריינגיין וויל ער נישט. ער וויל דעם פאָטער קיין איבעריקן עגמת־נפש נישט פאַרשאַפן. ביים טויער ליגט אַ לייטער, מיט וועלכער מען נוצט זיך צום שמירן די הייזער פון דרויסן אָדער צום רייניקן די סאַזשע. שלמה שטעלט זי אויף, שפּאַרט זי אָן אין שמאָלן שטיק וואַנט, וואָס געפינט זיך צווישן די פענצטער, קריכט שטיל אַרויף און כאַפּט אַ קוק אין צימער אַריין: דאָס צימער איז געפּאַקט מיט יידן. סאַלאַמינקער און נישט סאַלאַמינקער. אויפן טיש שטייען פיל כוסות. די פלעשער שטייען אַ פנים ווייטלעך, מען זעט זיי נישט. אויפן בעט ליגן „תיקונדלעך" און תהילימס. אַ פנים שוין אָפּגעזאָגט. דער זיידע שלום דערציילט עפּעס און אַלע הערן:

— ... פרעגט דער רבי ז"ל דעם דאָרפס־מלמד: „אויב איר ווייסט טאַקע נישט קיינע כונות, פאַר וואָס זשע ווילט איר טאַקע דאַווענען פאַרן עמוד?... עפּעס ימים־נוראים, אַ קלייניקייט?"... שטייט דער ייד אַ צעטראָ־גענער און שטאַמלט קוים אַרויס: „רבי, די ישובניקעס זאָגן מיר צו פאַר גאַנץ ימים־נוראים פינף און צוואַנציק רובל און איך דאַרף זיי זייער נייטיק: דאָס עלטערע מיידל האָט נישט קיין בכבודיק מלבוש אויפן לייב, דאָס יינגעלע ליגט אַ באָרוועסער אויפן אויוון"... דער מלמד, מסתמא אַ גרויסער אביון, האָט נאָך געוואָלט אויסרעכענען אַ גרויס צעטל, וואָס אים פעלט, נאָר דער רבי ז"ל האָט אים איבערגעשלאָגן: „אָט די כונות זאָלט איר טאַקע האָבן ביים עמוד, אַז איר דאַרפט אַ קליידל פאַרן מיידל, און שיך פאַרן ייִנגל"... כהאי־לישנא, אַזוי ווי איך דערצייל אייך...

מנשה דער רב און אפרים־אהרון רופן אויס גלייכצייטיק:

— אַ נייעס!... זיין פשטות האָט דען געהאַט אַ גרענעץ? פּראָסט און פשוט — און געטלעך.

ר' אברהם שאַרפשטיין פאַרציט אַ פריילעכן ניגון, עס פאַרפלעכטן זיך הענט אויף אַקסלען. שלמה קערט זיך פלינק אָפּ פון פענצטער, מען זאָל אים נישט באַמערקן און די הייליקע שטילקייט פון דער הושענא־רבהדיקער נאַכט ווערט אויפגעוועקט פון אַ ברויזנדיקן חסידישן ניגון, פון אַ התלה־בותדיקן, פאַרדבקהטן טאַנץ... זיין פאָטערס טענאָר שטייגט איבער אַלע קולות און וויגט זיך רייטנדיק אויף אַ כוואַליע.

שלמה קריכט אראָפּ, ליגט אַנידער די ליטער אויף איר אָרט. דער טאַנץ באַגלייט אים צו זיך אויפן גאַניק אַרויף. ער פּרוווט די טיר — אָפן... שטיל מאַכט ער זי צו הינטער זיך. דער ניגון האַקט זיך אָפּ, אָבער די מוטער האָט ער אויפגעוועקט. זי פרעגט פאַרשלאָפן:

— ס'איז דו, אהרון?

— ניין, ס'איז איך... שלאָף, שלאָף!...

— שלמה, עס שטייט פאַר דיר איינגערעקט אויפן טיש אַ פּרעזשעניצע* און מילך שטייט...

— גוט, גוט, שלאָף!...

— וויפל איז דער זייגער?

— מיין זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט... שלאָף, איך בעט דיך...

ער איז אַריין אין זיין קאַבינעט, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט. עס איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן דושנע, עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם אין ברוסט. ער האָט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער אין הויף אַריין. אין צימער אַריין האָט זיך אַריינגעריסן דער געפילפולער ניגון:

... כאָטש, כאָטש, כאָטש, זרויה בין מכעיסיה... פּאָרט, פּאָרט, פּאָרט, חבוקה ודבוקה בך... נאָך אַ מעלה, ווידער אַ מעלה...

שלמה האָט צוריק צוגעמאַכט דאָס פענצטער, אַרויסגענומען דאָס העפט פון בוזעמטאַש און זיך געזעצט צום טיש. פונעם לעצטן בלעטל האָבן די אויגן געליענט:

„... נתן מאיר־לייבס האָט שטייפער אונטערגעצויגן די רימענדלעך פון זיין רוקזאַק, נאָך אַ מאָל אַ גלעט געטון די אַלטע סאָסנע, געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויף זיין געבורטסשטעטל און מיט וואַקלענדיקע טריט זיך גענומען דערווייטערן. דער האַרבסטיקער ווינט האָט אים מכבד געווען מיט אַ הויפן ברודיקן זאַמד אין די אויערן און אין דער נאָז. ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט דער דלאָניע און ווייטער שווער געשפּאַנט. ער האָט נאָך געפילט דער מוטערס טרערן אויף זיינע באַקן, געהערט איר כליפּען. דער ווינט האָט צעריסן די פּאָלעס פונעם שינעל, זיך דורכגעריסן צום נאַקעטן לייב. נתן האָט זיך אומגעקוקט, דאָס שטעטל איז פאַרשוווּנדן. דער האָריזאָנט איז געווען נאַקעט, נאָר גרויזאַמע וואָלקנס האָבן זיך גערוקט צום זעניט, דראָענדיק געקראָכן, געקראָכן, גענומען די וועלט פאַרן גאָרגל און געוואָרגן. דער ווינט האָט אים אונטערגעכאַפּט און נתן מיט זיינע צעבלאָזענע פּאָלעס האָט ווייטער געשפּאַנט. דאָס היטל איבער די אויגן. די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל. מיט אַ נאַגנדיקן ווייטיק אין האַרצן — און געשפּאַנט. איבער דעם זאַמד האָבן זיך צעטאַנצט די ערשטע טראָפּנס...“

שלמה האָט גענומען די פען, געוואָלט ממשיך זיין די אַרבעט, נאָר די האַנט האָט זיך אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש. אין קאָפּ איז גע־

---

* געפּרעגלטע אייער אויף אַ פאַן.

ווען פוסט און לער... זיין נשמה, אַ צעפּרעסענע פון די וואַנגלענישן פון דער נאַכט, האָט מיט אומגעזענע פינגער, אַ פאַרצווייפלטע, געקלאַפּט אין די טויערן פון דעם היכל־היצירה: אל תשליכני מלפניך... שערי שמים פתח!... אָבער די שערי־רחמים זענען דאָס מאָל געווען פאַר אים פאַרריגלט אויף זיבן ריגלען, פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. די תפילה איז נישט אָנגענומען געוואָרן און דער העפּט, אַ בלאָסער, איז אַ פאַרשעמטער געלעגן און געוואַרט, געוואַרט אויף אַ הערה ממרום...* עטלעכע מינוט האָט ער מיט אומגליקלעכע אויגן געקוקט אויפן לעצטן זייטל און פּלוצלינג זיך אַ וואַלגער געטון מיטן גאַנצן קערפּער אויפן טיש:

— גאָט, מיין גאָט! פאַר וואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך! אַזוי אומגליקלעך!

אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער שרייט אויף קולי־קולות, אַז ער האָט שוין אויפגעוועקט אַלעמען אין שטוב, גאַנץ סאַלאָמינקע. דאַן האָט ער אַריינגערוקט דעם קולאַק אין מויל אַריין און נאָר פאַרשטיקט געכריפּעט: „אַזוי אומגליקלעך! אַזוי אומגליקלעך!"

פון הויף האָט זיך דערטראָגן אַ מעכטיקער:

— אוי, אוי, אשרינו, מה־טוב חלקנו...

פונעם שכנישן הייזל האָט זיך דייטלעך דערטראָגן: קו־קו־רי־קו!...

דער מזרח־טייל פון הימל האָט זיך אָנגעהויבן אויסוויקלען פון זיין נאַכטשלייער.

עס האָט געשאַריעט אויף טאָג.

אויפן הימל האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער יום־הדין... הושענא־רבה...

---

* אַ געדאַנקען־צופלוס פון הימל. אַן אָנזאָג, אַן איינפלוס.

קאפיטל XXXI

נאָך ימים־טובים האָט זיך ביי די פּיאַטיגאָרסקיס אין שטוב אָנגעהויבן שפּירן שלמהס אַרבעטסלאָזיקייט. דאַן האָט שלמה ערנסט פאַרשלאָסן זיין ביורא, געליגן צוואַנציק דאָלאַר ביי א פּראָצענטניטשקע אויף מאַלאָוואַסילקאָווסקע־גאַס און געפּרוווט זיין מזל ביים „טאָרגסין". אין ערשטן טאָג האָט ער פאַרדינט הונדערט צוואַנציק רובל. דאַן איז ער זיך דורכגעפאָרן איבער דער שטאָט, אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט צונויפגעשטעלט: גמילות־חסדים און אויף פּראָצענט הונדערט פופציק דאָלאַר און אָנגעהויבן רעגולער צו האַנדלען ביים „טאָרגסין".

דער מסחר איז באַשטאַנען דערינען: מען האָט אויסגעשריבן א געוויסן קוואַנטום מעל. דערצו האָט מען געמוזט צוקויפן א צוואַנגס־אַסאָרטימענט, אַן אַזוי גערופענע „נאַגרוזקע", אויך אויף דאָלאַר, אויך אויף גאָלד. די „נאַגרוזקע" איז באַשטאַנען פון טייערער פּאַרפומעריע, שפּילצייג פאַר קינדער און אַנדערע נישט גאַנגבאַרע סחורות. די אויפגעצוווּנגענע זאַכן האָבן געקאָסט דריי מאָל און א מאָל אויך פיר מאָל טייערער פון זייער אמתער ווערט. און דאָס גאַנצע מזל פון דעם סוחר איז געווען אָפּהענגיק דערפון, ווי עס וועט אים געלונגען צו ליקווידירן די צולאָגקראָם. אויב עס האָט זיך געטראָפן א גרינגע „נאַגרוזקע", האָט מען פאַרדינט, טאָמער א שווערע אָדער א טייערע, האָט מען זייער שיין געקענט דערלייגן „די הויט מיט די ביינער".

פאַר איין חודש צייט האָט שלמה שטאַרק מצליח געווען, אַריינגעצויגן זיין פאָטער אויך אין דעם מסחר, אָבער צופרידן איז ער נישט געווען. לויט זיין נאַטור האָט ער זיך נישט געקענט באַנוגענען מיט וויפל עס איז. דאָס איז פאַר מנשה כאַדאַראַוו א געשעפט צו זאָגן אַלע מאָל: „גוט איז דאָס אויך, בעסער פון גאָרנישט"... שלמה איז נישט געווינט געווען זיין פון די אונטערשטופּערס. ער האָט געמוזט גיין פאָרויס. ער האָט ליב געהאַט אַלץ מיט א ברייטן פאַרנעם. ער האָט געוווּסט, אַז דער דירעקטאָר פון „טאָרגסין" און זיין פאַרטרעטער האָבן „מיוחסים" און נאָר זיי ווערן צוגעשאַרט די גראָבע פאַרדינסטן. מען טיילט זיך בחברותא און מען מאַכט אַן אַפּותיקו... נאָר ווי אַרום אַריינדרייען זיך צווישן די מיוחסים, האָט ער דערוויל נישט געוווּסט.

איין מאָל האָט שלמה באַגעגנט יוסף גאָרדאָן. יענער איז געגאַנגען, די הענט אַריינגעשטעקט טיף אין די קעשענעס, און זיך צוגעפייפט. שלמה האָט אים צוגערופן:

— יוסף, וואָס מאַכסטו עפּעס?

— איך מאַך דראָבנע מריט און איך שפּיי אויף א מייל.

— איך פרעג ערנסט...

— וואָס פרעגסטו? ווייסט אַליין נישט? איך ווער משוגע פון לײדיק אַרומגייען, אַט דאָס מאַך איך. גלייך ווי ער ווייסט נישט...

— יוסף, און קיין זאַך טרעפט זיך דיר נישט?

— און אַז עס טרעפט זיך יאָ, קען איך עס אויפהייבן?

— וואָס הייסט?

— דו ווייסט נישט, וואָס עס הייסט? אַז מען האָט נישט קיין פּעטי־מעטי, קען מען נאָר גענעצן, מער גאָרנישט...

— אויף וואָס האָסטו שוין דען געדאַרפט געלט?

— איי, וואָס פרעגסטו אַזעלכע זאַכן? געלט קומט שטענדיק צו נוץ...

— ניין, אָבער דו זאָגסט דאָך עפּעס „אויפהייבן", איז מיר אינטערע־סאַנט צו וויסן.

— אודאי אויפהייבן... די טעג האָט זיך באַפרייט אַ בודקע פון רע־מאַנטירן פּרימוסן, וועלאָסיפּעדן. זי שטייט אויפן ראָג ביים מערקל, פּונקט אַנטקעגן מיין שטוב. אַן איינגעפירטע בודקע, אַ קלייט, זאָג איך דיר, אַז עס רייסט דאָס האַרץ... נו, איז ווען איך האָב מכשירים, פאַרשטייסטו דאָך...

— דו קענסט דען די מלאכה?

— די לאַכסט פון מיר, צי וואָס? אַ פראַגע ערשט, צי איך קען? שיינע יאָרן זיך דערלעבט.

— און וויפל דאַרף קאָסטן אויסשטאַטן דאָס בודקעלע?

— צום ווייניקסטן אַ דריי הונדערט רובל...

— ניין, איך מיין מיט אַלע תג"ן, לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק...

— אויב אַזוי ווי דו מיינסט — געוויס פינף הונדערט רובל, אויב נישט מער.

— זאָג מיר נאָר, דו האָסט נישט געפּרוווט בעטן קיין גמילות־חסד ביי דיין שכן, ביי שלמה־מאירן? דער גאַנצער וועלט אַנטלייט ער טאַקע אויף פּראָצענט, אָבער דיר וואָלט ער, נישקשה, געמעגט אַנטלייען סתם אַזוי... עס זעט זיך ביי אים שטאַרק אָן פינף הונדערט רובל... מען זאָגט, אַז ער איז אָנגעשטאָפּט ווי קרח...

— קודם איז שוין צייט, דו זאָלסט וויסן, אַז איך וועל ליבערשט אַרומגיין מיט אַ לאָך אויף „יענער מעשה", אַבי נישט גיין בעטן. און חוץ דעם, פון וועמען רעדסטו? שלמה־מאיר איז אַ ייד פון געבן גמילות־חסדים? ער וועט זיך ליבערשט לאָזן אָפּשניידן אַ פינגער, איידער —

— דאָס הער איך ערשט פון דיר, אַז ער איז אַזאַ איינגעהאַלטענער...

— איין איינגעהאַלטענער, זאָגט ער... יענער איז אַ ייד פונעם פּסוק... פון „אני בצדק אחזה פניך"...

— כ'פאַרשטיי נישט, וואָס פאַר אַ משל איז אַהער דער פּסוק?...

— האָסט נישט געהערט דעם וויץ? ערשט יענע וואָך האָט אים קלאַד־ניצקי דערציילט ביי די פייגנבוימס... מתוק מדבש...

— לאָמיך אויך הערן...

— בצדק איז אַ ראשי־תיבות פון „ביז צו דער קעשענע". באַטייט עס אַזוי: ביז צו דער קעשענע, אחזה פניך — קען איך נאָך קוקן אויף דיין פּנים, אָבער טאָמער מייגסטו ממתקים, איז — והילד איננו...

— שאַ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, ביי זיידל קרעמענטשוגער האָסטו זיך נישט געפּרוווט אָנמיען אַ גמילות־חסד? ער איז דאָך, זאָגט מען אַ פאַר־פונדעוועטער ייד און אפילו איצט אויך אַ היפּשער בעל־שפע, אַלע זעקס זון פאַרנעמען פעטע פּאָסטנס...

— אויף מיין וואָרט, דו ביסט גאָרנישט קיין היגער! פון איין זייט דיין שרייבן, וואָס דיר דאַכט זיך, אַז דו כאַפּסט מלאכים, פון דער צווייטער, דיין שלימזלדיקער מזל־בתולה, וואָס דו ביסט צו אים כורע ומשתחוה אַזוי ווי צום עגל — האָבן דיך אין גאַנצן געמאַכט פאַר אוים מענטש. אמת, זיידל קרעמענטשוגער איז טאַקע אַ גביר אדיר, אָן אמתער בעל־גוף. ער האָט גאָר נישט קיין יידישן מזל. האָרט פאַר דער ראַסקולאָטשעוואַניע האָט ער נאָך באַוויזן אויסצופאַרקויפן אין קרעמענטשוג זיינע מאַיאָנטקעס עד לפ"ק, קיין איין פאָדעם איז ביי אים נישט געגאַנגען לאבוד. די וועלט האָט געוויינט און ער האָט געלאַכט... זיינע בונאַקעס טראָגן טאַקע אַריבער צו אים אין שטוב אַריין דעם גאַנצן קיעוו־טאָרג, דאָס איז אויך אמת, אָבער ווי פאַלט דיר גאָר איין, אַז אַזאַ ווערעמדיקער קולאַק ווי ער וועט זוכן אַ יידן אַ טובה צו טון? דאָס איז דאָך אַזאַ טיפּטשיק... להבדיל באלף הבדלות, אָן אמתער כהן...

— אָן אמתער — וואָס? וואָס פאַר אַ משל איז אַהער אַ כהן צי אַ לוי?

— ביים כהן שטייט: „ולקח — אַז ער נעמט, נעמט ער — מלא חפניו", ונתן — אַז ער מוז שוין געבן, גיט ער קוים־קוים — באצבעו"... אָט דאָס איז דער משל... זינט דו לעבסט, האָסטו נאָך נישט געזען אַזאַ עבברא דשכבי אדינרי*... יענער איז גרייט זיך מקריב זיין פאַר אַ פּיאַטאַק, זאָגסטו גאָר — אַ גמילות חסד פון הונדערטערס...

יוסף קוקט זיך אום אויף זיין באַגלייטער און גיט אַ בורטשע:

— זינג דעם חתן ווייענדיקס, ער האָט זיך אין זינען זיינס... איך רעד און דו האָסט, דאַכט זיך, אין זינען דיינע געשעפטן...

שלמה קנייטשט דעם שטערן, וויל זיך עפּעס דערמאָנען און קען נישט. גאָרדאָן טאַרקעט אים:

— וואָס זשע שווייגסטו גאָר? פאַר וואָס זאָגסטו נישט קיין מבינות אויף קלאַדניצקעס „ראשי תיבות"? ס'איז דאָך הפלא ולעפעלע...

— מילא, יאָ מבינות, נישט מבינות, זאָג מיר בעסער, כ'קען מיך

---

* אַ מויז וואָס ליגט אויף רענדלעך. די כונה — אַזעלכער, וואָס האָט אַליין נישט קיין הנאה פון זיין געלט און לאָזט יענעם אויך נישט קיין הנאה האָבן. אַ גמרא־ווערטל.

בשום אופן נישט דערמאָנען, ווי רופט מען דעם שוואַרצן יונגנמאַן, וואָס ווינט קעגן דער אַפּטייק, די דריטע שטוב פון דיר?

— איך וויים נישט, ווען דו מיינסט...

— דער וואָס צופּט שטענדיק דאָס בערדל און טראָגט די ברילן אויפן שטערן...

— אַך, נפתלין מיינסטו? נפתלי האָראָדעצקי?

— יאָ, יאָ, אים מיין איך... דו האָסט אים נישט געפּרוווט זאָגן מכח אַ הלוואהלע אויף עטלעכע חדשים? ער פאַרמאָגט און וואָלט דיר בפּירוש געגעבן...

— דו ביסט ביים קלאָרן זינען, צי ניין? נפתלי פאַרך וועט אים געבן הלוואהלעך... און ווען ער זאָל שוין גאָר יאָ וועלן געבן, קען ער דען? יענער האָט דאָך אַזאַ „זוגתי"... שוועבל און פעך...

— וואָס רעדסטו?

— אַ נייעס... אַזעלכס וואַרפט דער ים נישט אַרויס... פון די אמתע בנות־חת...

— בנות — וואָס?

— בנות־חת, בנות־חת... האָסט נישט געהערט דעם וויץ? נישט קיין נשים, נאָר — נחשים...

שלמה צעלאַכט זיך:

— עפּעס האָט זיך ביי דיר היינט געעפנט אַ קוואַל פון גלייכווערטלעך... איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביסט אַזאַ בקי —

— שוטה, דאָס איז אַ סגולה אויף צו פאַרגעסן אַ ביסל די אינווייניקסטע נחשים, וואָס גריזשען אומברחמנותדיק... גלייב מיר, ווען איך גיי דורך פאַרביי דעם „פאַנטאָפל", זע, ווי מען האָט אונדז געירשנט לעבעדיקערהייט, כאַפּט מיך אָן אַזאַ בייסיקער פאַרדרוס, אַז איך וואָלט געכאַפּט דעם גרויסן האַמער, מיט וועלכן מען פלעגט די ערשטע צייט אויסקלאַפּן קנאַפּל — דו געדענקסט אים נאָך? — און עמעצן צעשמעטערט דעם קאָפּ... וועמען וויים איך אַליין נישט... איך וואָלט צונויפגענומען אַט די גאַנצע באַסע־קאָמאַנדע, הני כלבין דחציפין, פון לעבעדין, פון קיעוו, פון אַלע שטעט און שטעטלעך און זיי עוקר מן השורש געווען! אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגלעך איז כדי זיך אַליין צו פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ, וויצלט מען זיך...

— מען דאַרף אים פאַרגעסן, דעם „פאַנטאָפל", מען מוז אים פאַרגעסן... גזרה על המת שישכח מן הלב! * После боя руками не машут. מיר זענען ליקווידירט און דאַרפן דאַנקען גאָט, וואָס: הפח נשבר ואנחנו נמלטנו... גם־זו לטובה, ווייל ביי דער חברה האָט געקענט זיין פיל, פיל ערגער... איז זאָגסטו, אַז ס'איז דאָ אַ בודקע צו נעמען?

— אַליין הייסט אַ בודקע? אַ דירה־מלוכה, זאָג איך דיר...

---

* נאָך דער שלאַכט פאָכעט מען נישט מיט די הענט.

— און דאָס קען געבן פּרנסה?

— וואָס פרעגסטו? בעסער פון דיין „טאַרגסין“!... דו מעגסט עס פאַרמאָגן מיט מיר אין איינעם, וואָס מען קען ביי דער בודקע פאַרדינען פאַר איינע דריי חדשים...

— גיי, דו שוטה, מיט דיינע ווינטשעוואַניעס...

— דו ביסט אַליין א שוטה. זאָג נאַר, דו האָסט נישט ביי זיך א רובל אויף פּאַפּיראָסן? איך האָב שוין דריי טעג נישט געריכערט... ביים טאַטן גלוסט זיך נישט נעמען...

— גלייב מיר, יוסף, קיין איין גראָשן האָב איך אויך נישט ביי זיך. עס וועט דיר גאָרנישט שאַטן, אויב דו וועסט אין גאַנצן אויפהערן רויכערן...

— ווער פרעגט דען ביי דיר דעות, בעל־יועץ מיינער?... שטופּט די צונג, ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט...

זיי גייען דורך פאַרביי א פּאָסט. שלמה גיט זיך א כאַפּ:

— אוי־וואַ! שיר נישט פאַרגעסן. יוסף, קום אַריין מיט מיר אויף א ווײַלע, איך דאַרף אָנקלינגען צו א מענטשן...

— נישט צו א מענטשיכע?

— וואָס איז דיין באָבעס דאגה?

— זי דרייט דיך נאָך אַלץ ביי די אויערן, דאָס שלעקל דיינס?

— וואָס איז דאָס פאַר א שפּראַך, דו פּרא אדם...

— קלינג, קלינג, וועסט זיך דערקלינגען... עס וועט שוין זיין פון דיר א לייט...

— ס'איז דיר גרינג צו זאָגן: קלינג. כ'האָב ערגעץ געהאַט א גריוועניק און — אַזוי ווי אין דער ערד אַריין. א פּנים דורך דעם קעשענע־לעכל אַוועק שפּאַצירן... יוסף, דו האָסט נישט ביי זיך קיין ווייסע גריוועניקע?

— איך — א גריוועניקע? שוין לאַנגע יאָרן קיין גריוועניקע פאַר די אויגן נישט געזען... דו האָסט געהערט דאָס מעשהלע פון די בעלזער „יושבים“?

— וואָס טויגן מיר דיינע מעשות, איך פרעג אָן געלעכטער: דו האָסט ביי זיך צען קאָפּיקעס?

— זיי זשע נישט קיין גולם און לאָז א מענטשן אויסרעדן... מען דערציילט, אַז אין בעלז —

— קום זשע, וואָס ווילן מיר דאָ שטיין אומזיסט.

— ... דערציילט מען, אַז אין בעלז זיצן „יושבים“ אין קלייזל און מען קוועטשט די באַנק. חוטפט זיך אָן בערל צו געצלען: — „געצל, דו האָסט ביי זיך נישט קיין שטיקל פּאַפּיר?“ — „וואָס פאַר א פּאַפּיר מאָנסטו ביי מיר?“ — געוויינלעך פּאַפּיר אויף „אשר יצר“. — „גיי, דו שוטה. ווען איך האָב, גיי איך אַליין“...

נישט אומקוקנדיק זיך אויף שלמהן לאָזט גאָרדאָן אַרויס א לאַנגן פייף,

רוקט אַריין די הענט אין די קעשענעס און שפּאַנט אַוועק מיט אַן אַרטיס־טיש גענגעלע.

די זעלבע נאַכט, איינס אַ זייגער, האָט שלמה אָנגעקלאַפּט צו די גאַר־דאַנס און זיך קוים דערקלאַפּט. מען האָט אים געעפנט און ער האָט אויפ־געריסן יוספן פון שלאָף. יענער האָט זיך לאַנג געמאַרדעוועט, נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן די קאָלדרע פונעם קאָפּ און ווען שלמה האָט זי אַראָפּגעריסן, שטאַרק געריבן די אויגן מיט די קולאַקעס, ביז ער האָט ענדלעך דערקענט שלמהן. אומצופרידן פון דעם אומגעריכטן וויזיט האָט ער אַ וואָרטשע געטון:

— וואָס פאַר אַ שדים טראָגן דיך ארום גאַנצע נעכט?

— טאָמער ביסטו נאָך שלעפעריק, קען איך דיך אָפּגיסן מיט קאַלט וואַסער...

יוסף האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר קעלבערנע אויגן:

— וואָס הייסט, קאַלט וואַסער?

— קאַלט וואַסער הייסט וואַסער, גלייך פון דער וואַסער־לייטונג...

ביסלעכווייז איז גאַרדאַן געקומען צו זיך און געבעטן שלמהן זיצן.

— אַ דאַנק פאַר דער איינלאַדונג, אַליין האָסטו זיך שוין אויסגעו־קאַטשעט אויף אַלע זייטן און מיך בעטסטו ערשט זיצן...

— פון וואַנען גייסטו עס אַזוי שפּעט?

— אַזש פון פּאַדאַל צו פוס, טראַמווייען שטייען, עס איז נישטאָ קיין שטראָם...

— ווי זשע קומסטו אַהער?

— איך האָב דיר געבראַכט זיבן הונדערט רובל... ביז שבת קענסטו דיר נאָך צונויפשטעלן אַלע מכשירים.

— צו וואָס זשע דאַרף איך אַזוי פיל געלט?

— אַז דו זאָלסט נישט זיין געענגט אין קיין רובל, טאָמער טרעפט זיך נאָר אַ מאָל קויפן עטלעכע אַלטע פרימוסן, וועלכע מען קען אָפּרע־מאָנטירן און דערנאָך פאַרקויפן... מיט איין וואָרט, עס וועט צו נוץ קומען...

— וואָס זשע האָסטו געדאַרפט ביי נאַכט, צו פוס?

— כ׳האָב מורא געהאַט זיך אַליין אָנצוטרויען דאָס געלט... אין דער פרי קענען זיך אָפּזוכן דערויף אַנדערע ליעבער.

— דו הערסט, שלמה... איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט... ניין, גאָרנישט... איך זאָג, אַז עס איז שוין טאַקע זייער שפּעט, גיי שוין לייג זיך שלאָפן... צי אפשר שפּאַרסטו זיך צו מיט מיר?

— ניין, מען וועט אין דער היים יסורים האָבן. אַ גוטע נאַכט... אַנט־שולדיק מיך פאַר דיינע עלטערן... עלטערע מענטשן — און איך האָב זיי אויפגעריסן אין מיטן בעסטן שלאָף.

— גוט, כ׳וועל דיך פאַר זיי אַנטשולדיקן.

— און דו שלאָפסט ווי אַ העלפאַנט, כאָטש שים אין דיר.

— וואָס קען איך העלפן? ס׳איז ביי מיר אַזאַ קרענק...

אין עטלעכע טעג ארום איז שלמה געוויר געוואָרן, אַז ביי פרידמאַנען איז זייער ענג אין געלט. דעם זעלבן טאָג האָט ער אים אָפּגעטראָגן דריי הונדערט רובל אויף צעצאָלן זיך פאַר דירה־געלט און זיך איינקויפן נייע מכשירים און מאַטעריאַלן צום איינבינדן.

קלאַדניצקי מיט אַדלערן האָבן אין געהיים געאַרבעט ביי זיך אין די דירות אַלערליי: שיך, טופל, טאַפּעטס און אַרויסגעשיקט די שוועסטערלעך אין מאַרק צו פאַרקויפן די קראַם. די עלטערע צוויי שוועסטער פייגנבוים זענען ווידער אָנגעקומען אין אַ פּאָליקליניק אַרבעטן אַלס קראַנקן־שוועסטער און זיך געמאַטערט מיט די שבתדיקע סמענעס. טאַני איז געבליבן די שטוב־באַלעבאָסטע און די אויפזעערין ביי דער מוטער. דער פרוי פייגנבוים איז אַלץ נישט בעסער געוואָרן. נישט די הענט, נישט די פיס האָבן נישט באַ־וויזן קיין סימן פון לעבן, נאָר דער קאָפּ האָט אויף אַלץ דייטלעך און לויטער רעאַגירט.

זיצנדיק איין מאָל ביי די פייגנבוימס הערט שלמה, ווי ניסן פייגנבוים מיט גאָרדאָנען פּראָיעקטירן אַ מעבל־אַרטעל. ניסן דערציילט, אַז ער האָט שוין אפילו אויסזיכטן אויף אַ דירה, ערגעץ אויף פּאָדאָל, נישט ווייט פון דער תלמוד־תורה. שלמה ווענדעט זיך צו גאָרדאָנען:

— יוסף, דו האָסט נאָך מסתמא קיין האַלב צענדליק פּרימוסן נישט פאַרריכט און דו פּראָיעקטירסט שוין אַ נייע אַרבעט?

— פון אייביק אָן האָב איך אַזאַ טבע. איך מוז עפּעס פּלאַנירן, צו עפּעס שטרעבן. אָט ווען מיר אַוועקשטעלן דעם מעבל־אַרטעל, אים דער־פירן ביז אַ פאַבריק, וועט מען אונדז מן הסתם אויך אַרויסשטויסן און מיר וועלן ווידער צוטראַכטן עפּעס אַ נייעס... אַזוי מוז דאָס גיין...

אין דער תלמוד־תורה האָבן שוין געלערנט אַ היפּש ביסל קינדער. אַ טייל פון זיי האָט מען באַשטאַט מיט הלבשה און מיט קעסט. די מקוה האָט שוין בסוד־סודות אויך געאַרבעט. דער גמילות־חסד־פאָנד האָט שוואַך פונקציאָנירט, ווייל די הויפּטקוואַלן פון מיטלען־צופלוס זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן. דעם שטענדיקן שיעור מיט הרב ביאַליק האָט חברה אָפּגעהיט, נישט קוקנדיק אויף אַלע פּערזענלעכע מניעות. דאָס ווערק ביי שלמהן איז געוואַקסן, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.

*

אָנהייב חנוכה האָט שלמה באַקומען אַ בריוו פון זוועניגאָראָדקע. עס שרייבט דעם רבינס טאָכטער חנה:

„טייערער פריינט שלמה!

דאָס אַליין, וואָס איך שרייב אייך, איז שוין אַ שלעכטער סימן. דער טאַטע איז געשטאָרבן... פערצן טעג אין כסליו... ערב חנוכה בין איך אויפ־געשטאַנען פון שבעה. איך וואָלט זיך נישט געכאַפּט אייך אָנצוזאָגן די בשורה טובה, נאָר דער טאַטע לשלום, וועלכער איז געווען ביז דער לעצטער מינוט ביי אַלע חושים, האָט אייך אָנגעשריבן עפּעס אַ מין בריוו, צי אַ צוואה, כ׳ווייס?... שיק איך אים אייך. ס׳איז מיר אַ גרויסער ווייטיק,

טאָמער האָב איך נישט יוצא געווען קעגן אזא הייליקן יידן, ווי מיין טאַטע איז געווען... ער זאָל דאָרט זיין א גוטער מליץ פאַר אונדז אַלע און אויס־בעטן ביי דעם וואָס לעבט אייביק א רעכטן זיווג פאַר מיין חוהלען און מיך אַליין אויך אויפריכטן... איך בין נאָך אויך א יונגער מענטש... זייט מיר געזונט און לאָמיר שוין זיין באַהיט פון צער. א גרוס פון חוהלען. זי גייט עפּעס אין א שול. יאָ, איך האָב אייך פאַרגעסן שרייבן, גיי ריכט זיך אויף מיין טאַטן אזא זאַך... אז מען האָט מודיע געווען די חברה־קדישא, אז ער איז געשטאָרבן, האָט מען געפונען פאַרשריבן אין זייערע ביכער דאָרטן, אז דער טאַטע לשלום האָט אָפּגעקויפט פאַר זיך א שטיקל פּלאַץ לעבן מאַטל דעם דיין און דאָרט טאַקע האָט מען אים באַהאַלטן. זייער שיינע שכנים. ביידע געווען גרויסע צדיקים...

אייער פריינדין חנה.

דאָ האָט איר דעם טאַטנס בריוו."

שלמה האָט מיט ציטערנדיקע פינגער צענומען א בויגן צונויפגעלייט אין פירן. ער האָט געהאַט א געפיל, ווי ער זאָל אויפהייבן א פאָרהאַנג פונעם „אחורי הפרגוד" *. דאָס כתב איז געווען צעבראָכן און שטאַרק פאַרשפּיצט.

„צו מיין טייערן תלמיד און זון שלמה נ"י, פּיאַטיגאָרסקי!

איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג, אָבער איצט פיל איך, אז איך טאָר שוין מער נישט אָפּלייגן מיין שרייבן, ווייל שפּעטער קען זיין צו שפּעט... מען רופט מיך צום בית־דין־של־מעלה. עס איז א גרויסער פּחד. אָבער אפילו ווען די ברירה איז ביי מיר, וואָלט איך אויך נישט געוואָלט בלייבן אויף דער זייט. גענוג! איך בין שוין זאַט! ברוך־השם דעם לעצטן סוכות אין מיין לעבן נאָך געמאַכט זיך אַליין א סוכה, געגעסן דאָרט מיט מיין טאָכטער און מיט מיין אייניקל. א דאַנק דיר געהאַט אַליין א לולב מיט אַן אתרוג. און נאָך וואָס פאַר אַן אתרוג. אויף מיין לעבן האָב איך נישט געהאַט אַזעלכן. איצט קען איך שוין גיין... אפילו אַן אָרט אויפן בית־החיים האָב איך שוין אויך... מיט מאַטל דעם דיין, לשלום, אין שכנות. געפעלט דיר דער שידוך? פון מיינע לעצטע עטלעכע גראָשן באַצאָלט! דיך ווייל איך בעטן אַלע יאָרצייט אָפּלערנען משניות פאַר מיר. קיין זון האָב איך נישט. און דו אַליין, מיט זיך — זיי זייער פאָרזיכטיק... אויב דו האָסט נאָך נישט געטון דעם שידוך מיט אָט דעם יאַנים מיידל, קלער איבער נאָך הונדערט מאָל, עס איז נישט קיין שפּילעכל, עס איז א זאַטל, וועלכעס מען טוט אָן אויפן גאַנצן לעבן. און א זאַטל, אויב עס איז נישט צוגעפּאַסט צום רוקן, ווייסטו גאַנץ גוט פון דיינע מסעות — רייבט עס אים לעכער. כל ימי הייתי מצטער, כ'האָב אַלע מיינע יאָרן מכון געווען אין „הלל": „לא אמות — כי אחיה", לאָמיך נישט שטאַרבן, כל זמן איך לעב נאָך... ס'האָט מיר אָבער נישט געהאָלפן מיין געבעט, כאָטש די נשמה האַלט זיך נאָך אין

* אויף יענער זייט מחיצה. דאָ געמיינט — יענע וועלט.

מיר, אָבער איך בין שוין לאַנג טויט. באַלד נאָך דעם, ווי מען האָט ביי מיר צוגענומען די צאן־קדשים, איז דער אמתער שמעיה פאָקוטילאָווער געשטאָרבן און אין זיין דמות איז מגולגל געוואָרן אַ נמאסער חומר, אַ שברי־כלי... שלמהלע מיין קינד, זיי זהיר וזהיר און דער באַשעפער זאָל דיך באַשירעמען מיט זיין רעכטער האַנט פון צו שטאַרבן לעבעדיקערהייט. יעדן טאָג פאַרן שלאָף זאָלסטו אַ פרעג טון ביי זיך אַליין: „שלמה, מיט וואָס קומסטו אַהיים פון היינטיקן יאַריד?“ דאָס לעבן, זונעניו, פליט ווי די טעלעגראַפנע סלופעס, ווען מען פאָרט אין אַ בויד געשפּאַנט מיט זעקס פּריצישע סוסים. כאָטש אַליין בין איך קיין מאָל אין אַזאַ בויד נישט געפאָרן, אָבער געזען האָב איך יאָ אַזעלכע. ס'האָט מיר אַ מאָל מיין רבי לשלום, געזאָגט און אַ וויץ — אָבער דער וויץ איז אַ טיפער — **„ווען מען** זאָל זיך אין די סדרים־נעכט גוט איינהערן, וואָלט מען געקענט הערן, ווי **מען וועקט צו „סליחות“. פאַרשטאַנען? מים עמוקים ידלם איש תבונה*. איך** בין דיר זייער דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס דו האָסט די לעצטע יאָרן מיט מיר געטון. צייטנווייז דאַכט זיך מיר, ווי איך וואָלט אין מיין לעבן מיט קיינעם נישט האָבן געלערנט, נאָר מיט דיר איינעם. זיי געזונט, מיין תלמיד. דיין לעצטע פאָטאָגראַפיע, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, איז זייער אַ שיינע. דו זעסט אויס ווי אַ צעדערבוים און אַזעלכער שטייסטו פאַר מיינע אויגן אין די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן. פאַרן אָפּגעבן די נשמה קען איך דיר נאָר ווינטשן, דו זאָלסט נאָך אַ מאָל זוכה זיין קומען קיין ארץ־ישראל. איך ווייס, אַז דאָס איז דיין גרעסטער באַגער, דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג, נאָך פון חדר. און דו, ווי אַ בעל־שמסקע איניקל, זיי מתפלל פאַר מיין נשמה, מען זאָל זי דאָרט שטאַרק נישט שמייסן... טאָמער האָב איך עפּעס אַ מאָל דיר פוגע בכבוד געווען אָדער יסורים פאַרשאַפט, זיי מיר מוחל. און איך בין דיר אויך אַלץ מוחל. זיי אַ ייד און היט די תורה. דער גאַנצער חן, וואָס ליגט אויף דיר, איז נאָר אַן אָפּשיין פון דער תורה. פאַרלירסטו איינס — פאַרלירסטו אויך דאָס צווייטע. גאָט זאָל באַשיצן מיין טאָכטער מיט איר יתומהלע. נאָך אַ מאָל: זיי געזונט און גליקלעך, ווי עס ווינטשט דיר דיין רבי שמעיה פאָקוטילאָווער“.

שלמה האָט אָפּגעווישט אַ טרער און גוט באַהאַלטן דעם לעצטן אָנדענק פון זיין ערשטן און לעצטן מלמד.

---

* טיפע וואַסער קען אויסשעפּן נאָר אַ פאַרשטאַנדיקער מענטש.

קאפיטל XXXII

עס איז געשטאַנען אַ פּראַסטיקער ווינטער־טאָג. שלמה האָט זיך אַרומ־געדרייט אין קאָרידאָר פון צענטראַלן „טאַרגסין" און צוזאַמען מיט נאָך סוחרימלעך געדעכנט און איבערגערעכנט, צי עס לוינט אויסשרייבן מעל, מיט דער נייער „נאַגרוזקע", צי ניין. עס איז געווען אַ קלער, אַז אויף די זאַנטיקלעך *, וואָס מען גיט צו צו יעדן זעקל מעל — איינס, וועט גאָר אין גאַנצן קיין קונה נישט זיין, און דאַן וועט מען נאָך דאַרפן צוטראָגן צום מסחר אַ שיינע קאָפּיקע.

מיט אַ מאָל האָט שלמה דערזען צווישן עולם ר' יעקב פרידמאַן, דעם לעבעדינער רב. אַ דערציטערטער איז ער צוגעלאָפן און מיט יראת־הכבוד דערלאַנגט אים שלום־עליכם. דער רב האָט זיך אַ ווײַלע איינגעקוקט אין דעם יונגנמאַן און פריינטלעך אויסגעשטרעקט די האַנט:

— האַ, שלמה זוועניגאָראָדקער! שלום־עליכם, עליכם־שלום... איך דריי זיך שוין דאָ אַרום אַ היפּשע ווײַלע און האָב אײַך גאָרנישט דערקענט...

— פון ווען אָן האָט איר מיך אָנגעהויבן „אירצן", לעבעדינער רב?

— אַז אַ י ך האָב שוין געקענט אײַך נישט דערקענען, קומט אײַך שוין אירצן.

— דאָס איז דערפאַר, ווײַל איר האָט זיך נישט צוגעקוקט: איך בין דער זעלבער וואָס געווען.

— אַ געשעפט, עס לוינט נישט צו רעדן דערפון. דו, איר, זאָל זיין: דו...

— וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס? איך האָב שוין אײַער משהן אויך לאַנג נישט געזען. ער קומט נישט צום שיעור. וואָס איז די מעשה?

— דאָס איינבינדערײַ איז אַזאַ פאַרשאָלטענע אַרבעט, אַז מערסטן טייל דאַרף מען זי טון בײַ נאַכט. בײַ טאָג קען מען זיך נישט צעלייגן אין בוכהאַלטעריע מיט אַלע זיבעצן זאַכן, דערפאַר קומט ער נישט צום שיעור. נאָר ער וועט דאָ באַלד זיין.

— וואָס האָט ער דאָ צו טון? און וואָס טוט איר דאָ?

— איך האָב דאָ אַ שטיקל דורכפאַל... עס איז מיר אָנגעקומען פון אַמעריקע פינף און צוואַנציק דאָלאַר, האָב איך גענומען פון אונדזער באַנק אַ טשעק אין קיעווער „טאַרגסין" אַריין און האָב געהייסן מיין משהן גע־וויר ווערן, צי עס איז עפּעס נישקשה אַצינד אויסצושרייבן פּראָדוקטן. האָט ער מיר געענטפערט, אַז יאָ. צום סוף, ביז איך האָב זיך אויסגעקליבן צו קומען, זאָגט מען איצט, אַז עס לוינט נישט. איך וועל האָבן פּראָדוקטן אויפן שפּיץ מעסער, און דער עיקר: זאַנטיקלעך... וואָס וועל איך טון מיט די זאַנטיקלעך?...

---

* קליינע שירעמס.

— וואָס פאַר אַ פּראָדוקטן האָט איר גערעכנט נעמען?
— כ׳וויים? מעל, צוקער, סמאַליענסקער גרויפּן. ראַזשינקעס עטלעכע קילאָ אויף אַרבע כוסות האָב איך גערעכנט נעמען, עטלעכע קילאָ פּוטער, נאָר דער עיקר טאַקע מעל.
— און וואָס האָט איר גערעכנט טון מיט די פּראָדוקטן?
— וואָס הייסט, וואָס? מיטנעמען אַהיים... ביי אונדז איז זייער שווער...
— ווייזט מיר אייער טשעק...
— צו וואָס דאַרפסטו אים?
— איך וועל אייך שוין נאָך דעם זאָגן...
— ביטע, נאַ דיר אים.
שלמה האָט גענומען דעם טשעק און אפילו נישט קיין קוק געטון אויף אים. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם קאַבינעט פונעם אויסשרייבער און אַריינגעגאַנגען. דער אויסשרייבער, אַן עלטערער מענטש אין ברילן, האָט געשעפּטלעך געפרעגט:
— נו, שלמה, וואָס וועט איר זאָגן? זיך איבערגערעכנט?
— נישט וועגן דעם בין איך אַריינגעגאַנגען. דאָ האָט איר אַ טשעק אויף פינף און צוואַנציק דאָלאַר. ער איז איינעם אַ רבס. ער פאַרמאָגט נישט אויף קיין זאַנטיקעס. שרייבט אים אויס אויפן גאַנצן געלט פּראָדוקטן. האַלב „נאַגרוזקע״ וועל איך נאָך דעם קאָמפּענסירן, און האַלב — מעג ליידן דער טאַרגסין אַליין...
— אָבער איר ווייסט, שלמה, דאָס איז אַ מלוכהשער אַנשטאַלט און מיך האָט מען דאָ אַוועקגעזעצט נישט דערויף, אַז איך זאָל טון טובות.
— אַז איר וועט זיך מיט מיר שטאַרק דינגען, וועל איך נעמען די גאַנצע „נאַגרוזקע״ אויף זיך... מען שאַרט אייך צו אַ גוטע זאַך, זאָגט אַ דאַנק און רעדט נישט קיין סך.
יענער האָט לייכט אויפגעעפנט דאָס פענצטערל, דורך וועלכן ער פלעגט אויפנעמען קונים, און עטלעכע מינוט באַטראַכט דעם לעבעדינער רב. ווען ער האָט צוריק צוגעמאַכט דאָס פענצטערל, פרעגט אים שלמה:
— נו, ס׳איז אייך געפעלן מיין קליענט?
— וואָס פאַר אַ פּראָדוקטן דאַרף ער?
— אָט אַזוי זענט איר אַ מאַלאַדיעץ! דערפון האָט איר לכתחילה געדאַרפט אָנהייבן... מיין האַלבע „נאַגרוזקע״ וועל איך נאָך היינט אָפּדעקן.
— וואָס זאָל איך אויסשרייבן? גיכער זאָגט...
— שרייבט אים: אַכט קילאָ צוקער, צוועלף קילאָ סמאַליענסקער גרויפּן, פינף קילאָ פּוטער, פיר קילאָ ראַזשינקעס, צען קילאָ בוימל און אויפן איבעריקן — מעל.
ווען שלמה האָט דערלאַנגט דעם לעבעדינער רב דעם אָרדער אין מאַגאַזין אַריין, האָט זיך יענער דערשראָקן אַ כאַפּ געטון:
— אוי, דו האָסט, דאַכט זיך, פאַרביטן דאָס פּאַפּירל...

— נישט דאַכט זיך, אודאי האָב איך פאַרביטן... מיט דעם פּאַפּיר גייט אין מאַגאַזין אַריין און הייסט אייך אָפּוועגן פּראָדוקטן.

— אוי, איך דאַרף דאָך אָבער האָבן דעם טשעק...

— וואָס הייסט?

— איך מיין אַ דובליקאַט...

— צו וואָס דאַרפט איר אים?

— אַז די זאָלסט פרעגן אַזאַ זאַך... פאַר דער פינ־אינספּעקציע...

— איר פאַרשטייט פּאַרט נישט... איך האָב אַ גראָבן קאָפּ...

— איך בין דאָך, כביכול, אַן אַרבעטער פון קולט, דאָס פאַרגעסטו? דאָס ווייסטו, אַז יעדן קוואַרטאַל מוזן די כלי־קודש צושטעלן דער פינ־אינספּעקציע אַ באַריכט פון אַלע הכנסות...

— נאָך צוטראָגן איר אין די ציין אַריין? זי דאַרף, זאָל זי נעמען אין באַנק...

— אַזוי פּסקנסטו ד ו! און זיי האַלטן אַנדערש...

— ווי אַזוי זשע האָט איר געמיינט מיטן טשעק —

— איך האָב גערעכנט, אַז דער „טאַרגסין" וועט מיר אַרויסגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז —

— איר האָט שלעכט גערעכנט, הרב פרידמאַן. דער „טאַרגסין" פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין דאָקומענטאַציע, אָבער די לעבעדיגער באַנק וועט אייך אַרויסגעבן לכבוד דער פינ־אינספּעקציע אַ דובליקאַט פונעם טשעק.

— ע, ווען זי זאָל וועלן געבן... איך ציטער זייער פאַר אַ סכסוך מיט יענע מחבלים...

— זי וועט געבן... זי וועט געבן... זי איז מחויב צו געבן...

— מחויב אפילו?

— אַזוי מיין איך. אַז משה רבינו האָט געפּטרט די לוחות, האָט אים דער אייבערשטער אויך אַרויסגעגעבן אַ קאָפּיע...

דעם לעבעדינער רבס פּנים האָט זיך צעשוומען אין אַ לייטזעליק שמייכעלע פון שלמהס משונהדיקער ראיה. באַלד אָבער האָט אים דער זכרון עפּעס אונטערגעטראָגן און דאָס שמייכעלע איז צוריק פאַרשוואונדן:

— וואָס זשע וועל איך טון מיט אַזוי פיל זאָנטיקעס?

— איר האָט נישט אפילו קיין איין זאָנטיק...

— ווי אַזוי קען דאָס זיין? ווי איז דאָס מעגלעך?

— ביי קיינעם איז דאָס טאַקע נישט מעגלעך און ביי אייך יאָ.

— אַ גרויסן, גרויסן יישר־כח... דו ווייסט גאָר נישט, וואָס פאַר אַ גוטע זאַך דו האָסט דאָ אָפּגעטון... איך זע, אַז דו ביסט דאָ אַ יוצא ונכנס...

— איר רעדט מיט אַ מענטש שמלאכתו בכך...

— נו, און ווי אַזוי מיט פּירות? ס'איז עפּעס אַן עץ חיים למחזיקים בה?

— די וועלט זאָגט אַ ווערטל: אַז מען האַנדלט מיט אַן אָקס, פאַר־

דינט מען אַן אָקס, און אַז מען האַנדלט מיט אַ נאָדל, פאַרדינט מען אַ נאָדל... ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין —

— אָט דאָס מיין איך דאָך: ביי אַ מסחר מיט גאָלד איז... הלא השאירו לך עוללות...

— ס'איז ווי אַ מאָל: אַ מאָל בלייבט מער פון עוללות און אַ מאָל קיין עוללות אויך נישט. ס'איז לאו בכל יומא איתרחיש ניסא *...

— נו, און דער מסחר איז עפּעס פאַרבונדן מיט אַ סכנה אויך?

— די קניות, וואָס מען מאַכט בריש גלי, זענען אָן סכנות. עס זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע קראָמען, וואָס מען מוז זיי אַרויסנעמען בשעה שלא יום ולא לילה, פאַר אַן עין־הרע. אין אַזעלכע פאַלן, פאַרשטייט זיך...

— הייסט עס, זייערע גנבות אָדער מותרות? מיט וואָס זשע ביסטו דאָ חייב? טוביה חטא וזיגוד מינגד? **

— וואָס פרעגט איר אַזעלכע זאַכן? איר ווייסט נישט, אַז „לאו עכברא גנב, אלא חורא גנב" ***? נו, אַנטשולדיקט, מען רופט מיך... זייט געזונט, הרב פרידמאַן, גריסט אייער משהן און אייערע טעכטער און פאַרגעסט נישט, אַז מיך אירצט מען נישט... עס איז פאַר מיר פשוט נישט אָנגעמאָסטן.

*

די צייט איז געגאַנגען. נאָך אָפטע געדיכטע שנייען האָבן אכזריותדיקע ווינטן אָפּגעטראָגן אין עבר אריין דאָס יאָר 1931 און מיט זוניקע פראָסטיקע טעג, מיט קאָפּדרייעניש און מיט דחקות האָט זיך אַריינגעגליטשט דאָס 1932טע. אַלע געוועזענע „פאַנטאַפּלצעס" האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו זייער נייער לאַגע. פּאַמעלעך האָט זיך אומגעקערט צו זיי די לעבנס־לוסטיקייט פון יונגע מענטשן, וועלכע קענען בטבע נישט פאַרטראָגן קיין מרה־שחורה. ביי יעדער מינדסטער געלעגנהייט פלעגט מען ביי די פייגנ־בוימס פריילעך פאַרברענגען, זינגען, טאַנצן. שלמה האָט מערסטן טייל אויס־געפעלט אויף די שמחהלעך. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס רופן אים, דאָס גיין נאָך אים. ער איז אָדער פאַרפאַלן געוואָרן אויף אוריצקע אָדער ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין צימער און איז געזעסן איינגעבויגן איבער די העפטן, ביז אין ווייסן טאָג אַריין. חברה איז אויף אים דערפאַר געווען אין כעס, אש להבה! שלמה האָט זיי שטאַרק אויסגעפעלט. ווען ער איז געווען אין דער שטימונג, איז ער געווען דער פריילעכסטער פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע. נאָר שלמה האָט וויניק אַכט געלייגט אויף זייער צאָרן. ער איז אין גאַנצן געווען אונטער דער מאַכט פון פאַלים כשופנדיקע אויגן און פון זיינע ליבהאַרציקע העפטן. דאָס ווערק איז אומעטום מיטגעגאַנגען מיט אים ווי אַ לעבעדיקער מענטש; אפילו אין חלום פלעגן זיך ביי אים די געשעע־נישן פונאַנדערוויקלען אויף אַ משוגע־פאַנטאַסטישן אופן.

* נישט יעדן טאָג טרעפט זיך אַ נס.

** טוביה האָט געזינדיקט און זיגוד וועט געשמיסן ווערן?

*** נישט די מויז איז די גנבטע, נאָר דער לאָך, וווּ עס ווערט אויסבאַהאַלטן די גנבה.

דער ווינטער איז געקראָכן.

אין חודש פעוראַל זענען אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו ווינען אפרים־אהרונס פעטער מוזי און די מומע לאה. די מומע איז געווען שטאַרק שלאָף און האָט זיך גענייטיקט אין דער קוראַציע פון גרויסשטעטישע מעדיצינישע אַנשטאַלטן. דער פעטער איז באַלד געוואָרן אַ וועכטער אין אַ נייַ־פאַבריק. דאָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים. תחילת נאַכט האָט מען אים פאַרשפאַרט. אין דער דעזשורקע איז געשטאַנען פאַר אים אַ בעטל מיט אַ מאַטראַץ, אַ טישל און אַ גרויסער טישלאָמפ. גאַנצע נעכט פלעגט ער איבער־זיצן איבער די ספרים. ער האָט שוין דאָרט געהאַט זיין פאַרשלאָסן שאַפ־קעלע, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ קליינע ביבליאָטעק: פון גמרות ביז די לעצטע נומערן „התקופה“, וועלכע האָבן זיך נאָך געדרוקט אין יאָר 1920 אין רוסלאַנד. אַ דירהלע האָבן זיי צופעליק געקראָגן אויף סאָלאָ־מינקע, פון יענעם זייט מערקל, אַקוראַט אַנטקעגן אפרים־אהרונס הויז.

אויף שלמהס איניציאַטיוו האָט זיך דער פעטער מוזי אין די פרייע שעהן גענומען איבערשרייבן אויף ריין הרב ביאַליקס כתבים און אַריינ־טראָגן אין זיי די לעצטע אויסבעסערונגען. הרב ביאַליק האָט אויפגעלעבט. מיטן איבערבלעטערן זיינע חידושי־תורה איז ער ווי ייִנגער געוואָרן. זיין זעלטן־שיינע צורה איז שענער געוואָרן. ער האָט פאַנטאַזירט, אַז גאָט וועט אים העלפן און ער וועט זיי נאָך אַ מאָל דרוקן אין ספרים אָדער לכל־הפחות אין פראַגמענטן אין רוסלאַנד צי אין אויסלאַנד. דער שטענדיק באַפליגלטער פעטער מוזי האָט אים צוגעהאָלפן פאַנטאַזירן, בויען לופט־שלעסער, זיך אָפטראָגן אויף פליגלען אין אויסגעחלומטע ערגעץ־לענדער, וווּ מען קען טראַכטן, וואָס מען וויל, רעדן, וואָס מען וויל און אפילו דרוקן, וואָס מען וויל.

שלמה האָט גוט צוגעטראָפן מיט דער פּאָר. עס איז געווען אַ זיווג פון גאָט.

איין מאָל, ווען ר׳ אברהם פייגנבוים, דער אַלטער שלום, מנשה כאַראַ־ראָוו, מוזי אומאַנער און אַלע אויסדערווײלטע געוועזענע „פאַנטאַפלצעס“ זענען געזעסן ביי הרב ביאַליק אין שטוב און געלערנט דעם שיעור, האָט זיך הרב ביאַליק אויפגעשטעלט און געפרעגט די געסט:

— אייך ווייזן עפּעס אַ שיינס, אַ סענסאַציע?

— פאַר וואָס נישט? ווייזט...

הרב ביאַליק איז צוגעגאַנגען צום טישקעסטל, האָט אויפגעשלאָסן און אַרויסגענומען אַ קאָנווערט. אונטער נייגעריקע בליקן האָט ער אַרויסגע־נומען אַ בויגן פּאַפּיר און געלייענט:

„דעם 7טן מאַרט, יאָר 1932. קיעוו, קאָראָלענקאָ־גאַס 45.

צו דעם געאַכטעטן חבר משה ביאַליק.

די „אַקאַדעמיע נאַאוק“* פון דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער רע־

---

* אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן.

פובליק האָט צונויפגעזאַמלט געגנוג ידיעות וועגן אייער טאַלאַנטפולער פּער־זענלעכקייט. מיר ווייסן, אַז כאָטש איר האָט געלערנט בלויז העברעאישע און רעליגיעז־מיסטישע וויסנשאַפטן, פון דעסט וועגן קענט איר גרונטלעך פיל מערב־אייראָפּעאישע שפּראַכן. און זענט אויך שטאַרק באַהאַוונט אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אַלזאָ, האָבן מיר זיך בּאַראַטן מיט מאָסקווע און באַקומען אַ דערלויבעניש, אייך איינצולאַדן אין דער אוקראַאינישער „אַקאַ־דעמיע נאַאוק" אַלס פאַרוואַלטער פון דער טעאָלאָגישער אָפּטיילונג.

די שטעלע וועט אייך באַפרייען פון אַלע עקאָנאָמישע זאָרגן. איר באַקומט אַ דירה מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, און געהאַלט: 2,800 רובל אַ חודש.

אויב איר ווילינט איין אויף אונדזער פאָרשלאַג, בעטן מיר אָנקלינגען אויפן נומער 08־33־6, וועלן מיר אַרויסשיקן אַן אויטאָ נאָך אייך. דאַן וועלן מיר קענען אַרומרעדן אַלע איינצלהייטן.

מיט אַכטונג ד. וואָראָנצאָוו.

גענעראַל־סעקרעטאַר פון אוקראַאינער „אַקאַדעמיע נאַאוק".

אַלעמענס בליקן האָבן זיך איינגעגעסן אין הרב ביאַליקס פּנים. קיינער האָט גאָרנישט געפרעגט. ער האָט מיט אַ בלאָסן שמייכל צונויפגעלייגט דעם בויגן פּאַפּיר, אים אַריינגעלייגט אין קאָנווערט און באַהאַלטן אין שופלאָד. דער פעטער מוזי האָט נישט אויסגעהאַלטן, ער האָט אַ שפּרונג געטון פון טיש:

— אַז איר האָט שוין אָנגעהויבן, ר' משה, ווייזט זיי שוין אייער ענטפער אויך...

דער זיידע שלום מיט ר' אברהם פייגנבוים האָבן אויך אונטערגעכאַפּט:

— אויב איר האָט שוין געענטפערט אויך, לייענט, לייענט טאַקע. עס איז זייער אינטערעסאַנט.

הרב ביאַליק האָט אַרויסגענומען אַ צווייטן בויגן פּאַפּיר און שעמעוו־דיק געמאָלדן די פאַרזאַמלטע:

— איך האָב דערפאַר געלאָזט ביי זיך אַ קאָפּיע פון מיין ענטפער, כדי אין יאָרן אַרום זאָל איך אַליין געדענקען, וואָס איך האָב געפונען פאַר מעגלעך זיי צו ענטפערן אין יאָר 1932. — אָט דאָס איז דער ענטפער:

„צום סעקרעטאַריאַט פון דער אוקראַאינישער „אַקאַדעמיע־נאַאוק".

חשובער חבר וואָראָנצאָוו!

איך בין טיף געריִרט פון דער ערע איינגעלאַדן צו ווערן אַלס פאַר־וואַלטער פון אַן אָפּטיילונג. עס זענען אָבער דאָ שטערונגען, וועלכע דער־לאָזן נישט, אַז איך זאָל פאַרנעמען דעם פאָרגעלייגטן הויכן פּאָסטן.

ערשטנס, איז ביי מיר שבת הייליק. און דאָרטן, אַזוי ווי אין אַלע סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציעס, מוז מען שבת אויך זיין אויפן פּאָסטן.

צווייטנס, פון דער קאַטעדרע מוז דער גלויבן אין גאָט דערלאַנגט ווערן דער אוידיטאָריע ווי אַ נאַכווייעניש פון די ווילדע מענטשלעכע אינסטינקטן, ווי אַ שעדלעך איינרעדעניש, וועלכע ווערט אָפּגעשאַצט ווי אָפּיום פאַרן

פאַלק. איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַן אַנדער ספערע. ביי מיר איז דער גלויבן מיט אַלע זיינע אָפּצווייגונגען הייליק און טייער. דערפאַר איז אָט דער אָנגערופענער הויכער פּאָסטן פאַר מיר נישט אָנגעמאָסטן.

איך בעט נישט צווייפלען אין מיין טיפער אַכטונג צו אייך.

משה ביאַליק.

קיעוו, 11טן מאַרט 1932.

אין שטוב האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט. קיינער האָט ביאַליקן נישט געדריקט די האַנט. קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין התפעלות. אַלע האָבן מיט פאַרבאַרגענער ליבע פעסטגעשטעלט דעם פאַקט: דער גאון ביאַליק האָט אויסגעפילט זיין פליכט פאַרן אייבערשטן און מער גאָרנישט. פּראָסטע בחורימלעך האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונעם שוסטערישן העמערל, הרב ביאַליק — פון אַ קאַטעדרע. אין תוך גענומען איז דאָס איינס און דאָס זעלבע... עס איז איין פּראָנט! אַלץ איז וויכטיק, אַלץ איז אומבאַדינגט נויטיק, און ס'איז נישטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערן.

אַרויסגייענדיק פון דער שטוב, האָט ר' אברהם פייגנבוים נישט אויסגעהאַלטן און זיך געווענדעט צו מנשהן:

— מנשה, איר זענט דאָך אַ קלוגער יונגערמאַן, קלערט מיר אויף, וואָס שטעקט דערינען, וואָס פּופּצן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע האָט זיך ערשט אונדזער מלוכה דערמאָנט איינגלאָדן אַ רב אַלס אַן אַקאַדעמיקער? אַז נישט, פאַרשטייט זי דען נישט, אַז דאָס קען נישט זיין קיין קשר של קימא?

— וואָס קען איך אייך דערויף זאָגן? אפשר האָפן זיי אים מעביר על דת זיין?

— ביי דער קאָמפּאַניע איז דאָס דען אַ תרופה? ביי זיי, ווער עס האָט וועגן עס איז געהאַט אַ שייכות צו רעליגיע — פאַרפאַלן, איז ער דאָך פּסול אויף אייביק! ווייל זיי האַלטן, אַז „כל באיה לא ישובון“, מעג ער זיך אפילו טובלען אין זיבן וואַסערן, העלפט עס נישט, סוף גנב לתליה...

— זעט איר דאָך, ווי דאָס פאַלשקייט האָט קיין שיעור נישט. אויב זיי דאַרפן דעם גנב, נעמען זיי אים פון דער תליה...

— איז טאַקע פּלאַי־פּלאַים... לא יאומן כי יסופר...

— ס'איז קיינע פּלאַים נישט... פשוט זיי האַלטן אויך פון דעם כלל, אַז ממזר תלמיד־חכם קודם לכהן־גדול עם־הארץ... אָט דאָס איז עס... קיין אייגענע געלערנטע האָבן זיי נישט גענוג, נאַשט מען פון פרעמדע ברונעמס, מער גאָרנישט...

— אָבער זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, ס'איז פאָרט אַ מדרש־פּליאה. הרב ביאַליק מעג זיין הונדערט מאָל ראוי לאותה איצטלא*, אָבער ווי אַזוי לערנען זיי דעם פּראָסטן פּשט? די יידישע אמונה מיט דער יידישער תורה

---

* פּאַסיק צו טראָגן אָט די טאָגע.

וועלן זיי אומברענגען — און מיט זייערע גאונים זיך באנוצן? וואס הייסט עס, פסיק רישיה ולא ימות*?

— איך זאל אזוי וויסן, ווהין זייער געביין וועט אהינקומען, ווי איך ווייס א טאלק אין זייער פראסטן פשט, און אין זייער נישט פראסטן...

דער אלטער שלום דארף גראד גיין אויף אן אנדער גאס, ער געזעגנט זיך מיטן עולם און גיט צו:

— אזוי, צי אנדערש, נאר מיר האבן גארנישט געוווסט, וואס פאר אן אבן־טוב א רב מיר האבן... לויט ווי זיי שרייבן דארט, די גדולים, איז דאך משמע, אז קולו הולך מסוף העולם ועד סופו... איך האב זיך גאר אויף אזוי פיל נישט פארגעשטעלט...

ר' אברהם פייגנבוים כאפט אונטער די לעצטע ווערטער:

— אט אזוי זשע רעדט! איר האט זיך נישט פארגעשטעלט, אבער מיר, אלטע קיעווער בעלי־בתים, זייט רואיק, וויסן גאנץ גוט, וואס פאר א תכשיט א יונגערמאן די השגחה האט אונדז צוגעשיקט. מיר האבן נאך פון אים געוווסט, איידער ער האט קיעוו געזען פאר זיינע אויגן... נישקשה, טוב שם משמן טוב, מען ווייסט פון אים, ברוך השם, א ביסל ווייטער פון מאסקווע אויך...

* האק אפ דעם קאפ און דער מענטש זאל נישט שטארבן.

קאפיטל XXXIII

אין יענעם פרימאָרגן האָט זיך איבער קיעווער געגנט פאַרנומען אַ זאווערוכע, אַז ס'איז אוממעגלעך געוואָרן אויף דער גאַס אַרויסצוגיין. די טראַמוויי־וואַגאָנען האָבן זיך מידע געשלעפּט איבער די באַזאַלצענע רעלסן, געסאָפּעט, געבלאָזן פון זיך און זיך געבייזערט אויף דער גאָרער וועלט מיט די פאַרבלאָזענע שויבן. עס איז געווען אַן אַלגעמיינער אָפּרו־טאָג, די שעה — אַ בריע, די גאַסן — כמעט פּוסטע. די זאווערוכע האָט זיך געמאַכט נישט ווינדיק, וואָס פאַר איר ליגט קיעוו, נישט אַבי וועלכעס ס'איז שטעטל, און האָט קאָמאַנדעוועט איבער דער שטאָט, ווי זי וואָלט דאָ געווען די איינציקע הערשערין.

אויף סאָלאָמינקע, ביי אפרים־אהרונען אין שטוב, האָבן זיך די טעכטער פאַרנומען וואַשן וועש. די מוטער האָט זיי מבטיח געווען:

— הלואי איר זאָלט אַרויסקריכן פון דעם הורטל וועש, קיין עין הרע, אַרום האַלבער נאַכט, וועט אויך זיין גוט... מען דאַרף זיך גוט אונטער־גאַרטלען, ס'האָט זיך אָנגעקליבן היפּשלעך, היפּשלעך...

און אַליין האָט זי אַרומגעקלעטערט איבער דער גאַנצער שטוב, זיך געשטעלט אויף „משקולת", ווו ערגעץ אַ פאַרהענגל, אַ טישטעכל, אַ האַנ־טעכל, אַלץ וואָס עס האָט זיך איר נאָר געפּאַקט צו דער האַנט — אין באַליע אַריין:

— פאַר איין וועגס איז שוין אַלץ איינס, מער מיט עטלעכע שטיקלעך, צי ווייניקער מיט עטלעכע שטיקלעך...

אפרים־אהרון, הערזענדיק דאָס אומקומעניש, וואָס אין דרויסן טוט זיך, האָט זיך מיישב געווען דעם טאָג אין ערגעץ נישט אַרויסגיין און אַזוי ווי אין שטוב טוט זיך שוין במילא ווי צו בדיקת־חמץ, האָט ער צוגערופן די קלענערע יינגלעך און אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פון אונטער די בעטן כמעלניקער קאַסטנס, אַראָפּנעמען פון די פּאָליצעס כמעלניקער ספרים, מאַכן אַן „אַבלאַווע" אויף די וואַנצן פון כמעלניקער מעבל...

שלמה, הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר פון זיין צימער, האָט „גע־גראָבן די ערד אונטער זיך". דאָס פאַרוואָרפענע קייטל אויף דער טיר איז געווען אַ קנאַפּע הילף. דער האַרמידער, וואָס האָט זיך געטון אין שטוב, האָט געוועלטיקט אויך ביי אים אין צימער. יעדער רוק מיטן בעט, יעדער קרעכץ, וואָס די אַלטע ירושה־שאַפע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן, האָט אים מיט שטאָלענע נעגל געראַצט ביי דער נשמה. ער האָט שוין אויסגעפּרוווט אַלע מיטלען: די אויערן מיט וואַטע פאַרשטעקט, דאָס איינציקע נאַטור־בילד, וואָס האָט געהאַנגען אין צימער, האָט ער אַראָפּגענומען פון דער וואַנט און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש קעגן די אויגן, ער האָט אונטער דער נאָז אָנגעהויבן זיך צוזינגען זיין באַליבט ניגונדל — די אַלע המצאות האָבן אים אָבער גאָר נישט געהאָלפן. די פעדער האָט אומבאַוועגלעך געשטעקט צווישן

זייגע פינגער און געציטערט, אז דער טראָפּן טונט, נישט האָבנדיק וואָס צו טון, וועט פון זיך אַליין אַראָפּפאַלן און זיך צעשפּריצן איבערן גאַנצן זייטל פּאַפּיר.

נאָך אַ פּיינלעכער האַלבער שעה האָט זיך שלמה איבערצייגט, אַז אין שכנות מיט דער שטוביקער „גענעראַלער רעוויזיע" וועט ער היינט גאָרנישט אויפטון. דאַן האָט ער גיך איינגעפּאַקט אין פּאָרטפעל אַריין אַלע נייטיקע העפטן, געגומען ביי דינהן דעם שליסל פון איר צימער און איז אַוועק אויף מאַלאָ־וואַסילקאָווסקע.

נאָך פון דער ווייטנס האָט ער באַמערקט גיין דעם זיידן שלומען מיט זיין פּודיקן טלית און תפילין אונטערן אָרעם. שלמה האָט אייפערדיק אַ טראַכט געטון: ווו נעמט מען די ענערגיע וואָס ביים זיידן? קיין עין הרע אַ בן שבעים און קיין שום זאָווערוכע האַלט אים נישט אָפּ פון גיין אין שול אַריין...

זיי האָבן זיך זייער וואַרעם געגריסט.

— וווהין גייסטו דאָס, שלמה? אין אַן אָפּרו־טאָג מיטן פּאָרטפעל...

— איך גיי שרייבן... צו דינהן אין צימער גיי איך...

— ווען איך זאָל נישט מורא האָבן, אַז כ׳וועל דיר שטערן, וואָלט איך דיך אַ ביסל אונטערגעפירט, וואָלטן מיר מינה וביה אַריינגעכאַפּט אַ שמועס. מיר זעען זיך לעצטנס אַזוי זעלטן...

— זיידע, איר גייט דאָך ערשט פונעם דאַווענען! אויפן ניכטערן האַרצן — אַ שמועס? איר ווייסט, וויפל דער זייגער האַלט?

— איך האָב היינט אַ שטיקל תענית... אַ חוב ישן... נאָר ביז נאָך חצות... קום, עס מאַכט נישט אויס... אין מיינע יאָרן — עסן, איז שוין אַ מהיכי־תיתי זאַך... אַזוי ווי רש״י זאָגט אויף „ויאכלו": נראו כמו שאכלו.

ווען שלמה האָט פאַרמאַכט די טיר פונעם צימער און אַרויסגענומען פון אונטער דעם זיידנס אָרעם דעם טלית און תפילין, האָט יענער אַזש אַ פּליעסק געטון מיט די הענט:

— אַך, ס׳איז דאָך דאָ אַזאַ קרירה, כאָטש הינט פאַרטרייבן... וואָס איז, מען הייצט דאָ גאָרנישט?

— אין דעם הויז איז דאָ פּאַראָווע הייצונג. אַ גאַנצן זומער האָט מען געהאַלטן אין איין רעמאָנטירן, עס האָט אָפּגעקאָסט אַ הון רב, צום סוף האָט מען קיין קוילן נישט אַריינגעפירט...

— ווי אַזוי זשע לעבט מען דאָ? עס כאַפּט דאָך ביי די פינגער...

— אַז דינה דאַרף זיך דאָ לעגגער פאַרהאַלטן, צינדט זי אָן אַ פּרימוס און וואַרעמט אָן די הענט ביי אים. אָבער בכלל אַרבעט זי ליבערשט אין מיין צימער און צום שלאָפן דעקט זי זיך גוט איין...

— נו־נו, פּאַראַדקעס... אַזוי ווי אין שוויצבאָד... ביי אונדז אין שטעטל, מ׳שטיינס געזאָגט, די גבירים, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, אָבער אין אַזאַ עסעריקער קעלט איז קיין שום כאַלופּקע נישט געבליבן אומגע־הייצט. און דאָ — אַזאַ פּאַלאַץ...

— איר זעט נאָר דאָס, אַנדערע זעען נאָך עפּעס...

— איך זע נאָר דאָס... אַזוי צו זאָגן... זאָג זשע מיר, ווי אַזוי זשע שרייבסטו דאָ? מיר איז קאַלט אפילו אַרויסצונעמען די הענט פון די אַרבל...

— נישט אַלע מאָל שרייבט זיך... וויפל מאָל טרעפט, אַז איך זיץ אָפּ אַ טאָג, צעביים אַ האַלבן בלייפעדער און גיי אַוועק נישט האָבנדיק אָנגעשריבן קיין איין און איינציק וואָרט... און ווען יאָ, איז אַזוי־אַ מוטשע איך זיך... פון אָנהייב איז טאַקע שווער... מען פאַרטראַכט זיך, ווערט מען פאַרקליאַקנעט... אָבער דערנאָך, אַז מען צעוויגט זיך, אַז דער רוח־הקודש הייבט אָן צו פאַרפלייצן, דערוואַרעמט מען זיך שוין פון זיך אַליין...

— דו רופסט עס אָן — רוח־הקודש?

— איך וויים, ווי אַזוי איך רוף עס? קיין רוח־הטומאה איז דאָס געוויס נישט...

— אין דיין חבור איז עפּעס דאָ אויך דברי־מוסר?

— דאָס דוקא נישט, הלמאי זאָל איך זאָגן...

— נאָר וואָס דען?

— פּשוט אַזוי... פאַרשידענע באַשרייבונגען...

— צו וואָס זשע טויג עס דיר?

— איך וויים צו וואָס? רוח הוא באנוש!... אַז עס קומט אָן דער בולמוס פון שרייבן, און מען איז זיך מונע דערפון, פּאַלט מען, לדעתי, אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון: נביא הכובש את נבואתו... ווייל ער סאַבאָטירט די כוחות העליונים פון פאַרקערפּערט ווערן למטה.

— און דו קלערסט, אַז די וועלט קוקט אַרויס דערויף?

— איך קלער דאָס דוקא נישט...

— נאָר וואָס דען? ווי באַלד, אַז מען קען זיך באַגיין אויך אָן דעם, הייבט צו וואָס זשע טויג דיר פאַרלירן צייט דערויף?

— וואָס וואָלט איך דען אַזוינס אויפגעטון מיט מיין צייט?

— וואָס הייסט, וואָס? געלט פאַרדינט!

— צו וואָס דאַרף איך געלט?

— דו דאַרפסט נישט קיין געלט?

— אודאי דאַרף איך נישט!

— אויב דו דאַרפסט נישט קיין געלט, וואָלסטו בעסער פאַר דער צייט געלערנט, תהילים געזאָגט...

— נישטאָ קיין געדולד צו אַזוינע זאַכן, זיידע.

— איז תורה שוין נישט פאַר דיר, הייסט עס, און געלט אויף כפרות, האַ?

— עס פעלט מיר נישט אויס קיין געלט, ברוך־השם.

— אָבער מיט דיין בריהשקייט, קיין עין הרע, קען מען דאָך קלייבן אַ קאַפּיטאַל...

— קיין מותרות דאַרף איך נישט...

— און אלע שרייבערס מיינען דען דערמיט נישט קיין געלט?

— אלע, ווייס איך נישט וואס זיי מיינען, אבער איך בין נישט אויסן קיין געלט... צוליב געלט פארדינען זענען דא אין קיעוו שענערע געשעפטן...

— וואס דען, בלויז צוליב דעם כבוד?

— דעם כבוד אויך נישט...

— וואס דען — יא? בלויז „לשמה" ?

— בלויז „לשמה", בלויז די עצם־זאך אליין. אנטון מיינע געדאנקען און געפילן אין גידים ועצמות און זיי אפלאזן וואנדערן איבער דער וועלט... אריינדרינגען אין מענטשישע מוחות און הערצער...

— און שפעט זיצסטו דא?

— ווי א מאל... א מאל ביז איינס, א מאל ביז דריי... עס איז געווענדט אין דעם „טל השמים" פון יענעם טאג...

— ווען זשע שלאפסטו שוין, אויב דו באוויזט שטענדיק צום ערשטן מנין?

— וויפל דארף מען דען שלאפן? עטלעכע שעה איז גענוג.

— סטייטש, דער רמב"ם פסקנט דאך אין „הלכות דעות", אז א מענטש דארף שלאפן אכט שעה און איז זיך סומך אויף א פסוק: „אז ישנתי וירוח לי". „אז" באטרעפט אכט...

— אויף דעם זעלבן פסוק טאקע איז דא נאך אן אויפטו: „אז ישנתי" — אויב איך שלאף אפ אכט שעה, „וירוח לי" — קלעקט מיר שוין אויף פערציק שעה אויפזיין. „לי" באטרעפט פערציק.

— און עס מוטשעט דיך גאר נישט דער שלאף?

— ביז מען צעוויגט זיך, איז, פארשטייט זיך, שווערלעך, אבער דער־נאך גייט שוין די ארבעט ווי א מזמור און דער שלאף האט שוין קיין שליטה נישט.

— אין אונדזערע יארן האט מען אויך געוווסט פון מענטשן, וואס שלאפן גאר כשנת־הסוס,שטייען אויף צו „ותיקין", אבער דאס זענען געווען צדיקים אדער גאונים... מתוקה שנת העובד... וואס גלייבסטו? דאס איז גאר, גאר עפעס אנדערש!...

— נאפאלעאן איז אויך געווען א קנאפער שלאפער. אויף דער פראגע, פאר וואס ער טוט אזוי, האט ער געענטפערט: „ווייל אין די שעהן, וואס איך שלאף, בין איך נישט קיין אימפעראטאר, נאר א געוויינלעכער בשר ודם".

— איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך בין נישט משיג די דאזיקע מדרגה דיינע... זיצן מעת־לעתנוויז אין אזא פוסטקע און פארפרוירן ווערן, כדי עמעצער זאל וויסן נאך א מעשה... מאדנע, שטארק מאדנע. נאר מילא, דו ביסט דאך נישט קיין ברעקל קינד. די וועלט האלט דאך דיך פאר א שטיקל מריה דחושבנא, האלט זי דיך, וועלן מיר שטעלן אויף דער חזקה, אז מן הסתם ווייסטו, וואס דו ווילסט... זאג מיר, זונעניו, נו, און ווי אזוי גייט עס ביי דיר צו מיט „איר"?

— אזוי זיך...

— מאי קא משמע לן — אזוי זיך?

— אין כל חדש, אזוי ווי אַלע מאָל...

— ביז ווען זשע וועט עס זיין: אין כל חדש?

— התחת אלהים אנכי? איר פרעגט ביי מיר, גלייך ווי איך ווייס...

— הער, שלמה, ס׳איז שוין א פּאָר יאָר זינט דו האָסט אונדז מגלה געווען דעם ענין פּאָלי. זאָג אַליין אומיסטן, צי האָסטו שוין געהערט פון מיר כאָטש איין וואָרט מכח דעם?

— איך קען דאָס נישט זאָגן...

— הער מיך אויס... יענץ יאָר, וואָס דיין מאַמע האָט געטראָגן מיט דיר, בין איך וואָכנלאַנג איבערגעזעסן אין פּיאַטער, אַלץ ארויסגעקוקט אויפן עלטסטן אייניקל. אויף דיין ברית בין איך געווען סנדק. אז דו ביסט אַלט געוואָרן דריי יאָר, בין איך מיט דיין באָבען לשלום ספּעציעל געקומען קיין פּיאַטער און איך, אויף מיינע הענט, האָב דיך אָפּגעטראָגן דאָס ערשטע מאָל אין חדר אריין. און אַזוי אומעטום און שטענדיק. איצטער, אז דו ביסט, ברוך השם, אויסגעוואַקסן און — מען מוז דאָך מודה זיין — א תכשיט א יונגערמאַן, מילא, די באָבע האָט נישט דערלעבט, אָבער איך האָב דאָך, ברוך השם, יאָ דערלעבט, וואָס זשע קומט ארויס, אז איך און דיינע עלטערן האָבן פון דיר קיין נחת נישט... טאָמער דאַרפסטו, האָט גאָט צוגעשיקט א יתוש ופּאָלי שמו, האָט זי צוגענומען דעם גאַנצן נצחון. דו האָסט דאָך מן הסתם געהערט, וואָס מען דערציילט פון יענעם יידן... א ייד, א זקן, האָט א מאָל אין שול נאָכן דאַווענען זיך צוגעטשעפּעט צו זיין זון, נאָר ער זאָל געבן משקה... — „וואָס איז די גדולה אויף מיר?" — טענהט דער זון — „אויף וואָס קוקנדיק זאָל איך פלוצלינג פּראַווען א קידוש?" — „פאַרשטייסטו מיך", מאַכט צו אים דער פאָטער, „א שטייגער, ווען דו האָסט היינט יאָרצייט נאָך מיר, וואָלסטו דאָך, בלתי ספק, געגעבן תיקון. וואָס דען איז די גאַנצע מניעה, הלמאי איך לעב נאָך, פרעג איך דיך נישט מער, זונעניו, וואָס אַרט דיך, אויב דיין אַלטער טאַטע וועט אויך טועם זיין דעם ביטערן טראָפּן? עלעהיי א פרעמדער ייד"... דעסט גלייכן זאָג איך דיר אויך: אז דער וואָס איבער אונדז האָט מיר שוין יאָ געשענקט יאָרן, פאַר וואָס זשע זאָל איך טאַקע נישט זוכה זיין צו זען מיט די אייגענע אויגן, ווי דיינע עלטערן פירן דיך צו דער חופּה?... וואָס וועט דיר שוין זיין גרינגער, אז מען וועט ביי דער הופּה־וועטשערע דערמאָנען: איי, דער אַלטער שלום, נעבעך, געלעבט, געלעבט און צום רעכטן געדעכטן פּאַרט נישט דערלעבט... דו פאַרשטייסט דאָך גאַנץ גוט, בעת עס איז אָנגעקומען דיין אַנאַניעוועער בריוו קיין כמעלניק, ווי אַלע זענען אויפגעציטערט געוואָרן... עס האָט זיך גוט געוואָלט דיר עפּעס אָנשרייבן מענינא, אַזוי ווי אַלע האָבן דאָס געטון, אָבער איך האָב ביי זיך געקלערט: ניין, מען דאַרף אים גאָרנישט שרייבן! איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דו האָסט דאָרטן געלערנט דעם פּשט פון מיין שווייגן, ווי עס איז אָנגענומען: שתיקה כהודאה דמיא. איאָ אזוי? אָבער ס׳איז געווען דיין טעות. נישט דאָס איז געווען

מיין טעם. חס וחלילה! זכרה לי אלוה לטובה, מיין נישט וועלן דיך מצער זיין בעידנא דריתחא*. דאָס איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען. דו ביסט דאָך אַ בעל־זכרון, דו געדענקסט זיכער, ווי די גמרא דערציילט אין יבמות: אַז מנשה האָט אויסגערעכנט ישעיהו הנביאַ אַלע חטאים, פאַר וועלכע ער וויל אים הרגענען, האָט ישעיהו געזאָגט צו זיך: עס איז גלייכער נישט אָפּצוּווענדן זיינע פאַלשע טענות. אַזוי מיינט ער כאָטש, אַז ער איז גע־רעכט, איז ער אַ שוגג, ווען איך וועל אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף זיינע טעותים — און העלפן וועט דאָס דאָך סיי ווי סיי נישט — וועט ער ווערן אַ מזיד... לשיטתו בין איך אויך געגאַנגען און — געשוויגן. צי אין קיעוו, למשל, שוין אַ פּאָר צענדליק חדשים, אַז איך זע דיך דינען צו דעם דאָ־זיקן... עגל־הזהב, ריכטיקער געזאָגט — צום נחש־הנחושת און איך האָב אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער... אָבער איין מאָל פאַר אַלע מאָל וויל איך פון דיר הערן: וואָס וועט זיין דער תכלית הערפון? ווען וועט עס שוין נעמען אַן עק? יעדע זאַך מוז דאָך האָבן אַ גרענעץ, „בלי־גבול“ איז נאָר דער בורא עולם, וויל איך טאַקע וויסן: ווו איז דער גרענעץ?

— זיידע, איך וויים נישט...

— דער קץ־הפלאות**, הייסט עס, איז פאַרהוילן, האַ? האָסט אַריינ־געשטעלט פאַלין אין די סודות פון מעשי־בראשית...

— זיידע, איך האָב דאָך אייך געזאָגט: איך וויים נישט...

— דו גיסט אים נאָך אַלע חפציות, דעם בעל־דבר דיינעם?

— מיט וואָס זשע גיב איך אים נאָך?

— דערמיט וואָס דו האָסט פאַרטראַכט חתונה האָבן און האָסט נישט.

— ווו איז דאָס מרומז אַזאַ חטא?

— אַלץ מוז זיין מרומז? תורה שבעל־פה איז אויך קודש־קדשים. מען דערציילט, אַז צום ליובאַוויטשער רבין איז אַ מאָל אַריינגעגאַנגען אַ בחור פון דער ישיבה און זאָגט צו אים: רבי, שוין פון אַ שטיקל צייט, אַז איך האָב פאַרקלערט חתונה צו האָבן, וואָס עצהט איר מיר? ענטפערט אים דער רבי: דאָס איז נישט פון די זאַכן, וואָס מען מעג אין זיי לאַנג קלערן... אַזאַ זאַך אויב מען פאַרקלערט, מוז מען זי באַלד מוציא מכח אל הפועל זיין און אויפהערן צו קלערן, ווייל הרהור עבירה, קשה מעבירה... דו פאַר־שטייסט? היינט מצער זיין עלטערן? היינט דאָס נישט וויסן, נישט פון קיין שבת, נישט פון קיין יום־טוב, נישט פון קיין הושענא־רבא? היינט דאָס מונע זיין זיך פון דער ערשטער מצוה אין דער תורה? היינט דער חילול השם ברבים, וואָס אַ יידישער יונגערמאַן ווי דו, דער „שמנה וסלתה“*** פון אברהם פייגנבוימס פמליא, וויל זיך מתחתן זיין מיט אַזאַ טריפניאַטש־קע? דו פאַרשטייסט?

---

* כמעט דאָס זעלבע, וואָס — אויף דער הייסער שעה.

** דער וווּנדער-סוף. געמיינט — משיחס קומען.

*** איר בוימל און געביוטלטע מעל. געמיינט—דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

— וואָס קומט אַרויס, וואָס איך פאַרשטיי, אַז איך קען זיך מיט גאַרנישט העלפן... עזה כמות אהבה...
— דער יצר־הרע, הייסט עס, האָט דיך גענומען אין אַרענדע?
— רופט עס אָן, ווי איר ווילט...
— סטייטש, אַז אַמתער ייד דאַרף דאָך הרגענען דעם יצר־הרע...
— הרגענען?... איך ווייס דערפון נישט...
— דו ווייסט דערפון נישט? דו האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס דער רב הקדוש זאָגט אין „תניא": ולבי חלל בקרבי *, דוד המלך האָט געזאָגט: מיין הארץ, מיין יצר, חלל — ליגט געהרגעט אין מיר... דו געדענקסט שוין נישט?
— געדענקען געדענק איך גוט, אָבער איך קען נישט מסכים זיין —
— מיט וואָס קענסטו נישט מסכים זיין? דו ביסט חלילה קעגן תורת הבעל־שם־טוב? דאָס איז דאָך אפיקורסות, רחמנא ליצלן! כפירה גמורה! מיט וואָס ביסטו נישט מסכים, באַדענק זיך!...
— זיידע, מאַכט נישט קיין פּאַניק... איך בין גאַרנישט קעגן... נאָר אפילו דער בעל־שם־טוב אליין וואָלט אויך נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים צובאַמקען דאָרט, וו מען קען נישט תופס זיין מיטן אייגענעם שכל...
— וואָס זשע קענסטו דאָ נישט תופס זיין, לאָמיך וויסן?
— דעם אויפטו פון אוועקהרגענען דעם יצר־הרע קען איך נישט תופס זיין... דעם אייבערשטער איז אויסן געווען מיט דער יצירה, אַז אַ מענטש זאָל זיך כל ימיו ראַנגלען מיטן יצר־הרע, באַקעמפן אים און אים משעבד זיין לעבודת־הבורא. אָט דער אייביקער קאַמף איז אַ בלוטיקער קאַמף, וועלכער איז אויסגערעכנט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבנס־שטח, פונעם „כי יצר לב האדם רע מנעוריו" ביזן „עד יום מותו תחכה לו". און אויב דער חלק אלה ממעל, די נשמה וואָס אין מענטשן, איז זיך גובר אויף די כוחות החמריים און שפּאַנט זיי איין אין „כביכול"ס רייטוואָגן, האָט זי דערמיט אויסגעפילט איר פונקציע אויף דעם עולם, ווען זי שוין נישט דאַרפן „עסן" קיין נהמא דכסופא **, אָבער דער ייד, וואָס נעמט און הרגעט אוועק דעם יצר־הרע לגמרי, פאַרלירט ער די וויכטיקייט פאַר דער השגחה, אַזעלכער האָט איבערגעריסן דעם געטלעכן עקספּערימענט אין דער מיט, אַזעלכער קען שוין נישט זיין בבחינת הולך אָדער צומח, נאָר בבחינת דומם, אָדער — זאָל זיין — בבחינת מלאך, וואָס ווייסט נישט פון קיין אינערלעכן קאַמף און ביים אייבערשטן איז נישט קיין מאַנגל, נישט אין קיין דוממים, נישט אין קיין עומדים, נישט אין קיין מלאכים. ער דאַרף מ ע נ ט ש ן, מענטשן מיט אַלע אינסטינקטן, און די דאַזיקע מענטשן זאָלן קעמפן מיט אַלע זייערע כוחות הרוחניים קעגן די לינקע כוחות, כאַפּן קלעפּ און געבן קלעפּ, זיך

---

* מיין הארץ איז אין מיר אויסגעהוילט, געלעכערט. אָבער „חלל" הייסט אויך געהרגעט.

** געשענקט ברויט, וואָס קומט אָן בבזיון.

שלאָגן ביזן בלוט אַריין פאַר יעדן שריט און טריט, און ענדלעך באַזיגן זיי. אָט אַזעלכע קעמפער זוכט דער אייבערשטער, צו אַזעלכע קעמפער זאָגט דער אייבערשטער: בדמיך חיי!...

— מאָדנע רייד רעדסטו, שלמה... ס'איז דיך פּריקרע צו הערן...

— וואַרט, כ'האָב נאָך נישט געענדיקט. אויף „בכל לבבך" זאָגט די גמרא: „בשני יצריך". שטעלט זיך אַ פראַגע: — פאַר וואָס זאָגט זי נישט אָן, די גמרא, אַז מען זאָל דעם יצר־הרע אַוועקהרגענען, נאָר מען זאָל דינען דעם אייבערשטן מיט ביידע? דער תירוץ איז, אַז ס'איז היינו־הך: פון אַ געהרגעטן יצר־הרע וועט שוין „כביכול" קיין נחת־רוח נישט האָבן. וואָס דען, פון אַ לעבעדיקן, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך געצוווּנגען צו העלפן דינען דעם אייבערשטן, ווי מיר זאָגן: מלאך רע בעל כרחו יענה אמן. נאָר פון אַזאַ געשלעג ווערט געשאַפן אַן עונג למעלה. זיידע, איר געדענקט די גמרא אין עבודה־זרה: „ר' חנינא ור' יונתן הוו קאזלי באורחא... אמר ליה חד לחבריה, ניזל אפיתחא דבי־זנות ונכפייה ליצרין וניקביל אגרא" *... איז דאָך ווידער די זעלבע קשיא אויף די צוויי תנאים: פאַר וואָס האָבן זיי נישט אין גאַנצן אַוועקגעהרגעט דעם יצר־הרע און פּטור אַן עסק? נאָר דער תירוץ איז: מיט אַ געהרגעטן יצר־הרע איז מען שוין רחוק משכר... דער יצר־הרע איז געגעבן געוואָרן דערויף, אַז מען זאָל מיט אים יעדע שעה מלחמה האַלטן און יעדע שעה אים איינברעכן. אָט דאָס איז דאָס חיות שבחיות, אָט דאָס איז געווען די כונה פונעם עתיק־יומין קודם היצירה און דערפאַר טרעפן מיר אַן אַ שיעור מאָל אין דער גמרא: „גירא בעינא דשיטנא" **, „מגרה על עצמו את היצר"... *** אָט דער אייביקער דועל צווישן דער קדושה־עילאה און תאוות הגשמיות, דאָס איז די זאַלץ פון די מעשי־בראשית. אָן דעם האָט אַלץ אַ טעם כתפל בלי מלח... און אפשר אויך דאָס: ווען, רחמנא ליצלן, אַ ייד ווערט אַ מאָל געפאַנגען פונעם יצר־הרע און יענער פירט אים כצאן לטבח, אויך דאַמאָלסט זאָל זיך דער געפאַלענער נישט פילן אויף אייביק אָפּגעריסן פון קודשא־בריך־הוא, ווייל אַזאַ געפיל קען אים נאָך טיפער אַראָפּוואַרפן אין אָפּגרונט פון זינד. וואָס דען, ער דאַרף, אויך דאַמאָלסט, בשעת נפילה, זיך קלאַמערן אינעם באַשעפער און אין האַרצן בעטן: רבונא דעלמא כולה! כ'בעט דיך, זיי זיך פון מיר נישט מיאש, ווייל איך בין זיך פון דיר אויך נישט מיאש... היינט האָט דער בעל־דבר מיך אומגעוואָרפן, מאָרגן וועל איך אים אומוואַרפן... דערבאַרעם דיך: אל תשליכני מלפניך... און דאָס איז דער באַהאַלטענער מיין פון „בשני

---

* ר' חנינא און ר' יונתן זענען געגאַנגען אין וועג... רופט זיך אָן איינער צום צווייטן — קום, לאָמיר פאַרבייגיין אַ שאַנדהויז, וועלן מיר גובר זיין דעם יצר-הרע און באַקומען דערפאַר שכר...

** אַ פייל דעם שטן אין אויג אַריין.

*** ער רייצט אָן אויף זיך דעם יצר-הרע, כדי אים צו באַקעמפן.

יצריך" און דאָס זעלבע מיינט דוד המלך אין קאַפּיטל מ"ד: „לא נסוג אחור לבנו" — אפילו, ווען פאַרלויפּיג — „ותט אשורינו מני ארחך" *...

— ס'איז פּחדימדיק דיך צו הערן, שלמה, עס גרוילט מיר אזש דאָס לייב... ביי מיר קומט אויס, אַז דו רעדסט קעגן דת, חס ושלום...

— וואָס רעדט איר, זיידע? אַלע מיינע ראיות איז דאָך יסודתם בהררי קודש...

שלמהס פּנים האָט פּלוצלינג אויפגעשטראַלט פון אַ נייעם געדאַנק. די מוסקולאַטור אויף זיין פּנים האָט זיך טריאומפירנדיק צעטאַנצט. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם זיידן פאַר די לאַצן און אים נישט געלאָזט ענטפערן. דער אַלטער שלום האָט מיט שטרענג־אונטערגעהויבענע ברעמען באַטראַכט די נישט־געזונטע פלעמעלעך אויף זיין אייניקלס קינבאַקן, דאָס אַזאַרטנע פייערל, וואָס שפּילט אין זיינע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן. שלמה האָט דערווייל פייערדיק אַריינגערעדט אין זיין בר־פּלוגתה:

— מיר געפעלט, ווי איר זאָגט: אומברענגען דעם יצר־הרע... חס ושלום! מיר טאָרן גאָר נישט דערלאָזן דערצו, אַז ער זאָל אומקומען. אדרבה ואדרבה, זאָל ער אין אונדז לעבן און מיט זיין זריזות דינען אונדז פאַר אַ מוסטער: ווי אַזוי מען דאַרף דינען גאָט. וואָס קוקט איר מיך אָן? איך וויים, וואָס איך רעד. אָט פּונקט ווי אַ האָן וועקט אונדז קאַיאַר לעבודת הבורא, דעסט גלייכן דאַרף אַ ייד, אַן אמתער ייד, מיט אַ הכרת הבורא בפנימיות, יעדעס מאָל, ווען דער יצר־הרע טרעט צו צו אים, זאָגן צו זיך אַליין: — „דו ביסט כאַטש אַ מבין? דו זעסט כאַטש, וואָס עס הייסט אַן עבד נאמן? דער אייבערשטער האָט אים געהייסן דיך גובר זיין, פאַרלייגט ער כלערליי התפעלותן, טרעט נישט אָפּ פון דיר פונעם אויפשטיין ביזן לייגן זיך. אמת, אים האָט מען אָנפאַרטרויט אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, הסתה והדחה**, צורעדן יענעם, ער זאָל לייקענען אין דעם, וועמענס באַפעל ער אַליין פּילט אויס מיט אַזוי פיל געטריישאַפט... אָבער ער איז נישט קיין איסטינס, דער בעל־דבר, אַ מיאוס שטיקל אַרבעט איז — אַ מיאוס, דאָס איז אַ מזל־זאַך... און ער אַרבעט, ער שלאָפט נישט און לאָזט יענעם נישט שלאָפן... וואָס איז? ער האָט אַ באַפעל פונעם אַלמעכטיקן! דו האָסט דאָך אויך אַ באַפעל פונעם באַשעפער און בפירוש נישט איינעם, נאָר זעקס הונ־דערט מיט דרייצן באַפעלן, פאַר וואָס ליגסטו אין בעט ווי אַ נבלה סרוחה? פאַר וואָס לויפסטו נישט אין בית־המדרש אריין? פאַר וואָס זוכסטו נישט אויף דעם אָרעמען, נאָר דו וואַרטסט, ביז ער וועט קומען צו דיר און אויס־שטרעקן די האַנט?" און מיט דער זעלבער סברא ווערט אויסגעטייטשט אין ספרים, ווי משה האָט געזאָגט צו פרעהן: — „כי מהם — פון די שאָף, פון אייער עבודה־זרה, נקח — נעמען מיר זיך אַרויס אַ לקח־טוב, אַ לעקציע,

* אונדזער האַרץ האָט זיך נישט צוריקגעצויגן פון דיר, אפילו ווען אונדזערע טריט האָבן אָפּגענויגט פון דיין גראַדן וועג.

** איבעררעדן, אָפּשטויסן.

לעבוד את ד' אלהינו — מיט וואָס פאַר אַ ברען צו דינען אונדזער גאָט...״ זאָגט איר גאַר פאַרניכטן אים...

דער זיידע האָט אַן אָנגעכמורעטער געשטאַמלט:

— איך ווייס נישט... אפשר איז פאַראַן אַ קורטוב של אמת אין דיינע רייד, אָבער איין זאַך מוזסטו מודה זיין: אַז דאָס איז אַ דרך נאָר פאַר יחידים... פאַר יחידי סגולה... לאו כל מוחא סביל דא! *

שלמה האָט אַ צעטראָגענער פון זיינע אייגענע רייד געקריצט מיטן נאָגל איבער די העפטן:

— איך ווייס? אפשר זענט איר גערעכט... כ'וועל זיך מיט אייך נישט שפּאַרן, אפשר פאַר יחידים... נאָר ווייסט איר וואָס? לאָמיר אָפּשטעלן די פילאָזאָפיע אויף אַ זייט... גענוג! דערציילט בעסער, וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך?

— דאָס ביסטו גערעכט, נחזור לענינינו... וואָס זשע זאָגסטו מיר, עס וועט נאָך לאַנג ביי דיר דויערן דער גלות־פּאַלי? דו ביסט דאָך עפּעס אַ בר־הבנה, דו האָסט דיר גאַנץ טיפע איינפאַלן, גערעכטע, צי נישט קיין גע־רעכטע, אָבער קיין נארישע געווים נישט און דאָ מיט אַ מאָל צוליב אַ שיין פּנימל אַזוי באַנאַרישט ווערן... אַזוי באַנאַרישט ווערן...

— וואָס־זשע קען איך העלפן, זיידע? איך האָב נישט קיין שליטה אויף זיך... זי האָט ביי מיר צוגערויבט די בחירה...

— אָבער דו מוזסט דאָך אַ טראַכט טון, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט פאַר לייטן, און דיין עובדה איז קרום, אי קעגן גאָט, אי קעגן לייטן... שטעל דיר פאָר, אַ שטייגער ווען אַלע יידישע יונגעלייט זאָלן זיך אָנהייבן נאָכ־שלעפּן אַזעלכע... כ'בעט איבער דיין כבוד... כ'מיין, נאָך אַזעלכע מינים בתולות... האַ? וואָס וואָלט דאָס געווען, אַ קידוש השם צי אַ חילול השם? זאָג, זאָג, שעם זיך נישט... דו ווייסט דאָך, אַז: בהדי הוצא, לקי כרבא**...

— כ'ווייס? אפשר בין איך נישט גלייך צו אַלע?

— מיט וואָס ביסטו עפּעס נישט גלייך? פאַר דיר האָט מען אַ באַזונ־דער תורה געגעבן?

— חס ושלום! די תורה איז איינע און די זעלבע ביי אַלע יידן, אָבער דער צוגאַנג פון דער מדת הדין צו יעדן יידן באַזונדער איז גאַנץ פאַרשידן...

— כ'בין זייער ציקאַווע צו וויסן, פון וואַנען גראָבסטו זיי אויס אָט די פּיקאַנטע סברות? ס'איז, דאַכט זיך, גוט־באַוווסט, אַז: לא ישא פנים ולא יקח שוחד... אַלע יידן זענען גלייך פאַרן רבונו־של־עולם...

— אודאי זענען אַלע יידן גלייך, נישטאָ קיין מיוחסים, אָבער דער צו־גאַנג צו יעדן יידן איז פאַרשיידנאַרטיק. דאָ ווערט גענומען אין אַכט די גרייס פון דער אַטאַקע, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פונעם יצר־הרע.

---

* נישט יעדער מח קען דאָס פאַרטראָגן.

** צוזאַמען מיט די דערנער ווערט אויך געשלאָגן דאָס קרויט. אַ גמרא-ווערטל.

ווידער: זיין נאָכגעפּיל נאָך דער זינד. יעדער ניואַנס ווערט באַזונדער אָפּגע־שאַצט און באַרעכנט.

— ווער איז דיר געגאַנגען דערציילן אַזעלכע מעשׂות?

— זאָגן זאָג איך דאָס פונעם אייגענעם געדאַנק, אָבער ס'איז נישט שווער צו געפינען אַן אסמכתא אויף מיינע רייד אויך אין דער תורה... ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא *...

— ב'וואָלט אַ בעלן געווען צו הערן דיינע ראיות...

— אין קאַפּיטל ל"ח זאָגט דוד המלך: „אדני, נגדך כל תאותי"... כל — איז די טייטש: די גאַנצע גרייס, דעם ברייטן מאַסשטאַב פון מיין תאוה, „ואנחתי ממך לא נסתרה" און מיין זיפץ — נאָך דער זינד, אויב איך בין, חלילה, נכשל געוואָרן — איז אויך פון דיר נישט פאַרבאָרגן געוואָרן. דערפון איז משמע, אַז ביים בית דין של־מעלה שטייט נישט קיין אַפּאַראַט, וואָס כפּלט מעכאַניש יידן אויף עבֿרות און באַשטראָפט לויטן טאַריף, ניין! אלא וואָס דען, עס ווערט אויפגעמישט דער ספר הזכרונות און עס ווערט אויפגעזוכט: וואָס האָט פון אים דער יצר־הרע געמאָנט? וויפל האָט דער ייד נאָכגעגעבן און וויפל האָט ער אָפּגעדונגען? און דאַן — אויב אפילו דער ייד איז דאָס מאָל נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון — ווי אַזוי האָט ער זיך געפילט נאָך דער עבֿירה? צי האָט ער זיך באַלעקט פאַר הנאה, צי האָט ער געוויינט נאָך זיין דורכפאַל בדמעות שליש? יעדע מינדסטע עובֿדה האָט זיך איר כאַראַקטער און איר אָפּשאַצונג... וואָס דען האָט איר געמיינט, אַז „דאָרטן" איז עפּעס אַ „יעוובאַז", עס הענגט אַרויסגעהאַנגען אַ פּרייז־קוראַנט אויף יעדער מצוה און אויף יעדער עבֿירה?...

עטלעכע מינוט איז אין צימער געווען שטיל־שטיל. מיט אַ מאָל האָט זיך שלמה צוגעבויגן צום זיידן, אָנגענומען אים ביי אַ קנעפּל און צאַרט געפרעגט:

— איר זענט נאָך נישט פאַרפרוירן געוואָרן אַזוי שטייענדיק, זיידע? אַ שטיינער, וואָס דול איך אייך דעם קאָפּ מיט דרשות? די פיס זענען ביי אייך שוין מן־הסתם פאַרהילצערט געוואָרן...

— ניין, פאַר וואָס? אדרבה... ס'איז נאָר פון דער לכתחילה האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָ איז אַ קרירא, ווי אויפן ים־הקרח, צום סוף איז דאָ נישט קעלטער ווי אין אַלע נישט־געהייצטע דירות.

שלמה האָט נאָך מער דערנענטערט זיין פּנים צום זיידנס און ווי בעטנדיק פאַר עמעצן אַ באַגנעדיקונג געזומען רעדן שטיל:

— קענן דעם, וואָס איר זאָגט: לבי חלל... יתמו חטאים... און איך האָב אָפּט מאָל אַ פאַרקערט געפיל, ווועט איר גלייבן?

— פון וואָס — פאַרקערט?

— איין רגעלע... איך ווייס נישט, ווי אַזוי בעסער אויסצודריקן מיינע געדאַנקען, כדי איר זאָלט זיי ריכטיק פאַרשטיין, נישט טועה זיין זיך אין

* נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס איז נישט אָנגעוווּנקען אין דער תורה.

זייער אמתער כוונה. מיר ווילן זאָגן למשל, אזוי: מען האָט אונדז דערציילט אויף איינעם, אַז ער איז נכשל געוואָרן אין אַ ווילכן ס'איז חטא. נו, כל ישראל ערבים זה בעד זה, איז בפני עם ועדה צאָרענען מיר, פאַרשטייט זיך, און פילן זיך זייער געטראָפן פון אַזאַ מעשה אשר לא יעשה, — מען קען דאָך נישט זיין קיין „נותן יד לפושעים", אָבער בינו לבין עצמו — זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אויב ער איז נישט קיין עומד במרדו — דאַרפן מיר אָט דעם „עבריין" נאָך מער ליב באַקומען ווי קודם החטא. ווען איר דאָך פרעגן: — „פאַר וואָס עפּעס נאָך מער? דיו לבא מן הדין, להיות כנידון!" וועל איך אייך ענטפערן: — ווייל זיין „שאור שבעיסה" האָט אים זיכער אָנגעגריפן אויף אַלע פראָנטן, ס'איז דאָך אַן אַלטער כלל: „נפל תורא, שחוז סכינא" *. און אַזוי ווי צו אונדז איז דערגאַנגען אַ ידיעה נאָר וועגן איין פאַל, ווען ער איז געשטרויכלט געוואָרן, איז דאָך אַ סימן, אַז ער האָט מער נישט פאַרלוירן ווי איין פּאָזיציע, אַלע איבעריקע אַטאַקעס זענען אָפּגע־שלאָגן געוואָרן. און ווי באַלד אַזוי — איז ער דאָך אַ העלד! אַ כובש את יצרו! און אויב ער האָט נאָר חרטה געהאַט אויף זיין עבירה און איז אַ שב בלב שלם, איז דאָך: „כיון שלקה — אחיך הוא", דאַרף מען אים דאָך טאַקע נאָך מער ליב האָבן און מקרב זיין. היוצא לנו מדברינו: אַז דער יצר־הרע דאַרף יאָ לעבן, כדי דער מענטש, ליידנדיק פון אים אַ מפּלה, זאָל גלייכצייטיק אויך יומטובן איבער אים אַ נצחון. עס זאָל זיין בחינת: אור וחושך משמשים בערבוביה...

דער אַלטער איז געשטאַנען ווי געפּלעפט. שלמה האָט קענטיק גאָר פאַרגעסן אין זיין מציאות און ווי צו זיך רעדנדיק פאַרענדיקט זיין געדאַנק:

— אַז אַ בשר ודם איז שטוף בתאוות עולם־הזה, איז קיין שום רבותא נישט: הן בעון חוללתי! און דערפאַר שטייט: „אין צדיק בארץ אשר לא יחטא", „כי לא יצדק לפניך כל חי". דעריבער שטייט אין פסוק: „אשר אתם זונים אחריהם" — נישט: „פן תזנו"... דערפאַר אָבער, אויב אָט דער „קרוץ מחומר" קריכט אַרויס פון זיין חומריות, איז זיך מתקדש לאלהיו און דערדראַפּעט זיך צו אמתער התפשטות הגשמיות, צו קדושה — אָ! דאָן איז די רבותא גרויס! די שמחה אין אַלע היכלות איז דאַמאָלסט עד אין לשער. מאי טעמא? — ווייל דער מענטש, דער בחיר היצורים, האָט אַן אומבאַגרענעצטע בחירה, די סרסורי־עבירה דרימלען נישט... און הפנקס פּתוח... פרעגט זיך: מה יעשה הבן שלא יחטא? און זהיר מוז מען זיין אין אַ נדנוד קל, אין אַן אבק שבאבק, ווי אין חסידות ווערט געבראַכט: וסרתם — ועבדתם אלהים אחרים! כלומר: אויב איר ווערט אויף אַ כי־הוא־זה אָפּנויגן פונעם דרך־הישר, זענט איר שוין עלול זיך אַראָפּצוקייקלען ביז עבודה־זרה... דערום ווערט „דאָרט" אַזוי זאָרגעוודיק געמאָסטן און געוווגן יעדעס תנועהלע, יעדער מינדסטער הרהור תשובה. און וואָס שווערער דאָס גיט זיך אים איין, אַלץ מער ווערט ער באַלוינט לויטן כלל: לפום צערא

* קוים איז דער אָקס געפאַלן — שאַרף דאָס מעסער!

אגרא *. און גאַנץ אָפּט טראָגן מיר אַריבער דעם סלע־המחלוקת כלל נישט דאָרט, ווו מען דאַרף. דאָרט, ווייסט איר דאָך, איז אַן עולם הפוך: עס טרעפט גאַנץ אָפּט, אַז ד י עובדה, וואָס דאָ ביי אונדז, איז זי נדמה כהר, זעט זי גאָר אויס בעלמא־דקשוט כחוט השערה און דעסט גלייכן אויך פאַר־קערט...

און נאָך א קורצער פויזע:

— אָבער אין דעם פּרט בין איך מסכים מיט אייך, אַז דאָס זענען זאַכן וואָס: „אין מגלין אלא לצנועין"... אָט אַזוי איז דאָס, זיידע... וואָס דען האָט איר געמיינט, אַז אין בית־דין של־מעלה, ביים איינטיילן שכר ועונש, איז אַ חסידישע מלוה מלכה: א רענדל אַראָפּ, א רענדל אַרויף, האַ?

דער זיידע שלום האָט אַ צעטומלטער געריבן די אויגן:

— איך האָב גאָרנישט געמיינט און בכלל, מיט דיר איז דען מעגלעך זיך אויסצוטענהן? דו קענסט מטהר זיין א שרץ מיט ק"ן טעמים... אפשר ביסטו גערעכט, כ'ווייס? איך קען נישט אַזוי פלינק באַטראַכטן קיין דברים העומדים ברומו של עולם... איין זאַך ווייס איך גוט, אַז דו טוסט מיר שטאַרק וויי... דיינע יסורים זענען אויך מיינע יסורים...

— כ'ווייס, זיידע, כ'ווייס...

אויף שלמהס פּנים איז געווען אויסגעקריצט אַן אַנגסטלעכע אָנשטרענ־גונג. ער איז געשטאַנען אַן איינגעקאָרטשעטער פון קעלט און מיט פאַר־קליאַקנעטע פינגער נערוועז געמישט די העפטן אַהין און צוריק. ער האָט זיך באַמיט אויפצומישן אין זכרון די סיטואַציע, ביי וועלכער ער האָט דאָס לעצטע מאָל איבערגעריסן דאָס שרייבן. דער זיידע שלום איז געשטאַנען קעגן אים מיטן ריזיקן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, ער איז געווען איינגעהוי־קערט מער ווי געוויינלעך פונעם פראָסט, וואָס איז געווען אין צימער. ער האָט עקשנותדיק נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון שלמהס מישנדיקע פינ־גער און ענדלעך נישט אויסגעהאַלטן:

— איך קוק מיך צו צו דיינע דרכים: די פּאַלים, די מעשה־ביכלעך, דאָס פּרירן איינער אַליין אין דעם קעלער, ווו ס'איז אַ רחמנות אפילו הינט צו פאַרטרייבן און די תורה, בעונותינו הרבים, מונחת בקרן זוית... איי, איי, איי, עס דערמאָנט זיך מיר דער פסוק: „שמוני נוטרה את הכרמים —

— „כרמי שלי לא נטרתי"... כ'ווייס, זיידע... כ'ווייס גוט...

דער זיידע גיט אַ תעניתדיקן שמייכל:

— אַז ביי אַן ענין פון אַ שידוך טרעפן זיך פאַרשידענע מכשולים, דאָס איז שוין שטאָק־אַלט! ס'איז אַ כלל גדול פון זינט די וועלט שטייט, אַז: ליכא כתובה, דלא רמו בה תיגרא **. און דו מיינסט, ביי מיר איז צוגע־גאַנגען אין גאַנצן גלאַט אַן אַ סירכא? און מיינסט, ביי מיין טייבלען זענען

---

* ווערליק דעם צער, וואָס מען האָט, אַזוי פיל שכר באַקומט מען.

** עס טרעפט נישט קיין פאַל, מען זאָל שרייבן אַ כתובה, (געמיינט — אַ חתונה) און עס זאָל דערביי נישט אויסברעכן קיין קאָנפליקט.

נישט געווען קיין גרימענישן מיט קיין שניידענישן, וואָס האָבן דערלאַנגט ביז אין דער זיבעטער ריפּ? און מיינסט, ביי דיין אייגענעם טאַטן?... איין מאָל איבער אַלע מאָל: אין שמחה בלא תוגה! אָבער והני מילי: מיט אַ דרגא, מיט אַ דרך־הטבע, ביי דיר איז דאָך דאָס גאָר אַריין אין בלי גבול...

— זיידע, איך בין אַן אנוס... אנוס על פי הדיבור... און אונס — רחמנא פטריה...

— נו, כ׳וועל גיין. כ׳האָב דיר שוין אַזוי אויך אַ האַלבן טאָג אַוועק־געפּטרט. כ׳מעג שוין גאָר, דאַכט זיך, אָפּפּאַסטן. כ׳געדענק נישט, פון וועמען מען זאָגט נאָך דאָס וואָרט: „מפּני שיבה תקום". אייִדער עס קומט אָן די עלטער, זאָלסטו האָבן אַ תקומה, אַ תיקון. איך וואָלט זייער נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט קליגער ווערן ערשט אין מנשהס יאָרן... אין זיינע יאָרן, רחמנא ליצלן, ערשט בויען אַ וועלט, איז אַ ברכה לבטלה. בנוגע חתונה האָבן איז געזאָגט געוואָרן: כל הזריז נשכר... זיי דו בעסער פון די נשכרים, נישט פון די מפסידים... גאָט זאָל דיר העלפן, זונעניו, אַז דו זאָלסט זיך וואָס גיכער אַרויספּלאָנטערן פון אָט דער תהפּוכותדיקער געשיכטע: אַהער אָדער אַהין... דער רמב"ם זאָגט: אין שמחה כהתרת הספקות...

— זאָל גאָט העלפן... איך בעט ביי אים אויך דאָס זעלבע... ערב ובוקר וצהרים... האָט נישט קיין פּאַראיבל, זיידע, טאָמער האָב איך עפּעס... מיט אַ וואָרט...

— גיי שוין, גיי, דו שוטה, פּאַראיבל גאָר... אַז איך זע, ווי פון דיר טריפט זיך דאָס בלוט, איז מיר דאָס לעבן נישט ניחא... טראַכט איך: מוטב שיכנס החץ בי — זאָגט ער גאָר פּאַראיבל...

שלמה איז געשטאַנען ביי דער קאָרידאָר־טיר, דעם שטערן אָנגעשפּאַרט אין דער קאַלטער וואַנט און האָט זיך לאַנג איינגעהערט אין די זיך דער־ווייטערנדיקע טריט פון זיין זיידן.

קאפיטל XXXIV

דער פרילינג האָט אָנגעהויבן צו דערמאָנען וועגן זיך. אַ סך פריער האָט זיך שוין דער טאָג אויפגעכאַפּט און פיל שפּעטער זיך געלייגט. דאָס ווינ־טעלע האָט שוין צייטנווייז געהאַט אין זיך אַ זשאַמשעווע צאַרטקייט. אין די פּאַרקן האָבן זיך באַוויזן שטיקער שוואַרצע ערד מיט פאַראַיאָרעדיק פאַרוועלקט גראָז.

די פרוי פייגנבוים האָט זיך נאָך בפירוש געפונען אינעם זעלבן צו־שטאַנד וואָס אַ גאַנצן ווינטער. נאָר נישט קוקנדיק הערויף, אָדער גאָר טאָקע מחמת דעם, איז קאַראָוואַיעווסקע 67 אויף דאָס ניי געוואָרן די הויפּט־קוואַרטיר פון דער קיעווער רעליגיעזער יוגנט. דאָרט האָט דער פּולס פונעם לעבן האַסטיק געשלאָגן. ביי טאַניען האָט מען שטענדיק געקענט געוויר ווערן, וואָס ביי וועמען עס הערט זיך.

באַלד נאָך פּורים איז שלמה געוויר געוואָרן, אַז גאָרדאָן איז געוואָרן אַן אופּראַוו־דאָם * איבער עטלעכע רייזיקע הייזער אויף מאַלאָ־וואַסילקאָוו־סקע־גאַס. טרעפנדיק זיך מיט אים אויף דער גאַס פרעגט שלמה ביי אים:

— דו האָסט שוין אַ נייעם „דזשאָב“?

— אַ־אַ! נאָך אַ מין דזשאָב! אַ דזשאָב מיט הונדערטער פענצטער, מיט פאָדער־הייפן און מיט הינטער־הייפן...

— און וואָס איז געוואָרן מיטן קליטל?

— איך האָב אויסגעלערנט די גרויסע תורה ראַפּאָפּאָרטן מיט אַדלערן, אַרבעטן זיי דאָרט. טאָמער מאַכט זיך עפּעס אַ שווערע שאלה, זוכן זיי מיך אויף...

— און וואָס איז מיט אייער מעבל־אַרטעל? אויסגעלאָזט זיך אַ פּוסטער חלום?

— עס איז נישט קיין חלום, ער וועט אַ מאָל אויך זיין...

— דו ביסט דאָך שוין פאַרנומען?

— אַר־וואַ, אַ גרויסע מעציאָצע!... וועל איך איבערגעבן מיין „אופּראַוו־דאָמסטוואָ“ אַ צווייטן „פּאַנטאָפּעלעץ“... עס איז נישט קיין שלעכטע אַרבעט, מען קען מאַכן גוט פּרנסה.

— אַן אומרואיקע נשמה ביי דיר, יוסף... דו קענסט נישט איינזיצן אויף איין אָרט...

— דאָס איז מיין מאַמע שולדיק... אַזאַ בלוט ביי מיר...

יוסף גיט אַ גנבהשן פינטל מיט די אייגעלעך, לאָזט אַרויס אַ שניידנ־דיקן פייף און כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ דורכגייענדיקן טראַמוויי.

דעם לעצטן טאָג פּסח, נאָכן עסן, איז שלמה אַריינגעגאַנגען צו מנשהן נעמען אים און אַרויסגיין אַ ביסל שפּאַצירן אויסער דער שטאָט. ביי די

---

* הויז־פאַרוואַלטער.

כאָדראָווס האָט מען נאָך געהאַלטן אין מיטן עסן. שלמה האָט גענומען אַ ספר און זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער.

לויט דעם שוויגן ביים טיש און לויט די פרעמדע פלעמעלעך ביים פעטער לייב אויף די געלע פאַרמעטענע באַקן האָט זיך שלמהן געדאַכט, אַז די בני־בית זענען עפּעס צערודערט. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטון אין דער זייט פון די עסנדיקע און זיך באַגעגנט מיט מנשהס אויגן. יאָ! עס איז עפּעס געשען ביים טיש. מן הסתם אַ סצענע מיטן פאָטער, אים דערמאָנט חטאות־נעורים.

עס איז אַריינגעקומען זיין דינה, האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז דינה כאָדראָוו האָט אָפּגעגעסן, און זיי זענען ביידע ערגעץ אַוועק. גאָלדע האָט אַן אויפגערעגטע געוואַשן דאָס געפעס און מנשה מיטן פעטער האָבן געבענטשט. נאָכן בענטשן רופט זיך אָן דער פעטער לייב:

— שלמה, דו האַלטסט אין דער מיט דאָרטן?

שלמה פאַרמאַכט דאָס ספר:

— ניין, פעטער, כ'האָב גלאַט אַזוי אַ קוק געטון... קומט, מנשה, איר גייט?

דער פעטער ווייזט אים אָן אַ בענקל ביים טיש:

— זיץ אַ ביסל, שלמה, וווהין לויפסטו? דאָס פעלד וועט אין ערגעץ נישט אַנטלויפן. וואָס האָסטו שוין דען דאָרטן? ס'איז דאָך ערשט ניסן?

— איי, פעטער, וואָס רעדט איר? תחיית הארץ — אַ קלייניקייט? אַ גאַנצע וואָך, איז מען אַזוי פאַריאָגט און פאַרוואָגלט, אַז מען זעט נישט די ליכטיקע שיין, ווילט זיך שבת און יום־טוב כאָטש אַ קוק טון אויף גאָטס וועלטל...

— מיט וואָס זשע ביסטו אַזוי פאַריאָגט שטענדיק?

— וואָס פרעגט איר? אַז עס הייבט זיך אָן דער פרימאָרגן, ווייס איך נישט וואָס פריער... מען דאַרף צונויפמאָנען אין די קאָנטאָרן די חובות, פּטור ווערן פון די „נאַגרוזקעס". צונויפגעשטעלט די עטלעכע רובל, דאַרף מען זיך ערשט באַמיען קריגן די עטלעכע דאָלאַר, נישט אַזוי גרינג קריגט מען דאָס. און נאָך דעם ערשט הייבט זיך אָן אַ סדרה: זיך אויסדינגען מיט דער דירעקציע פאַרן אַסאָרטימענט, אויסשרייבן אַ פרישן טראַנספּאָרט מעל, אָפּנעמען אים, אָפּפירן אים צום קונה, אַהינטן ערגעץ די „נאַגרוז־קעס"... כ'ווייס? טוויזנטער אַרבעטן... מנשה איז דאָך אויך אין דעם ברויט, ווייסט ער דאָך...

— איז דאָך דאָס נאָר ביי טאָג...

— פאַר וואָס עפּעס נאָר ביי טאָג? די אָוונטן האָבן זיך זייער יאָגע־ניש...

— וואָס זשע, אויך געשעפטן?

— נישט קיין געלט־געשעפטן — איז אַנדערע ענינים... איר ווייסט דאָך, אַז מיר לערנען מיט ביאַליק דעם רב אַ שיעור, שפּעטער שרייב איך אַ ביסל... און אַ ביסל אַזוי...

— וואָס הייסט: אַ ביסל אַזוי?
— כ'וויים? אַהין, אַהער... מען איז פאַרנומען...

אין פענצטער האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ פונעם ייִדן שלומען. דער פעטער האָט זיך אויפגעהויבן:

— קום אַריין, קום אַריין, שלום, דו מעגסט אויך הערן... ס'איז נישט קיין סוד. זיץ, נישקשה, זיץ אַ ביסל. צי דו האָסט אויך קיין צייט נישט? איך זאָג... איך האָב געזאָגט... איך מיין, ביים טיש האָבן מיר גערעדט... עס דרייען זיך אַרום אונדזערע קינדער... גאָלדענע קינדער, קיין עין־הרע... איך מיין טאַקע שלמהן מיט מיין דינהן... טייערע קינדער... איך האָב שוין אַ מאָל געשריבן וועגן דעם קיין כמעלניק... מילא, ווען עס איז נאָך געווען דער „פאַנטאָפל", מען פלעגט זיי גאַנצע טעג נישט זען, אָבער איצט וואַרפט זיך דאָס שטאַרק אין די אויגן... פאַר וואָס זאָל זיך אַזאַ פּאָרל נישט נעמען? ניין, כ'מיין טאַקע באמת... דו הערסט, שלמה? איך בין נישט קיין שדכן, בטבע האָב איך דאָס נישט ליב... אָט איז דיין זיידע שלום — דוקא יאָ, און איך — נישט... אַ סימן האָסטו, פון זינט איך בין דאָ, האָב איך דיר שוין כאָטש איין מאָל דערמאָנט וועגן דעם, האַ?... ניין, זאָג אומיסטן, אפשר דערמאָנט? אַיאָ, ניין?... נו, אָט... נאָר היינט ביים עסן האָט מען זיך צערעדט... האָב איך געזאָגט... און איך זאָג דיר איצט אויך... דינה איז דאָך דאָ נישטאָ, מעג איך דאָך זאָגן... דאָס איז אַ גליק פאַר דיר... דו האָסט גאָר קיין השגה נישט... זי האָט אסתר־המלכהס חן און דאָס גוטסקייט פון די אמהות. מילא, וואָס דאַרף מען דאָ לאַנג בראַיען? קענסט זי אַליין אויך גוט... כמעט צוזאַמען אויסגעוואַקסן. כ'וויים אפילו, אַז זלאַטע, לשלום, האָט זי געשדכנט פאַר מיכאלן. נו, עס איז דאָך אָבער פוסטע דבורים. מען זעט דאָך... זיי זענען פאַרשידענע מענטשן... ער — דאַרף זי נישט, און זי — דאַרף אים נישט. אָט זעסטו, פאַר דיר, איז דאָס אַ גלייכער שידוך... ווי אָנגעמאָסטן!... און וואָס? דו ביסט נאָך עפּעס אַ קליין ייִנגעלע?... דו ווערסט שוין באַלד צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. דו קוקסט, וואָס מנשה איז זיך אַזוי שפּעט פאַרזעסן? אָבער איך, צי דער זיידע למשל! אָט זיצט ער. זאָג, שלום, ביים וויפלטן קינד האָבן מיר שוין געהאַלטן ביי צוויי און צוואַנציק יאָר? האַ?... אויף מנשהן האָסטו נישט וואָס צו קוקן... מנשה האָט אָפּגעברענט... פאַרשפּילט זיין וועלט ווי אין קאָרטן. דער רוח זאָל געווען נעמען די חנהן, איידער ער האָט איר טריפהנע צורה דערזען, וואָלט ער געווען מיט לייטן גלייך... אָבער דו האָסט דאָך נישט קיין באָמבע מיט קיין חנהן... וואָס זשע שווייגסטו? עס זענען דאָ בלויז היימישע... זאָג, שעם זיך נישט...

שלמה האָט, עטוואָס פאַרלוירן, געקנייטשט דעם טישטעך און געשוויגן.

— וואָס זשע, אַזוי ווילד קלינגען דיר מיינע רייד, אַז דו ווילסט אפילו נישט ענטפערן?... דו זעסט עפּעס אַ חסרון אין מיין דינהן? אדרבה, זאָג... קיינער צווינגט דיך דאָך נישט, אָבער זאָגן מעגסטו?

גאָלדע האָט אַ רימשע געטון:

— טאַטע, הער אויף! הער אויף זי אָנוואַרפן אָט דעם אויפגעקומע־נעם גביר! און איר פּיאַטע האָט ער דען יאָ די ווערט? און איר שיך־בענדל?

דער פעטער לייב האָט אויף איר אָנגעשריגן:

— שווייג, דו פּיסקאַטע, עס איז נישט דיין עסק! מישט זיך, ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט... גיי דיר אין קיך אַריין, גיי!...

און צו שלמהן:

— וואָס הערסטו זי?... ס'איז ביי דיר אַ נייעס — גאָלדע? אָבער זאָג, לאָמיר הערן... קיינער וועט דיך פאַר קיין וואָרט נישט שטראָפירן. אָט זיצט מנשה, אָט זיצט דיין זיידע. מיר ווילן גלאַט הערן דיין מיינונג...

שלמה, אַ בלייכער פון דעם שמועס, האָט מיט דרך־ארץ געענטפערט:

— פעטער, איר זענט אַן עלטערער מענטש און איך וויל אייך ענטפערן אויפריכטיק... איר זענט זיכער, אַז נאָר מנשה האָט געהאַט אַ באָמבע און מער קיינער נישט? עס איז נישט אַזוי... נאָך עמעצער האָט דאָס גליק... צו האָבן אַ באָמבע... איך גיי אַריין צו יאַנים מיידל און קיין צוויי נעמט מען נישט... דינה איז זייער אַ געראָטן קינד. איך האָב זי זיכער נישט די ווערט... גאָלדע ווייסט, וואָס זי זאָגט. אָבער וואָס קומט אַרויס? מיין האַרץ איז פאַרנומען מיט אַן אַנדערער...

אָפּגעזאָגט, איז ער לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען דאָס צימער, האָט זיך גע־טראָפן מיט גאָלדעס דורכנעמענדיקע צוויי שפּיזן און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. דורכן אָפענעם פענצטער האָט זיך צו אים דערטראָגן גאָלדעס היסטערישער געשריי:

— איך זאָג, הער אויף, און ער בעט זיך ביי דעם פּאַראַזיט!... געדענקט, וואָס איך זאָג אייך: איך זאָל אפילו וויסן, אַז מיין טויט וועט זיין, וועל איך זיין שידוך מיט די טולטשינסקים צעשטערן... פּאַלקעלעך גלוסטן זיך אים! אַנדערש איז ער נישט געווינט געוואָרן ביי זיין טאַטן! אַ מכה וועט ער האָבן, נישט קיין פאַלי... וואַרט אויס! איר וועט ערשט זען שיינס!...

דער אַלטער שלום האָט זיך אויפגעהויבן, אַ שפּיי געטון אין איר זייט און געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב. נאָר גאָלדע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— וואָס אַנטלויפט איר, וואָס, טייער פעטערל? וואָס שפּייט איר, וואָס? איר מיינט, אַז איך בין אויף אייך קיין מבין נישט?... איך זע אייך אויף דורך און דורך! נאָר קופּעטשעסקער יידן קענט איר אָפּנאַרן מיט אייער באָרד, מיך וועט איר נישט אָפּנאַרן! איך בין אויף אייך דער אמתער מבין! איר מיינט, אַז איך ווייס נישט, אַז אייך אַליין שמעקט אויך בעסער פאַלי פון אונדזער דינהלען? אייער עגאָיזם פאַרטראָגט נישט אַנדערש, נאָר אַז די וועלט זאָל רעדן, אַז אייער אייניקל האָט די שענסטע פרוי אין קיעוו... אַ־האַ! האָב איך אייך צעקייעט? צעביסן דעם יאָדער? וואָס אין די פּיאות באַהאַלט זיך —

— שווייג, דו חצופה! דו ווייסט, וואָס מיר גלוסט זיך און וואָס מיר גלוסט זיך נישט? זאָלסט אַזוי וויסן פון דיין גיפטיקער שלאַנג, וואָס דו טראָגסט אויף דיין צונג, ווי דו ווייסט, ווער עס געפעלט מיר בעסער: פאָלי צי דינה. דער עיקר געפעלט מיר: זי שטייט גאָר צו מיט טענות! מען איז איר עמעצער א משה־מחויב צושטעלן שלמהס פאַר איר דינהן, אז נישט, וויל זי נישט... געפעלט דיר, א פיסקאַטש א ביסל צעעפנט!...

מנשה האָט אָפּגערוקט גאָלדען פון דער טיר:

— קומט, פעטער, וואָס עסט איר זיך אָפּ דאָס האַרץ? איר ווייסט נישט, אז גאָלדע איז א שלעקל?... א נייעס ביי אייך?...

אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי זיך פאַרנומען אַרויף־צו אויף דער גויאישער גאַס. אין מיטן העלן טאָג האָט מען דאָ נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. פון צווישן די ציגל, מיט וועלכע עס איז אויסגעפלאַסטערט דער טראָטואַר, רייסן זיך דורך יונגינקע, צאַפּלענדיקע גרעזעלעך. די לופט איז מחיה, פסחדיק־ריין, לויטער און דופטיק.

מנשה פרעגט:

— פעטער, וואָס זשע איז טאַקע מיט דעם שלמהן, מיט אייערן? ער גייט אַלץ צו די טולטשינסקיס... ער גייט און גייט און קיין נחת זעט מען עפּעס נישט. ס'וועט יאָ א מאָל קומען צו אַן עק?

— ווער קען דאָס וויסן?

— דערווייל, א פּנים, האָט ער דאָרט אויסצושטיין קאַלטס און וואַרעמס...

— אַזוי ווייזט אויס...

— ער זעט אויס שטאַרק דערשלאָגן. א פּנים, ער האָט זיך מיט דער פאָלין אָנגעפרעגט א מפטיר...

— וואָס זשע קען מען העלפן? ער פרעגט דען ביי עמעצן?...

— אָבער ביז ווען? זי קען דאָך אים אַזוי אַרומשלעפּן ימים ושנים?

— איך ווייס? אפשר וועט זי אים אַרומשלעפּן... ערב פּסח צום סיום האָב איך און אפרים־אהרון זיך געטראָפן אין שול מיט יאַנין. פרעגן מיר אים דאָס זעלבע: היתכן? עד מתי? שטאַמלט ער אַזוי און שטאַמלט, ביז ער צעוויינט זיך... ממש ווי א קליין קינד... וואָס זאָל ער טון? ער קען גאָרנישט העלפן... דאָס מיידל פרעגט ביי אים נישט און עצהט זיך מיט אים נישט... עס איז ווי א טאָג, זאָגט ער... א טאָג איז אַזוי און א טאָג איז אַזוי... אָט איז זי צו אים גאָר גוט און אָט איז זי ביטער ווי גאַל... און וואָס קען ער העלפן? עס איז אַמאָליקע יאָרן, מען זאָגט א קינד: אַזוי טו, אַזוי טו נישט... ס'איז היינט אַזאַ דור, וואָס האַלט זיך קליגער פון די עלטערן. ביידע זענען זיי דערוואַקסענע מענטשן, ביידע פאַרשטייען גוט, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. און ווי גאָט וועט פירן. איך זאָג דיר, ער האָט אַזוי גע־וויינט, אז עס האָט ממש געריסן ביים האַרצן. און איך בעט דיך, וואָס קען ער טאַקע העלפן?... עס קאָסט אים געזונט, זאָגט ער, שלמהס עגמת־נפש. עס וואָלט אים ניחא'ר געווען כ'ווייס גאָרנישט וואָס, איידער

דאָס צוזען, זיין דערביי, ווי שלמה מינעט זיך. אָבער וואָס קען ער העלפן? איז טאָמער איז מיר ווייניק די גוטע גרוסן, ווי אַזוי מיינס אַ קינד שווארצט זיך דאָס פּנים און קריכט אין אַ בלאָטע, קומט נאָך צו גיין גאָלדע מיט אירע שטותים, אַז איך וויל גאָר... און דאָס גייט שלמה ביי מיר פרעגן, צי איך וויל, צי איך וויל נישט... אַזאַ משוגענע!

— אָבער שלמהן אַליין וואָס ענטפערט זי, די מרשעת? מילא, מיר וויל ער נישט דערציילן, ער האַלט מיך פאַר אַ נוגע בדבר, אָבער אייך? וואָס זאָגט זי אים, וואָס?

— אָט אַזוי ווי איך דערצייל דיר: הן ולאו ורפיא בידה*...

— הייסט עס, ביי קיין ענדע האַלט עס נישט...

— ווער ווייסט?

— איך פאַרשטיי, אַז ער גייט דאָרטן דורך שבעה מדורי גיהנום...

— אַ שאלה נאָך? נאָר איין גאָט זאָל אויף אים רחמנות האָבן...

*

עס איז פאַריבער פּסח און נאָך אַ וואָך, און נאָך אַ וואָך. די וועסנע האָט נישט אויף קאָטאָוועס פאַרנומען אַלע פּאָזיציעס: זיך צעשאָטן אין אַלע גערטנער, ארויפגעקלעטערט אויף די שפּיץביימער און אריינגע־שמייכלט יעדן אין די אויגן אַריין.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז שלמה אריינגעקומען צו די טולטשינ־סקיס און האָט געטראָפן אַלעמען יומטובדיק אָנגעטון. מיט אַ פריינדלעכן שמייכל האָט ער אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט:

— וווהין קלייבט איר זיך דאָס, חברים?

אווראָם, אויסבינדנדיק זיך דעם שניפּס אין שאַפע־שפּיגל, האָט גע־ענטפערט:

— מיר זענען איינגעלאַדן אויף „אימענינעס" אין „קאָנטינענטאַל". דער רעדאַקטאָר מיט זיין אייגענער פערזאָן איז היינט אַן „אימענינִיק".

— מזל־טוב אייך! פאַר וואָס זשע אַזוי פרי?

— מען האָט גערופן צו דער פאַרנאַכטיקער טיי.

פאַלי איז געשטאַנען מיט אַ זייטל, געפוצט די מאַניקיורטע נעגל און אויף שלמהן זיך אפילו נישט אומגעקוקט. אסתרם פלאַכער מוח האָט נישט אויפגעכאַפּט אַזעלכע „קלייניקייטן". זי ווענדעט זיך תמימותדיק צו יאַנין:

— יאַני, זאָל שלמה אויך מיטגיין... אין „קאָנטינענטאַל" מוז זיין אַ פּיאַנינע אויך. אַז נישט, וועט מען קריגן אַ פידל... שלמה וועט שפּילן, וועט פריילעך זיין...

פאַלי גיט זיך אַ דריי אוים אויף די הויכע אָפּצאַסן:

— שלמה — מיט אונדז? בשום אופן נישט!...

יאַני, אויסער זיך פון אויפרעגונג:

---

* יאָ און ניין און אַלץ אומאַנטשלאָסן.

— פאַר וואָס זשע, טאַטע?
— אויב ער גייט, גיי איך נישט! ווי איר ווילט!
שלמה גיט שמייכלענדיק א קלאַפּ יאַנין אין פּלייצע:
— לאָזט זי אָפּ, דאָרט איז דאָ מאַרוסיאַ!... און אפילו, ווען זי בעט מיך, וואָלט איך אויך נישט געגאַנגען... זי צו די פּייגנבוימס — נישט, און איך אין „קאָנטינענטאַל" — יאָ? וואָס איז עפּעס?
יאַני קאָכט זיך:
— ווי באַלד אַזוי, גיי איך אויך נישט! קום, שלמה, א ביסל...
שלמה איז זייער לוסטיק. ער קען זיך נישט שיידן מיט זיין גוטער שטימונג:
— יאַני, מאַכט נישט קיין קונצן, מען ווייסט, אַז איר קענט... איך בין זייער געריהרט פון אייער איידלקייט. נאָר גייט איך, גייט, פאַרברענגט פריילעך... פאַרשטערט נישט אייער הויזגעזינד זייער פאַרגעניגן...
— אָבער דו?
— וואָס איך? איך וועל מיר גיין מ י י ן וועג...
— אַליין?
— איז וואָס, אויב אַליין? וועל איך זיך איבערשרעקן?
— ניין, וועל איך טאַקע גיין מיט דיר, וועט דיר פאַרט זיין היימלעכער...
— גייט וווהין איר דאַרפט גיין. פּראוועט נישט קיין קאַפּריזן! מיר איז נישט אומעטיק... ריכטיקער געזאָגט, מיך איז נישט גרינג משמח צו זיין...
— וווהין זשע וועסטו איצט גיין?
— כ'וועל צוגיין אין שול אריין...
— אַזוי פרי, צו מנחה?
— צו מנחה איז נאָך צו פרי, וועל איך דערווייל אָפּלערנען א פּרק משניות.
— משניות גאָר? נאָך וועמען איז?
— עס מוז זיין נאָך עמעצן? דאָס מאָל וועט זיין נאָך זיך אַליין... נאָך מיין אייגענער נשמה...
— ?...
— וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי?... עס איז דאָך געשטאָרבן היינט א טאָג פון מיין לעבן, קומט דאָך א פּרק משניות... ביי דעם רוב מענטשן אין מיינע יאָרן איז איצט דער פרילינג פון זייער לעבן... איז טאַקע אַזא טאָג נישט הפקר... כאָטש א ליכטל שטעלן...
שלמה דערפילט, אַז עס צענעמט אים א רחמנות צו זיך אַליין, ער וועט זיך שוין לאַנג נישט קענען איינהאַלטן און ער פליט אַרויס פון דער שטוב אָן א „זיי געזונט".
דער טראַטואַר אַנטלויפט פון אונטער זיינע פיס. אין מויל מעלה־גרהט זיך איינס און דאָס זעלבע:

— א ליכטל שטעלן... כאָטש א ליכטל שטעלן...

אויפן וועג דאַוונט ער אָפּ מנחה און נישט ענטפערנדיק אויף זיין מוטערס פראַגן פאַרשליסט ער זיך אין זיין צימער, קושט מיט פאַרמאַכטע אויגן זיינע העפטן, וועלכע ליגן עלנטע און וואַרטן אויף זיין צוריקקערן זיך פון אוריצקע, רופט זיי אָן מיט די צערטלעכסטע נעמען...

דריי טאָג נאָך אנאנד, נאָך יענעם אינצידענט, זעט מען אים נישט אויף דער ליכטיקער שיין. ביי זיך הינטערן שלאָס דאַוונט ער, דאָרט עסט ער און דאָרט ווערן אָנגעשריבן א מאַסע העפטן מיט דראָבנינקע אותיות. זיין פנים שיינט מיט אַן אינערלעכער, נישט היגער שיין. זיין האַנט פאָרט אַרום איבערן גרינעם געוואַנט און לאָזט נאָך זיך איבער שמאָלע שורהלעך, לענגערע און קורצערע.

אויפן פערטן טאָג גייט ער ווידער מיט פאָלין אין קינאָ, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. נישט ער דערמאָנט איר איר באַליידיקנדיקן טאָן, נישט זי דערמאָנט אים זיין אַרויסלויפן פון שטוב ווי א ווילדער. ביידע האָבן שוין אַלץ „פאַרגעסן“. איצט זיצט מען אין דעם ערשטן מלוכה־קינאָ, אַקסל ביי אַקסל, מען זויגט „עסקימאָ“־אייז־קרעם און מען קוקט מיט הנאה אויף דעם נייעם פילם.

נאָר פון צייט צו צייט לויפט איבער א וואָלקנדל איבער זיין פנים. עמעצער טראָגט אים אונטער:

— „אויב ער גייט, גיי איך נישט! ווי איר ווילט“...

ער גיט בגנבה א קוק אויף איר געזיכט: ווער האָט דאָס געזאָגט? שוין זשע פאָלי? ניין, יענע איז געווען אַן אַנדערע. ד י — ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן... עס איז א מיספאַרשטענדעניש...

פון צייט צו צייט צעשפּילט זיך די פאַרב אין איר פנים. עמעצער טראָגט איר אונטער:

— „לאָזט זי אָפּ, דאָרט איז מאַרוסיאַ“...

זי גיט בגנבה א קוק אויף זיין געזיכט: ווער האָט דאָס געזאָגט? שוין זשע שלמה? ניין, יענער איז געווען אַן אַנדערער. ד ע ר — ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן... עס איז א מיספאַרשטענדעניש...

מען באַגעגנט זיך מיט די אויגן, די אַקסלען דריקן זיך צונויף, די הענט אויך... מען רעדט נישט גאָרנישט... מען קוקט מיט הנאה אויפן פילם.

ע נ ד ע פ ו ן ע ר ש ט ן ט י י ל.

צווייטער טייל

קאפיטל XXXV

די וועסנע פון יאר 1932 האט אין זיך געהאט אלע מעלות און חסרונות פון א יונג שיין ווייבעלע: זייער א פריע און זייער נישט קיין סטאבילע. די קיעווער איינוווינער האבן נאך נישט אויסגעטון די קאלאשן פון די פיס. זיבעצן מאל אין טאג האט גערעגנט. טא האט אנגעהויבן, טא האט אויפגעהערט. די צעשויבערטע זון האט נישט באוויזן צוטרוקענען די טראָטוארן, ווי פון אלע עקן הימל האבן זיך א יאג געטון אויף איר שפּאגל־נייע כמארעס און כמארעלעך און ווידער האט קאטאוועסדיק־ערנסט געשמיסן אין פנים אריין א ליבלעך־איינגעגעסן פרילינגס־רעגנדל. פויערן האבן גע־זאגט, אז צו די קארטאפל, צו אלע בוים־פרוכטן איז דער רעגן א מעלה, אבער די פריע ערד־פרוכטן, ווי: קלובניקע, פאזעמקעס און אפילו די קארשן דערלעבן נישט אויסצוואקסן. יידן אין שול האבן ארויסגעוויזן א ביסעלע חוצפה כלפי שמיא: — שוין, ברוך השם, פסח שני, באלד וועט זיין ל״ג בעומר און איידער מען וועט זיך אומקוקן — אויך שבועות און אונדזערע אלטע ביינער האבן זיך נאך היינטיקן זומער נישט אנגעווארעמט. נישט קיין הימל, נאר א מעלקנדיקע קו: עס צאפט זיך און עס צאפט זיך און עס הערט גארנישט אויף. נו־נו, א שפע א ביסל, כאטש הייץ איין אין הרובע און הענג אויף צוריק דעם „טל ומטר״...

דאס איז געווען דאנערשטיק פאר נאכט. דער טראמוויי, אן איבער־געפולטער, האט זיך געשלעפט איבער קאראלענקא־גאס. הער וואגאן האט ערגעץ געהאט א פעלער, אלע ווײלע האט ער זיך געשטעלט, געמאכט עטלעכע שפאן און ווידער מיד געווארן. עמעצער האט שלמהן ארויפגע־לייגט די האנט אויפן אקסל. שלמה האט זיך אומגעדרייט:

— הא, יוסף! וואס מאכסטו עפעס גוטס?

— אזוי זיך, נישטא מיט וואס זיך צו בארימען. מיין פאסטן איז מיר נמאס ווי דער טויט, ווייסט אים א שד...

— ווו האסטו זיך עס אנגעשטעקט מיט אט דער אנטיפאטיע? ס'איז, דאכט זיך, נישט דיין טבע צו שפּילן אין אייגענעם ברוגעס...

— נישט אנטיפאטיע. באלד עפעס, איז ביי אים אדער סימפאטיע אדער אנטיפאטיע. פשוט: כ'בין מיד, דערשעפט. ווען גאט זאל דיך בענטשן מיט א שטעלע פון אן „אופראוודאס״, כאטש אויף איין יאר, וואלסטו געפילט מיין טעם. עס הייבט זיך אן דער פרימארגן, נעמט מען מיך אראפ פונעם געלעגער אן נעגל־וואסער. ביי דעם רינט אריין — פאר־ריכט! ביי דעם איז קאליע געווארן די וואסער־לייטונג און עס וויל נישט רינען, — ווידער פארריכט! היינט האב איך געהאט אן עסק מיט גלעזערס. דו שטעלסט זיך פאר, וואס עס הייסט קאנטראלירן מיינע פינף מויערן שויב נאך שויב? וועסנע־צייט וויל יעדער איינוווינער האבן א גאנצע שויב און דוקא אן פעלערן. דו מעגסט מיר מקנא זיין. מארגן, אז

מיר ווען לעבן און געזונט זיין, גייט א סדרה: האלץ מיט קוילן. איך דארף זיי איצט האבן ווי א לאך אין קאפ. איך וועל נאך מוזן אליין זיך מאטערן אין פארט, ביז מען וועט אויסלאדן די בארזשעס. דער „זשיל־קאפ“ האט נישט ווער עס זאל אים אכטונג געבן, בין איך דאס כפרה־הינדל... זעסט שוין, וועלכע נייעסן עס זענען ביי מיר דא?

— די נייעסן, יוסף, אינטערעסירן מיך נישט. כ'האב מיינע זארגן גע־נוג. דערציי'ל בעסער, וואס טוט עפעס די פרוי פייגנבוים? זי שפירט זיך א ביסל בעסער?

— עס וואלט שוין געווען גוט, ווען נישט ערגער. דערווייל איז מיט איר זייער נישט פוילגדיק. דער פאראליטש צעשפרייט זיך ביסלעכווייז איבערן גאנצן קערפער. זי באוועגט שוין מיט די הענט אויך נישט פריי...

— וואס רעדסטו?

— יא, ברודערקע, אזוי איז דאס... פאראליטש שמעקט מיט המצא מנוחה... אוי, מיינע פיס... כ'פיל נישט קיין פיס פאר מידקייט און עפעס א מכה האט מיר אנגעריסן סאמע צווישן די פינגער... דיך קוועטשן נישט די שיך? א גליקלעכער מענטש, אויף מיין ווארט.

— נו, און זעליק האט זיך שוין אומגעקערט פון מאסקווע?

— ס'איז געווען א טעלעגראמע, אז מארגן נאך מיטאג וועט ער זיין. אך, שמערצט מיר די מכה!... דו פארשטייסט, שלמה, זי האט זיך שוין דוקא געעפנט און איך האב, דאכט זיך, דעם גאנצן אייטער ארויסגע־קוועטשט, וואס זשע קומט ארויס, אז איך לייד נאך שטארקער ווי פריער... אוי־ווא! א קאפ ביי מיר! שיר נישט פארגעסן...

יוסף האט א גלאץ געטון מיט זיינע גרינע אויגן:

— דו ווייסט גארנישט, וואס פאר א גאסט מיר האבן אויף שבת... א גאסט פון גאסטנלאנד, אי אויף שבת, אי אויף ל"ג בעומר... דו זאלסט נאר נישט פראווען דיינע פוילע שטיק. כ'קען דאך דיך. טאמער רעכנסטו צו־טראכטן א תירוצל און נישט קומען, זאלסטו וויסן, אז היינטיקן שבת גייען נישט אן די קונצן.

— לאמיך שוין הערן, וואס איז דאס פאר אזא געהויבענער גאסט, וואס דאס מויל איז ביי דיר אזוי פול מיט אים?

— דו לאכסט? לאך! אז כ'וועל דיר אנרופן דעם גאסט, וועסטו שוין, דאכט זיך, נישט אזוי געשמאק לאכן. דו ווייסט, ווער? רייזל ליבערמאן!

— ריי־זל?

— יא, רייזל! וואס זשע וווּנדערסטו זיך? דו קענסט זי דען?

— נ־־ניין, כ'קען זי נישט. פון וואנען זאל איך זי קענען? איך האב נאר געהערט וועגן איר. זי איז דאך, דאכט זיך, דיינע א קאניעווער?

— ווען זי איז נאך א קינד געווען, האבן די ליבערמאנס געוווינט אין קאניעוו, צוזאמען האבן מיר חלות געבאקן פון זאמד, נאך דעם איז איר פאטער אריבערגעפארן קיין לעבעדין מיט דער גאנצער משפחה. דארט האבן זיי בסך־הכל געוווינט עטלעכע יאר און זענען ארויסגעפארן קיין פאלטאווע,

ווו דער פּאַטער איז דער איינציקער רב. כ׳ווייס? דו ביסט אַ נעבעכיקער? דאַכט זיך, די ליבערמאַנס זענען אַ שם־דבר!

שלמה האָט אים קאַלטבלוטיק געהערט. ווען יוסף איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער שלעפעריק אַ פרעג געטון:

— עפּעס אַ פיין מיידל, אָט די רייזל?

יוסף איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון דער דאָזיקער פראַגע און האָט זיך געכאַפּט ביי דער מכה.

— רייזל? אויף רייזלען פרעגסטו ערשט, צי זי איז אַ פיינע? כלומרשט ווייסט ער נישט, ער האָט גאָר קיין מאָל נישט געהערט! דו פאַרגעס דיינע „שטיקעלעך". האָסט זיך איינגערעדט, אַז דו קוקסט נישט אויף קיין מיידלעך, מיר׳ן שוין זען, וואָס דו וועסט זאָגן איבערמאָרגן, אַז דו וועסט זיך באַקענען מיט רייזל ליבערמאַן. כ׳בין דיר ערוב, אַז דו וועסט זיין נאָך איר די כפרה, באַגלייך מיט אַלע בחורים. ביז היינט איז נאָך קיין אויסנאַם נישט געווען. רייזעלע, דאָס איז אַ מיידל פון גאָט...

שלמה האָט געמאַכט אַ זויערע מינע:

— אַלע מיידלעך זענען פון גאָט.

און אין האַרצן האָט ער ביטער אַ טראַכט געטון:

— אַז וויל איז די בחורים, וואָס זענען די כפרה פאַר אַ סך מיידלעך. פיל ערגער איז, ווען דאָס פינצטערע מזל ברענגט דערצו, מען זאָל זיין די כפרה נאָך איין מיידל.

דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. די קאָנדוקטאָרשע האָט פון צווייטן עק וואַגאָן אויסגערופן:

— מאַרינסקע־גאַס. די קומענדיקע: רויט־אַרמייאישע.

גאָרדאָן האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— לאָז נאָר, דאַ דאַרף איך דאָך אַראָפּגיין!... געדענק זשע אומבאַדינגט צו זיין שבת ביי די פייגנבוימס און פאַרשפּעטיק נישט: פּינקטלעך צוויי ביי טאָג, ס׳איז נאָך „דיין" שבת אויך. דאָרטן וועלן מיר שוין ענדגילטיק אָפּשמועסן וועגן ל״ג בעומר, ווו, וואָס און ווען. אָט וועסטו אומיסטן זען. מיר וועלן איצטיקס מאָל איינאָרדענען אַ ל״ג בעומר, איז זינט גאָט האַנדלט — העי, חברים, לאָזט נאָר, לאָזט דורכגיין!... שטעלט זיך מיט דער זייט, וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש?

דער וואַגאָן האָט גערירט. יוסף איז געלאָפן לעבן וואַגאָן און נאָכגעשריגן:

— געדענק, טאָמער קומסטו שבת נישט!...

און ער האָט געפּאַכעט אין דער לופטן מיט אַ קולאַק.

לעבן דער באַנק, ווו שלמה איז געשטאַנען, האָט זיך באַפרייט אַן אָרט. שלמה האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט, מיד אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער קאַלטער שויב און גלייכגילטיק אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, ווי לאַנגזאַם דער וואַגאָן שלעפּט זיך. ביי דעם ראָד, וואָס אונטער שלמהס בענקל, שלעפּט זיך נאָך אַ שטיק אייזן, אַ פּנים, אַז

אָפּגעבראָכענער שטיק פון טאָרמוז *. אַלע ווײַלע גיט דאָס שטיק אײַזן אַ האַרצרײַסנדיקן קרעכץ און לאָזט אויס מיט אַ גרילצנדיקן קריץ ווי אַ זעג, בשעת זי טרעפט אָן אויף אַ קניפּ אין בוים. דאָס אומאויפהערלעכע קריצן ראַצט ביי דער נשמה און דענערווירט שטאַרק די פּאַסאַזשירן. אייניקע פאַר־שטעקן די אויערן, אַנדערע שמועסן משונה־הויך, ווילן איבערשרייען דאָס קריצן.

שלמה האָט אײַנגעגראָבן דאָס פּנים אין פענצטער און באַטראַכט דעם דרויסן:

אויף דער גאַס האָט זיך געזיפּט אַ דריבנע פרילינגס־רעגנדל. דער הימל־דעק האָט אויסגעזען ווי אַ לײמיקע קאַליוזשע, נאָך דעם ווי אַ טאַבון פערד האָבן זי גוט אויסגעטאַפּטשעט. די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן. אויף די ראָגן פון די גאַסן האָבן זיך געצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן. דער וואַגאָן האָט קרעכצנדיק זיך געשלעפּט איבער די קענטיק ליידיק־געוואָרענע גאַסן, דאָס אײַזן האָט ווי פריער געגראָבלט די ליניע, אַז עס האָט געצופּט ביי דער נשמה.

פּלוצלינג האָט דער וואַגאָן אויפגעציטערט מיט אַלע אברים. די פּאַסאַ־זשירן האָבן אַ פאַל געטון איינער אויפן אַנדערן. ווען דער דערשרעק איז פאַריבער, האָט מען באַלד דערזען, אַז דער וואַגאָן שטייט אויף אַ זײַט. אונטער די פענצטער איז אַרומגעלאָפן די קאָנדוקטאָרשע, אַ נידעריקע, אַ גראָבע ווי אַ בירפעסל און געקלאַפּט מיטן שליסל פונעם מאָטאָר אין די שויבן:

— גייט אַרויס, גייט אַרויס!... דער וואַגאָן איז אַראָפּ פון די רעלסן...

שעלטנדיק און זידלענדיק שיטן די פּאַרשוינען אויס אויף דער גאַס. יעדן ווילט זיך אַ קוק טון, צי ס'איז אַ מעשה אויף לאַנג. אַרום דעם איינ־געזונקענעם ראָד ווערט אַ רעדל. צווישן דעם ראָד און דער ליניע שטעקט אַ פאַרמלאָזער שטיק מעטאַל, אַ פּנים, דאָס, וואָס האָט „געזונגען" אַ גאַנצן וועג. דער וואַגאָן האָט זיך היפּשלעך אויסגעבויגן און די פעדערשטע זײַט זיצט נישקשהדיק אין דער אדמה.

דאָס רעדל האָט זיך אָנגעהויבן צעקריכן. שלמה האָט לכתחילה גע־רעכנט אויסצוּוואַרטן, ביז מען וועט אוועקשטעלן דעם וואַגאָן „אויף די פיס", נאָר דערנאָך, ווען ער האָט דערזען, אַז עס איז אַ לידל אויף לאַנג, האָט ער אַ שפּיי געטון און זיך געלאָזט גיין אַהיים צו פוס. דער וועג האָט זיך געשפּרייט בארג אַרויף. דאָס רעגנדל האָט שמיידיק געשמיסן אין פּנים אַריין. שלמה האָט לאַנגזאַם געשפּאַנט. אין קאָפּ האָט זיך פון זיך אַליין עפּעס געטראַכט. אָפּגעריסענע, אָפּגעפליקטע שטיקלעך געדאַנקען האָבן געפירט צווישן זיך אַ שטילן געשפּרעך:

— אין קינאָ גייען זיי היינט נישט, ס'איז אַ רעגן און פאַלי איז עפּעס פאַרקילט... אין דער פרי ביי דער טיי האָט ער צוגעזאָגט דינהן מיט רבקהן מיטצונעמען זיי ל"ג בעומר, וווהין די חברה וועט פאָרן. אפשר וואָלט גע־

* אַזאַ טייל, וואָס האַמעוועט דעם וואַגאָן.

ווען נישקשה, זיי זאָלן פֿאָרן אָן אים?... עך, גאָרנישט גלוסט זיך נישט, קיין זאַך איז נישט ליב, אַפּילו דאָס לעבן איז אויך צייטנווייז נמאס ווי די בלאָטע! מאָרגן דאַרף ער צוגיין אין דער קאַסע פֿון שטאָט־טעאַטער נאָך בילעטן אויף שבת־צו־נאַכטס. אָבער אין וועלכן טעאַטער זאָל ער נעמען? אָט אַ פֿראַגע!... נעמען אין יידישן? און עס שווימט פֿאַר אים אַרויס פֿאָלים געזיכט, ווי עס גייט זיך מיט פֿאַראַכטונג אַ קרום, פֿון וועלכן עס ווערט זויערלעך אויף דער נשמה: אין יידישן גאָר?... ניין, אין יידישן טויג נישט! מען דאַרף נעמען ערגעץ אין אַ מלוכה־טעאַטער, אַמבעסטן אין דראַמאַטישן, אין רוסישן אָדער אין אוקראַאינישן. נישט מער, זיי האָבן שוין עטלעכע מאָל איבערגעקוקט דעם גאַנצן רעפּערטואַר. אפשר וואָלט געווען אַ סברא, בעסער אין דער אָפּערע? ניין, אָפּערע איז אַ ריזיקע! פֿאָלי איז אַ קנאַפּע ליבהאָבערין פֿון מוזיק. ער קען נאָך כאַפּן אַ פּסק פֿון איר פֿאַר זיין חזנישן געשמאַק, אַז נישט קען זי זיך פּשוט אויפֿהייבן און אַוועקגייען אין מיטן דער פֿאָרשטעלונג. אפשר גאָר נעמען אין צירק אַריין אָדער אין דער מוזיקאַלער קאָמעדיע? ניין, די ערטער געפֿעלן אים נישט! פֿלאַכע קונסט! ער האָט ליב אַן ערנסטע זאַך: אַ רייכן סיוזשעט, אָפּגעקליבענע אַרטיסטן און טאַקע די טעמע... אפשר גאָר נעמען אין באַלעט אָדער אין אָפּערעטקע?...

און ער דערמאַנט זיך:

אַנומלטן, אויך שבת־צו־נאַכטס איז דאָס געווען, איז ער מיט פֿאָלין געווען אין באַלעט. ביי אים איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן צו זען באַלעט. ביי פֿאָלין, מן הסתם, נישט דאָס ערשטע מאָל. ער האָט זיך גאָר דאַמאָלסט קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, ווהין ער נעמט דאָס בילעטן. ער האָט געזען אויף די אַפֿישן, אַז דאָס איז אַ נייע זאַך, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט. פֿאָלי, אַז זי האָט דערהערט באַלעט, האָט זי נאָר אַ פֿילדייטיק שמייכעלע געטון, אָבער גאָרנישט געזאָגט. דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן, עטלעכע צענדליק באַלערינעס אין לופֿטיקע קרוזשעוועס*, דורכזיכטיקע קאָפּטלעך און גאַזאָווע אַבאַזשורלעך אָנשטאָט קליידלעך האָבן אויסגעפּילט עטלעכע נומערן. פֿאָלי האָט געשוויגן. אָבער ווען די כאַליאַסטרע באַלערינעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבקיילעך אין דער ברייט פֿון דער סצענע און אָנגעהויבן צו וואַרפֿן מיט די פֿיס אין דער לופֿטן, האָט זיך פֿאָלי אויסגעדרייט צו אים מיט דער זייט און אירע שיינע אויגן האָבן מיט אַ גיפֿטיק חוזקל איראָניש געפֿרעגט: „סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש“ — אַזוי אָפּיציעל רופֿט זי אים נאָר דאַמאָלסט, ווען זי האָט אים צו זאָגן עפּעס גיפֿטיקס — סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש, ווי אַזוי איז אייך גאָר קיין בזיון נישט צוצוקוקן אַזעלכע סצענעס? ווי פּאַסט עס גאָר פֿאַר אייך? כ׳מעג שווערן, אַז מיט עטלעכע שעה צוריק זענט איר צוזאַמען מיט אַלע סאָלאָמינקער יידן געזעסן ביים שלש־סעודות און געכאַפּט שיריים מיט די פֿינגער און איצט זיצט איר און קוקט אויף האַלב־נאַקעטע מיידלעך“...

* אַזאַ מאַטעריאַל מיט לעכעלעך און שפּיצן (טויל).

זי האָט דאַמאָלסט לאַנג נישט אַראָפּגענומען איר שטעכיקן בליק פון זיין בלאַסן פּנים. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און גאָרנישט געענטפערט. און באמת טאַקע, וואָס האָט ער איר געקענט ענטפערן דערויף? זי איז דען נישט גערעכט? גערעכט, ווי משיח! וואָס זיצט ער דאָ מיט איר? וואָס שלעפּט ער זיך איר נאָך אין אַלע מייזנלעכער? עס קען דאָך נישט זיין קיין גרעסערער חוזק פון זיך אַליין!... און זי לאַנגווייליקט זיך אויך מיט אים. אַ שיינע געזעלשאַפט פאַר איר... אָט זיצט ער לעבן איר און שווייגט ווי אַ פיש. וואָס האָט ער איר צו זאָגן? אויפן פּנים איז ביי אים אָנגעשריבן דער טרויער פון גאָר דער וועלט. און פון וואָס האָט ער טאַקע צו זיין פריילעך? פון דער פּיראַמידע, וואָס די טענצערינס בויען איצט אויף די רוקנס פון זייערע קאַוואַליערן?... יאָ, פאַלין איז אויך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. גאָט האָט זי באַגליקט מיט אַ באַגלייטער, שוין איין מאָל אַ באַגלייטער! און עס ווערט אים אויף זיי ביידן אַזאַ רחמנות... זי האָט נישט קיין הנאה פון דער פאָרשטעלונג און פון אים איז דאָך אָפּגעשמועסט. ער קען גאָרנישט צוקוקן די ווילדע תנועות מיט דעם אויסציִען זיך אויף דעם טענצערס האַנט ווי ביי דער מאַמען אין בעט... וויי, וויי, וואָס וואָלט געווען אַ שטייגער, ווען זיין זיידע שלום אָדער הרב פרידמאַן טרעפן אים אָט דאָ זיצן ביי די פאַרשייטע מיידן!

און ווי אויף צו להכעיס טראַכט זיך דערפון, ווי אַצינד איז פריילעך ביי די פּייגנבוימס. אַלע חברים, זיינע ליבהאַרציקע חברים, זיינע אמתע גוטע פריינט זיצן ביי דער טיי, מען רעדט אַ יידיש וואָרט, מען וואַרפט זיך איבער מיט אַ גלייכווערטל, מען כאַפּט אַריין, בגנבה פאַר די עלטערע, אַ שטיף, אַ באַלעווע, מיט איין וואָרט: ס'איז לעבעדיק און פריילעך! און פאַר זיינע אויגן שוועבט אַ ניי בילד: אין דער היים אויף סאָלאָמינקע קער אויך אַצינד זיין נישט אומעטיק. ס'איז אוודאי דאָ דער זיידע מיט די קינדער, מנשה כאָדאָראָוו און מן הסתם פרעמדע מענטשן אויך. שבת צו נאַכטס, געשיקט זיך, אַז עס זאָל קיינער נישט זיין פון די סאָלאָמינקער בעלי־בתים?... מען זיצט ביי דער מלוה־מלכה און אַלע פרעגן זיך נאָך: „וואָס איז דאָס? ווו איז שלמה? שבת־צו־נאַכטס ליגט אים אויך דער קאָפּ ביי די געשעפטן?“... און נאָך אַ ניי בילד: ביי הרב ביאַליק אַצינד... דער פעטער מוזי האָט אים אויך איינגעלאַדן דאָס מאָל. דאָרט זיצט אַצינד דער גאַנצער „פּני“ פון קיעווער יידישע יונגעלייט. דער גאון ביאַליק זאָגט עפּעס „חידושי־תורה“, יעדער שטעלט אַריין עפּעס אַ גלייכן געדאַנק, אַ געהערטע סברא און מען פילט אין דער מסיבה טעם־גן־עדן. און ער, אַנשטאָט זיך געפינען דאָרט ערגעץ, זיצט ער דאָ, אַן עלנטע נשמה לעבן נאָך אַן עלנטער נשמה. יעדער פון זיי קוקט מיט אַנדערע אויגן אויף דער סצענע, האָט אַן אַנדער נעכטן מיט אַן אַנדער מאָרגן. בסך־הכל האָבן זיי אפילו נישט וועגן וואָס צו רעדן... צופעליקע שכנים, גאַנץ צופעליקע...

און ס'פליט אים דורך אַ וויטיקלעכער געדאַנק: אפשר טאַקע באמת איז אומזיסט דאָס מאַטערניש און ס'וועט זיך ביי זיי גאָרנישט באַקומען?

אויב אַזוי, צו וואָס נוצט דאָס מוטשען זי און זיך? דאָס בלוט גיט אים אַ פלייץ אין פנים אַריין און ער גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער.

פאָלי באַמערקט, ווי ער איז דערשיטערט און דערפילט אַ שטאַרקע חרטה. זי רירט אים אָן ביים אַרבל:

— אַנשולדיקט מיר, שלמה, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, ווי אכזריותדיק מיין פראַגע איז געווען, אָבער גלייבט מיר, אַז כ'האָב נישט געוואָלט אייך קיין שמערצן פאַרשאַפן, איר שטייט אַזוי אויך גענוג אויס צוליב מיר. אָבער איר דאַרפט מסכים זיין, אַז מיר איז אויך נישט זייער גרינג מיט אייך. קיין פירושים דאַרף מען נישט, איר פילט דאָס גוט. און צו וואָס פירט דאָס אַלץ? איר זענט דאָך אַ קלוגער און אַ פּראַקטישער מענטש, זאָגט גלייך, אויף וואָס קוקנדיק שטייט איר אויס אַזעלכע ליידן צוליב מיר? האַ?

ער האָט דאַן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און רואיק, נאָר טרוקן, געענטפערט:

— איך „אויף וואָס קוקנדיק" איז נישטאָ וואָס צו פרעגן. איך גיי מיט אייך, ווייל כ'בין נישט אומשטאַנד נישט צו גיין. כ'שטיי אויס, זאָגט איר, ליידן? איך פיל זיי שוין אפילו נישט. איר האָט מיך שוין אַזוי אויסגע־לערנט און איר דאַרפט אייך נישט ערגערן איבער מיר, איר זענט אין גאַר־נישט שולדיק און איך מאָן ביי אייך גאָרנישט. איר זאָלט אפילו יאָ עטוואָס זיין שולדיק, איז אייער דערלויבן מיר זיך געפינען אין אייער געזעלשאַפט אַ גאַנץ גענוגנדיקער לוין. היינט, עפּעס האָף איך נאָך, אַז... אַז סוף־כל־סוף וועט איר זיך נאָך באַזינען און פון אונדזערע באַזונדערע לעבנסוועגן וועט ווערן איין וועג. אין אייערע אויערן קלינגט גאָר אפשר לעכערלעך אַזאַ גע־דאַנק?

זיין קול האָט זיך אָפּגעהאַקט און ער האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויף איר ענטפער. אָבער ער איז נישט געקומען. פאָלי האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיין בלייכן פנים. שלמה האָט אויך נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון איר. ער האָט פון איר פנים גע־לייענט, וואָס אין איר קומט פאָר. זי האָט זיכער געטראַכט ביי זיך:

— גאָט מיינער! וואָס קומט עס פאָר אין מיר? וואָס פיל איך צו שלמהן? גלייכגילטיקייט? ניין! שנאה, פאַראַכטונג? גאָט באַהיט! בשום אופן נישט! וואָס דען? אפשר ליבע? ניין, דאָס אודאי נישט! וואָס דען — רחמנות? דאָס אויך נישט. שלמה איז גאָרנישט אַזאַ נעבעכדיקער, מען זאָל אויף אים דאַרפן רחמנות האָבן. נאָר לעבן מיר זיצט ער אַזוי אומבאַ־האָלפן, אָבער פאַר דער וועלט איז ער אַ מאָלאָדיעץ אין אַלע הינזיכטן. אויב אָבער ער איז יאָ אַ פאַרשטאַנדיקער, פאַר וואָס זשע שלעפּט ער זיך מיר נאָך? און פאַר וואָס שלעפּ איך זיך מיט אים? די פאַרגעניגנס די גרויסע, וואָס איך האָב דערפון? צי אפשר גאָר איז ער מיר אויך טייער? אויב אַזוי, פאַר וואָס זשע בין איך אַזאַ אכזרטע אויף אים? ער זעט דען פון מיר אַ פרייע מינע? אַ פריינדלעכן שמייכל? ער הערט דען פון מיר אַ ליבלעך וואָרט?

די פאַרשטעלונג איז געגאַנגען, די אַקטן האָבן זיך געביטן און אַזוי איז אַוועק דער אויפדערנאַכט. צו יענעם שמועס האָט קיינער פון זיי זיך מער נישט אומגעקערט.

קאפיטל XXXVI

דער רעגן האָט עטוואָס אויפגעהערט. אונטער די פיס האָט זיך געמאַכט אַ גאַנץ פיין בלאָטעלע. די כמארעס זענען נאָך אַלץ געהאַנגען „אויפן קאָפּ". ארום איז שוין געווען שטאָק־פינצטער און פאר שלמהן איז נאָך געלעגן אַ האַלבער וועג. שלמה האָט זיך ביי אַ טראַמוויי־סטאַנציע פארהאַלטן אַ ביסל, מאַמער וועט זיך פארט באַווייזן אַ וואַגאָן. קיינעם האָט ער אָבער נישט געזען וואַרטן. דאָס איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז קיין טראַמוויי וועט אזוי גיך נישט זיין און ער איז ווייטער אַוועק צו פוס. דער מידער מח האָט ווידער נאָכגעלאָזט די לייצעס און די געדאַנקען האָבן זיך אַוועקגעטראָגן אין גאַלאָפּ:

— ... יאָ, און רייזל ליבערמאַן איז אין קיעוו...

איינגענטלעך, ווען ער האָט אַ פרעג געטון, צי רייזל ליבערמאַן איז עפּעס אַ פיין מיידל, איז ער דערמיט נאָר אויסן געווען זיך אַ רייץ טון מיט יוספן: זאָל ער זיך אַ ביסל אויפרעגן! אָבער וועגן רייזלען ווייסט ער זייער פיל. און ווער ווייסט וועגן איר נישט? און ווי איז דען מעגליך וועגן איר נישט צו וויסן? אַז דאָס מיידל האָט אַ שם אויף גאַנץ אוקראַינע...

איר פאָטער איז אַ באַרימטער רב און אַ באַוווסטער רעדנער. צי בשעת ער האָט נאָך געוווינט אין לעבעדין, צי דערנאָך שוין אין פּאָלטאַווע — אומעטום האָט מיט אים גערעכנט די יידישע וועלט. רייזל האָט נישט קיין מוטער. ערשט פאַר אַ יאָרן איז זי געשטאָרבן, דאָ טאַקע, אין קיעוו. צוויי ברידער האָט זי, עלטערע שוין,ביידע זענען אין זייער צייט געווען עלויים אין די ישיבות, געבערענט אַ וועלט מיט זייער בקיאות און חריפות. חוץ דעם זענען זיי געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַלגעמיינער בילדונג און האָבן זיך גערעכנט פאַר געראָטענע יונגעלייט אין אַלע הינזיכטן. איצט האָבן זיי שוין ביידע ווייב און קינדער. דער עלטערער ברודער איז דער יונגער רב אין פּאָלטאַווע, דער פאָטער איז אַן עלטערער מנטש — פאַרבייט ער אים. דער צווייטער ברודער — אַ הויפּט־בוכהאַלטער אין אַ צוקער־טרעסט אין מאָסקווע. אָבער נישט קוקנדיק אויף זיין הויכן פּאָסטן איז ער אָפּגעהיט אין אַ נדנוד קל שמדרבנן*. ער פירט אוים ביי זיין דירעקציע נישט נאָר שבתים און ימים־טובים, נאָר אפילו חול־המועד ארבעט ער נישט. און מען האַלט זיך מיט אים, ווייל נאָך אַזאַ אויסגעצייכנטן בוכהאַלטער ווי ליבערמאַן פאַרמאָגט נישט די וועלט: דעם גאַנצן טרעסט טראָגט ער אויפן קאָפּ. נאָר לויט ווי די וועלט דערציילט, שטייגט רייזל, זייער יינגער שוועסטערל, אריבער די ברידער אירע אַן אַ שיעור און אָן אַן ערך.

רייזל ליבערמאַן, אָדער ווי מען רופט זי אין נאָענטע קרייזן, רייזעלע פּאָלטאַווער, איז קודם־כל שיין ווי די וועלט און פאַרמאָגט אמתן יידישן חן.

---

* אַ מינדסט מצוהלע פון די חכמי־הגמרא.

אויפגעצויגן אין ווילטאָג און דערצו אַ בת־יחידה, די מיזינקע ביי די על־טערן, איז זי זייער שטאָלץ ביי זיך און, דעם אמת זאָגנדיק, מעג רייזל שטאָלצירן, זי האָט מיט וואָס. רייזל לערנט פריי אַ בלאַט גמרא מיט מפרשים. זייענדיק ביים פאָטער אַן איין און איינציק קינד אין שטוב, ווייל ווען די ברידער האָבן חתונה געהאַט, איז זי נאָך גאָר אַ פּיצל געווען, האָט דער פאָטער זי געלערנט גלייך ווי אַ יינגל. רייזעלע האָט אַרויסגעוויזן זעלטענע פעאיקייטן און אַ שטאַרקע התמדה. דער פאָטער פלעגט צייטנווייז פאַרגעסן, אַז פאַר אים זיצט אַ מיידל, און האָט געלערנט מיט איר, ווי זאָגט מען דאָס, „אין דער לענג און אין דער ברייט"... רייזל איז בקי אין „כוזרי", אין „מורה־נבוכים" און אין „עיקרים", און וואָס ס'איז וואונדערלעכער פון אַלץ: זי קען אויך אויסנווייניק דעם „חובות הלבבות". חוץ אַלעמען האָט זי געענ־דיקט אַ פינאַנסיעל־עקאָנאָמישן אינסטיטוט, באַקומענדיק די לעקציעס צו־געשיקט מיט דער פּאָסט. הערצו איז זי פרום ביז גאָר, אַן אמתע „בת הרב". אַ לעגענדע, נישט קיין מיידל, אַ שיין מעשהלע!

די אַלע ידיעות זענען צו שלמהן דערגאַנגען פון זיין חבר משה פריד־מאַן. געוויינלעך איז ער אַ קאַרגער אויף אַ וואָרט, נאָר ווי דער שמועס פלעגט אָנרירן די ליבערמאַנס, האָט ער געקענט אָוועקרעדן אַ שעה צייט. און וועער האָט זיי נאָך געקענט בעסער פון אים? ווויינענדיק אַ מאָל אין לעבעדין האָבן זיך די פרידמאַנס מיט די ליבערמאַנס ענג צונויפגעלעבט, ממש נפש אחת. אויף משהן האָט רייזל געקוקט ווי אויף אַן עלטערן ברודער, געווען מיט אים אויף „דו" און זיך פאַרטרויט פאַר אים אין אַלץ. שפּעטער, ווען מען האָט אַרויסגענומען ליבערמאַנען פאַר רב קיין פּאָלטאַווע, פלעגן זיי אָפט פאָרן צו גאַסט איינער צום אַנדערן. דער יונגער ליבערמאַן — קיין לעבעדין, און משה פרידמאַן קיין פּאָלטאַווע.

איין מאָל, אין אַן אָפּנהאַרציקן שמועס מיט פרידמאַנען, פרעגט ער, שלמה, ביי אים:

— זאָג נאָר, משה, דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ הויכע מיינונג מענטשן האָבן דאָ וועגן דיר. פון דער גאַנצער חברה אונדזערער רעכנט מען דיך פאַרן סאַמע גראָטנסטן יונגנמאַן, דער מושלם בכל המעלות. און צייט חתונה האָבן איז דיר שוין אויך, שוין לאַנג צייט! הייינט, אַז דו אַליין דער־ציילסט, אַז די דאָזיקע רייזל איז אַזאַ אויסנאַם, אַלץ אין איינעם: תורה און חכמה, שיינקייט און יחוס — פאַר וואָס זשע זאָלסטו אַליין נישט אַ קלער טון וועגן איר? וואָס קען שוין, דאַכט זיך, זיין פיינער? נאָך אַזאַ רייזל ליבערמאַן וועסטו נישט געפינען...

משה פרידמאַן האָט מעלאַנכאָליש אַ שמייכל געטון:

— דו מיינסט, אַז עס איז נאָר אין מיר געווענדט, שוטה דו?

— אַזוי גאָר? און איך בין געווען זיכער, אַז דו דאַרפסט נאָר אַ ווונק טון, איז שוין: הרי זו מקודשת... וואָרעם אויב דיך נישט, וועמען דען קען זי שוין נעמען?

— אַזוי ביסטו געווען זיכער... מילא, וואָס זשע קען איך דיר העלפן?

ניין, ברודערקע, ס'איז נישט אזוי די מעשה. אונדזערע משפחות זענען שוין באפריינדעט פון לאנג. איך מיט רייזלען האבן זיך תמיד גוט פאר־האלטן, אבער די פראגע מכח א שידוך איז קיין מאל נישט געקומען אין באטראכט. ערשטנס, בין איך טאקע עלטער פון איר אויף גאנצע עלף יאר. זי איז ערשט אלט א יאר צוואנציק בערך, מער — אודאי נישט. צווייטנס, ווי אזוי זאל איך עס דיר אויסמאלן? ביי יעדן שידוך דערוואַרט שטענדיק איינער פונעם צווייטן עפעס אומבאקאנטס, נישט דערפארנס. ביידע צדדים קוקן ארויס אויף עפעס נייעס, דערפינדערישקייט אין די באציאונגען צווישן זיך, אויף עפעס א רבותא. אנדערש האט דער גאנצער שידוך קיין טעם נישט. און איך מיט רייזלען קענען זיך אזוי גרונטלעך, אזוי אויסשעפנדיק, אז עס האט קיין שום זינען נישט מיר זאלן זיך נעמען, אט פונקט ווי עס זאלן זיך נעמען א ברודער מיט א שוועסטער. נאר דאס אליין, פארשטייט זיך, איז פילאזאפיע. דער עיקר איז דאס, וואס עס איז נאך, דאכט זיך, נישט געבוירן געווארן דער גליקלעכער, צוליב וועלכן רייזל זאל מסכים זיין זיך צו געזעגענען מיטן נאמען ליבערמאן. דו האסט גאר קיין השגה נישט אין איר שטאלץ, אין איר אמביציע! דאס איז אן אדלער, א קייזערין. אזוי דוקא מיט מענטשן איז זי זייער העפלעך, זייער דעליקאט, נאר דער, וואס זי ווייסט, אז ער קוקט אויף איר מיט „אויגן", איז אים נישטא וואס מקנא צו זיין. אויף אזעלכן קוקט זי פון אויבן אראפ און אז נישט, באמערקט זי אים בכלל נישט. אט אזא מענטש איז זי. און דו גיסט אזוי גלאטיק א פרעג: פאר וואס נעמסטו זי נישט? כא־כא־כא! פאר וואס נעמסטו זי נישט? אדרבה, אנו, וויז א קונץ, פרווו, נעם...

— דו קענסט זיין זיכער, אז איך וועל נישט פרווון.

— הלמאי זאל איך זאגן, אודאי בין איך זיכער, נאר מער אין איר ווי אין דיר.

ער, שלמה, האט זיך אפילו דאמאלסט נישט באליידיקט אויף פריד־מאנען. אין אמתן געדעט איז ער דאך גערעכט. צו וואס דארף זי אים, אזא רייזל? וואס איז מיט אים דער יחוס מער ווי מיט די איבעריקע, וואס האבן געזוכט ביי איר נושא־חן צו זיין און זי האט אפילו נישט געוואלט קוקן אויף זיי? ווידער צוריק געשמועסט, דארף ער זי ברוך־השם אויך נישט האבן. נישט צו פארזינדיקן, האט אים זיין ליבער נאמען געבענטשט מיט אן אייגענעם „לונגען־פעלער", ער איז נישט זשעדנע קיין צרות ביי פאלין אויך, די רייזעלע מעג איבערגיין אויף אנדערע הענט. נאר ווי די זאך איז, קוים איז זי שוין אין קיעוו און נאך ביי די פייגנבוימס דערצו, דארף מען זיך מיט איר באקענען. עס איז חוץ אלעמען אינטערעסאנט א קוק צו טון, צי איז זי טאקע אזא קייזערין, ווי משה פרידמאן מאלט זי אפ.

*

אויף צו מארגנס האט שלמה געקויפט בילעטן אין טעאטער אויף שבת צו נאכטס. כדי ער זאל זיי נישט דארפן טראגן מיט זיך אום שבת, פלעגט

ער זיך שטענדיק נוהג זיין זיי איבערצולאָזן ביי יאַנין אין שטוב. ער פלעגט זיי אָפּגעבן אסתרן צוזאַמען מיט אַ היפּשער מטבע אויף נאַשערייען, און אסתר — פּאָלין.

אַז ער טראָגט נישט אום שבת, איז שוין פּאַר קיינעם נישט געווען קיין נייעס.

דאָס מאָל, ווען ער איז אַריינגעקומען צו די טולטשינסקיס, האָט ער זיך אַ פאַרהידושטער אומגעקוקט: אין שטוב איז געווען נאָר יאַני אַליין. יאַני האָט זיך אַ וואָרף געטון אים אַנטקעגן:

— אַ גאַסט, אַ גאַסט! קום אַריין שלמה, זיץ, זעץ דיך!

— מען קען אויף אַן אמת מיינען אַ גאַסט. ווי לאַנג בין איך ערשט געווען ביי אייך?

— ס'איז קיין שום נפקא מינה נישט. וויפל מאָל דו זאָלסט נישט קומען, ביסטו אַלע מאָל אַן אָנגעלייגטער גאַסט. וואָס הערט מען עפּעס גוטס?

— קיין באַזונדערע נייעס איז נישטאָ. עולם כמנהגו נוהג. פאַר וואָס עפּעס זענט איר אין מיטן טאָג אין דער היים? עס איז עפּעס געשען אויף דער אַרבעט?

— ניין, גאָרנישט אַזעלכעס. פּשוט, כ'האָב געהאַט פון דער קאָנטאָר אַ שליחות, וואָס כ'קען עס אויספירן מיט אַ קינד, בין איך אַריינגעגאַנגען אין שטוב, צוגעשיקט סאָנקען און אַליין געבליבן וואַרטן אויף איר.

און נאָך אַ מינוט שווייגן האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שולדיקן שמייכל:

— די פיס דינען שוין נישט, נישטאָ די כוחות וואָס אַ מאָל... איבער־געלאָזט זיי אין שאַכטע...

— און ווו זענען די איבעריקע בני־בית?

— ווער זענען דאָס די איבעריקע? ס'איז דאָך נאָך פרי. מען אַרבעט, מען לערנט. אסתר איז צוגעלאָפן אין מאַרק אַריין, עטלעכע זאַכן פעלן נאָך אוים אויף שבת.

אין צימער איז געבליבן הענגען אַן אומאָנגענעמע שטילקייט. די פראַגן ביי שלמהן האָבן זיך אויסגעלאָזט. ער איז געשטאַנען ביים טיש, האָט אומ־רואיק געפּויקט מיט די פינגער אין טיש, איינגעגראָבן די אויגן אין פּאָדלאָגע און שווער געשוויגן. יאַני איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין קאַמין, געביסן זיך פאַר ווייטיק די ליפּן און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון שלמהן.

פון די צוויי משפחות: פּיאַטיגאָרסקיס און טולטשינסקיס, האָבן באמת זיך ליב געהאַט נאָר אָט די צוויי נפשות. שלמה האָט יאַנין ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם פאָטער און יאַני שלמהן מער פון אַן אייגן קינד. ער האָט אים ממש פאַרגעטערט. זיין צערטלעך האַרץ האָט נישט געקענט פאַרטראָגן שלמהס בלוט־צאַפּעניש. עס האָט אים שרעקלעך געקרענקט צוקוקנדיק, ווי ביי די קינדער איז נאָך אַלץ גאָרנישט. ער האָט געפילט, ווי שטערבלעך ליב שלמה האָט פּאָלין, וויפל ער האָט אויסצושטיין צוליב איר פון די זייניקע און פון איר אַליין. ער האָט גוט געזען, ווי פרעמד זיי זענען צווישן זיך, ווי

יעדער פון זיי קוועלט זיך אין דעם צווייטנס געזעלשאפט, נישט קוקנדיק דערויף, וואס מען גייט אזוי אפט צוזאמען.

צייטנווייז פליט אים דורך א געדאנק, פון וועלכן עס גייט אים דורך א קעלט איבערן לייב. א מענטש, טראכט ער, איז נישט פון אייזן. שלמהן וועט סוף־כל־סוף נמאס ווערן די שפיל און ער וועט א שפיי טון אויף אלץ מיט אן אנדער, און דאמאלסט איז א סוף צו זיינע גאלדענע חלומות פון האבן א תלמיד־חכם פאר אן איידעם. א מענטש מיט אזא דימענטענעם כאראקטער, אזא געטרייע נשמה, ווי שלמה איז, קען זיך שוין פאלין נאר חלומען. דאס הארץ צעגייט אין אים פאר ווייטיק, זעענדיק ווי זיין קינד איז מקבר איר גליק מיט אירע אייגענע הענט. די גאנצע האפענונג איז נאר אויף שלמהס סבלנות, טאמער פארט וועט ער אויסהאלטן, ביז זיין טעכטערל וועט זיך באזינען, ביז זי וועט דערזען דעם ריכטיקן וועג. אז פאלי וועט זיך ווען עס איז באזינען, דאס איז ביי אים אפילו נישט ארייגגעגאנגען בגדר הספק און יאני פלעגט אפט אין הארצן תפלה טון:

— טאטע אין הימל! קער אוים צו שלמהן פאלים הארץ מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט. זאל מיין שטוב נישט פאריתומט ווערן. אויב נישט שלמה — צו וואס טויג מיר לעבן אויף דער וועלט?...

יאנים פארגליווערטער קוק איז צוגעשמידט צו שלמהס פינגער. זיי טאנצן איבערן טיש, ווי דארט וואלטן געוועזן קלאווישן. יאנין דאכט זיך, אז זיי קלאפן אוים א באקאנט נגונדל, ער קען זיך נאר נישט דערמאנען, וווּ ער האט דאס געהערט. שלמהס אויגן האבן זיך אין גאנצן באהאלטן אונטער זיינע געדיכטע ברעמען. די ליפן זענען פעסט פארשלאסן. ער קען זיך גאר קיין עצה נישט געבן וואס צו טון. עס איז אים עפעס פריקרע איבערצוגעבן מיט יאנין די בילעטן. עס איז אים א ווייסטער בזיון, אז אזא גוטער פריינט ווי יאני זאל זען, ווי ער איז זיך מכניע פאר א מיידל, קריכט פון דער הויט, באזארגט בילעטן, ווארט אפ אויף איר שעהן און ערשט נאך אלעמען קוקט זי אויף אים ווי אויף א גאסן־הינטל... בכלל איז שוין א שטיק צייט, ווי שלמה מיידט אוים א באגעגעניש מיט יאנין אויג אויף אויג. אין זיין קעגנ־ווארט איז אים אומדערטרעגלעך צו דערמאנען פאלים נאמען. אין יאנים אויגן לייענט ער א שטילן פארוואורף. זיי זאגן אים בנעימותדיק־בייסיק:

— כ'האב צו דיר גארנישט, חס־ושלום! נאר גלאט, ווי איז דאס ביי היינטיקע יארן א יונג בחור אזא ווייסטער שלים־מזל? שוין וויפל צייט, אז דו גייסט מיט איר, שפאצירסט און רעדסט און באזוכסט מיט איר צוזאמען ווו ערגעץ אן אויסרייסעניש און קענסט אלץ נישט פארטיק ווערן מיט א פראסט מיידל, וואס האט דווקא קיין מהר"ם־שיף נישט געלערנט און קיין פרי־מגדים אויך נישט...

שלמהן דערלאנגען אזעלכע רייד ביז דער זיבעטער ריפ און טאקע מהאי־טעמא זעט ער מיט אלע כוחות אויסצומיידן א שמועס מיט יאנין. אבער וואס טוט מען איצט? עס איז ערב שבת פאר נאכט, ביז סאלאמינקע איז אזוי ווייט, ווי אזוי גיט מען איבער די בילעטן?

יאַני איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע. אים האָט זיך אַזוי געוואָלט אַרומנעמען שלמהן, צודריקן אים צו זיין אַנגעוויי־טיקטער ברוסט, פאַרטרייבן אַ ביסל זיין מרה־שחורה, דערמוטיקן אים, טרייסטן, אויסרעדן דאָס האַרץ און טאַקע פאַר איין וועגס פרעגן ביי אים: „קינד מייגס, ווו האַלט עס ביי אייך? ווען הערן מיר שוין קלאָרע דבורים? ווען זעען מיר שוין עפּעס נחת?" די אַלע פראַגן זענען אָבער געבליבן אויף דער צונג. ער האָט נישט געוואַגט אויפצורודערן שלמהס וווּנד. ער האָט געפילט, אַז עס וואָלט געווען פון אים אַן אַכזריות צו רעדן מיט אים וועגן פאַלין און ער האָט דאָס נישט געטון. צווישן אים מיט זיין ליבלינג איז אויסגע־וואַקסן אַ טיפער אָפּגרונט, וועלכער האָט זיי געשטערט זיך דערנענטערן איינעם צום אַנדערן.

אַ היפּשע צייט זענען זיי ביידע געשטאַנען ווי אין אַ הינערפלעט, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. ענדלעך האָט זיך שלמה אָנגערופן:

— נו, איך וועל גיין.

— וואָס איז דאָס איילעניש? מיר האָבן דאָך נאָך אפילו נישט אויסגע־רעדט קיין צוויי ווערטער...

— ווייס איך, אַ נייטיקע זאַך. רעדן האָט דען אַ שיעור? דערצו איז נאָך ערב־שבת... טאָמער קומט מיר נאָך אויס לאַנג צו וואַרטן אויף אַ טראַמוויי... איר ווייסט נישט, פאַר ליכט בענטשן לייגט זיך דער שטן אין דער לענג און אין דער ברייט, אַבי ברענגען אַ יידן צו חלול שבת.

שלמה האָט נישט כאַפּנדיק פאַרשפּיליעט איין קנעפּל נאָכן אַנדערן, גענומען דעם פאָרטפעל און אויפגעהויבן די אויגן אויף יאַנין. יאַני האָט אַזש אויפגעציטערט: אַ ים פון צער האָט אַרויסגעקוקט פון שלמהס אויגן. אַ שוידער איז אים דורכגעגאַנגען איבערן לייב: אָ, זיין משומדת קער זיך אין דעם מענטשן גוט נוקם זיין. עס זאָל איר נאָר נישט גערעכנט ווערן...

— שלמה, אָבער דו האָסט דאָך אפילו נישט געזאָגט, נאָך וואָס דו ביסט אַריינגעקומען?

— ע, ס'איז אַ קלייניקייט, פּוסטע מעשות...

— אָבער שוין זשע טאָר איך נישט וויסן? אַ סוד?

— פאַר וואָס אַ סוד? שטותים! כ'האָב געוואָלט איבערגעבן אָט דאָס אַ... וועט איר שוין זיין אַזוי פיל גוט... אַ גוטן שבת!...

— אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר, גיי געזונט!

נישט שלמה האָט געזאָגט ווען איבערצוגעבן, נישט יאַני האָט איבערגעפרעגט. מען האָט זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער. יאַני האָט זיך צוגעהערט, ווי שלמה איז האַסטיק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ. די פּאַ־ראַדנע טיר האָט אַ טעמפּן קלאַפּ געטון און עס איז שטיל געוואָרן.

— אַנטלאָפן, ווי פון אַ שׂרפה — האָט יאַני אַ טראַכט געטון און ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, מיט צוויי פינגער אָנגענומען דאָס גרינע פּעקעלע, וואָס שלמה האָט איבערגע־לאָזט. ווי עפּעס אַ היילקטום האָט ער עס צעוויקלט. עס זענען אַרויסגע־

פאַלן צוויי רויטע פּאַפּירלעך. יאַניס ליפּן האָבן זיך מעכאַניש באַוועגט: „טעאַטער אויפן נאָמען פון פראַנקאָ, זיבעטע ריי, פינפטער אָרט“. אים האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז דאָס האַלט ער אין דער האַנט אַ בעל־חי. עס לעבט נאָך. עס צאַפּלט צווישן זיינע פינגער. אָבער דאָך איז דאָס נאָר אַ נפלע, אָן נוץ איז דאָס געקומען אויף דער וועלט און אָן פרייד גייט עס אַוועק. אומזיסטיקע טרחה.

עס גיט אים אַ ברי די פינגער, ער שאָקלט אָפּ פון זיי אַ טרער, ווישט אָפּ פון די אויגן אַ פריש־אָנגעלאָפענע און מיט אַ קרעכץ רוקט ער אַרונטער די בילעטן אונטערן טישטעך.

קאפיטל XXXVII

עס איז נאך קיין איינס א זייגער נישט געווען, ווען מען האט זיך שבת ביי טאג אויפגעהויבן פונעם טיש ביי אפרים־אהרון פיאטיגארסקי. שלמה האט אפילו באלד געקענט גיין אויף קאראוואיעווסקע צו די פייגנבוימס, נאר פון די ערשטע האט ער נישט געוואלט זיין, מען זאל אים נישט חושד זיין אין צו פיל אינטערעס צום גאסט. און ווידער, קומען צו שפעט האט ער אויך נישט געוואלט, אלע וועלן עס אננעמען פאר א דעמאנסטראטיוון זשעסט: „אר־וואַ! עס פארנעמט ביי מיר א שיין ארט, א גאסט, א מיידל“... ער האט זיך ארומגעדרייט איבער דער שטוב הין און הער און זיך צו גאר־נישט נישט געקענט נעמען. ער וואלט, פארשטייט זיך, געקענט אריינגיין א ביסל צו די כאדאראָווס, טויג דאס אבער אויך נישט: זיי גייען באלד אודאי צו די פייגנבוימס, וואס פאר א תירוץ וועט ער זיי זאגן, פאר וואס ער גייט נישט צוזאמען מיט זיי?... נאך א קליינעם שקלאדוטריא האט ער אריינגעשיקט זיין יונהלען צו מנשהן זאגן, אז מען רופט אים צו זיי אין שטוב אריין. ווען מנשה האט פון דער שוועל דערזען, אז חוץ שלמהן איז אין שטוב קיינער נישטא, האט ער שוין געוואלט אויסקערעווען דעם דישעל: ער איז שלעפעריק, שפאצירן אצינד איז היים, ער וועט גיין זאגן פרק. די אויסריידן האבן אים אבער נישט געהאלפן און זיי זענען ביידע אוועק אין באטאנישן גארטן.

די זון איז געהאנגען אויפן זעניט. די היץ איז שווער געלעגן אויף דעם ביימער־קעניגרייך. עס איז געווען אן אלייע אין קיעווער באטאנישן גארטן ספעציעל פון אזעלכע ביימער, וואס האלטן די בלעטער אויף זיך א קיילעכדיק יאר. אהינצו טאקע האבן זיך דאס די סאלאמינקער געסט פארקליבן, דארטן איז געווען שאטנדיק, קיל־מחיה און שא־שטיל. דער שטאט־הארמידער האט אהין נישט דערגרייכט, סיידן אין די שטילע אוונטן. דאן פלעגט זיך דערטראגן דאס טראמוויי־גלעקעלע ווי א ווייטער עכא. מנשה האט זיך אויסגעצויגן אויף א ברייטער באנק, שלמה האט זיך אוועקגעזעצט צופוסנס, און ס'האט זיך אוועקגעצויגן ביי זיי איינער פון יענע כמעלניקער אומענדלעכע שמועסן, וואס האבן נישט קיין אנהייב און נישט קיין סוף.

פון די אראנזשערייען האט געטראגן מיט פארשיכורנדיקע אראמאטן. די ביימער, די קוסטעס האבן געאטעמט מיט צעפארעטע ריחות און מיט צעבליאונג. דער צוויטשער פון די אומגעזעענע פויגעלעך, די פולשטענדיקע שטילקייט, די לייכטע פרילינגס־גאזן האבן געשלעפערט און איינגעוויגט. אומבאמערקט האט זיך דער שמועס איבערגעריסן. מען האט זיך איינגעהערט אין דער געטלעכער שטילקייט. און מיט א מאל האט מנשה א שנארך געטון. אלץ אפטער און טיפער האט זיך געהערט אין אלייע זיין כראפען. דאס האט אויך מיטגעהאלפן און שלמה האט אנגעהויבן „פארלירן די נאז“. נאר אין זיין האלב־שלאפנדיקן מח האט זיך דורכגעטראגן א געדאנק:

— האַלב דריי מוז איך זיין ביי די פייגנבוימס. אומבאַדינגט מוז איך זיין. גאָרדאָן האָט גענדראָט מיט אַ קולאַק, איך טאָר נישט איינשלאָפן...

אינסטינקטיוו האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויסגעריבן די אויגן. דער־זען פון ווייטנס אַ פאַנטאָן, איז ער צוגעגאַנגען, אויסגעטון זיך ביז האַלב און זיך האַסטיק אָרומגעוואַשן מיט דעם אייז־קאַלטן וואַסער. דער שלאָף איז געווען פאַרטריבן, ער האָט זיך דערפילט מונטער און פריש. שלמה האָט נאָר באַוויזן עטלעכע מאָל זיך דורכצוגיין אין דער אַלייע הין און צוריק, ווי די קוראַנטן * אויף דעם קרייזגעריכט האָבן אויסגעקלונגען אַ פערטל אויף דריי. מנשה איז געשמאַק געשלאָפן. אויפוועקן אים איז שלמהן אַ שאָד געווען.

— עס שאַדט נישט, זאָל ער שלאָפן, קיינער וועט אים נישט אוועק־גנבענען. אין די טאַשן האָט ער אויך גאָרנישט, ס'איז שבת.

און שלמה האָט זיך אויף די שפּיץ פינגער אַרויסגעשלייכט פון דער אַלייע.

נאָך אין פאַראַדנע, פון הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר, האָט שלמה שוין דערהערט, ווי עס רוישט זיך ביי די פייגנבוימס. פון די אינעווייניקסטע צימערן האָט זיך דערטראָגן אַן אומדייטלעכער הו־האַ, אַ מיש־מאַש פון יינגלשע און מיידלשע קולות, שטיקלעך געזאַנג, קלינגענדיקער געלעכטער. ער האָט אָנגעקלאַפּט, קיינער איז נישט געגאַנגען עפענען. אַ פּנים, מחמת דעם רעש האָט מען נישט געהערט. ער האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אָנ־געקלאַפּט. ענדלעך האָט ער דערהערט פּרויענטריט זיך דערנעענטערן. דאָס איז געווען טאַני, די מיזינקע ביי די פייגנבוימס. דערזעענדיק שלמהן האָט זי, נישט ענטפערנדיק אויף זיין „גוט־שבת", זיך אויסגעדרייט, אַריין אין דעם גרויסן זאַל מיט אַ געשריי:

— שאַ, שאַ, אָבער זאָל זיין שטיל אויף איין מינוט!...

שלמה האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. טאַני האָט גראַציעז אויס־געצויגן די האַנט אין זיין זייט:

— ברוך־הבא, דער שיינער ייד איז געקומען! זיך שוין גוט אויסגע־שלאָפן?

שלמהן האָט אַ קיצל געטון טאַניס חוזקדיקער טאָן. ער האָט געמאַכט אַ תמעוואַטע פּנים און ערנסט געענטפערט:

— דווקא נישט געטראָפן, טאַניטשקע, איך וויל ערשט שלאָפן...

— איר הערט כאָטש, חברה? קיין בייז אויג!... איז וואָס זשע זענט איר גאָר געקומען אַהער, ליבעס קינד? אפשר אָפּפירן אייך אין שלאָף־צימער?

— נאָך וואָס דאַרפט איר זיך מטריח זיין, טאַני־קרוין, אַזוי פיל גוּר־טע יאָר אויף אונדז ביידן, וויפל מאָל חברים כאַפּן דאָ ביים טיש אַ נע־שמאַקערן דרימל איידער אין בעט אונטער דער קאָלדרע...

---

* אַ שטאָטזייגער.

אַלע אין צימער, וואָס האָבן זיך נייגעריק צוגעהערט צו דעם לייכטן פלירט, האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. טאַני האָט זיך געפילט גע־טראָפן... זי איז אָבער גענוג קלוג געווען און האָט זיך נישט באַליידיקט. דראָענדיק שלמהן מיט איר קליין קולאַקל האָט זי ביי אים צוגענומען דעם פּאַלטאָ און אים ערגעץ אָפּגעטראָגן אויפצוהענגען. אומקערנדיק זיך פרעגט זי ביי אים:

— מיט אַ גאַסט ווילט איר זיך באַקענען?

די אַרומיקע האָבן אויפגעהויבן די אויגן אויף אים. שלמה האָט אַר־טיסטיש צענומען די הענט און הכנעהדיק אַרויסגעשמייכלט:

— אויב ס'איז שוין אַזוי איינגעפירט...

ביי טאַנין האָט נערוועז אַ ציטער געטון אַ ברעם. זי האָט אויף אים אַ וואָרף געטון אַ טיגערישן בליק, אָנגענומען פאַר אַ האַנט און צוגעפירט צום מיידלשן האַלבן טיש:

— ביטע: שלמה פּיאַטיגאָרסקי — רייזל ליבערמאַן, זייט באַקאַנט!

אַליין נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, נאָך וואָס זי טוט דאָס, האָט זיך רייזל אויפגעהויבן פונעם בענקל און אויסגעצויגן אַ קליין געצערטלט הענטל. שלמה האָט דאָס הענטל אַריינגענומען אין זיין ברייטער דלאָניע און אויף אַ האַלבער מינוט האָבן זיך זייערע אויגן באַגעגנט. דאָס איז געווען אַ שטילער דועל צווישן צוויי שטאַרקע נאַטורן, וועלכע האָבן נאָך פון פריער באַשלאָסן ביי זיך, פונעם ערשטן שריט אָן, נישט באַאיינפלוסט צו ווערן איינער פונעם צווייטן. שלמהס שאַרפע ראיה האָט מאָמענטאַל פאַרפיקסירט אין זכרון איר אויסזען: אַ שלאַנקע פיגור, אַ שמאָלע טאַ־ליע, מיט געשמאַק געקליידעט, שוואַרצע געשלענגלטע לאָקן, אַ ליכטיק ענערגיש פּנים און דער עיקר: אויגן!... אוצרות, נישט קיין אויגן. עקשנות געמישט מיט העכסטער מילדקייט. ערנסטקייט געמישט מיט לעבנס־לוסטי־קייט. אַ פריינדלעך פייערל קוקט נייגעריק אַרויס פון די צוויי אויגן און גלעט ביי דער נשמה, זאָגט צו אַזוי פיל געטריישאַפט, אַזוי פיל פרויאי־שע צערטלעכקייט, אַז דאָס האַרץ צעגייט פאַר זיסקייט.

נישט מער ווי אַ רגע כמימרא האָט געדויערט זייער עפנטלעכער אויגן־פאַרמעסט און שלמה האָט זיך דער ערשטער צוריק געפונען. ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט:

— זייער אָנגענעם צו זיין באַקאַנט.

רייזל האָט נישט ענטפערנדיק אויף זיינע רייד פאַרוואונדערט גע־פרעגט:

— זענט איר דאָס שלמה פּיאַטיגאָרסקי?

שלמה האָט שולדיק אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן האַרצן און מיט אַ רייצנדיקן שמייכל געענטפערט:

— ליידער קען איך דערצו גאָרנישט העלפן, אַזוי איז דאָס...

רייזל האָט אַ מלא־חנעוודיקן שמייכל געטון:

— ס'איז גאָרנישט אַזאַ אומגליק, אַז עס זאָל נייטיק זיין צו העלפן.

איך האָב וועגן אייך פיל מאָל געהערט. מיר האָבן דערציילט וועגן אייך אַזש צוויי מענטשן.

— איך פאַרזיכער אייך, חברטע ליבערמאַן, אַז דאָס זענען שלעכטע מענטשן.

רייזל דערשטוינט :

— פאַר וואָס מיינט איר אַזוי ?

שלמה, מיט אַ נעבעכדיקן ערנסט :

— ווייל דערציילן גוטס אויף מיר, איז נישטאָ עפּעס אַזוי וואָס. אלא וואָס דען, שלעכטס איז דאָך דאָס אַ דבר ידוע, אַז איש רע — מבשר רע...

איבערן צימער האָט זיך צעשאָטן אַ זילבערן גלעקעלע, דאָס האָט זיך רייזל צעלאַכט :

— פאַר אַ וויץ איז דאָס אפילו גאַנץ געלונגען, אָבער איר זענט דאָס מאָל נישט גערעכט, די צוויי מענטשן זענען דוקא העכסט פיינע לייט.

— אַזוי גאָר ? טאַקע חוץ מדרך הטבע ! אפשר מעג איך וויסן די נע־מען פון די צוויי מליצי־יושר מיינע ?

— אַנטשולדיקט, נאָר מיר זענען נאָך נישט אַזוי פיל היימיש, איך זאָל אייך שוין גיין דערציילן מיינע סודות.

— אָך, אויב עס האַנדלט זיך אין אַ הייליקן סוד, בין איך נישט ניי־געריק, אַנטשולדיקט...

שלמה האָט זיך העפלעך פאַרנייגט, אַרומגעגאַנגען אַרום דעם טיש און פאַרנומען פּלאַץ צווישן זיינע חברים. ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שלמה באַמערקט, אַז זיין אָרט קומט אויס אַקוראַט קעגן רייזלען, נאָר פון דער צווייטער זייט טיש. באַמערקנדיק עס האָט ער אינסטינקטיוו דער־פילט, אַז רייזל האָט דאָס אויך באַמערקט. זייערע אויגן האָבן זיך געטראָפן אויף איין אויגנבליק און זיך צעבלאַנדזשעט אין פאַרשידענע זייטן.

יוסף גאָרדאָן איז געזעסן דער דריטער פון שלמהן אויף רעכטס. די גאַנצע צייט פון שלמהס באַקענען זיך האָט אויף זיינע ליפּן געשוועבט אַ שעלמיש שמייכעלע, דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעבויגן, אַ צי געטון שלמהן פאַר אַ פּאָלע און מיט אַ פּילדרייטיקער מינע אַ פרעג געטון ווינ־קענדיק „אויף יענער זייט“ :

— נ־נ־נו ?

שלמה האָט אים געשענקט איינעם פון יענע „קוקעלעך“, פון וועלכע עס הייבן אָן ציטערן הענט און פיס, און יוסף האָט זיך אָפּגעוואָרפן צוריק. מיט אַ ווינקל אויג האָט שלמה באַמערקט, אַז רייזל שפּירט זיי נאָך די גאַנצע צייט. זי האָט פאַרשטאַנען יוספס פראַגע און געזען שלמהס ענט־פער. אַז יוסף האָט זיך אויף צוריק אָוועקגעזעצט, האָט זי אויף אים אַ קריץ געטון מיט די ציין און געדראָט מיטן פינגער ביי דער נאָז. שלמה האָט מיט אינטערעס צוגעקוקט, ווי דאָס מיידל בייזערט זיך. דאָס האָט זי נאָך מער צערייצט, די פאַרב אויז איר אַריין אין פנים און די אויגן האָבן

געזוכט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. שלמה האָט באַמערקט, ווי זי ערגערט זיך, און ס'האָט אים אָנגענומען ביים האַרצן. אומגעריכט האָט ער איר געשאָנקען אַ זיסן שמייכל, זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

ביים טיש האָט קיינער די סצענע נישט באַמערקט, אפילו נישט גאַרדאָן, כאָטש ער איז געווען דער גאַנצער שולדיקער. דערפאַר אָבער האָבן די צוויי יונגע מענטשן דערפילט איינער צום צווייטן אַן אינטימע פריינדשאַפט. זיי האָבן דערשמעקט איינער אינעם אַנדערן אַן אינטערעסאַנטן חבר, אַ פּאַסיקן קאָלעגע, אין אַלע הינזיכטן אַ גלייכן צו זיך.

קאפיטל XXXVIII

אין זאל דערווייל האט זיך די טיר נישט צוגעמאכט. אלע ווילע זענען צוגעקומען פרישע געסט. ביי די פייגנבוימס איז געווען איינגעפירט, אז יעדער שבת האט חברה אויסגעקליבן עפעס אן ענין אויף ארומצוריידן און אנגעמערקט א חבר, וואס זאל אויף דער טעמע זאגן א דרשה אין דעם קומענדיקן שבת. דער זעלבער אויסדערוויילטער איז אין זיין שבת פאר איין וועגס שוין אויך געווען פארזיצער אויף יענער פארברענגעניש. דאס צוגרייטן די דרשה איז געווען נישט קיין גרינגע אויפגאבע. צום אלעם ערשטן האט דער פרעדיקער געמוזט אויסרעכענען, וואס עס ווערט געבראכט אין די ספרי־הקודש וועגן דעם ענין. דא האט געמוזט געגעבן ווערן אן אויסשעפנדיקע ידיעה פון: תנ"ך, גמרא און חסידישע ספרים. אויב די דרשה איז געווען געמלאכהט, אויבערפלעכלעך, האבן זיך שוין אויפן ארט געפונען ווילע קינדער, וואס זענען נישט פויל געווען מאכן פונעם פארזיצער א „וויניקן עפל".

נאך דעם באריכט, ווי אזוי דער ענין ווערט באלויכטן אין ספרים, האט ערשט דער בעל־דרשה געדארפט זאגן דערויף עפעס זיינס אייגנס, צופאסן דאס פראבלעם צו דער איצטיקער צייט, אלזייטיק ארומרעדן עס און אויספירן, צו וואס דער ענין איז מחייב די איצטיקע יוגנט אין די קעגנווארטיקע אומשטענדן. די צייט אויף צו „רעדן" איז געווען נישט באגרענעצט, דאס האט געקענט דויערן אזוי לאנג, ביז עס פלעגט אויסגיין שטאף. קיינער האט זיך אין ערגעץ נישט געיאגט. ווען דער רעדנער פלעגט ענדיקן, דאן פלעגן חברים ארויסטרעטן מיט „ווערטער", היים דעבאטירן די אנגערירטע פראגע. יעדן האט זיך געוואלט איבערשפארן „די וועלט" און אוועקשטעלן אלץ אויף זיינעם. דאס „ארויסזאגן זיך" פלעגט זיך פארציען ביז מנחה. ביים שלש־סעודות האט דער „טאג־פרעזידענט" ווידער געהאט דאס ווארט. ער האט רעזומירט די אלע ארויסגעזאגטע געדאנקען און טאקע אויפן ארט האט מען באשלאסן אן אנדערן ענין און אן אנדערן דרשה־זאגער אויפן צווייטן שבת.

דאן פלעגט זיך לייכט פונאנדערוויקלען א שמועס „מעגינא־דיומא" אדער, ווי אנדערע האבן דאס ליב געהאט אנרופן: באטאפן די אנגעווייטיקטע ערטער. יעדער פלעגט באַרירן די פראגע, אין וועלכער ער האט זיך פאר דער פארגאנגענער וואך אנגעשטויסן. דארט, ביים טיש, צווישן „אתקינו" און „אל מסתתר", פלעגט אויסגעארבעט ווערן א פראגראם, ווי אזוי א יידישער בחור דארף זיך אויפפירן אין שטוב, אין גאס און אויף דער ארבעט. וועמען עס האט עפעס געדריקט אויף דער נשמה, אלץ איז ארויסגעלייגט געווארן „אויפן טיש" און ארומגעקלערט געווארן פון דעם גאנצן קאלעקטיוו. פאר וועמען מען האט באשלאסן, אז ער מוז דער אדמיניסטראציע פון זיין אינסטיטוציע עטוואס נאכגעבן; פאר א צווייטן,

אַז ער דאַרף זיך ווי ווייט מעגלעך מאַסקירן: נישט צוציען אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט. פאַר אַ דריטן, אַז ער מוז שטעלן אַן אַנטשלאָסע־נעם ווידערשטאַנד. יעדנס פראַגע פלעגט באַזונדער צעגלידערט ווערן, שטרענג אַרומגעטראַכט ווערן, איידער מען האָט אָנגענומען אַ באַ־שלוס, וועלכער שריט איז אַ „מוז" און וועלכער אַ „מהיכא־תיתידיקער".

אויף דער נאַכט, נאָך הבדלה, דער שבת־קודשדיקער ערנסט טוט זיך אָפּ, הייבט חברה ערשט אָן פריילעך צו פאַרברענגען. עס פאַר־שווינדט די אָנגעצויגנקייט ביי די אויסגעהאָרעוועטע בחורים. אומבאַ־מערקט פאַר זיך אַליין פאַרגעסט מען, אַז עס קומט די וואָך מיט איר שטענדיקן חשבונות און אַז צוליבן טרוקענעם שטיקל ברויט וועט מען ווי־דער דאַרפן פאַרשוואַרצט ווערן צוועלף שעה אין מעת־לעת און מיט בלו־טיקן שווייס אויסקעמפן פאַר זיך דאָס רעכט צו לעבן אויף דער וועלט... די דאָזיקע געדאַנקען ווערן נאָך נישט צוגעלאָזט אין קאָפּ אַריין, זיי זע־נען נאָך „מוקצה". דערווייל זינגט מען „אליהו"ס, עס וויקלען זיך פונאַנ־דער יונגע כוחות, די בחורים זינגען לוסטיק, מיט געשמאַק, פליעס־קען צו וויל־יונגעריש מיט די הענט, מען ווערטלט זיך מיט די מייד־לעך, מען פאַנטאַזירט וועגן אַ וויזע קיין ארץ־ישראל, וועגן אַ פריי גליקלעך לעבן אין אַן אייגן לאַנד. דאָ ווייזט זיך אויך אַרויס, אַז דאָס יונגוואַרג רעאַגירט פולשטענדיק אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום זיי. יעדער האָט מער־ווייניקער אַ השגה אין דער נייסטער ליטעראַטור, יע־דער פון זיי באַזוכט טעאַטער, קינאָ. יעדער באַמיט זיך אויסצורייסן ביים טרויעריקן לעבן ווי ווייט מעגלעך אַ גרעסערן שטיק.

עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז פון דער מלוה־מלכה גייט מען גלייך אין שול אַריין צום ערשטן מנין. צעגייענדיק זיך דריקט מען זיך וואַרעם די הענט, מען געזעגנט זיך אויף אַ לאַנגער וואָך, אַ וואָך פון אומפאַרמייד־לעכע מאַטערנישן, פון „פליען פון דער אַרבעט" איבער שבת, פון אַריינ־פאַלן אין מיליציאָנערישע הענט איבער האַנדל־וואַנדל, אַ וואָך פון נע־ונד זיין, פון עלנט, פון בענקעניש נאָך דעם געבענטשטן, טייערן, זיסן שבת־בייטאָג ביי די פייגנבוימס אויף קאַראַוואַיעווסקע 67. קיינער האָט נאָך דאַמאָלסט נישט פאָרויסגעזען, אַז אָט די אומשולדיקע „פאַרברענ־גענישן" זענען אַ גן־עדן, פון וועלכן מען וועט אין געציילטע יאָרן אַרום מיאוס אַרויסגעטריבן ווערן. ניין, קיין נביאים זענען אין קיעווער „תפארת־בחורים" נישט געווען. קיינער האָט נישט געקענט גלייבן, אַז די פינצטערע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף זייערע הימלען, וועלן אַלץ געדיכטער ווערן.

אין יענעם זומער, ווען אונדזער געשיכטע קומט פאָר, האָט נאָך די יידישע יוגנט געגלייבט, אַז סוף־כל־סוף וועט מען אויפגעריכט ווערן און קענען לעבן מיט מענטשן צוגלייך.

דעם שבת האָט שלמה געהאַט דאָס וואָרט. די טעמע האָט געהייסן: „מסירת־נפש שבכל דור ודור".

שלמה האט א פאר מאל א רייב געטון דעם שטערן אהין און צוריק, מיט א מוטנעם קוק ארומגעכאפט די גאנצע מסיבה און מיט א ברוסטיקער שטים הייזעריקלעך ארויסגעכריפעט:

— י־יא, מיינע טייערע, וועלן מיר אצינד, הייסט עס, רעדן וועגן מסירת־נפש...

נישט קוקנדיק דערויף, וואס אין זאל האבן זיך געפונען אן ערך פון א פופציק מענטשן, דאך איז פלוצלינג שטיל געווארן, ווי אויף א בית־עולם. אלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט צו שלמהן. קיין מינדסטער שארך האט נישט געשטערט די אבסאלוטע שטילקייט. שלמה האט מעטאדיש אנגעהויבן אויפצוּוויקלען די בלוטיקע מגילה פון מסירת־נפש פון יידישן פאלק. דאס קול, וואס האט פון אנהייב אן געקלונגען פארדומפן און נישט זיכער, האט וואס ווייטער אלץ מער אנגעהויבן הארטער צו ווערן, פעסטער האבן אנגעהויבן קלינגען זיינע באווייזן און אויספירן. די יונגע הערצער זענען געווען ברייט צעעפנט און ער האט דארט געטריי געבויט זיין בנין פון אמונה. טיף און דורכדרינגענדיק זענען געווען זיינע ווערטער. זיי זענען ווייך ארייננגעפלאסן אין די יונגע נשמות. יעדער געדאנק האט אויף זיך ארויפגעצויגן הויט און ביין און ליכטיק געמאכט אין די אויגן מיט זיין אמת, אויפגעהויבן דעם מוט מיט דער מעכטיקער קראפט, וואס דער רעדנער האט אין אים אריינגעבלאזן.

שלמה האט זיך נישט געהיצט, נישט געפאכעט מיט די הענט, נישט „געשאסן" מיט די אויגן. רעגלמעסיק, מיט א בנעימותדיקער שטים האט ער צוגעצויגן צו זיך דעם גאנצן עולם. ער האט זיך מיט זיין רעדע געשטעלט אן אויפגאבע דורכצופירן א פאראלעל צווישן די חכמי־התלמוד און זייער מסירת־נפש, דעם דור פון די ימי־הבנים און זייער מסירת־נפש און דעם איצטיקן רעליגיעזן יידנטום אין סאוויעטן־רוסלאנד און דעם מסירת־נפש, וואס פאדערט זיך פון זיי. זיין קול האט הערשעריש און באפעלעריש געקלאפט איבער די יונגע מוחות, ווי א שטאלענער האמער. ס'האט זיך געקענט דאכטן, אז דא ווערט פארגעלייענט א שטרענגער פראגראם פון אן אומברהמנותדיקער אויבער־מאכט. די חברה איז געזעסן מיט אנגעשפיצטע אויערן, ברייט צעעפנטע מיילער און מורא געהאט אפצואטעמען.

שלמהס רעדע האט געדויערט העכער אנדערטהאלבן שעה. די גאנצע צייט איז די שפאנונג און די קאנצענטרירטקייט פון די צוהערער אלץ מער געוואקסן און געוואקסן. ווען שלמה האט אומגעריכט געמאלדן:

— אט דאס איז אלץ, חברים, וואס איך האב אייך געהאט צו זאגן...

איז אין צימער ווי פריער געבליבן הענגען א הייליקע שטילקייט. קיינער האט נישט געוואגט מיט זיינע וואכעדיקע רייד איבערצורייסן דעם איינדרוק, פאריאגן די טייערע קלאנגען, וואס זענען נאך געהאנגען אין דער לופטן און האבן געקלונגען אין די אויערן. שלמהס פארלוירענער בליק

האָט געזוכט אויף די פּנימער פון זיינע חברים די סיבה פון דעם עקש־נותדיקן שווייגן און האָט מיט אַ חוזקדיק שמייכעלע אַ זאָג געטון:

— ווי עס ווייזט אויס, האַלט מיין באַריכט נישט אויס אפילו די מינדסטע קריטיק, אויב איר שווייגט אַלע ווי די פיש.

צו גאָרדאָנען האָט זיך אומגעקערט זיין מוט און ער האָט געענטפערט:

— ווער איז דיר שולדיק? ווען דו זאָלסט נישט געווען אַזוי פיל רעדן, וואָלט נאָך עמעצער געווען געהאַט וואָס צו זאָגן און אַזוי האָט ביי יעדן אָפּגענומען דאָס לשון.

— נו, אויב איר האָט זיך צונויפגערעדט מיך מכבד זיין מיט אַ פּאַרציע שווייגעניש, לאָמיר זשע דערוויילע עפּעס זינגען, אפשר וועט איר פּאָרט באַקומען צוריק דאָס לשון...

און שלמהס אָנגענומער טענאָר האָט פאַרצויגן די זיסע מעלאָדיע פון „שומר ישראל". אַלע האָבן מיט חשק אונטערגעכאַפּט דעם באַליבטן ניגון. שלמהס טענאָר איז שוין איבערגעגאַנגען אין אַ הויכן פאַלצעט. איבער דעם ים קולות האָט זיך זיין קלינגענדיק קולכל געהוידעט ווי אויף כוואַליעס, גערופן, געמונטערט: ואל יאבד, ואל יאבד ישראל...

די קראַנקע פרוי פייגנבוים האָט זיך געהייסן אַרויסטראָגן אויף אַ שטול אין זאַל אַריין. זי קען נישט איינליגן, עס הייבט זי פון געלעגער. עס האָט געזונגען די גאַנצע שטוב. דאָס געזאַנג האָט זיך אַרויסגעריסן דורך די אָפענע פענצטער אויף דער גאַס, אָפּגעשטעלט דורכגייער, אויפגעריסן פענצטער אין די שכנישע מויערן. די נגינה האָט זיך אַלץ צעפלאַמט. פונעם „שומר ישראל" איז מען אַריבער אויף שבתדיקע מאָטיוון: „שבענו", „יבנה המקדש", ביז עס האָט אויפגעפלאַקערט דער ליידנשאַפטלעכער האַרציקער ניגון פון „זכרתי לך חסד נעוריך"... די שטימונג האָט דערגרייכט איר העכסטע אַקטאַווע, אַלע האָבן אין עקסטאַז געפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס און די העלדזער האָבן זיך געריסן, געריסן...

רייזל האָט זיך אָנגעבויגן צו טאַנין און איר איינגערוימט אויפן אויער:

— מיר דאַכט, אַז אַט דער פּיאַטיגאָרסקי זינגט נישט ערגער ווי ער רעדט. נישט אמת?

— דו האָסט אַ טעות, רייזעלע, ער זינגט נאָך צען מאָל בעסער. ער איז ביי אונדז דער סאָלאָוויי, אונדזער קליינער שאַליאַפּין. נאָר וואַרט, דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט, נאָך הבדלה וועלן מיר אַריינכעמען פון זעליקס שכן דעם פּידל, וועסטו ערשט הערן, וואָס עס הייסט זינגען און וואָס עס הייסט שפּילן... אויסטראַך* — זאָג איך דיר...

— ער שפּילט אויף אַ פּידל אויך?

— אויף אַ פּידל און אויף אַ פּיאַנינע — און אויף וואָס נישט? און חוץ אַלעמען איז ער דאָך אַ שרייבער, אַ ראָמאַניסט און סתם אַרטיקלען שרייבט ער אויך, פאַרשידענע פּובליציסטיק, זשורנאַליסטיק, כ'וויים דאָרטן

---

* וועלטבאַרימטער יידישער פידלער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

זיינע מעשות... א גוואלדיקער העברעאיסט, האט זייער אן איידעלן כאַראַקטער, א גאָלדן הארץ און איז א פריילעכער ביז גאָר... אזא הוליאקע האסטו נאָך נישט געזען...

— עפעס זעט מען נישט אויף אים אזא אויסטערלישע פרייד...

— ווו ווילסטו זען? דו פרעג ביי משה פרידמאַן, ער קען אים זייער גוט, זיי זענען נאָענטע חברים.

— כ'ווייס, ער האט מיר דערציילט. נו, און ווער זענען דאָס די כאַדראָווס? אָט יענע שיינע בלאָנדינקע?

— דאָס זענען שלמהס געשוועסטער־קינדער, גאַנץ פיינע מיידלעך.

— כ'האָב טאַקע אזוי פארשטאַנען, אז די בלאָנדינקע קער זיין זיינע א קרובה. כ'האָב געהערט שלמהן איר זאָגן „דו" און בכלל זיך האלטן מיט איר זייער פאמיליאר. איך האָב אפילו א טראַכט געטון, אפשר קער זי אים אָן עפעס מער ווי גלאַט א געשוועסטער־קינד...

ביי די רייד האָט רייזל א קוק געטון טאַניען גלייך אין די אויגן אריין. טאַני האָט א ווײַלע געשוויגן און דאַן נאָכדענקענדיק געענטפערט:

— עס וואָלט אפשר געווען נישט קיין קרומע זאַך, אָבער עס האלט נישט דערביי. שלמה טראַכט אפילו נישט וועגן איר, דער קאָפּ ליגט אים ערגעץ אַנדערש...

— ווו הייסט ערגעץ אַנדערש?

— ערגעץ האָט ער א מיידל, א וועלט־שיינהייט. יענע איז בפירוש לחלוטין נישט שייך צו קיין יידישקייט, נאָר ער לייגט דערויף קיין אַכט נישט, ער איז זייער איינגעגלייבט אין זיך, ער גלייבט זייער שטאַרק אין זיינע אייגענע כוחות... נאָר זאָלסט שוין אָנקוקן א קראַסאַוויצע!...

— ער איז דאָ א מאָל געווען מיט איר?

— חס־ושלום! ווי קומט זי גאָר צו גיין אין א יידישער שטוב אריין?

— אזוי גאָר? וואָס זשע, זי איז דען אן אנטיסעמיטקע?

— דאַכט מיר, אפילו דאָס אויך נישט. זי איז פראָסט א סאָוועטיש מיידל, מיט לייב און לעבן... אזוי צו זאָגן: א „געבוירענע"...

— זי איז אודאי א קיעווער?

— האָסטו דוקא נישט געטראָפן. זי איז פון זיין געבורטס־שטעטל, דאַכט זיך, זוועניגאָראָדקע, אויב איך האָב קיין טעות נישט...

קאפיטל XXXIX

אין זאל האט געהודעט ווי אין א בינשטאק. מען האט גערעדט, מען האט דעבאטירט. די דיסציפלין איז געפאלן. מען האט גערעדט איינציק־ווייז און אלע מיט א מאל. ענדלעך איז ארויפגעשווומען די פראגע: וואהין פארט מען היינטיקן ל"ג בעומר? נאך לאנגע שפארענישן און פארשידענע חקירות איז אנגענומען געווארן א באשלוס, אז מען פארט קיין פושטשע־וואדיצע:

דינסטיק, דאס הייסט ל"ג בעומר, נישט שפעטער פון פינף א זייגער גאנץ פרי, מיט די ערשטע טראמווייען, דארפן אלע אפפארן אהינצו און ארויפגיין אויף דער פערטער פראסעקע*. יעדער איינציקער דארף ברענגען מיט זיך א קוישל עסנווארג און געלט א חוץ. עס זענען אויסגעקליבן גע־ווארן: א קאמענדאנט, איין מיטהעלפער און איין מיטהעלפערין. אין די פונקציעס פון דעם „דריילינג" גייט אריין: פארזארגן די ל"ג־בעומרניקעס מיט יעדער קלייניקייט, אנפירן מיט דער שמחה און טאקע באדינען דעם עולם. דארטן דארף געשאפן ווערן א באזע און ווער וואס עס וועט ברענגען, דארף דאס אפגעבן אין שותפות, עלעהיי א קאמונע. דאוועגנע וועט מען דארט. וועמען עמעצער וויל איינלאדן, האט ער דאס רעכט דערויף. מען בעט יעדן איינציקן, זיך צוגרייטן עפעס רעדן, זינגען אדער דערציילן וואס עס איז. דער היי־יאריקער ל"ג בעומר מוז בלייבן אין זכרון ביי דער יוגנט אויף לאנג־לאנג...

אן אומגעזעענער „עמעצער" האט די שויבן מיט אש באשאטן. דער דרויסן האט זיך געטרונקען אין א טיפן בין־השמשות. די חברה איז שוין נישט געזעסן ביים טיש. די שטוב איז מיט א מאל פול געווארן. אויף יעדן טריט זענען געשטאנען קליינע גרופעס און גרעסערע, מען האט אלץ באהאנדלט די פראגע פון דעם לאנג דערווארטן ל"ג בעומר.

ר' אברהם פייגנבוים האט א קלאפ געטון אין טיש:

— אשרי יושבי ביתך...

די מיידלעך, דערהערט מנחה, זענען אריבערגעגאנגען אין שלאפצימער, צו דער קראנקער בעל־הביתטע. נאכן דאווענען האט זיך דער עולם א לאז געטון אין קיך אריין וואשן זיך צו שלש־סעודות. די פרויען פלעגן מיטן וואשן זיך איבערוווארטן אלע מענער. שלמה איז אריינגעגאנגען אין שלאפ־צימער. אין א זייט איז געשטאנען א רעדל פון עטלעכע מיידלעך און צווישן זיי אויך טאני, רייזל און דינה כאדאראוו. שלמה האט זיך דער־נעענטערט.

— טאני, איך האב צו אייך א ביטע.

טאני, פארוווונדערט:

— א סוד?

---

* פראסעקע — ראג.

— וואָס פאַלט אייך איין? סודות חלומען זיך איר... כ'וויל וויסן, וואָהין האָט איר אַהינגעטון מיין פאַלטאָ.

— איר האָט עפּעס אין אים פאַרגעסן?

שלמה, שטאַמלענדיק:

— יאָ, איך דאַרף עפּעס אַרויסנעמען...

— איר קענט מיר זאָגן, וואָס איר דאַרפט, וועל איך אייך ברענגען... איר דאַרפט נישט דאַנקען, ס'איז אַן איבעריקע איידלקייט. באַדינען די געסט, דאָס איז מיין חוב, אַ חוב פון גאַסטפריינדלעכקייט. נו, בקיצור, וואָס האָט איר אין פאַלטאָ? וואָס קנייטשט איר זיך?

— טאַניטשקע, איך בין זייער גערירט פון אייער העפלעכקייט, נאָר איך דאַרף דעם פאַלטאָ אַליין...

— וואָס? איר קלערט אַוועקגיין פון שלש־סעודות, שלמה?

— איך קלער גאָרנישט, איך גיי אַוועק אומגעקלערט...

— ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן, איך גיב נישט קיין פאַלטאָ! איר זענט היינט פאַרזיצער, טאָ זייט אַזוי פיל גוט זיך געפינען אויף אייער פאָסטן אַזוי לאַנג, וויפל עס וועט זיך פאָדערן. אַן אמתער קאָמאַנדיר פאַרלאָזט די פּאָזיציע דער לעצטער...

— טאַניטשקע, קעצעלע, איר דרשנט זייער שיין, ס'איז דאָך אָבער אומזיסט די רייד, איך מוז אַוועקגיין.

— עס טוט מיר זייער ווי דאָס האַרץ אויף אייך, שלמה־סערדצע, אָבער איך קען אייך גאָרנישט העלפן. ווענדעט זיך צו גאָרדאָנען, ער איז קאָמענדאַנט, זאָל ער אייך אָפּלאָזן. דינה, רייזל, ווי זאָגט איר? כ'בין אפשר נישט גערעכט? שאַט!... אָט גייט גאָרדאָן, וועלן מיר אים פרעגן. יוסף! יוסף! קומט אַהער! גיך! ווי געפעלט אייך עפּעס? שלמה וויל שוין מאַכן די פליטה...

גאָרדאָן האָט אָנגעכאַפּט שלמהן ביי די לאַצן און מיט ווילדע אויגן געפינעט אים גלייך אין פנים אַריין:

— וואָס איך הער? אין „דיין" שבת ווילסטו גאָר אַוועקגיין? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט, צי ניין?

פון דער קיך האָבן זיך דערטראָגן קולות:

— גאָרדאָן! גאָרדאָן!... ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן?

יוסף האָט זיך געלאָזט לויפן אויף די קולות, נאָר פון דער שוועל האָט ער זיך אומגעקערט, פיינטלעך באַקוקט שלמהן פון קאָפּ ביז די פיס און מיט פינגער אויף די ליפּן אַרויסגעשיפּעט:

— טאַניושאַ, איך באַפעל, נישט אַרויסצולאָזן! היינטיקן שבת אַנדער־קענען מיר נישט קיינע קראַסאַוויצעס...

ביי שלמהן האָט קיין איין נערוו אויפן פנים קיין ציטער נישט געטון. ער איז געווען רואיק־רואיק. פּאַמעלעך איז ער צוגעגאַנגען צו דער פאַר־טאָמשקע*, אויפגעעפנט זי, אַרויסגעשטעקט אַ האַנט און לייכט אַ פּאַכע

* אַ קליין פענצטערל אויף צו לופטערן דאָס צימער.

געטון מיט איר. ער האָט צוגעשלאָסן צוריק און קוקנדיק אַראָפּ, געלאָזן אַ זאָג געטון:

— כאַ! אַ גאַנצע מעצאָצע אַ פּאַלטאָ... עס איז שוין שבועות־צייט, ס'איז נישט געפערלעך, מען קען שוין גיין אָן אַ פּאַלטאָ אויך.

טאַני האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן דעם גאַנצן קוראַזש:

— איין סעקונדעלע, שלמה, באַלד ברענג איך אייך אייער פּאַלטאָ.

ער האָט זיך איר שטיל אַ נויג געטון, אָנשטאָט אַ דאַנק. דינהן מיט רייזלען האָט מען אַוועקגערופן זיך וואַשן. דינה איז אַוועקגעגאַנגען און רייזל האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק אין שלאָפצימער מיט אַ צייטונג אין דער האַנט. שלמה איז איר אין האַרצן געווען דאַנקבאַר. אים האָט זיך געוואָלט געזעגענען זיך מיט איר און ער האָט געפילט, אַז זי זוכט אַ מעגלעכקייט אים די געלעגנהייט צו געבן. די אַלטע פייגנבוים האָט צוגערופן שלמהן. רייזל איז צוגעגאַנגען פון דער צווייטער זייט בעט.

די יונגע מענטשן האָבן פאַר דער גאַנצער צייט אפילו נישט קיין קוק געטון איינער אויפן צווייטן. שלמה האָט געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר עפּעס, פרוי פייגנבוים?

— וואָס האָב איך שוין צו מאַכן? איך האָב שוין אָפּגעמאַכט. גאָר־נישט, אַזוי לאַנג, ווי די נשמה האַלט זיך נאָך, איז אַ דאַנק גאָט פאַרן לעבן.

— קיין שמערצן פילט איר נישט?

— ביי מיר, קינד מיינס, איז פאַרקערט: אַז איך פיל נישט, איז ערגער. נישט אַלע קראַנקע זענען גלייך. אָך, שלמה, שלמה, האָט איר עס היינט נערעדט... פּערל האָבן זיך געשאָטן פון אייער מויל!

— גלייבט מיר, איך בין נישט שולדיק, פרוי פייגנבוים.

— מאַלט אייך, איר זענט שוין דוקא יאָ שולדיק. ווער דען? איך בין שולדיק?

זי האָט קרענקלעך אַ שמייכל געטון און איז אַנטשוויגן געוואָרן. טאַני האָט אַריינגעטראָגן שלמהס פּאַלטאָ און דערלאַנגענדיק אים האָט זי שטיל צוגעגעבן:

— פון דעסט וועגן טוט איר נישט גלייך...

— גלייבט מיר, טאַניטשקע, דאָס ווייס איך נאָך בעסער פון אייך...

טאַניס אויגן האָבן פאַרדעכטיק אַ פינטל געטון, נאָר זי האָט שוין מער אין שלמהס זייט נישט געקוקט. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו רייזלען מיט אַ געשריי:

— וואָס פאַר אַ לייענען צייטונגען אַצינד? אָפּגעזוכט אַ צייט אויף צייטונגען. אַלע זיצן שויןביים טיש. גיי שוין, גיי זיך וואַשן...

ביידע מיידלעך זענען אַרויס פון צימער און שלמה איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי פייגנבוים:

— אַ גוטן שבת און אַ גאַנצע רפואה אייך, בעל־הביתטינקע!

— אַ גוט יאָר אייך, טייערער. איר הערט, שלמה? אַ נאַריש קינד, מיין טאַנקע... אַ גוטע נשמה, נאָר זייער אַ נאַאיווע. זי גייט אייך לערנען

שכל, צי איר זאָלט אַוועקגיין צי ניין. אַזאַ שוטה! מן הסתם, אַז איר גייט אַוועק, ווייסט איר, וואָס איר טוט... זי ווייסט, וואָס זי רעדט, ווייסט זי...

פאַר שלמהס אויגן האָט פּלוצלינג אַ יאָג געטון אַ הייסע פּליסיקייט. ער האָט זיך אין דער מינוט דערפילט אַזוי שוואַך, אַז ער האָט זיך לייכט אַ וואַקל געטון אויף די פיס. אין האַרצן האָט אַ פאַרבאָרגענער עמעצער געוויינט פאַר אים:

— וווּהין שלעפּסטו עס דיך? גיי היינט נישט! עס וועט דיר לאַנג באַנג טון דער היינטיקער אויפדערנאַכט. באַרעכן, אַלע בעטן דיך צו בלייבן, ביי יעדן אייגעם פון דעם גרויסן עולם ביסטו איינגעבאַקן אין האַרצן. יעדער פון זיי וואָלט זיך געלאָזט פאַר דיר אַ פינגער אָפּשניידן און „דאָרט" — וואָס? ווּעמען האָסטו דאָרט? וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואַרט אויף דיר דאָרטן?...

שלמהן האָט מיט אַ מאָל אָנגענומען אַ חשק צו עפענען זיין האַרץ און אַנטפּלעקן זיינע ווונדן פאַר אָט דער קלוגער, געטרייער פרוי פייגנבוים. ער האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון איר בלאַסן פּנים, פון אירע טיפע גוטע אויגן און קרענקלעך־ליבלעכן שמייכל. פאַרשטאַרט איז ער אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט, נישט געקענט זיך רירן פון אָרט. ער מוז איר זאָגן דעם אמת, אַז פון אַלע גליקן איז ער דער סאַמע אומגליקלעכסטער פון אַלע די, וואָס געפינען זיך דאָ. אומזיסט איז זי אַזוי זיכער, אַז ער ווייסט, וואָס ער טוט, אויב ער גייט איצט אַוועק פון זיי. ער איז אַ געפאַנגענער, אַ פאַרכישופטער, אַ לונאַטיקער, אַ באַרויבטער פון יוגנטפריינד און ערגער פון אַלץ איז, וואָס ער איז קיינעמס נישט — קיי־נעמס נישט... אַן עלענטער ביז גאָר! זיצט ער דאָ צווישן די חברים, ציט אים צו „איר", צו זיין אָפּ־גאָט. איז ער מיט איר, גייט אים אויס דאָס חיות נאָך דער חבריא. זיי זענען ביי אים די נשמה, זיינע ברידער אין אַ נויט. אָט אַזוי געפינט ער זיך צווישן צוויי פייערן. און ער איז זיכער, ווען ער קען זיך צעררייסן אויף צווייען, לאָזן איין העלפט ביי פאָלין און די צווייטע העלפט ביי די חברים, אַלץ איינס וואָלט „איר" העלפט געבענקט אַהער און זייער העלפט — צו איר... ער איז אַ פאַרפאַלענער מענטש. נישט קיין דאָקטער, נישט קיין טאַטער וועלן אים שוין נישט העלפן.

שלמה איז אַלץ געשטאַנען אָן לשון און געקוקט אויף איר. פרוי פייגנ־בוים האָט מיט גרויס מיטגלייד באַטראַכט דעם עלנטן יונגנמאַן. זי האָט געשוויגן, אָבער איר קוק האָט גערעדט:

— שלמה, איר דאַרפט מיר גאָרנישט זאָגן. איך פאַרשטיי אַלץ, איך פיל אַלץ. כ'בין דאָך עפּעס אויך אַ פרוי...

— אָט דאָס הייסט אַ דזשענטלמען, כ'לעבן. נישט לאָזן די מאַמעשי אַליין. מאַלאַדיעץ, שלמה, מאַלאַדיעץ!...

דאָס זענען אַריינגעקומען אַלע דריי טעכטער צו דער קראַנקער מוטער אונטערהייבן זי און פאַרריכטן דאָס בעטגעוואַנט.

קאפיטל XL

שלמה האט זיך אויף גיך געזעגנט און איז ארוים אין זאל. די טישן זענען געווען רייך סערווירט. פאר יעדן איינעם זענען געלעגן צוויי שיינע הלהלעך. אין מיטן טיש זענען געשטאנען לאנגע פאלומיסקעס* מיט בריהש צוגעגרייטן הערינג, עטלעכע פלעשער בראנפן. די שטימונג איז געווען א פייערלעכע, א געהויבענע.

ס'איז שווער צו טרעפן, וועלכעס אין שלמהן האט ארויסגערופן די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. צי דאס, וואס ער איז געווען אין פאלטא גרייט צום אוועקגיין, צי זיין שרעקלעכע בלאסקייט פון דעם אינערלעכן געראנגל — נאר זיין באוויזן זיך אין זאל האט אלעמען ווי איבערראשט. א שטילער געמורמל איז דורכגעלאפן ביים טיש און צערונען געווארן אין חושך צווישן די ריזיקע שאפעס ספרים. שלמה האט מיט די אויגן א זוך געטון ביים מיידלשן טיש, — רייזלען האט מען נישט געזען. דער אלטער פייגנ־בוים האט צוגערופן שלמהן מיטן ווונק און פאטערלעך געפרעגט:

— וואס איז דאס איילעניש אזוי?

— כ'האב עפעס נייטיקס צו דערלייידיקן.

— אום שבת איז שייך נייטיקס?

— ניין, באלד נאך הבדלה. נאר ס'איז ווייט צו גיין.

— וואלסטו דאך טאקע געדארפט זיך וואשן, מקיים זיין שלש־סעודות און באלד בענטשן.

— ניין, איך וועל נאך באוויזן אהיים...

שלמהן האט געפלאמט דאס פנים פאר בושה, וואס ער מוז אפנארן אזא בכבודיקן יידן ווי ר' אברהם פייגנבוים. יענער האט ווייך איבערגע־פרעגט:

— אבער עס איז דאך שוין זייער שפעט, ווען וועסטו שוין מקיים זיין?...

— כ'וועל שוין מקיים זיין... ז י י ווייסן, אז איך קען זיך נישט פאר־האלטן.

פון ביידע זייטן ביי ר' אברהם פייגנבוים זענען געזעסן: משה פרידמאן און מאיר סעגאל. זיי ביידע האט שלמה געשטעלט פאר עדות. פייגנבוים האט זיך אויף זיי אומגעקוקט און זיי האבן גארנישט זאגנדיק אראפגעלאזט די קעפ.

— נו מילא, וואס קען מען העלפן? אז דו קענסט נישט, גיי געזונט און אייל זיך טאקע צו, ווייל ס'איז שוין באלד נישט רעכט זיך צו וואשן...

נאך א מינוט האט זיך שלמה פארהאלטן ביים טיש. זיין פיבערדיקער קוק האט געגעבן א לויף איבער די מיידלשע פנימער, אבער רייזלען האט

---

* שמאלע פיש-טעלער.

ער אַלץ נישט באַמערקט. פּלוצלינג האָט אים אַ געדאַנק ווי אַ בליץ דורכ־געשניטן דעם מוח:

— זי מוז זיין אין קיך. און אפשר מיינט זי גאָר דערמיט — מיך?...

נישט קוקנדיק מער אויף קיינעם האָט שלמה אַ זאָג געטון אין תחילת־נאַכטיקן חלל אַריין: „אַ גוטן שבת" און איז האַסטיק אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, וואָס פירט אין קיך אַריין. ביים קראַן פון וואַסער איז געשטאַנען רייזל און זיך געשפּילט מיט דער קוואַרט. זי האָט געמוזט הערן, אַז עמעצער גייט, נאָר זי האָט זיך נישט אויסגעדרייט. פון זאַל האָט זיך געטראָגן דער האַרציק־פאַרדביקהטער ניגון פון „בני היכלא".

— רייזל, אַ גוטן שבת!

— חבר פּיאַטיגאָרסקי...

— רופט מיך בעסער שלמה.

— אויב איר וועט פאַרבלייבן דאָ אויף היינטיקן אויפדערנאַכט, וועל איך אייך רופן שלמה.

— רייזל ליבערמאַן! ניט שוין זשע קלערט איר, אַז מיר בלייבן אין אייער געזעלשאַפט איז וויניקער אָנגענעם ווי אייך אין מיינער?

— דאָס איז דאָך אַ פאַקט.

— כ'בעט אייך, גלייבט נישט אין דעם פאַקט. עס איז זיכער פאַר־קערט, נאָר כ'קאָן איצט נישט פאַרבלייבן דאָ. איך בין נישט פריי, רייזל...

— אָבער אַלס גאַסט, אויב איך בעט ביי אייך, אפשר קענט איר דאָס מאָל יאָ פאַרבייגן?...

שלמהן האָט אַ שלאָג געטון דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין. אַליין נישט באַגרייפנדיק וואָס ער טוט, האָט ער אָנגענומען רייזלען העכער דעם עלנבויגן, זיך אָנגעבויגן איבער איר פּנים און מיט אַ בריענדיקן פליסטער אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַך, רייזל, רייזל... גראָד פון אייך וואָלט זיך אַזוי געוואָלט הערן אַ וואָרט פון מיטגעפיל, פון טרייסט, כאָטש איין ליכטיקן שטראַל צווישן אַזוי פיל וואָלקנס... טענות האָבן דאָך אַלע... און איר אויך? און וואָס קען איך דען ענטפערן? ס'איז דען דאָ דערויף ווערטער? רייזל, מענטשן מוזן זיך דען באַנוצן נאָר מיט ווערטער?...

ווען דער בריענדיקער געפליסטער איז אַנטשטילט געוואָרן און רייזל האָט זיך ראַש אַ קער געטון, איז שוין אין קיך קיינער נישט געווען. עס האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַפּ פון דער פאַראַדנער טיר און מער האָט מען גאָרנישט געהערט, נאָר דאָס אומדייטלעכע זשומען פון דעם זאַל. אין קיך איז שוין געווען כמעט פינצטער און זייער סומנע. אין זאַל האָט עמעצער אָנגע־הויבן אַ פרישן ניגון, אַ מחנה העלדזער האָבן אונטערגעכאַפּט דעם מאָטיוו און זענען צוזאַמען אָפּגעשוואומען אין די היכלות פון זמירות.

רייזל האָט אַ ציטער געטון. אַ פאַריתומטע האָט זי זיך אַרומגעקוקט. זי איז געווען זייער איבערראַשט, זי האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן. אין שלמהס עטלעכע אָפענע דבורים האָט זי דערפילט אַן אומענדלעכן צער

פון אַן אַנגעוויייטיקטער נשמה. די פאַרשלאָסנקייט פון דעם בחור האָט אַזוי געררייצט, געמאָנט, געצויגן צו אים... און רייזלען איז געווען אַ בזיון פאַר זיך אַליין: ווי אַזוי האָט זיך עס געטראָפן, וואָס זי איז אַזוי פאַרקאַכט געוואָרן אין דעם בחורל אין געציילטע עטלעכע שעהן? פון די ידיעות וועגן שלמהן, וואָס זי האָט באַקומען פון משה פרידמאַן און פון טאַניען, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זיין אַ פיין בחורל, אַ קולטורעלער, אַ גוטער קאָפּ, מיט איין וואָרט — אַ באַלעבאַטיש קינד פון בעסערן מין. אָבער אַזאַ מאַגנעט? אַז ער זאָל פאַרמאָגן אין זיך אַזאַ גוואַלדיקן כוח? און דער עיקר, אויף וועמען? אויף איר? אויף רייזלען? זי, וואָס האָט זיך געוואָרפן מיט די פיינסטע יונגעלייט ווי מיט אָפּגעשלאָגענע הושענות? פאַר די אויגן זיי נישט געלאָזן? פאַרוועדט צו באַווייזן זיך אויף איר שוועל? דאָ איז עפּעס אַ כשוף, נישט אַנדערש! אַ היפּנאָז, אַ נאַרישע פאַרבלענדעניש... מען דאַרף זיך נאָר אַ ביסל אויסטשאַדען און אַלץ וועט איבערגיין ווי אַ חלום.

אין קאָרידאָר האָט זי דערהערט פלינקע טריט. זי האָט אויף גיך באַ־נעצט דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער. אויף דער שוועל איז אויסגעוואַקסן טאַני. אַ ווײַלע איז זי שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטע, דאַן האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו רייזלען:

— וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר? וו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

— דער קאָפּ האָט מיר עפּעס אָנגעהויבן שמערצן, האָב איך זיך אָפּגע־וואַשן דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער. האָב זשע שכל און נעם מיט מיט זיך אַ האַנטעך, איז ניין, בין איך געקומען אַהער מיט ליידיקע הענט און שטיי און וואַרט, טאָמער וועט עמעצער אַריינקומען. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ שלימזלניצע איך בין, ווי אויף צו להכעיס גייט קיינער נישט... טאַניושאַ, אפשר וועסטו אַזוי פיל גוט זיין...

— זי פרעגט ערשט... די מינוט! אַזאַ מעשה!... נישט געקענט עמעצן אַריינרופן...

טאַני איז פלינק אַוועק נאָך אַ האַנטעך און רייזל האָט איר נאָכגע־שיקט אַ טיפן קרעכץ. ביים טיש איז איר שוין אויסגעקומען צו זיצן די לעצטע. נישט ווייט פון איר איז געזעסן דינה כאַדאַראָוו. רייזל האָט מיט איר געשמועסט איבער פאַרשידענע קליינקייטן. איר האָט זיך אַזוי גע־גלוסט אַ פרעג טון ביי איר שכנטע:

— וואָס איז מיט דיין שלמהן? וואָס איז ער אַזוי צעבראָכן?

די פראַגן האָבן זיך ביי רייזלען געבעטן אויף דער צונג, אָבער גע־שמועסט האָט מען נאָר וועגן עפּעס אַ מיידל פון פּערעיאַסלעוו, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צופעליק קענען זיי זי ביידע. דערלאַנגענדיק קאָמפּאָט צום טיש האָט זיך יוסף אָנגעבויגן צו רייזלען:

— איצט לאָמיך הערן, וואָס ביסטו געווען אין כעס ביי טאָג פאַר דער דרשה?

— כ׳ווייס נישט, וואָס דו ווילסט פון מיר. לאָז מיך צו רו, איך בעט דיך. וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיין נשמה?

— אַך, ס׳איז מיר אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד...

— וואָס איז דיר אַ שאָד?

— וואָס הייסט, וואָס? — וואָס שלמה איז אַוועקגעגאַנגען. דער רוח האָט אים אַוועקגעטראָגן צו זיין יפה־פיה... דו וואָלסט אים געהערט שפּילן אויפן פידל... איך זאָג דיר, דאָס חיות ציט ער אַרויס... אפילו וויינען איז נישטאָ קיין כוח... אַזאַ מזיק איז ער... אַך, ס׳איז אַזאַ שאָד!...

— שלימזל, טשעפּע זיך שוין אָפּ פון מיר מיט דיין שלמהן.

— אַזוי שטאַרק נישט געפעלן איז ער דיר? און מיר האָט זיך גאָר געדאַכט פאַרקערט... נו, שאַ, שאַ, כ׳גיי שוין... באַרעכן, קיין וואָרט טאָר מען איר גאָר נישט זאָגן... ווייסט גישט וואָס? יעקאַטיערינאַ וועליקאַיאַ!...

רייזל האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און אָפּגעשוויגן. זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט איינזאַם צווישן דעם גרויסן עולם. עמעצער זינגט, עמעצער רעדט, עמעצער לאַכט, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ צו איר? וואָס קערן זיך אָן מיט איר אָט די אַלע מענטשן? און בכלל, וואָס טוט זי דאָ?... דער קאָפּ האָט איר געברענט, ווי אַ העליש פייער, אין די שלייפן האָט האַסטיק געקלאַפּט אַ האַמערל. די הענט מיט די פיס האָבן איר געבראָכן, אין ברוסט האָט מיט אַ מאָל פאַרפעלט אָטעם.

זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, געוואָלט באַקעמפן איר אָנגעלאָפענע שוואַכקייט. אַ פאָר מינוט האָט זי זיך נאָך געבריה׳ט איינצוזיצן ביים טיש, אַלץ נישט געוואָלט מאַכן קיין טומל, זי האָט אָבער דערפילט, אַז דאָס איז איבער אירע כוחות. דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבן און נישט פעסט האַלטנדיק זיך אויף די פיס, זיך געלאָזט גיין אין די מיידלעכס שלאָפצימער. טאַני איז אַרויס איר אַנטקעגן:

— וווהין איז, רייזל?

— איך גיי מיך טאַקע צולייגן. דער קאָפּ שמערצט מיר אַ ביסל.

— אפשר אַריינרופן אַ דאָקטער, ביי אונדז אויפן צווייטן שטאָק...

— הייב נישט אויף קיין יאַריד, ס׳וועט באַלד איבערגיין. קום נאָר, וועסטו מיך איינדעקן. ס׳איז מיר עפּעס קאַלט.

— נו, נו, ס׳האָט אַ שיינעם פנים, קומען צו גאַסט און זיך גאָר אַוועקליינגן. האָסט קיין שענערס נישט געקענט צוטראַכטן?

מען האָט רייזלען איינגעדעקט, איר איינגעגעבן סטרעפּטעציט* און זי האָט געבעטן מען זאָל זי לאָזן אַליין, זי וויל כאַפּן אַ דרימל. ווען די טירלעך האָבן זיך צוגעמאַכט הינטער אירע חברטעס, איז זי אַ לאַנגע צייט געלעגן מיט אָפענע אויגן און האָט געקוקט אין דער פינצטערניש. דורכן שליסל־לאָך האָט זיך אין דער שטילקייט דערטראָגן עמעצנס טרויעריקער שבת־צו־נאַכטסעדיקער:

* אַ מעדיצין קעגן פיבער.

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

מען האָט געדאַווגט מעריב אין דער פינצטער. ביז נאָך „אתה חוננתנו" האָבן ביי די פייגנבוימס אפילו די פרויען נישט אָנגעצונדן קיין עלעקטריע.

רייזל האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט:

— מאַ־מאַ־טשקע מיינע!...

און עס האָט אַ שלאָג געטון פון אירע אויגן אַ קוואַל זודיקע טרערן. זיי האָבן איר געבריט די באַקן, געראָנען אין האַלדז אַריין, געקילט דאָס ברענענדיקע לייב.

גיי טרעף, פון וואָס אַ געפּעסטעטע רבניש בת־יחידהקעלע קען פּלוצלינג איינפאַלן זיך צו צעוויינען...

קאפיטל XLI

פייל־אויסן־בויגן איז שלמה ארויסגעפלויגן אויף קאראוואיעווסקע־גאס. אין די אויגן האט אים געטונקלט, אין די אויערן האט אים געקלונגען ווי מיט קלויסטער־גלאקן. ער איז צוגעגאנגען צו א טראמוויי־סטאנציע, זיך דערמאנט, אז עס איז שבת, די קעשענעס זענען ליידיק, איז ער אוועק צו פוס אויף אוריצקע־גאס. די נאכט איז מיט א מאל צוגעפאלן. די פינצטער־ניש האט געדיכט פארשלייערט די גאסן. ער האט א טראכט געטון, אז היינט וועלן זיי שוין אויף זיכער פארשפעטיקן אין טעאטער אריין, און דאס האט אים זייער געקרענקט. זיינע געדאנקען האבן זיך נישט ווילנדיק גע־קלאמערט אין דער אקארשט איבערגעריסענער סצענע מיט רייזלען. דאס פנים האט אים נאך געפלאמט פון איר הייסן אטעם, ער האט נאך געפילט אין זיין האנט אירע שטייף אנגעצויגענע מוסקולן און עס האט אים גע־שראקן, צי האט ער מיט זיין גראבער אויפפירונג נישט באליידיקט דאס מיידל. זי איז דאך עפעס א רבס א טאכטער און חוץ אלעמען, א קליינינקייט אויסצורעדן: רייזל ליבערמאן... אבער טיף אין הארצן האט ער געפילט, אז רייזל איז נישט אזא מיידל, זי זאל זיך גיין באקלאגן פאר עמעצן אויף אים. אמת, עס איז זייער פרעך געווען פון זיין זייט אזוי נישט טאקטיש באגיין זיך מיט איר. ער האט בעת־מעשה אין גאנצן פארלוירן די קאנטראל איבער זיך. אבער דאך פארשטייט זי גאנץ גוט, אז ער איז נישט קיין יינגל פון גאס, ביי וועלכן עס איז א קרן אנכאפן א מיידל בשעת קיינער זעט נישט. זי האט אים דאך היינט געהערט רעדן און איז אים מן הסתם נישט חושד, אז דאס האט ער נאר סימולירט, אז אין אמתן איז ער גארנישט דער, פאר וועלכן ער גיט זיך אויס... ניין, ניין, זי צווייפלט נישט אין זיין אנשטענדיקייט, נישט מער, די סצענע אין קיך האט זיך ביי אים ארויס־געכאפט אין א הייסער מינוט...

און אן אומגעבעטענער בעל־יועץ רוימט אים איין:

— אך, ווי זי האט עס דיך געבעטן איבערבלייבן... צוגעזאגט רופן פראסט ביים נאמען — שלמה... מאל דיר, פאר דיינע מעשים־טובים וועט זי דאס שוין איצט נישט טון. פאר קיין פאל נישט. אבער, ווען דו קערסט זיך איצט אום צו די פייגנבוימס, — אן אויסרייד איז נישט שווער צו געפינען — וואלסטו א ביסל משמח געווען דעם עולם און אפשר נאך וואלט דיר געלונגען ארויסבאקומען ביי רייזלען א הבטחה, אז זי וועט זיך באמיען פארגעסן דיין מיאוס שטיקל ארבעט...

ער שפאנט איבער די רווישיקע גאסן און דער געדאנק ברענט אים דעם מוח:

— און דו ביסט נאך גארנישט אזוי ווייט אפגעגאנגען. צו די טויל־טשינסקים איז שוין במילא שפעט און דארט וואלסטו נאך געטראפן פאר הבדלה. אז נישט, וואלסטו אליין געמאכט הבדלה. דיין טאטנס נוסח צו

הבדלה איז דאָך מלא־טעם און נאָך מיט דיין העלדזועלע... רייזל וועט זיך כלומרשט חידושן, וואָס דו האָסט זיך אומגעקערט, אָבער אין האַרצן וועט זי טריאומפירן... זי האָט דאָך אַזוי געבעטן... דו מיינסט אפשר, אַז דאָס מיידל איז עפּעס פיל מיאוסער פון פאַלין?... פאַלי איז, פאַרשטייט זיך, שענער אַ ביסל, אָבער סימפּאַטיע... סימפּאַטיע שטייט העכער פון שיינ־קייט... דו האָסט כאָטש באַמערקט בעתן באַקענען זיך, וואָס פאַר אַ פיגור זי האָט?... וויפל גראַציע, וויפל רייץ... היינט אירע אויגן... אש שחורה על גבי לבנה...

און עס דערמאָנט זיך אים פּיאַטער, זיין געבורטס־שטעטל. נאָכן רעגן שיינט אַ זון. צוזאַמען מיט נאָך קליינוואַרג פון דער גאַס שפּרינגט ער אויך אַרום אין די קאַליוזשעס און זייער געזאַנג צעטראָגט זיך איבער דעם גאַנצן שטעטל:

שיין איז רייזעלע דעם רבינס
שענער איז זי פון אייך אַלע,
יעדער ייד וואָלט זיך געוווּנטשן
פאַר זיין זון אַזאַ מין כלה...

היינט איז זי דאָך עפּעס נישט קיין פּראָסטע רייזל, נאָר רייזל ליבער־מאַן... לייענט פריי דעם „השלוח“, האָט געלייענט אין אָריגינאַל דעם „אהבת ציון“, „זכרונות־לבית־דוד“, קען אויף אויסנווייניק „אם יש את נפשך לדעת“, „בגיא ההרגה“ און פאַלי פאַסט נישט יום־כפּור, פאַלי האָט ליב מצה, נאָר ווייל זי צעשיט זיך אונטער די ציין. פאַלי איז געזונט און שיין פון קאָלבאַס מיט חזיר. פאַלי לאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פון דיין געזעלשאַפט, פון דיין סביבה. זי גייט אַזוי גערן צו אירע „קאָנטינענטאַ־לער“ קרובים, נעבעכיקט ביי זיי, נוצט זיך מיט זייער באַדציממער. דער קוזין דערלאַנגט איר אַריבער דעם ליילעך... זעט זי אין פאַרשידענע פּאָזעס... זי האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט מיט דער אויסגעלאַסענער מאַרוסיאַן. פאַלי האָט אַליין וויפל מאָל דערציילט, אַז דער רעדאַקטאָר, ווען ער האָט נאָר צייט, פירט זיי איבער די רעסטאָראַנען, נעמט אָפּ אַ נומער, עס קלייבט זיך צונויף די גוטע חברה, מען טרינקט שאַמפּאַניער און מען לאָזט זיך ווילגיין... דו ווערסט אפשר גיין שווערן, אַז זי קושט זיך דאַ־מאָלסט נישט מיט זיי? עס פאַרשטייט זיך, אַז ניכטערערהייט — נישט, אָבער אַז מען ווערט אַ ביסעלע בגילופין... אַז דער ווייַן גיט אַ זעץ אין קעפּעלע... און דאָס קעפּעלע איז דאָך אַ שוואַכס... אַ שוואַכס און אַ שיינס... און אירע ליפּעלעך — אַזעלכע מאַנענדיקע... און די אייגעלעך — אַזעלכע שכורע... איי־איי־איי! איז עס יאַ יידישלעך, גיין מיט פרעמדע מענער און טרינקען שאַמפּאַניער? און דו, דו גייסט איצט כאַפּן שיריים פון יענע פריילעכע אָרגיעס... דאַקעגן רייזל איז אַ הייליקטום, אַ בת־ישראל כשרה, קודש־קדשים!... עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס, וואָס דיר האָט זיך געדאַכט, איז נאָר אַ חלום. רייזל קוקט נישט אויף אַזעלכע בחורימלעך ווי דו. שענערע

און בעסערע פון דיר האָט זי אפילו פאַר די אויגן נישט געלאָזט. איי, דאָס וואָס זי האָט דיך געבעטן בלייבן ביז איבערן אָוונט, דאָס איז פּשוט אַן איידלקייט. זי איז דאָך עפּעס אַן אינטעליגענטער מענטש, צי ניין?... און דו, שוטה, האָסט זיך צעהיצט, איינגערוימט איר, אַז עס איז נישקשה, מענטשן זאָלן זיך באַגיין אָן „ווערטער", אַ חרפּה און אַ בושה! וואָס פאַר אַ ווערטער? וועלכע ווערטער? וועלכע לאָקשן?... מיט אַ פרעמדן מיידל גייט מען שמועסן אויף מלאכים־שפּראַך? וואָס איז, ווייל דו ווייסט, אַז יענע איז אַ לייטיש קינד און וועט דיר נישט אָנשפּייען אין פּרצוף אַריין?...

איך קען דיר נאָר זאָגן קורצע דיבורים: רייזל ליבערמאַן דאַרף דיך נישט. פאַלי טולטשינסקי — דאַרפסט דו נישט וועלן. די ערשטע איז פאַר דיר צו הויך, די צווייטע — שטאַרק נידעריק. קריך נישט אין קיין זומפּ, האָב רחמנות אויף זיך. אָט דאָס איז מיין עצה און דיין זאַך איז זיך צוהערן אָדער ניין. און איצט, באַלד, האָב שכל און קער זיך אום אויף קאַראַוואַ־יעווסקע, דאָרטן וואַרטן אויף דיר אָפענע אָרעמס, געטרייע ברידער מיט הייסע געפילן. אָבער אויף אוריצקע — וואָס? אַ צפונדיקע קעלט און אַ צפונדיקע שיין... אָט דאָס קענסטו דאָרט באַגעגענען... פאָלג מיך, דריי אום דעם דישל צו די פייגנבוימס. און אפשר טאַקע יאָ — רייזל? דו מיינסט, מען קען זיין אַ נביא? מאַלע וואָס אַ קאַפּריזנער בת־יחידקעלע קען איינפאַלן? ווייסט זי דער גוטער יאָר!... עפּעס האָט זי קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון דיר די גאַנצע צייט פון דיין רעדן. עפּעס דאָס אומקערן זיך אין שלאָפצימער אַריין, מיט אַ צייטונג לפנים. דאָס וואַשן זיך שפּע־טער פון אַלעמען, אַבי קענען בלייבן אַליין אין קיך. אפשר איז דאָס אַלץ גאָרנישט אַזוי פּראָסט? אפשר איז גאָר דאָס רבנישע מיזינקעלע נישט אַזוי אומשולדיק, ווי עס דאַכט זיך פון ערשטן בליק?... שלמה, גוישער קאָפּ דו! דאָס איז אַ גאָלדענער חלום, גיי און זיי זיך פּותר...

שלמה האָט אויפגעהויבן די אויגן, ער איז געשטאַנען פאַר יאַנים שטוב. מעכאַניש האָט ער זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פון די טרעפּ אין האַלבן פאָדוואַל אַריין. אַ צאַנקענדיקער געפיל האָט אים גענאָגט ביי דער נשמה:

— דו גייסט טאַקע? איך רעד צוזעצטערהייט און דו טוסט זיך דיינס? דו ביסט אַ פאַרפאַלענער מענטש... אַ מאבד את עצמו לדעת...

אין שטוב האָט ער געטראָפן נאָר די קלענערע צוויי קינדער, סאָניען און ניומען. יאַני איז נאָך נישט געווען פון שול. אסתר איז אַוועק צו גאַסט צו זייער געשוועסטער־קינד אויף אינסטיטוטסקע־גאַס. אוראַם האָט קיי־נעם נישט געזאָגט, וווהין ער גייט. פאַלי איז פאַר נאַכט דווקא געווען פון דער אַרבעט, אָפּגעגעסן און געזאָגט, אַז זי מוז זיך נאָך אומקערן צוריק אויף דער פאַבריק. זי האָט צוגעזאָגט, זיך דאָרט נישט זאַמען. נאָר אויף יעדן פאַל האָט זי געהייסן איבערגעבן שלמהן, אַז די בילעטן אין טעאַטער אַריין ליגן אויף דער שאַפע אין אַ ביכל, אויב ער וועט זען, אַז עס איז שפּעט, קען ער זיי פאַרקויפן...

שלמה האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל. פון אונטער דער

סאַפּע האָט אַרויסגעקוקט אַן אַלטער זשורנאַל, ער האָט אים אויפגעהויבן און מיט אַ נישט זעענדיקן בליק האָט ער גענומען מישן די בלעטער. דער אַנטשווינגן געוואָרענער בעל־יועץ האָט זיך פון דאָס ניי אָנגערופן:

— פאָלג מיך, איצט איז די בעסטע צייט! גאָט האָט דיר באַשערט אַ כשרן טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל. דו ביסט דאָך געקומען. איי, זי איז נישטאָ? איז דיין גליק! זאָג אַ גוטע נאַכט און קער זיך אום צו די פייגנ־בוימס. גיך, מאַך די פליטה, איידער עמעצער קומט אָן... שלמה, זיין נישט! נו, אויף וואָס וואַרטסטו? פאַלי קען קומען האַלבע נאַכט אויך. באַלד וועט אַריינקומען יאַני פון שול. טאָמער וועט ער דיך נאָך טרעפן אין שטוב, איז פאַרפאַלן דער הייניטיקער אויפדערנאַכט. אוי, אַ שאָד אַזאַ גאָלדענער שבת־צו־נאַכטס. דער פאָטער וועט אָנהייבן פאַרגלעטן פאַלים „פראַגול" *, אויסרעדן דיר דאָס האַרץ, אַז דו האָסט גאַרנישט אָנגעוווירן, אַז די זעלבע מעשה וועט מען שטעלן מאַרגן אויך און איבערמאָרגן אויך. דו וועסט מוזן אויסהערן גאַנצע פּעק מיט שול־נייעסן, פאַרשידענע געשעענישן, שמועסן מיט אים פאַליטיק... אסתר וועט קומען, מען וועט דערלאַנגען טיי און אַ שפּענדל אויף אויסצומישן. דאָס וויסן זיי שוין דווקא, אַז זייערס קיין לעפעלע נוצסטו נישט. אָט אַזוי וועט ווערן זייגער עלף, צוועלף. פאַלי וועט קומען מן־הסתם פון אַ קינאָ. מן הסתם מיט אַ קאָרעספּאָנדענטל פון איר קוזינס בנופיא. אירע שיינע אויגן וועלן זיך זשמורען פון דער שאַרפער שיין און נישט קוקנדיק אויף דיר וועט זי אַ זאָג טון:

— איר זענט נאָך דאָ? אָנו, מיין טאַטע זאָל מיר כאַטש איין מאָל זאָגן אַ דאַנק דערפאַר, וואָס מיר צוליב האָט ער אָפּט מיט וועמען צו שמועסן, וועמען אויסדערציילן אַלע נייעסן...

שלמהן גיט שמערצלעך אַ דריק אונטערן האַרצן. פאַר ווייטיק גיט ער זיך אַ שטעל אויף, אָבער ער לאָזט זיך גלייך אַראָפּ. דאָס ווערעמל טאָטשעט נאָך מיט מער איינגעשפּאַרטקייט:

— גוואַלד, וואָס האָסטו זיך צוריק אָוועקגעזעצט? ווען דו קענסט אויף זיך אַ קוק טון מיט מיינע אויגן, גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ נעבעכ־דיקן אויסזען דו האָסט איצט! אַקוראַט ווי אויף ענגעלס־גאַס 72 וואָלטן זיך נישט געפונען דיינע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, ביי וועלכע דו ביסט טייערער פונעם לעבן. צי, למשל, דער זיידע שלום, צי מנשה דער רב... אַקוראַט ווי אויף קאַראַוואַיעווסקע ביי די פייגנבוימס וואָלט מען דיך איצט נישט אויפגענומען מיט רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. און אפשר גאָר וואָלט נאָך רייזל צוגעגאַנגען און פאַר אַלעמען אין די אויגן געזאָגט:

— אויב איר האָט זיך אומגעקערט צוליבן גאַסט, דריק איך אייך די האַנט אויס דאַנקבאַרקייט...

פון די טרעפּ האָבן זיך דערטראָגן טריט.

---

* פאַרפעלן קומען.

קאפיטל XLII

שלמה האט אויפגעוואכט פון זיין פארשטיינערטקייט און געווארפן א בליק אויף דער טיר.

די אריינגעקומענע איז געווען — פאלי.

מיט איר דערשיינען האט אין שטוב ווי א בליץ געטון. זי איז אין דעם מאמענט געווען אזוי שיין, אזוי וואנדערלעך שיין, אז שלמה האט מיט א מאל פארגעסן אלע גרימענישן און נישט געקענט אפרייסן די אויגן פון איר פנים. זי איז געווען דאס מאל זייער מונטער און אויסערגעוויינלעך בארעדעוודיק:

— שלמה, איר ווארט שוין לאנג?

— נישט זייער.

— איא, ס'איז היינט א זעלטענער וועטער? ניין אפשר?

— דאכט זיך.

— עפעס זענט איר מיר היינט נישט אויפגעלייגט, וואס איז די מעשה?

— עס דאכט זיך אייך.

— קיין מאל!... איך בין זיך זעלטן ווען טועה, ווער שמועסט אין אייך — אודאי און אודאי נישט.

— פאלי, אין דעם אליין זענט איר זיך ערשט טועה.

— רעדט מיר איין, רעדט מיר איין. געפאקט וועמען אפצונארן. סאניא! נעם מיר ארויס דאס גרינע קלייד און די טופליעס. און דו, ניומא, פאר וואס עפעס מאכסטו נישט די לעקציעס?

— כ'האב שוין געמאכט און בכלל מיש זיך נישט אין מיינע זאכן!

— ווער רעדן זאל זיך מישן, אויב נישט אן עלטערע שוועסטער? דו וועסט שוין מאנטיק ווידער האבן א „צוויי" אויף מאטעמאטיק.

— אפשר וואלסטו מיר אויפגעהערט צו פרעדיקן מאראל? גיב בעסער אכטונג אויף זיך...

— נו, נו, גוט... ווארט, דו וועסט שוין האבן פונעם טאטן א פסק! מיט דיומא'ס ראמאנען וועסטו גיין צו די עקזאמענס אויך. אט וועסטו אומיסטן זען, מיט קיין „צווייערלעך" וועט מען דיך אין שטוב נישט אריינלאזן... שלמה, זייט אזוי פיל גוט זיך אויסדרייען א ביסל, וועל איך זיך איבערטון... מיר וועלן נאך באוויזן אין טעאטער אריין צום אנהייב.

און נאך אין א מינוט ארום:

— אך, מיט וואס פאר א פארגעניגן איך גיי איצט זען די פרעמיערע. איך האב שוין לאנג נישט געהאט אזא חשק צו גיין ערגעץ ווי אצינד.

שלמה האט זיך אפגעהוסט:

— איר ווייזט מיר היינט אויס עפעס אזוי צופרידן...

— און ודערפאר האט איר אראפגעלאזט די נאז?

— זי איז ביי מיר אראפגעלאזט נאך פון פאר אייער אנקומען.

— אַ־אַ! כאַ־כאַ־כאַ!... האָב איך, הייסט עס, געטראָפֿן...

שלמה שמייכלט צעטראָגן:

— איך האָב געשפּאַסט און איר מיינט אויף אַן אמת...

— דאָס וועט איר שוין מוחל זיין דערציילן אייער באַבעשין, מיך איז שווער אָפּצונאַרן.

— איז פֿון וואָס זענט איר היינט אַזוי אויפֿגערוימט?

— קומט, אויפֿן וועג וועלן מיר רעדן, ס'איז שפּעט. ניומאַ, דאָס ביכל זאָלסטו אַוועקלייגן אונטער מיין צוקאָפּנס.

— און טאָמער נישט, וועסטו ברוגז ווערן?

דער ענטפֿער האָט שוין פֿאַלין נאָכגעיאָגט אויף יענער זייט טיר.

אָנכאַפּנדיק שלמהן ביי דער האַנט, זענען זיי אַרויסגעלאָפֿן אויף די טרעפּ. אויפֿן גאַס האָבן זיי באַגעגנט יאַנין גיין פֿון שול.

— וווּהין לויפֿט איר דאָס אַזוי, קינדער? אַ גוטע וואָך!

— אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר. יאַני, אַנטשולדיקט אונדז, מיר פֿאַר־שפּעטיקן דעם אָנהייב, גייען מיר, זייט געזונט!

— שלמה, פֿלי נישט אַזוי, וואָס פֿליסטו?... מען האָט מיר ביי מעריב דערציילט, ווי דו האָסט עס היינט גערעדט, פֿלאַי פֿלאַים, מען לעקט די פֿינגער פֿון דיר.

— טאַטע, פֿאַרהאַלט אונדז נישט. אַ גוטע נאַכט!

און האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט האָבן זיי זיך געלאָזט לויפֿן צום טעאַטער. קומענדיק אין פֿאָיע איז אַקוראַט געווען דער דריטער קלונג. פֿאַלי האָט אַזש אַ צאַפּל געטון פֿאַר פֿרייד:

— אוך, מאַמעלע, מיר האָבן גאָרנישט פֿאַרשפּעטיקט! הייראַ!

נאָכן ערשטן אַקט האָבן שלמה מיט פֿאַלין זיך לאַנג געשפּאַרט וועגן דעם אינהאַלט פֿון דער פּיעסע, וועגן דעם שפּיל פֿון די אַרטיסטן. שלמה איז געווען אויפֿן זיבעטן הימל. פֿאַלי איז היינט געווען צו אים אַזוי פֿריינד־לעך, אַז ער איז גרייט געווען צו פֿאַרגעסן אַלע שמערצן, וואָס ער האָט געליטן דורך איר ביז אַהער. זיין היים, די מלוה־מלכה ביי די פֿייגנבוימס האָבן זיך אָפּגערוקט ערגעץ ווייט־ווייט אין הינטערגרונט. דער איינדרוק וועגן רייזלען — אַ חלום. רייזל אַליין — אַ ווערעמל, אַ מילב אין פֿאַר־גלייך מיט דער געטין, וועלכע ער זעט פֿאַר זיך. דער ציל פֿון זיין לעבן, די נשמה פֿון זיין נשמה האָט זיך איצט געפֿונען אָט דאָ לעבן אים. גערעדט מיט אים, געשפּאַרט זיך מיט אים, דערלויבט קוקן אויף זיך, וויפֿל זיין האַרץ גלוסט. שלמה האָט באַמערקט, ווי מען האָט פֿון וויטע לאָזשעס אָנגעשטעלט בינאָקלען אויף פֿאַלים געזיכט, און אים האָט דאָס הנאה געטון: פֿרעמדע מענטשן קענען זיך צו דער זעט נישט אָנשפּיגלען אין זיין צירונג, אין זיין קעניגין.

— איר זעט גאָרנישט, פֿאַלי, ווי מען וואַרפֿט אויף אייך בליקן. עס זאָל אייך נאָר קיין עין־הרע נישט שולט זיין!

פאַלי האָט זיך אומגעקוקט אין דער ריכטונג, וואָס זיין פינגער האָט אָנגעוויזן, און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— ווו האָט איר עס היינט אַזוי גוט גערעדט?

— וואָס קענען איך אָנגיין מיינע רעדעס?

— פאַר וואָס מיינט איר, אַז ניין?

— איך מיין גאָרנישט, איך ווייס עס אויף זיכער. וויפל מאָל האָב איך געהאַט די ערע צו הערן דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט פון אייער מויל אַליין.

— איר האַלט פאַר נייטיק מיר דאָס צו דערמאָנען? אַז איר זאָלט מיר נישט זאָגן, מיינט איר, געדענק איך אַליין נישט?

— אַז איר געדענקט, איז דאָך אודאי גוט.

— שלמה, איר זענט היינט פאַרביטערט. וואָס האָט געטראָפן?

— אַ דאגה אייך אַ גרויסע...

— אַריינקומענדיק אין שטוב האָב איך באַלד באַמערקט, אַז איר זענט עפּעס בלאַסער ווי שטענדיק... וואָס זשע איז די סיבה דערפון? לאָמיך שוין וויסן...

— כ׳בין טאַקע זייער בלאַס?

— נעמט אייך נישט צום האַרצן, די בלייכקייט פּאַסט אייך צום פּנים.

— אַ דאַנק פאַר אַ יידישן קאָמפּלימענט.

— איך זאָג נישט קיין קאָמפּלימענטן, נאָר דאָס וואָס עס איז.

— איז פון וואָס זשע זענט איר היינט אַזוי יום־טובדיק?

— איר האָט נאָך אויף מיין פראַגע, דאַכט זיך, נישט געענטפערט.

— איך בין עלטער פון אייך, קומט מיר פריער אַן ענטפער.

פאַלי האָט נאָכגיביק אַ טרייסל געטון מיט אירע גאָלדענע לאָקן:

— גוט, מסכים, איך קען אייך פריער דערציילן. ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי איר, ווי פאַריאָגט איך בין מיט מיין אַרבעט. פון אויפשטיין ביזן לייגן זיך בין איך איינגעזונקען אויף מיין ווייסטער שטעלע ביז איבער די אויערן. ווען נישט די אויפדערנאַסטיקע עטלעכע שעהן — אין וועלכע איך גיי מיט אייך ערגעץ אָדער מיט די קינדער — וואָלט איך, דאַכט זיך, אין גאַנצן פון זינען אַראָפּ. די פּאָר שעה נאָך דער אַרבעט, דאָס איז מיין גאַנץ לעבן. איצט שטעלט זיך פאַר מיין פרייד. היינט איז געקומען פון מאָסקווע אַ קאָמיסיע און מען גייט מאַכן אין אונדזער פאַבריק אַ גענעראַלע רע־וויזיע. מאָרגן אין אָפּרו־טאָג אַרבעטן מיר און מאָנטיק ביז צוועלף ביי טאָג מוז אַלץ זיין איבערגעגעבן דער קאָמיסיע אין די הענט אויף צו מאַכן די רעוויזיע און דערנאָך וועל איך פריי זיין דריי אָדער פיר טעג...

— דאָס איז אין גאַנצן?

פאַלי, מיט אַ ביטערער איראָניע:

— וואָס דען נאָך האָט איר געוואָלט? דאָס גרויסע געווינס אויס־נעמען? ביי אייך, פאַרשטייט זיך, איז מיין גאַנצע גדולה לעבערלעך. איר זענט אַ פריי פייגעלע, אָבער ביי מיר איז דאָס אַ גאַנצע געשעעניש.

— וואָס קלערט איר צו טון אין די פרייע טעג?

— פליאָזשע! גאַנצע טעג וועל איך פאַרברענגען אויף דער פליאָזשע. איר גייט דאָך נישט אַהין?

שלמה האָט טרויעריק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין.

— יאָ, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן. נישט נאָר פליאָזשע. כ׳בין ביי טאָג געווען ביי די טולטשינסקיס און האָב אָפּגעשמועסט מיט מארוסיאַן, אַז מיר וועלן ביידע ארויספאָרן אויף דאַטשע אויף אַ טאָג צוויי. ערגעץ האָט זי באַקאַנטע דאַטשניקעס.

ביים נאָמען „מארוסיאַ" האָט שלמה מער ווי אַן אַנדערס מאָל דערפילט, ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ מעסער אין הארצן. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט איר העסלעכן פּרצוף דערזען, האָט ער דערשפּירט אין איר אַ ביטערן שונא, אַ נוקם־ונוטר. זיין פאַרגעפיל האָט אים נישט אָפּגענאַרט. אָט דער דעמאָן אין אַ פרויען־געשטאַלט, לויערט אויף זיין גליק פון יעדן ווינקעלע. זי שפּירט נאָך פּאָלין פוס־טריט און רייסט זי אַוועק פון אים. אָבער, רבש"ע, עד־מתי? עד־מתי? ביז ווען וועט ער מוזן הערן אָט דעם פיינטלעכן נאָמען? פאַר וואָס קומט אים דאָס אָנשיקעניש?

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. די פאָרשטעלונג איז געווען זייער אַ געלונגענע. דאָס גאַנצע פּובליקום איז געווען זייער אַנטציקט, אַלעמענס אויגן זענען געווען צוגעשמידט צו דער בינע. שלמה מיט פּאָלין האָבן זיך זעלטן דורכגעוואָרפן מיט אַ ווונק אָדער מיט אַ וואָרט.

אין אַנטראַקט, ווי נאָר די „ופיטערס" האָבן זיך אָנגעצונדן, איז שלמה פון די ערשטע געווען אין בופעט, צונויפגעקויפט פון אַלע בעסטע נאַשערייען: מאַנדל־פּיראָזשקעס, געצוקערטע ניס אין שאָקאָלאַד, אייזקרעם „עסקימאָ". ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין זאַל אריין מיט די פּעקלעך, האָט פּאָלי פאַרחידושט אַ קוק געטון אויף אים, נאָר גאָרנישט געפרעגט. שלמהס אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ פאַנטאַסטישן פייער. דאָס פּנים האָט געשיינט פון אַ גליקלעכער המצאה, ס׳איז כלל נישט נייטיק געווען צו זיין מיט שלמהן לאַנג באַקאַנט, כדי צו טרעפן, אַז דעם מענטשן באַלעבט איצט אַ ווונדערלעכע אידייע. שווייגנדיק האָבן זיי געזויגן דעם אייזקרעם. מיט אַ מאָל האָט זיך שלמה אַנטשלאָסן אַ קער געטון צו פּאָלין:

— פּאָלי, זאָגט מיר, איך בעט אייך, צי ווייסט איר כאָטש, אַז פאַר די צען יאָר, וואָס איך קען אייך, און פון זינט מיר גייען אַ מאָל צוזאַמען... כ׳מיין בכלל... אין אַלגעמיין...

— באַרואיקט אייך, נאָך דעם וועט איר זאָגן.

— איר זענט גערעכט. עס איז אַ שוואַכקייט פון מיר. איך וויל זאָגן אָט וואָס... צי געדענקט איר, אַז אויף מיין לעבן האָב איך נאָך ביי אייך קיין מינדסטע זאַך נישט געבעטן. קיין — מאָל...

פּאָלי, עטוואָס באַאומרואיקט, האָט פאַרזיכטיק דורכגעזיפּט דורך די ציין:

— איך הער אייך.

שלמה האָט נישט געוואָלט דערפילן די קעלט, וואָס יאָגט פון אירע ענטפערס. ער האָט פאַרגעזעצט מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם:

— דאָס ערשטע מאָל וועל איך פּרוון עפּעס בעטן ביי אייך. איר ווייסט דאָך, אַז צייטנווייז בין איך גענייגט אַריינצופאַלן אין פאַנאַטיזם...

אויף פאָלים פּנים איז אַרויסגעשוווּמען אַ זויערע מינע געמישט מיט פאַראַכטונג. שלמה האָט אָבער עקשנותדיק נישט געוואָלט פאַרלירן דעם לוסטיקן טאָן און האָט אָנגעשטרענגט באַטראַכט די ליבערטאַ.

— גייענדיק איצט אין בופעט איז מיר איינגעפאַלן אַ גלענצענדיקע אידייע. צו פאַרווירקלעכן זי איז אָפּהענגיק פון אייך. עס איז ממש אַ השגחה־פּרטית, וואָס איך קען זיך בכלל ווענדן צו אייך מיט דער ביטע. נאָך היינט פאַר נאַכט איז אפילו אַזאַ געדאַנק געווען אוממעגלעך און איצט איז מיט אַ מאָל מיין פּלאַן געוואָרן אַ ממשותדיקע זאַך. איך בין כלל נישט אויסן צו אַגיטירן אייך, איר זענט שוין נישט קיין קליין מיידעלע. איך וועל אייך נאָר דערציילן, אין וואָס מיין פּלאַן באַשטייט, און אייער יושר דאַרף אייך אונטערזאָגן צו ליב טון מיר אָדער אָפּזאָגן.

— גאָט מיינער, צו וואָס אַזוינע לאַנגע הקדמות?

שלמה פילט, אַז ער איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן:

— איר זענט טאַקע גערעכט, דאָס נעמט זיך פון נישט־דרייסטקייט. אין דעם איז אַ ביסל שולדיק די פּערזאָן, מיט וועלכער דער שמועס ווערט געפירט. ווייל אין אַנדערע געזעלשאַפטן בין איך קיין מאָל נישט אַזוי אומ־באַהאָלפן.

— טוט איר טאַקע אַ נאַרישקייט. אַ קלוגער מענטש וואָלט זיך גע־האַלטן נאָר אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער פילט זיך גוט...

— אוי, ווען דאָס איז אין מיינע כוחות... וואָלט אודאי אַזוי גלייכער געווען...

קאפיטל XLIII

א פאר מינוט האט געהערשט א שטילקייט. שלמה איז געזעסן אן אויסגעלאשענער מיט א פארגליווערטן שמייכל אויף די ליפן.

— פון דעסט וועגן איז אינטערעסאנט צו וויסן, וואס אזוינס האט איר געוואלט בעטן?

— ע... נישט כדאי, זאל שוין זיין...

— אבער וואס האט איר מורא צו זאגן, כ'בין נייגעריק צו וויסן.

שלמה איז מאדנע בלייך. ער גיט פארשעמט א שמייכל:

— נאך א גרויסן צופלוס פון ענערגיע קומט ביי מיר שטענדיק א רעאקציע. איצט האט זיך מיר שוין איבערגעגלוסט. סיידן אויפן וועג אפשר...

— נו, דאס איז אייער זאך.

די שטימונג ביי די צוויי יונגע מענטשן איז שטארק קאליע געווארן. די פיעסע איז געווארן שוין גאר נישט אזוי גוט. די ארטיסטן האבן אומגעלומפערט זיך ארומגעשלעפט איבער דער סצענע. די צייט האט זיך מאטערנדיק־לאנגזאם געצויגן. שלמה האט געטראכט: באלד וועט פאלי זאגן, אז עס טוט איר עפעס ווי דער קאפ, מען זאל גיין אהיים. פאלי האט געטראכט: באלד וועט שלמה זאגן, אז עס איז נישט אינטערעסאנט צו דערקוקן ביזן סוף, גלייכער פריער צו גיין אהיים.ביידע האבן געטראכט דאס זעלבע, נאר קיינער פון זיי האט גארנישט געזאגט. יעדער האט אין הארצן געהאפט, אז דער צווייטער וועט געפינען א מיטל אויף מאכן צו נישט דעם ניי־געבוירענעם קאנפליקט.

דער אקט האט זיך געענדיקט. אין בופעט אריין איז מען שוין נישט געלאפן. דער עולם איז שוין שלעפעריקלעך געזעסן אויף זיינע ערטער. הינטערן פארהאנג האט מען עפעס האסטיק געקלאפט. די מילכיקע שיין פון די ריזיקע קאנדעלאבערס האט אנגעווארפן א מידקייט, א זיסע פוילקייט.

פאלי האט טרוקן א פרעג געטון:

— ווען איר זענט געקומען אין שטוב אריין, האט איר נאך געטראפן די מאמען?

— ניין.

— איר האט צופעליק נישט געהערט, וואס עס טוט זיך ביי וולאדימירן? עפעס איז ביי אים נעכטן געווען אן אומאנגענעמער אינצידענט אויף דער ארבעט... איר האט גארנישט געהערט?

— נישט געהערט.

דער שמועס האט זיך נישט געקלעפט. דער אויפדערנאכט, וואס האט זיך אזוי גליקלעך אנגעהויבן, איז געווען אומברחמנותדיק צעשטערט. אין הארצן האט זיך פאלי מודה געווען, אז זי איז שולדיק אין איצטיקן סכסוך און בכלל אין אלע סכסוכים מיט שלמהן. זי האט גוט געפילט, אז זי פירט זיך אויף קעגן אים טיראניש. נישט מער, איר אליין איז געווען א חידוש: גוואלד! ווי קומט עס צו איר? פאר וואס איז זי עפעס גראד צו אים אזוי?

עס האָט נאָך ביז היינט קיינער נישט געפּרוווט אויף איר זאָגן, אַז זי איז פון דער נאַטור אַ שלעכטע אָדער, ווי עס גיט זיך אַ מאָל אויס, אַ בלוט־צאַפּערין. און פון דעסט וועגן, ווי נאָר זי געפינט זיך אין שלמהס געזעל־שאַפט, האָט זי אַ פאַרגעניגן אים אַ שטאָך צו טון, אַ ביס צו טון, אַ שפּריץ טון מיט גיפט אים אין דער נשמה אריין. אַז נישט, ווערט זי קאַלט ווי אייז, נישט צוצוטרעטן. ווו זשע ליגט דאָ דער הונט באַגראָבן? וואָס האָט זי צו אים?... אַז שלמה איז אַ בעסערער מין מענטש, דאָס איז בלתי ספק. סיי אין זווניגאָראָדקע, סיי אין כמעלניק האָבן אים אַלע ליב געהאַט. און וואָס עפּעס נאָר דאָרט? און דאָ איז דען נישט אַזוי? גאַנץ קיעוו האַלט פון אים! ביי וועמען מען זאָל נישט אַ פרעג טון אויף שלמהן, וועט מען באַקומען אַלץ איין ענטפער:

— פון שלמה פּיאַטיגאָרסקי רעדט איר? גאָר אַ קלייניקייט... יענער איז איינער פון די אויסגעצייכנטע יונגעלייט אין קיעוו און אפשר גאָר דער סאַמע פיינסטער, זאָגט איר גאָר... ער איז דאָך אַ מזג־טוב און אַ מושלם בכל המעלות...

וואָס זשע פאָרט פאַר אַ חסרונות זעט זי אין אים? וואָס ער איז רע־ליגיעז? וואָס אַרט דאָס זי? זי גייט דאָך לעת־עתה נישט חתונה האָבן מיט אים, היינט, וואָס זשע איז איר איינגנטלעך די נפקא־מינה?... דאָס בחורל — ער גייט אויס נאָך איר טריט. ממש ער פאַרגעטערט זי. אַ בלינ־דער אפילו קען דאָס אויך זען. ער באַהאַלט זיך דען דערמיט?... קוים גייען זיי ערגעץ, קאַרגט ער נישט אויף גאָרנישט. אין טעאַטער, אין קינאָ — שטענדיק די בעסטע ערטער, די בעסטע צובייסנס. ווען ער זאָל קענען, וואָלט ער איר אָפּגעגעבן די נשמה, זי דאַרף נאָר וועלן נעמען. וואָס זשע נאָך וואָלט זי געוואָלט? ווי אַזוי דען זאָל ער שוין זיין?

אפשר פאַרדריסט זי דאָס, וואָס ער איז אַזאַ מלאך? גאָרנישט ענלעך אויף קיין מאַנספאַרשוין? און טאַקע באמת, אַ קאַוואַליער זאָל עס אַ מאָל זי אַרומנעמען; אָדער קענען איר ווילן — ווי ביי לייטן פירט זיך — זי צודריקן צום האַרצן, צי גאָר מיט גוואַלד אַרויסרייסן אַ קוש, איז — ניין! קיין מאָל נישט! אַ מאַנאַך — און שוין!... איז אפשר דערפאַר איז זי אַזוי פיינטלעך צו אים? ניין, דאָס אויך נישט! וואָס דען איז גוט? אַזוי ווי ניקאָלאַי פון דער פּלאַנאָווע־אָפּטיילונג, וואָס באַלד עפּעס קריכט ער זיך קושן? אָן דעם, ער זאָל אַרויפלייגן די האַנט אויפן אַקסל, הייבט זיך ביי אים נישט אָן. וויפל מאָל, אַ שטייגער, האָט ער זי שוין אַרומגע־כאַפּט? ביי זיך אין קאַבינעט, אין קאָרידאָר, אויף די טרעפּ, אַז ער שעמט זיך גאָרנישט פאַר קיין מענטשן, נו איז גוט אַזוי? פע! אַזוי ווי ניקאָלאַי — געפעלט איר אויך נישט. עס איז נישט אמת, אַז דערפאַר גאָר קען זי שלמהן נישט דולדן. פונקט קאַפּויר, גראָד דער שטריך איז אַ מעלה אין שלמהן, נישט קיין חסרון. כאָטש מאַרוסיאַ לאַכט פון אים אין די אויגן און רופט אים „דיקאַר"*, אָבער זי האָט ליב אַזוי, זי האָט פיינט, אַז מען

* ווילדער.

טשעפּעט זיך. אַזוי ווי ניקאָלאַשקע איז שוין צופיל, וואָס צו איז איבעריק...

זי איז אַזאַ אומפאַרשעמטע, אָט די מאַרוסיאַ! מען דאַרף דאָך זיין דער גרעסטער אויסוואורף אויף נעמען אָפּלאַכן פון אַ מענטשן אין זיין קעגנוואַרט. און סתם, פאַר וואָס קען זי אים אַזוי נישט אָנקוקן, די מאַרוסיאַ? זי צינדט זיך אָן אש־להבה, בלויז ביים דערמאָנען דעם נאָמען שלמה. דאַכט זיך, אַזוי איז זי דאָך אַזאַ האַרציק מיידל, אָט די מאַרוסיאַ... וואָס אמת איז אמת, ביי זיי אין שטוב האַלט מען שטאַרק נישט פון איר. לויט דעם טאַטנס מבינות קומט אויס, אַז זי איז אַ צעלאָזענע, אַ פאַלנע שיקסע. אָבער איר, פאַלין, איז דאָס נישט נוגע. זי האָט זי ליב. זייער ליב. מיט איר איז אַזוי גרינג, אַזוי לוסטיק — אַ מחיה! נאָר איין זאַך קען איר מאַרוסיאַ נישט מוחל זיין: פאַר וואָס זי דערלויבט שלמהן גיין צו זיי אין שטוב אַריין; און טאָמער איז דאָס קאַרג, גייט זי נאָך מיט אים שפּאַצירן. מאַרוסיאַ רייסט פון איר ממש שטיקלעך:

— פאַלי, ווי איז דיר גאָר קיין בזיון נישט צו גיין מיט אָט דעם האַסידאַילע? עס שמעקט דאָך פון אים מיט טשאָלנט! קיין קוגל ברענגט ער דיר נישט אין די קעשענעס?... ניין? טאַקע אַ חידוש, אויף מיין וואָרט. פון דעסט וועגן, אָט דער „זשיד כאַלאַמיי", אַזוי ווי דו קוקסט אים אָן, איז גאָרנישט אַזאַ שוטה. ער מיינט ביי דיר מאַכן אַ „המוציא" מיט האָניק... פאָלג מיך, טרייב אים דורך ביי ציימנס, איידער ער פאַרפּלאָנטערט דיך אין זיינע ציצית. צי אפשר, זאָג דעם אמת, קלערסטו גאָר מיט אים חתונה האָבן? זאָג, שעם דיך נישט! כאַ־כאַ־כאַ, הלמאַי זאָל איך זאָגן, איך בין דיר דוקא נישט מקנא. ער וועט דיר אָנטון אַ שייטל מיט אַ גאַרטל און דיך קרוינען פאַר אַ רביצין... פאַרקערט, וואָס צו טון אַזוינס ביי אים וועסטו דוקא נישט האָבן, נאָר האַלטן אין איין באַקן פון זיינעט וועגן ברעמזלעך מיט המן־טאַשן. אפשר אַ שלעכטע אַרבעט?...

מאַרוסיאַ קאַכט זיך, פינעט, שפּרינגט פון דער הויט. און זי, פאַלי, הערט און לאַכט. זי האָט ליב צו קוקן, ווי יענע היצט זיך. און וואָס אַרט זי דען, אַז יענע רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, עס קאָסט זי עפּעס טייער? אויב זי האָט דערפון פאַרגעניגן, זאָל זי רעדן. נאָר אינטערעסאַנט איז, פאַר וואָס האָט זי אים אַזוי פיינט? אָך, ווי זי האָט עס אים פיינט! ניין, זי מוז היינט שלמהן פאַרבעסערן. ס'מעג זיך קערן די וועלט, קען זי זיך מיט אים נישט שיידן אין אַזאַ ביטערער שטימונג. דאָס האַרץ דערלאָזט זי נישט. זי מוז ביי אים אויסטאַפּן, וואָס אַזוינס האָט ער געוואָלט ביי איר בעטן, און אומבאַדינגט אים צו ליב טון. יאָ! זי גיט זיך דאָס וואָרט, אים נאָכגעבן דאָס מאָל, וואָס ער זאָל נישט בעטן.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, אַלע אויגן זענען געווענדעט אויף דער סצענע און פאַלים געדאַנקען־פאָדעם ציט זיך ווייטער:

— אָך איז דאָס אַ שלמה, ער האָט דאָך טאַקע נישט געזאָגט, פון וואָס ער איז געווען אַזוי דערשלאָגן תחילת נאַכט. ער איז איין בריה אויף צו פאַררעדן די ציין און וואָס אים לוינט נישט, זאָגט ער טאַקע נישט.

נאר וואס איז דער חידוש? ער האט נישט געזאגט, ווייל ער פילט נישט אין איר קיין גוטן פריינד, פאר וועלכן מען קען עפענען דאס הארץ. ער האט נישט צו איר קיין צוטרוי. און פאר וואס עפעס זאל ער יא האבן? מיט וואס האט זי אים פארדינט?...

יענע וואך איז אויף איר דער פאטער אנגעפאלן בשעתן עסן. אלע בני־בית זענען געזעסן דערביי. דאס בילד שטייט איר פאר די אויגן, אזוי ווי ערשט נעכטן וואלט דאס געווען. דער פאטער האט געקלאפט אין טיש:

— פאלי, געדענק מיינע רייד! גאר אין גיכן וועט שלמהן נמאס ווערן די שפיל אין קאץ־און־מויז. היינט שמייכלסטו צו אים און מארגן שפייסטו פון אים. הלואי איך זאל ליגן זאגן: די שפיל וועט שוין לאנג נישט אנ־האלטן. אויב דו וועסט אים נישט אנהייבן באווייזן קיין אפנהארציקייט און קיין געטריישאפט, ווי עס פאסט פאר א פרוי, וועט שלמה סוף־כל־סוף פארגעסן אונדזער אדרעס און דאן איז א סוף צו מיין לעבן... איך זע גוט מיין שלימזל, האב קיין יסורים נישט. איך בין נישט געגארט, איך ווייס, וו איך בין אין דער וועלט. האסט זיך אנגעשמעקט מיט פאבריק, זיך צונויפגעקאמפאניעט מיט מארוסיאן. אזא אנשיקעניש אויף מיין קאפ! ווו אן אויסוווּרף אין דער וועלט, טרעפט עס צו מיינע קינדער און זיי קלעפן זיך אבער באלד צו ווי א נאסע שמאטע!...

איך זע, איך זע גוט, שלמה מיט זיין גאלדענעם כאראקטער, מיט זיין געניאלן קאפ, מיט זיין עשרות, מיט זיין ארנטלעכקייט... גוער, וואס? שלמה שמעקט דיר נישט! קוים קען ער נישט כאפן ביי דער טאליע, קוים קען ער נישט טאנצן קיין מאזורקע, היינט, ווי זשע טויג ער טאקע פאר א חתן? ווער שמועסט, ער האט דאך מן הסתם איבערגעלייענט מיט זיבן און דרייסיק רוסישע ביכלעך ווייניקער פון דיר, טויג ער שוין אודאי נישט! ווארעם אזא מענטש ווי ער, וואס אין גמרא איז ער איינער פון די גרעסטע למדנים, ווילסטו יידיש, ווילסטו העברעאיש, א שרייבער, א פובליציסט — און וואס נישט? וועט ער דען קענען שטודירן אין די אינסטיטוטן, ווען ער וועט וועלן? ווייס איך וואס? ווי וועט אים גאר זיין קאפ סטאיען אויף דערויף? וואס דארפסטו מער? אט נעם אונדז, דיינע אייגענע טאטע־מאמע. א צווייטער אויף מיין ארט וואלט מיט אזא כשרער קו, ווי דיין מאמע איז, שוין לאנג כפרות געשלאגן און אוועקגעווארפן. ווארעם וואס? זי איז עפעס מיין גלייכן, איא? עס איז דא מיט וועמען א ווארט אויסצורעדן? אט זיצט זי—א, כ'שעם זיך נישט דאס איר זאגן אין די אויגן. ס'הייסט, און אליין ווייסט זי עס נישט? אלא וואס דען? איין זאך האלט מיך אפ פון אזא שריט. טרעף, וואס איז די זאך: איך האב זי חתן־ווייז שטארק ליב געהאט און איך בין א מענטש מיט יושר, קען איך זיך אליין נישט שפייען אין פנים אריין... האלט איך זיך מיט איר. אפט מאל פלאמט מיר דאס פנים פאר בושה, אבער איך האלט זיך און איך האב מורא, אז איך וועל זיך שוין מן הסתם האלטן מיט איר ביזן סוף אריין.

דו, פאלי, מיינסט אודאי, אז דו ביסט פיל אנדערש פון דיין מאמען?

איאַ געטראָפן? אַ גאַנצע פראַנצעמירקע! גלייב זשע מיר, אַז ס'איז דאָס זעלבע שטיקל סחורה. די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. געדענק זשע, פּאָלי, דו מיט דיין „גוואַלדיקער" בילדונג, מיט דיין ווילדער חכמה און דער עיקר: מיט דיין פּאַרביסענער נאַטור מוזסט נעמען נאָר אַזאַ שלמהן, וואָס האָט דיך ליב מער פון זיין לעבן. אַז ער האָט דיך ליב, איז נישט קיין סוד פאַר אונדז, אַלע זעען מיר עס. דו וועסט האָבן ביי אים אַ לעבן, אַז גאָט און לייט וועלן דיר מקנא זיין. ווי זאָגט מען דאָס: אין עושר און אין כבוד. שלמה פּאַרמאָגט, זאָגט מען, אפשר פינף טויזנט דאָלאַר. כ'וויים? קיינער האָט זיי נישט געציילט, אפשר איז דאָס אַ גוזמא, אָבער אַ פּאַרמעגלעכער איז ער באַשטימט. און אַ פּאַרדינער, אַ גאָלדשפּינער! אַ מוצלח, קיין עין־הרע. צו וואָס ער נעמט זיך, גייט אים מיט דער האַנט און מיט זיינע טאַלאַנטן — אָט וועסטו אומיסטן זען — וועט מען אים נאָך אַ מאָל אויף די הענט אַרומטראָגן. און דיר... דיר וועט ער צושטעלן דאָס טעלערל פונעם הימל. קיין זאַך וועט אים נישט זיין צו שווער פאַר דיר. יענער האָט אַזוי אויך אויסצושטיין געברענטע ליידן בלויז פאַר דעם, וואָס ער גייט אַריין צו אונדז.

אייערנעכטן בין איך געפאָרן אין טראַמוויי, איז אַריינגעקומען אפרים־אהרון אין וואַגאָן אַריין. איך האָב אים באַלד באַמערקט און ער האָט מיך אויך באַמערקט. כאָטש ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער זעט מיך נישט, אָבער איך האָב גוט געזען, אַז ער האָט מיך פון דער ערשטער מינוט אָן באַמערקט. הכלל... ער איז אפילו נישט צוגעגאַנגען צו מיר. לעבן מיר איז געווען אַ פריי אָרט אויף צו זעצן זיך און ער איז געשטאַנען לעבן קאָנדוקטאָר, נישט אַרויפגעגאַנגען עטלעכע שריט זיך זעצן. איך הער, עמעצער זאָגט אים: „זיידעשי, גייט זעצט זיך, אָט איז אַ פריי אָרט", ענט־פערט ער: „עס מאַכט נישט, כ'וועל בעסער שטיין". און איז טאַקע נישט צוגעגאַנגען. צו אים צוגיין האָב איך נישט געהאַט די חוצפה און האָב נישט געוואָלט פּאַרשאַפן אים קיין עגמת־נפש. דאָס האַרץ האָט זיך מיר צעריסן פאַר ווייטיק. פּאַרלירן אַזאַ אמתן גוטן פריינד ווי אפרים־אהרון... פאַר וואָס? פאַר ווען? וואָס בין איך אַזוי זינדיק?...

צי אַ שטייגער, דער אַלטער שלום! ווען ער פלעגט מיך נאָר דערזען, פלעגט ער מיך אָנכאַפּן מיטביידע הענט: „יאַני, וואָס מאַכט איר? ווי אַזוי גייט עס אייך עפּעס? אוי, אָט די גרויסע שטאָט מיט אירע ווערסטן. אַזאַ גוטן פריינד ווי יאַנין זען גאָר אַ מאָל אין אַ יובל... נו, נו, נאַ דיר קיעוו... אַן עולם־התוהו..." אַזוי פלעגט ער מיך מקבל־פּנים זיין. איין מאָל, מיינט איר? שטענדיק אַזוי! אָבער די לעצטע צייט באַמערק איך — ער קערעווועט אָפּ די אויגן... ווי ווייט מעגלעך באַמיט ער זיך אויסצומיידן מיט מיר אַ באַגעגעניש. און אַז עס טרעפט, ער מוז מיך שוין באַמערקן, האַלט ער די אויגן אַראָפּגעלאָזט, אַקוראַט ווי איך וואָלט געווען אין „חרם"... שאַט, וואָס דאַרפט איר מער? אפילו מנשה דער רב, וואָס פלעגט איבער־זיצן ביי אונדז גאַנצע שעהן, זעט מען אים דען היינט פאַר די אויגן?

ס'איז קיין סימן נישט געבליבן פון די אלטע גוטע־ברידער! מען איז זיך צע־לאָפן אַזוי ווי פון אַ שרפה. מען מאכט אַ בויגן איבער זיבן גאַסן, אַבי חלילה נישט פאַרבייגיין אונדזער שטוב.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, גיי איך מיר אויף קרעשטשאַטיק און באַגעגן זיך מיט מנשהן. גיב איך ביי אים אַ פרעג: „מנשה, פאַר וואָס זעט מען אייך נישט די לעצטע צייט ביי מיר? איך האָב זיך שוין פאַרבענקט נאָך אייך". איך זע, מנשה דרייט זיך אויף אַלע זייטן, פאַררעדט מיר די ציין מיט פאַרשיידענע פּוסטע מעשות, אָבער צו דער זאַך ענטפערט ער נישט. פרעג איך אים נאָך אַ מאָל: „מנשה, איר וועט אויף דער נאָפט אַריינגיין אַ ביסל? קומט צו פּאָרן, איר וועט שוין זיין ביי יעדן פון אונדז אַן אָנ־געלייגטער גאַסט". ענטפערט ער מיר מיט אַ כאַדראַוואַסקע שמייכעלע: „ווי אַזוי קען מען דען צו אייך אַריינגיין, אַז ביי אייך זענען די ווענט באַשפּריצט מיט בלוט?" לכתחילה האָב איך עפּעס נישט תופס געווען, וואָס מיינט ער דערמיט? וואָס איז ביי מיר — אַ שעכטהויז? נאָר אַז איך האָב זיך באַגעגנט מיט זיינע אויגן, האָב איך שוין אין זיי איבערגע־לייענט זיין כונה...

היינט, פּאָלי, שטעל דיך פּאָר, וואָס שלמה האָט אויסצושטיין פון אַרום און אַרום פאַר זיין נאָכשלעפּן זיך אַ מיידל פון אַ פאַבריק, וואָס ווייסט נישט פון יידישקייט אַ וואָרט צו זאָגן, וואָס רעדט נישט אויס מיט אים קיין גלייך וואָרט, וואָס באַגייט זיך מיט אים ערגער ווי מיט אַ משומד. דו זאָלסט נישט מיינען, פּאָלי, אַז מען ווייסט נישט, אַז קיינער איז גאָר אויף דיר קיין מבין נישט. שטעל דיר פּאָר, עס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. מען האָט וועגן דיר אויף סאַלאָמינקע אַ געהויבענע מיינונג, נישקשה. נאָר איין שלמה וויל נישט הערן און נישט זען, בייגט אָן דעם קאָפּ און גייט ווייטער. נאָר יעדע זאַך אויף דער וועלט מוז האָבן אַ גרענעץ: איך בין דיר מבטיח, עס וועט נעמען אַ סוף! נאָר דאָס זאָלסטו וויסן, אַז שלמה וועט אויפהערן אַריינקומען צו אונדז, בלייבט פאַר מיר איין וועג — פון בריק אין דניעפּר אַריין! איך דאַרף נישט לעבן מער און דאַן וועסטו פריי קענען כאַסליערע האָבן פאַר אַן איוואַן איוואַנאָוויטש. אַ ייד, צי נישט קיין ייד, וואָס איז דיר דער אונטערשיד? ער וועט ווערן בעל־הבית אין שטוב אויף מיין אָרט. ווי אַזוי דען אַנדערש? עפּעס אַ קליינינקייט: דער עלטסטער זון אין שטוב!... פאַר דער וועלט וועסטו זיין ביי אים אַן איין און איינציקע, בחדרי חדרים וועט ער האָבן נאָך אַ האַלב טוץ, ווי עס פירט זיך היינט ביי לייטן... אוי, מיין האַרץ פּלאַצט אין מיר, ס'איז מיר נישט גוט!

דער טאַטע, געדענקט זי, איז דאַמאָלסט אַרויס פון שטוב און זיך נישט אומגעקערט ביז נאָך האַלבער נאַכט. זי האָט געוויינט, אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. אַלע אין שטוב זענען געווען אויף איר אָנגעבלאָזן, נישט גערעדט מיט איר...

קאפיטל XLIV

פאַלי ווארפט אַ קוק אין שלמהס זייט, שלמה קוקט נישט אויף דער סצענע, וואָס עס טרעפט מיט אים כמעט קיין מאָל נישט. ער איז אריינגעטון אין באטראכטן זיינע שפיץ פינגער. אויף זיין גרויסן געווינקלטן שטערן פולסירט אַן אָדערל, ארויף און אראָפ, ארויף און אראָפ. דאָס באַדייט, אַז זיין מוח רוט נישט, עפּעס טומלט זיך דאָרט. אפשר ווערט דעם פּאַטערס נבואה אַצינד מקוים און זי זעט אים איצט לעבן זיך דאָס לעצטע מאָל?...

פּאַלין גייט דורך אַ שוידער איבערן לייב. זי כאַפּט בגנבה נאָך אַ מאָל אַ קוק אויף שלמהס פּנים: אָנגעכמורעט, טונקל, נאָר רואיק־רואיק. זיין פיזיאָנאָמיע דערמאָנט איצט אַן אַראַבישן שייך פאַרן ארויסטראָגן עמעצן אַ טויט־אורטייל. עס ווערט איר קאַלט.

זי קוקט זיך אום אומבאַהאָלפן אויף אַלע זייטן און גיט שלמהן אַ ריר ביים אַקסל:

— קומט, שלמה, ס׳וועט זיין גענוג, אַלץ איינס קוקט איר נישט!...

שלמה האָט פאַר אומגעדולדיקייט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער. ער האָט זיך אָבער באַלד באַרואיקט און קאַלט געענטפערט:

— כ׳האָב גאָרנישט דאַקעגן.

פונעם פּאַרטער האָט מען זיי באַגלייט מיט פאַרוואונדערטע בליקן: ווי גייט מען דאָס אוועק אין מיטן פון אַזאַ שפּאַנענדיקער סצענע?... די פּיעסע איז טאַקע, אַ פּנים, באמת געווען זייער אַ געלונגענע.

אין פּאָיע האָט שלמה דערלאַנגט זייערע נומערן און דער גאַרדעראָבשטשיק איז אַ פאַרהידושטער אַוועק זוכן זייערע פּאַלטעס. שלמה האָט אַ קוק געטון אויף פּאַלין. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. עפּעס אַ מאַגנעט האָט נישט דערלאָזט קיינעם פון זיי אַראָפּצולאָזן קיין אויג. דער שטומער אויגן־דועל האָט געדויערט אַ היפּשע מינוט. מען האָט זיי געבראַכט די פּאַלטעס. שלמה האָט גענומען העלפן איר זיך אָנטון. זי האָט אים אָן ווערטער אַ דריק געטון די האַנט. עס האָט אים אָנגענומען ביים האַרצן. שטייענדיק דאָ אין פוסטן גאַרדעראָב האָט זי אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק און אומבאַהאָלפן, עפּעס גאָר ווי אַ פּיצל קינד. און שלמהן האָט באַהערשט אַ מעכטיק רחמנות־געפיל אויף זיין טייער מיידעלע. ער האָט זיך פאַרגעוואָרפן: וואָס האָט ער צו איר? וואָס דערגייט ער איר די יאָרן?...

עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. אויפן הימל האָט מאַיעסטעטיש שפּאַצירט אַ פולע בלאַסע לבנה. עס איז געווען זייער ליכטיק. קיין שטערן האָט מען נישט געזען. פונעם דערבייאיקן סקווער האָט געטראָגן מיט זיסע וועסנעדיקע ריחות. זיי האָבן געקיצלט אין דער נאָז און ארויסגערופן אַלטע זכרונות, געוועקט פאַרגעסענע יוגנט־חלומות. ווען נישט די שטיינערנע קאַסטנס מיט די פּיל־שטאָקיקע אויגן, וואָלט שוין אין גאַנצן געשמעקט

מיט כמעלניק, מיט דער געבענטשטער שטעטלדיקער רחבות. פון ווייטן „פראלעטארישן גארטן“ האט זיך דערטראגן א פארשפעטיקטער דזשאז. קיין איין דורכגייער איז אין ערגעץ נישט געווען צו באמערקן.

פאלי האט נישט דרייסט גענומען שלמהן אונטערן ארעם און זיך פעסט צוגעדריקט צו אים. אן עלעקטרישער שטראם האט שלמהן א שלאג געטון פון קאפ ביז די פיס. קיין מאל ביז איצט האט ער נאך נישט געפילט פאלין אזוי נאענט צו זיך. ער האט מיט אלע כוחות צוגעדריקט איר ארעם צו זיינעם און מיט א שטילן פליסטער ארויסגעשטאמלט:

— פאלי, טייערע, כ׳ווייס, איך האב אייך היינט אויף דער נאכט פיל יסורים פארשאפט, אנטשולדיקט מיר...

פאלי האט האסטיק ארויסגעריסן איר האנט פון זיינער און מאכנדיק א שריט פארויס, אפגעשטעלט זיך צו אים פנים אל פנים. אירע אויגן האבן געפלאקערט. זייער שטענדיקער הימלקאליר האט קעגן דער לבנה אפגעגעבן מיט א טונקל־גרינעם פייכטן גלאנץ:

— איר לאכט פון מיר, שלמה? א י ר אנטשולדיקט זיך פאר מיר, אנשטאט דעם, וואס א י ך דארף דאס טון, נישט איר.

— איך האב זיך אנטשולדיקט פאר מיין שולד, נישט פאר אייערער. איר... איר זענט א גוטע נשמה... זאגט די וועלט... און איך אליין האלט אויך אזוי... אבער א מענטש איז דאך נישט פון אייזן, איך שטיי צו צו אייך מיט מיינע בקשות אזוי לאנג, ביז עס פלאצט אייער געדולד און איר מוזט שוין בייז ווערן...

פאלי האט היסטעריש געבליפעט. איר שיין פנים האט זיך קאנוולסיוו געקרימט. מיט איר צארט הענטל האט זי פארמאכט שלמהן דאס מויל:

— שלמהלע, ליבינקער, רעדט נישט אזוי, אייערע רייד צערייסן מיר דאס הארץ. איך בין אייער רוצחטע, אייער מלאך־המות, כ׳ווייס דאס גוט. גלייבט מיר, איך בין אזוי פארדארבן, אז איך בין נישט ווערט, וואס איר שטייט אין מיינע ד׳ אמות.

— שווייגט! איך דערלויב אייך נישט אזוי זידלען דאס מיידל, פאר וועלכער איך בין גרייט דאס לעבן אפצוגעבן. איר זאלט מער נישט וואגן אזוי צו רעדן.

— אך, שלמה, איר ווייסט גארנישט, וואס פאר א גאלד איר זענט...

שווער אטעמענדיק פון דער כליפעריי האט פאלי ווידער גענומען שלמהן אונטערן ארעם. א פאר מינוט זענען זיי געגאנגען שווייגנדיק. מיט א מאל האט זי אים א שלעפ געטון:

— שלמה, וואס האט איר געוואלט בעטן?

— פאלי, לאמיר נישט קאליע מאכן דעם פרישן שלום.

— ניין! איך באשווער אייך, איר זאלט מיר די מינוט זאגן. איך וועל נישט קאליע מאכן.

— פּאָלי, ערגערט זיך נישט אַזוי. פּאָלגט מיך, עס איז נישטאָ צוליב וואָס.

— ניין, עס איז יאָ דאָ. וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן?

— אוי, פּאָליטשקע, ס'איז געווען אַ קאַפּריז, אַ פאַריבערגייענדיקער קאַפּריז, אַ... מיט איין וואָרט, אַ קלייניקייט, נישט כדאי אויפצומישן דעם שמועס.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר, איך שטאַרב, אַזוי וויל איך וויסן...

— נו, אַז עס האַלט שוין ביים שטאַרבן, קען איך שוין גאָרנישט העלפן. מיין בקשה איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: דינסטיק איז ל"ג בעומר, אַלע אונדזערע חברים און חברטעס פאָרן אַוועק פינף פאַר טאָג קיין פּושטשע־וואָדיצע און דאָרט וועט מען פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס וועלן זיין פיל מענטשן... אַלערליי... ס'וועט זיין זייער פריילעך. איר, פּאָלי, זענט נאָך כמעט קיין מאָל נישט געווען אין מיין קרייז באַקאַנטע. איר שטעלט זיך גאָרנישט פאָר, וואָס פאַר אַ פיינע מענטשן דאָס זענען, און זיי וועגן אייך האָבן אויך גאָר אַ קנאַפּע פאָרשטעלונג. האָב איך געוואָלט... וואָלט איך געבעטן... אַך, פּאָלי, ווען איר ווילט פאָרן מיט מיר אויף דעם טאָג... געוויינלעך זענט איר דאָך פאַרנומען אויף דער אַרבעט אַ גאַנצע וואָך, אפשר האָט זיך אין דעם פאַל אַריינגעמישט די השגחה, אונטערגעשיקט אייך אַ רעוויזיע, כדי איר זאָלט קענען מיטפאָרן. איך בין אייך ערוב, אַז איר וועט קיין חרטה נישט האָבן. מיינע שוועסטער וועלן אויך זיין...

פּאָלי איז געווען גערירט ביז טרערן פון זיין קליינער בקשה. אַלץ אין איר האָט געהייסן אים נאָכגעבן: פאַר וואָס נישט? וואָס איז דאָ אַזאַ גרויסע זאַך? זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן אויף אים:

— גוט! איך פאָר. קומט נאָך מיר פינף פאַר טאָג.

פאַר גליק האָט שלמה פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די צונג האָט נישט געפאָלגט. אין אַ מינוט אַרום האָט ער פייערלעך געזאָגט:

— פּאָלי, איך גיי אייך נישט דאַנקען, ווייל ווערטער זענען דערצו צו שוואַך, נאָר איין זאַך זאָלט איר וויסן: איר מאַכט מיך גליקלעך. איך בין גרייט פאַלן אייך צו די פיס אויס דאַנקבאַרקייט... גאָט איז מיין עדות...

— נאָך וואָס רעדט איר אַזוי, שלמה? עס איז נישט שיין זיך אַזוי דערנידעריקן. כ'האָב געזאָגט, אַז איך פאָר — פאָר איך!

די לעצטע פאַר ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַזוי שטיל, אַז אַ געניטער אויער וואָלט באַלד געכאַפּט דעם אונטערשיד אינעם טאָן פונעם ערשטן „איך פאָר", ביזן צווייטן „פאָר איך". אָבער שלמה איז אין יענעם מאָמענט געווען ווייט פון אַזעלכע „נאַרישקייטן". ער איז געווען נישט אויף ד ע ם עולם פאַר פרייד. דאָס מויל האָט זיך ביי אים נישט צוגעמאַכט. ער האָט אומאויפהערלעך גערעדט: וועגן דער נסיעה, וועגן די חברים, וועגן פּאָליס נייע באַקאַנטשאַפטן. אים איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען, צי זי

הערט אים צי ניין. אין דעם צושטאנד, וואס ער האט זיך געפונען, האבן זיך ביי אים אין האלדז געעפנט אלע קוואלן. ער האט גערעדט פאר פייער און פאר וואסער...

קיין איין און איינציק ווארט פון שלמהס פלאמענדיקן מאנאלאג האט פאלי נישט געהערט. פון דער רגע, וואס זי האט געגעבן איר הסכמה צו פארן, האט זיך ביי איר אין הארצן אויפגעהויבן א שטורעם. עפעס ווי פון זיך אליין האט זיך איר האנט ארויסגעגליטשט פון זיינער. זי איז עטוואס אפגעשטאנען פון אים און נאכגעגאנגען א פארטראכטע.

— דו שטעלסט זיך פאר, וואס דו גייסט דא טון, פאלי? — האט אן אינערלעך קול צו איר געשריגן — דו גיסט זיך אפ א חשבון, ווען וואס דא האנדלט זיך? שלמה האט דיך באצויבערט מיט זיינע בקשות און דו האסט צוגעבאמקעט: איך פאר! צי האסטו א טראכט געטון וועגן דעם, אז ביי די עם קלאס מענטשן, צו וועלכן שלמה געהערט, אויב א בתולה קומט צו פארן מיט א בחור אין וואלד אריין און נאך צווישן פרעמדע מענטשן, הייסט עס שוין אפיציעל, אז דאס זענען חתן־כלה? היינט, וועלן דארט זיין די באדאראווס, זיי וועלן באלד צעפויקן צווישן אלע געסט, אז דאס איז שלמהס כלה. און דו גיי נאך דעם, טענה איין מיט דער גאנצער וועלט, אז דאס איז געווען געפארן „גלאט אזוי", נישט אויף דער אמתן. דאס איז דאך שוין אן עפענטלעכער סקאנדאל: זיך אפזאגן, בעת עס ווייסן שוין פון אייערע באציאונגען צענדליקער זייטיקע מענטשן. שלמה וועט דאס נישט אריבערטראגן. און ווי מעגסטו גאר אזעלכעס טון?... היינט, וואס וועט זאגן מארוסיא? זי וועט זען, אז דו קומסט נישט צו דער באשטימטער צייט, וועט זי דאך זיכער קומען צו לויפן צו דיר אהיים געוואויר ווערן, פאר וואס דו ביסט נישטא. איצט שטעל זיך פאר: אז זי וועט זיך נאך דער־וויסן, אז דו ביסט אוועקגעפארן מיט שלמהן אין א וואלד, וועט זי דאך משוגע ווערן... צו די טולטשינסקיס אין „קאנטינענטאל" קענסטו זיך שוין נישט ווייזן... מען וועט געוואויר ווערן ביי שלמהס עלטערן פון אייער „ארויספאר", וועט מען דאס אננעמען פאר אן אפיציעלער דערקלערונג, אוים סוד, הייסט עס, און מען וועט זיך אנהייבן גרייטן אויף „שמחות".

אינסטינקטיוו האט שלמה דערפילט, אז עפעס איז קאליע געווארן. ער איז שטיל געווארן און האט מיט אנגעצויגענע נערוון געווארט. ער האט נישט געקענט טרעפן, פון וועלכער זייט עס וועט אויסברעכן דער שטורעם. נישט אויסרעדנדיק קיין איינציק ווארט, זענען זיי צוגעקומען צו דער פאראדנע פון די טולטשינסקיס. פאלי האט דעם קאפ נישט אויפגעהויבן. שלמה האט געמאכט אן אנשטרענגונג איבער זיך און לוסטיק געפרעגט:

— פאלי, מארגן וועט איר אודאי ארבעטן ביז שפעט אין דער נאכט?

— אויב נישט א גאנצע נאכט.

— פאליטשקא, איך מוז אייך איבערזאגן אייער יידישן קאמפלימענט. איר זענט אצינד עפעס אזוי בלאס, שרעקלעך בלאס!

— עס איז דער אפשיין פון דער לבנה, עס דאכט זיך אייך.

— וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן? איר שטייט דאָך גאָר צו דער לבנה מיט דער פּלייצע...

און שוין מונטערער האָט שלמה פאַרגעזעצט:

— הייסט עס אַזוי! מאָרגן ביי נאַכט אַרבעט איר. דאַרפט איר מאַנ־טיק זיך אויסשלאָפן. ווידער, מאָנטיק ביי נאַכט וועלן מיר אין ערגעץ נישט גיין, ווייל מען דאַרף אויפשטיין פיר אַ זייגער. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז מיר וועלן זיך שוין נישט זען ביז דינסטיק אין דער פרי. איז אַזוי?

— שלמה...

שלמהן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק. דאָס האַרץ האָט אים שלעכט נביאות געזאָגט. ער האָט געשוויגן און געוואַרט.

— שלמה... איך האָב נאָך אין לעבן נישט געפילט אַזאַ פאַראַכטונג צו זיך אַליין ווי אין דער איצטיקער מינוט. ווען עס זאָל זיך עפענען אַ גרוב פאַר מיר, וואָלט איך זיך ליבערשט אַריינגעוואָרפן, זיך אַ מעשה אָנגעטון, איידער...

— צו וואָס אַזעלכע לאַנגע הקדמות?

פאַלים אויגן האָבן גיפטיק אַ פינקל געטון. זי האָט אָפּגעמאָסטן שלמהן פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ שאַרפן בליק און דרייסט געענטפערט:

— איר זענט טאַקע גערעכט, מען דאַרף נישט קיין הקדמות. איך מוז נעמען מיין וואָרט צוריק. איך פאָר נישט...

שלמה האָט שוין דעם קלאַפּ דערוואַרט. פון דעסט וועגן האָט נאָך געטליעט אין אים אַ האָפענונג, אַז זי וועט פאָרט ענדערן איר באַשלוס.

— פאַלי, באַקלערט זיך גוט. איר האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט. איך בין אַזוי גליקלעך געווען. וווּ איז אייער מענטשלעכקייט? אייך קען דאָך אויך אויסקומען אַ מאָל עפּעס בעטן...

פאַלי, מיט אַ חוצפּהדיק שמייכעלע:

— נאָר נישט ביי אייך... איר קענט זיין זיכער...

— און אַז נישט ביי מיר? אָבער עס איז דאָך אוממענטשלעך אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ חבר.

— נישט איך בעט ביי אייך קומען צו אונדז, איר קומט אומגעבעטן, אַזוי אַז קיין זאַך פאַרפליכטעט מיך נישט אַזוי אָדער אַנדערש צו באַגיין זיך מיט אייך.

— אָבער צי קען איך כאָטש וויסן די סיבה פון אַזאַ פּלוצימדיקער חרטה?

— שלמה, זייט נישט נאַאיוו. מיר זענען שויןביידע דערוואַקסענע מענטשן. איר פאַרשטייט נישט ערגער פון מיר, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. ווערטער זענען דאָ לחלוטין איבעריק...

— פאַלי, איך שווער אייך ביי אַלץ, וואָס מיר איז הייליק און טייער, אַז קיינע פאַרבאָרגענע כוונות אין אייער פאָרן האָב איך נישט. כ'בין נאָר אויסן געווען, מיר זאָלן צוזאַמען פאַרברענגען אַ טאָג אין אַ פריילעכער קאָמפּאַניע. וואָס זענט איר, אַ קינד? איר האָט, דאַכט זיך, מורא, מען

זאָל איך נישט התונה מאַכן קעגן אייער ווילן? ווי איז איך גאָר קיין בזיון נישט? דאָס איז דאָך לעכערלעך. איר קענט זיין זיכער, אַז ביז איר וועט מיר נישט מעלדן, אַז איר האָט מיך ליב פונקט אַזוי ווי איך אייך, אַז איר זענט מיר גרייט אָפּגעבן אייער נשמה, פונקט ווי איך בין גרייט אייך אָפּגעבן מיינע, ביז דאַמאָלסט וועל איך זיך אפילו מיט קיין פינגער נישט צורירן צו אייך. איך בין נישט קיין יינגל פון גאַס און איר זענט נישט קיין מיידל פון גאַס. מיר זענען ביידע באַלעבאַטישע קינדער פון אָנשטענדיקע הייזער. עפּעס גייט דאָ אין כאַפּערלעך? גאָט איז מיט אייך! וואָס האָט דאָס אַלץ צום היינטיקן ל״ג בעומר? ס׳וועט מיט אייך אין פּושטשע-וואָדיצע גאַרנישט געשען. פאָלגט מיך, פאָלי, גיט נישט נאָך אייער נייעם קאַפּריז און זייט נישט משנה אייער וואָרט...

שלמה האָט אַזוי הארציק גערעדט, עס האָט געאָטעמט פון זיינע רייד מיט אַזאַ ריינער ליבע, מיט אַזעלבע הייליקע געפילן, אַז פאָלים באַשלוס האָט זיך אַ וואַקל געטון. דער ישוב האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. נאָך אַ מינוט שווייגן האָט פאָלי נישט דרייסט אַ זאָג געטון:

— ניין, שלמה. מיין באַשלוס נישט צו פאָרן איז אַ פעסטער. אַזוי בלייבט עס.

— פאָלי, איר האָט מיר היינט פאַרשטערט מיין טאָג...

— און איר מיר אויך...

— אין גאָט גלייבט איר? פאָלי, מיר זענען נאָך יונגע מענטשן. קיינער קען נישט פאָרויסזאָגן, וועמענס מאָרגן עס איז. נאָר איינס קען איך אייך זאָגן: וואָס עס זאָל מיט אונדז נישט געשען, נאָר דאָס אויזדיע־קעווען זיך איבער מיר: יאָ פאָרן, נישט פאָרן, דאָס בין איך אייך נישט מוחל. איך קען אַזאַ בלוט־צאַפּעניש נישט מוחל זיין!

פאָלי האָט זיך ציניש צעלאַכט אויפן קול:

— געפונען וועמען צו שרעקן! איך קען נישט אייער גאָט און לאַך זיך אויס פון אייערע מחילות...

— פאָלי, אַזאַ גראָבן ענטפער האָב איך פון אייך נישט דערוואַרט...

— כ׳בין דאָך בכלל אַ דיקע, דאַרף מען פון מיר דערוואַרטן גראָבע ענטפערס.

דער בעכער איז געווען איבערגעפּולט. שלמהס נאַטור האָט נישט פאַר־טראָגן קיין שמוץ. עס האָט אים שוין געאיבלט ביים הארצן דאָס רעדן מיט איר. ער האָט זיך אויסגעגליכט אין דער גאַנצער לענג. מיט גיריקע אויגן האָט ער באַקוקט דעם הימל, די נאַכטיקע לאַנדשאַפט אין לבנהדיקן מיראַזש און מיט שטילן טרויער אין דער שטימע געזאָגט צו פאָלין:

— אַ משוגענער טאָג ביי מיר היינט!... צו פיל איינדרוקן אין געצייל־טע עטלעכע שעהן. אייגנטלעך איז דאָך דאָס אַזוי נאַריש: וואָס ליגט מיר אַזוי דערין, איר זאָלט דוקא יאָ פאָרן? איז עס דען נישט קיין משוגעת פון מיר? און באמת טאַקע: איך וויל שוין גאָר אַצינד נישט, איר זאָלט דינסטיק זיין אין פּושטשע־וואָדיצע, בפירוש — איך וויל נישט!

איך קוק נאָר און באַטראַכט: אין דרויסן איז פרילינג, חודש אייר, דער הימל איז אַזוי טיף־בלוי, די לבנה — אַזוי ראָמאַנטיש, די שטילקייט פון דער נאַכט — אַזאַ הייליקע, די גאַנצע נאַטור פייערט איר יונגט, איר באַנייאונג. איך בין אַצינד בסך־הכל אַלט צוויי און צוואַנציק יאָר... די בעסטע יאָרן ביי אַ מענטשן, די ערשטע בליאונג פון לעבן. מיט וואָס פאַרברענג איך מיינע טעג און נעכט? ווו איז די פרייד, דאָס גליק, וועגן וועלכן עס ווערט אַזוי פיל גערעדט אין די ביכער? איך פאַרזיכער אייך, פאָלי, עמעצער פון אונדז ביידן וועט אַ מאָל לאַנג באַוויינען אָט אַזעלכע בלוטיקע אויפדערנאַכטן. אַזעלכס פאַרגעסט זיך קיין מאָל נישט...

די לעצטע ווערטער זענען ביי שלמהן אַרויס פאַרשטיקט און עפּעס מיט אַ כריפּ. נישט וועלנדיק, אַז פאָלי זאָל זען זיינע טרערן, האָט ער זיך, אַן אַ „זיי־געזונט", האַסטיק געלאָזט לויפן באַרג־אַראָפּ אויף קרעשטשאַ־טיק. אַלץ אין אים האָט זיך געטרייסלט פון איינגעהאַלטענעם געוויין. דורך טרערן האָט ער נאָר אַרויסגעקרעכצט:

— אַך, רייזל, רייזל, פאַר וואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך?

קאפיטל XLV

קיעוו... אָ, דאָס שיינע קיעוו!

ווער עס האָט נאָר אין דעם מלא־חנעוודיקן קיעוו געוווינט כאָטש וויפל עס איז, וועט שוין די שטאָט נישט פאַרגעסן ביזן טויט אַריין. די שטאָט איז פאַרזייט מיט בערג און טאָלן, פאַרקן און סקווערן, באַסיינען און פּרוכטן־גערטנער. ברייטע, זויבערע, אַספאַלטירטע גאַסן. דער רואיקער, מעכטיקער דניעפּר. דער וועלטבאַרימטער באָטאַנישער גאָרטן. דער פּראַכט־פולער אָפּערע־טעאַטער. און אָט די 25־קילאָמעטערדיקע פּאַנאָראַמע טוקט זיך אין גרינעם. וווהין מען גיט נאָר אַ וואָרף מיטן אויג — אַ ים מיט גרינס!... די גאַסן, די הייזער, די פאַבריקן און זאַוואָדן, אינסטיטוטן און מיליטער־שולן, טעאַטערס און ביבליאָטעקן, קאַפעהייזער און טאַנצפּלעצער — אַלץ איז פאַרטרונקען אין גרינעם. אַלץ איז פאַרשאָטנט, אַלץ איז איינ־געהילט אין שמעקנדיקע געוויקסן.

הונדערטער פּאָעטן האָבן שוין אָפּגעגעבן אַ ליבגעזאַנג דעם קראַסאַוויצע „קיעוו", הונדערטער קומענדיקע וועלן דאָס נאָך טון און דאָך וועט די שטאָט בלייבן ווי פריער דער מעכטיקער צוציאונגס־קערפּער פאַר אַלע איינ־וווינער פון דעם גרויסן רוסישן לאַנד.

חוץ דעם פּראַכט פון דער שטאָט אַליין, איז קיעוו אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט סאָסנע־וועלדער און מיט גרויסאַרטיקע דאַטשעס. די אייזנבאַן־נעץ אין קיעוו איז זייער אַנטוויקלט און צעצווייגט. דער אומגע־לומפּערטער קיעווער וואָקזאַל ציט אויס זיינע מאָגערע, שטאָלענע פינגער אין אַלע עקן לאַנד. אָבער אין וועלכער ריכטונג דער צוג זאָל נישט פאָרן, איז אין משך פון העכער אַ שעה צייט זעט דער פּאַסאַזשיר פאַר די אויגן בלויז סאָסנעס. פון ביידע זייטן צוג לויפן אים אַנטקעגן מיליאָנען־מיליאַסן נאָדלביימער, קליינע און גרויסע, געלע און גרינע. די וועלדער זענען מערסטן טייל בערגיקע, דערפון דאַכט זיך, ווי די ביימער וואָלטן געטאַנצט אַ „קאָזאַק". דער צוג שניידט די לופט, וואַרפט אָפּ די טעלעגראַפן־סלו־פעס מיט אַ שווינדלענדיקער גיכקייט. די רעדער רוישן פאַרטויבנדיק. דער קוימען שפּייט מיט שלייפלעך רויך אין די בלויע הימלען אַריין, באַשיט מיט שוואַרצע גרייפּעלעך די דערבייאיקע ביימער. דער צוג רייסט זיך פאָרויס מיט אַ טיטאַנישן כוח. דער וואַלד שטעלט פּיס אויף צוריק, אַז עס נעמט אַזש שווינדלען פאַר די אויגן, און די סאָסנעס גייען אַלץ אַ „קאָזאַק", טוען אַ טאַנץ און פאַרשווינדן, טוען אַ טאַנץ און פאַרשווינדן.

פּלוצים ווערן נעלם די ביימער פון ביידע זייטן צוג. עס באַווייזן זיך הילצערנע פּלויטן, געפלאָכטענע און פון גלאַטע געפאַרבטע שאַליעוקעס*. טיף אין די הויפן, אויפן גרינעם סאַמעטענעם גראָז, — איינשטאָקיקע

* אַ ביליקער סאָרט ברעטער.

הייזלעך, געפאַרבטע לאָדנס, געקאַלכטע ווענט און פאַרשידן געדעקטע דעכער: מיט שטרוי, מיט בלעך און מערסטן טייל מיט שינדל. ביי יעדן הויז — אַ ווערענדע, בעסעדקעס * און האַמאַקן ** צווישן דיביימער. אין יעדן הויף באַזונדער—אַ ברונעם מיט אַ בליאַסקענדיקער קייט. איבערן הויף שפּאַצירן אַרום שאָף און עופות. פון טויבנשלאַק פאַלט אַלע ווײַלע אַראָפּ אַ מחנה אַש־קאָלירענע טויבן. יעדע טויב כאַפּט אויף עפּעס אַ מציאהלע און אין איין אויגנבליק איז דער טויבנשלאַק ווידער באַזעצט פון זיינע בעלי־בתים.

אין גאַנצן געגנט איז שאַ־שטיל, מען הערט נישט קיין שאָרך. אויף די האַמאַקן, אין די נידעריקע געפלאָכטענע שטולן, ליגן מענטשן אין גרינגע קאָלירטע כאַלאַטן, ווער עס שלאָפט, ווער עס איז פאַרטיפט אין לייענען, אַז נישט כאַפּט מען אַ קערטל אָדער מען שפּילט אין שאַך. נאָר יעדע זאַך טוט זיך שטיל, אויפן וווּנק. אין די בייטאָגעדיקע „טויטע" שעהן היט מען זיך דאָ פון צו שטערן די אידעאַלע שטילקייט. אין די דאָרפישע הויפן, אין יענע מקומות, ווערט זייער שטרענג אָפּגעהיט דער ריטואַל פון אויסרוען דעם קערפּער. די שכנותדיקע דאַטשעס זענען ממש אַ גן־עדן התחתון פאַר די אויסגעהאָרעוועטע קיעווער איינוווינער.

דער צוג הייבט אָן גיין פּאַמעלעכער, נאָך פּאַמעלעכער, ביז ער בלייבט שטיין. פון אַ הילצערן וואָקזאַלכל, וואָס זעט אויס ווי אַ קינדערשפּילכל, גייען אַרויס מענטשן מיט פרישע פּנימער, מיט גליק אין די אויגן. מענער און פרויען אין שיינע שטרויענע קאַפּעליושן, ליכטיקע געקעסטלטע מאַנטלען. אין די הענט — זאָנטיקלעך, פּעכערס. פון צוג שטייגן אויס אויך ענלעכע פּאַסאַזשירן, מיט איין אונטערשיד, וואָס די אָנקומענדיקע טראָגן מיט מיט זיך פולע קוישלעך מיט אַלערליי נאַשערייען, ביכער, פּאַטעפאָנען, מאַנדאָלינעס. דער צוג פאַרהאַלט זיך אין גאַנצן איין מינוט און ווידער פאַרשלינגט אים אַן אָקעאַן פון סאָסנעס. נאָדלען און נאָדלען. אַ קעניגרייך פון גרינע נאָדלען. מיט אַ מאָל — ווידער אַ דאַטשע און ווידער וואַלד. און אָט אַזוי פון אַלע זייטן, פון דער אוראַלטער אוקראַינער רעזידענץ — קיעוו.

די סאַמע רייכסטע, סאַמע באַליבטסטע דאַטשע ביי די קיעווער איינוווינער איז פּושטשע־וואָדיצע. דאָס איז דער קודש־קדשים פון די באַצוי־בערנדיקע ווינקעלעך אין יענער געגנט.

קוים וויל מען פאָרן אַהין, מוז מען זיך פריער אַראָפּלאָזן אין „אַלט־קיעוו", אין דעם אַזוי גערופענעם „פּאָדאָל". דאָס איז פאַר זיך אַליין אַ שטאָט. און נישט נאָר גלאַט אַ שטעטל, נאָר אַ כרך פון אַ קאָרגן האַלבן מיליאָן איינוווינער. דאָרטן, צו די סלאָבאָדקעס צו, ליגט דער דניעפּר בכבודו ובעצמו: דער פולס פון דעם ריזיקן קיעוו־מאַסיוו. פונעם עק פּאָדאָל

---

* אַלטאַנעס.

** שטריקלדיקע אָדער לייוונטענע הענג־בעטלעך צום הוידען זיך.

גייען שוין דאַטשנע טראַמווייען קיין פּושטשע־וואָדיצע. אין וואַגאָן שמעקט שוין מיט דאַטשע. אויב דעם פּאַסאַזשיר גיט זיך איין צו פאַרכאַפּן אַן אָרט ביים אָפענעם פענצטער, דאַמאָלסט פילט ער דעם טעם פון עולם־הבא. געשוואָלענע אַנהערטהאַלבן שעה גייט דער טראַמוויי האַרט לעבן די ביימער. דער שאַרפער ריח פון דער סמאָליקער סאָסנע שיכורט, שלעפערט איין. די פרישע קילע לופט, די רואיקייט, וואָס ליגט דאָ אויף יעדן גרעזעלע, דערקוויקט די נשמה נאָך דעם איינמידנדיקן גרויסשטעטישן טומל.

פּושטשע־וואָדיצע אַליין איז אַ גרויס דאָרף. אַ צוויי הונדערט טריט פון דער טראַמוויי־ליניע, לינקס, באַרג־אַראָפּ, גייט דורך דער דניעפּר. אַ צענטראַלע גאַס ציט זיך לענג־אויס דעם גאַנצן דאָרף און זיבן אַנדערע גאַסן שניידן זי איבער אין דער ברייט. „פּראָסעקעס" רופט מען זיי. אויף דער פערטער פּראָסעקע פון די זיבן איז געווען דער זאַמלפּונקט פון די ל"ג בעומרדיקע דאַטשניקעס. אייגנטלעך איז דער נאָמען „גאַס" צו פּושטשע־וואָדיצע לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט. אויף דעם אָרט, ווו עס האָט געדאַרפט זיין די אַזוי גערופענע גאַס, איז קיין איינציק הויז נישט געווען צו באַמערקן, בלויז וואַלד און וואַלד. וואַלד אין דער לענג, וואַלד אין דער ברייט. און ערשט נאָך אַלע זיבן פּראָסעקעס פאַרנעמט זיך אַ געדיכטער אַלטער סאָסנע־וואַלד. נאָר דאָרט איז שוין אַפילו קיין סימן נישטאָ פון גאַסן אָדער אַלייען. דאָרטן קומט שוין אויס צו טרעטן אויף אָפּגעפאַלענע טרוקענע נאָדלען און ברוינע געטאָקטע שישקעס.

ווען שלמה מיט זיינע שוועסטער דינה און רבקה זענען אָנגעקומען אויפן זאַמלפּונקט, איז געווען האַלב זיבן אין דער פרי. דער טאָג האָט זיך אויסגעגעבן אַ יום־טובדיקער. דער הימל איז געווען מאַט־בלוי, אַזש גרינבלעך, און ריין, אַן אַ מינדסטן כמאַרעלע, ווי אַן אָפּגעשיילט איי. די זון האָט פריילעך באַלויכטן אַלץ, וואָס עס האָט זיך איר געטראָפן אויפן וועג. דאָס גראָז, אויף וועלכן מען האָט געטראָטן, האָט שעמערירט מיט טוי־בריליאַנטן. דער וואַגאָן איז קלינגענדיק און אונטערטאַנצנדיק אָוועקגעגאַנגען ווייטער. דער גערויש פון די רעדער איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די ביימער. פון אַלע זייטן האָט זיך אָנגערוקט אַ געדיכטע שטילקייט.

די יום־טובניקעס האָבן דערשטויגטע זיך איבערגעקוקט. עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז זיי זענען אַראָפּגעפאַלן ערגעץ אין אַ פאַרכשופטער מדינה: אַלץ איז בלענדנדיק שיין, נאָר אָן לעבן, קיין שפּור פון קיין לעבעדיק באַשעפעניש. אַלץ איז פאַרזונקען אין אַן אייביקן שלאָף...

— נישט שוין זשע זענען מיר די ערשטע?

שלמה האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן זיין פראַגע, ווי פון וואַלד האָט זיך דערטראָגן אַ הילכיקער אויסגעשריי:

— הע־ע־ע־עי!

שלמהן האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז דאָס קול איז אים באַקאַנט, אָבער געזען האָט מען קיינעם נישט. מיט אַ פאַרלוירענעם שמייכל האָט ער זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. באַלד האָט זיך פון לינקס באַוויזן אַ לויפנדי־

קער — נחום אדלער, אַ יונגאַטש מיט ביינער, אַ „פּאַנטאָפּעלעץ". ער האָט מיט די הענט געװרופן צו זיך, געװויזן: „אהין, װייטער, װייטער!"...

אַלע דריי פּיאַטיגאָרסקיס האָבן זיך ווי די קליינע קינדער געלאָזט לויפן אויף זיין רוף. די ברוסט האָט פריי געאָטעמט. די פיס האָבן זיך קוים צוגערירט צו דער ערד. די נשמה האָט געטאַנצט פאַר פרייד, ס'איז געווען: גוט!... אָן סיבות, אָן חשבונות, גוט און שוין. עס איז גוט, וואָס מען איז יונג. עס איז גוט, וואָס גאָט האָט פאַר מענטשן אויפגעשטעלט אַזאַ שיין וועלטל. עס איז גוט, וואָס אַ מענטשן איז דערלויבט אַלץ ליב צו האָבן און פון אַלעמען זיין געליבט.

— נחום, װוּ איז דער שטאַב? ווער איז שוין דאָ?

— קום, וועסט באַלד אַלץ אַליין זען.

אַ מינוט צען זענען זיי געגאַנגען מיטן וואַלד און האָבן באַלד דערזען פאַר זיך אַ ברייטע אַלייע פון נוסנביימער. די אַלייע האָט געהאַט די לענג נישט מער פון אַ פינף, זעקס מעטער, זי האָט זיך פאַרשלאָסן מיט אַ מאַסע יונגע סאָסנעלעך און האָט דערפאַר געהאַט די פאָרם פון אַ געדרוקטער „חית". די זייט אַלייע, וועלכע איז געווען פריי פון ביימער, איז באַשטאַנען פון אַ פלאַכן אַראָפּגאַנג צום דניעפּער. דער טייך איז געווען רואיק און האָט גאַסט־פריינדלעך געשמייכלט קעגן דער זון. רעכטס, אויף אַ קליינעם פּאַראָם, איז געשטאַנען אַ קאָלירטביידל, און דערנעבן אויפן וואַסער, צוגעקייטלט צו קליינע סטויפּטשיקעס, האָבן זיך געהוידעט אַ פּאָר צענדליק שיפלעך, שמאָלע, געטאָקטע, מיט שאַרפע נעזער. דאָרטן האָט געקערט זיין אַ ספּאָרט־סטאַנציע פאַר שווימערס.

אין דער אַלייע, וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרן אויף דעם טאָג פאַר אַ „זאַל", האָבן זיך שוין געפונען אַ צוואַנציק חברים. עס זענען געווען: זעליק פייגנבוים מיט דער פרוי, ער איז ערשט נעכטן אָנגעקומען פון מאָסקווע. געווען אויך זייער ברודער ניסן, אַלע דריי שוועסטער, און מיט זיי — רייזל ליבערמאַן. ס'איז אויך געווען יוסף גאָרדאָן, שמעון קלאַדניצקי, מאיר סעגאַל, משה פרידמאַן און אַנדערע. שלמה מיט די שוועסטער האָבן לוסטיק אַ וואָרף געטון אין דער מאַסע אָן אַלגעמיינעם „גוט־מאָרגן" און באַלד געפרעגט:

— וואָס איז עפּעס דאָ צו טון?

ווייזט זיך אַרויס, אַז טון דאַרף מען זייער פיל. קודם־כל דאַרף מען פאַרגרעסערן די אַדמיניסטראַציע צום היינטיקן באַל. און טאַקע דאָ אויפן אָרט איז שוין באַשטימט געוואָרן: יוסף גאָרדאָן — הויפּט־קאָמענדאַנט; שמעון קלאַדניצקי און נחום אַדלער פון די מענער, דינה פּיאַטיגאָרסקי און טאַני פייגנבוים פון די פרויען — אַלס מיטהעלפער.

קיינער איז נישט געשטאַנען ליידיק. מען האָט געריסן ווייכע צווייגן און מיט זיי אויסגעקערט די אַלייע. צווישן פיר ביימער, וואָס האָבן געביל־דעט אַ קוואַדראַט, האָט מען פעסט צוגעבונדן צוויי טישטעכער אויף איין מעטער העכער פון דער ערד. דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער האַמאַק האָט

געדינט פאר א פאליצע אויף אוועקצושטעלן די קוישלעך עסן. דאס איז געווען נייטיק, כדי דאס עסנווארג זאל נישט „אפגעשיט ווערן“ מיט מור־ראשקעס. יעדער באזונדער האט עפעס געמוזט טון. גארדאן האט פונאנ־דערגעטיילט די ראלן.

שלמה מיט נאך עטלעכע חברים זענען אפגעשיקט געווארן צו דער „באן“, מקבל פנים זיין די געסט און ברענגען זיי אהער. דאס איז געווען די סאמע גרינגסטע, די סאמע פריילעכסטע ארבעט. חבֿרה איז געלאפן אויף און אפ. דאס ווייכע גראז האט גנביש אויסבאהאלטן זייערע טריט און דעריבער פלעגן זיי אלע מאל, ווי פון אונטער דער ערד, אומגעריכט אויסוואקסן צווישן די ערשט אנגעקומענע און מיט שאלנדיקע געלעכטערס, מיט א סווישטשען און מיט א פייפן פירן זיי אין „זאל“ אריין. די קוישלעך אויך דער הענגענדיקער „פאליצע“ האבן אומאויפהערלעך געהאלטן אין איין צוקומען און חבֿרה האט נאך אלץ געפירט פון דער „באן“ פאסאזשירן און פאסאזשירקעס.

קאפיטל XLVI

לויפנדיק אליין איין מאל פונעם „זאל" צו דער ליניע האט שלמה דערהערט קולות פונעם אנגעקומענעם טראנספארט. ווען ער האט צווישן די ביימער באמערקט די נייע שיירא, איז ער שטיין געבליבן אויף זיין ארט ווי פארשטיינערט. ער האט געפילט, אז ער מוז עפעס טון, נאר די אברים זענען אים נאכגעהאנגען ווי געליימט, ער איז נישט אומשטאנד געווען זיי רירן פונעם ארט. ער האט אויסגעזען ווי אין היפנאז, נאר זיינע ברעג־נענדיקע אויגן האבן זיך איינגעזאפט אין דעם באוועגלעכן בילד. דארט זענען געגאנגען: די שוועסטער כאדראוו און מיט זיי—פאלי טולטשינסקי. אלע דריי זענען געווען געקליידעט ווי עכטע קוראַרטניצעס, עלעגאנט און גרוים. זיי האבן לוסטיק באקוקט די גאנצע געגנט און זענען לויטן אויסזען געווען שטארק אויפגעלייגט.

שלמה האט אנגעשטרענגט אלע כוחות און באוויזן אין דער לעצטער מינוט זיך צו באהאלטן. זיי האבן אים נישט באמערקט. אז זייערע שטימען האבן זיך פארלוירן אין ווייטן געריויש פונעם „זאל", איז שלמה ארוים פון זיין באהעלטעניש. ער איז געווען דערשיטערט ביזן גרונט פון זיין נשמה. — וואס קען באדייטן פאלים קומען היינט אהער?... די אויפגע־ברויזטע געדאנקען האבן זיך געפלאנטערט איינער אין צווייטן און איבער־געשלאגן איינער דעם צווייטן:

— גוואלד, וואס זאל עס באטייטן? נישט שוין זשע האט זי חרטה געקריגן אויף איר חרטה? אבער וואס זשע פאר א שייכות האט עס מיט די כאדראוום? צי אפשר גאר פארקערט: פאלי האט זיך פאר זיי פאר־קלאגט, אז זי קען פון שלמהן נישט פטור ווערן, ער פארוויסט איר דאס לעבן. די כאדראוום אליין זענען דאך אויך נישט קיין קליינע בעלנים צו צעשטערן זייערע — אזוי אויך גענוג צעשטערטע — באציאונגען, האבן זיי זי געקענט ארויפפירן דערויף, אז זי זאל אויף היינט קומען אין מיין געזעלשאפט און דא פאר אלע חברים אין די אויגן דעמאנסטרירן איר פאראכטונג צו מיר, דערמיט וואס זי וועט קיין מינדסטע אכט אויף מיר נישט לייגן און אפילו מיך נישט באמערקן... און אזוי ארום וועט זי פטור ווערן פון מיר איין מאל פאר אלע מאל.

שלמה איז בלאס געווארן. דאס איז א טייוולאנישער פלאן. נישט מער, אים האט זיך עפעס נישט געגלייבט, אז די כאדראוום זאלן אזעלכס פאר־שלאגן און פאלי זאל אויף אזעלכס איינגיין. וואס דען? וואס דען אנדערש האט געקענט באטייטן איר וויזיט ביי זיי?... איין זאך איז פאר אים געווען קלאר, ווי דער טאג: פאלים קומען איצט אהער, בחברותא מיט די שוועס־טער כאדראוו, איז נישט קיין צופעליקע זאך... סוף מעשה, במחשבה תחילה...

און דא נאך — רייזל...

ווען שלמה האָט זי אין דער פרי דערזען, האָט ער אפילו מורא געהאַט א קוק טון אין איר זייט אריין...

— און פּאָלי וועט היינט זיין די קעניגין פונעם באַל — טראַכט ווייטער שלמה — גייענדיק דורכן וואַלד האָט זי אזוי געשיינט, אזוי געלויכטן... אפשר ווייזט זיך אים אויס, נאָר ער מעג, דאַכט זיך, שווערן, אז נאָך אזא בילדשיינע פרוי האָט ער נישט געזען אין ערגעץ... ניין! דאָס איז באַשטימט, אויב אים וועט זיך דאָס נאָר איינגעבן, מוז ער זיך געגוי דורכשמועסן מיט איר. ער מוז דערגיין דעם אמת, ווער ער האָט אין איר היינט, א פריינד, צי א פיינט...

ברענגענדיק צום „זאַל" א פרישע פּאַרטיע חברים האָט שלמה באַמערקט, ווי דינה כּאָדראָוו באַקענט פּאָלין מיט רייזלען און די ניי באַקאַנטע שמועסן עפּעס צווישן זיך. אויף רייזלס פּנים האָט שלמה איבערגעלייענט, אז זי ווייסט נישט, מיט וועמען זי האָט זיך באַקאַנט. דורכגייענדיק פאַרביי זיי האָט ער גלייכגילטיק א וואָרף געטון:

— הא, פּאָליא, זדראַוווסטוווי!

פּאָלי האָט זיך העפלעך א נויג געטון אָנשטאָט אן ענטפער.

שלמה האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין נאָך פרישע געסט, נאָר ווען ער איז פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער, האָט ער זיך באַלד פאַרנומען אין א זייט און אומבאַמערקט פון קיינעם האָט ער זיך צוגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר אין „זאַל". פּאָלי מיט רייזלען האָבן נאָך אלץ וועגן עפּעס געשמועסט, דערנאָך מיט א שמייכל זיך געזעגנט און יעדע פון זיי איז אָפּגעגאַנגען אין איר ווינקל. טאַני, ארויפלייגנדיק די האַנט אויף רייזלס אַקסל, פרעגט עפּעס ביי איר. שלמה איז אזוי עלעקטריזירט, אז ער כאַפּט אויף אירע רייד פון די ליפּן אראָפּ. יאָ! עס איז בלתי ספק, ער פילט, אז ער פאַרשטייט יעדעס וואָרט.

טאַני: נו, ווי געפעלט זי דיר?

רייזל: וואָס פאַר א שיינהייט! א פּרעכטיקע בלום! ווען זי זאָל נאָך אין דער פיגור אויך זיין א ביסל שטאַלטנער, וואָלט גאָר, דאַכט זיך, נישט געווען קיין גלייכן צו איר.

טאַני: דינה האָט דיר געזאָגט, ווער זי איז?

רייזל: זי האָט מיר אָנגערופן א נאָמען מיט א פאַמיליע, כ'האָב שוין פאַרגעסן ווי אזוי...

טאַני: אָבער וועגן דעם האָט זי דיר גאָר נישט געזאָגט, אז דאָס דאָזיקע מיידל איז שלמהס האַרץ־קלעמעניש?

רייזל: עס קאָן נישט זיין!... דו שפּאַסט נישט?...

טאַני: פאַר וואָס עפּעס קען נישט זיין, ריי־זע־לע?

רייזל האָט פאַרביסן א ליפּ און איז אָפּגעגאַנגען אין א זייט.

שלמה האָט לאַנגזאַם אוועקגעשפּאַנט צום טראַמוויי.

פּאָלי האָט אויפגעזוכט דינה כּאָדראָוו צווישן די אַרבעטאָרינס, א

שלעפּ געטון זי ביים אַרבל און אָפּפירנדיק זי אין אַ זייט מיט נייגער זיך דערפרעגט:

— דינה, ווער איז אָט די פריילין, וואָס דו האָסט מיך באַקענט מיט איר?

— וועלכע פריילין? האַ, דו מיינסט רייזל ליבערמאַן? אַ, אַזוינע מיידלעך זענען גאָר היינט אויף דער וועלט נישטאָ און צוריק מיט יאָרן וואָלט זי אויך געווען אַ זעלטנהייט. זי איז אַן אמתער שערעוור!

— דערצייל טאַקע, ווער איז זי און וואָס איז זי?

דינה האָט איר איבערגעגעבן אַלץ, וואָס זי האָט געוווּסט וועגן רייזלען. פּאַלי האָט נאָכדענקענדיק געפרעגט:

— זי איז אויך געווען פאַריקן שבת ביי די פייגנבוימס?

— וואָס פרעגסטו עפּעס אַזעלכע נאַרישקייטן? מיר האָבן אפילו אין דער היים איבערגערעדט, ווי זי איז דאָס אַנטציקט געווען פון שלמהס רעדן. זי האָט אים ממש געפרעסן מיט די אויגן... זי איז דעם שבת פשוט געווען איינגעליבט אין אים...

פון דער אַרבעטער־בריגאַדע האָט זיך דערטראָגן גאָרדאָנס „צערטלעך" קולכל:

— ר' דינה בר' כאַדראַוו! כ'בעט איבער אייער כבוד, נאָר דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס, איר וועט זיך נאָך אָנרעדן ווי אַ פויק און דערווייל העלפט, זייט מוחל, סאָרטירן דאָס עסנוואַרג...

דינה האָט זיך געלאָזט לויפן אויפן רוף און פּאַלי איז געבליבן אַליין.

— אָט פאַר וואָס ער איז געווען אַזוי צערודערט אַ גאַנצן שבת־צו־נאַכטס... ער האָט זיך געפונען צווישן צוויי פייערן... אוי־וואַ, מען דאַרף טאַקע זיין שטאַרקער פון אייזן!...

פּאַלי האָט מיט די אויגן אַ זוך געטון רייזלען, זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן און ווי צונויפגעקלעפּט געוואָרן.

לאַנג און דורכנעמענדיק האָבן די צוויי מיידלעך שטום באַטראַכט פון דערווייטנס איינע די צווייטע...

צו דער ליניע זענען זיך צונויפגעקומען אַלע „דורכפירערס" און וועמען צו פירן איז נישט געווען. שוין דער דריטער וואָגאָן פאַרבייגעפאָרן און קיינער קומט נישט אָן. די זון איז שוין געשטאַנען הויך. עס האָט שוין געקערט מסתמא זיין אַכט אַ זייגער. חברה האָט זיך אויף גיך באַראַטן און ס'איז געבליבן, אַז איינער בלייבט ביי דער ליניע דעזשורען און אַלע איבעריקע גייען אין „זאַל" אַריין העלפן וואָס גיכער איינצופירן אָרדענונג.

ווען שלמה האָט זיך נאָר אומגעקערט אין „זאַל" אַריין, האָט מען אים גלייך מאָביליזירט אויף אַן אַנדער אַרבעט. גאָרדאָן האָט שוין באַוויזן זיך צונויפרעדן מיטן פאַרוואַלטער פון דער ספּאָרט־סטאַנציע און אָפּדינגען אַלע שיפלעך אויף אַ גאַנצן טאָג. אַז דער קאָנטראַקט איז געווען געשלאָסן און די שליסלען פון די קייטעלעך זענען איבערגעגאַנגען צו די חברים אין די הענט, האָט מען אָנגעהויבן אַריבערטראָגן די שיפלעך אין „זאַל" אַריין.

צוויי שיפלעך, איינס רייטנדיק אויף דעם צווייטן, וועלן דינען פאר א טיש. איין שיפל — פאר א באנק. פון ערגעץ ווו האבן זיך באוויזן שטריק און זעקס חברה־לייט אין א גרופע, צו דריי פון יעדער זייט, האבן אויף די שטריק איבערגעטראגן די שיפלעך אין דער נוסן־אלייע. ביסלעכווייז האט דער „זאל" אנגעהויבן באמעבלט ווערן. עס האבן זיך באוויזן אויף די טישן: טישטעכער, כוסות. אויף די צווייגן האבן זיך געפענדלט האנטעכער, קאלירטע זאנטיקלעך און זומער־מאנטלען. דער זאל האט אנגעהויבן באקומען אן אויסזען פון אן אמתן סאלאן מיט אלע באקוועמלעכקייטן.

— אך, איר הארעוועט נעבעך אזוי שווער... ווישט זיך כאטש אפ דעם שוויים.

פאלי איז געשטאנען הארט לעבן שלמהן און שמייכלענדיק אים אריינגעקוקט אין פנים.

שלמהס בריגאדע האט זיך אומגעקערט צום ברעג, נאר ער איינער איז געבליבן שטיין ווי איינגעגראבן. מיט א לאנגן קוק האט ער אפגעמאסטן פאלין פון קאפ ביז די פיס און נישט געקענט אפרייסן די אויגן פון איר פנים. זי איז מער נישט געווען אין מאנטל, זי האט איצט געטראגן אן אליוואקאווע * זיידן קלייד, מיט געלע פייגעלעך. די האר, קאקעטיש פארקעמט אויף הינטן, און זייענדיק אונטערגעשפיליעט מיט פארשידענע הארנאדלען, ארומגעשטעקט מיט שיין־געשניצטע קעמלעך, האבן זיי אויסגעזען ווי אן אפגעגילדעטער געפלאכטענער קוילעטש. אין דער האנט א ביינערנער פעכער. אויפן פנים צעגאסן א גליקלעכער שמייכל פון א קינד, וואס רייסט זיך ארוים אויף דער פריי.

שלמה האט זי אנגעקוקט און מיט ווייטיק געטראכט:

— אך, ווי אוממעגלעך עס איז אין דער מילדער פריילין צו געפינען א שפור פון דער טיגערין, וואס האט שבת צו נאכטס אזוי אכזריותדיק מיר אריינגעשטאכן די נעגל אין הארצן אריין.

מיט פארביטערונג און זעלבסט־פאראכטונג האט ער פאר זיך מודה געווען, אז אזוי לאנג, ווי די דאזיקע פרוי וועט שטיין פאר זיינע אויגן, וועט ער נישט אויפגעבונדן ווערן פון איר כשוף, וועט ער שטענדיק בלייבן איר קנעכט, זיך לאזן שפייען אין פנים, טרעטן מיט די פיס און אפילו נישט זוכן קיין רעטונג, קיין אויסוועג פון דער פארשקלאפטקייט.

---

* אזא גרין־בלויער קאליר.

קאפיטל XLVII

— איר זעט מיך צום ערשטן מאָל? וואָס קוקט איר אַזוי?

שלמה האָט זיך געפילט ווי אין אַ לעטאַרגיע. זיין שטאַרער קוק האָט נישט אויפגעהערט צו הענגען אויף פּאַלים געזיכט. ער האָט געשוויגן.

— נו, קוים האָט איר באַשלאָסן נישט צו ענטפערן, גיי איך...

זי האָט באַוויזן צו מאַכן אַ פּאָר טריט, ווי שלמה האָט אויפגעוואַכט. פּאַלין האָט דעריאָגט אַ שטרענגער באַפעל:

— קומט אַהער, טולטשינסקאַיאַ!

אַ פאַרוואונדערטע האָט זי זיך אומגעקוקט און פּאַמעלעך צוגעגאַנגען.

— נאָך וואָס זענט איר אַהער געקומען?

— שוין לאַנג, אַז איך האָב נישט געהערט מיין פאַמיליען־נאָמען פון אייך.

— זייט אַזוי גוט ענטפערן אויף מיין פראַגע.

— אַ־אַ, ווי שטרענג! וואָס האָט איר געפרעגט? נאָך וואָס איך בין אַהער געקומען? איר האָט דאָך געוואָלט, איך זאָל דאָ זיין, איז אָט בין איך דאָ.

— אויב איר ווילט נישט ענטפערן צו דער זאַך, איז זאָגט זשע אַזוי און אונדזער שמועס איז געענדיקט. איך פרעג, ווי אַרום קומט איר אַהער?

— אַך, ווי אַרום, פרעגט איר? ביטע זייער, קיין סודות זענען דערביי נישטאָ. נעכטן אַ זייגער צוויי ביי טאָג, איך האָב נאָר וואָס באַוויזן קומען פון דער פאַבריק און אָפּעסן, ווי עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין די שוועסטערלעך כּאַדאַראָוו. די מאַמע האָט זיי געמאַכט אַ ברוך־הבא: „וואָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַזאַ ערע?" לאָזט זיך אויס: גאָרנישט! פּשוט זיי זענען געגאַנגען פאַרביי, זענען זיי גלאַט אַזוי אַריינגעגאַנגען. דערהערט, אַז איך בין פריי אויף עטלעכע טעג, האָבן זיי אָנגעהויבן בעטן, איך זאָל שוין די מינוט גיין מיט זיי. איצט פאָרן זיי צום דניעפּר זיך באָדן, זאָל איך מיט זיי מיטפאָרן. נאָך דעם זאָל איך שוין פאָרן נעכטיקן צו זיי און מאָרגן — פאָרן מיט זיי אויף אַ פּיקניק קיין פּושטשע־וואָדיצע. אין אמת גערעדט, מיר אַליין האָט שוין אויך באַנג געטון... דעם אויפדער־נאַכט... איר זענט דאַמאָלסט אַוועק אַזוי פּלוצלינג... מילא, דאָס איז נישט וויכטיק. מיט איין וואָרט, איך האָב אָנגענומען זייער פאָרשלאָג און אָט שטיי איך דאָ מיט אייך... זענט איר צופרידן צי נישט?

שלמה האָט מיטן שפּיץ פון שוך אַ גאַנצן גרוב געמאַכט, נאָר קיין ענטפער האָט מען פון אים נישט געהערט.

— איך זע, איר זענט בייז אויף מיר פאַר מיין קומען אַהער. ניין אפשר?

— שטאַרק.

— הייסט עס, איך האָב נישט געדאַרפט איינגיין אויף זייער פאָר־שלאָג?

— אודאי נישט.

— שלמה! זאָגט איין וואָרט און איך פאָר שוין צוריק.

שלמהן האָט עפּעס אַ צופּ געטון ביי דער נשמה. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף איר און זיי באַלד ווידער אַראָפּגעלאָזט.

— נישט איך האָב אייך געבראַכט אַהער, נישט איך האָב דאָס רעכט אייך צוריקצושיקן.

— שלמה, ענטפערט מיר אויף איין פראַגע, מיין קאָפּ קען דאָס נישט באַנעמען. איר האָט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז איך זאָל זיין מיט אייך... פאַר וואָס זשע איצט?... שוין זשע קענט איר נישט פאַרגעסן?... דאָס קען דאָך נישט זיין, איר זאָלט מיט אַ מאָל ווערן אַזוי...

שלמה, מיט גיפט:

— אודאי, ווי דען? עס איז דען דאָ דערביי עפּעס אַן אונטערשיד?... איך האָב געוואָלט, איר זאָלט קומען מיט מיר און געקומען זענט איר מיט מיינע שונאים...

— שלמה! גאָט איז מיט אייך! באַדענקט אייך, וואָס איר זאָגט. די כאַדאַראָווס זענען אייערע שונאים? דאָס זענען דאָך אייערע סאַמע בעסטע פריינד!

— אַך, פאַלי, כאַפּט מיך נישט ביי קיין טעותים, איך בעט אייך. צי איר פאַרשטייט טאַקע נישט, צי איר מאַכט נאָר אַן אָנשטעל און ווילט מיך אָפּנאַרן. שוין זשע קענט איר נישט פאַרשטיין אַזאַ פּשוטע זאַך: אָט איז מאַרוסיאַ קעגן מיר, זי לייגט אַוועק אַלע כוחות אויף צו שטערן מיין גליק. אָבער ווייל דאָס וואָרט געטון אַן אַ הינטער־כונה, נאָר ווייל זי האָט מיך טאַקע פיינט, דערפאַר איז זי פאַר מיר נישט געפערלעך און איך לאַך פון איר געפגרטער באַבען. דאַקעגן, די שוועסטערלעך כאַדאַראָוו זענען גרייט פאַר יעדן פּרייז צעשטערן מיינע פּלענער — דערפאַר ווייל זיי האָבן מיך ליב... דאָס איז שוין געפערלעכער... זיי גייט אין לעבן, אַז איך זאָל זיין פריי, ווייל דינה איז אויך פריי...

— שלמה, וואַרט! וואַרט אַ מינוט! ווו זענען געוועזן מיינע אויגן? ווו איז געוועזן מיין פאַרשטאַנד? מאַ־מע מייניע! איך ווער קליגער פון מינוט צו מינוט. איי־איי־איי! וואָס ווייסט איר דען, שלמה?

— איר וועט מיך מיט גאָרנישט איבעררעשן. זיי האָבן געקענט אָנרעדן אויף מיר דאָס סאַמע ערגסטע און נידעריקסטע און אייך אויפהייבן העכער פון די וואָלקנס. געטראָפן, האַ? נו, דאָס איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך...

— נאָר דאָס? און עצהן מיך, אַז איך זאָל אייך אָנשרייבן, איר זאָלט זיך מיין נאָמען אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ, ווייל איך האָב שוין אַ חתן, אַן אַדוואָקאַט. צייטווייליק — האָב איך געדאַרפט שרייבן — איז ער אין לעגינגראַד, אָבער גאָר אין גיכן דאַרף ער קומען און דאַן פאַרשרייבן מיר זיך אין „זאַגס"*... זיי האָבן אפילו אַליין געוואָלט נעמען ביי מיר דעם

* אַ מלוכהשער אַנשטאַלט, וווּ מען רעגיסטרירט חתונות, נײַ־געבוירענע און געשטאָרבענע.

בריוו אויף איבערצוגעבן אים אייך דורך מנשהן. זיי זענען וויפל מאָל צוגע־שטאַנען צו מיר מיט דעם פאָרשלאַג, נאָר איך האָב נישט געוואָלט שרייבן.

— ווי קומט עס טאַקע?

זיי האָבן זיך ביידע געקוקט אין די אויגן. יעדער פון זיי האָט זיך גע־וואָלט דערגרונטעווען, וואָס טוט זיך ביים צווייטן אין דער נשמה.

אַרום זיי האָט זיך געטומלט. אין „זאַל" האָט מען געמאַכט די לעצטע פאָרבערייטונגען. חברה איז געלאָפן אויף און אָפּ מיט אַזאַ האַרמידער ווי חדר־יינגלעך, וועלכע דער רבי האָט אומגעריכט אָפּגעלאָזט פריי. אייניקע האָבן פאַרביילויפנדיק צוגעוואָרפן נייגעריקע בליקן אויף דעם אָפּגעזונדערטן פּאָרל און זענען ווייטער געלאָפן. שלמה מיט פאַלין האָבן זיך נאָך אַלץ געקוקט אין די אויגן. די בלעטער איבערן קאָפּ און דאָס סאַמעטענע גראָז אונטער די פיס האָבן שטיל, נאָר פאַרעקשנט, זיך געהערט שלמהס פראַגע:

— ווי קומט עס טאַקע? ווי קומט עס טאַקע?

פאַלי איז רויט געוואָרן. די רעכטע וויע האָט אומבאַהאָלפן אונטערגע־טאַנצט און נישט ווילנדיק אויסגעגעבן דעם סוד פון איר באַלעבאָסטע, ווי שווער ס'איז איר צו ענטפערן אויף דער בייסיקער פראַגע. שלמהס אויגן האָבן אַלץ פרעגנדיק געהאַנגען אויף איר פנים און זי האָט זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט:

— איר געדענקט, שלמה, מיט פיל יאָרן צוריק האָט איר מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז עס זענען דאָ זאַכן ביי אַ מענטשן, וואָס אפילו אין אַ שפּאָס אָדער אין אַ ליגן וויל ער זיי נישט ברענגען אויף דער צונג... איי, לאָמיר דער־פון איצט נישט רעדן... פון וואָס האָבן מיר פריער גערעדט?

נאָך אַ היפּשער פויזע האָט פאַלי ווידער אָנגעהויבן:

— מיר איז אַ גרוים חידוש אויף אייך, שלמה. אייך פעלט, דאַכט זיך, נישט קיין אייגנליבע און פון דעסט וועגן, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, זענט איר מיט די כאַדאַראַווס שלום און רעדט מיט זיי...

— איך האָב שוין דערויף פריער געענטפערט. דאָס איז דערפאַר, ווייל אַלץ, וואָס זיי טוען קעגן מיר, איז בלויז פון ליבע. דינהס נשמה איז אויך נישט פון קלאַטשע. באַזונדערס גאָלדע קריכט פון דער הויט. פון תמיד אָן אַ געטרייע שוועסטער...

— אַך, אַך, אַך!... איר שטעלט אייך גאָרנישט פאָר, ווי עס טוט מיר באַנג... עס טוט מיר האַרציק באַנג, פאַר וואָס איך האָב זיך צונויפגעקאָמפּאַ־ניעט מיט די כאַדאַראַווס. שלמה! נו, און פאַררריכטן דאָס, פון וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט שבת צו נאַכטס, איז שוין דען אוממעגלעך? פאַרפאַלן?

— יענע לופטשלעסער, וואָס איך האָב געבויט, זענען אוועק מיטן רויך. דערמיט אַליין, וואָס איר זענט אַהער געקומען מיט די כאַדאַראַווס, האָט עס שוין פאַרלוירן דעם גאַנצן עפעקט.

— איז דאָך טאַקע די בעסטע עצה, איך זאָל זיך אומקערן אין שטאָט אַריין און נישט פאַרשטערן אייך —

— פאַלי! אין אייערע יאָרן איז שוין צייט צו קענען אַ מאָל רעדן

ערנסט אויך. עס האנדלט זיך דען דערינען, ווער פון אונדז עס קען בעסער זאָגן אַ שטעכווערטל? וואָס זענען דאָס פאַר אַ דיבורים, נישט פאַר־שטערן, יאָ פאַרשטערן... איך מיינט, אַז שטענדיק גייען אָן חכמות? דאָ האַנדלט זיך אין מיין פּרעסטיזש. אָט דער גאַנצער עולם אָדער כמעט דער גאַנצער ווייסט שוין גאַנץ גוט, אַז איך גיי אַרום מיט אייך. היוצא לנו מזה, אַז געדאַרפט האָט איר, הייסט עס, קומען מיט מיר און מיט מיינע שוועסטער. קוים זענט איר געקומען מיט פרעמדע, האָט איר שוין דערמיט אַליין געגעבן שטאָף פאַר בייזע צינגער, אַז זיי זאָלן זיך האָבן פון וואָס צו שושקען. איצט, אויב איר זאָלט נאָך באַלד פון אָנהייב אָוועק־פאָרן, וועט דאָס אַרום מיר שאַפן אַזאַ אַטמאָספערע, אַז איך וועל זיך דאַרפן באַגראָבן לעבעדיקערהייט... איז אויב דאָס אָרט אייך נישט, קענט איר אַוועקפאָרן....

— זאָגט, וואָס דאַרף איך טון?

— איר דאַרפט בלייבן. איך גיי אייך נישט זאָגן, איר זאָלט פּראַוון מיט מיר קוצעניו־מוצעניו. איך האָב פון שטענדיק אָן פיינט צו פאַרערן פון עמעצן דאָס, וואָס מיר אַליין איז שווער צו טון. נישט מער, לייטן דאַרפן זען, אַז מיר זענען נישט ברוגז. פון מאָל צו מאָל דאַרפן מיר זיך בייטן מיט אַ פּאָר ווערטער. דאָס זעלבע דאַרפט איר טון מיט מיינע שוועסטער. מיין דינה איז גאָר, דאַכט זיך, אַ מאָל, נישט היינט געדאַכט, געווען אַ חברטע אייערע... אַזוי איז דאָס... איר פאַרשטייט? דאָס גליק, וואָס איך האָב מיר געווונטשן, איז אַוועקגעפלויגן, זאָל כאָטש בלייבן דער לפנימדיקער שלום...

פּאָלי האָט שווער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— גוט, איך וועל מיך באַמיען אויספילן אַלץ ווי איר זאָגט. און אַצינד זאָגט מיר, ווער איז דאָס מיידל, די הויכע מיט די שוואַרצע האָר, וואָס קוקט זיך אַלע מאָל אום אויף אונדז?

— אוי, פּאָלי, איר האָט פאַרגעסן אַ נייטיקע זאַך...

— דהיינו, וואָס?

— אַז אין דער קעגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן און באַזונדערס פון די כאַדראַאָוס, דאַרפן מיר זיך האַלטן פון דער ווייטנס...

— האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה... נאָך דעם, ווי איך בין געווען ביי אייך אויף מלוה מלכה, ווען איר האָט געבראַכט דעם רבינס בילד, איז די נאַרישע גזרה ממילא בטל געוואָרן. בקיצור, ווער איז יענע שוואַרצאויגיקע?

שלמה, נישט אומקוקנדיק זיך:

— אויב איר מיינט די זעלבע וואָס איך, איז זי פון פּאַלטאַווע.

— נישט דאָס פרעג איך. מיך אינטערעסירט אין אַלגעמיין, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מענטש?

— אַ פּרויענצימער.

— טאַקע אויף אָן אמת? און איך האָב געמיינט אַ יעפּיסקאָפּ... ווילט איר, הייסט עס, נישט ענטפערן אויף מיין פראַגע קאָנקרעט?...

— איך ווייס נישט, וואס איר ווילט פון מיר. איך ווייס נאר, אז איר מעגט זיך אין דער ליבערמאן גוט־גוט איינקוקן, ווייל זינט איר לעבט, האט איר נאך אזעלכע מיידלעך נישט באגעגנט, און וויפל איר וועט לעבן, וועט איר נישט באגעגענען... איך פארזיכער אייך, אז דאס איז נישט איבערגעטריבן...

— דאס זענען שוין גאר אנדערע רייד... אט דאס הייסט א רעקאָמענדאציע... מיך וואלט איר זיכער אזוי נישט רעקאמענדירט?

— דאס איז נישט מיין שולד...

— עס פארשטייט זיך, נישט אייערע... דאס זענט איר גערעכט... יא־יא!... זאגט נאר, שלמה, ווי באלד אז זי איז אזא זעלטענע און איר זענט דאך אויך א זעלטענער... דאס ווייסט דאך די גאנצע וועלט...

— איר ווילט גיין אין שדכנות?

— איך מיין נישט אייך צו באליידיקן, איך מיין ערנסט...

— עס קען זייער געמאלט זיין, ווען איך זאל נישט האבן דאס... דאס גליק אייך צו קענען, וואלט אלץ אנדערש אויסגעזען.

פאלי האט מיט א פריידיקן געלעכטער אויסגעשריגן:

— הייסט עס דאך, אז מיינע אקציעס שטייען פון היינט וועגן העכער?

שלמה איז רויט געווארן, ווי מען וואלט אים געכאפט ביי דער האנט מיט א גנבה. ער האט זיך אבער גלייך צוריקגעפונען. א ווײַלע האט ער שטרענג שטודירט אירע געזיכטס־שטריכן און דאן מיט א נישט־צוויי־דייטיקן פארוואורף געזאגט:

— פאלי, איך פארשטיי נישט, צו וואס איז די שפיל? איר זענט, דאכט זיך, נישט באשאפן פון אזא מאטעריאל, וואס קען צו עמעצן אייפערן...

— איך — אייפערן? כא־כא־כא... גאט באהיט!

— ווייס איך דאך, אז ניין... היינט, צו וואס דערפרעגט איר זיך אזוי שטארק וועגן דעם קורס פון אייערע אקציעס? איך אינטערעסירט עס שטארק?

פאלי דערלאנגט אים מיט דער הענטשקע אין דער באק:

— שלמהקע נאר, ווען דאס זאל מיך נישט אינטערעסירן, היינט, צו וואס וואלט איך זיך געשלעפט אהער? דאס לעבן איז מיר נמאס געווארן?...

— שלמהקע נאר, ווען דאס זאל מיך נישט אינטערעסירן, היינט, צו ערנסטן טאן געזאגט:

— נו, עס פאסט נישט פאר פרעמדע אויגן אויף אזוי לאנג זיך אפ־זונדערן. אזוי, אז דערווייל — א גוטן, פאלי.

— הייסט עס, נישט קוקנדיק אויף אלץ, בלויז — דערווייל?

— יא, דערווייל.

ביידע האבן א קוק געטון איינער אויף דעם אנדערן און זיך צופרידן צעלאכט.

קאפיטל XLVIII

ווי די חברה האָט נאָר דערזען, אַז שלמה האָט זיך שוין „באַפרייט“, האָט מען אים תיכּף ומיד מכבּד געווען מיט אַ פּאָר עמער:

— ברענג, זײַ מוחל, אַ מאָל וואַסער פון טײַך.

ווען שלמה האָט זיך אומגעקערט מיט דעם וואַסער, האָט מען זיך שוין געקליבן שטעלן דאַווענען. אויף איבערגעקערטע סלאָאיקעס האָבן געברענט פיל ליכט. שלמה איז געווען טיף גערירט פון דעם פייערלעכן בילד: אַ קליין בית־המקדש אונטערן פרייען הימל. דער דופּטיקער עפּל־ריח פון די מאַסיווע נוסנבלעטער, די ווייס־געדעקטע טישן, די זון, דער דניעפּר, יידישע קרקפּתאָס מיט בליאַסקענדיקע תפילין אויף דעם שפּיץ, די שוואַכע ציטערנדיקע שיין פון די סטעאַרינענע ליכט — דאָס אַלץ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ בכבודיקע פּאַטריאַרכאַלישקייט. באַזונדערס די ליכט אין מיטן העלן טאָג האָבן צוגעגעבן דעם „זאַל“ אַן אָרעאָל פון אַ הייליקער סודותדיקייט.

אַ דערשיטערטער איז שלמה צוגעגאַנגען צו יוסף גאַרדאָן, אַרומגענומען אים און ווינקענדיק אויף די ליכט שטיל געזאָגט:

— אַזוי אין זינען האָבן יעדעם פּיצעלע...

— פּראָווע נישט קיין ווייבערשע שטיק, שטעל זיך צום עמוד!

ווען מען האָט אָפּגעדאַוונט, האָט זיך אָנגערוקט אַזאַ בין־הזמנים־שעה, ווען אַלע מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מען איז פאַרנומען און קיינער טוט גאָרנישט. מען האָט געשמועסט פון פּרישטיק. די אַדמיניסטראַציע האָט זיך ערשט פונאַנדערגעקליבן אין דעם פאַרשיידנאַרטיקן „דרשה־געשאַנק“, וואָס דער עולם האָט צונויפגעטראָגן. חברים און חברטעס האָבן שפּאַצירט גרופּנווייז, ווער אין „זאַל“ און ווער אַרום „זאַל“. פון צייט צו צייט פלעגט נאָך „אַראָפּפאַלן“ אַ פאַרשפּעטיקט פאַרשווינדל, זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן פאַרן גאַרשפּעטיקן זיך, אויסגעטראַכט פאַרשידענע שקרים. ווייסע־חברהניקעס, וויצלינגען האָבן ביי אַזעלכע פאַרזינדיקטע לאַכנדיק געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט? שטיל אויף דער יידישער גאַס?

ביי איינעם פון אַזעלכע פאַרשפּעטיקטע געסט האָט שלמה צוגענומען דעם מאַנטל מיטן שירעם, כדי זײַ אויפצוהענגען ערגעץ. ער האָט אָבער נישט געפונען קיין פרייען פּלאַץ. אַלע צווייגן האָבן זיך שיר נישט איינגעבראָכן פון משא. ענדלעך האָט ער דערזען, אַז נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו די פייגנבוימס זיצן, איז נאָך דאָ אַ שטיקל פרייער פּלאַץ, און זיך געלאָזט אַהין מיטן מאַנטל. פּלוצים איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. צווישן די פאַלטעס אויפן הענגער האָט ער אָנגעטאַפּט אַ פידל אין אַ לעדערנעם פוטליאַר.

— דאָס האָבן מיר פאַר אײַך אַ סיורפּריז צוגעגרייט.

אַן עלעגאַנטע, מיט אַן איידעלן, ווייסן פּנים, מיט אַ גרויסן שיינעם שטערן, מיט וואַרעמע קלוגע אויגן, די האָר ווי לעבעדיקע שלענג צעוואָרפן אויף די קיילעכדיק־געטאָקטע אַקסלען, האַלטנדיק אַ צייטונג אין האַנט — איז געשטאַנען פאַר אים רייזל ליבערמאַן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און שלמה, ווי אַן אָפּגעבריטער האָט צוגעכאַפּט די אויגן. רייזל האָט וואַרטנ־דיק געקוקט אויף אים. עס איז געווען נייטיק עפּעס צו ענטפערן. ער האָט געפילט, אַז עס איז נישט שיין פון זיין זייט אַזוי לעקישעוואַטע שטיין און שווייגן. אַבי עפּעס צו זאָגן, האָט ער כלומרשט מיט אַ בייזער זיך אָנגע־רופן:

— מען דאַרף זיין אַ בעלן שלעפּן מיט זיך אַ פּידל פון דער שטאָט אהערצו. איך דערקען מאַנים שטיקעלעך...

— נישט געטראָפן, חבר שלמה. שוין דאָס ווייפלטע מאָל, אַז איר טרעפט ביי מיר נישט. מאַנקע האָט צו דעם אויפטו קיין שום שייכות נישט. דאָס איז מיינס אַ קוסטאַרנע שטיקל אַרבעט. מיין אייגענער קאַפּריז. איך האָב געוואָלט אייך הערן שפּילן און דוקא אונטערן פרייען הימל...

קעגן שלמהס ווילן האָבן זיך זיינע אויגן אויפגעהויבן פון דער ערד און הונגעריק זיך איינגעזאַפּט אין אירע אויגן, אַזוינע ווייכע, אַזוינע נאָענטע. ווען רייזל איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך אים געדאַכט: דודס פידעלע האָט געשפּילט.

— חברטע ליבערמאַן.

— מיר האָבן זיך גאָר געביטן מיט די יוצרות? אַז איך רוף אייך שלמה, רופט איר מיך שוין ליבערמאַן?...

— אַנטשולדיקט, עס האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט. זאָגט מיר, רייזל, איר האָט אַ מאָל געפּרוּווט שרייבן? שאַפן?

אַליין נישט באַמערקנדיק האָבן זיי פאַרלאָזט די נוסן־אַלייע און זיך געלאָזט גיין באַרג־אַראָפּ צום דניעפּר.

— פאַר וואָס ענטפערט איר נישט, חברטע לי... כ'מיין, רייזל?

— שלמה, וואָס רעדט איר? צו דער רעוואָלוציע בין איך אַלט גע־וואָרן פינף יאָר, היינט, ווי אַזוי האָב איך געקענט ביי די סאָוויעטן ערגעץ שרייבן?

— אָבער פאַר זיך אַליין, כ'מיין ליריק, סאָנעטן, למשל?

— ניין, נישט געפּרוּווט. בכלל האַלט איך נישט פון אוועקלייגן כוחות אויף אַ זאַך דאַמאָלסט, ווען איך בין זיכער, אַז עס וועט פון מיין האַרעוואַניע גאָרנישט ווערן. לויט מיין אָרעמען פאַרשטאַנד, הייסט עס: אַ ווייטער גלגול פון זעלבסטמאָרד.

מוראַשקעס האָבן זיך צעשאָטן ביי שלמהן איבערן לייב. ער איז שטיין געבליבן, געוואָרפן אַ לאַנגן שטעכיקן קוק אויף זיין באַגלייטערין. זי האָט זיין קוק אויסגעהאַלטן. דער שמייכל אויף אירע ליפּן האָט ווי פריער אַי גערייצט, אַי געגלעט ביי דער נשמה. רייזל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר שלמה האָט זי אָפּגעשטעלט:

— וואַרט אויס, זאָגט דערווייל מער גאָרנישט. ווי אַזוי האָט איר געזאָגט? אַ! דאָס איז דאָך עפּעס אַ גאַנצע תורה...

שלמה האָט מיט נישט זעענדיקע אויגן געקוקט ערגעץ אין דער ווייט.

— איר זענט זייער אַ פּראַקטישע פרוי, ריזל. און איך, שוטה, האָב געמיינט, אַז איר פאַרנעמט זיך אויך מיט חלומות און נעכטיקע טעג...

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, זיך אומגעקוקט אויף רייזלען און שולדיק אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב אייך, דאַכט זיך, איבערגעשלאָגן. איז וואָס זשע האָט איר געוואָלט זאָגן?

רייזל האָט זיך נישט געכאַפּט ענטפערן. זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון שלמהן. אָט דאָס יונגע פּאָלטאָוועער מיידל האָט געזען שלמהן אויף דורך און דורך. יעדע מינדסטע באַוועגונג זיינע, יעדעס וואָרט זיינס זיי זענען געגאַנגען טריט ביי טריט און האָבן פאַרטראַכט געשוויגן. דער האָבן איר דערציילט פון דעם גראַנגל, וואָס קומט פאָר ביי אים אין האַרצן. טייך איז שוין געווען גאָר נאָענט. דער וואַסערפלאַך קעגן דער זון האָט אויסגעזען טונקל-גרין, מיט אַ ליכטן שימל ביי די ברעגן. ווייטלעך, אַרויף וואַסער, האָט אַ גליסער* שטורמיש געשניטן די גלאַטקייט פון טייך. אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג האָט אַן איינזאַמער טראַקטאָר געשניטן פּאַסן פון דער ערד אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי אַ דאַלעד, און זיי איבערגעקערט מיטן פייכטן רוקן אַרויף, קעגן דער זון, זיך טרוקענען. יעדעס ברעקעלע פון דער פרידלעכער פּאַנאָראַמע האָט זיך האַרמאָניש איינגעפּאַסט אין דער געטלעכער אידיליע פון דעם געוויינלעכן פרילינגספרימאָרגן און איז געוואָרן אַ טייל פון איר. נישט וואַגנדיק צו שטערן די אַלגעמיינע שטילקייט האָט שלמה קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— איז וואָס זשע האָט איר געוואָלט דאַמאָלסט זאָגן?

— כ'האָב געוואָלט פרעגן, וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן מיך צו פרעגן, צי איך האָב געשריבן לידער?

— האַ, וואָס?... יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי... פאַר וואָס איר — לידער? באַלד, באַלד וועל איך אייך זאָגן... די מינוט טאַקע...

געדויערט האָט דוקא נישט איין מינוט, נאָר אַ ביסל מער פון צען.ביידע זענען געשטאַנען צוגעשמידט צו זייערע ערטער און נייגעריק צוגעקוקט די סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן דניעפּר. אויפן מיטן טייך, אין אַן ערטערווייז אָפּגעקאָלופּעטן, פאַריעריקן שיפל האָט אַ פּאָרל פיש געכאַפּט. ער — אַ יונגער, האַלב-נאַקעטער שגץ: מוסקולדיקע הענט, אַ צעשויבערטער קאָפּ האָר און אַ ברייטע, עטוואָס באַוואַקסענע ברוסט. זי — אַ יונג שיקסל, בלוט און מילך. אויף איר, אַ העל-ראָזע קאָפּטל. אויף די האָר — אַ קרענצל בלוט-רויטע רויזן. אויף די קני — אַ ריזיקער בוקעט פון בעז. מיט ערנסטע פּנימער האָבן זיי געקוקט איינער אויפן צווייטן

---

* אַ טיפּ פון אַ שנעלן מאָטאָר-שיפל.

און מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס זיך איינגעהערט, וואָס אין דעם וואָסער קומט פאָר. פלוצים האָט זי אים אַ ריס געטון פאַרן אָרבל. ער האָט אַ טרייסל געטון מיט דער טשאַפּרינע *, ווי איינער רעדט: „כ'וויים אַליין"! נאָך אַ מינוט, און קעגן דער זון האָט אַ בליאַסק געטון אַ היפּשלעכער קאָרפּ און פון אים האָבן געטריפט טראָפּן זילבער. דער שנץ האָט האַסטיק אָנגע־כאַפּט זיין מיטהעלפערין ביי דער טאַליע און זי צוגעצויגן צו זיך...

שלמה האָט ווי דערשראָקן זיך פלוצים דערמאָנט:

— איז פרעגט איר, הייסט עס, פאַר וואָס עפּעס האָב איך אין אייך חושד געווען אַ פּאָטעמסע?

— איר האָט אַ גוטן זכרון.

שלמה האָט פאַר זיך געזען רייזלען, נאָר נישט געהערט איר ענטפער. זיינע אויגן האָבן זיך ווידער פאַרצויגן מיט אַ נעפּל:

— ווען איך האָב אייך פריער דערזען ביים פידל, זענט איר געווען עפּעס אַזוי... נו, ווי אַזוי זאָגט מען דאָס?... כ'מיין... עס פאַרשטייט זיך, אין מיינע אויגן... בקיצור, עס איז נישט וויכטיק. דער עיקר איז, וואָס קוקנדיק אויף אייך, האָט מיך באַהערשט אַ געדאַנק, אַז נאָר אַזוי האָט געמוזט אויסזען די חנוכה־העלדין יהודית, טראָגנדיק האָליפערנעסעס קאָפּ אין יידישן לאַגער אַריין... פאַרשטייט זיך, ס'איז נאַריש, נאָר וואָס זאָל איך טון, אַז מיין קאָפּ איז אָפן פאַר נאַרישקייטן?... נאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צו אייער מויל וואָלטן זיך זייער צוגעפּאַסט די געפּיל־פולע ווערטער פון דער פּאָעטעסע שרה שאַפּירא: אל ואל מטר, דמעי ירטיבו את הרריך — ציון!... איר געדענקט אודאי... זאָגט מיר, זינגען זינגט איר נישט?... אַך, רייזל! איר פאַרשטייט? הרריך ציון... איצט, דאָרטן... אין דער מינוט... איך האָב שוין צוויי און צוואַנציק יאָר געבראַכט צו קבורה און צו ציון איז נאָך אַזוי ווייט...

שלמה האָט דערפילט, אַז זיין קול האָט מאָדנע אַ ציטער געטון, און זיך אָפּגעהאַקט. מיט אַ מאָל ווענדעט ער זיך צו איר מיט אַ צערטלעכער מינע און מיט אַ זאַפטיקער שטים גיט ער אַ זאָג:

— רייזל, איך האָב פאַר אייך אַ גוט „געשעפט".

רייזל האָט נישט געענטפערט, נאָר זי האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיינע ליפּן.

— פאַר וואָס ענטפערט איר נישט? איר ווילט האַנדלען אַ „מציאה"?

— מיט אייך בשותפות?

— ניין, איך קען צו דעם עסק קיין שותף נישט זיין.

— זאָגט, לאָמיך הערן.

— עס איז דאָ צו טון אַ מצוה, זייער אַ גרויסע מצוה און זי וועט אייך אָנקומען נישט שווער. גלייבט מיר, איר וועט דאָ אָפּטון אַזאַ גרויסע זאַך, אַז איר וועט שוין פאַרשפּאָרן פאַסטן יום־כפור.

---

* פריזור.

— דאָס מוז שוין זיין גאַרנישט אַזאַ גרינגע מצוה.
— בפירוש, נישט קיין שווערע.
— איר מאַכט מיך נייגעריק.
— אָבער איר זאָגט צו?
— אויב איך וועל נאָר קענען, פאַר וואָס עפּעס ניין?
— אודאי וועט איר קענען... די מצוה באַשטייט אין דעם, איר זאָלט מיר אומקערן מיין רו. איך וואָג נישט אויפצוהייבן די אויגן אויף אייך פון שבת פאַר נאַכט אָן. זייט אַ גוטע און זאָגט, אַז איר זענט אויף מיר נישט בייז. דאָס וועט ביי מיר אַ גרויסער יום־טוב זיין. איך פיל זיך זייער שולדיק קעגן אייך...
— שלמה, וואָס רעדט איר זיך איין נאַרישקייטן? פאַר וואָס האָב איך אויף אייך בייז צו זיין? וואָס האָט איר דען אַזוינס געטון, געדענק איך נישט?
שלמה האָט ערנסט געקוקט איר אין פּנים אַריין. ער האָט אַלץ נישט געקענט דערגיין, צי זאָגט זי עס באמת, צי דאָס איז בלויז פון העפלעכקייט.
— רייזל, איך גלייב אייך נאָך נישט. איך האָב זיך נאַריש אויפגעפירט און איר האָט געהאַט אַלע רעכט מיך אָננעמען פאַר אַ גראָבן־יונג.
— נו, ווי פאַלט אייך איין? נאַ דיר גאָר באַליידיקן זיך. אַט האָט איר מיין האַנט דערויף, אַז קיין מינדסטן רוגז האָב איך נישט אויף אייך.
רייזלס פּוכקע הענטל האָט געבראַטן שלמהן די האַנט. זייערע פינגער האָבן זיך צוזאַמענגעקלאַמערט פאַראייניקנדיק צוויי עלנטע און בענקענדיקע נשמות. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי זיך אויסגעדרייט און לאַנגזאַם אַוועקגעשפּאַנט אין „זאַל" אַריין.
— פאַר וואָס שווייגט איר עפּעס, שלמה?
שלמה האָט געקוקט אויף זיינע שפּיץ שיך. מיט אַ צווייגל פון אַ יונגער סאָסנע האָט ער לענגאַוים דעם וועג געראַנצלט אין זאַמד פאַנטאַסטישע פיגורן. אַ ברעם האָט ביי אים נערוועז געציטערט און ער האָט געשוויגן.
— איר האָט געהערט, וואָס איך האָב געפרעגט?
שלמה האָט שטיל אַ זיפץ געטון און מיט אַ סודות־פולער ברוסטוקער שטים פאַרדומפּן געזאָגט:
— רייזל, איר זענט דאָך אַ תנ"ך־קענערין, מוזט איר זיכער געדענקען דעם עפּיזאָד אין מלכים: „און גאָט האָט געזאָגט צו אליהון: גיי, שטעל זיך אויפן באַרג, ווו גאָט דאַרף דורכגיין, און ס'וועט אָנקומען אַ גרויסער, שטאַרקער ווינט, וואָס צעוואַלגערט בערג און צעברעכט פעלזן, נאָר זיי וויסן, אַז נישט אין ווינט איז גאָט. נאָכן ווינט קומט אַ רעש, נישט אין רעש איז גאָט. נאָכן רעש — אַ פייער, אָבער אויך נישט אין פייער איז גאָט. און נאָכן פייער — אַ דינע שטילקייט... אַט דאַמאָלסט האָט אליהו זיך געוואָרפן אויף די קניען..." — מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס, רייזל? עס איז דאָך לעכערלעך, איך גיי נישט פאַרגלייכן, אָבער מערקווירדיק איז

דאָס: ווען איך געפין זיך אין אַ געזעלשאַפט אָדער כאַטש מיט נאָך איינעם צו זיך, דאַן פיל איך קיין מאָל נישט קיין מאַנגל אין קיין רייד. פון דעם, פון יענעם, עס זוכט זיך שוין אויס אַ טעמע. און אין אייער קעגנוואַרט... סטאַיען מיר נישט קיין ווערטער. טאַקע ווייל עס גלוסט זיך זאָגן זייער פיל, זאָגט זיך גאָרנישט...

רייזל האָט פאַרשנורעוועט די ליפּן און וואָרט נישט געענטפערט.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום „זאַל“, האָט זיך דער עולם אקוראַט געוואַשן צום עסן. אויף די טישן איז געווען אויסגעשטעלט פון כל־טוב. די אָנגעקומענע האָבן זיך געוואַשן און פאַרנומען זייערע פּלעצער.

קאפיטל XLIX

ווען דער גאנצער עולם האט זיך איינגעאָרדנט אויף די ערטער, אויסגעטרונקען די ערשטע „לחיים"ס, האבן פיל אָנוועזנדיקע פאָרגעשלאָגן, מען זאָל אויסקלייבן אַ פאַרזיצער אויף דעם היינטיקן טאָג, וועלכער זאָל אָנפירן אַלץ מיט אַ סדר.

עס האָבן אָנגעהויבן פליען נעמען פון קאנדידאטן. יעדער איינער האט נאָך ביי זיך אין דער היים אָנגעמערקט, ווער עס דאַרף זיין פאָרזיצער. איינער האט געוואָלט איבערשרייען דעם צווייטן. דער געפילדער האט פאַרטויבט די אויערן. שלמה האט זיך אויפגעשטעלט און געבעטן עס זאָל ווערן שטיל. ווען עס איז אין גאנצן שטיל געוואָרן האט ער ליבלעך באַקוקט די פאַרזאַמלונג און מיט אַ בנעימותדיקער שטים אָנגעהויבן:

— ליבע חברים מיינע און חברטעס! איך בין שוין באַלד דרייטהאַלבן יאָר אַ קיעווער, נאָר אַזאַ פּרעכטיקן יום־טוב ווי ביי אונדז דאָ היינט האָב איך נאָך נישט בייגעוווינט. דער היינטיקער טאָג איז עפּעס אַן אויסנאַם. איך זע אַרום טיש בלי־גוזמא אַ זיבן, אכט מנינים מענטשן — כן ירבו! בלויז פריינד, בלויז חברים. ווהין איך גיב מיך דאָ אַ קער, טרעף איך אָן אויף הארציקע בליקן, הער איך קלאַפּנדיקע הערצער, פיל איך יוגנטלעכן פייער, פאַרנעמט מיין נשמה די הייליקע צאַפּלען פון טיף־פאַרבאָרגענע האָפענונגען. אין דער לופט פילט זיך דער פרילינג, ביי אונדז איז אויך פרילינגדיק אויפן הארצן. נישט קוקנדיק אויף קיינע שטערונגען גייען מיר מיט דרייסטע טריט אויף אונדזערע עלטערנס וועגן, טראָגן מיט שטאָלץ אונדזערע עלטערנס פאָן, בענקען מיר ווייטיקלעך צו אונדזערע עלטערנס לאַנד... קוקנדיק ווי די נאַטור באַנייט זיך, גיט דאָס אונדז אַריין האָפענונג, אַז אונדזער טאָג וועט אויך קומען, ווי ער איז אין יענער צייט אויך געקומען צו די תלמידי ר' עקיבא. איך באַטראַכט אונדזער אָריגינעל „באַטקעלע" * און עס פאַרפלייצן מיך שיר־השירים־פונקען: הביאני המלך חדריו... קורות בתינו ארזים, רהיטנו ברותים **... קוקט ווי גאַסטפריינדלעך מען האָט אונדז אויפגענומען. אונדז נעמט אַרום דער וואַלד, אַזאַ יום־טובדיקער, אַזאַ אויסגעפּוצטער. צו אונדז שמייכלט דער אור־אַלטער דניעפּר, צעציטערנדיק זיין געפּאַלדערוועטע אומענדלעכע האַרמאָניע, ביז זי פאַרלירט זיך פון אויג. הערט זיך צו, חברים, צו די זיסע טרעלן פון אונדזערע באַפליגלטע שכנים. באַמערקט נאָר די פאַרשייטע זונענשטראַלן, ווי זיי שפּירן אונדז אויס אין אונדזער באַהעלטעניש... ניין, חברים, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, נאָר מיך מאַטערט אַ פאַרגעפיל: ווער ווייסט, ווען מיר

---

* הייזל.

** די באַלקנס פון אונדזערע הייזער, זענען צעדערביימער, אונדזער מעבל — פון טענענביימער.

וועלן קענען נאָך אַ מאָל אַזוי פאַרברענגען? טאַקע דער גאַנצער קיבוץ — און מיט אַזאַ רחבות!... קעגן וואָס זשע איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן? יאָ! קעגן דעם, אַז אויסקלייבן אַ פאָרזיצער אויף היינטיקן טאָג וועט אפשר זיין אַ צו גרויסער כבוד פאַר איין מענטשן, עס מעג זיין ווער עס איז. איך וואָלט פאָרגעלייגט מען זאָל איצט אויסקלייבן אַ פאָרזיצער נאָר אויף איצטיקער סעודה. צו דער צווייטער סעודה — אַ צווייטן. צו דער דריטער — אַ דריטן. זאָלן עטלעכע חברים זוכה זיין צו דער כהונה־גדולה...

שלמהס פאָרשלאַג איז אַלעמען געפעלן געוואָרן און מען האָט רוישיק אַפּלאָדירט. נישט לאַנג געטראַכט האָט גאַרדאַן אויסגערופן:

— שלמה האָט רעכט און ער אַליין טאַקע ווערט אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער אויף דער ערשטער סעודה. ווער האָט קעגן דעם, חברים?

אַ פרישע כוואַליע שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן איז געווען דער ענטפער. שלמה האָט קאַטעגאָריש פּראָטעסטירט:

— חברים, איך בין אייך מוחל דעם כבוד! ווע מען איר ווילט, נאָר נישט מיך.

— נאָר אים! נאָר אים! וואָס פאַר אַן אָפּזאָגן זיך גאָר?

— חברים, איך שטעל אויס מיין קאַנדידאַטור פון אַלע דריי מאָל. ערשטנס וואָלט דאָס געהייסן פּראַצעדנט, נאָך דעם ווי איך אַליין האָב דעם פּלאַן פאָרגעשלאָגן. צווייטנס איז דאָ עלטערס פון מיר. און דריטנס זענען דאָ חשובע געסט...

גאַרדאַן איז נישט אויף קאַטאָוועס ברוגז געוואָרן:

— כ׳וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, שלמה, ווער איז דאָ קאָמענדאַנט? איך צי נישט איך? פון דיסציפּלין האָלטסטו צי ניין? מען פרעגט ביי דיר קיין עצות נישט ווען מען אויסצוקלייבן. מען האָט דיך אויסגעקליבן? זיי!

שלמה האָט אַ קלונג געטאָן מיטן לעפעלע אין פלאַש און אין „זאַל" איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן.

— דאָס ערשטע וואָרט אויף צו באַגריסן די פאַרזאַמלונג באַקומט אונדזער עלטסטער חבר און טייערער גאַסט — זעליק פייגנבוים!

אונטער רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך זעליק אויפגעשטעלט:

— ברידער און שוועסטער! מיט אַ פופצן, צוואַנציק יאָר צוריק האָט קיעוו פאַרמאָגט העכער הונדערט פופציק שולן און בתי־מדרשים. היינט צו טאָג זענען געבליבן דעם פערטל מיליאָן יידן אין קיעוו נאָר דריי פון זיי. אי דאָס אויך מיט שוועריקייטן. פאַר דער מלחמה און בשעת דער מלחמה ביז דער סאַמע רעוואָלוציע זענען אין קיעוו געווען אַן אַ שיעור חדרים און ישיבות. היינט ווייסטו איר אַליין גאַנץ גוט, ביי וואָס מיר זענען פאַרבליבן. און דאָס ביסעלע בוימל, וואָס מען האָט פאַרט איינגעהיט אין דער יידישער מנורה, איז דאָס נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס עס זענען דאָ ביי אונדז אַזעלכע חברים, וועלכע זענען מפקיר זייער לעבן, הפקר גמור, צוליב חזוק הדת. אַזעלכע העלדן, וואָס לאָכן פון יעדער געפאַר, גייען מיט

שטורעם קענען אַלערליי כוואַליעס, ווי שטאַרק זיי זאָלן נישט זיין. ווער די חברים זענען, פאַרשפּאָר איך דאָ אָנצורופן. ווער עס ווייסט — ווייסט במילא, ווער עס ווייסט נישט, וועט פון איצט אָן וויסן, אויב ער וויל דאָס שטאַרק. איז אין דעם נאָמען פון די מחזיקי התורה וויל איך אייך איבער־חזרן נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע, וואָס איר האָט שוין אַזוי פיל מאָל געהערט:

ווער פון אייך עס ווייסט פון קינדערלעך, וואָס מען וואָלט געקענט פועלן ביי זיי און ביי זייערע עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך לערנען יידיש, עס שפּילט נישט קיין ראָל, ווו זיי וווינען, אין קיעוו צי אין צווייטן עק לאַנד, עס איז אויך קיין שום אונטערשיד נישט, צי דאָס זענען פאַרמעגלעכע מענטשן צי ניין. טאָמער אפילו פאַרמאָגן זיי נישט קיין מזון סעודה אחת — פאַר אונדז מאַכט דאָס נישט אויס. אדרבה: הזהרו בבני עניים!... טאָמער מיידעלעך אַזעלכע? אויך גוט! אונדז איז נישט קיין חילוק. אַלזאָ: ווער עס ווייסט פון אַזעלכע, זאָל וועגן דעם מודיע זיין שלמה פּיאַטיגאָרסקי און ער וועט שוין וועגן דעם מעלדן, וווהין מען דאַרף. די קינדערלעך וועלן באַזאָרגט ווערן מיט וווינונגען, מיט עסן, הלבשה, קליינגעלט אויף נאַשע־רייען און בכלל אַלע לוקסוסן, וואָס אַ קינד קען זיך נאָר גלוסטן. אָבער, טייערע מיינע, אָט די פּראָפּאַגאַנדע דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט קאָפּ. מיר זענען אין גלות — און נאָך אין וועלכן גלות — אויב מען גליטשט זיך אויס, חלילה, איז אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע.

אויב איר האָט קרובים אָדער באַקאַנטע, ביי וועלכע מען דאַרף אַרויס־באַקומען אָט די טייערע יידישע נשמהלעך, דאַרפט איר פּאַרזיכטיק־פאַרזיכטיק פאַרפירן אַ שמועס מיט זיי. נאָר אַזוי, כלאחר־יד, גאָרנישט מיינענדיק דערמיט, אַז איר האָט געהערט זאָגן, אַז עמעצער האָט דער־ציילט, אַז ביי איינעם האָט געטראָפן, אַז זיין קינד איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַזעלכע הענט און ס'איז אים גוט ווי דער וועלט. דער חילוק פון אונדזער פאַנסיאָנאַט ביז אַ מלוכהשן איז, וואָס ביי אונדז בלייבט דאָס קינד, אָדער עס ווערט ערשט אַ ייד אין פולן זין פון וואָרט. טאַקע וואַשן זיך צום עסן און נישט אַוועקגיין פונעם טיש אומגעבענטשט. און דאַוונען דריי מאָל אין טאָג, תפילין לייגן, טראָגן אַ טלית־קטן. פון היטן שבת אָדער עסן כשרים איז דאָך אָפּגעשמועסט. דאָס איז אַלץ, וואָס אַמבאַלאַנגט די באַ־דינגונגען און דער דערציאונג.

היינט, דער עיקר טאַקע: מיט יעדן קינד ווערט געלערנט, וואָס פאַר אים איז פּאַסיק. עס איז דאָ אַ כתה פון „עברי" און ס'איז דאָ אַ כתה פון גמרא מיט מפרשים. וואָס פאַר וועמען עס איז אָנגעמאָסטן. נאָר דער עיקר, ברידערלעך, פאַר־זיכ־טיק!... געדענקט, אַז ביי אַ פּלאַפּלער איז מען נישט זיכער מיטן לעבן. פירנדיק אַזאַ מין שמועס מיט די עלטערן פונעם קינד דאַרף אונדזער חבר אָדער די חברטע האָבן בשעת־מעשה אַזאַ שלעפערדיק פנים, אַזאַ מידן אויסזען, ווי דאָ וואָלט דערציילט געוואָרן אַ מעשהלע פון פאַרצייטן און אפילו דער דערציילער אַליין גלייבט אויך קנאַפּ אין זיינע אייגענע רייד. אַט־אַזוי־אַ, קינדערלעך מיינע, דאַרף מען היינט שפּילן די

ראָל פון מפיצי־תורה: מיט אַ האַלבן מויל!... אויב דער קליענט כאַפּט זיך אָן, איז מה־טוב! האָט איר דאָך מצליח געווען. ניין? איז לא אמר כלום, האָט קלים גאָרנישט געזאָגט... איר פאַרשטייט מיך?... און טאָמער חלילה אין טווינסטן פאַל פאַקט מען זיך אַריין אין „חדר" אַריין און די „דריי אותיות" שטייען צו מיט כח: „זאָג, ווו האָסטו געהערט?" — דאַרף יעדער איינציקער זיין גרייט זיך אפילו די צונג לאָזן אָפּשניידן, נאָר זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין איבעריק וואָרט. איין מאָל פאַר אַלע מאָל: „איך געדענק נישט, און — שוין! — נאָך קידוש־לבנה האָט עמעצער דער־ציילט". — „ווער איז דער עמעצער?" — „עס איז געווען טונקל, האָב איך נישט באַמערקט, אַ יונגע לבנה לייכט שוואַך..." אַט אַזעלכע גלעזערנע תירוצים דאַרף מען זיי געבן! אַזוי, אַז אונדזער הייליקע אונטערנעמונג זאָל וואַקסן און קיינער זאָל נישט האָבן צו ווינען דערויף... האָט איר מיך פאַרשטאַנען?

איצט ווייטער: כאָטש עס איז אפילו נישט זייער דעליקאַט צו רעדן פון אַזוינע זאַכן אין אַ מסיבה פון יונגע פרייילינס, נאָר ביי אונדזער איצטי־קער לאַגע, ווען די יידישקייט שטאַרבט אָפּ פון טאָג צו טאָג און פון שעה צו שעה, דאַרף מען אוועקוואַרפן דאָס שעמען זיך. מיר זענען נישט קיין פּיצלעך קינדער, מיר ווילן זיך נישט דערשרעקן. די זאַך באַשטייט אין דעם: טאָמער ווערט ווער פון אייך געוויר פון אַ יידיש ווייבל, וואָס דאַרף גיין אין מקוה, איז דאָך אָפּגערעדט, אַז דער חוב פון דורכפירן עס ליגט שוין אויף איר, אָדער גאָר זיך טאַקע באַמיען געבן צו פאַרשטיין אַ שכנטע צי אַ חברטע די נייטיקייט און די לייכטע מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ מקוה. זי איז ביי אונדז איינגעאָרדנט מיט קאָמפאָרט, ליכטיק, וואַרעם, זייער זויבער און דער עיקר: אויפן העכסטן אופן קאָנספּיראַטיוו.

טאָמער האַלט עס שוין ביי דער נייער קליענטין אין שטוב ווייט פון יידישקייט, איז אפילו נישט קיין „מוז", אַז דער אייגענער מאַן אירער זאָל וויסן, ווּהין זיין מאַדאַם איז אוועקגעגאַנגען. זי קען אויסטראַכטן, אַז זי גייט אוועק אין קינאָ אָדער צו אַ שניידערין און פאַר דער צייט ראַטעווען איר צוקונפטיק קינד פון צו ווערן אָפּגעשטויסן אויף אייביק פונעם יידישן פאָלק. מען דאַרף איר נאָר געבן צו פאַרשטיין: וואָס קען איר שאַטן, אויב זי וועט אַריינגיין אויף צוויי מינוט זיך טובלען אין מקוה, און דאַקעגן, וויפל פאַרריכט זי דערמיט אין דעם גורל פון איר קינד... איך האָף, אַז איר פאַרשטייט אַליין, וואָס מען קען אַזאַ פרוי זאָגן אין אַן ענלעכן מאָמענט. זאָל אייך גאָרנישט אָפּשטעלן, זי מעג זיין אַ קאָמוניסטקע, אפילו אַ פרוי פון אַ נאַרקאָם, דאָס האָט נישט צו דעם. פרויען אין אַזאַ פאַל זענען מערסטן טייל סענטימענטאַל. אַ קלוגע פרוי, וואָס גלייבט נאָר אין גאָט, וועט נישט איינשטעלן דעם גורל אָדער אפילו נאָר די אומבאַפלעקטקייט פון איר קינד, אויב אפילו עס וואָלט איר אויסגעקומען אַ פּאָר מינוט צו ליידן, ווער שמועסט, אַז עס זענען גאָר קיין שום ליידן דערביי נישטאָ. עס זאָל אייך נישט אָפּשטעלן, טאָמער עסט די פרוי טריפות, טאָמער קאָכט זי אום

שבת, עסט חמץ אום פסח אָדער פאַסט נישט אום יום־כפור. צו דעם ענין האָט דאָס קיין שייכות נישט. קוים גייט זי אין וואַסער און טובלט זיך כשר ווי אַ יידישע טאָכטער, האָט שוין אַ ברירה דאָס ניי־געבוירענע קינד צו זיין אַ צדיק גמור. קיין זאַך שטערט אים שוין נישט דערצו.

קיין לעגאַלע מקוה, ווייסט יעדער, איז אין שטאָט נישטאָ. אָבער אומ־אָפּיציעל, ביי אונדז, באַהאַלטן, איז יאָ דאָ. אַלזאָ, אַז איר האָט שוין אַזאַ פרוי, וואָס דאַרפט איר ערשט דאַמאָלסט טון? הערט זשע מיט קאָפּ! אַ צוויי, דריי טעג, איידער די פרוי דאַרף גיין טבילה, דאַרף זי זיך מטריח זיין אָדער איר מאַן, אויב די גאַנצע מעשה איז פאַר אים קיין סוד נישט, און בעסער פון אַלץ איז, אַז די יעניקע פון אונדז, וואָס האָט זי אַרויפגעפירט דערויף, זאָל איר פאַרשפּאַרן דעם גאַנג און צוטראָגן אין קופּעטשעסקע־שול דעם שמש לייבל בלאָוושטיין אַ צעטעלע, אויף וועלכן עס דאַרף זיין אָנגע־שריבן דער אַדרעס פון איר וווינונג, דער נאָמען מיט דער פאַמיליע און אין וועלכער שעה מען קען זי טרעפן אין דער היים. מער גאָרנישט. מען וועט שוין קומען צו איר און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. טאָמער זשע פאַסט איר נישט פאַר די שטוב־מענטשן, עס זאָל אויף איר פאַלן אַ חשד, וווהין זי גייט, דאַן מוז זי אין דעם זעלבן צעטעלע שרייבן, פאַר וועמען עס זאָל זיך אויסגעבן אונדזער שליחטע, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין שום חשד אויף דער בעל־הביתטע. אונדזער אַגענט איז אַ יונגע קלוגע פרוי און פאַר־לירט זיך נישט אין קיינע אומשטענדן. זענען מיר שוין, רבותי, פאַרטיק מיט צוויי פראַגן. די דריטע פראַגע באַשטייט אין דעם:

טאָמער ווייסט איר צופעליק, ווער פון די יידישע יידן עס נייטיקט זיך שטאַרק אין מאַטעריעלער הילף, דאַרפט איר דערפון מודיע זיין אונדזער געערטן חבר שמעון קלאַדניצקי. אָדער, למשל, טאָמער פעלט אַ יידן אַ בינטל ציצית, אַ מזוזה, תפילין, אַ סידור, אַ חומש, נאָך אַזוינע זאַכן פון דברים שבקדושה, — אויך מודיע זיין שמעונען און ער וועט אייך שוין אַלץ צושטעלן. טאָמער זוכט עמעצער אַזאַ אַרבעט, ער זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן אום שבת, פרעגט אים נישט אויף זיין פאַרגאַנגענהייט און ברענגט אים וואָס גיכער צו שמעונען אָדער צו מיר. טאָמער האָט שוין דער מענטש פריער יאָ געאַרבעט אום שבת, דערמאָנט אים דאָס נישט. פון אַזעלכן איז נאָך מער רבותא! זאָגט אים אַ גוט וואָרט. דערוואָרעמט זיין עלנטע נשמה און ברענגט אים צו אונדז. האָט איר אייך דריי זאַכן. על שלשה דברים העולם עומד. און די פערטע זאַך איז, אַז גאָט זאָל אונדז העלפן, אין זכות פון ר׳ עקיבאַ און ר׳ שמעון בן יוחאי, אַז איבער אַ יאָר ל״ג בעומר זאָלן מיר שוין קענען פריי דינען דעם אייבערשטן, זיך נישט דאַרפן באַהאַלטן בחדרי־חדרים מיט האַרץ־קלאַפּעניש, האַלטן די נשמה אין די הענט אַלע מינוט און אַלע רגע פאַר יעדער מינדסטער זאַך — און ס׳איז שוין טאַקע צייט, אַז משיח זאָל קומען!

אַלע געסט האָבן שטייענדיק אַפּלאָדירט דעם רעדנער.

— און גאָט זאָל אונדז העלפן — האָט שלמה איבערגעשריגן דאָס

פליעסקעריי — אַז איבער אַ יאָר ל״ג בעומר זאָלן מיר אונדזער פּיקניק פּראַוועןאויפן הר־הכרמל...

אַ פרישער אויפרייס פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אויפגעטרייסלט דעם וואַלד.

— און גיט איבער אונדזער קלוגיטשקן פּאָרוצער — האָט זעליק נאָך העכער געשריגן — אַז מיט קיין אויסרוף איז ער נישט יוצא, מען דאַרף אַליין זאָגן עטלעכע ווערטער... קיין קאָמבינאַציעס גייען דאָ נישט אָן, ס׳איז אים נישט קיין טאָרגסין!...

דער עולם האָט לעבעדיק אונטערגעכאַפּט:

— אודאי, אודאי זאָל ער זאָגן! ער מיינט, אויב ער איז היינט אין די פעדערן, איז ער שוין פטור?... זאָגן, זאָגן, זאָל ער טאַקע שוין עפּעס זאָגן...

קאַפּיטל L

אויף דאָס ניי האָט זיך צעפּלאַקערט אַ פּליעסקעריי. ווער עס האָט דער־מיט נאָך געמיינט זעליקס אַרויסטריט און ווער עס האָט שוין געפּליעסקעט אויפן חשבון פון דעם קומענדיקן רעדנער. עס איז געווען אַ טומל, אַ הו־האַ, מען האָט רוישיק געלאַכט און געשריגן. איינער האָט נישט געוווסט פונעם צווייטן.

שלמה האָט אַ קלונג געטון מיטן לעפּעלע אין גלאָז און עס איז שטיל געוואָרן.

— מיינע חשובע דאַמען און הערן! עס זאָל אייך צו קיין שאַנד נישט זיין, נאָר איר מאַכט דאָ אַן אַזאַ יאַריד, גלייך ווי איר זאָלט חלילה נישט האָבן קיין פּאַרזיצער, זאָל מאריך ימים זיין, גלייך ווי פאַר קיין פּאַרזיצער דאַרף מען גאָר נישט האָבן קיין יראת הכבוד. רחמנא ישמרנו! ווו זענט איר געוואַקסן געוואָרן? וואָס פאַר אַ הפקרות, וואָס? לית דין ולית דיין?...

דער עולם האָט שטיקנדיק זיך פאַר געלעכטער געשוויגן. שלמה האָט מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט שטיל געזאָגט:

— אַ וואָרט וועגן דער באַדייטונג פון ל״ג בעומר בימי ר׳ עקיבא און לדורות באַקומט אונדזער הייסגעליבטער געלערנטער, אונדזער הויכגע־שעצטער משפיע און מנהל־רוחני, דער וויצע־פּאַרזיצער פונעם „פּאַנטאָפל“ — זכרונו לברכה, — מאיר סעגאַל.

און שלמה האָט דער ערשטער אָנגעהויבן פּאַטשן אין די דלאָניעס.

אַלע אַנוועזנדיקע האָבן געמיטלעך אַפּלאָדירט און מיט אַפּשיי באַ־טראַכט דעם מיטל־וווקסיקן, שוואַרצן יונגנמאַנטשיק מיט די שעמעוודיקע, גוטע, קורצזיכטיקע אויגן. סעגאַל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט ווי אַן אָפּגעבריטער און איז רויט געוואָרן ווי אַ כּלה־מיידל. ער האָט זיך אָפּגע־ווישט דעם שווייס, פאַרריכט די האָר, איבערגעשפּיליעט אַלע קנעפּלעך, זיך אָפּגערוקט אויף צוויי טריט און טאַקע באַלד צוריק זיך צוגערוקט, אויס־געגלייכט דעם טישטעך פאַר זיך, אָפּגערוקט דאָס פלעשל, צונויפגעשטעלט די קעלישעקלעך, ווידער אַ מאָל אָפּגעווישט דעם שווייס און פּלוצלינג זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין לאַנג שטיל און אַלע אויגן זענען געווענדעט צו אים. ער האָט בייז אַ שאָס געטון אין שלמהן מיט זיינע שוואַרצע קאַרשן־אויגן, און אַ בורטשע געטון אונטער דער נאָז:

— שעמט זיך גאַרנישט פאַר לייטן... „מנהל־רוחני“, קיין שענערן נאָמען האָט ער שוין נישט געקענט צוקלערן... אַ בפירושער הלבנת־פּנים...

קיינער האָט זיך אָבער נישט געאיילט נוקם צו זיין אין שלמהן, פאַר וואָס ער האָט אומזיסט מבייש געווען אַ חבר, קיינער האָט נישט געשטערט די שטילקייט, מען האָט געדולדיק געוואַרט. מאיר האָט אויף דאָס ניי אַ פּאַכע געטון מיטן טיכעלע איבערן פּנים, אַ פּאַר ביס געטון דעם גראָבן נאָגל און די שטילקייט האָט צעריסן אַ האַרמאַטן־שטימע:

— מורי ורבותי, פֿאַראַן אין מסכתא יבמות דף ס"ב: כ"ד אלף תלמידי ר' עקיבא מתו בחייו, מפני שלא נהגו כבוד זה בזה. וואָס איז דער טייטש?

*

דריי פֿערטל שעה האָט געדויערט סעגאָלס אַרויסטרעטן. עס האָט געשווינדלט אין קאָפּ פֿון דעם קונציקן געפֿעכט. עס זענען ביי אים געפֿלויגן גמרות מיט מדרשים, זוהרס און מכילתאס. מאיר האָט בריה'ש געפֿלאָכטן דעם דור פֿון ר' עקיבא און בר־כוכבא מיטן דור פֿון יאָר 1932 אין רוסלאַנד, וואָס מוז זיך באַהאַלטן מיט זיין תלמוד־תורה, מיט זיין שמירת־שבת און טהרת־משפחה. מייסטעריש האָט ער אָפּגעמאָלט יעדן עטאַפּ פֿון דער יידישער גלות־היסטאָריע, ווען די לאַנג־דערוואַרטע בר־כוכבאס האָט מען אָנגענומען פֿאַר בר־כוזיבאס, און וואָס עס האָט זיי געבראַכט דערצו.

לאַנג און עקשנותדיק האָט דער עולם געפֿליעסקעט. מען האָט גאָרנישט געוואָלט אויפֿהערן. נישט איין מאָל, נאָר דריי מאָל האָט שלמה געמוזט קלינגען, ביז עס האָט ענדלעך אָנגעהויבן שטילער ווערן. שלמה האָט זיך אויפֿגעשטעלט, שווייגנדיק באַטראַכט די פֿאַרזאַמלונג און מיט אַ פֿאַרבאָרגן שמייכעלע אָנגעהויבן:

— רבותי, די חז"ל לערנען אונדז, ווען אַ ייד גייט דורך וועסנע־צייט פֿאַרביי אַ גאָרטן אָדער אַ וואַלד און זעט: אילנות מלבלבים*, איז ער מחויב מאַכן אַ ברכה און דאַנקען השם־יתברך מיט גרויס געפֿיל פֿאַר דעם, וואָס ער האָט באַשאַפֿן אויף זיין וועלטעלע אַזעלכע אַנטיקלעך, אויף וועלכע עס איז אַ חיות צו קוקן. מאַכט ער אָבער נישט קיין ברכה, דאַן איז ער אַ גוזל את הקדוש־ברוך־הוא, אַן אומדאַנקבאַר באַשעפֿעניש, וואָס איז נישט כדאַי, אַז די ערד זאָל אים אַרומטראָגן. משל למה הדבר דומה? צו אַ בעל־הבית, וואָס ריכט זיך אויף אַ גאַסט און גרייט צו פֿון זיינעט וועגן פֿון הערן און זען און געדענקען. גאָט האָט געהאָלפֿן און ס'איז געקומען דער גאַסט, איז דאָס אָבער, לא עלינו, אַ גולם אָדער גאָר אַ מומר־להכעיס. ער וויל גאָרנישט באַמערקן. ער פֿאַרזוכט נישט פֿון די מאכלים, שמעקט נישט די רויזן־בוקעטן, וואָס זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן אויפֿן טיש ספּעציעל צוליב אים. קוקט נישט אויף די פּראַכטפֿולע קאַנדעלאַבערס, באַוווּנדערט נישט די פּערסישע טעפּיכער — מיט איין וואָרט: ער מאַכט זיך אַ קליינעם צימעס פֿון אַלע הכנות מיטן בעל־הבית צוזאַמען. איז דאָס אפשר נישט קיין פּאַראַזיט, אדרבה, זאָגט איר אַליין...

— אודאי אַזוי, אודאי, דאָס איז אַן אוממענטש, אַן אויסוווּרף...

— איך בין זייער צופֿרידן, מיינע טייערע, וואָס איר זענט איינשטימיק מיט מיר. מיר, חברים, וועלן נישט זיין קיין קורצזיכטיקע און זיך באַמיען הנאה האָבן פֿון אַלץ, וואָס דער אייבערשטער האָט אונדז באַשערט, איאָ אַזוי?

---

* ביימער צעבליען זיך.

— נאָר אזוי, אודאי אזוי, ווי אזוי קען דען אנדערש זיין? נאָר זאָג שוין, וואָס מיינסטו?

— די מינוט זאָג איך אייך, וואָס איך מיין. מיר האָבן היינט זוכה געווען צו א גאסט, וואָס עס וואָלט געווען א רציחה נישט טועם צו זיין פון אים עפּעס. און אזוי ווי מיר זענען ברוך־השם נישט קיין רוצחים און אונדזערע עלטערן זענען אויך קיין רוצחים נישט געווען, דערום האָב איך קיין אנדער אויסוועג נישט און גיב טאַקע רייזל ליבערמאַן דאָס וואָרט.

און מיט א שמחת־תורה־דיקן ניגון אויף א קול:

— יעמוד ליבערמאַן רייזל — שלישי! מי שב — — — — רך...

עס האָט אויסגעבראָכן א גוואַלדיקער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. שלמה האָט דערזען, אז עס איז א מעשה נישט אויף איין מינוט און האָט זיך צוגעזעצט. אין רייזלס ווינקל האָט ער בכיוון אפילו קיין איין בליק נישט געטון. ער איז געזעסן קאַלט און ערנסט, אָבער געהערט האָט ער גוט, אז אין יענעם עק „זאַל" טוט זיך אויף טיש און אויף בענק. חברה האָט זיך אָנגעזעצט אויף רייזלען, נאָר זי זאָל פאָלגן, און זי אמפּערט זיך מיט אלע כוחות:

— גייט אויף אייערע ערטער, וואָס אטאַקירט איר מיך?

— נעמט איר, הייסט עס, אָן פּיאַטיגאָרסקים פאַרשלאָג?

— מער גאָרנישט? איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געפּרוווט צו רעדן פאַר פרעמדע מענטשן. אזא איינפאַל גאָר!

— אָבער פּרוווט, וואָס אַרט אייך? איר פאַרלירט עפּעס דערמיט? פּרוווט נאָר און אז עס וועט נישט גיין, איז נישט...

— אָבער אז איך וויל גאָר אפילו נישט פּרוּוון, צו וואָס איז עס מיר אזוי נייטיק? כ'זאָל אפילו וויסן פאַרלאָזן דעם „זאַל" וועל איך זיך נישט קאָמפּראָמיטירן... מאַלע וואָס שלמהן קען איינפאַלן. ער איז פון זינען אראָפּ, צי וואָס?...

שלמה האָט זיך פלינק אומגעדרייט און א קוק געטון אין רייזלס זייט. זי איז געווען צעהיצט און פאַררויטלט פונעם שפּאַרן זיך און דאָס האָט איר צוגעגעבן דעם זיבעטן חן. שלמה האָט מיט גוואַלד אָפּגעריסן די אויגן פון דעם וווּנדער־שיינעם מיידל און מיט דער האַנט איינגעשטילט דעם עולם. ווען ס'איז גאַנץ שטיל געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַן ערנסטער מינע:

— מיינע אָרעמע שעפּעלעך! רייזל וויל אונדז נישט שענקען קיין פּאָר ווערטער. מילא, ניין איז ניין. וואָס קען מען העלפן? צווינגען צווינגען מיר קיינעם נישט. און בכלל, א געצוווּנגענע ליבע האָט עפּעס א טעם? דאָס וואָס מען גיט נישט פונעם גאַנצן האַרצן, איז שוין גלייכער, אז מען גיט אין גאַנצן נישט, ווייסט איר דאָך אליין גאַנץ גוט. זי וויל נישט — דאַרף מען נישט! נישט מער, איידער מיר זענען זיך אין גאַנצן מיאש פון איר דרשה, וועל איך מיר דערלויבן אלס פאָרזיצער מאַכן א קליינעם אַנאַליז פון דער סיבה פון איר אָפּזאָגן זיך. מיר וועלן דאָ מיט אייך צוזאַמען דערגיין פּאַוואָ־

לינקע, פון וואַנען עס שטאַמט איר עקשנות און וועלכע מיטלען צו דעם, קען מען נאָך פרווון אויסנוצן. דאָס איז שוין אַזוי צו זאָגן אַ ריין טעאָרעטישע פראַגע, וואָס קער זיך שוין מיט דער ווירקלעכקייט גאָרנישט אָן. זי וויל נישט — דאַרף מען נישט, און אויס! איין מינוטקעלע, רואיק, חברים! ס'איז זייער אַן ערנסטע אָפּעראַציע. עס איז נישט קיין שפּילכל צעגליהערן אַ יידישע טאָכטער און הערצו נאָך אַזאַ מיוחסת...

ביים טיש — אַ געלעכטער. רייזל עפּעס זאָגן. שלמה — צו איר:

— חברטע, איר האָט נישט דאָס וואָרט.

און צום עולם:

— אַלזאָ, חברים, נעמען מיר די שפּיץ־בערד אונדזערע, די אָפּגעשוי־רענע, אין די מיילער אריין, פאַרקנייטשן די שטערנס און הייבן אָן צו קלערן מיט אַ ניגון פון „היכיתמצא" *: וואָס איז די מעשה, וואָס רייזל האַלט זיך שטאָל און אייזן, איין מאָל ניין און ניין און כאָטש טו איר עפּעס... זאָל איך זאָגן, אַז זי קען טאַקע פּשוט נישט? איז דאָך דאָס אַ חוכא וטלולא! מיר ווייסן אַלע, אַז זי איז איר טאַטנס טאָכטער און נאָך קיין וואָרט דאַרף זי די האַנט אין קעשענע נישט אַריינלייגן. און בכלל, וואָס איז דאָ צו קלערן? ביי אַזאַ מלומדת, עס זאָל איר נאָר קיין בייז אויג נישט שאַטן, איז דאָך אָפּגערעדט, אַז סחורה איז ברוך־השם דאָ, נישט מער, מען גיט נאָר פּאָר יחידי־סגולה, און נאָר אויף טאַלאָנען, ווי די מאָדע איז היינט... אַ מיידל האַלט פון אַ מאָדע, ס'איז אַן אַלטע מעשה...

אַן אויפרייס פון געלעכטער אין „זאַל". רייזל וויל ווידער עפּעס זאָגן, נאָר שלמה האַקט איר אָפּ מיט אַ שמייכל:

— פריילין ליבערמאַן, בעת מען האָט אייך געגעבן דאָס וואָרט, האָט איר זיך נישט געוואָלט מיט דעם באַנוצן. איצט האָב איך דאָס וואָרט. זייט דיסציפּלינירט...

און צום עולם:

— יאָ, חברים, איז ביי וואָס זשע האַלטן מיר? אַז קענען רעדן, קען זי יאָ. בלייבט טאַקע ווידער דער זעלבער „ורמינהו" **: פאַר וואָס זשע וויל זי נישט? זאָל איך זאָגן, אַז עס שטייט איר פּשוט נישט אָן, זיך באַ־ווייזן מיט איר תורה פאַר אַזוינע פּראָסטע מענטשעלעך ווי מיר דאָ? לייגט זיך דאָס עפּעס אויך נישט אויפן שכל. וואָרעם ווידער צוריק: ווו האָט זי דאָס געזען שענערס פון אונדז? אַזאַ פּרעסטאַריעץ * ווי רייזל איז, אַז בסך־הכל צו דער רעוואָלוציע איז זי נאָך געווען גאָר אַ ברעקל, היינט, וואָס האָט זי אין איר פּאַלטאַווע דאָרטן געקענט אַזעלכעס זען? אוודאי אַנדערטהאַלבן בחורים מיט הריטהאַלבן מיידלעך! און דאָ ביי אונדז, עס זאָל נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, דאַכט זיך, כ'ווייס? — די אויגן צע־

---

* געמיינט — ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין.

** אַ ווידעראַנאַנד, אַ קשיא.

* אַ טיפע זקנה.

לויפן זיך!... עכטע ברילֿיאַנטן... היינט, פאר וואָס זשע טאַקע, פרעגט זיך, זאָל איר נישט אַנשטיין אונדז מהנה זיין מיט אַ גוט וואָרט?... שטילער דאַרט, חברים, אַז אַ פּאָרזיצער רעדט! רואיקער קען טאַקע נישט זיין?!
שלֿמה האָט אָפּגעזופּט פֿון דער גלאָז מיט לימאָנאַד, וואָס איז געשטאַנען פאר אים, און פאַרגעזעצט:

— אלא וואָל דען, מוזן מיר לערנען דעם פשט אַזוי, אַז קענען די מלֿאכה קען זי זיכער! אַנשטיין רעדן פאר אונדז שטייט איר אודאי און אודאי יאָ אָן! איי, וועט איר דאָך פרעגן: „וואָס זשע איז די מניעה?" וועל איך אייך בסוד־סודות אויסזאָגן, נאָר צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן: אַזוי ווי זי איז ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אַ בת־יחידקעלע און נישט ביי אַבי וועמען, נאָר ביי די גרויסע ליבערמאַנס, און דערצו איז זי נאָך, געלויבט השם־יתברך, אַ רבניש אייניקל פון כמה וכמה דורות און די רבנישע דינאַסטיעס האַלטן דאָך אַלע מאָל פאַרריסן די נעזער, קיין גאוות אַנטלייען דאַרף מען חלילה ביי קיינעם נישט, עס סטאַיעט אייגנס... און מיר דאָ האָבן זי וויניק געבעטן... אָט דאָס איז די מעשה. אלזאָ לייג איך פאָר, אַז מיר זאָלן אַלע אין איין כאָר בעטן ביי איר, אפשר וועט דאָס מאָל עולה־יפה־זיין. נו, לאָמיר אַלע אין איינעם:

— מיר בעטן דיך... מיר בעטן דיך... מיר בעטן דיך...

חברה האָט מיט קוראַזש אויפגעכאַפּט דעם ניגון און די גאַנצע געגנט האָט זיך געוויגט: „מיר בעטן דיך"... די ביימער, דער ווייטער דניעפּער, דאָס טראַמוויי־גלעקעלע, אַלץ האָט אַלאַרמירט: „מיר בעטן דיך..." שלֿמה האָט טריאומפירנדיק אַ קוק געטון אויף רייזלען: יענע איז געווען אויסער זיך פאר אויפרעגונג. זי האָט זיך גלייך מיט אַנדערע געקאַטשעט פאר געלעכטער מיט טרערן אין די אויגן און דער שרעקלעכער גלאָק האָט אַלץ מאָנאָטאָן געהודעט:

— מיר בעטן דיך... מיר בעטן דיך...

אַנגעטראָפן אויף שלֿמהס בליק האָט אים רייזל געוויזן אַ קולאַק, ווי איינער רעדט:

— וואַרט אויס, אַז דו וועסט אַ מאָל אַריינפאַלן צו מיר אין די הענט אַריין, וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען...

שלֿמה האָט מיט אַן אומשולדיק פּנים צעגומען די הענט:

— וואָס קען איך העלפן? זעסט דאָך, מען זינגט אַליין...

רייזל האָט עפּעס געוווּנקען שלֿמהן אויף זיין ברוסט און זיגזאַג־אַרטיק געפּירט מיטן פינגער אויף דער דלאָניע. שלֿמה האָט בשום אופן נישט געקענט פאַלן אויפן געדאַנק: וואָס מיינט זי דערמיט? ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און עס האָט זיך אָפּגעריסן דאָס געזאַנג ווי דורך אַ כשוף. יעדן האָט געקלונגען אין די אויערן די פּלוצימדיקע שטילקייט, עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז אַ ווייטער עכאָ חזרט נאָך ערגעץ: „מיר בעטן דיך, מיר בעטן דיך".

— וואָס האָט איר מיר געוויזן, חברטע רייזל? — האָט שלמה גע־פרעגט...

— גיט מיר אייער נאָטיץ־ביכל מיט א בלייפעדער. דאָס מעג איך בעטן?

שלמה, זייער העפלעך:

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד. ביי לייטן בעטן א מאָל פאַראורטיילטע נאָך עפּעס גרעסערס...

עס פּלאַצט אַרויס אַן אַלגעמיינער געלעכטער. רייזל לאַכט מיט. אין צעטעלע, וואָס זי דערלאַנגט שלמהן איז בסך־הכל דאָ איין שורה:

„אומגליק מיינער! גיט מיר כאָטש א רמז אויף א טעמע".

שלמה וואַרפט אָן אויף דעם זעלבן זייטל:

„רעדט וועגן דעם, וואָס אַזוינע רייזעלעך און טאַניטשקעס באַדייטן פאַרן יידישן פאָלק היינט צו טאָג. וועגן דעם אחריות וואָס זיי טראָגן קעגן גאָט און לגבי דער אומת־ישראל. דאָס איז אַן אַנגעווייטיקטע פראַגע".

רייזל לייענט דורך און זויגט זיך איין מיט די אויגן אין שלמהס געזיכט. זי באַמיט זיך אויפכאַפּן דעם פאָדעם פון שלמהס געדאַנק. א צוויי מינוט איז איר בליק צוגעשמידט צו זיינעם, זי לייענט אין אים זיינע כונות. דערנאָך מאַכן זיך לאַנגזאַם צו אירע אויגן. פון אירע קויל־שוואַרצע ברע־מען לייגט זיך א לייכטער שאָטן אויף איר געטאָקט פּנים. גלייך אָבער גיבן די וויעס א ציטער און הייבן זיך אויף. אירע אויגן, געטובלטע אין נשמהדיקער פאַרבאָרגעניש, ווערן נאָך שוואַרצער און ברענענדיקער. איצט זעט זי ווירקלעך אויס ווי א קייזערין, א דערהויבענע, א נישט־היגע. לאַנג־זאַם הייבט זי זיך אויף, נאָך א מינוט שטילקייט, און אין דער נוסן־אַלייע האָט א פידעלע אָנגעהויבן רעדן מיט מענטשלעכע ווערטער...

קיינעם פון די פריערדיקע צוויי רעדנער האָט דער עולם נישט אויס־געהערט מיט אַזא פאַרכאַפּטן אָטעם, אַזוי גיריק זיך נישט איינגעהערט אין יעדער זילב פון זיין מויל, ווי בעת רייזל האָט גערעדט. צי איז עס גע־ווען מחמת דעם, ווייל מען האָט זי נאָך ביז איצט קיין מאָל נישט געהערט רעדן, צי דערינען איז געווען שולדיק די סענסאַציע, וואָס א מיידל באַווייזט אַזא טיפע לומדות און אַזא רייכן רעדנערישן טאַלאַנט, אָדער אפשר גאָר דערפאַר, ווייל דער אינהאַלט פון איר דרשה איז טאַקע געווען אַזא אַקטו־עלער.

זי האָט גערעדט נישט הויך, נאָר האַרציק, צערטלענדיק, גלייך אין דער נשמה אַריין. אירע אויגן, בשעת מעשה, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אָדער אויף יענעם פון די צוהערער, מען האָט געקענט מיינען, אַז זי רעדט נאָר צו אים און אין איין אויגנבליק אַרום, זי שמועסט שוין מיט א צווייטן, מיט א דריטן. אָט אַזוי האָט זי איבערגעשמועסט פּערזענלעך מיט יעדן איינציקן באַזונדער. אַן אַבסאָלוטע שטילקייט האָט אַקאָמפּאַנירט אירע רייד. איר קול איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מעכטיקער, אַלץ פלאַמענ־דיקער.

קאפיטל LI

רייזלס קול האָט געקלונגען איבערן וואַלד און אָפּגעהילכט אין די גרינע וואַסערן פונעם דניעפּר:

... ווען אַ מענטש איז זאַט און אַלעמען, בייסט ער אָן אַן עפּל, קוים איז ער עפּעס ניט אַזוי באַטעמט, וואַרפט ער אים אַוועק. ווערט ביי אים אַ ברויט אַלט־געבאַקן, ברעקלט ער דאָס אויס פאַר די פייגעלעך. ווערט מילך זויערלעך, אַזוי גיסט ער זי אויס אין פּאָמעניצע אַריין. ביי אַ נאָרמאַלן אַרט לעבן, וואָס זעען זיך אָן אַזעלכע קלייניקייטן? אָבער גאָר אַנדערש איז זיך נוהג אַן אַרעסטאַנט. אַ פאַרשמאַכטער זיצט ער איינער אַליין אין קאַמער. פון פּועל־בטלדיקייט טראַכט ער גאַנצע טעג נאָר וועגן עסן. צען מאָל אין טאָג וואָלט ער צוגעביסן און בסך־הכל סטאַיעט אים אפילו נישט אויף איין מאָל צו זעט אָפּצועסן. אָט דער אומגליקלעכער לאָזט שוין נישט פאַרלוירן גיין פון זיין מיטאָג גאָרנישט. יעדעס ברעקעלע ווערט אויפגעקליבן, יעדער טראָפּן ווערט אויסגעזופּט, ער פאַרגינט זיך נישט לייכטזיניק זיך צו וואַרפן מיט שפּייז. דאָס איז ביי אים הייליק. אין אָט די נישטיקע ברעקלעך שטעקט דער סוד פון זיין קיום אָדער אומקום. מיר, מיט אייך, מיינע טייערע, זענען דאָס אַצינד די אַרעסטאַנטן, וואָס מוזן זיך אויפהאַלטן אויף ברויט מיט וואַסער און קענען נישט מותר זיין אפילו אויף קיין איין ברעקעלע, אויף קיין מינדסטן קערנדל, ווייל אין דעם איז אָפּהענגיק אונדזער לעבן, מחמת המציק איז דאָס אונדזער איינציקע דערנערונג.

ווען עס זענען נאָך געווען שנים כתיקונם, ווען אויף יעדער גאַס און געסל — אָדער אַ בית־מדרש אָדער אַ שול אָדער אַ קלויז, אַז נישט איז גלאַט אַ חסידיש שטיבל; בהורים ביז דער חתונה האָבן מער נישט געוווסט נאָר דעם חדר אָדער די ישיבה און אפילו שוין האָבנדיק ווייב און קינדער פלעגן אין קלייט בלייבן די „מענטשן", די משרתים — און דער בעל־הבית איז אַליין געזעסן און בית־מדרש און געקנייטשט דעם שטערן איבער אַ האַרבער סוגיא; די גאַס איז מיט אַלע פּישטשעווקעס געווען אַ יידישע; פון פאַר טאָג אָן זענען יידעלעך געלאָפן מיט די טלית און תפילינס אויף און אָפּ; ביי טאָג האָט דער קול־תורה געקלונגען פון די אָפענע פענצטער, פון די בוידעמער, פון די קעלערס; געקומען דער פאַרנאַכט, איז די „גאַס" געלאָפן צו מנחה־מעריב, צום שיעור עין־יעקב, צום שיעור משניות, צום שאַרפן שיעור און גלאַט צו אַ פּרשה חומש מיט רש"י; נאָך מעריב האָט די „שטאָט" מחדש געווען די לבנה; ווייבער פון די גאַנקעס האָבן זיך איבערגעשריגן: „שלום עליכם, עליכם שלום!"... האַלבע נאַכט האָבן די זקנים אָפּגעריכט „חצות" און דערנאָך שוין געזאָגט תהילים ביז העגערקרייען... אַזוי האָט אַ קיילעכדיקער מעת־לעת גערוט די שכינה אויף דער גאַס. שבת האָבן די שטיינער פון גאַס געשריגן: שבת היום! די הייליקייט האָט שטענדיק געשוועבט אין דער לופטן: ביטע, נעם דיר פולע הויפנס, פאַרנויץ געזונטערהייט און זאָל דיר ווויל באַקומען.

אין יענער גאָלדענער צייט, וואָס האָט אַ יונג יידיש מיידל געהאַט צו זאָרגן? וואָס פֿאַר אַן אחריות האָט אויף זיך געטראָגן די באַלעבאַטישע טאָכטער פֿאַרן יידישן פֿאָלק? וועלכע אויפֿגאַבן האָבן זיך געשטעלט פֿאַר איר אין איר לעבנסוועג? אַז אַלץ האָט פֿאַר איר געטון דער אומפֿאַרמיידלעכער שטייגער לעבן. אַ חתן האָט דער פֿאָטער געבראַכט אין שטוב אַריין. דעם שידוך האָט פֿאַרגעלייגט דער גוטער־ייד אָדער דער ראש־ישיבה. האָבן זיך געיאָוועט קינדערלעך, זענען זיי פֿון פֿיר, פֿינף יאָר אָן איבערגעגאַנגען אין רשות פֿון דעם מלמד. און פֿון זיך אַליין, כמעט אָן איר אָנטייל, איז געוואַקסן אַ דור פֿון יידן און יידישקייט. נעמען, למשל, אַזוינע זאַכן ווי: כשרות, צניעות, מצות, צי יום־כפור, איז עפּעס אַ רבותא געווען? דעם קינד אַ טלית־קטן, צו דער טיר — אַ מזוזה, אַ כשרע יאַטקע און שבת ליכט־צינדן איז עפּעס פֿאַר דער יידישער טאָכטער אַ פּראָבלעם געווען? אָן איר ווילן איז זי מיטגעכאַפּט געוואָרן מיטן שטראָם. די כוואַליעס האָבן געטראָגן דאָס שיפֿל אין דער גוט־באַקאַנטער ריכטונג און נישט מער ווי אַלס פּאַסאַזשיר איז זי, די יידישע טאָכטער, אויך מיטגעפֿאָרן.

אָבער היינט?

יענע אידיליע איז פֿאַרשוווּנדן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע. ווילסטו — גלייב, ווילסטו — גלייב נישט. דו האָסט רעכט צו טראַכטן, אַז עס איז גאָר אַן אויסגעטראַכט מעשהלע, נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, און מיר יידישע יונגע מיידלעך שטייען ביים היינטיקן טאָג פֿאַר זייער גרויסע אויפֿגאַבן. אויף אונדז ליגן שווערע, הייליקע פֿליכטן. מיט יאָרן צוריק, אַז אַ מיידל פֿלעגט זיך קליידן מיט געשמאַק, געלאָזט זיך מאַכן אַ שיינע פֿריזור, גערעדט אויף רוסיש אונטערגעשלאָגן מיט פֿראַנצויזיש, האָט איבערגעלייענט אַ מאה האַרצרייסנדיקע ראָמאַנען: קאַנאַן דאָיל און דיומאַ, זשול ווערן און טשאַרלז דיקענס, געזונגען עטלעכע מאָדערנע לידלעך, געזען עטלעכע באַוווּסטע פֿילמען אין אילוזיאָן אָדער טעאַטער־שטיק, ווער שמועסט, אויב צו דעם אַלעמען האָט זי נאָך געקענט „קריאת־שמע" אויף אויסנווייניק, קידוש און בענטשן, האָט שוין מיט דער „מאַמזעל" געקלונגען די שטאָט, אַז דאָס איז אַ מושלמת, אַ מתנה פֿון זיין ליבן נאָמען, אַ געבענטשט קינד, אי צו גאָט אי צו לייט. דאָס איז אַלץ געווען פֿאַר צייטן. היינט אָבער זענען אָט די אַלע מעלות־טובות בלאָטע שבבלאָטע. די גאַס פֿאַר אַ רעליגיעזן מענטשן איז אויסגעפֿלאַסטערט מיט דינאַמיט. איין גלייכגילטיקער טריט, איין אומפֿאָרזיכטיקער שפּאַן — און ס'קען זיך ענדיקן מיט אַן אויפֿרייס.

אַ מאָל, קלייבנדיק זיך אַ חתן, האָט זיך אַ מיידל געקענט דערלויבן, לייגן פֿיל אַכט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען, אויף זיין וויליונגערישקייט. פֿאַר סאָציאַל־געפֿערלעכע טיפּן האָט זי נישט געדאַרפֿט מורא האָבן, ווייל אַזעלכע זענען בכלל נישט געווען בנמצא אויף דער יידישער גאַס. און טאָמער אפֿילו איז דאָס בחור'ל געווען נישט אַזוי פֿרום: ער זיצט ביי „ויברך דוד" צי ער האַלט די פֿיס צענומען בשעת „קדושה", צי ער האַלט נישט

פון טראָגן אַ קאַפּל אונטערן קאַשקעט, וואָס עס זאָל נישט זיין, וועט זיך דאָס אויך ענדערן מיט דער צייט: פרייקייט איז אַ ייִנגלשע קרענק! דער שווער וועט אָנהייבן צוקוקן, די שוויגער אכטונג געבן. אַ ביסל דאָס שטיבל, אַ ביסל דער „הויף“, עס וועט פאַרגיין זיין פריי דענקען, ווי עס פאַלן אָפּ ביי אַן עופעלע די ערשטע פעדערלעך. צי קענען מיר אויך אַזוי שטעלן די פראַגע פאַר זיך, ווען עס קומט צו רייד וועגן אַ שידוך? חלילה וחס! בשום אופן נישט. אַ מיידל פון אונדזער געזעלשאַפט דאַרף ביי היינטיקן טאָג וויסן, אַז טאָמער מאַכט זי אַן אומפאַרזיכטיקן שריט, ווי ביים צונויפגיין זיך מיט אַ מענטשן אויפן גאַנצן לעבן, ביי אַזאַ ערנסטער פראַגע איז זי אַ פאַרפאַלענע! קיין זאַך וועט איר נישט קומען צו הילף. דער פאָטער אירער האָט שוין קיין השפעה נישט אויפן איידעם, קיין ייִדישע סביבה אויך נישט — און ווו איז זי דען פאַראַן? — און דאַן קייקלט זי זיך אַראָפּ־אַראָפּ און מען דאַרף לחלוטין נישט זיין קיין דיפּלאָמאַט, כדי פאָרויסצוזאָגן, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט איר שטוב זיין אַסימילירט אין פולן זין פון וואָרט. זי — אונדזער אַנאָנימע פאַרבלאָנדזשעטע ייִדישע טאָכטער, וועט אַליין נישט באַמערקן, ווי אַזוי אַזאַ זאַך איז מיט איר געשען. אַ שיין ייִנגל איז אודאי אַ יצר־הרע, עס איז נישט גרינג ביייצושטיין אַזאַ נסיון. נאָר מען מוז זיך אָבער אָפּגעבן אַ דין וחשבון: וואָס טראָגט מיט זיך דאָס ייִנגל אין האַרצן פאַרן ייִדישן פאָלק? ווי אַזוי וועט ער מדריך זיין זיין צוקינפטיקן דור? צי ווייטיקט ער פאַר יעדער ייִדישער נשמה, וואָס ווערט פאַר אונדז פאַרלוירן, צי דאָס איז אַ מהיכא־תיתי־ייִד מיטן באַרימטן ווערטל אויף דער צונג: „אַז גאָט איז ליב, איז מיר ניחא“.

אָט ווי אַ קליינע גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אַ שיף־אונטערגאַנג. זיי געלונגט זיך צוצושלאָגן צו אַן אומבאַוווסטן אינדזל. דאָס אינדזל איז באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן סודות־פולן וואַלד. עס איז מעגלעך, אַז אין אים באַהאַלטן זיך מענטשן־פרעסערס, מעגלעך חיות־רעות. וואָס טוט אַזאַ גרופּע? מען האַלט זיך צוזאַמען! מען טרעט נישט אָפּ איינער פונעם צווייטן אויף קיין שריט. ווייל אויב די געציילטע פליטים זאָלן זיך צעקריכן אין אַלע זייטן, און אויב יעדער זאָל זיך לאָזן אויף אַן אינדיווידועלן אופן זוכן זיין גליק, וועט זיכער פון זיי אַלעמען קיין שריד ופליט נישט בלייבן. דער וואַלד וועט זיי איינשלינגען. יעדער פון זיי וועט אַנטרעפן אויף אַן אַנדער מיתה־משונה און נאָר די ביינער זייערע וועלן דערציילן דעם רייזנדיקן, אַז דאָ האָבן זיך מענטשן פאַרלוירן איינציקווייז, אויסגעהויכט זייערע נשמות פאַר דער צייט, ווייל זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אַזאַ קליינעם אמת, אַז דער גאַנצער כוח זייערער שטעקט נאָר דערינען, אויב זיי וועלן זיך האַלטן האַנט ביי האַנט, העלפן איינער דעם צווייטן אין אַ נויט. צוזאַמען שאַפן אַ קאָלאָניע, געפינען לעבנסמיטלען, ביז עס וועט קומען די גומע שעה און אַ רעטונגסשיף וועט זיי באַפרייען.

מיינע טייערע פריינט! עס איז דאָך אַ שרעק אַ טראַכט צו טון, אַז אָט מיר דאָ, אָט די פאָר צענדליק מיידלעך, וואָס איך זע פאַר זיך, שטעלן

מיט זיך פאַר דעם גאַנצן אָדער כמעט דעם גאַנצן שטאָט יידישע מיידלעך פון אַזאַ גרויסן צענטער ווי קיעוו, פון אַ פערטל מיליאָן יידן, וועלכע ווינען דאָרט. דאָס אַליין איז דאָך גענוג שווידערלעך. הײַנט, אויב אונדזערע מיידלעך זאָלן נאָך וועלן זיך לייכטזיניק אויפפירן ביי דער פראַגע פון אונדזער צוקונפט, וואָס זשע פאַר אַ דור קען שוין ביי אונדז אויסוואַקסן ?... און טאָמער רעדט זיך עמעצער פון אונדז איין: „ווייס איך, ס'איז נישט אַזוי די מעשה! מיין געליבטער מעג זיך זיין וואָס ער וויל זיך, נאָר קוים איז צווישן אונדז אַ שטאַרקע ליבע, וועל איך אים שוין מיט דער צייט אויסבעסערן; נישקשה, מיר צוליב וועט ער פרומער ווערן!" — מיינע ליבע פריינט! דאָס איז אַ לעכערלעכע איינרעדעניש און דער עיקר: אַ פאַלשע און בלתי ספק אַ שעדלעכע! נישט זי וועט אים אַריבערפירן, נאָר ער זי. נישט זי וועט אים יידישער מאַכן, נאָר ער זי פאַר אויס ייד. ווייל אים העלפט די גאַס, אויף אים אַרבעט די לופט, מיט וועלכער מיר אָטעמען. אַלע אומשטענדן פון אויפשטיין ביזן לייגן זיך העלפן נאָר אים און נישט איר. אַ מיידל, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ שידוך אויף „איבערמאַכעריי", מעג מען אויף זיכער אויסשטרייכן פונעם צעטל יידישע ווייבלעך. און בכלל דאַכט זיך מיר, קען מען אָפטראַגן — דאָס אויסשטעלן דערויף, וואָס עמעצער קלערט ביי זיך: „איך בין גייסטיק שטאַרקער פון יענעם און וועל אים אַריבערפירן אויף מיינעם" — פאַר זייער אַ ריזיקאַלער סברא און עס איז בכלל אַ גרויסער ספק, צי ביי דערוואַקסענע מענטשן קען זיך דאָס עמעצן איינגעבן, נישט נאָר דוקא ביי פרויען, נאָר אפילו ביי מענער... דאָס איז פון די אילוזיעס, וואָס פיל טראָגן זיך אַרום מיט זיי, אָבער ביי קיינעם ווערן זיי נישט פאַרוואַנדלט אין ווירקלעכקייט.

שלמה מיט פאַלין באַגעגענען זיך מיט די אויגן. זיי קוקן שטאַר איינער אויפן צווייטן, ווי זיי זאָלן זיך האָבן דערזען צום ערשטן מאָל.

... און נאָך דעם, ווען פון אונדזערס אַ מיידל ווערט שוין אַ מאַמע, וואַקסן אויס אירע פליכטן פאַרן יידישן פאָלק אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך. ביז מען קען זיך דערלויבן אַריינצונעמען צום קינד אַ מלמד, מוז עס שוין אַלט זיין אַכט, צען יאָר. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס קינד מוז שוין צו יענער צייט פעאיק זיין צו האַלטן אַ זאַך בסוד־סודות, אַז קיין חבר זאָל ביי אים נישט וויסן, אַז ער לערנט יידיש, ווייל קוים ווערט מען געוויר פון אַזאַ זאַך, איז דער פאָטער מיטן מלמד פאַרפאַלן אויף היפשע עטלעכע יאָרן. נו, און ווי באַוווּסט, איז אַ קינד אין די צענער יאָרן שוין אַ מענטש מיט אַ געוויסער מאָס געפילן און פאַרשטאַנד. אַ קינד, וואָס איז גוט אַנטוויקלט, קען ביי צען יאָר שוין אַלץ טיף באַנעמען, געטריי מיטפילן. מיט איין וואָרט: ער קען שוין זיין אַ פּאַטריאָט פון זיין פאָלק. דער עיקר, אַבי ער שטייט נאָר איין אין גוטע הענט. ווער זשע זענען דאָס די הענט, וואָס דאַרפן אים אָדער זי, יאַנקעלען, יאָסעלען, משהלען אָדער חנהלען, אסתרקען, רבקהלען, ווער דאַרף דאָס מאַכן פון זיי יידישע פּאַטריאָטן, איידער זיי מוזן אָפּגעשיקט ווערן אין די מלוכהשע שולן, איידער זיי מוזן

נעבעך עפּענען זייערע ליבע מוחלעך פאַר פרעמדער, פיינטלעכער השפעה? אויף וועמען איז דאָס חל אויסצוקנעטן זייער הערצעלעך, אויסשטודירן מיט די שוואַכינקע מוחלעך, אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום זיי: די שול, די גאַס, די חברים — דאָס אַלץ איז נישט זייערס, דאָס אַלץ איז אויף אומצוגאַס ברענגען זייער טאַטע־מאַמע, ווייל זיי זענען יידן — ווער? ווער דאַרף עס אָנלאָדן דעם דאָזיקן באַגאַזש אין די קינדערישע הערצעלעך ביי צייטנס, רעגלמעסיק און אומאויפהערלעך? ווער, אויב נישט מיר, רעליגיעזע מיידלעך און צוקינפטיקע מוטערס?

אויף די פאָטערס פון די קינדער קען מען זיך אין דעם זינען כלל נישט פאַרלאָזן. וואָרעם אָפּן גערעדט, ווער זענען די צוקינפטיקע טאַטעס פון אונדזערע קינדער? די בעסטע טאַלאַנטן, וואָס טרעפן זיך צווישן אונדזערע חברים, מוזן מיט אַ טיפן קרעכץ אָראָפּגעלייגט ווערן ערגעץ ווייט און מיט שטויב באַדעקט ווערן, ווייל אויסנוצן זיי אין לעבן איז פאַרבונדן מיט חילול־שבת און אַלגעמיינע שוועריקייטן. דערפאַר מוזן זיי זיך נעמען פאַר די טרויעריק־באַרימטע פּראָפעסיעס, ביי וועלכע עס איז נאָך דערווייל מעגלעך צו היטן שבת. די מינים אַרבעטן געדענקען מיר אַלע זייער גוט: שמאַטעס־קלייבעריי, איינבינדעריי, נאַכטוועכטער און סתם שוואַרץ־אַרבעטער. און ווייל די אַרבעטן ווערן זייער ביליק באַצאָלט, מוז מען שוין אַרבעטן איבער די כוחות, זיך אַליין עקספּלואַטירן צען־צוועלף און אַ מאָל אויך פופצן שעה אין מעת־לעת. איצט פרעגט זיך, ווען קען זיך שוין אָט דער אומגליקלעכער מאַן אונדזערער אָפּגעבן מיט אַ קינד? זאָרגן פאַר זיין נשמהלע, פאַר זיין גייסט? ניין, ניין! ער האָט זיין פּעקל געגנוג אַזוי אויך. אַז ער פאַלט שוין אַריין אין שטוב אַריין אַ האַלב־טויטער, קען ער שוין דאָס קינד מיט גאָרנישט אין זינען האָבן, אַזוי אַז די גאַנצע פליכט ליגט טאַקע נאָר אויף אונדז.

אונדזערס אַ מיידל דאַרף זיין צוגעגרייט צו דער הייליקער אויפגאַבע. מיר מוזן גרונטלעך קענען תנ"ך. מיר מוזן קענען די יידישע געשיכטע פון בראשית ביזן היינטיקן טאָג. מיר דאַרפן צוזאַמען מיט אונדזער מילך געבן דעם קינד זויגן אויך אונדזער איבערגעגעבנקייט דעם יידישן פאָלק און זיינע אינטערעסן. דאָס וויגליד, וואָס מיר זינגען ביים קינדס בעטעלע, דאַרף זיין דורכגעזאַפּט מיט מסירות־נפשדיקער ליבע צום יידישן גאָט, צו דער תורה, צום יידישן פאָלק, צו דער העברעאישער שפּראַך און צום יידישן לאַנד. מיר דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז די קינדערישע טרוימען זאָלן זיין וועגן ארץ־אבות און וועגן דער ענדלעכער גאולה. מיר דאַרפן צושטעלן דעם יידישן פאָלק ווערטפולע מענטשן! אמתע פאַרטרעטער פון די תלמידי ר' עקיבא, וועלכע זענען געפאַלן אין די איצטיקע טעג מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק. אונדזער דור דאַרף קענען פאָדערן זיין לאַנד צוריק און באַקומענדיק עס אויפבויען עס אויף אַ געהעריקער הייך, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עם־הספר, פאַר אַ פאָלק אַ מובחר שבעמים. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קענען טון מצדנו און דער אייבערשטער פון זיין צד זאָל שוין העלפן, אַז אונדזער דור זאָל שוין זיין דער דור של משיח. געגנוג געוואָרט!

קאפיטל LII

די לעצטע ווערטער זענען פארהילכט געווארן פון א קאנאנאדע פון אפלאדיסמענטן. נאענטע חברהטעס האבן רייזלען געקושט. ביי אנדערע זענען געשטאנען טרערן אין די אויגן. אלע האבן זיך א ווארף געטון איר דריקן די הענט. שלמה איז קאלט געזעסן אויף זיין ארט. ער האט נישט געפּליעסקעט, נישט געשריגן „ביס“, אפילו נישט געקוקט אין איר זייט. ער האט געהערט, ווי ענטפערנדיק אויף די האנטדרוקן מאכט זי חוזק פון זייער התפעלות, רופט זיי אן: פראווינציאלן, היצקעפּ. שלמה האט געפילט, אז רייזל ווייסט, אז זי האט היינט אויסגענומען ביים עולם. אויף זיין געזיכט האט ער געפילט איר זוכנדיקן בליק. רייזל האט געחלשט כאטש נאר א קוק טון אים אין די אויגן, אים, דעם שולדיקן אין איר טריאומף, דעם אכזריותדיקן פאנגער פון איר נשמה. ער האט אבער די אויגן נישט אויפגעהויבן. אים האט גאר בשעת־מעשה פארכאפּט אן אנדער בילד:

דינה כאדאראוו מיט דער שוועסטער זענען אוועק צו רייזלען אויסדריקן איר זייער אנטציקונג און פאלי איז געזעסן איינע אליין, די אויגן אראפּגעלאזט, דאס פנים אויסגעבלייכט. שלמהן האט אנגעכאפּט ביים הארצן איר אומעטיקייט. ער איז ארויסגעגאנגען פון זיין ארט און שטילערהייט זיך צוגעזעצט לעבן איר. זי איז געווען פארזונקען אין טיפע געדאנקען און גארנישט געהערט. שלמה האט זי לייכט אנגערירט ביים ארבל און צערטלעך געפרעגט:

— וועגן וואס טראכט איר אזוי שווער, פאלי?

פאלי האט זיך ראש אויסגעדרייט, גלייך א קוק געטון שלמהן אין די אויגן און שמייכלענדיק ארויסגעשטאמלט:

— אנטשולדיקט, איך האב מיך פארטראכט...

— דאס האב איך אליין געזען. איך פרעג, וועגן וואס אזוינס?

— וועגן וואס? איך וויים וועגן וואס? כ׳ווייס אליין נישט. נארישקייטן. מיר האט זיך געדאכט, אז... נו, אז... מיט איין ווארט, גארנישט.

שלמה, מיט א גוטמוטיקן געלעכטער:

— אבער אפשר מעג איך וויסן דעם גארנישט?

פאלי האט זיך געוואקלט, געביטן זיך אין פנים און געשוויגן.

— צי מעג איך פרוון טרעפן, וועגן וואס איר האט געטראכט?

— אבי איר קענט נאר — טרעפט! — האט פאלי לאכנדיק געענטפערט.

— איר האט געטראכט וועגן דעם, אז נאך רייזלס דרשה וועלן געוויס שלמהס באציאונגען צו אייך אננעמען אן אנדער פארם.

פאלי, רויט ווערנדיק:

— וואס נאך וועט איר אויסטראכטן? איר מיינט א פנים אויף אן אמת, אז שטענדיק טראכט איך נאר וועגן אייך... וואס פאר אן עגאיזם!...

— איך האָב נישט געזאָגט שטענדיק, איך האָב געזאָגט — איצט!
— איצט אויך נישט.
— עס איז גאָרנישט אַזאַ גרויסער שבח פאַר אייך... זאָגט איר, הייסט עס, אַז איך האָב נישט געטראָפן?
— אודאי נישט.
— עס טוט מיר זייער לייד, נאָר איך מוז אייך זאָגן, מאַדמואַזעל טולטשינסקאַ, אַז איר האָט פאַרשפּעטיקט.
— וואָס האָב איך פאַרשפּעטיקט?
— מיט אייער זאָגן „ניין" האָט איר פאַרשפּעטיקט, ווייל אייער פנים האָט באַלד מודה געווען, אַז יאָ, אַז איך האָב ריכטיק געטראָפן.
— היינט, צו וואָס דאַרפט איר גאָר פרעגן ביי מיר? ווי באַלד, אַז מיין פּנים דינט ביי אייך אַלס קאָרעספּאָנדענט?
שלמה האָט זיך הילכיק צעלאַכט פון דעם וואָרט „קאָרעספּאָנדענט":
— פרעגן, פאַלי, מוז איך. אַנדערש וועט דאָס פּנים נישט וויסן, אויף וואָס מיר צו ענטפערן.
— און אייך אינטערעסירט עס דען אַזוי שטאַרק?
— ווען עס זאָל מיך נישט אינטערעסירן, וואָלט איך נישט געווען פאַרלאָזט מיין פּרעזידענטישע שטול. היינט, באַרעכנט וויפל צענדליקער פאַר אויגן לעכערן איצט מיינע פּלייצעס... קוקט אייך אום לינקס, וועט איר זען, ווי די כאַדראַוּוס שטייען און וואַרטן, אַז איך זאָל שוין אַוועקגיין. אין מיין קעגנוואַרט וואַגן זיי נישט צוגיין צו אייך. אַלזאָ, אפשר זענט איר אַ בעלנטע צו וויסן מיין ענטפער אויף אייערע געדאַנקען. דער עולם הייבט זיך אָן באַרואיקן און איך מוז גיין אויף מיין אָרט. זאָל איך זאָגן?
— וואָס קען עס שאַטן? אויב איר ווילט, זאָגט...
שלמה האָט אויף אַ מינוט פאַרביסן אַ ליפּ. פאַלי האָט זיך איינגעגעסן מיט אירע אויגן אין זיין געזיכט.
— מיין ענטפער איז פאָלגנדיקער: ווי גוט און שאַרף רייזל האָט נישט גערעדט, האָט זי מיר דאָך קיין נייעם נישט אַנטדעקט. מיינע גע־פילן צו אַ געוויסער פּערזאָן זענען פיל שטאַרקער פון אירע לאָגישע מסקנות... אייגנטלעך, ווען איר פרעגט מיך, נאָך וואָס בין איך עס גע־קומען אייך דערציילן, ווייס איך אַליין נישט. אייך אינטערעסירט עס דען?
— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר אַ וואַרעם וואָרט און איצט גייט אויף אייער טראָן. אַלע וואַרטן שוין נאָר אויף אייך.
דאָס מאָל האָט שוין שלמה נישט באַדאַרפט קלינגען. עס איז שוין אַזוי אויך געווען רואיק. שלמה האָט אריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די דלאָ־ניעס און האָט אומעטיק געטראַכט:
— עס האָט ווידער געטראָגן מיט אַ קיל ווינטעלע פון אָט דער שיינער פּרינצעסין. אין דער פרי ערשט איז זי געווען ווייך, כאָטש לייג זי צו צו אַ מכה. און איצט — שוין איבערגעביטן, שוין אַן אַנדער מענטש: „זייער דאַנק־באַר"... און פאַר וואָס קומט עס מיר? גוואַלד, פאַר וואָס?...

א פּנים דאָס שכנות פון די כּאַדראַאָוס איז א קליינע מעלה פאַר מיר...
אפשר האָב איך נאָך אין דער פרי געדאַרפט געווען זי איינאָרדענען לעבן מיין דינהן, וואָלט דאָס אָבער געווען א פּאַטש אין פּנים פאַר די כּאַדראַאָוס... אָך, גאָט מיינער, פּלאָנטער מיך אויף. איך קען שוין מיט קיין אבר נישט רירן...

שלמה האָט אראָפּגענומען די הענט פון פּנים. אין „זאַל" איז געווען שטיל ווי אויף א בית-עולם. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט נאָך אויף אים. שלמה האָט זיך מאָמענטאַל צוריקגעפונען. ער האָט דערשטיקט א קרעכץ אין זיך און שוין פריילעכער א טרייסל געטון מיט דער שעוועליורע*. באַקוקט די פאַרזאַמלטע האָט ער זיך אויפגעהויבן:

— און אַצינד, טייערע חברים, כּדי נישט אַריינצוקריכן אין קיין חובות, טאָמער קומט מיר שמיץ הערפאַר, וואָס איך האָב אייך רעקאָמענדירט פריילין ליבערמאַן פאַר א רעדנערין, בין איך אויף זיך אַלץ מקבל באהבה. איר קענט אָפּרוימען די פּלעשלעך און איך בין גרייט זיך לייגן אויפן טיש.

אין „זאַל" האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— אדרבה, פּאַרקערט, אים קומט אַן אָרדן!...

איייניקע האָבן גלאַט אין דער וועלט אַריין געפּליעסקעט. שלמה האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש, אויסגעשטרעקט ריזלען א האַנט:

— אין נאָמען פונעם גאַנצן פּובליקום דאַנק איך אייך פאַר אייערע וואַרעמע רייד. מיר וועלן זיי אייך לאַנג נישט פאַרגעסן.

רייזל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

שלמה, איבערראַשט:

— פאַר וואָס ענטפערט איר מיר נישט אויף מיין דאַנק, פריילין ליבערמאַן?

— דאָס פּובליקום, אין נאָמען פון וועלכן איר האָט זיך ערשט דערמאָנט צו דאַנקען, האָט שוין באַוויזן אַליין, אַן אייער הילף דאָס צו טון.

שלמה, מיט א לייכטער פאַרצווייפלונג:

— איז ווי אַזוי זשע בלייבט עס? האָט איר טאַקע באַשלאָסן אייער האַנט מיר נישט צו דערלאַנגען?

רייזל ציט אוים איר האַנט אַן חשק:

— איר האָט שטאַרק ליב פּאַזירן, מר פּיאַטיגאָרסקי. איר האָט פּשוט געהאַלטן אייער דאַנק צום סוף, כּדי אַלע זאָלן צוקוקן די צערעמאָניע, עס זאָל זיין מיט קוראַזש, ווי עס פּאַסט פאַר א פּאָרזיצער...

שלמה, צענעמענדיק די האַנט מיט א שמייכל:

— איך זע שוין, איך זע, אַז איר האָט פעסט באַשלאָסן זיך מיט מיר היינט צו צעקריגן. כ'מוז אייך אָבער דערמאָנען, אַז א פּאָרזיצער, אַזוי לאַנג ווי ער איז אויף זיין פּאָסטן, איז ער אַן אומבאַרירבאַרע פּערזאָן. אַז

---

* מענערשע פריזור.

איך וועל מיך באַפרייען, דאַן קענט איר מיך איינלאַדן אויף אַ דועל און אויסקלייבן וואָס פאַר אַ געווער אייך געפעלט...

רייזל האָט זיך צעלאַכט און שלמה האָט איר געדראָט מיטן פינגער.

גאָרדאָן האָט געבעטן אַ וואָרט, שלמה האָט עס איִם געגעבן.

— עס איז בלתי ספק, אַז איצט וועט אונדזער חשובער פּאָרזיצער מכבד זיין אַ נייעם אָראַטאָר מיט אַ וואָרט. וואָלט איך פאָרגעלייגט אַזוי: כדי רייזלס רייד זאָלן אויף לענגער פאַרבלייבן אין טעם און אונדזערע הערצער זאָלן טאַקע אויך פאַרשפּאָרן פאַרחלשט צו ווערן, איז מיין מיי־נונג, מיר זאָלן מאַכן אַ קליינעם איבעררייס און פאַר אַלעמען אַצינד נעמען פרישטיקן. מיט פרישע כוחות דרשנט זיך גאָר אַנדערש. און אַזוי, אויפן ניכטערן הארצן...

גאָרדאָנס פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און אויפן טיש האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַלערליי שפּייזן און געטראַנקען. רוישנדיק און פריילעך איז געווען און דער נוסן־אַלייע בשעת דעם פרישטיק. די חברה האָט זיך געוויצלט, געזונגען, געשטיפט. ווען אַלץ פונעם טיש איז אַרופגערוימט גע־וואָרן, האָט שלמה געגעבן דאָס וואָרט קלאַדניצקין.

— קיין תורה וועל איך נישט זאָגן — האָט שמעון אָנגעהויבן — ערשטנס, ווייל איך קען נישט...

אַן אַלגעמיינער געלעכטער.

סעגאַל, אָפּשטעלנדיק מיט דער האַנט קלאַדניצקען:

— נאַפּאָלעאָן האָט אַמאָל געפרעגט ביי זיין מאַרשאַל נעי: — „צי קענט איר מיר נישט זאָגן, פאַר וואָס האָט אייער פלאַנג געליטן אַ מפּלה אין דעם באָראָדינער קריג?“ — „איך האָב דערויף — האָט יענער גע־ענטפערט — זיבן און פערציק סיבות“. — „איך הער אייך“. — „די ערשטע: עס האָבן אויסגעפעלט קוילן —“ נאַפּאָלעאָן צעלאַכט זיך ביטער:

— „איר פאַרשפּאָרט שוין אויסצורעכענען די איבעריקע“...

ביים טיש הערט זיך אַן איינגעהאַלטענער געלעכטער. קלאַדניצקי, מיט אַ לייכטער פאַרב אין די באַקן:

— אָבער אַזוי ווי סעגאַל איז נאָך, ברוך־השם, נישט נאַפּאָלעאָן, נאָר דערווייל ערשט: עקס־וויצע־פאָרזיצער פון אַ שוסטער־אַרטעל, וועל איך דוקא יאָ אויסרעכענען ווייטער. אַלזאָ, איז ערשטנס, ווייל איך קען נישט, צווייטנס, ווייל די פריערדיקע אָראַטאָרס האָבן עס שוין געטון נענוג און די שפּעטערדיקע וועלן עס נאָך טון. אונדזער פאָרזיצער אַליין, כביכול, האָט נאָך היינט אויך גאָרנישט געזאָגט. אַזוי, אַז איך וועל מיך באַנוגענען דערמיט, וואָס כ'וועל באַרירן עטלעכע פראַקטישע פראַגן און מער גאָרנישט. ערשטנס: פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים, פון זינט דער „פּאַנטאָפל“ איז חרוב געוואָרן, וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן אַ טרויע־ריקער פאַקט אין לעבן פון אונדזער קאָלעקטיוו. אייניקע פון אונדזערע חברים — ביי די נעמען זיי אָנרופן איז לאו־דוקא, מען קען זיי אַלע זייער גוט — האָבן זיך די דאָזיקע חברים געלאָזט איינרעדן פון זייע'ע באַקאַנטע

און זענען אוועקגעגאַנגען אויף שטעלעס אין די אָרומיקע שטעטלעך: פּאַסטאָוו, וואַסילקאָוו, גיעזשין. אויב עס טרעפט אַ נס, כאַפּן זיי זיך נאָך צו אין שטאָט אַריין אויף אַ שבת און אַז נישט, איז: פּעם אחת בחודש דים. מיט דער צייט וועט מן הסתם דאָס „צו גאַסט קומען" אויך בטל ווערן, הלואי איך זאָל ליגן זאָגן, אַזוי וועט עס זיין... צו ביסלעך, צו בים־לעך, נישט אַלץ מיט אַ מאָל. און קענט איר דאָך מיינען, מי יודע וואָס פאַר אַ גליקן עס וואַרטן אויף זיי אין דער פּראָווינץ — הייבט זיך גאָרנישט אָן! לא דובים ולא יער. קיינע גליקן נישט. פּשוט, דאָרט איז גרינגער צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. און אפשר אויך אַ ביסעלע גרעסער דאָס פאַרדינסט. ווייל וועלכער קיעווער איז דאָס מסכים צו פאַרשטעקן זיך אין יענע בערן־לעכער צוליב אַ בעסערן ביסן?...

ווייל איך פרעגן, פאַר וואָס האָבן זיך עס אונדזערע חברים יאָ געלאָזט פאַרהאַנדלען פאַר אַ גזיר־עדשים? נישט שוין זשע בינדט זיי גאָרנישט מיט קיעוו? מיט אונדז? מיט קאַראַוואַיעווסקע 67, האַ? און דאָס, וואָס דער קאָלעקטיוו „פּאַנטאָפּלצעס" צעפאַלט זיך, איז גאָרנישט? פאַר וואָס עפּעס, וואָלט איך געוואָלט וויסן, ווערט דאָס גאָרנישט באַטראַכט פאַר קיין מניעה? פאַר וואָס שעמט מען זיך גאָר רעדן דערפון, ווי עפּעס פון קינ־דערשע שטותערייען? ניין, חברים! עס איז אַ גרויסער טעות דערביי. דאָס זענען נישט קיין סענטימענטן. מיר זענען נישט קיין כאַפּטע ווייסע־חברה־ניקעס, וואָס אַז מען איז צוזאַמען, איז גוט און אַז מען צעשיידט זיך, איז נאָך בעסער. ניין! „געוועזענער פּאַנטאָפּעליעץ" איז אַ גרויסער נאָמען. דאָס האַלטן זיך צוזאַמען איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון אונדזער חבריא. קיינער האָט נישט דאָס רעכט צו פאַרלאָזן קיעוו, אָפּצושוואַכן אונדזער טעטיקייט צוליב ריין עקאָנאָמישע אינטערעסן. עס פאַרשטייט זיך, קיין באַשטראָפּנדיקע אָרגאַנען האָבן מיר נישט. ווער עס איז געשמדט נאָך דער קישקע, וועט דאָס ווייטער אויך קענען טון, אָבער ער מוז וויסן, אַז ער באַ־גייט אַ מאָראַלישן פאַרברעכן. דאָס שמעקט מיט דער זעלבער צעגלידערונג, וועגן וועלכער די חברטע ליבערמאַן האָט שוין דאָ גערעדט. מיין מיינונג איז, אַז עס מאַכט נישט אויס אַ ביסל מער צו האָרעווען און אַ ביסל ווײ־ניקער פאַרדינען איידער פאַרקערט. דאָס איז נומער איינס.

צווייטנס: מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך נייגעריק געוועזן צו כאַפּן אַ קוק, וואָס טוט זיך עפּעס אין חדר. אַריינקומענדיק אַהין איז דאָס ער־שטע, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן, געוועזן די הלבשה פון אונדזערע קאָנ־ספּירירטע סטודענטלעך. לאַכט נישט, לאַכט נישט. פאַרשטייט זיך, דאָס זענען אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס פון דעם ערשטן קוק זעען זיי אויס מינדער וויכטיק, אָבער אין תוך גענומען האָבן זיי אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. אָט הערט אומיסטן און זאָגט אַליין: אַלע ייִנגעלעך טראָגן שוואַרצע, לאַנגע הייזעלעך. פרעגט זיך: וועלכע מוטער טוט עס אָן איר ייִנגעלע אום זומער אין שוואַרצע הייזעלעך און דערצו נאָך לאַנגע, ביז די פּיאַטעס? דאַכט זיך, נישטאָ אַזעלכע מוטערס אין אונדזערע קאַנטן? איאָ, ניין? איז וואָס זשע

מיינט איר טאַקע? רופט אַזאַ שנוי־מובהק אַרויס ביי יעדן דורכגייער אויפ־מערקזאַמקייט און עס לייגט זיך אָפּ ביי יענעם אַ מסקנא אין קאָפּ, אַז דאָס זענען עפּעס אַנדערע מינים קינדער, און אָט דאָס טויג שוין אויף כפּרות. דאַ־קעגן אויבערהעמדעלעך — טראָגן זיי דווקא שייגיצקע, פון אַזאַ בלויען סאַ־טין צי סאַרזשע, נאָר שוין צו קורצע, טאַקע ביזן נאָפּל. איך בין אַקוראַט אָנגעקומען, ווען אייניקע פון זיי האָבן געקלעטערט אויף אַ פּלויט. האָב איך באַמערקט, אַז פון דעם ערשטן פּאַך מיט די הענטלעך איז זיך דאָס אויבערהעמדל איינגעלאָפן אונטער די פּאַכוועס און דאָס אַרבע־כנפותל איז אין גאַנצן אַרויסגעקראָכן פון פאָרנט. אויב אַ שלעכט אויג זאָל דאָס באַ־מערקן, קען דאָס אונדז אומגליקלעך מאַכן.

כ'ווייס נישט און איך וויל נישט וויסן, ווו דער חבר פּיאַטיגאָרסקי האָט ערגעץ אויסגעקראַצט אָט די קורצע העמדעלעך מיט די לאַנגע הייזעלעך, נאָר מיין מיינונג איז, אַז אם ירצה השם מאָרגן טאַקע דאַרף ער זיך פאַר־נעמען מיט דער פראַגע און אויסבייטן די יוצרות, דאָס הייסט: פאַרלענ־גערן די העמדעלעך און פאַרקירצן די הייזעלעך. ווייטער, נאָך אַ זאַך: איך האָב געפּרוווט אַ שמועס טון מיט די חברה־לייט אויף רוסיש, איז פאַרשטאַ־נען האָבן זיי מיך גוט, אָבער ענטפערן — לא מיט אַן אלף! דאָס טויג אויך אויף כפּרות. די קינדער וועלן נישט קענען אויף דער גאַס אַרויסגיין. מיין פאָרשלאַג איז אַזאַ: מען זאָל איינפירן אַ שעה אין טאָג לערנען מיט די קינדער רוסיש און אויף דער דאָזיקער לעקציע רעדן מיט זיי בפירוש נאָר רוסיש! וואָס זאָל מען טון? אַזוי מוז דאָס זיין. מיר לעבן דאָך נישט אין ארץ־ישראל. ווייסט איר גאָר וואָס? איך וואָלט אפילו נאָך פאָרגעשלאָגן, אַז איין מאָל אין וואָך זאָל עמעצער פון אונדז גיין מיט די קינדער אין קינאָ אָדער אין צירק. זאָל דאָס קינד זיך נישט פילן איזאָלירט פון דער איבעריקער וועלט. זאָלן אונדזערע קינדערלעך אויך געניסן פון אָט די פאַרגעניגנס.

איך וועל אייך שוין לאַנג נישט האַלטן. נאָך איין פאָרשלאַג — און איך האָב געענדיקט. מען מוז אַריינציען נאָך חברים אין דער פּראַקטישער טעטיקייט. דאָס איז נייטיק איבער פיל טעמים. ערשטנס דערפאַר, ווייל עס איז פּשוט פיזיש אוממעגלעך, אַז דעם גאַנצן עול פון דער תלמוד־תורה זאָל טראָגן איין מענטש. דעם עול פון דער מקוה — צוויי מענטשן. דאָס איז נישט איבערצוטראָגן. צווייטנס, עס איז גאַנץ געפערלעך, אַז איינע און די זעלבע מענטשן זאָלן זיך צו אָפט וואַרפן אין די אויגן. ביי אַזעלכע אונטערנעמונגען דאַרף מען, אַז אַלע מאָל זאָלן זיין פרישע פנימער. אַזוי איז פאָרט זיכערער. איצט בלייבט מיר נאָך צו ווינטשן אונדז אַלעמען, אַז דער איצטיקער ל"ג בעומר זאָל שוין זיין דער לעצטער על אדמת נכר, און איך האָב געענדיקט.

קאפיטל LIII

שלמה האָט זיך אויפגעשטעלט:

— דעם חבר קלאַדניצקים פאָרשלאַגן וועלן באַזונדער באַהאַנדלט ווערן אויף אַ זיצונג פון ועד. איך וויל נאָר זאָגן עטלעכע ווערטער בנוגע די אַנצוגלעך. איך האָב אַליין אויך גוט פאַרשטאַנען, אַז פאַר קליינע קינדער־לעך איז נישט פּאַסיק צו טראָגן אום זומער טונקעלע הלבשה און אַזוי ווייטער. נאָר מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז היינט זענען נישטאָ קיין קלייטן, אין וועלכע מען גייט אַריין און מען קלייבט זיך אויס, וואָס מען וויל. איך בין גערן געווען, אַז איך האָב דאָס געקריגן. קודם כל בין איך אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער שטאָט, ביז איך האָב צונויפגעשטעלט פערציק טאַלאָנען אויף קינדערשער הלבשה. דערנאָך האָב איך „געבלאָטע־וועט"* די אויפרוימערינס פון די סקלאַדעס אָדער אויף פּראָסט יידיש גערעדט: אָוועקגעלייגט אַ שיינע מטבע, אַז ווי עס וועלן נאָר אָנקומען אַנצוגלעך, זאָלן זיי מיר באַלד מודיע זיין. און כך־הוה: זיי האָבן מיר מודיע געווען.

יענע נאַכט בין איך געקומען אַהיים נאָך צוויי אַ זייגער. אויפן טיש האָב איך געטראָפן אַ צעטעלע פון אַן אויפרוימערין, אַז מאָרגן אין דער פרי פּאַקט מען אויס הייזעלעך מיט העמדעלעך. איבערגעלייענט די בשורה־טובה האָב איך זיך שוין אויסגעדרייט „בואי־בשלום" און בין גלייך אַוועק צו דער קלייט פאַרנעמען אַ ריי. דאַרף זיך אָבער מאַכן, אַז חוץ מיר האָט דער־פון קיינער אין שטאָט נישט געוווסט און קיינער איז נישט געקומען שטיין אין דער ריי. וואָלט מיך דווקא אַזאַ זאַך נישט געקימערט: נישט געקומען — דאַרף מען נישט, וואָלט איך אַליין געשטאַנען. קיין שרעקעוודיקער בין איך נישט. וואָס זשע קומט אָבער אַרויס, אַז ביים מיליציאָנער, וואָס פּאַטרו־לירט די גאַסן, האָב איך נישט נושא־חן געווען... פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט, האָט ער מיך אָנגעהויבן רודפן: איך שטער דער שטאָט אין איר רואיקן שלאָף. איך גיי קעגן די געזעצן פונעם שטאָט און נאָך אַזעלכע פּזמונות. שלימזל — טראַכט איך מיר — וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? אויף די הייזעלעך האָב איך זיך שוין מיינע אויגן אויסגעקוקט. מיינע חברה־לייט גייען אַרום מיט אויס־געריבענע „זיי־מיר־מוחלס", ס'איז שוין אַ בזיון פאַר זיך אַליין... אָבער גיי רעד מיט אַ מילטאָן, איך בין אים נישט געפעלן און פּטור! צום סוף האָט ער זיך גאָר באַטראַכט, צו וואָס טויג אים מעשות, ער וועט מיך אַרעסטירן און אין דער פרי וועט שוין קלאָר ווערן, ווער דער „טיפּ" איז. מיט איין וואָרט, כ'האָב מיך אויסגעריסן און בין אַנטלאָפן. ער האָט נאָכ־געשריגן, געפייפט צוזעצטערהייט, געדראָט שיסן, אָבער איך האָב גע־

---

* אונטערגעקויפט.

לאַכט פון זיין באָבען, איך בין געשטאַנען ווי אַ קיסר אין אַ קלאָזעט הינטער אַ פאַרשלאָסן טירל און האָב אַרויסגעשטעקט אַ צונג דעם רויטן אשמדאי. אַזוי בין איך אָפּגעשטאַנען ביז אַכט אין דער פרי, דאַמאָלסט בייטן זיך די פּאָסטנס, און איך בין אַרויס פון מיין באַהעלטעניש. אָבער אין דער ריי בין איך פאָרט געווען דער ערשטער. איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך איינער האָב געוווסט דעם סוד פון די אַנצוגלעך.

גאָט האָט געהאָלפן, צען אַ זייגער האָט מען געעפנט דעם מאַגאַזין. איך ווייס נישט, ווי אַזוי ווערט דאָס אַזאַ כרך געוווּר אין איין מינוט, אַז „מען גיט". עס איז געוואָרן אַזאַ אָנלויף פון מאַמעס מיט קינדערלעך, אַז עס איז נישט געקומען צו קיין הריגות, איז טאַקע אַ נס מן השמים. מיט איין וואָרט, מען האָט געקענט מיינען, אַז גאַנץ קיעוו וואַרט נאָר אויף אַנצוגלעך. בקיצור, איך האָב קוים דערלעבט צו דערלאַנגען מיינע טאַלאַנען דעם פאַרקויפער. איז ער דווקא נישט קיין שעמעוודיקער, נעמט זיך אַראָפּ איינעם און די איבעריקע ניין און דרייסיק קערט ער מיר אום זייער שיין צוריק: „איין אַנצוגל קענסטו באַקומען. אויף איבער אַ יאָר, אַז עס וועט זיין אַ גערעטעניש, וועסטו באַקומען די איבעריקע"... איך בין אַריינגעגאַנגען צום דירעקטאָר פון מאַגאַזין אין קאַבינעט אַריין און זאָג אים: „אדוני פריץ! זאָל זיין חצי־שלי, וחצי־שלך. אָט האָסטו דיר פערציק טאַלאָנען. צוואַנציק אַנצוגלעך נעם דיר פאַר „שוואַרצע" קונים און צוואַנציק גיב מיר. יחלוקו — און אַראָפּ פון מאַרק און אין קאַסע וועל איך דווקא באַצאָלן פאַר אַלע פערציק, איז שוין גוט?"... איך זע, מיין בעל־דבר קנייטשט זיך און קרימט זיך, ווי ער זאָל דאַרפן באַקומען שלשול, נישט פאַר אייך געדאַכט. דערזען אַזאַ מינע אויף אים, בין איך אַרויסגעלאָפן אין אַ מאַגאַזין „סאַניטאַריע און היגיענע", וואָס איז אַקוראַט געווען דערנעבן, געקויפט אַ פלאַקאָן פערפום פון דער בעסטער מאַרקע, באַצאָלט צוויי און אַכציק רובל, אָבער דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן. דער דירעקטאָר האָט שיר אַ מיתה־משונה איינגענומען, אַז ער האָט דערזען דאָס געגילדעטע עטיקעטל פונעם „ביעלעי מיעדוויעד" מיטן בלוי־זיידענעם טראָלדעלע.

מיינט איר, אַז אָט דאָס איז דאָס שוין? פּאַוואָליע מיט דער משא! אָן פיס בין איך געבליבן. צוואַנציק מאָל בין איך געגאַנגען צו דער קאַסע איינצאָלן. צו צוויי אַנצוגלעך אין אַ מאָל. מער האָט מען נישט געטאָרט, כדי עס זאָל זיך נישט אויפהייבן קיין „ויצעקו". דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: אַרויסטראָגן. אַז די טירן זענען באַלאַגערט מיט מיליאָן, דער פּלאַץ פאַר דער קלייט איז פאַרפּלייצט מיט מענטשן, קיין שפּילקע נישט דורכצוּוואַרפן. וואָס טוט מען אַ שטייגער, אַז אַ „קנעפּל" פאַרווילט זיך זיך אַ קוק טון אין פּאָרטפעל, וואָס טראָגט מען דאָרט? איז דאָך טאַקע ביטער... און אַרויסטראָגן דעם פגר מוז מען נאָר אין דעם זעלבן טאָג, וואָרעם פאַר נאַכט קומט די ר.ק.אי.* אַ קוק טון אונטער די טישן, צי דער

* ראשי־תיבות פון — אַרבעטער־פּויערישע אינספּעקציע.

פערסאָנאַל האָט פאַר זיך נישט געלאָזט דאָרטן קיין משלוח־מנות... איך זאָל נישט מאריך זיין, פינף מאָל האָב איך מיך דורכגעשמוגלט אין קלייט אַריין און צוריק. מיט דער נשמה אין דער זשמעניע האָב איך יעדעס מאָל אַרויסגעטראָגן צו פיר אַנצוגלעך, צעשטעקט ווו איר ווילט אַליין, אין די קעשענעס, אין בוזעם, מחילה אין די הויזן, אין פּאָרטפעל — אָבער אַרויס־געפּעקלט. ווען איך האָב דעם טאָג געלייגט תפילין, זענען שוין, דאַכט זיך, שטערן געשטאַנען אויפן הימל און טאַקע געזאָגט „עננו" אויך... אָט אַזוי גרינג איז מיר אָנגעקומען, ביז איך האָב דערלעבט זען אין תלמוד־תורה די צוואַנציק מלבושימלעך.

נאָר עס האָט נישט דערצו. דער חבר קלאַדניצקי איז אודאי גערעכט. מען טאָר דעם קאָפּ נישט פאַרלירן. עס דאַרף סטאַיען מוח אויך אויף דער־רויף, אַז אונדזערע בחורימלעך זאָלן גיין אָנגעטון נישט ערגער און נישט וויניקער לויט דער מאָדע פון אַלע איבעריקע קינדער. און דעסט גלייכן אַלע איבעריקע באַמערקונגען וועלן מיר אַרומשמועסן די טעג אויף אַ זי־צונג פון ועד און אָננעמען אַ באַשלוס.

שלמה האָט זיך פאַרנויגט און אַוועקגעזעצט. אַ פּאָר מינוט האָט גע־הערשט אַ שטילקייט. טאַני פייגנבוים האָט זיך אָנגערופן פון אַ ווינקל:

— חבר שלמה! דאָס האָבן מיר אַלץ געשמועסט וועגן געשעפט. אָבער תורה מה תהא עליה? הייבנדיק די הענט פאַר ידעם, אַז איר זאָלט זיין פּאָרזיצער, האָט זיך בעת־מעשה קיינער נישט מתכון געווען צו פּטרן אייך פון זאָגן עטלעכע ווערטער לכבוד ל"ג בעומר.

פון אַלע עקן טיש האָט חברה אונטערגעכאַפּט:

— יאָ, יאָ, שלמה, באמת טאַקע, מיר האָבן נאָך פון דיר גאָרנישט געהערט. זאָג עפּעס... היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס...

פרידמאַן האָט אַריינגעשטעלט אַ וואָרט:

— יאָ, יאָ, שלמה, דו האָסט נאָך נישט דערענדיקט דעם מאמר פון שביעית של פּסח אויף דער טעמע: „דורו של משיח או משיח בן דורו"... איצט איז די סאַמע פּאַסיקע שעה...

רייזל האָט געבעטן אַ וואָרט.

— רבותי, איך וואָלט פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן שלמהן פונעם וואָרט דוקא באַפרייען...

רייזל האָט געמאַכט אַ פּויזע. אַלע קוקן אויף איר פאַרוואונדערט. מען איז נייגעריק צו וויסן, וואָס וויל זי דערמיט זאָגן.

— ... און אָנשטאָט אַ דרשה זאָל ער אונדז בעסער אַ ביסל שפּילן אויפן פידל...

פאַרוואונדערטע קולות פון די ערטער:

— ווו האָט איר דאָ אַ פידל? ווו קריגט מען דאָ אַזאַ מין זאַך?

רייזל גייט צו צו אַ בוים, נעמט עפּעס אַראָפּ און קערט זיך אום. אין אַ מינוט אַרום ליגט אויפן טיש אַן אָפענער פוטליאַר מיט אַ פידל. די

שטימונג ווערט אַ געהויבענע. קוקנדיק אויפֿן אינסטרומענט צעפֿלאַקערן זיך ביי אויטלעכן די אויגן, מען פֿילט שוין דעם טעם פֿון גן־עדן.

עמעצער פֿונעם עולם האָט דווקא פּראָטעסטירט:

— ניין, ניין, מיר זענען נישט מסכים מיטן חילוף... הא לחוד והא לחוד. פֿאַר וואָס עפּעס זאָל מען אים באַפֿרייען פֿונעם וואָרט, וואָס איז, גמרא גמור, זמורתא תהא? *

אָבער פֿון אַלע עקן "זאָל" האָט מען אים פֿאַרשריגן:

— ווער איז דאָרט? ווער איז דאָס נאָך הונגעריק אויף „גמרא גמור"? שלמה, הער זיך נישט צו צו קיין פֿאַלשע כרוזים, טו דיינס און מאַך נישט קיין שהיות...

שלמה קנייטשט זיך אומצופֿרידן:

— נו, נו, נאַ דיר פּאַלטאַווע אויף מיין קאָפּ!... דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס, וואָס האָט איר קיין צייט נישט? אייערס וועט פֿון אייך נישט אַנטלויפֿן... איך זאָג אייך נישט, ניין, אָבער זאָל זיין שפּעטער אַ ביסל...

עס האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן. מען האָט אים אַרומגערינגלט, אַריינגעשטעקט דעם פֿידל אין דער האַנט און — פּרוּוו זאָג זיך אָפּ.

— נו, וואָס זאָל איך אייך שפּילן, חברה? קאָמאַנדעוועט!

— קיינע קאָמאַנדעס נישט. אויף דיין אייגענעם געשמאַק. וואָס דו געפֿינסט פֿאַר פּאַסיק, דאָס שפּיל.

— זאָל זיין אַזוי. איך וועל אייך זינגען אַ וואָלעכיש ניגונדל. דאָס איז אַ ווילדע, אָבער אַ זיסע קאָמפּאָזיציע. די מוזיק דערציילט וועגן אַ פּאַסטעך מיט אַ ראָמאַנטישער נשמה, ווי ער ליגט ביי נאַכט — לאָמיר זאָגן למשל — אויף אַ סקירדע פֿריש אָפּגעשניטענעם היי. קוקט, ווי עס פּירט זיך פֿון קדמונים אָן אין אַזעלכע פֿאַלן, אויף דער פֿאַרחלומטער לבנה און זינגט אַ לויבגעזאַנג זיין הייסגעליבטער פּאַטימען. אַט באַוואַשט ער זיך מיט טרערן פֿאַר בענקעניש, אַט טאַנצט ער פֿאַר פֿרייד ביים געדאַנק, אַז באַלד איז שוין מחויב טאָג צו ווערן און ער וועט זיך ווידער באַגעגענען מיט זיין געליבטער, לעבן אירע שעפּעלעך.

שלמה ווערט שטיל, דאָס פֿידעלע ליגט שוין אונטער דער באָק. די גאַנצע נאַטור ליינגט צו אַן אויער. די אַרומיקע געגנט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַ פּיר מיטן סמיטשיק, אַ לייכטער ציטער גייט דורך יעדן איבערן לייב — און עס עפֿנט זיך אַ קוואַל פֿון נגינה. שטיל ווי אין אַ הייליקן סוד רוימט איין דאָס פֿידעלע יעדן באַזונדער דעם טיפֿן טרויער פֿונעם גלות. עס באַקומט מיט אַ מאָל ליפּן מיט אַ צונג און עס זאָגט און עס פּליסטערט און עס כליפּעט יאָמערלעך:

— אוי, ביטער, קינדערלעך מיינע... אַך, ווי עס איז ביטער, ווען עס איז נישטאָ ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן... איך ווייס נישט ווי אייך, נאָר פֿאַר מיר איז איבער די כוחות איבערצוטראָגן דעם וויסטן עלנט... איך ווער פֿאַר־

* אַן עניין פֿון לערנען פֿאַרוואַנדלען גאָר אין אַ זינגערייַ?

שמאַכט פון בענקעניש נאָך יענעם לאַנד און דאָס לאַנד דאָרטן שמאַכט פון בענקעניש נאָך מיר, נאָך אייך, נאָך אונדז אַלעמען, נאָך אַלע קינדער, יונג און אַלט, וואָס געפינען זיך אין דער פרעמד, ביי אַ שטיפמוטער, אויף איר גנאָד...

און דאָס פידעלע וויינט, פאַרגייט זיך אין יאָמער:

— וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר, עופעלעך מיינע, אָרעמע, ווי די מוטער ציון האָט זיך שוין אויסגעוויינט די אויגן אירע, אַרויסקוקנדיק אויף אייך...

דאָס שפּילן רייסט אויס שטיקער האַרץ. עס פאַרשווינדט דער וואַלד, די נוסן־אַלייע, די זון פאַרשטעלט זיך דאָס פנים, פאַר די אויגן פאַרציט זיך אַ נעפּל. פון דער אומענדלעכקייט שווימען אַרויס אויף שטורמישע כוואַליעס רייצנדיקע בילדער: דער עמק־השרון איז פאַרפלייצט מיט גאָל־דענעם זונענשיין. איבערן סאַמעטענעם גראָז טאַנצן און שפּרינגען אַרום חנעוודיקע יינגעלעך מיט מיידעלעך. די אַנטבלויזטע רוקנדלעך — פאַר־סמאַליעט, די פּנימלעך — פאַרברוינט, די אייגעלעך — אש־להבה, און עס קלינגט איבערן עמק דער זאָרגלאָזער געלעכטער פון דער גליקלעכער יידי־שער יוגנט...

אַלע שטייען אין אַ הייליקן גליווער. מיט נישט זעענדיקע אויגן און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן הערט מען זיך איין און מען ווערט דורכגענומען מיט די לעבעדיקע בילדער, וואָס דאָס פידעלע אַנטפּלעקט פאַר זיי. אַ גרענעצ־לאָזער צער קלעמט צונויף די נשמה. און אָט גיט אויף דאָס ניי אַ ציטער דער סמיטשיק צווישן די וואַקס־געלע פינגער און עס רייסט זיך אַרויס פונעם פידעלע אַ פריש־צאַפּלדיקער געוויין. אַן אָנגעווייטיקטע נשמה בעט זיך, חלשט, קלאַמערט זיך אין די פיסלעך פונעם כסא־הכבוד:

— אוי, טאַטע זיסער, אוי, פאָטער אין הימל, ווען שוין? ווען שוין? ווען וועל איך שוין קומען אַהין? מיינע יאָרן שוועבן דורך ווי אַ פינצטע־רער וואָלקן, פאַרשטויסן איז מיין גוף, געפאַנגען איז מיין נשמה, אפילו זיך אויסוויינען צו דער זעט האָב איך נישט דאָס רעכט. צייטנווייז, האַרציקער טאַטע, פאַרגעס איך שוין אפילו, אַז איך האָב אויך ערגעץ אַ היים, אַז איך בין אַ מאָל געווען מיט מענטשן גלייך, אַז מען האָט מיך נישט געפונען אונטער קיין פּלויט... איך פאַרגעס דאָס אַלץ און זינק וואָס ווייטער אַלץ טיפער אין אָפּגרונט, אַלץ טיפער שטעקט אַריין דער יאוש זיינע שאַרפע נעגל אין מיין האַרץ... און ווען עס טרעפט, איך וואַך פּלוצלינג אויף און דערמאָן מיך אין דעם פאַרגאַנגענעם, ווערט מיר נאָך ביטערער, נאָך מער נמאס דאָס לעבן...

און ווידער טראָגט אונטער דאָס פידעלע אַ וויטן עכאָ פון די כוואַ־ליעס פונעם ירדן, פון דעם רויש פונעם לבנון. אין מיטן די צוויבערנדיקע קולות דרינגט מיט כוח אַריין אַ פּייפן פון אַן אָטשערעטן פּייפעלע, אַ מעקען פון שאָף, אַ מהוקען פון קי און אַ פריילעך הירזשען פון פערד...

מיט אַ מאָל גיט פון ערגעץ ווו אַ שפּריץ אַ דערפרישנדיק רעגנדל:

„עוד לא אבדה תקותנו"...

די נוסן־אַלייע איז פאַרכשופט. אַלע שטייען ווי די גיפּסענע סטאַטועס מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און ביי יעדן אין דער נשמה ציטערט אַ סטרונע:

— „כל עוד בלבב פנימה, נפש יהודי הומיה"...

דער האָפענונגספולער הימן ווערט באַקעמפט פון אַ טרויעריק זשומען, וואָס צופּט ביי דער נשמה מיט אַ באַקאַנטן ווייטיק, און אָט שטייט שוין פאַר די אויגן אַ ניי בילד: עס זיצט אַ ייד מיט אַש אויפן קאָפּ און מיט אַ זאַק אויף די לענדן, די באָרד איז פול מיט דערנער און ער וויינט:

— ... אלי ציון ועריה *...

און עס האַקן זיך אונטער די פיס פאַר אפיסת־הכוחות. אַלע דערהערן, אַלע דערפילן דעם וויינענדיקן נוסח פון „איכה" און עס ווערט טונקל אין די אויגן פאַר יאוש, פאַר כלות־הנפש. נאָר אָט פלאַנטערן זיך אויס די סטרונעס פון די טרויעריקע טענער און ווידער קנאַלט איבערן וואַלד אַ טריאומפס־מאַרש:

„תחזקנה ידי כל אחינו המחוננים"...

שלמה הערט אויף צו שפּילן, לייגט אַריין דעם פידל אין פוטליאַר, הענגט אים צוריק אויף אויפן בוים, אָבער קיינער רעדט נאָך אַלץ קיין וואָרט נישט אויס. עס איז יעדן אַ שאָד מפסיק צו זיין. אויף די בלעטער, אויף די צווייגן הענגען נאָך די ערשט געזעענע בילדער. דער יאָמער און דער געזאַנג שטייען נאָך אין די אויערן, פילן נאָך אָן דעם חלל פון דער אַלייע.

ביסלעכווייז הייבט אָן דער עולם קומען צו זיך. קיינער לויבט נישט שלמהן פאַר זיין שפּילן, קיינער דריקט אים נישט די האַנט, ווי אַן אָפּ־געררעדטע זאַך, אַז דאָס וואָלט געווען אַ חלול־הקודש. פאַר אַזוינע זאַכן דאַנקט מען נישט, אַזוינע זאַכן פאַרגעדענקט מען נאָר. עס לאָזט נאָר נישט איינשלאָפן. עס הייבט פונעם געלעגער, עס טראָגט אין דער לופטן. עס טרעפט, אין מיטן דער נאַכט, אַז מען דערמאָנט זיך אין אַזאַ שפּילן, גראָבט מען טיפער אַריין דעם קאָפּ אין קישן און עס וויינט זיך און עס וויינט זיך, אַז אַ פאַרוואָס, און אָן אַ פאַרוואָס.

---

* קיין ציון און אירע שטעט. אַ קלאָגס־ליד פון ר' יהודה הלוי.

קאפיטל LIV

קיינער געדענקט נישט, ווער עס האָט אָנגעהויבן און ווי אַזוי מען איז דאָס בכלל אריבער פון אַזאַ ערנסטער שטימונג אויף ווערטלעך־זאָגן, אָבער מעשה שהיה, כך היה. עמעצער האָט זיך בכיון אָדער צופעליק ארויסגע־כאַפּט מיט אַן אַנעקדאָטל. דער עולם, ווילנדיק זיך אַ ביסל צעשטרייען, האָט געשמאַק געלאַכט פון דער חכמה, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עמעצער האָט אריינגעזאָגט נאָך אַ מער שאַרפן אַנעקדאָט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — און עס איז אַוועק אַ גאַנג. עס האָבן זיך אַ שאָט געטון אַנעקדאָטן פון דער וועלט און דער געלעכטער האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ פּושטשע־וואָדיצע. איינציקע פון די מיידלעך האָבן אַזוי היסטעריש געלאַכט, אַז זייערע קוויטשן האָבן „געשפּאָלטן הימלען".

דאָס יונגע בלוט האָט גובר געווען, עס האָט זיך געגלוסט פריילעך זיין. פון האַלדז האָט זיך געריסן דער פאַרשטיקטער געלעכטער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: אַנעקדאָטן. ווער וועט וועמען איבערשטייגן אין צאָל אַנעקדאָטן, אין שאַרפקייט און אין קענען זיי איבערגעבן. אַן אַנעקדאָט דערציילן — דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדערער זשאַנער. ער מוז זיין קורץ, שאַרף און דער עיקר: די מימיק. אויב דער דערציילער איז נישט קיין אַרטיסט און קען אים נישט „אָפּשפּילן" ווי אויף דער סצענע, פאַרלירט דער אַנעקדאָט זיין גאַנצן טעם. צווישן די דערציילערס האָבן זיך באַזונ־דערס אויסגעצייכנט צוויי: שלמה פּיאַטיגאָרסקי און, צו יעדנס באַוווּנדע־רונג, רייזל ליבערמאַן. מילא, בנוגע שלמהן איז קיין נייעס נישט געווען. קינד און קייט האָבן געוווּסט, אַז שלמה אפרים־אהרונס — אַזעלכעם וואָרפט דער ים נישט אַרויס, אַ באַרימטער וויצלער, אַ דורכגעטריבענער יאַט און בכלל אַ פריילעכע נשמה. אָבער אויף רייזלען איז געווען אַ חידוש. אויף דער צוקונפטיקער פּאָלטאַוווער רביצין האָט גאָר קיינער אפילו קיין חשד נישט געהאַט, אַז דאָס איז אַזאַ לוסטיקע בריאה מיט אַזאַ הומאָריסטישן טאַלאַנט. דערציילט זי אַ וויץ, מאַכט זי דערביי אַזאַ אומשולדיק פּנימל, נעמט אַזאַ תמימותדיקן טאָן, אַז אַלע ארומיקע פּלאַצן שיִר נישט פאַר גע־לעכטער, נאָר זי אַליינע איז קאַלטבלוטיק און וואַרט געדולדיק ביז דער עולם וועט זיך אויסלאַכן.

צווישן די צוויי יונגע מענטשן האָט זיך נישט צונויפגערעדטערהייט געשאַפן אַ מין געוועט. קעגן יעדן אַנעקדאָט, וואָס רייזל האָט דערציילט, האָט שלמה דערציילט דריי. דאָס דאָזיקע געפעכט האָט זיך אַזוי פאַרשאַרפט, אַז קיינער חוץ זיי האָט שוין לאַנג קיין אָנטייל נישט גענומען אינעם דערציילן. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן ארומגערינגלט דאָס לוסטיקע פּאָר־פּאָלק, מיט הנאה געלאַכט, געשפּרונגען פאַר פרייד ווי די פּיצלעך קינדער און אייפערזיכטיק נאָכגעשפּירט נאָך דעם מאָדנעם פאַרמעסט. יעדן איז געווען אינטערעסאַנט, ביי וועמען פון די צוויי טשעמפּיאָנען פון וואָרט וועט זיך

פריער אויסלאָזן שטאָף?...ביידע דערציילן זיי זייער קאָמיש און זייער קלוג. פון יעדן נייעם אנעקדאָט שפּאַלט זיך דער וואַלד. חברה קייקלען זיך אַראָפּ פון די שיפלעך, מיידלעך האָבן געשוואָלענע אויגן פון געלעכטער. עס געדענקט גאָר קיינער נישט, ווען מען האָט זיך עס דערלויבט אַזוי צו לאַכן מיטן פולן מויל...

דער אייגנאַרטיקער דועל דויערט כמעט אַ שעה און ענדלעך בלייבט רייזל אונטערשטעליק. אוים! איר אוצר איז אויסגעשעפּט. זי הייבט אויף ביידע הענט און פאַרנויגט זיך פאַר שלמהן מיט אַ גראַציעז־אונטערטעניקן זשעסט. זי גיט זיך אונטער. שלמה נעמט באַרעמהערציק אָן איר קאַפּיטולאַציע און טוט זיך זיינס באמונה. ער דערציילט און חברה האָט שוין קיין זייטן נישט לאַכנדיק.

ענדלעך, אַז ביי אים ווערט אויך אויסגעשעפּט דער רעזערוו פון „פּעפּערדיקע" מעשהלעך, שטייען אַלע צו צו אים, ער זאָל זיי דערציילן עפּעס אַן ערנסטע זאַך. ער איז דאָך אַזאַ אָנגעלייענטער אין ליטעראַטור, אַ מלא וגדוש. ווען קען זיך אים נאָך מאַכן אַזאַ גינסטיקע שעה ווי איצט ל"ג בעומר, אין אַזאַ אינטימער געזעלשאַפט, אין אַזאַ סענטימענטאַלן ווינקעלע ווי די נוסנאַלייע, ביים דניעפּר, אין דעם פון גאָט געבענטשטן פּושטשעוואָדיצע?

שלמה האָט זיך לייכט געלאָזט איינבעטן. אמת טאַקע, ער איז אויך מסכים: נאָך אַזאַ אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זיינע דערציילונגען איז זעלטן צו געפינען. תיכף־ומיד איז געוואָרן אין גאַנצן שטיל. שלמה איז געווען באַרימט אַלס אַ טאַלאַנטפולער דערציילער. יעדן האָט זיך געוואָלט וואָס דייטלעכער צו הערן, וואָס בעסער צו זען אים אין פּנים בשעת מעשה. די שיפלעך ווערן אַרויסגערוקט פון דער אַלייע. דער עולם זיצט שוין פשוט אויפן גראָז אין אַ האַלבקיילעך. שלמה זיצט אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, די אויגן צו, דער געדאַנק זופּט זאַרגעוודיק אַדורך די אָנגעלאָפענע „געשיכטעס". עס ווילט זיך אַרויסרופן פון די טיפסטע ווינקעלעך פונעם זכרון, פון די געדעכענישן פון דער נשמה, עפּעס „אַזעלכעס און אַזוינס"... עס ווילט זיך אים מכבד זיין די חברים מיט אַזאַ סיפור־המעשה, וואָס זאָל טאַקע ראוי זיין צו אַזאַ געהויבענער מסיבה און צו אַזאַ פייערלעכער שעה.

די ריזיקע נוסנבלעטער הויכן פון זיך אַרויס אַ דופּטיקן עפּלגערוך. אין שלמהס אויערן קלינגט דער שיר־השירימדיקער ניגון, ווי מען פלעגט אים זינגען אין חדר:

— סמכוני, — שפּאַרט מיך אונטער, באשישות, — מיט בעכערס וויין, רפדוני — בעט מיר אויס, בתפּוחים — מיט עפּל, כי — ווייל, חולת — קראַנק, אהבה — פון ליבע, אני — איך...

די נוסנבלעטער, חוץ זייער שמעקן, האָבן זיי נאָך אַ גרויסע מעלה: זיי באַשיצן געטריי פון דער היץ. זייער שאָטן איז אַ ברייטער, אַ געדיכטער און דאָך שיינט די זון אַריין דורך טויזנטער פענצטערלעך. פאַר יעדן באַזונדער געפינט זיך אַ שטראַל, וואָס ווינקט צו אים דורך אַ שפּעלטעלע. פון

יענער זייט וואַלד דערטראָגט זיך אַ צעשאָטענער קלונג פון אַ טראַמוויי־גלעקעלע. דער דניעפּר האָט זיך איינגעניורעט קעגן דער זון און איז איינגעשלאָפן. פון ווייטנס, די סאָסנע ביימער וואַרפן נישט אָפּ קיין מינדסטן שאָטן פון זיך, — משמעות, ס׳איז אַקוראַט האַלבער טאָג. שלמה איז פאַרזונקען אין גערדאַנקען היפּשע עטלעכע מינוט. דאַן ווענדעט ער זיך צום „האַלבקיילעך“:

— איך וועל אייך, חברים, איבערדערציילן זייער אַ טיפּזיניקן און אַ רירנדיקן ראָמאַן. דעם ראָמאַן האָב איך קינדוויז געלייענט אין העברעאיש און איך מוז אייך זאָגן, אַז אין יענער צייט האָט דאָס בוך געמאַכט אויף מיר אַ גוואַלדיקן רושם. עטלעכע וואָכן האָב איך זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון דעם דאָזיקן קונסטווערק. דעם ראָמאַן רופט מען: „לבדה“, דער נאָמען פון אויטאָר איז: א. קבק.

אַלע שווייגן. וואָס איז דען דאָ צו זאָגן? מען ווייסט, אַז שלמה האָט אַ געשמאַק אין די זאַכן. קיין לאַנגווייליקע געשיכטע וועט ער נישט גיין דערציילן אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן טאָג, ווי דער ל״ג בעומר האָט זיך היי־יאָר איינגעגעבן.

אין דרימלענדיקן בייטאָגיקן וואַלד צעוויקלט זיך אין איר גאַנצער ברייט אַ טרויעריקע געשיכטע. ווי אויפן עקראַן גייט דורך פאַר אַלעמענס אויגן דאָס רואיקע קליינע שטעטעלע, דעם מילנערס טאָכטער, דאַן די פּיינטלעכע גרויסע שטאָט מיט אירע פאַרפלאָנטערטע וועגן און שטעגעלעך... די גרויסע שטאָט שווענקט אָפּ דאָס בת־יחידהקעלע פון איר שטילן ברעג... עס וויקלען זיך אויף אירע שווערע נסיונות, דער געראַנגל אין מיידלשן האַרץ צווישן עלטערן־ליבע און אידעאַל.

דער וואַלד איז פול מיט פרישע מענטשן, מיט טיפע איבערלעבענישן. יעדער צאַפּל פון שרהס* נשמה קלינגט אָפּ אין האַרצן פון די צוהערער. אָט שטייט זי זיי פאַר די אויגן: אַ העלדין! זיך אָפּגעזאָגט פון אַ וואַרעמער היים, פון צאַרטע טאַטע־מאַמע, איז זיך מקריב פאַר ציון... גלייכצייטיק אָבער פאַרקלעמט יעדן ביים האַרצן פאַר רחמנות אויף איר עלנטקייט, אויף דער פוסטקייט, וואָס הערשט אין איר פּריוואַטן לעבן. אַלע טייערע פאַרלאָזן זי, אַלע געליבטע דערווייטערן זיך פון איר. אַלע זעען אין איר נאָר אַ קעמפערין פאַר איר אידעאַל און קיינעם פאַלט גאָרנישט איין, אַז אויך זי איז אַ פרוי מיט אַ פילנדיק האַרץ, אַז אויך איר זענען נישט פרעמד די געפילן פון ליבע צו איר אויסדערוויילטן, אַז גלייך מיט אַלע אירע חברטעס לעבט איר נשמה נאָך אַ זאַלבעצווייט גליקלעך לעבן מיט אַזעלכן, וואָס זאָל איר מיטפילן, העלפן איר אין איר קאַמף...

דער עולם איז גערירט. ווער נישט ווער ווישט אָפּ אַ טרער צוקוקנדיק, ווי דאָס טייערע און געצערטלטע קינד שמאַכט אין עלנט און אין איינזאַמקייט...

---

* די העלדין פון דעם אָנגערופענעם ראָמאַן.

שלמה האָט געענדיקט דערציילן, אַליין, אומגעבעטן אַראָפּגענומען דעם פידל און שטיל געזאָגט:

— כ'וועל אייך שפּילן אַ באַרימטן ראָמאַנס. אים זינגט מען אומעטום, אין אַלע קאַפעהייזער, אויף אַלע סאַמע געוויינלעכע עסטראַדע־קאָנצערטן. אָבער פאַר אונדז ייִדישע יונגעליים, חובבי־ציון, קען דער ראָמאַנס האָבן גאָר אַן אַנדער באַדייט... מיר קענען פילן און אים דאָס, וואָס אונדז פעלט, וואָס אונדז איז נאָענט צום האַרצן. אין דעם ליד — דאַרפן מיר פאַרשטיין — וויינט די כנסת־ישראל פאַרן אייבערשטן, ער זאָל זיך אומקערן צו איר. זי איז אים אַלץ מוחל. וואָס געווען, איז פאַרפאַלן, אָבער אַן עק, זאָל שוין זיין גענוג!...

און אין וואַלד צעגיסט זיך אַ סאָלאָוויי:

Вернись,
Я все прощу... *

שלמה זינגט, דער פידל האַלט אונטער און עס צעטראָגט זיך אין אַלע זייטן אַ האַרצרייסנדיקער געוויין פון אַ פרוי, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט פאַרן מאַן און ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן. איר קול לעבערט דאָס האַרץ, רייסט אויס די נשמה. די פרוי פאַרבערעכט די הענט אין איר פאַרצווייפלונג, זי דערמאָנט דעם ברוגזן מאַן, אַז אַ מאָל, אַ מאָל איז זי געווען זיין ליבלינג, זיין איין־און־איינציקע, זיין ווייב...

Ведь я люблю тебя,
И я была твоею,
Вернись —
О, дай мне снова жизнь,
Вернись!.. **

שלמהס פּנים איז ווייס ווי קאַלך. ער שטייט מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, מיטן פידל אונטערגעשפּאַרט אַ באַק, די אויגן פאַרמאַכט און עס גיסן זיך זיסע קולות, עס צופּט ביי דער נשמה. די פאַרלאָזענע פאַרגיסט ביטערע טרערן. מען זעט און מען פילט, אַז דאָס איז איר לעצטער אויסגעשריי. קוים ווערט זי דאָס מאָל נישט דערהערט, טאָמער צעגייט דאָס מאָל אויך נישט דאָס אייז פון איר געליבטנס האַרץ, איז אַ סוף צו איר לעבן, שפּייט זי אויס די נשמה פון זיך. נישט כדאי צו לעבן אַ פאַרשטויי־

* קער דיך אום,
איך וועל אַלץ מוחל זיין...

** איך האָב דאָך דיך ליב,
און איך בין געווען דיינע,
קער דיך אום —
אָ, גיב מיר אויפסניי אַ לעבן,
קער דיך אום!...

סענע, א פאַרוואַרלאָזטע. און דעריבער טאַקע נעמט זי זיך אָן מיט די לעצטע קרעפטן, זי כאַפּט זיך אָן מיט איין האַנט ביים האַרצן, די צווייטע שטרעקט זי אויס מיט א געבעט אין הימל אַריין און מיטן לעצטן אָטעם שרייט זי:

Эх, сколько, сколько раз,
Вечернею порою,
В запущенном саду,
На каменной плите,
Рыдала я,
Забытая тобою,
О, милый, дорогой... *

אַלע שטייען פאַרצאַפּלט, ביי קיינעם איז קיין ספק נישט, וועמענס נשמה עס צעגיסט זיך דאָ...

Вечернею порою... **

מיינט מען דעם שוואַרצן פינצטערן גלות, ווו מען האָט שטענדיק און אומעטום געהאַלטן אין איין קוילען יידן, ברענען, וואַרגן, הענגען, פאַרגוואַלדיקן... — „ווען קיין איין ליכטיקער שטראַל האָט פון ערגעץ נישט נישט אַריינגעשיינט אין מיינע געצעלטן, אין די יידישע געצעלטן, דאַמאָלסט האָב איך, כנסת־ישראל, געוויינט פאַרן כסא־הכבוד ווי א וויסטע עגונה, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ פאַר ווייטיק, געקנייפּט זיך דאָס לייב אויס בזיון פאַר לייטן: גוואַלד, פאַר וואָס? פאַר ווען?!... אוועקגעוואָרפן און פאַרגעסן דעם „זיי געזונט“... נישט קיין בריוועלע, נישט קיין ידיעה, נישט קיין גרוס, אפילו נישט קיין רמז דרמיזא, אז מען געדענקט נאָך אין מיר“...

В запущенном саду,
На каменной плите... ***

קיין פירושים דאַרף מען נישט, באַקאַנטע ערטער... על הר ציון ששמם...

און עס שווימט אַרויס פון אונטער די סטרונעס א טונקל־בלויער הימל, א טרויעריקע לבנה באַלויכט דעם וויסטן הר־הבית, די מיט גראָז פאַר־

---

* עך, וויפל, וויפל מאָל,
אין די אויפדערנאַכטיקע שעהן,
אין פאַרלאָזענעם גאָרטן,
אויף א שטיינערנער גלעבע
האָב איך געיאָמערט,
א פאַרגעסענע פון דיר
אָ, ליבער, טייערער...

** אין די אויפדערנאַכטיקע שעהן.

*** אין פאַרלאָזענעם גאָרטן,
אויף א שטיינערנער גלעבע...

וואקסענע חורבות פון דעם פלאץ, וואס האט זיך א מאל גערופן ירושלים. עס איז האלבע נאכט. די מוטער רחל פארלאזט איר שטיבל ביי בית־לחם דארט. איינגעהילט אין ווייסן, ווי א פרימארגנדיקער חלום, בלאנדזשעט זי ארום כותל־מערבי, באטאפט מיט אירע בלייכע פינגער די נאקעטע שטיינער, יעדעס גרעזעלע, יעדעס זאמדעלע און פון אירע פארוויינטע אויגן פאלן שווערע טרערן, ווי בליי. בלוטיקע, געזאלצענע, בריען זיי די ערד, לעכערן זי ביזן סאמע אפגרונט, פאלן דארט אריין און די אונטער־ערדישע קוואלן, און קאכן זיי אויף. אלע מאל שפארט זי זיך אן אין א שטיין, קלאמערט איין אין אים אירע נעגל ביז בלוט, פארגייסט די אויגן אין דער אומענדלעכער הייך, און קוים באוועגנדיק מיט די ליפן שעפטשעט זי:

— גאט פון אברהם, נאך נישט צייט? נאך קארג האסטו זיך נוקם געווען פאר דיין כבוד? נאך אלץ נישט גענוג פאר דיר? מען זאל שווין, דאכט זיך, האבן א הארץ פון —

און דאס פידעלע ציט אים אויף דער העכסטער אקטאווע:

Вернись,
О, дай мне снова жизнь,
Вер — — — нись!..*

---

* קער דיך אום,
א, גיב מיר אויפסניי א לעבן
קער דיך או — — — אום!...

קאפיטל LV

דער פידל ליגט שוין אויפן גראָז, דער סמיטשיק שטעקט נאָך אין שלמהס אָנמעכטיק נאָכהענגענדיקער האַנט. אַליין שטייט ער ווי אין הינער־פּלעט, מיט אַלע נאָך צוגעמאַכטע אויגן. קיין מינדסטער שאָרך שטערט נישט די שטילקייט. עס מאַכט נישט אויס, וואָס שלמה שווייגט שוין, אַלע הערן נאָך די קרעכצן, אַלע פילן נאָך דעם ווייטיקלעכן צוואַנג אַרום דער נשמה. קיינער איז נישט אומשטאַנד אַ וואָרט אַרויסצוברענגען. אין דער לופטן וויבּרירן נאָך די לעצטע צוויי האַלבע קרעכצן, ווי אַ צאַפּל פון אַ גוססדיקן:... Вер — нись נאָר אָט בייגט זיך שלמה ווידער אָן, ווידער ליגט שוין דאָס פידעלע פאַרקוועטשט צווישן אַקסל און האַלדז. אַ מינוט בלייענע שטילקייט. נאָך אַ מינוט — און דער סמיטשיק רייסט אַרויס פונעם פּי־דעלע אַ שאַרפן זיסן אַקאָרד, וואָס פאַרשכורט ווי אַ באָקאַל שפּילעוודיקער שאַמפּאַניער. אָדער אפשר האָט גאָר דאָס אייגענע קול זיינס געמאַכט אַזאַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. אַלנפאַלס ביידע צוזאַמען, דער סאָליסט און דער אַקאָמפּאַנירנדיקער פידל גיבן זיך אַ טראָג מיט אַ וויכער פון אַ סטאַיע פייגלען פאַרן זונען־אויפגאַנג:

Спой мне,
Прошу еще раз, дорогая,
Твой голос милый,
Хочу услышать вновь...
Ах, спой о том, как в море
Плещут волны,
Волны буйные,
Густой проседью серебрясь.. *

דאָס בילד בייט זיך. עס פאַרשווינדן: דער הר־הבית, דער כותל־מערבי, די וויינענדיקע מוטער רחל. אַנדערע זעאונגען שוועבן אין דער לופט: אַ הויכע טורעמע, אַ ריזיקע שטומע וואַנט מיט שאַרפע שפּיצן. הונ־דערטער שוואַרצע פענצטערלעך קוקן אויפן דורכגייער מיט אויסגעשטאָ־כענע אויגן. סאַמע אונטערן דאַך איז דאָ אַ קליין פענצטערל מיט דיקע

---

* זינג מיר,
בעט איך דיך ווידער, טייערע,
דיין קול דאָס ליבע
וויל איך הערן נאָך אַ מאָל...
אַך, זינג וועגן דעם, ווי אין ים
פּליוסקען זיך כוואַליעס,
כוואַליעס שטורמישע,
מיט אַ געדיכטער גראָלעכקייט זילבערנדיק זיך...

גראַטעס. דורך די ענגע קוואַדראַטן קוקט אַרויס נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, בערך פון אַ יאָר צוואַנציק. דאָס געזיכט איז אַן איידלס, די אויגן — הימל־בלוי, דאָס מויל אַ קליינס, אַ געטאָקטס, אַ מיידלש מיילכל. נאָר די עקשנותדיקע קנייטשן אַרום דעם דערציילן עפּעס... און די טיפע קנייטשן אויפן שטערן דערציילן אויך עפּעס... און דאָס וואַקס־געלע פּנים... און די אויסגעמאָ־גערטע הענט... און די אויגן שטעכן מיט אָנגעגליטע נאָדלען, דערלאַנגען טיף אין דער נשמה אַריין... ניין, אַזוינע אויגן קענען נישט זיין זינדיק! אַזעלכע הענט זענען נישט פּעאיק טון קיין שלעכטס!

— וואָס טוסטו, בחור, דאָ אין געפענגעניש? — פרעגט דאָס פידע־לע — וועמען האָסטו אומגעבראַכט פון דער וועלט? —

ביים בחורל צינדן זיך אָן די האַלב אויסגעלאָשענע אויגן און ער ענט־פערט מיט אַ שטימע, וואָס איז דורכגעווייקט מיט טרויער און יאוש:

— אויב ליב האָבן דאָס פאָטערלאַנד הייסט אַ זינד, אויב דאָס נישט קענען פאַרגעסן אין דעם, הן בהקיץ, הן בחלום, קען פאַררעכנט ווערן פאַר אַ פאַרברעכן, דאַן בין איך ווירקלעך זייער זינדיק.

— עס בענקט זיך דיר שטאַרק אויף דער פריי?

— עך־עך־עך!... צו וואָס אַזעלכע פראַגן?

זיינע אויגן ווערן פול מיט טרערן. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און ענטפערט מער גאָרנישט.

— שוין לאַנג זיצסטו דאָ, קינד מיינס?

— שוין העכער דריי יאָר.

— און וויפל איז דיר נאָך געבליבן צו זיצן?

— נאָך צוועלף...

דאָס בחורל איז איינער אַליין אין זיין איינצלקאַמער. די זון שטייט אין דער שקיעה. די ווייטע פעלדער זענען באַגאָסן מיט גינגאָלד. דער וואַלד אויפן האָריזאָנט טונקלט זיך און טרעט אָפּ אַלץ ווייטער. דער יונגער ציוניסט שטייט נאָך אַלץ צודריקנדיק דאָס פּנים צו די פאַרזשאַווערטע שטאַבעס. אויפן ראַנד פון דאַך, סאַמע איבער זיין קאָפּ, האָט זיך באַזעצט אַ סאָלאָוויי מיט זיין געזינדל. אין די פרימאָרגנס, אין די אויפדערנאַכטן גיסט ער אויס זיין האַרץ דורך נגינה פאַר די בלויע הימלען, פאַר די אומ־גליקלעכע אַרעסטאַנטן. דאָס בחורל בעט זיך ביי אים:

Спой мне...
Твой голос милый,
Хочу услышать вновь...
Ах, спой мне...
Твои глаза светлей лазури... *

---

* זינג מיר...
דיין קול דעם ליבן,
וויל איך הערן נאָך אַ מאָל...
אַך, זינג מיר...
דיינע אויגן זענען ליכטיקער פון איזומרוד...

פאַר זיינע אויגן שוועבן בערג מיט טאָלן. פעלדער און גערטנער. און ער ווייסט פון וואַנען עס שטאַמען אָט די צוויבערנדיקע בילדער. ער פילט מיט דער גאַנצער נשמה, אַז דאָס איז דאָס — אויסגעווייקטע אין טרערן — ארץ־ישראל. ער פאַרקוועטשט די אויגן מיט די פויסטן, אַזוי זעט ער בע־סער. ער זעט: אָט גייען מיידלעך פונעם ירדן אין ווייסע לייוונטענע קליידער, די שוואַרצע לאַנגע צעפּ פאַרוואָרפן ארונטער, אויף די אַקסלען טראָגן זיי פולע קרוגן און מיט זאַנפטיקע קולות זינגען זיי אַ טרויעריק ליד. דאָס בחורל איז אַזוי אַנגעשטרענגט, אַז ער כאַפּט אפילו אויף אייניקע ווערטער פון זייער ליד: על נהרות בבל... אם אשכחך ירושלים... יאָ! זיין פאַרגעפיל האָט אים נישט אָפּגענאַרט: בנות ציון... החמודות והענוגות.

פאַר זיינע אויגן שווימט דורך אַ צווייט ביילד: עס איז שניטצייט. אַ פאַר אומגעלומפּערטע אָקסן פירן אַ וואָגן מיט סנאָפּעס. ביי אַ זייט גייט נאָך דער אַנטרייבער: אַ קליין יינגעלע מיט שוואַרצע אייגעלעך, אַ גרויס שטערנדל און אַ שמאָל נעזעלע. אַ באַקאַנט פּנימל: ילדי ירושלים... צעירי־ציון...

ווידער בייט זיך דער פּייזאַזש, אָט פליסט אַ טייכל. רואיק, רואיק טרייבט עס די כוואַליעכלעך. שטיל ווי אַ סוד גליטשט זיך אַ שיפל אויף דער סאַמע מיט פון טייך. אין שיפל זיצן אַ בחור מיט אַ בתולה. איין פּאָר הענט זענען שטייף צונויפגעקלאַמערט, די צווייטע פּאָר הענט רודערן לאַנגזאַם. די פּנימער ביי די יונגעלייט — הייליקע. זיי דריקן זיך צו איינער צום אַנדערן, משמעות — חתן־כלה. זיי זענען באַצויבערט פון דער וואונדערלעכער נאַטור. זיי זענען, אַליין נישט ווויסנדיק דאָס, אויך איינגע־וועבט אין דעם כשוף־בילד פון דער הייליקער נאַכט. זיי שווייגן. דאָ טאָר מען נישט שטערן די שטילקייט. הס כל בשר! דאָ איז דער קודש־קדשים פון דער וועלט...

דעם בחורל דאַרט אונטער די גראַטעס איז באַקאַנט דאָס טייכל אויך: השלוח!... כמי השלוח ההולכים לאַט, לאַט *... און אָט איז דער יער־הלבנון... און אָט איז דער כרמל... און אָט איז חברון... און אָט איז באר־שבע... און אָט איז דער כנרת... און אָט איז דער ברוויזנדיקער ים־הגדול...

דאָס בחורל קלאַפּט אין דער גראַטע צום סאָלאָוויי, חלשט פאַר אים:

Спой о том, как в море
Плещут вол — — — ны. **

שלמה ענדיקט דאָס ליד, נאָר באַלד הייבט ער אָן אַ צווייטס, אַ דריטס. עס איז אים אַצינד נישט אָפּצורייסן פון דעם פידל. ער איז זיך ממש צו־נויפגעוואַקסן מיט דעם. איין קערפּער און איין נשמה. די אויגן צו. די באַקן פלאַמען. קיין פינגער זעט מען נישט, נאָר אַ טאַנצנדיק פייגעלע

---

* ווי די וואַסערן פון השלוח, וואָס גייען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם. פון תנך.

** זינג וועגן דעם, ווי אין ים
פליעסקען זיך כוואַ־אַ־ליעס...

איבער די סטרונעס און א קול — אזא געשמאקס, אזא מאנענדיקס, אז עס הייבט אין דער לופטן, עס רופט, עס מאנט, עס פירט נאך זיך, וווהין די אויגן טראגן, וווהין דאס פידעלע ציט... און קיינער זיצט דערביי נישט, אלע שטייען ארום פידלער מיט אראפגעלאזטע אויגן און עס גלוסט זיך, אז אט די טענער זאלן זיך גאר קיין מאל נישט אויסלאזן, דער הימלישער פארגעניגן זאל זיך קיין מאל נישט ענדיקן. יעדער איינציקער פילט אין הארצן א שרעק: עס זאל זיך נאר נישט איבעררייסן דער וואכנדיקער חלום. יעדער ווינטשט זיך, אז דאס פידעלע זאל שוין אזוי שפילן און שלמה זאל שוין אזוי זינגען ביזן לעצטן אטעם, ביזן לעצטן הויך פון דער נשמה.

קיין אייביקע זאך איז אבער נישטא. פלוצלינג רייסט זיך איבער דאס געזאנג. מיט שטומע שטארע בליקן קוקן די חברים צו, ווי דאס פידעלע פארשווינדט אין פוטליאר און דער שלאס קלינגט אנטשלאסן אפ. שלמה, מיט רויטע אויגן פון לאנג האלטן זיי פארמאכט, זאגט מיט א שולדיקן שמייכל:

— נו, טייערע מיינע, אויף היינט וועט זיין גענוג, נישטא קיין כח מער...

אזוי שטייענדיקערהייט נעמט חברה ביי גארדאנען פון די הענט געבעקס, קאנפעקטן, ניס.

ווי נאר דאס אלץ ווערט אויפגעגעסן, הייבט מען ווידער אן צוצושטיין צו דעם, צו יענעם, און דער עיקר טאקע צו שלמהן:

— מילא, זינגען ביסטו מיך; האלטן מיר מיט דיר. אבער דערציילן דערצייל נאך עפעס... דער טאג איז נאך גענוג גרויס און אזא שמחהלע טרעפט זיך עפעס אפט ביי אונדז?

שלמה ווייזט אן אויף רייזלען:

— זי איז אויך נישט קליין...

דער עולם נעמט זיך צו רייזלען, מען לאזט זי נישט אויסרעדן א ווארט, נאר: „דערצייל און דערצייל!" רייזל גייט צו צו שלמהן, נעמט אים צארט אן ביי דער האנט און מיט א ווייך קול בעט זי זיך ביי אים:

— שלמה, אצינד איז מיין ריי עפעס צו דערציילן, אזוי ווילן די חברים. נאר איך בעט אייך. טוט עס פאר מיר פערזענלעך און דערציילט אליין. ביי א געלעגנהייט וועל איך אייך אפדינען. ביי אייך באקומט זיך עס אזוי פראכטפול, איר שילדערט יעדע זאך אזוי וווּנדערלעך־לעבעדיק, אז עס איז פשוט א שאד אייך צו פארבייטן מיט א צווייטן.

שלמה קווענקלט זיך, ס'ווילט זיך נישט דערציילן און עס גלוסט זיך נישט אפזאגן. רייזל בייגט זיך אן צו זיין אויער און שעפטשעט אריין שטיל:

— נישט אלס א חוב, נאר אלס א טובה, טוט עס צוליב מיר.

שלמה הייבט אויף די אויגן אויף דער בעטערין; יא, רייזל האט ביי אים פארדינט. איר וועט ער נישט אפזאגן. שלמה פארנעמט די האר פונעם פנים און זאגט אנטשלאסן:

— גוט, רייזל, איר האָט געפּועלט, איר קענט זיך גיין זעצן.

יוסף גאַרדאַן האָט שטיל ווי אַ קאַץ אריבערגעקלעטערט איבער עטלעכע שיפלעך, אויף די שפּיץ פינגער זיך צוגעשאַרט צו דעם האַלב־ליגנדיקן משה פרידמאַן און איז צוגעפאַלן צו זיין אויער:

— משה, וואָס זאָגסטו נאָר אויף שלמהן מיט רייזלען, האַ? אַזוי ווי די טייבעלעך...

פאַר פרידמאַנען אויפן גראָז איז געלעגן אַ שקאַרמוצל מיט קאַנפעקטן. ער האָט זיך קיין מינדסטן קער נישט געטון אין גאַרדאַנס זייט, נאָר ווי דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס אַ נייטיקער זאַך אריינגעוואָרפן אין מויל אריין צוויי קאַנפעקטן מיט אַ מאָל און מיט געשמאַק געטשאַמקעט מיט די ליפּן.

יוספן האָט פאַרקאַכט ביים האַרצן אַזאַ קאַלטקייט. ער האָט אַ צער־רייצטער גענומען טענהן אויפן אויער:

— ווערסט אפשר זאָגן, אַז עס דאַכט זיך מיר? ווערסט אפשר זאָגן, אַז דו האָסט שוין אַ מאָל געזען רייזלען אַזאַ... אַזאַ...

פרידמאַן האָט מיט דער צונג אָפּגעשאַרט די קאַנפעקטן אויף אַ זייט און דורך די ציין אַרויסגעזייעט מיט זיין פאַנפאַטע שטימעלע:

— ווייטער...

גאַרדאַן האָט דערפילט אַן אמתע שנאה צום שקאַרמוצל קאַנפעקטן און צו פרידמאַנס ליפּן, וואָס באָדן זיך אין ווייניקער סלינע:

— וואָס ווייטערסטו, וואָס? איך נעם פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּ פון אין דער פרי אָן... פאָלג מיך, עס גייט, דאַכט זיך, אויף אַ לאַד... דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ חוש־הריח אויף אַזעלכע זאַכן —

דאָס טשאַמקען מיט די ליפּן איז געוואָרן דראָענדיק, מיט אַ פּייפן:

— ווייטער...

— ווידער אַ מאָל — ווייטער? איך זאָג: אַזאַ שלמה... כ'מיין, אַזאַ רייזל... כ'מיין, מען וואָלט אפשר עפּעס געדאַרפט טון...

— דהיינו?

— אפשר וואָלט מען געדאַרפט זאָגן פאַלין, אַז זי זאָל אויפהערן זיך פלאָנטערן פאַר די פיס... אַז זי שטערט נאָר... אַז דאָס קאַזאַקל מיט איר איז געענדיקט... אַז זי זאָל זיך פאַרנעמען פון דאַנען מיט איר קלאַפּער־געצייג...

אַ פריש קאַנפעקטל איז אריינגעפלויגן אין מויל אריין:

— ווייטער...

— טפו אויף מיינע שונאימס קעפּ! איך רעד צעזעצטערהייט, מיינע שונאים, און ער גייט נאָר מיט „מציצה“...

— גיי־זשע טאַקע און זעץ זיך אוועק אויף דיין אָרט, ווערסטו פאַר־שפּאָרן רעדן צעזעצטערהייט... מיש זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן און וויל נישט באַוואָרענען די וועלט...

— הייסט עס, דו האָלטסט, אַז ביי אַזאַ ענין העומד ברומו של עולם, איז נישקשה זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט און גאָרנישט טון ?

— פאַר אַזאַ טוער ווי דו, איז גאָרנישט — אויך צו פיל...

— כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס הייסט — צו פיל ?

— שוטה, איך זאָג עס פאַר אַ ווערטל. מען דערציילט, אַז צו ר׳ דודל טאָלנער זצ״ל, זענען אַ מאָל געקומען שטעטלשע יידן, נעבעך, עניים מרודים, זיך קלאָגן אויף דער פרישער גזירה: מען האָט זיי באַשטעלט מיט גרויסע פּאַדאַטקעס און עס קומט זיי אויס, לא עלינו, נאָר צו גיין אין די הייזער מיט ווייב און קינדער... דער רבי זעט, אַז מער פון אַלעמען שרייט און פילדערט יאָקל דער באַרלעך־ייד, אַ באַוווסטער נצרך, אַ קבצן, אַ דלפן. רופט אים דער רבי צו און פרעגט אים: — „זאָגט מיר, ר׳ יאָקל, וויפל האָט מען אייך געשטעלט ?“ — „דוקא קיין איין גראָשן אויך נישט, הלמאי זאָל איך זאָגן ?“ — „הײנט, זאָגט מיר, וואָס זשע לייגט איר אַזוי איין וועלטן ?“ — „רבי, איך שריי ווייל עס טוט מיר וויי, ווייל פאַר מיר איז גאָרנישט אויך צו פיל...

גאָרדאָן ציט אַרויף אויפן פנים אַ נויט־שמייכעלע און פויזעט אַוועק אַ פאַרשעמטער צוריק אויף זיין אָרט.

ווידער הערשט אַ שטילקייט. שלמה האַלט צוגעמאַכט די אויגן. ער וואָרפט איבער אין געדאַנק הונדערטער געלייענטע ווערק, ענדלעך קלייבט ער אויס.

— חברים און חברטעס, איך וואָלט אייך נישט געראָטן איינוויליקן אויף מיר אָנשטאָט רייזלען —

אויף שלמהס פנים איז געהאַנגען אַן אַנגסטלעכע מינע, נאָר די ברע־נענדיקע קאָרע אויגן האָבן שטיפעריש געפינקלט.

— איר פאַרשטייט ? רייזל איז אַ מיידל אַ ברען, וואָלט זי עס גע־מאַכט איינס און צוויי און פטור אַ געשעפט. וואָס זשע, ס׳איז עפּעס אַ תכלית אומצוברענגען אַ ל״ג בעומר מיט גאָרנישט ? וואָרעם מיט מיר ווייסט איר דאָך איז דאָס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, כ׳בין אַ פּאַוואָליע יידל אין די זאַכן. לכן האָט איר נאָך איצט צייט חרטה צו האָבן און זאָל טאַקע רייזל עפּעס דערציילן, כ׳בין אייך ערוב, אַז זי וועט עס חוץ אַלעמען מאַכן נישט ערגער פון מיר.

פון דער מאַסע דערהערן זיך קולות:

— שלמה, שלמה, פּראָוועט נישט קיין עניוות, דערצייל, דערצייל דו!

עמעצער פאַרציט דעם באַקאַנטן ניגון „מיר בעטן דיך“. פיל העלדזער כאַפּן אונטער: „מיר בעטן דיך, מיר בעטן דיך“... עס פליייצט אַן אַלגע־מיינער געלעכטער און שלמה לאַכט שטאַרקער פון אַלע. ער הייבט אויף די האַנט און עס ווערט שטיל. מיט אַ מילדן שמייכל זאָגט ער צו זיי:

— שוטים וואָס איר זענט. מיך דאַרפט איר בעטן ? מיין טאַטע, געלויבט צו גאָט, איז דאָך דערווייל נאָך נישט קיין רב אין פּאָלטאַווע... נאַ דיר גאָר אַ בעטעניש. מיר פאַרקערט, שטייט אַן אייך צו בעטן. איך

האָב נאָר געמיינט אייער טובה, איר זאָלט נישט פּטרן אַזאַ געראָטענעם טאָג מיט מעשהלעך. נאָר אַז איר האָט זיך איינגעשפּאַרט דווקא אַזוי, זאָל זיין אַזוי. אויף וויפל דער זכרון וועט מיר דינען, וועל איך אייך איבער־דערציילן אַ וואַזשנעם ספּור פון אברהם־שלום פרידבערג מיטן נאָמען: „עמק הארזים“. נאָך דעם, אויב איר וועט נאָך נישט מיד זיין, וועל איך אייך דערציילן נאָך אַ ספּור: „יעקב טיראַדאָ“, און אויב אייך וועט נאָך אַלץ נישט נמאס ווערן, וועל איך אייך דערציילן נאָך איינעם זייער אַ סענטימענטאַלן ספּור מיטן נאָמען „יהודה טוראָ“. דאַכט זיך גענוג, האַ? און טאָמער וועט איר זיך נאָך אַלץ נישט כאַפּן מיר אויפהענגען אַ שלאָס אויפן מויל, וועל איך אייך נאָך דערציילן נישט קיין גרויסן, נאָר זייער אַ פּיקאַנטן ספּור, וואָס פאַרמאָגט אַ צווייענדיקן נאָמען: „החלוף“ אָדער „הבן האובד“. ווי איר זעט, האָט איר זיך אָנגעפרעגט אַ מפטיר נישט אויף קיין קאַטאָוועס. איך זאָג דאָס קעגן דעם, וואָס עס איז נאָך דאָ צייט חרטה צו האָבן. באמת טאַקע, אפשר וואָלט גלייכער געווען איך, זאָל גאָרנישט אָנהייבן?

אין „זאָל“ האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. שלמה האָט איינגעשטילט דעם עולם:

— אַן עק, אַן עק, נו, זאָל זיין שטיל, איך הייב אָן...

קאפיטל LVI

די זון האָט אָנגעהויבן איר מאַרשרוט אויף צוריקוועגס. די שאָטנס פון די ביימער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסציען איבער דער ערד. די היץ האָט אָפּגעטראָטן. אַ לייכט שמעקנדיק ווינטעלע האָט געשוויבערט די האָר ביי די מיידלעך, געשפּילט זיך מיט זייערע קאָפּטלעך. אויף די הענגענדיקע גאַמאַקן האָבן זיך נאָך געפונען גענוג געשמאַקע מאכלים, וואָס בלויז פון זייער ריח האָט דער מאָגן אונטערגעבורטשעט, אָבער קיינער האָט איצט דערויף קיין אכט נישט געלייגט. אַלעמענס אויגן זענען געווען צוגעקאָוועט צו שלמהס ליפּן. זיין שטים האָט שטיל און זאַנפטיק געקלונגען איבערן וואַלד. אָבער דאָס, וואָס ער האָט דערציילט, איז געווען נישט קיין מעשה, נאָר אַ קינסטלערישע שילדערונג, אַ רעדעוודיקער פילם. שלמהס דערציילונגען האָבן פעסט געהאַלטן די צוהערער אין צוואַנג, געפירט זיי איבער לענדער און שטעט, פון איין העלד צום צווייטן. ווי מיט אַ כשוף האָט ער זיי געצוווּנגען פילן אינעם דערציילטן דאָס זעלבע וואָס ער בשעתו. פריילעך זיין ביי די זעלבע אומשטענדן, וואָס ער איז פריילעך געווען, און אָפּווישן אַ טרער דאַמאָלסט, ווען אים האָט זיך געוויינט.

ווען שלמה האָט געענדיקט דערציילן און איז געבליבן זיצן אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, איז נאָך לאַנג געהאַנגען די שטילקייט אַן אומבאַריִרטע. קיינער האָט קיין מוט נישט געהאַט אפילו קיין פּיפּס אַרויסצולאָזן פון מויל. דער איינדרוק איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. גאַנץ אומגעריכט האָט זיך שלמה אויפגעהויבן, זיך אויסגעגלייכט דיביינער און מיד אַרויסגעברומט:

— נו, קינדערלעך מיינע, אויף היינט וועט זיין גענוג.

פון פיל מיילער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער קרעכץ:

— שוין ? !

— נאָך נישט צייט? שוין דאַכט זיך באַלד דאָ שטערן און זיי איז נאָך אַלץ קאַרג... פּויליאַקעס וואָס איר זענט! וואָס אַרט אייך, אַז עמעצער האָט שוין באַלד אַ ווונד אין האַלדז פון דערציילן, אַבי אייך איז אָנגענעם... אויפשטיין!

אַלע האָבן זיך ראַש אַ הייב געטון און באַלד טאַקע איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך. חברה האָט ווי פון שלאָף אויפגעוואַכט. מען האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז היינט איז ל״ג בעומר. מען האָט מיט אַ מאָל דערזען, ווי שיין דאָס וועטער איז: די לופט — קרישטאָל, דאָס ווינטעלע — סאַמעט, די ריחות פון דער סאָסנע, פון די נוסנביימער, פונעם טייך — אַ דערקוויקעניש. יעדער האָט מיט אַ מאָל ווייטיקלעך־שאַרף דערפילט, אַז מאָרגן קומט ווידער אָן אַ וואָכעדיקער טאָג מיט אַלע געוויינלעכע שוועריקייטן. יעדן איז שרעקלעך אַ שאָד געוואָרן צו פאַרלירן אפילו איין מינוט אָן פרייד פון דעם אַזוי אומגעריכט־געלונגענעם ל״ג בעומר.

פון אַלע זייטן האָבן זיך דערטראָגן קולות:

— וואָס טוט מען אַצינד? גאַרדאָן, דו ביסט דאָך עפּעס קאָמענדאַנט... ווו ביסטו ערגעץ? ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן?

שלמה האָט געבעטן אַ וואָרט.

— געשעצטע הערן און דאַמען! איך בין שוין, גאָט זיי דאַנק, אויס פּאָרזיצער. נאָר אַלס פּראָסטער בשר ודם וואָלט איך פון איצט אָן פאָרגע־לייגט פאָלגנדיקן סדר־היום. קודם־כל: טראָגן מיר שוין אַריבער אונדזער פּלאַטיליע צום ברעג, שיפן זיך אַריבער מיט האַק און פּאַק אויף יענער זייט דניעפּר. דאָרטן שטעלן מיר צונויף פון די שיפלעך טישן מיט בענק אויפן אַלטן שטייגער, אַקוראַט ווי דאָ. דאַן דאַווענען מיר אָפּ מנחה און פּראַוועןדי צווייטע סעודה. ווען ס'וועט נאַכט ווערן, וועלן מיר אָן ערך פון אַ שעה זיך שיפן אויפן טייך, זינגען און שפּילן, מיט איין וואָרט, אויפוועקן אַלע פיש, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז די לבנה וועט אויפגיין. דאַן זעצן מיר זיך ווידער אַרויס אויף דעם ברעג און שפּאַצירן אַרום עטלעכע שעה, לענג־אויס דער טראַמוויי־ליניע. אויף דער זיבעטער „פּראָסעקע“, שמועסן מיר אָפּ מיט דעם דיספּעטשער*, אַז קרוב צו דעם, ווען עס וועט דאַרפן אָפּגיין דער לעצטער טראַמוויי אין שטאָט אַריין, זאָל ער אַרויסהענגען אויף זיין דעזשורקע אַ סיגנאַל־לעמפּעלע, אַז אַלע שפּאַצירנדיקע, וווהין זיי זאָלן זיך נישט פאַרקלייבן, זאָלן עס מוזן באַמערקן. פאַר אַ פּעקל פּאַפּיראָסן וועט ער עס אונדז טון. און צוויי ביי נאַכט, אומקערנדיק זיך צוריק קיין קיעוו, דריקן מיר שטאַרק די הענט איינער דעם צווייטן און זייט מיר געזונט און האָט מיר אַ גוטן שליטוועגס.

הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך צעשאָטן איבערן וואַלד ווי אָן עבֿאָ אויף שלמהס רייד. חברה האָט גענומען וואַרפן שלמהן אין דער לופטן, שרייען „הוראַ“. שלמה האָט זיך אָבער אויסגעריסן פון זייערע הענט, אונ־טערגערוקט אַן אַקסל אונטער אַ שיפל און געהאָלפן טראָגן צום ברעג. דער שפּאַליער פון די אונטערגעשטעלטע אַקסלען און אָנגעבויגענע רוקנס האָט זיך אַלץ געצויגן און געצויגן. דאָס געזאַנג פון די טרעגערס האָט געוועקט דאָס דאָרף. פּושטשע־וואָדיצע האָט ווי געוויינלעך געדרימלט אין גאָלדע־נעם בין־השמשות.

פון אין דער פרי אָן, זינט שלמה האָט נאָך רייזלס אַרויסטרעטן זיך דורכגעוואָרפן מיט פאָלין מיט עטלעכע ווערטער, האָט זיך אים נישט איינ־געגעבן נישט רעדן מיט איר, נישט אפילו זיך געפינען נאָענט לעבן איר. אַ ביסל איז אים געשטאַנען אין וועג דאָס „בענקל“, מיט וועלכן מען האָט אים מכבד געווען. נאָר ס'איז אויך געווען אַ גרעסערע מניעה דערפון. די כאַדראַאָוס האָבן אויף איר גוט אַכטונג געגעבן, זי נישט אָפּגעלאָזט פון זיך אויף קיין טריט. שלמה האָט דאָס גוט באַמערקט און עס האָט זיך אים נישט געגלוסט צוגיין צו איר אין זייער קעגנוואַרט. ער האָט פאַר זיך

---

* דער באַאַמטער וואָס פירט אָן מיט דער באַוועגונג.

געזען גאָלדעס העסלעכן פּנים, אירע גיפטיקע פאַרזשמורעטע אייגעלעך, אין וועלכע שלמה האָט געזען דעם אויסגעטראַכטן לעבינגראַדער חתן.

— אַזאַ שלאַנג! אַזאַ מרשעת! טאַמער איז איר קאָרג מאַרוסיא, האָט איר גאָט באַשערט נאָך אַ גאָלדען... אַז ווי ערגעץ אַ שלאַק... מען האָט איר דאָרטן, אַ פּנים, גוט אין זינען, „פון אויבן"... ניין, ער וועט נישט צוגיין צו פאַלין איבער גאָלדען... ער וויל אפילו אין אירע ד' אמות נישט שטיין... זאָל זי איבערגיין אויף אַנדערע הענט...

ביים זעצן זיך אין די שיפלעך האָט זיך שלמהן געדאַכט, אַז פאַלי וואָלט אַ בעלן געווען זיך אָפּטשעפּען פון די כאַדאָראַווס. ער האָט זיך שוין אפילו געלאָזט גיין צו איר און פאַלי, האָט ער געזען, האָט דאָס דוקא באַמערקט, נאָר דינה כאַדאָראַוו האָט זי געגומען אונטערן אָרעם, פאַלי האָט זיך נישט געוועהרט און ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום ברעג. שלמה האָט שטיל אַ זיפץ געטון און פאַרנומען פּלאַץ ביים רודער פונעם לעצטן שיפל.

שווימענדיק האָט ער פון דער ווייטנס באַמערקט, אַז רייזל זיצט האַרט לעבן פאַלין און ביידע קוקן אין וואַסער אַריין. שלמה האָט אומבאַמערקט נאָכגעשפּירט דעם מיידלשן שיפל. רייזל האָט וועגן עפּעס גערעדט, ענער־גיש מאַכנדיק מיט די הענט און מיט גרויס נייגער פאַרקוקט אַלע מאָל פאַלין אין פּנים אַריין. דאַקעגן פאַלי איז עפּעס געווען אומעטיק, זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהויבן די אויגן און גלייכגילטיק געקעמט מיט די פינגער דאָס גרינע געמויזעכטס אויפן וואַסער.

דער דניעפּער איז געווען ווי אַן אָפּגעקילטע גלאָז טיי, לעבלעך און דורכ־זיכטיק־לויטער. אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג האָבן ווערבעס — ביים סאַמע וואַסער שטייענדיקע — זיך אויסגעקעמט די גרינע צעפּ, שיף איבערן דניעפּר. פּושטשע־וואָדיצע האָט זיך פוסטריט גערוקט אויף צוריק, זיך גע־שלייערט אין אירע באַוואַקסענע פּראָסעקעס.

אויסשטייגנדיק אויפן ברעג האָט שלמה מיט די אויגן אַרומגעזוכט פאַלין אין אַלע ווינקלעך און זי נישט געפונען.

— וווהין האָט זי געקענט פאַרשווינדן? און וואָס איז זי עפּעס אַזוי דערשלאָגן?

שלמהס האַרץ האָט, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פאַרוואָס, אומ־רואיק געקלאַפּט. עס האָט אים שטאַרק געצויגן צוצוגיין צו יענעם רעדל מייד־לעך, וואָס שטייען ביים אַריינגאַנג פונעם וואַלד לעבן דער גרויסער אָסינע. דאָרטן, האָט ער פאַרשטאַנען, מוז זיין פאַלי אויך. דער עולם האָט זיך אָבער געשטעלט דאַווענען מנחה און ער האָט געמוזט בלייבן גלייך מיט אַלע.

אין דער תחילת־נאַכטיקער טונקלקייט, ווען די ל"ג־בעומרניקעס האָבן זיך געזעצט אין די שיפלעך, כדי אומקערן זיך צו דער „גרויסער ערד"*,

---

* געמיינט — צום היימישן ברעג.

האָט שלמה אָפּגערופן זיין שוועסטער דינה אין אַ זייט און איר נישט דרייסט געזאָגט:

— ווען מען וועט אויסשטייגן אויף יענעם ברעג, באַמי זיך אוועקצורופן פּאָלין און גיין צוזאַמען מיט איר. איך וועל נאָך דעם אויך צוקומען...

דינה האָט פאַרשטאַנען דאָס נישט דערזאָגטע און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: גוט, ס'וועט שוין זיין רעכט.

אויפן פּאָן פון דער פּאַרטונקלטער נוסנביימער־אַלייע האָט חברה אויסגעמאָסטן דעם דניעפּר אין דער לענג און אין דער ברייט. צענדליקער מאָל האָבן זיי זיך דורכגעשיפּט אויף און אָפּ. ענדלעך האָט מען זיך אַרויסגעזעצט אויפן ברעג, אָפּגעגעבן די שיפלעך דעם פאַרשלאָפענעם פאַרוואַלטער פון דער ספּאָרט־סטאַנציע און צו צווייַ, צו דריי זיך געלאָזט פּאַמעלעך שפּאַצירן לענג־אויס דער טראַמוויי־ליניע. דער הימל איז געווען פאַרוואָלגערט מיט קאַטאָוועס־כמאַרעלעך — אַזוי זיך, פון דער היץ. די לבנה האָט זיך פּאָרזיכטיק געדראַפּעט פונעם האָריזאָנט; אַ געלע, אַן אָנגעביסענע האָט זי אָפּגעשאַרט דעם ברודיקן פאָרהאַנג און זיך אַרומגעקוקט. דערזען אַזאַ היפּשן עולם האָט זי זיך פאַרשעמט און זיך צוריק פאַרשטעלט הינטער אַ רויכיק פאָרהענגל.

שלמה האָט מיט די אויגן אַ זוך געטון זיין דינהן און האָט זי דערזען שטיין אויפן ברעג אַ פאַרלוירענע. דערזען שלמהן האָט זי אַ וווּנק געטון אויף פּאָרנט, צום דאָרף צו און מיט אַ פאַריאושטן פּנים צענומען די הענט:

— וואָס האָב איך געקענט העלפן, אַז מען האָט זי אויסגעכאַפּט פון אונטער די הענט?...

שלמה גיט אַ קנייטש מיט די אַקסלען:

— מילא, ניין, דאַרף מען נישט. דאָס לעבן וועל איך מיר נישט נעמען...

די ערשטע פון די שפּאַצירנדיקע זענען געגאַנגען קלאַדניצקי מיט טאַנין. נאָך זיי זענען געגאַנגען זעליק פייגנבוים מיטן ווייב און פרידמאַן מיט סעגאַלן פון ביידע זייטן. נאָך ווייטער מיט עטלעכע רייען זענען געגאַנגען די כאַדאָראָווס און געפירט פּאָלין אונטער די הענט. האַרט הינטער זיי זענען געגאַנגען נחום אַדלער און יוסף גאָרדאָן און צוזאַמען מיט דער פעדערשטער ריי געפירט אַ לעבהאַפטן געשפּרעך. שלמה איז געגאַנגען אָפּגעזונדערט און האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס. מען איז צוגעקומען צו דער זיבעטער „פּראָסעקע". גאָרדאָן מיט קלאַדניצקין זענען אַריינגעגאַנגען צום דיספּעטשער באַוואָרענען, אַז ער זאָל אַרויסשטעלן דעם סיגנאַל צום לעצטן טראַמוויי. די חבריא איז דערווייל אונטערגעקומען און האָט באַלאַגערט די געוועלבלעך. ווער ס'האָט געטרונקען סאָדע־וואַסער, ווער ס'האָט געגעסן אייז־קרעם און ווער עס האָט נאָר געקויפט פּאַפּיראָסן.

שלמה האָט באַמערקט פּאָלין שטיין ביי אַ זייט. זי איז, דאַכט זיך, איצט אַליין. ווען עס זאָל זיך איר שטאַרק גלוסטן, האָט זי איצט אַ געלעגנהייט איבערצוגיין פון די כאַדאָראָווס צו די פּיאַטיגאָרסקיס. אָבער זי טוט דאָס נישט. זי האָט אויך באַמערקט, אַז שלמה זעט, אַז זי איז פריי,

און דאָך שטייט זי אויף איר פריערדיקן אָרט און רירט זיך נישט. עס פאַר־קלעמט אים שטאַרק ביי דער נשמה: אַזאַ אויפפירונג פון איר, דאָס איז דאָך אַזוי גוט ווי אַ פּאַטש אין פּנים... פאַר אַזאַ עדה יידן... פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וואָס קומט עס אים?...

מיט אַ מאָל דערפילט ער, ווי עמעצער פרעגט אים עפּעס אויפן אויער. ער דרייט אויס דעם קאָפּ, עס איז זיין דינה. זי פרעגט ביי אים, צי זאָל זי אַצינד אָפּרופן פאַלין. איר דאַכט זיך, אַז אַצינד איז דאָס מעגלעך. אָבער שלמה איז ביז גאָר וואַכעדיק. ער ענטפערט איר מיט אַ שלעפערדיקן טאָן:

— מען דאַרף נישט... זאָל שוין זיין אַזוי...

ברודער און שוועסטער קוקן זיך גלייך אין די אויגן. מען פאַרשטייט זיך אָן ווערטער. דינה בייגט זיך צו, גיט שלמהן אַ גלעט איבער די האָר:

— שלמהלע, גלייב מיר, זי האָט נישט די ווערט דיינע אַנגסטן...

שלמה נעמט צאַרט אַראָפּ איר האַנט פון זיין קאָפּ, דריקט זי צו צו זיינע ליפּן, דערנאָך שטופּט ער זי אָפּ מיט ביידע הענט:

— גיי, גיי, שפּאַציר אַ ביסל, די לופט איז דאָך אַזוי פריש...

— און דו? אַליין?

— פאַר מיר זאָרג נישט, איך בין שוין נישט קיין קליינינקער...

אָן חשק גייט דינה אָפּ פון אים און שלמה באַמערקט מיט אַ ווינקל אויג, אַז פאַלי האָט פון זיי די גאַנצע צייט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. אַ פּאָר מינוט שטייט ער נאָך אַזוי, מיט דער פּלייצע צו פאַלין. אויף אים ליגט אויסגעגאָסן אַ קאַלטע גלייכגילטיקייט, אַ לייכטער גליווער. נאָר באַ־מערקנדיק, ווי פאַלי אַנטשולדיקט זיך פאַר די כאַדאַראָוס און לאָזט זיך גיין צו אים, לויפט איבער אויף זיין פּנים אַ קראַמף:

— דאָס וואַרפט זי מיר צו אַ ביינדל ווי אַ געטרייען הונט...

אין זיינע ליפּן־ווינקלען באַווייזט זיך אַן עקשנותדיקער קנייטש. ער רופט אויס אויף אַ קול, אַז אַלע זאָלן קענען הערן:

— חברטע ליבערמאַן, אויף איין מינוטקעלע...

קאפיטל LVII

שלמה זעט פון הינטער דער פּלייצע, אַז פּאָלי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף צוריק, ווי פון אַ דונער געטראָפן. זי האָט זיך הינטערווייַלעכס צוגע־שאַרט צוריק צו די כּאַדראָאָוס און איז שטיין געבליבן ווי אין הינערפּלעט. אָבער אים אַרט דאָס נישט. אדרבה, עס טוט אים נאָך אפשר הנאה. פיל אויגן, פילט ער זענען איצט געווענדעט אויף אים מיט רייזלען, אָבער וואָס גייט דאָס אים אָן?

— איר האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, שלמה?

— יאָ. איר זענט איצט שטאַרק פאַרנומען?

— כ'בין לחלוטין נישט פאַרנומען, נישט נאָר שטאַרק.

— קענט איר מיט מיר אָפּגיין אַ ביסל אין אַ זייט?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? מיט פאַרגעניגן!

רייזל נעמט שלמהן אונטערן אָרעם און זיי לאָזן זיך לאַנגזאַם אויף צוריק, אין דער ריכטונג וואָס פּירט אין שטאָט אריין. גאַרדאָן מיט קלאַד־ניצקין גייען אַרויס פון דעם דיספּעטשער: אַלץ איז אין אָרדענונג, דער סיגנאַל וועט געגעבן ווערן. ביזן לעצטן טראַמוויי זענען נאָך געבליבן העכ־בער דריי שעה. דער עולם דרייט זיך אויס, פּאָרלעכווייז און צו גרעסערע גרופּעס גייט מען פּאַמעלעך צוריק אין טונקעלן וואַלד אריין.

— נו, שלמה, זאָגט עפּעס גוטס, איך וויל הערן.

— הא, וואָס זאָגן? אַ־האַ! יאָ, די מינוט!

— עפּעס ווייזט איר מיר אויס ווי צעטראָגן פון עפּעס. וואָס איז די מעשה?

— עס דאַכט זיך אייך, רייזל. פון וואָס קען מען זיין צעטראָגן אין אַזאַ וווּנדערשיינער נאַכט? נאָך אַזאַ פריילעכן טאָג?

— עס קען זיין, אַז עס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט... איז וואָס זשע האָט איר געוואָלט זאָגן, חבר שלמה?

— איך וויל זיך ווענדן צו אייך מיט אַ גרויסער ביטע.

— פאַר וואָס זשע ווילט איר נאָר און ווענדעט זיך טאַקע נישט?

— ווייל איך קען זיך אַזוי גרינג נישט באַשליסן דערויף. אין מיין ביטע שטעקט אַ היפּש ביסל געמיינקייט...

רייזל הייבט אויף אירע געדיכטע שוואַרצע ברעמען, אירע מילדע אויגן זענען תמימותדיק־פאַרחידושט און באַטראַכטן נייגעריק שלמהן פון קאָפּ ביז די פיס. זי בלייבט שטיין אויף אַ ווייַלע. הינטער זיי האַלטן זיך אָפּ אַלע איבעריקע שפּאַצירנדיקע, מען וואַרט אויפן ערשטן פּאָרל, דאָס שטעגל איז אַ שמאָלס, אויסמיידן איז אוממעגלעך.

— איך גלייב אייך נישט, שלמה.

— וואָס גלייבט איר נישט?

— איך גלייב אייך נישט, אז אייך זאָל זיך ווען אַ געמיינע זאַך. אויף וויפל איך האָב אייך קענען געלערנט, איז דאָס אום—מעגלעך!...

דאָס שטעגל האָט זיך ווייטער געשפרייט אונטער זייערע פיס. רייזל האָט אים געמונטערט:

— וואָס זשע זענט איר אַנטשוויגן געוואָרן?

— איר זאָגט אוממעגלעך... ביז איצט איז דאָס טאַקע אַזוי געווען, אָבער חוץ דעם מאָל, חברטע ליבערמאַן. איר וועט זיך באַלד אַליין איבערצייגן, אַז שווערן טאָר מען היינט פאַר קיינעם נישט.

— כ'בין זייער נייגעריק.

— דאָ מיט אונדז אין וואַלד שפּאַצירט איצטער איינע אַ מיידל...

— פּאָלי?

— יאָ, פּאָלי. און מיר ווילט זיך זייער, אַז זי זאָל אַ ביסל, אַזוי לייכט, מיך אָן אייפער טון און איר וואָלט עם מיר געקענט טון... אויב ס'איז נישט צו פיל פון מיין זייט...

די טונקעלע נאַכט האָט גוט באַמערקט, ווי בלאַס רייזל איז געוואָרן, נאָר זי האָט געמאַכט מיט אַ שווייג. ווי אַ געטרייע מוטער האָט זי נאָך פינצטערער געמאַכט אַרום זיי, כדי קיין פרעמד אויג זאָל נישט באַמערקן דאָס וואָס זי.

— און איר זענט זיכער, אַז זי וועט אייך אייפערן? — האָט רייזל שוין צו רואיק געפרעגט.

— איך בין אפילו נישט אין גאַנצן זיכער, נאָר איך וויל פּרוּוון.

— נו, און צי פּאַסט מיר די ראָל? צי וועל איך זי קענען אויספירן?

— אָ, דאָס איז ביי מיר קיין ספק נישט...

רייזל שטעקט זיך ביז וויטיק אַריין די נעגל אין לייב אַריין.

— איז וואָס זשע דאַרף איך טון?

— נישט קיין גרויסע זאַכן, גאָרנישט קיין גרויסע זאַכן.

— זאָגט, לאָמיך הערן.

— איר דאַרפט קודם־כל די גאַנצע צייט ביז אונדזער פאָרן אַהיים שפּאַצירן מיט מיר... נאָר מיט מיר... נו, און וואָס נאָך? זיך האַלטן מונטער, לעבעדיק... נו, ווי אַזוי זאָל איך אייך אויסמאָלן?... מיט איין וואָרט, עס זאָל מאַכן אַן איינדרוק אויף אַלע אַרומיקע, אַז אייך איז שטאַרק פריילעך מיט מיר... אָט דאָס איז אַלץ. איצט האָט איר דאָס רעכט, מיך גוט אויסזידלען פאַר מיין עזות, אַ שפּיי טון און אַוועקגיין.

רייזלען האָט מיט אַ מאָל באַהערשט אַ מעכטיק רחמנות־געפיל צו שלמהן. איר נשמה האָט אַרומגענומען אַן אומבאַגרייפלעכע צערטלעכקייט צו אָט דעם ליידנדיקן בחורל. איר האָט זיך אַזוי געוואָלט אָננעמען זיין קאָפּ מיט ביידע הענט, און אים צודריקן שטאַרק, שטאַרק צו איר הייסער מיידלשער ברוסט.

— איר האָט אין מיר אַ קליינינקן טעות, שלמה. מיין טבע איז, נישט קוקן אויף אַ זאַך אויבערפלעכלעך, אָפיציעל, נאָר ווי ווייט מעגלעך אַריינ־

דרינגען אין דער נשמה פון דער זאַך... מיט איין וואָרט, איך זע קיין מינדסטע באַליידיקונג נישט פאַר מיר אין אייער פאָרשלאַג, פאַרקערט גאָר, עס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע אויפגאַבע. אלזאָ, פּרווון מיר...

— רייזל, איך האָב אָבער געוווסט, אַז איר פאַרמאָגט אַ זעלטענע נאַטור...

— זעלטן־שמעלטן, הערט שוין אויף!...

און אומגעריכט האָט זיך רייזל אַזוי קלינגענדיק צעלאַכט, אַז אַלע שפּאַצירנדיקע האָבן נישט ווילנדיק אַ קער געטון די קעפּ אין איר זייט. דער סודות־פולער וואַלד האָט גערן אונטערגעכאַפּט איר גלעקעלע און גע־קלונגען דערמיט ווייט־ווייט אין דער טיפער נאַכט אַריין.

שלמה האָט פאַרלוירן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. עס איז אים געווען אַ חרפּה פאַר זיך אַליין, פאַר וואָס ער באַנוצט זיך מיט אָט דעם גאָלדענעם מיידל צוליב זיינע מיאוסע חפציות. אינסטינקטיוו האָט ער געפילט, אַז אַלע חברים און חברטעס רעדן אַצינד נאָר פון זי ביידן, פון שלמהן מיט רייז־לען. און ווי אַזוי — פאַלי? ווי רעאַגירט זי דערויף? עס פאַרדריסט זי כאָטש? עס האָט זיך דערוועקט אין איר אַ געפיל פון געוויסן־ביסן פאַר איר אכזריות, צי — גראַניט בלייבט גראַניט?

רייזל האָט שלמהן געלאָזט רואיק טראַכטן זיינע געדאַנקען און זי האָט דערווייל געטון דאָס איריקע. אַליין גערעדט, אַליין הילכיק געלאַכט, גע־מאַכט אַן אָנשטעל ווי זי שפּאַרט זיך מיט אים וועגן עפּעס, ווי זיי זאָלן זיך אַמפּערן מיט סכנות־נפשות. ווען מען „גלייבט" זיך אויס און עס ווערט „שלום", נעמט זי אים שטייפער אונטערן אָרעם, שפּאַרט אַן איר גראַציעזע פיגור אין זיין ברייטן אַקסל און ווידער צעשיט זיך דאָס גלעקעלע איבערן וואַלד מיט אַ שטיפעריש געלעכטערל. שלמה האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ צעטומלטער. ער האָט זיך איינגעהערט אין דעם געמלאכהטן קאָנצערט און שווער געטראַכט:

— ... זי איז אַריין אין איר ראָל גאָרנישט אויף קאַטאָוועס... חברה קער גאָרנישט וויסן, וואָס צו טראַכטן וועגן אונדז...

ער הייבט אויף די אויגן צו איר. זי דערפילט עס גלייך.

— וואָס איז? עפּעס נישט ווי עס דאַרף צו זיין? — פרעגט רייזל שעפּטשענדיק — זאָגט, שעמט זיך נישט!

שלמהן גיט אַ צופּ ביים הארצן איר מוטערלעכע געטריישאַפט, איר זאָרגעוודיקער טאָן. ער דערמאָנט זיך אין דעם, וואָס משה פרידמאַן האָט וועגן איר אַ מאָל געזאָגט: „דאָס איז אַ שטאָלצע אָדלערין"... אַזאַ גראָבן טעות האָבן... וווּ איז דער שטאָלץ? וווּ איז די אָדלערין? וווּ?... און ווי אַ בליץ לויפט אים דורך אַ געדאַנק: — און אפשר איז פון אים קיין ראיה נישט? אפשר איז זי טאַקע אַ שטאָלצע אָדלערין און נאָר ער איינער איז אַן אויסנאַם?... שלמה פילט, אַז ביי דעם דאָזיקן געדאַנק שלאָגט אים צו דאָס בלוט צום געזיכט. ער האָט מורא אַ קוק טון דער ווירקלעכקייט אין פּנים אַריין. ער טרייבט דעם געדאַנק פון זיך מיט כח, ס'העלפט אָבער

גאַרנישט. וואָס מער ער שטופּט אָפּ דעם געדאַנק, אַלץ מער עקבערט ער דעם מח. ער פילט, אַז די פּיס האַקן זיך אים אונטער פאַר אויפרעגונג: שווין זשע? שווין זשע וואָלט ער געקענט דערגרייכן אָט דאָס מיידל? אָט די העלדין פון היינטיקן טאָג? אך! ער מעג שווערן, אַז דאָס פּאָרל, וואָס גייט הינטער זיי, האָט אָנגערופן זייערע נעמען. ער האָט דייטלעך געהערט: „שלמה און רייזל". אינטערעסאַנט, ווער גייט עס הינטער זיי? ניין! אומקוקן זיך פאַסט נישט. ער האַלט דאָך אין מיטן משמח־זיין זיין „באַרישניע", ווי מעג ער דאָס מפסיק זיין?

און רייזל טוט זיך אירס, זי ווערט גאַרנישט מיד. זי רעדט צו אים, ענטפערט זיך אַליין, בייזערט זיך כלומרשט און לאָזט אוים מיט אַ לוסטיק געלעכטערל — אַן אַרטיסטין!...

דאָס חשכות אין וואַלד ווערט שיטערער, אויף יענער זייט וואַלד גייט אויף אַ פאַרשלאָפענע לבנה. זען זעט מען זי נאָך נישט, די ביימער פאַרשטעלן, אָבער אין דער אַלייע, ווו די ל"ג־בעומרניקעס באַוועגן זיך, איז היימלעך האַלב־טונקל, ווי אין אַ שלאָפצימער ביי אַ לעמפּל מיט אַ שטאַרק איינגעדרייטן קנויט.

שלמה דריקט צו רייזלס האַנט מיט זיין אָרעם:

— רייזל! כאַפּט זי דער רוח, די גאַנצע קאָמעדיע! עס איז מיר אַ בזיון פאַר אייך, וואָס איצט ווייסט איר שוין, אויף וואָס איך בין פעאיק. לאָמיר בעסער עפּעס שמועסן ווי סאָלידע מענטשן.

— ווי איר פאַרשטייט.

— ערנוואָרט! איך וועל זיך קיין מאָל נישט מוחל זיין אָט די קאָמעדיע, וואָס איך האָב צוגעטראַכט.

— ע, דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן, — שטאַמלט רייזל פאַרטראַכט.

און עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס צווישן זיי, אַ וואַרעמער, אַ האַרציקער, ווי צווישן אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. שלמה ווערט פון דעם שמועס געוווּיר, אַז קיין קיעוו איז זי געקומען באַשטעלן אַ מצבה פאַר איר מוטער. נאָך דעם קומענדיקן שבת ווערט אַ יאָר, זינט איר מוטער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון אַן אָפּעראַציע, טאַקע דאָ אין קיעוו. אויף שבת דערוואַרט זי דאָ אירע ביידע ברידער, דעם מאָסקווער און דעם פּאָלטאַווער. נאָכן צאַמען דער מוטערס קבר פאָרט זי צוריק אַהיים.

רייזלס טרויעריקע נייעסן ווערן איבערגעגעבן אין אַ היימיש־געמיטלעכן טאָן און שלמה פילט, אַז זיין נשמה איז פול מיט אָט דעם מיידל. ער הויכט איין איר אָטעם, זאַפּט איין אין זיך דעם ריטם פון איר ברוסטיקער שטים, ער פאַרלאַנגט מער גאָרנישט, נאָר זי זאָל רעדן און רעדן, רעדן אָן אַן אויפהער. רייזל דערפילט זיין פאַרלאַנג און טוט אים צו ליב. מיט אַ שטילן זיסן פליסטער דערציילט זי:

אירע עלטערן האָבן מער נישט געהאַט ווי דריי קינדער, די צוויי ברידער און זי — אַ בת־יחידה. דערצויגן און אויסגעוואַקסן איז זי אין אַ רבניש־חסידישער שטוב. די טשערנאָבעליער טווערסקים, וואָס וווינען איצט

אין קיעוו, קערן אַז די ליבערמאַנס גליד־שוועסטער־קינדער, שלישי־שבשלישי הייסט עס. תנ"ך, גמרא און נאָך אַזוינע זאַכן, האָט מיט איר געלערנט דער פֿאָטער אַליין, דערנאָך שוין די ברידער. חוץ דעם האָט זי גלייכצייטיק געענדיקט אין דעם מאָסקווער פֿינאַנסיעל־עקאָנאָמישן „הינ־טער־אויגיקן"* אינסטיטוט צוויי פֿאַקולטעטן. זי האָט בפירוש דורכ־שטודירט אַ היפּש ביסל אויך אויף אַ דריטן פֿאַקולטעט, אָבער ענדיקן איס האָט זי שוין נישט באַוויזן. די מוטער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קרענ־קען... ווער שמועסט נאָך דעם... איז איר שוין אודאי נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין דאָס לערנען. איצט, כאָטש עס גייט אַריין אַ יידענע אין שטוב אַריין, טוט אָפּ כמעט אַלע שווערע אַרבעטן, נאָר פֿון דעסט וועגן קיין סך פֿרייע צייט איז שוין נישטאָ און אויב זי האָט יאָ אַ מאָל אַ פֿרייע שעה, לייענט זי וואָס עס איז — אַן אַ סיסטעם פֿאַרשטייט זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין, וואָס עס קומט איר צו דער האַנט.

פֿאָלטאַווע איז אפֿילו, נישט קיין קליין שטעטל, אָבער פֿון איר גלייכן האָט זי דאָרטן קיינעם נישט. אין קיעוו — ווייסט זי שוין פֿון לאַנג — איז דאָ אַ תפֿארת־בחורים. די סאַמע וויכטיקע פֿון די חברים, די אָנפֿירער, האָט זי אפֿילו געקענט ביי די נעמען. אָט זיין נאָמען למשל, שלמהס, האָט זי אויך פֿיל מאָל געהערט פֿון פֿרידמאַנען. נאָר איר דאַכט זיך, אַז זי האָט דאָס אים שוין אַ מאָל געזאָגט... יאָ, אַזוי איז דאָס, ווייסן וועגן קיעוו ווייסט זי פֿיל, אָבער פֿאָרן אַהער אָפּט קען זי נישט. דער פֿאָטער אירער איז אַן עלטערער מענטש. קיין עין־הרע, אַ ייד אַ זעכציקער, און דערצו נאָך איז ער קראַנק אויפֿן האַרצן. קען זי אים דען לאָזן אַליין?...

פֿאַר אירע צוואַנציק יאָר לעבן איז זי בסך־הכל דאָס דריטע מאָל אין קיעוו. איין מאָל, נאָך קינדהווייז, איז זי געווען אין לענינגראַד. און — זאָל ער זיך פֿאָרשטעלן — אפֿילו אין כאַרקאָוו, וואָס דאָס איז פֿון פֿאָלטאַווע מיט דער האַנט צו דערגרייכן — איז זי נאָך קיין מאָל נישט געווען. מיט די פֿייגנבוימס איז זייער פֿאַמיליע פֿון זייער לאַנג באַפֿריינדעט. די פֿרוי פֿייגנבוים, נעבעך, און טאַני, דאָס זענען דאָך ממש מלאכים נישט קיין מענטשן... זייער גוטסקייט, זייער געטריישאַפֿט האָט דען אַ שיעור? וואָלט איר פֿאָטער נישט געווען אַזאַ חלוש און דער עלטערער ברודער זאָל וועלן אַוועקוואַרפֿן דאָס פֿאָלטאַווער רבנות, וואָלט זי מיט גרויס פֿאַרגעניגן אַריבערגעפֿאָרן קיין קיעוו.

אַ חברה — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש! מען דערפֿילט, אַז מען לעבט. מען פֿאַרגעסט אַ ביסל אין די אייגענע צרות. אָט צום ביישפּיל, דעם היינטיקן טאָג וועט זי אויף לאַנג, לאַנג פֿאַרגעדענקען, און די חברים דאָ האָבן מן הסתם אָפּט אַזעלכע יום־טובימלעך. יאָ, זי וואָלט זייער גערן גע־וואָלט אַריבערפֿאָרן פֿון פֿאָלטאַווע קיין קיעוו. איי, פֿון וואָס וואָלטן זיי

---

* געמיינט — אַן אינסטיטוט וועלכער שיקט זיינע לעקציעס פֿאַר די סטו־דענטן דורך פּאָסט.

געלעבט אין קיעוו? איז ווידער די אייגענע מעשה: גאָט איז אַ פּאַטער. קיין קאַפּיטאַלן, אמת, פאַרמאָגן זיי נישט, נאָר מילא, וואָס קען מען העלפן? זי איז מסכים צו גיין אַרבעטן. זי קען אַ ביסל נייען אויף אַ מאַשין. ווייטער קען זי סטענאָגראַפיע. כאָטש קיין סטענאָגראַפיסטקע וואָלט זי במילא נישט געקענט זיין, ביי דער אַרבעט מוז מען דאָך שוין אַרבעטן אום שבת... מילא, וואָלט זי זיך מיט דער פּראָפעסיע נישט באַנוצט, כאָפּט זי דער רוח! עלעהיי די פאַקולטעטן... זי קען קאַליגראַפיע, וואָלט זי געקענט פאַר עטלעכע שילער געבן לעקציעס. ווי עס איז, פון הונגער וואָלט מען מיט גאָטס הילף נישט געשטאָרבן. אָבער וואָס קומט אַרויס פון די אַלע רייד? זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס זענען דברים־בטלים. דער פּאָטער — קוים וואָס ער שלעפּט זיך אַרום איבער דער שטוב. אַז ער קומט פון דער שול, מוז ער איבערליגן אַ שעה צייט איידער ער האָט בכח אַ וואָרט אַרויס־ברענגען. וועט ער גאָר פאָרן ערשט קיין קיעוו מיט די טרויעריק־באַרימטע טראַמווייען, פון וועלכע געזונטע קענען קראַנק ווערן? ווייס איך, ס'איז פּוסטע מעשיות, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן... אַבי רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין... יאָ, זי האָט שוין וויפל מאָל געוואָלט פרעגן:

— פאַר וואָס דערציילט איר עפּעס נישט, שלמה?

קאפיטל LVIII

די לבנה, א בלייכע, א טרויעריקע, איז איינזאם געשטאַנען אין מיטן הימל. אין גאַנצן דאַרף האָט מען נישט געהערט קיין מינדסטן שאָרך, ווי אויף א בית־עולם. עס האָט שוין געמוזט זיין ווייט נאָך האַלבער נאַכט. פון דער חברה איז שוין אין וואַלד קיין שפּור נישט געווען. האַרט צוגעדריקט איינער צום צווייטן האָבן זיך שלמה מיט רייזלען געלאָזט גיין אַראָפּ צו דער זיבעטער פּראָסעקע. פון ווייטנס האָט העל געלויכטן דער גרויסער לאָמפּ ביי דער דיספּעטשער־בודקע. אין דעם באַלויכטענעם שטח איז גע־ווען צו באַמערקן א גרויסן עולם. דאָס האָט שוין חברה געקערט וואַרטן אויף דעם לעצטן טראַמוויי.

אויף דער פינפטער פּראָסעקע זענען זיי שיר נישט אַרויף אויף א מאַ־שין. ביי דער קאַלאַנקע* פון בענזין איז געשטאַנען א פּרעכטיקער „זים" ** און דער שאָפער האָט אָנגעפילט אירע רעזערוואַרן. שלמה האָט גלייכגילטיק אויסגעמיטן די מאַשין און איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט נישט באַוויזן צו מאַכן קיין דריי שריט, ווי עס האָט זיך דערהערט עמעצנס קול:

— חבר פּיאַטיגאָרסקי, וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפּעט?

שלמה מיט רייזלען האָבן זיך אומגעקוקט. נאָכשרייען זיי האָט גע־קענט נאָר דער שאָפער, חוץ אים איז קיינער נישט געווען דערנעבן. יענער איז אָבער געשטאַנען אין שאָטן און שלמהן איז אויסגעקומען זיך שטאַרק איינקוקן.

— אָך, ס'איז דו, סעמיאָן? פון וואַנען איז אַזוי שפּעט?

— פון גאַסטאָמעל. דעם דירעקטאָר אַהינצו אָפּגעפירט.

— דו פאָרסט, דאַכט זיך, לידיק אַהיים, צי ניין?

— לחלוטין לידיק, קענסט מיטפאָרן, אויב דו ווילסט. דיין באַרישניע אויך.

— וויפל ערטער געפינען זיך אין דיין „זים"? מיר זענען דאָ נישט נאָר אין צווייען.

— אין אויטאָ — זיבן ערטער, און אייז אָרט לעבן מיר אין קאַבינע.

— אויסגעצייכנט! דעם טאַלאָן פאַרן בענזין האָסטו שוין אָפּגעגעבן?

זאָג א גוטע נאַכט און קערעווע אוים צוריק צו דער זיבעטער פּראָסעקע. נאָר מאַך עס גיכער.

— נאָך וואָס זשע דאַרפן מיר פאָרן צוריק?

— וואָס פרעגסטו קשיות? דאָרט איז מיין עולם.

---

* גאַסן־רעזערוואַר פאַר בענזין, ווו די שאָפערן פילן אָן זייערע פּעסלעך.

** פּערזאָנען־אויטאָ „זים", דער נאָמען פון דער פירמע, ראשי־תיבות פון: „זאַוואָד אויפן נאָמען פון סטאַלין".

שלמה האָט צוגעהאָלפן רייזלען זיך זעצן אין מאַשין. זי האָט אים איינגערוימט:

— שלמה, אַליין וועל איך נישט פאָרן.

— רייזל, פאַר וועמען האַלט איר מיך? אמת, קיין דזשענטלמען בין איך נישט, אָבער איך בין משיג, וואָס דאָס הייסט אַזוינס. מיט אייך וועט מיטפאָרן טאַני.

— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש.

די מאַשין איז אונטערגעפאָרן צום סאַמע רעדל וואַרטנדיקע. דאָ איז נישט געווען קיין איין פרעמדער, בלויז „פאַנטאָפּלצעס" און זייערע פריינט.

שלמה מיט רייזלען האָבן זיך באַוויזן אויפן טרעפּל פון „זים". אַלע האָבן זיי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט:

— פון וואַנען קומט איר עס אָן?

שלמה, מיט אַן ערנסטן פּנים:

— פון זייער ווייט, מיינע טייערע. אַזש פון דער פינפטער פּראָספּעקט. אַצינד לאָמיך הערן, ווען דאַרף קומען אַ טראַמוויי?

— ער איז שוין פון קאַריניאָוּקע אַרויסגעגאַנגען. שפּעטסטנס אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט ער דאָ זיין.

— אויסגעצייכנט! איצט איז אַזוי: זיבן פאַרשוין און איך דער אַכטער וועלן האָבן דאָס גליק מקבל־פּנים־זיין קיעוו מיט אַ גאַנצער שעה פריער איידער די איבעריקע. איך בעט פאַרנעמען ערטער, רייזלען מיט טאַנין. פּאָלי טולטשינסקי מיט די שוועסטער כאַדאַראָוו, מיין דינה מיט רבקהן, היידאַ!

אַלע האָבן מיט פאַרבאָרגענער קנאה צוגעקוקט, ווי די אויסגערופענע מיוחסטע פאַרנעמען ערטער אויף די ווייכע דיוואַנעס אין „זים". שלמה האָט הינטער זיי פאַרקלאַפּט די טירלעך און זיך געווענדעט צו דער חברה:

— נו, חברים, בלייבט געזונט און פאָרט געזונט. צום ווידערזען שבת ביי די פייגנבוימס...

ער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ לעבן שאָפער. די מאַשין האָט זיך אַ ריס געטון פונעם אָרט און איז גלייך פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער געדיכט־קייט פון דער נאַכט.

צום אַלעם ערשטן האָט שלמה אָפּגעפירט פּאָלין. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים סאַמע גאַנעק. פּאָלי איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן טראָ־טואַר, זיך וואַרעם געזעגנט מיט יעדן באַזונדער פאַר דער האַנט, געדאַנקט פאַר דער קאָמפּאַניע און פאַר אַלץ. שלמה איז זי נעגאַנגען אָפּפירן ביז צו דער טיר. גייענדיק אין קאָרידאָר פון די טרעפּ זאָגט זי אים:

— שלמה, נאָך וואָס טוט איר עס? מען וואָרט דאָך אויף אייך...

— עס מאַכט נישט אויס, וואָס מען וואָרט. ביי נאַכט, איינע אַליין אין דעם טויבן קאָרידאָר, קען פאַר אַ יונגער פריילין זיין אַ ביסעלע שרעק־לעך...

שלמה איז געגאנגען פארויס און פאלי האלטנדיק זיך ביי דער וואנט — הינטער אים. אנגעטאפט די טיר האט שלמה לייכט אנגעקלאפט.

פון שטוב האט זיך קיינער נישט אפגערופן. אלע האבן געהאלטן אין רעכטן מיטן שלאף. אין דעם האלב־פאדוואלנעם קארידאר האט איבער זיי געהאנגען א געדיכטע פינצטערניש. פאלי איז געשטאנען הארט לעבן אים. אויף זיין פנים האט ער געפילט איר הייסן אטעם. ער האט א טראכט געטון: ווען זי זאל זיין א מענטש מיט יושר, וואלט זי אים כאטש א דריק געטון די האנט. פארט אפגעפירט זי ביז דער סאמע טיר. ער האט ווידער אנגעקלאפט, שוין שטארקער א ביסל. עס האט זיך דערהערט אסתרס דערשראקן קול:

— ווער איז דארט?

— ס'איז איך, מאמע!

און פארזיכטיק ארומגייענדיק שלמהן האט זיך פאלי צוגערוקט צו דער טיר. פון יענער זייט טיר האט זיך דערהערט א שלייכן פון בארוועסע פיס אויפן פאל.

— נו, מען גייט שוין, גיי איך אויך. א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט, א גוט יאר!

שלמה איז אריין צום שאפער אין קאבינקע און ביז גאר א צערייצטער, פארדומפן ארויסגעכריפעט:

— אויף קאראוואיעווסקע 67, מיט דער גרעסטער שנעלקייט. געפארן!

די גאסן זענען געווען פוסט, אויסגעקערט. די עלעקטרישע לאמפן האבן יום־טובדיק באלויכטן די ליידיקע פלעצער. ווו נישט ווו האט א נאכטוועכטער ארויסגעשטעקט די נאז און געווארפן א קוק אויפן הימל: ס'טאגט נאך נישט?

זיך געזעגנט מיט טאנין און מיט רייזלען האט שלמה אוועקגעפירט די מאשין אויף סאלאמינקע. אין דעם ראיאן, ווו עס האבן מערסטן טייל געוווינט ארבעטער און אייזנבאן־באאמטע, האט מען יא געקענט באגעגענען א דורכגייער: אדער א קאנדוקטאר אנגעלאדן מיט לאמטערנעם אדער פארשפעטיקטע ארבעטער פון די דערבייאיקע זאוואדן, וואס האבן געמוזט בלייבן ארבעטן אן איבעריקע האלבע סמענע. איבער דעם סאלאמינקער בריק האבן זיך געטראגן פארסאפעטע לאקאמאטיוון מיט ארויסשטארטשענדיקע שווארצע העלדזער, וואס האבן זיך הייזעריק געריסן אין חושכדיקן חלל אריין אויף קולי־קולות. קאלירטע לאמטערנעם אין אומגעזעענע הענט האבן געפאכעט ארויף און אראפ, סיגנאליזירנדיק די מאשיניסטן פון די לאקאמאטיוון: גרייט! אויפהאלטן זיך!

נישט ווייט פון זייער שטוב האט שלמה אראפגעלאזט זיינע שוועסטערלעך. — זאלן זיי דערווייל אויפוועקן וועמען עס איז און מאכן ליכטיק. שלמה, ווידער, האט געהייסן דעם שאפער פארקערעווען אויף לינקס און צופירן די כאדאראווס צו זייער שטוב. ווען זיי אין דרייען זענען ארויס פון דער מאשין, האט שלמה אריינגערוקט דעם שאפער אין דער האנט אריין

אַן אַסיגנאַציע און יענער איז די רגע אָפּגעפאָרן. שלמה איז געשטאַנען און געקוקט אויף די כאַדראָווס, זיי — אויף אים און די שטילקייט האָט גע־דריקט די הערצער. מען האָט געפילט, אַז עמעצער וואָלט דאָ עפּעס גע־דאַרפט זאָגן, אָבער ביידע צדדים האָבן זיך נישט געאײַלט אָנצוהייבן.

ענדלעך האָט שלמה אַ גיפּטיקן שמייכל געטון:

— מילא, ווי גאָט וועט פירן, אָבער איר וועט כאָטש זיין אונטער־פירערס ביי פאָלין מיטן לעניגראַדער חתן?

— אוי, מאַמע טייערע!

כליפּענדיק און צוהאַלטנדיק זיך דאָס האַרץ איז דינה פייל אויסן בויגן אַרייַנגעפלויגן אין הויף אַריין, אומגעפאַלן אויף אַ האַלב־אָפּגעבראָכענעם סטויפּ און האָט פאַרשטיקט געקרעכצט:

— גאָט מיינער! ער ווייסט, ער ווייסט אַלץ!...

גאָלדע, דאַקוגן, איז געבליבן שטיין אויף איר אָרט ווי פאַרשטיינערט. דער טראָטואַר לעבן איר איז געווען פּוסט. פון דער וויטנס האָט זיך דער־טראָגן דאָס סקריפּען פון שלמהס שיך. ער איז שוין געווען ווייט.

אומגעריכט האָט אָנגעהויבן טריפן אַ רעגנדל. פון אַלע עקן הימל האָבן זיך אָנגערוקט פינצטערע כמאַרעס. ערגעץ פון אַ בוידעם־פענצטערל האָט אַ האָן אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז עס בייט זיך דאָס וועטער. דער רעגן האָט זיך צעלאָזט נישט אויף קאַטאָוועס. נאָך מער פאַריתומט האָבן אויסגעזען די פּוסטע גאַסן. דער געלויף פון די לאָקאָמאָטיוון האָט אויך קענטיק אויפגע־הערט. די גאַנצע נאַטור האָט זיך נאָר אײַנגעהערט אין דער מאָנאָטאָנער מוזיק פון די גרויסע קאַלטע טראָפּנס. דער רעגן האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער באַלעבאַטעוועט אין שטאָט און אָנגעוואָרפן אויף די אײַנוווינער אַ שווערן מידן שלאָף.

קאפיטל LIX

די עלטערן האָבן שלמהן נישט געלאָזט אויפוועקן און ער איז צו מאָרגנס נאָך ל״ג־בעומר אויפגעשטאַנען נאָך האַלבן טאָג. פאַרטיק געוואָרן אויף גיך מיטן דאַווענען און מיטן עסן איז ער אַוועקגעלאָפן אין דער דירעקציע פון טאַרגסין. דאָרט האָט ער שוין געטראָפן אַ געדראַנג פון סוחרימלעך און קאָמבינאַטאָרס. בסוד־סודות איז מען געוווייר געוואָרן, אַז אין די נאָענטסטע טעג דאַרף אָנקומען אַ וואַגאָן מעל, און יעדן איינציקן האָט זיך געגלוסט כאָטש וויפל עס איז געניסן פון דער כשרער מציאה — זאָל זיין כאָטש איין זעקל. אויפן קאָרידאָר האָט זיך באַוויזן דער פאַרטרעטער פונעם די־רעקטאָר. ער האָט דורכגענומען אַלעמען מיט זיינע שאַרפע אויגן און אָפּ־געשטעלט זיך אויף שלמהן. אויף זיינעם אַ וווּנק איז שלמה אים נאָכגע־גאַנגען אין קאַבינעט אַריין.

— חבר שלמה, איר האָט צו אונדז צוטרוי?

— אומבאַגרענעצטן.

— אפילו אויף געלט צו פאַרטרויען?

— אפילו אויף געלט צו פאַרטרויען.

— אויב אַזוי, הערט זשע אוים מיט קאָפּ און באַקלערט זיך גוט, איידער איר גיט אַן ענטפער. מאָרגן איז דער צוואַנציקסטער, טראָגן מיר אָפּ אין באַנק אַריין אַ דעקאַדניק *.

דער פאַרטרעטער האָט זיך נעבעכדיק אַ קראַץ געטון אין דער פּאַטיליצע און איז איבערגעגאַנגען אויף „דו״.

— ... אָבער דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז די לעצטע טעג איז נישט געווען פאַר וואָס צו לייזן. דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז דער פּלאַן הינקט ביי אונדז טאַקע אויף אַלע פיר. איצט, אָט ליגט אויפן טיש אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע, אַז מען שיקט אונדז אַרויס אַ וואַגאָן מעל. ווייל איך דיר פאַרלייגן אָט וואָס: אויב דו קענסט, זאָלסטו אַריינטראָגן אַ ביסל געלט אַלס אַוואַנס. אויף דער סומע, וואָס דו וועסט אַריינטראָגן, באַקומסטו, פאַרשטייט זיך, אַ קוויט. און ווען דאָס מעל וועט אָנקומען, עס קען זיין מאָרגן צי אין אַ וואָך אַרום, דאַן וועלן מיר אָפּדעקן דעם אַוואַנס בלויז מיט מעל, אָן קיינע אַסאָרטימענטן און דערצו צערעכענען מיר זיך פאַר דעם חוב אין דער ערשטער ריי.

דער פאַרטרעטער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. זעענדיק אַז שלמה וויל עפּעס זאָגן, האָט ער אים איבערגעשלאָגן:

— פאַרשטייסט דאָך אַליין, וויפל שאַדן מיר טוען זיך אָן דערמיט, וואָס מיר פאַרפליכטן זיך צו צאָלן בלויז מיט מעל און לאָזן ביי זיך איבער אַלע לעגער־סחורות. נאָר דאָס אַלץ איז ביי אונדז כדאי אַבי מיר זאָלן נישט אַרויסגיין פון דער גראַפיק ** און דער פּלאַן זאָל אויסגעפילט ווערן אויף

* בילאַנס און פּדיון פאַר צען טעג.

** אָנגעמערקטער פּלאַן.

אַלע הונדערט פּראָצענט. אָט דאָס איז דאָס. איצטער גיי און זיי זיך מיישב. ענטפער מוזן מיר נאָך היינט וויסן. נישט שפּעטער פון פינף אַ זייגער.

— אַנטשולדיקט, איך דאַרף זיך מיט קיינעם נישט מיישב זיין. וועד קאָן אייך נאָך אַזוי גוט ווי איך? איר זאָגט בעסער, פון וויפל באַשטייט די סומע, וואָס איר דאַרפט אָפּטראָגן אין באַנק אַריין?

— אָ! דאָס איז פאַר דיר נישט קיין אונטערשיד. וויפל אונדז פעלט אויס, וועסטו סיי־ווי־סיי נישט צונויפשטעלן.

— צי איך וועל צי איך וועל נישט, דאָס האָט נישט צו אייך. איר קענט נישט שאַצן מיינע כוחות.

— פאָלג מיך, סאַלאָמאָן, עס איז נישט פאַר דיין פּליייצע. דו זאָג בעסער, וויפל קענסטו אַריינטראָגן ביז מאָרגן אין דער פרי צען אַ זייגער?

— ניין, פאָלגט איר מיך דאָס מאָל. איך וויל הערן, וויפל פעלט אייך אויס? כ'וויל ביי אייך זיין איינער אויפן יאַריד.

— ביטע, אַז דו ביסט אַזאַ איינגעשפּאַרטער, קען איך דיר זאָגן. נאָר איך ווייס פריער, אַז דאָס זענען דברים־בטלים.

דער פּאַרטרעטער נעמט אַרויס אַ נאָטיצביכל, קוקט אַריין, רעכנט עפּעס צונויף, טעלעפאָנירט אין די מאַגאַזינען: ווי אַזוי גייט דער פדיון? ער גייט זיך דורך צום דירעקטאָר אין קאַבינעט. ענדלעך קומט ער צוריק און זעצט זיך אַוועק ביי זיין ביוראָ. ער גיט אַן ערנסטן קוק אויף שלמהן און זייעט אַרויס דורך די ציין:

— מיר נייטיקן זיך אין אַ קיילעכדיקער סומע, נישט מער און נישט ווייניקער פון צוויי און אַ האַלבן טויזנט דאָלאַר...

— מאָרגן האַלב צען האָט איר די סומע בשלמות.

דער פּאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען צו שלמהן, אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל און מיט אַן אפּיקורסיש שמייכעלע אים געפרעגט:

— און אפשר איז דאָס חלומות? צי קען איך מיך אויף דיר פאַרלאָזן?

שלמה האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און אַ באַליידיקטער פאַרביסן אַ ליפּ.

— דו דאַרפסט זיך נישט באַליידיקן, סאַלאָמאָן אַראָנאָוויטש, מיר שעצן דיך זייער. אַ סימן האָסטו, אַז נישט איך, נישט דער דירעקטאָר האָבן קיינעם נאָך אפילו קיין רמז נישט געגעבן וועגן דעם ענין. מיר האָבן באַשלאָסן צום אַלעם ערשטן אַ שמועס טון מיט דיר. אָבער אויך דו טאָרסט נישט פאַרגעסן, אַז דאָ האַנדלט זיך אין דעם פּרעסטיזש פון אונדזער פירמע, פון אונדז אַליין... און די סומע איז טאַקע אויך אַ קאָלאָסאַלע. עס איז דאָך אַ זאַך מיט דאָלאַרן... ווו וועסטו זיי צונויפנעמען?... לאָמיר זאָגן, אַז דו וועסט אַלץ אָנווענדן אויף צונויפשטעלן די סומע, אָבער טאָמער גיט זיך דיר דאָס נישט איין? מיר קענען זיך האָבן פאַרלאָזט אויף דיר, מיט קיינעם מער נישט רעדן דערפון און אַ האַלבע שעה פאַרן גיין אין קאַסע אַריין וועסטו קומען מיט אַ לאַנגער נאָז... דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, ווי וויכטיק די פראַגע איז פאַר אונדז...

— איך פארזיכער אייך נאך א מאל, אז אם ירצה השם מארגן צום טערמין האט איר דאס געלט. מער קען איך אייך גארנישט זאגן.

— גוט, אט האסטו מיין האנט. פון מיין צד בין איך דיר מבטיח, אז אויב עס וועט זיך דיר איינגעבן די אונטערנעמונג, וועסטו ביי אונדז זיין איינער אויפן יאריד.

שלמה האט שוין געהאלטן די קליאמקע פון דער טיר אין דער האנט, ווען דער פארטרעטער פון דירעקטאר האט אים אומגעקערט אויף צוריק:

— סאלאמאן אראנאוויטש! אזוי צי אזוי, נאר וועגן אלץ, וואס דא איז גערעדט געווארן — א מויל מיט וואסער! פארשטאנען?

— דאס איז אין מיינע אינטערעסן נישט ווייניקער ווי אין אייערע. א גוטן!

ארויסגעגאנגען פון טארגסין האט זיך שלמה צוגעזעצט אויף א גאנעק און זיך שטארק פארטראכט. דאס איז פאר אים געווען קלאר ווי דער טאג, אז טאמער האלט ער דאס מאל נישט זייןווארט און ברענגט די דירעקציע צו א קאטאסטראפע, איז נאך אלעמען! טאר ער זיך מער קיין מאל נישט ווייזן אויף זייער שוועל. אין טאש ביי זיך האט ער דערווייל אפילו קיין איין מזומנעם דאלאר נישט געהאט. אויף גיך האט ער איבערגעווארפן אין קאפ אלע ערטער, וווּ ער וואלט זיך געקענט בארגן מער, ווייניקער א היפשע מטבע, זיך אין געדאנק אויסגעשטעלט א מארשרוט און זיך אוועקגעלאזט זוכן דאס מזל.

דאס געשעפט פון באקומען בלויז מעל און וועלכן עס איז אסארטימענט פון לעגער־סחורה — צו וועלכער מען פלעגט געוויינלעך דערלייגן האלב אדער צוויי דריטל פון קרן — האט געשמעקט מיט גאר א גרויסער סומע פארדינסט. אין פאל, אויב די אפעראציע זאל אין גאנצן געלינגען, קען מען דא בכבוד ארייןכאפן זעקס, זיבן הונדערט דאלאר ריינעם ריוח.

און נישט ווילנדיק וויקלט זיך פונאנדער ביי שלמהן אין קאפ א גאנצע בוכהאלטעריע: וויפל חדשים, א שטייגער, קען מען נאך אזא מסחר זיצן רואיק און שרייבן דאס ווערק, נישט אין זינען האבנדיק קיין פרנסה?... די לעצטע וואכן האט ער טאקע שטארק פארנאכלעסיקט די ארבעט אויפן ראמאן... בפירוש, עס וואלט געווען א יושר זיך אונטעריאגן א ביסל. צי וויפל, א שטייגער, וואלט געקענט עקזיסטירן די תלמוד־תורה, דער גמילות־חסדים אויף אזא היפשן קאפיטאל, ווי אים שטייט דא פאר צו פארדינען? און בסך־הכל דארף מען גאר אין מקוה אריין א נייעם קעסל. דער איצטי־קער טויג שוין אויף כפרות. און עטלעכע אויטאס מיט האלץ וואלטן אויך נישט אויסגעמאכט. וויפל איז טאקע דער שיעור, אז גארדאן זאל זיך שלעפן מיטן באלקנס אויף די פלייצעס? וואס איז ער — פון אייזן, צי וואס?... ניין, ניין, עס קענען גאר קיינע תירוצים דערביי נישט זיין. ער מוז קריגן די דריטהאלבן טויזנט דאלאר, עס מעג זיך אפילו איבערקערן די גאנצע וועלט מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף. ער מוז און גאט מוז אים העלפן.

אין צוויי שעה ארום איז שוין אין שלמהס בוזעם־קעשענע געלעגן א סומע פון טויזנט צוויי הונדערט דאָלאַר. פינף הונדערט האָט ער צונויפ־געבאָרגט ביי גוטע־ברידער. חוץ דעם איז ער אוועק אין א באַקאַנטער אינ־וואַלידן־בעקעריי און האָט זיי פאַרקויפט פינף הונדערט קילאָ מעל אויף דעם־תנאי, אַז ער האָט דאָס רעכט צו צושטעלן דאָס מעל אין משך פון א וואָך צייט. זיי, דאַקעגן, האָבן אים באַצאָלט אויפן אָרט. די זעלבע אָפּעל־ראַציע האָט ער געמאַכט נאָך מיט אַן אַרטעל, וווּ ער האָט פאַרקויפט דריי הונדערט קילאָ מעל. פאַר דעם באַקומענעם געלט האָט ער תיכף ומיד גע־קויפט זיבן הונדערט דאָלאַר. א האַלבע אַרבעט איז געווען אָפּגעטון. אויס־זיכטן אויף די איבעריקע דרייצן הונדערט זענען אויך געווען. אַלץ איז גע־גאַנגען ווי געוווּנטשן. דאָס האַרץ האָט זיך אים געוואָרפן פאַר פרייד...

*

דעם זעלבן טאָג פאַר נאַכט האָט זיך שלמה אַריינגעכאַפּט צו יאַנין אין שטוב אַריין געוויר ווערן, ווי פילט זיך פאַלי נאָכן נעכטיקן שפּאַציר און וווהין האָט זי חשק דעם אָוונט צו גיין עפּעס זען פון די פריילעכע זאַכן.

אין שטוב האָט ער געטראָפן נאָר אסתרן. אויף שלמהס פראַגע: „ווי איז פאַלי?“ האָט זי אים דערציילט, אַז מאַרוסיאַ איז היינט געקומען אין באַגינען, אַראָפּגעשלעפּט פאַלין פון בעט און זי פאַרנומען מיט זיך. אגב האָט מאַרוסיאַ נאָך אָנגעזאָגט די בני־בית, אַז מען זאָל אין דער היים אויף פאַלין דעם טאָג נישט וואַרטן, ווייל זיי וועלן זיין אויף דער פּליאַזשע ביז נאַכט. דערנאָך האָבן זיי שוין בילעטן אין דער אָפּערע אַריין. דאַוויד סאָלאָ־מאָנאָוויטש, איר קוזין, וועט שוין אַהינצו קומען מיט א מאַשין זיי אָפּ־צונעמען.

שלמה האָט קאַלט א פרעג געטון:

— און אויף מאָרגנדיקן טאָג בלייבט זי אויך ביי די טולטשינסקים?

— מאָרגן אין דער פרי דאַרף זי שוין זיין אויף דער אַרבעט.

— זי האָט דאָך געזאָלט זיין פריי נאָך צוויי טעג?

— יאָ, זי האָט געזאָלט, נאָר די רעוויזיע ענדיקט זיך שוין היינט.

— איר ווייסט, וואָס איך וויל אייך בעטן, אסתר?

— איך ווייס דוקא נישט. פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— איר וועט זיין אַזוי גוט איבערגעבן פאַלין, אַז טאָמער האָט זי ברעה מאָרגן נאָך דער אַרבעט ערגעץ אַוועקגיין, זאָל זי אויסוואַרטן, ביז איך וועל זי פריער זען. איך וועל מאָרגן דאָ זיין אין דער זעלבער צייט וואָס איצט.

— גוט, איך וועל איבערגעבן.

שלמה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער איז אַלץ געשטאַנען און מיט א טרויעריקן בליק באַטראַכט דאָס צימער. אויף פאַלינס בעטל האָבן זיך אין אומאָרדענונג געוואַלגערט ביכער און העפטן. ביים צוקאָפּנס זענען ווי נאָך א פּאָגראָם געווען צעשאָטן האָר־שפּילקעס און ציינערדיקע האָר־

קלעמערס. משמעות, פֿאַלי האָט אין בהלה פֿאַרלאָזן די שטוב. מורא געהאַט, טאָמער טראָגט דער רוח אָן שלמהן.

פֿון יענער זייט פּענצטער, אויפֿן הויף, האָט זיך געמאַכט אַ געפּילדער עד לב השמים. ווייסע־חברהניקעס האָבן ערגעץ געפּאַקט אַ וועלאָסיפּעד און מיט אַ שרעקלעכן ליאַרעם געלערנט זיך פֿאָרן אויף אים. ביי יעדן מאָל בייטן די „פּאַרשווינעץ" האָבן זיך געטראָגן אין דער לופֿטן קולי־קולות.

קעגנאיבער אויף דער וואַנט צאַנקען די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַר־גייענדיקער זון. נישט ווייט פֿונעם פּענצטער שטייט אַ וואַנטשפּיגל. אין אים זעט שלמה, ווי אסתר שיילט קאַרטאָפּל און כאַפּט בגנבה אַלע מאָל אַ קוק אויף אים. אין איר קוק לייענט שלמה אַ ביסעלע מיטגעפֿיל, אַ ביסעלע ביטול און אַ היפּשע פּאָרציע באַדוויערונג. אָט זעט ער אין ווינקל הענגען דעם זעלבן מאַנטל, וואָס פֿאַלי האָט נעכטן געטראָגן אין וואַלד. אויפֿן אייבערשטן קנעפּל פֿונעם מאַנטל פֿינקלט דער קאָלירטער ביינערנער פּע־כער. קעגן דער עלעקטרי, וואָס ברענט אין יאָנים האַלבן פּאַדוואַל אַ קיי־לעכדיקן מעת־לעת, צאַצקעט זיך דער פּעכער מיט אַלע זיינע רעגנבויגן־קאָלירן און שלמה הערט, ווי אָט דער ביינערנער שד רייצט זיך מיט אים:

— דו ביסט שוין ווידער דאָ, מנחם־מענדל? ס'קאַצל קומט! שוין טאַקע אַ גאַסט. מען קוקט דאָ געפּערלעך אַרויס אויף דיר, ווי אַ הונט אויפֿן פֿינפֿטן פֿיסל... דו, יאַקל בן פּלעקל, וואָס דאַרפֿסטו דאָ? פֿאַלין? אַ פֿייג קענסטו באַקומען, נישט פֿאַלין... אַנו, זיי אַ בריה און טרעף: ווו איז פֿאַלי אַצינד? אדרבה, טרעף אומיסטן... נו, דו ווילסט נישט טרעפֿן? ווילסט נישט — דאַרף מען נישט. אַ געשעפֿט האָב איך מיט דיר... אָבער וואָס קריכסטו אַהער, דו שוטה בן פּיקהאָלץ? וועמען פֿעלסטו דאָ אוים? ווער בענקט נאָך דיר? ביי אונדז אויף אוריצקע זענען קיסר בלויז מאַרוסיאַ און „קאָנטינענטאַל", „קאָנטינענטאַל" און מאַרוסיאַ, און פֿון דיר פּילט זיך אויף אַ מייל מיט סאָלאָמינקע און מיט פֿייגנבוימשטשינע... ב־ר־ר־ר!...

— שלמה, אפֿשר וועסטו זיצן?

שלמה קוקט אויף אסתרן מיט אַ פּאָר צעטראָגענע אויגן און קען זיך בשום־אופֿן נישט דערמאָנען, וואָס זי האָט ערשט געזאָגט. אסתר חזרט איבער:

— כ'זאָג, צו וואָס טויג דיר שטיין, אַז דו קענסט אויספּירן פֿאַר דעם זעלבן געלט זיצן?... באַלד וועט אפֿשר יאָני אַריינקומען... כ'קען מאַכן טיי, אויב דו ווילסט...

שלמה גיט זיך אַ וואָרף, ווי ער זאָל אויפֿוואַכן פֿון אַ שרעקלעכן חלום. זיין גאַנצע נשמה איז דורכגעדרונגען מיט דעם אומענדלעכן אומעט, וואָס שפּאַצירט דאָ אַרום אין יעדן ווינקעלע, ווען פֿאַלי איז נישטאָ. ער גיט זיך אַ לאָז צו דער טיר מיט אַן אומגעלומפּערטן אימפּעט:

— וואָס רעדט איר? ווער האָט צייט צו זיצן? איך האָב שטאַרק קיין צייט נישט.

אסתרס קעלבערנע אויגן קוקן אים נאָך פֿול מיט צער. שלמה פֿליט אַרויס פֿון דער פּאַראַדנע, ווי עמעצער זאָל זיך יאָגן נאָך אים.

קאפיטל LX

אויף דער גאס קומט באלד די רעאקציע. דער גאנצער פלאס, מיט וועלכן ער האט זיך גענומען שאפן די דריטהאלבן טויזנט דאלאר — אזוי ווי מיט דער האנט צוגענומען. אן א ציל און אן לעבן האט ער זיך געלאזט גיין צו פוס אויף פאדאל. דער גאלדענער זונען־פארגאנג, דער געדיכט־באוואקסענער „פראלעטארישער גארטן", דער פילשטאקיקער קייזערלעכער פארק, די צעבליטע קלומבעס אין די סקווערן — דאס אלץ האט זיך צע־נויפגעגאסן אין איין ווונדערלעכער סימפאניע. פון דעם אלעמען האט גע־שפריצט מיט לעבן, מיט פרילינג, מיט יונגן גליק. ווייט אויף רעכטס האט זיך געבלויט דער דניעפר. מאטאר־שיפלעך, אנגעלאדענע מיט פארברוינטע מענטשן, אין טוניקעס, אין קורצע הויזן, אין באד־אנצוגן — האבן זיך געאיילט צום ברעג.

שלמה שפאנט לאנגזאם צופוסנס פון דער יום־טובדיק פארפוצטער „וולאדימירסקי־גארקא". ס'איז אים מיט א מאל געווארן זייער גרוים אין צייט. ער האט איצט צייט זיך א ביסעלע אומקוקן אויף צוריק. אונטער־צוציען אן אונטערשטע שורה פון זיין התנהגות פאר די לעצטע טעג.

פאלי...

און עס שווימען ארוים פאר זיינע אויגן די חושכדיקע ווענט פונעם חדר, דאס רויכערנדיקע הענג־לעמפל איבערן קאפ, דאס איינגעשרומפענע פנים פונעם רבין ר' שמעיהן און איבער דעם אלעמען די גרוויזאמע שטימע פונעם תנא, וואס דערלאנגט דער וועלט דעם אמת אין זיין שוידערלעכער נאקעטקייט:

— „אשה המת מלא צואה ופיה מלא דם והכל רצין אחריה"...

— וואס א שטייגער לויף איך נאך משוגענערווייז זי אויסצורייסן ביים רעדאקטאר? ער האט דאך פארט אויף איר א דין קדימא... דעם דין פון: „כל דאלים גבר"... דער משוגענער לוקסוס, וואס די מלוכה טיילט צו אירע רעדאקטארן, פארדרייט פאלין דעם קאפ און ווארפט זי אין זיינע ארעמס... דער ווילטאג פון אט דער פריש־אויפגעקומענער בורזשואזיע האלט זי פעסט אין די הענט, און ס'איז נישט קיין נייעס, אז „האוחז ביד" איז א תפילה...

ארוים פון דער שטאט, צו דארניצע־צו, ווו דער דניעפר שווענקט אפ דעם צעשמאלצענעם הימל — טליען נאך די לעצטע שטראלן. דער וואסער־פלאך איז ווי באשאטן מיט מאן, דער גאנצער עולם פארלאזט שוין דאס אפגעקילטע זאמד. די שמחה אויף דער פליאזשע איז געענדיקט. איצט הייבן זיך אן שמחות אונטער פארטונקלטע קאנדעלאברס און שווערע, אראפגעלאזטע פארהענגען. שלמה באטראכט די מידע פארשוינען, וואס הייבן זיך אויף אויף די ברייטע טרעפ וואס פירן פונעם ברעג אויף אלעקסאנדראווסקי־גאס:

... ערגעץ דאָרט קער זיין פּאָלי אויך... ווי ווייט זי איז איצט פון אים... און וואָס עפּעס נאָר איצט? נו, און נעכטן אין וואַלד איז זי אים דען גע־ווען נעענטער? און מיט אַ חודש צוריק? און מיט אַ יאָר צוריק?... און אַז זי וועט היינט גיין אין דער אָפּערע מיט מאַרוסיאַן, וועט זי אים שטאַרק אין זינען האָבן? דערנאָך וועט דאַוויד סאָלאָמאָנאָוויטש אונטערפאָרן מיט זיין רעדאַקטאָרסקן אויטאָ, אַריינזעצן די פּריצהס אין די ווייכע לאָזשעס. אין רעסטאָראַן וועט די פריילעכע קאָמפּאַניע כאַפּן אַ פּאָר שלונג שאַמ־פּאַניער, נאָך דעם אין סאַלאָן, ביי דער וועטשערע, וועט מען פּאָלין פאַר־וואַרפן מיט פראַגן:

— וואָס טוען די חסידים אויף אַ פּיקניק? ניין, מיר ווילן טאַקע וויסן יעדעס ברעקעלע, וועגן וואָס רעדט מען ביי זיי? ווי אַזוי ווילן זיי זיך? דערציייל אַלץ, פּאָליטשקע, שעם זיך נישט... דו פאַרשטייסט? עס איז דאָך זייער אינטערעסאַנט... אַ קלייניקייט: דורכמאַכן אַן עקסקורסיע צוזאַמען מיט אָט די... נישט „דיקאַרן"*, גאָט באַוואַר, ווער זאָגט עס דיקאַרן? זיי האָבן געוויס זייער קולטור, כ'מיין מיט אָט די... נו, ווי זאָגט מען דאָס? מיט אָט די פאַרהיסטאָרישע עקזעמפּלאַרן... נו, און דיין שלמה איז עפּעס ביי זיי פון די אָנגעזעענע, פון די אַטאַמאַנעס, צי ער איז דאָרט אויך אַזאַ דערשלאָגענער, ווי ער זעט אויס ביי אייך אין שטוב?... דו, פּאָלי, זעסט אים יאָ אַ מאָל אַ שמייכל טון, צי דאָס טוט ער נאָר ביי נאַכט, ווען קיינער זעט נישט?...

שלמה גייט און זעט פאַר זיך די סצענע באַשיינפּערלעך. עס קלינגט אים אין די אויערן זייער זאָרגלאָזער געלעכטער. פּאָלי, זעט ער, לאַכט אויך. פאַרן שלאָף וועלן זיך די פרויען מאַכן אַ וואַנע, אַריינגיסן אין דער וואַנע אַריין אַ פלאַקאָן אָ־דע־קאָלאָן — ביי אַ רעדאַקטאָר זעט זיך עפּעס אָן?... דער קוזין וועט זיי אַריבערדערלאַנגען אין וואַנע אַריין די כאַלאַטן. פאַר־וויקלט ווי די אוזבעקן, לייכט פאַרשלייערט, אין נאַכטהעמדלעך, וועט מען טרינקען שאָקאָ־גרינגע שטעקשיכלעך אויף די באָרוועסע פיס, וועט מען טרינקען שאָקאָ־לאַד, אָפּשמועסן וועגן אַ צווייטן אָוונט און אַ קלער טון וועגן אַ תכלית פאַר פּאָלין:

— פּאָלי מוז אָנקומען לערנען, דאָס איז נייטיק ווי אין לעבן, איר שלמה וועט נישט אַנטלויפן. זי זאָל אפילו פופצן יאָר שטודירן, וועט ער פופצן יאָר וואַרטן אויף איר...

מאַרוסיאַ טראָגט אַריין אַ באַמערקונג:

— ווי נאָר פּאָלי וועט אָנהייבן לערנען, וועט זיך שלמה פאַוואָלינקע במילא אָפּגעוויינען פון זייער שטוב. ער וועט זי איין מאָל נישט טרעפן, נאָך אַ מאָל נישט טרעפן, ביסלעכווייז וועט ער אָנהייבן פאַרגעסן זייער אַדרעס. איך פאַרזיכער אייך, כאָטש ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ גרויסן טראַגיק, פון דעסט וועגן פאַרמאָגט ער אַזוינע פייערדיקע אייגעלעך...

* ווילדע.

אזוינע... נו, ווי זאָגט מען דאָס? אז ער וועט לאַנג נישט וואַרטן... מיט איין וואָרט, פּאָליטשקע, דאָס בעסטע מיטל פּטור צו ווערן פון דיין „שטריימל“, איז אָנקומען אין אַ אינסטיטוט. און פּאָלג מיך, וואָס פריער איז גלייכער...

— און דו ביסט זיכער, אַז איך וויל פון אים פּטור ווערן?

— ווּ־ווּ־וואָס?

אַלע אויגן זענען נייגעריק געווענדעט אויף פּאָלין.

— חזר נאָר איבער, וואָס האָסטו ערשט געזאָגט?

מאַרוסיאַ הייבט אָן אויפקאָכן ווי אַ סאַמאָוואַר. די חזירישע אייגעלעך צינדן זיך אָן און פינקלען פיבערדיק.

— פּאָלי, וואָס האָסטו ערשט געזאָגט?

— אַזוי ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי איז עס. וואָס דען האָסטו געמיינט, אַז ניין? שלמה, פאַרשטייט זיך, געפעלט מיר אַ ביסל. ווען נישט, וואָלט איך מיט אים קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, ווייל בלויז דאָס, וואָס מיין טאַטע קניט פאַר אים, שפּילט ביי מיר קיין שום ראָלע נישט.

דאַוויד סאָלאָמאָנאָוויטש דערפרעגט זיך:

— מיט וואָס זשע? מיט וואָס, פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, נעמט ער אייך, אַט דער מענטש?

— איך קען אייך דאָס נישט איבערגעבן מיט קיין ווערטער, ווייל... ערנ־וואָרט, איך באַגרייף דאָס אַליין אויך נישט דייטלעך, נאָר איך פאַרזיכער אייך, אַז שלמה... שלמה... אויף צו פאַרשטיין זיין קראַפט, מוז מען אים קענען... מען דאַרף אים הערן רעדן, זינגען, שפּילן, אים דאַרף מען האָבן פאַר אַ פריינד, דאַן ערשט קען מען אים שעצן, ווי געהעריק...

מאַרוסיאַ זיצט אָנגעלאָדן ווי אַ פּיסטויל. זי הייבט נישט אויף די אויגן. פּאָלי נעמט זי אַרום פאַר די אַקסלען און שרייט אויס לאַכנדיק:

— מאַרוסינקאַ, נעם זיך נישט צום האַרצן. ער איז אפילו אַ ווילער מענטש, אָבער האָב קיין מורא נישט, איך גיי נישט חתונה האָבן מיט אים.

מאַרוסיאַ איז נאָך אָנגעבלאָזן. זי קוקט אויף איר מיט אומצוטרוי.

— ניין, ניין, איך שפּאַס נישט. ערנוואָרט, איך זאָג עס ערנסט. אַט איז נעכטן אין פּושטשע־וואָדיצע געווען איינע אַ מיידל, אַ פּאָלטאַוועער, דאַכט זיך, אַט דאָס איז פאַר אים אַ פּאָר... אַך, אַ מיידל!... אַך, אַ מיידל!...

ביי שלמהן צעפלאַמט זיך פון דעם נאָמען די לינקע באַק. ער פילט זיך ווי אויסגעפּאַטשט. ער דערפילט אַ שטאָך אין דער ברוסט: רייזל! פאַר אַזאַ אייזערנעם טאָג, אַ טאָג אַ יאָר, זיך איין מאָל נישט דערמאָנט אין רייזלען. און פאַר זיינע אויגן שטייט אויף דאָס בילד פון רייזלען, מיט איר גאַנצן רייץ, מיט איר גאַנצן צויבער.

— אַך, רייזל, רייזל!... טאָמער איז מיר קאַרג אָן דיר, האָסטו זיך נאָך אויך גענומען אויף מיינע יונגע יאָרן!...

לאַנגזאַם גייט ער באַרג־אַראָפּ, פּאַראַלעל צום דניעפּער, און זעט פאַר זיך מער גאָרנישט, נאָר רייזלס געשטאַלט: איר הויכע פיגור, די קויל־

שוואַרצע צוויי זיידענע צעפּ פאַרוואָרפן אויף פּאָרנט, דער בולטער שיינער שטערן, די גליענדיקע, גוטע, מילדע, קלוגע קאַרשנאויגן. איר דינע פּראָפּאָרציאָנעלע נאָז, די שמאָלע רויטע ליפּן און דאָס גאַנצע געזיכט אירס. וויפל איידלקייט ליגט אויף דעם, וויפל גוטסקייט. אַן עכט יידיש פּנים מיט אַלע פּישטשעווקעס! הײנט: דאָס קול אירס... וואָס פאַר אַ מוזיקאַלישקייט, וואָס פאַר אַ האַרציקייט... הײנט, וואָס פאַר אַ טיפן פאַרשטאַנד און וואָס פאַר אַ הייליקע יידישע נשמה דאָס מיידל באַזיצט!... מיט וועלכן פייער האָט זי נעכטן אין וואַלד אויסגערופן: — „אונדזער וויג־ליד, וואָס מיר זינגען ביים קינדערבעטל, דאַרף זיין דורכגעזאַפּט מיט ליבע, מיט טרייהייט צום יידישן פאָלק און צום יידישן לאַנד. אונדזערע קינדערס טרוימען מוזן זיין נאָר וועגן זייער לאַנד און וועגן דער ענדלעכער גאולה פון זייער פאָלק“.

שלמהן קלינגט אין די אויערן איר קול. עס הילכט אָפּ אין זיין נשמה, ווי אַן אויפרוף פון אַ נביא. אַן אינערלעך קול מוסרט אים שטילערהייט:

— גוואַלד, שלמה! איך פרעג דיך נישט מער, האָבנדיק אַזאַ מיידל ווי רייזל אַלס אַ באַקאַנטע. וואָס זאָג איך — אַ באַקאַנטע? אַ פריינדין אָדער, אויב דו ווילסט שטאַרק, אַן איינגעליבטע! יאָ, יאָ, אַן איינגעליבטע!... אפילו פרעמדע מענטשן האָבן דאָס אויך באַמערקט — גייסטו נאָך אַלץ צו די טולטשינסקים צו שאַנד און צו שפּאָט!... און וואָס איז דאָס גיין? ווער? ווען? וועמען? דו זעסט דען נישט, אַז עס איז אַ ברכה לבטלה? דו ביסט, דאַכט זיך, גאָרנישט אַזאַ נאַר... דאַקעגן, רייזל, דאָס איז דאָך אַן אוצר, אַ גליק פאַר דיר, אַ גליק פאַר דער משפחה. דיין טאַטע וואָלט דאָך געטאַנצט אין די גאַסן פאַר פרייד. הײנט — דער זיידע? און מנשה? און די חברים? און ווער נישט? איי, שלמה, שלמה! זוך אויף רייזלען, דערנענטער זיך צו איר...

אַ צווייט קול אין אים צעשייט זיך מיט אַ מעפיסטאָפלשן געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ... יענער שוטה דולט דיר אַ קאָפּ מיט נאַרישקייטן און דו ביסט אַזוי קלוג ווי ער. שטעלסט אָן מויל און אויערן און גלייבסט... מען זאָגט דיר, אַז רייזל האָט דיך ליב, און דו האָסט זיך שוין איינגערעדט, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע. עך, דו נאַריש קינד, רייזל האָט דיך אין זינען ווי דעם פאַראיאָריקן שניי. וואָס ביסטו קעגן איר? וואָס האָט זי אין דיר געפונען?... אָרום און אַרום האָט זי דיך בסך־הכל געזען צוויי מאָל, שבת און דינסטיק, און שוין — פאַרליבט? עך — דו, לעקיש־בער! רייזל איז דעליקאַט, איידל, העפלעך. און יענער בעל־דרשן מאַכט דיר שוין אַ פירוש: פאַרליבט! אָט פאָרט זי נאָך שבת אַוועק אַהיים, וועט נעמען אַן עק צו דיינע איינרעדענישן. נאַ דיר גאָר אַזאַ משוגעת! ליבעס חלומען זיך אים... טאָמער האָט אַ מענטש זיך אַ ביסל אַראָפּגערעדט פונעם האַרצן, איז שוין אַ סימן — פאַרליבט. ווי קען דען זיין אַנדערש?

נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך שלמה, אַ מידער, אַ צעבראָכענער, קוים פאַרשלעפּט אַהיים אויף סאָלאָמינקע. מיט דער צווייטער האַלבער סומע

איז צוגעגאַנגען זייער שווער. עס איז קיעוו... דעם — האָט ער נישט גע־טראָפן אין דער היים. דער — דאַרף ערשט צונויפשטעלן די עטלעכע קאָ־פּיקעס און דער וויל זיך ערשט מיישב זיין, צי זאָל ער בכלל געבן.

איבערגעשלאָפן עטלעכע שעה אין אָנטון איז שלמה פאַר טאָג מיטן ערשטן טראַמוויי ווידער אַוועק אין שטאָט אַריין.

דריי פערטל אויף צען האָט ער אָנגעקלאַפּט אין קאַבינעט צום דירעק־טאָר פון טאָרגסין. דאָרט האָט ער שוין געטראָפן וואַרטן דעם פּאַרטרעטער פון דירעקטאָר אויך. ביידע האָבן שווייגנדיק געקוקט אויף אים, גע־גלייבט און נישט געגלייבט, אַז שלמה זאָל קענען האַלטן זיין וואָרט. זיי האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז וואָס ווייניקער מענטשן זאָלן וויסן פון אַזאַ מין אויפטו, ווי פאַרקויפן סחורה נאָך איידער זי קומט אָן. אויב מען זאָל פון אַזאַ שטיקל אַרבעט געוווירן ווערן אין די הויכע פענצטער, קענען זיי האָבן אויף זיך יענץ „פּעקל", מען קען אַ מאָל בעטן „זיצן" אויך פאַר אַזאַ קונץ. וועגן פון דער קאָמבינאַציע זאָל אָבער וויסן נאָר איין שלמה, וואָלטן זיי געקענט רואיק שלאָפן, ביי אים וואָלט עס פאַרבליבן ווי אין אַ קבר. די שאַנסן אָבער, אַז דעם גאוהדיקן בחור זאָל זיך איינ־געבן צונויפצושטעלן אין געציילטע עטלעכע שעהן אַזאַ גרויסע סומע דאָ־לאַרן, זענען געווען זייער שוואַכע. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז אַליין איז ער גאָר אַ קנאַפּער נגיד...

אַריינקומענדיק האָט זיך שלמה געגריסט. קאַלט־בלוטיק אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע אַ בייכיקן קאָנווערט און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— דאָ האָט איר אַקוראַט צוויי טויזנט פינף הונדערט דאָלאַר.

די בעלי־בתים זענען אַזש אונטערגעשפרונגען פאַר התפעלות. דער דירעקטאָר איז צוגעגאַנגען צו שלמהן און האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש, איר זענט אַ מאָלאָדיעץ! איר וועט זיין ביי אונדז כמעט דער איינציקער אָפּנעמער פון דעם מעל. לאָזט אונדז אי־בער אַדרעסן וווהין אייך צושטעלן דאָס מעל, אויב מיר וועלן עס באַ־קומען היינט אָדער מאָרגן.

— בכבוד גדול, איך שרייב אייך שוין אָן.

— איצט זעצט זיך צו אַ ווײַלע, וועל איך אייך אויסשרייבן אַ קוויט אויף דער סומע, וואָס איר האָט געבראַכט.

— אַ דאַנק פאַרן גוטן ווילן, נאָר קיין קוויט איז נישט נייטיק. קיין אָפיציעלן קאַסע־אָרדער פּאַסט דאָך אייך נישט מיר אַרויסצוגעבן און נישט מיר — צו נעמען. אַלאַ, וואָס רעדן, אַ פּריוואַט וועקסעלע, גלייב איך אין דעם נישט מער ווי אין אייער וואָרט. צום ווידערזען! זייט רו־איק און איך וועל אויך לעבן רואיק אָן אייער וועקסעלע.

קאפיטל LXI

דעם זעלבן טאג אויף דער נאכט, זיצנדיק אין קינא, זאגט פאלי צו שלמהן:

— איר זענט היינט עפעס אזוי אויפגערוימט, אז עס איז ממש א פארגעניגן צו געפינען זיך אין אייער געזעלשאפט. ס'איז נאך א רעשטל פון ל"ג-בעומר?

— ל"ג-בעומר איז א חוץ א מעשה! נאר פאר דעם נעכטיקן טאג און פאר היינטיקן איז מיר געלונגען דורכצופירן זייער א גוטע אפעראציע.

— פיל געלט פארדינט?

— נאך נישט אין מזומנים, אבער מען קען דאס שוין אנרופן פאר־דינט.

— וויפל א שטייגער? אויב עס איז נישט קיין סוד, פארשטייט זיך.

— סודות נאר? איך האב שוין א מאל געפרווט האבן סודות פאר אייך?

— איז וויפל זשע האט איר פארדינט, אינטערעסאנט?

שלמה האט אין געדאנק עפעס א רעכן געטון און שמייכלענדיק גע־ענטפערט:

— אומגעפער, אזוי פיל, וויפל איר מיט אייער פאטער צוזאמען פאר־דינען אין צוויי יאר.

— אין צוויי חדשים, ווילט איר זאגן?

— ניין, טאקע אין צוויי יאר, וויל איך זאגן.

— מאמע מיינע! מען קען דאך פון זינען אראפ פאר ווילטאג.

— ווירקלעך, אז מען ווייסט נישט וואס מיטן געלט צו טון, קען מען פון אזא סומע משוגע ווערן.

— און וואס טוט איר דען אזעלכעס מיט אייער געלט?

— כ'ווייס, וואס איך טו? איר האט דאך אין פושטשע־וואדיצע גע־הערט, ווי מען האט גערעדט פון יינגעלעך מיט מיידעלעך, פון לאנגע העמדעלעך מיט קורצע הייזעלעך. פינאנסירן אזא מאכינע איז דען א שלעכטע ארבעט?

— א־הא!.. — און פאלי האט מיטפילנדיק א שאקל געטון מיטן קאפ — דאס איז עפעס אנדערש. אבער פון דעסט וועגן וואלט איך זייער א בעלן געווען וויסן, ווי ארום קען מען עס מיט איין מאל אזוי רייך ווערן?

נישט דורכלאזנדיק קיין מינדסטן דעטאל האט איר שלמה איבער־געגעבן דעם עפיזאד מיטן דירעקטאר פון טארגסין. ער האט אפילו נישט פארגעסן ארייננצושטעלן זיין באזוך ביי זיי אין שטוב און די „זיסע שטי־מונג", וואס האט זיך ביי אים געשאפן נאך דעם.

— אט דאס איז דאס און אז איך וועל זיך האבן צערעכנט מיט אלע בעקערייען פאר דעם מעל, וועט מיר בלייבן פון זעקס ביז זיבן הונדערט דאלאר ריינער ריוח.

— דאָס מאַכט דאָך אוים כמעט פינף און צוואַנציק פּראָצענט פון דער גאַנצער סומע ?

— וואָס זשע קען איך העלפן ? און פאַר וואָס עפּעס „כמעט“ ? טאַקע פינף און צוואַנציק פּראָצענט אָדער נאָך מער! דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט שטענדיק אַזוי. געוויינלעך, אַז עס בלייבט פינף פּראָצענט פאַרדינסט, איז מען אויך צופרידן, נאָר דאָס מאָל איז אַן אויסנאַם. באַקומענדיק בלויז מעל, אָן קיינע אַסאָרטימענטן, צו וועלכע מען לייגט צו אַמווייניקסטנס צוויי דריטל געלט — וועל איך האָבן אַזאַ הויכן פּראָצענט.

— און וויפל איז היינט דער קורס פון אַ דאָלאַר ?

— אַ דאָלאַר קאָסט אַן ערך פון צוואַנציק רובל, שטעלט צונויף מיין ריוח אַ סומע פון דרייצן, פערצן טויזנט רובל. איצט, וויפל באַקומט איר אַ חודש געהאַלט ?

— אַ סך און אַ ים... Сколько кот наплакал. *

— אָבער פאַרט ?

— ס'איז מיר אַ בזיון צו דערציילן, נאָך קאַרגער פון צוויי הונדערט רובל.

— אַ, אַ הון רב, מען קען טאַקע פון אַזוינע רוחים לעבן אַ משוגענעם טאָג... הייסט עס : איר באַקומט פאַר אַ חודש געהאַלט עפּעס ווייניקער פון צוויי הונדערט רובל, אייער פאָטער עפּעס מער פון דריי הונדערט רובל, איז צוזאַמען : פינף הונדערט רובל. אין פיר און צוואַנציק חדשים האָט איר נאָר צוועלף טויזנט רובל, אַזוי, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. צוויי יאָר נאָך מיט אַ סמיטשיק.

פּאָלי האָט אויף אים אַ וואָרף געטון מיט די אויגן :

— זענט איר שוין פון דעם געשעפט אין גאַנצן גליקלעך ?

— נישט אין גאַנצן. אויף מיין זון איז דאָ אַ פלעק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פלעק ?

— מען רופט אים מאַרוסיאַ.

— אך — מאַרוסיאַ...

און פּאָלי האָט צעטראָגן אָפּגעקראַצט די פאַרב פון אַ נאָגל :

— איין הארץ פילט דאָס צווייטע. מאַרוסיאַס נשמה האָט אויך אַ פלעק.

— מען רופט אים שלמה ?

פּאָלי האָט פאַרלוירן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— דאַרפט איר טאַקע זען איינעם פון די צוויי פלעקן אָפּווישן.

— אוודאי דאַרף איך, איך וויים! עס איז אָבער נישט אַזוי לייכט אויסצוקלייבן...

---

* וויפל אַ קאַץ וויינט אָן.

— פּאָלי, עס וועט דאָך אייך אָבער נישט מיידן. קיינער וועט אייך די אַרבעט נישט פאַרשפּאָרן.

פּאָלי האָט, דאַכט זיך, נישט געהערט זיין באַמערקונג. זי האָט אַ פאַר־טראַכטע פאַרגעזעצט:

— מאַרוסיאַ איז נישט בלויז מאַרוסיאַ. אונטער איר נאָמען מיינט מען אויך אונדזערע קוזינעס פון „קאָנטינענטאַל". דאָרטן איז גאָר אַן אַנדער וועלט. „קאָנטינענטאַל" און סאַלאָמינקע — צוויי וועלטן.

— איך בין אין גאַנצן מסכים מיט אייך, פּאָלי. „קאָנטינענטאַל" און סאַלאָמינקע זענען צוויי פיינטלעכע לאַגערן. און טאַקע ווייל אַזוי, מוז מען וואָס גיכער און וואָס אַנטשיידענער אויסקלייבן איינעם פון די צוויי. אַ מענטש קען דאָך נאָר לעבן אין איין וועלט...

— לאָמיר אַצינד מער דערפון נישט שמועסן.

— מסכים. דאָס איז נישט פון דעם סאָרט פראַגן, וועלכע מען באַ־שליסט זאַלבעצווייט. איצט זאָגט מיר, פון וואָס זענט איר אַזוי אויפ־געריימט?

— זיך ערשט דערמאָנט פרעגן. אַ שיינער קאַוואַליער.

— פּאָלי, איך האָב נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו פרעגן. אַלנ־פאַלס — אַנטשולדיקט!

— סאַלאָמאָן, ווי איז אייך קיין בזיון נישט? איך שפּאַס און איר אַנטשולדיקט זיך טאַקע.

— איז וואָס פאַר אַ סיורפּריז האָט איר פאַר מיר?

— איך האָב דאָך אייך פיל מאָל דערציילט וועגן מיין כאַדאַטיי־סטווע* פאַר דער דירעקציע פון דער פאַבריק.

— וועגן שיקן אייך אין אַ אינסטיטוט אויף זייער רעכענונג?

— יאָ, יאָ, איך זע, אַז מיינע אינטערעסן ליגן אייך גוט אין קאָפּ.

— ווייל איך וויל, אַז זיי זאָלן זיין — אויך מיינע.

פּאָלי גיט אים צערטלעך אַ פעטשל איבער דער האַנט און זעצט פאָר:

— נעכטן האָב איך זיך באַגעגנט אויף דער פּליאַזשע מיטן נאַטשאַל־ניק פון מיין אָפּטיילונג. ער איז דאָרט בייגעווען ביי דער גאַנצער רע־וויזיע. האָט ער מיר דערציילט, אַז מיין ביטע האָט מען געטראָפן ביים דירעקטאָר אין שופלאָד און מען האָט זי באַפרידיקט. הייסט עס, אַז פונעם ערשטן, דאָס הייסט אין אַ וואָך אַרום, פאַרלאָז איך די פאַבריק און הייב אָן לערנען אויף אַ צוגרייטונגס־קורס און ענדע זומער וועל איך אָנקומען אין טעקסטיל־אינסטיטוט. און אַזוי, ביז איך וועל ענדיקן דאָס לערנען, וועט מיר מיין פאַבריק כסדר צאָלן מיין איצטיקן געהאַלט. איז שוין דאָ פון וואָס צו זיין אויפגערוימט צי אפשר ניין?

שלמה איז געזעסן אַ צעטומלטער. פון אירע אַלע רייד איז אים נאָר קלאָר געווען איין זאַך: עס האָט אים געטראָפן אַ גרויסער

---

* זיך משתדל זיין.

אומגליק. די עטלעכע פרייע שעהן, וואָס פאַלי פלעגט נאָך ביז איצט אויסזוכן פון זיינעט וועגן, שטאַרבן אָפּ מיט אַ מיתת־נשיקה. זי קומט אָן אין אַ נייער געזעלשאַפט, אין אַ סביבה פון געלערנטע, פון סטודענטן, פון אירס גלייכן. זיינע אַקציעס פאַלן ביז גאָר. „קאָנטינענטאַל" האָט גובר געווען. פאַלי וועט קיין מאָל נישט ווערן קיין פּיאַטיגאָרסקי.

— שלמה, וואָס טוט זיך עס מיט אייך? שוין דאָס וויפלטע מאָל, אַז איך פרעג אייך עפּעס און איר ענטפערט נישט...

— איר זאָגט עפּעס?

— שוין אפשר דאָס צענטע מאָל, אַז איך זאָג אייך איינע און די זעלבע זאַך און איר רעאַגירט גאָרנישט דערויף. וואָס איז עס ביי אייך, אַ לעטאַרגיע, צי וואָס?

— כ'וויים אַליין נישט וואָס דאָס איז. כ'האָב באמת נישט געהערט.

פון דעם קינאָ איז מען געגאַנגען שווייגנדיק. פאַלי האָט זיך עטלעכע מאָל געפּרוווט אומקערן די פריערדיקע שטימונג, אָבער אומזיסט. זעענדיק ווי שלמה איז פאַרטראַכט, האָט זי נישט געוואָגט אים צו שטערן. כאָטש ער אַליין האָט איר וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט, פון דעסט וועגן האָט זי זייער גוט פאַרשטאַנען, וואָס ביי אים אין האַרצן קומט פאָר. אַ מישמאַש פון פאַרשידענע געפילן האָט זי באַהערשט. וואָס אמת איז, האָט זי געפילט אַ צוגעבונדנקייט צו דעם שלמהן, צו איר יוגנטפריינט, וועלכער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב און וועלכער ווערט איצט קעגן איר ווילן אָפּגעשטויסן פון איר, דאָס געפיל איז אָבער געווען געמישט מיט אַ שאַרפן נקמה־געפיל:

— זאָל ער נישט מיינען, אַז אייביק וועל איך זיין נאָר אַ שטובמיידל, זיצן און וואַרטן, ביז ער וועט קומען און צעטרייבן אַ ביסל דעם אומעט. אים, פאַרשטייט זיך, לוינט נישט, וואָס איך טרעט אַריין אין אַן אַנדער וועלט, וואָס איך גיי זיך באַקענען מיט נייע מענטשן, מיטגעכאַפּט ווערן פון נייע שטרעבונגען...

דאָס ערשטע געפיל, דאָס פרידלעכע, איז אָבער דאָס מאָל געווען שטאַרקער. עס האָט זי אָנגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות אויף אים. זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט זייער שולדיק קעגן אים: פאַר וואָס קומען אָט דעם טייערן מענטשן אָט די אַלע גרימעניש, וואָס זי פאַרשאַפט אים קעגן איר ווילן?...

שלמה האָט שטיל און טרוקן אַ פרעג געטון:

— איז הייסט עס, אַ סוף צו אונדזערע באַגעגענישן?

— ווער האָט דאָס געזאָגט?

— ווער דאַרף דאָס זאָגן? איך אַליין קלער אַזוי. ביז אַהער זענט איר אין די שעהן נאָך דער אַרבעט געווען מער־ווייניקער פריי, אָבער איצט וועט זיך אָנהייבן אַ סדרה: לעקציעס, זאַטשאָטן*, עקזאַמענס...

---

* סעמעסטער־עקזאַמענס.

— אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס ריכטיק — האָט פּאָלי נאָכדענקענ־דיק געענטפערט — אָבער אין גאַנצן זיך באַגראָבן אין די ביכער קלייב איך זיך אויך נישט. אַ מענטש לעבט נישט מער ווי איין מאָל. אָט, למשל, דעם דריטן יוני, שטעלט מען אין דער „רוסישער דראַמע" אַ פּרעמיערע: „אינטריגע און ליבע" פון שילערן, וויל איך אומבאַדינגט זען די זאַך דעם ערשטן אויפדערנאַכט. איר האָט חשק פאַרשאַפן אונדז בילעטן?

— ביזן דריטן איז נאָך גאַנץ ווייט.

פּאָלי האָט נערוועז אַ צופּ געטון די רעכטע ברעם.

— איך רעד דערפון ביי צייטנס, ווייל אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג וועט מען צעכאַפּן די בילעטן. און טאָמער ווילט איר נישט באַזאָרגן קיין בילעטן, וועלן זיך אָפּזוכן אַזעלכע, וואָס וועלן דאָס אויף זיכער יאָ טון און נאָך מיט גרויס פאַרגעניגן...

— למשל, ווער? די „קאָנטינענטאַלצעס"? מאַרוסיאַ?

— און אַז מאַרוסיאַ, געפעלט אייך אפשר נישט?

— ווי ווייט מאַרוסיאַ געפעלט מיר, דאָס ווייסט איר שוין פון לאַנג. איך מאַך דערפון קיין סוד נישט.

— אייער מיינונג וועגן איר איז, דאַכט זיך, פאַר מיר נישט קיין געזעץ, נאָר בלויז אַ מיינונג. צי אפשר האָב איך אַ טעות?

— אויף דער פראַגע דאַרפט איר זיך אַליין ענטפערן.

ווידער האָט זיך אָנגערוקט אויף די יונגעלייט אַ שטיקנדיקע שטילקייט. ביידע האָבן זיך געפילט שלעכט. זיי זענען צוגעקומען צו יאַנים שטוב און געבליבן שטיין. פּאָלי האָט אים נישט געבעטן אַריינצוגיין און שלמה האָט אויך קיין חשק נישט געהאַט דערצו. ער האָט סאַרקאַסטיש דורכגעזייעט צווישן די ציין:

— אַ גוטע נאַכט, פּאָלינאַ יאַקאָוולנאַ. אַ דאַנק פאַר דער קאָמפּאַניע!

פּאָלי האָט אים פיינטלעך באַטראַכט און גיפטיק אַרויסגעשיפּעט:

— כ'האָב גאָרנישט געוווסט, אַז איר זענט אַזאַ דזשענטלמען. פון ווען אָן האָט איר עס אָנגעהויבן דאַנקען פאַר אַזעלכע זאַכן?

— כאַ־כאַ־כאַ!... איך האָב עס נישט געמיינט ערנסט... נאָר אַזוי, אין אַ שפּאַס. און וואָס אַנבאַלאַנגט בילעטן אויף „אינטריגע און ליבע" וועל איך אומבאַדינגט קריגן.

— מיר איז דאָס אַלץ איינס.

— אַזוי גאָר? איז אפשר אומזיסט מיין טרחה?

— ווי איר ווילט אייך.

— און ביזן דריטן יוני איז מיר פאַרבאָטן אַריינצוקומען צו אייך?

— איך האָב נאָך קיין מאָל קיינעם נישט געטריבן פון דער שטוב.

— דאָס איז בפירוש זייער גרויסמוטיק פון אייער זייט, נאָר דער ענטפער איז געגעבן אין אַזאַ דיפּלאָמאַטישער פאָרם, אַז אַזאַ קליין מענ־

טשעלע ווי איך פארליר אין גאנצן דעם קאפ און ווייס נישט ווי דעם ענטפער צופאסן צו זיך.

— מיין ענטפער באטייט: ווי איך וועט זיך גלוסטן, קומען אדער נישט קומען. איך נעם נישט קיין שטעלונג צו דער פראגע.

— יא, יא, אזוי איז עס. איר מעגט זיך טאקע שטארק בייזערן אויף מיר, פאלינא יאקאוונא, איך האב עס כשר פארדינט. איך האב גאר גע־וואגט זיך צו באליידיקן, פאר וואס איר דראט מיר מיט אייערע „קאנטי־נענטאלצעס". ווי מעג איך זיך גאר באליידיקן? אין אייער קעגנווארט דארף איך זיין טויב און שטום... איר האט רעכט... ווייס איך... נו, א גוטע נאכט!

שלמהס טריט האבן זיך האסטיק דערווייטערט. פאלי האט געשפירט א טיפן ווייטיק פון דעם, וואס זי האט שלמהן דערמאנט, אז זי קען גיין מיט מארוסיאן אויך. דאס הארץ האט זיך איר צעריסן פון אומבאהאלפנ־קייט:

— וואס קען איך העלפן? גוואלד, וואס קען איך העלפן?

קאפיטל LXII

אויף מארגן איז געווען ערב־שבת. אין טאָרגסין האָט מען שלמהן הארב אָנגעזאָגט, אז ער זאָל איבערלאָזן א גענויע רשימה אדרעסן וווהין צו פארפירן דאָס מעל, וואָס עס קומט אים. עס קען טרעפן, דער וואָגאָן מעל זאָל אָנקומען אום שבת. ער קומט דאָך נישט אין דעם טאָג. זיין מעל, ווידער, אָפפירן אויפן סקלאד טויג אויך נישט. עס קען זיך אויפהייבן א „ויצעקו" צווישן דעם עולם, פאַר וואָס מען פארקויפט עס נישט, פאַר וואָס מען לאָזט איבער אזא היפשן קוואנטום מעל פאַר מיוחסים.

שלמה איז אריבערגעגאנגען צו זיינע סטאבילע קונים און ביז צוויי ביי טאָג איז דאָס מעל געווען אויספארקויפט צו סאָלידע קונים — ביזן לעצטן קילאָגראַם. אָפגעטראָגן די נייע אדרעסן אין דער דירעקציע פון טאָרג־סין האָט ער זיך געלאָזט גיין אהיים מיט א פרייען קאָפּ, א שבתדיקער.

אין מיטן וועג האָט ער זיך דערמאָנט אין די בילעטן אויף דער פרע־מיערע. ער האָט זיך אָנגעהויבן קווענקלען: קויפן צי נישט קויפן? אייגנט־לעך איז דאָך א שאָד מאבד זיין בידים אזא גאָלדענעם שאַנס צו זיצן מיט פאָלין בחברותא א גאנצן אויפדערנאכט. איך בין דאָך נישט מחויב אויף זיך מקבל־תענית זיין מיט אָן עודף, דיה לצרה בשעתה! אפשר וועט נאָך געשען א נס און די רעזאָלוציע וועט אָפגערופן ווערן, היד ד' תקצר? ביי אונדזערע מושלים איז דען אזא מילתא דשכיחא, אז ס'זאָל זיין אומר ועושה? וויפל מאָל טרעפט ביי זיי, אז די הבטחות פון די „גדולים" נוצן נאָר אויף א געוויסער זאַך? ניין, וואָס ס'וועט זיין מאָרגן קען מען קיין מאָל נישט באוואָרענען, נישטאָ קיין חקירות דערביי, גוט איז א חיי־שעה! בקיצור, יעבור עלי מה, כ'וועל נעמען! צי אפשר זאָל שוין זיין גענוג גע־לייגט זיך אונטער די פיס? זאָל זי זיך גיין געזונטערהייט מיט מארוסיאַן. וואָס וועט שוין זיין די פעולה, אויב איך וועל זי דאָס מאָל אויסרייסן פון מארוסיאַס נעגל, וועט זי מיט איר גיין אין אנדערע זיבעצן ערטער, מלאך־המות — מה לי הכא, מה לי התם? אלץ איין שווארץ יאָר!...

דערווייל, פאַר דער צייט, וואָס אין קאָפּ האָבן זיך ביי אים געראנגלט צוויי דעות, קויפן בילעטן צי נישט קויפן, האָבן די פיס געשפאנט אין דער באקאנטער ריכטונג און זיך אָפגעשטעלט פאַר דער צענטראַלער טעאטער־קאסע. אריינגעקומען אהינצו איז שלמה געוווּיר געוואָרן, אז אין דער רוסי־שער דראמע אויפן דריטן יוני וועט מען ערשט פארקויפן בילעטן פון מאָנטיק אָן, נאָך דעם, ווי עס וועלן צעשיקט ווערן אלע איינלאַדונגען אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג. צוריקגייענדיק האָט שלמה נישט געוואָלט וואַרטן אויף קיין טראַמוויי און זיך געלאָזט גיין צו פוס אהיים.

אויף דעם ראָג פון דער לענינא און קאַראָלענקאָ גאַס, קעגן דעם אָפּע־רע־טעאטער, האָט זיך פון א טעלעפאָן־ביידל דערטראָגן צו אים א באַ־קאנט קול. ווער זאָל עס דאַרטן זיין? שלמה האָט זיך בשום אופן נישט

געקענט דערמאָנען, צו וועמען עס געהערט אָט די מעלאָדישע שטימע, אַזאַ באַקאַנטע, אַזאַ נאָענטע. דורכן צעעפֿנטן פענצטערל האָט זיך אויף דאָס ניי דערטראָגן דאָס קול. עמעצער האָט אַריינגעשריגן אין טרייבל אַריין:

— ווער? ווער? ! העכער אַ ביסל רעד. איך הער שלעכט, עס הור־דעט שטאַרק. ווער זאָגסטו? אַך, מאַדאַם פייגנבוים? אַ־האַ!... נישט בעסער, ניין, גאָרנישט בעסער. וואָס, טאַטע? ווהין איך האָב אַהינגעטון מיינע געסט? צו זיי טאַקע... צו די פייגנבוימס. ווהין דען? פון טאַנקען וועסטו זיך אָפּטשעפּען? זאָרג נישט, טאַטע, מיר וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן. אַ גוטן שבת! יאָ, מען הייסט ענדיקן דעם שמועס. די טעלעפאָ־ניסטקע הייסט, יאָ. אַ גוטן, צום ווידערזען!

שלמהן איז דורכגעלאָפן אַ פראָסט איבערן לייב: רייזל! דאָס איז דאָך רייזל! ווי אַזוי האָט ער גאָר גלייך פון אָנהייב נישט דערקענט איר קול?

ער איז געווען אַזוי איבערראַשט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי רייזל איז אַרויסגעגאַנגען פון דער טעלעפאָן־סטאַנציע און איז שטיין געבליבן אַ פאַרוווּנדערטע. ווען ער האָט זי באַמערקט, האָט זי אויסגערופן:

— אַך, פּיאַטיגאָרסקי, ווי אומגעריכט! וואָס טוט איר דאָ?

— איך האָב דערהערט אייער קול דורך דעם אָפענעם פענצטער און נישט געקענט אַוועקגיין — האָט שלמה ערנסט געענטפערט דערלאַנגענ־דיק איר די האַנט — און זייט וויסן רייזל, אויב איר וועט מיך רופן פּיאַטי־גאָרסקי, וועל איך אייך אויך צוריק קרוינען פאַר ליבערמאַן.

אַ גאַנצע מינוט האָבן זיי זיך נאָר געהאַלטן פאַר די הענט נישט אַרויס־ברענגענדיק קיין איינציק וואָרט. יעדער איינציקער פון זיי האָט זיך באַמיט אויסבאַהאַלטן פונעם צווייטן די שטורמישע כוואַליע פרייד, וואָס האָט אים צוגעשלאָגן צום האַרצן פון דער באַגעגעניש, אָבער דאָס האָט זיך זיי ביידן נישט איינגעגעבן. די יונגע, נישט געצווימטע געפילן האָבן אַראָפּגע־שריגן פון זייערע פנימער און אפילו געוועגדעט אויף זיך די אויפמערק־זאַמקייט פון די פאַרבייגייענדיקע. שלמה האָט זיך דער ערשטער געכאַפּט, אַז שוין אַ ביסל צו לאַנג ציט זיך דאָס שווייגן, און לוסטיק אַ פרעג געטון:

— האָט איר שוין, הייסט עס, ביידע ברידער דאָ ביי זיך?

— פון וועמען האָט איר געהערט?

— פון אייער אייגן מויל, מאַדמואַזעל ליבערמאַן.

— פון מיר? עפּעס געדענק איך נישט. ווען איז דאָס געווען?

— טאַקע נאָר וואָס, דורכן פענצטער.

— אָט ווי! איר האָט, הייסט עס, אונטערגעהערט דעם גאַנצן שמועס... זענט איר גאָר אַ שפּיאָן?

— עס טרעפט אַ מאָל דאָס אויך, אָבער בלויז צוליב ערלעכע צילן.

— כאַ־כאַ־כאַ... ערלעכע צילן!... וואָס פאַר אַן ערלעכע צילן, למשל, האָט איר געקענט האָבן ביי דעם פאַל?

— איר קענט זיכער זיין, אַז בלויז ערלעכע. דורכגייענדיק פאַרביי

האָב איך דערהערט אַ קענטלעך קול און זיך בשום־אופן נישט געקענט דער־מאָנען, וועמעס עס איז דער אייגנטימער פון דער האַרץ. בין איך אַזוי גע־בליבן שטיין און זיך געהאַלטן אין איין איינהערן, כדי צו דערקענען דאָס קול. אַזוי אַרום האָב איך נישט ווילנדיק אונטערגעהערט אַ טייל פון אייער שמועס.

— און איר שעמט זיך גאַרנישט מודה זיין, אַז איר האָט נישט דער־קענט מיין קול ?

— איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך שעם זיך דווקא זייער דערמיט.

— און מיר דאַכט זיך ... ניין ! נישט עס דאַכט זיך מיר, נאָר איך בין זיכער, אַז איך וואָלט אייער שטים דערקענט צווישן אַ גאַנצן כאָר אַנדערע שטימען.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווייל איר פאַרמאָגט אַ בעסערן זכרון ווי איך.

— איר ווייסט נאָר ווייצלען זיך. פון אַלצדינג מאַכט איר זיך אַ שפּאַס. נו, קומט איר מאָרגן צו די פייגנבוימס זיך באַקענען מיט מיינע ברי־דער ?

— איר פרעגט נאָך ? עס מעג אפילו דונערן און בליצן ווי אין די צייטן פון שמואל הנביא, וועט דאָס מיך אויך נישט אָפּהאַלטן !

— ווידער געחכמהט זיך... ווען וועט איר שוין אַ מאָל זאָגן אַ נאַ־רישקייט ?

אַליין דאָס נישט באַמערקנדיק זענען זיי אַפּגעגאַנגען צום דערבייאיקן סקווער, שווייגנדיק געשטאַנען איינער קעגן דעם צווייטן און זיך באַ־טראַכט.

— דערציילט עפּעס, שלמה, וואָס הערט זיך ביי אייך נייעס ?

— וועלכע נייעס, למשל, אינטערעסירן אייך ?

— כ׳ווייס ? ווי אַזוי גייען אייערע געשעפטן ?

— די געשעפטן ? גאָט צו דאַנקען ! בעסער איז זיך שווער פאַר־צושטעלן.

— נו, און אין דיני־נפשות ווי גייט עס אייך ?

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס מיינט איר צו זאָגן מיטן וואָרט „דיני־נפשות" ?

— עס איז אַ ביסל שווערלעך צו גלייבן, אַז איר זאָלט נישט פאַר־שטיין. נו, איך מיין אייער דינסטיקדיקע קאָמבינאַציע, פון וועלכער איך האָב אויך געהאַט די ערע צו וויסן.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און ער האָט זיך אַנגעשטויסן, וווהין זי צילט. זיין גאַנצע לוסטיקייט איז מאָמענטאַל פאַרשווונדן :

— ווייס איך... ס׳איז נישט כדאי צו פטרן צייט דערויף...

און שלמה האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיט אַזאַ טיפן יאוש, אַז עס האָט זי אַזש אָנגענומען ביים האַרצן.

רייזל האָט קוים מיטן אויער צו כאַפּן אַרויסגעשעפּטשעט :

— אך, רבונו־של־עולם, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסטן עס טרעפן זיך אויף דער וועלט. וואָס איינער טרעט מיט די פיס, וואָלט אַ צווייטער אויפן קאָפּ געטראָגן!

שלמה האָט זי קאָנוווּלסיוו אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. זיינע אויגן האָבן פיבערדיק געברענט, די ליפּן האָבן געציטערט:

— אָבער דער „עמעצער" וואָלט דען געווען — „איר"?

ביי רייזלען פון דער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער געשריי:

— אייך אינטערעסירט דאָס דען?!

שלמה האָט נאָך שטאַרקער צונויפגעדריקט איר האַנט און זי צוגע־צויגן צו זיך:

— רייזל, ווי דאַרף איך אייך פאַרשטיין? איך וואָג נישט צו גלייבן מיינע אויערן...

— אַך, לאָזט אָפּ די האַנט. וואָס פאַר אַ שטותים איך האָב אָנגע־הויבן צו רעדן, זינט איך האָב אייך דערקענט...

שלמה האָט זי נישט געהערט, ער האָט זי נאָך האַסטיקער צוגעצויגן צו זיך און ווערטער, בריענדיקע ווי פּריסעק האָבן זיך דערטראָגן צו רייזלס אויערן:

— רייזל! ניט שוין זשע איז דאָס אמת, אַז איך וואָלט געהאַט די האָפענונג...

רייזל האָט פאַרשטיקט אַ כליפּע געטון:

— אַך, מאַמע מיינע, אום גאָטעס ווילן, לאָזט אָפּ די האַנט.

טרערן האָבן אַ שפּריץ געטון פון אירע אויגן, פאַר ווייטיק און פאַר־דרוס אויף זיך אַליין. זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע אירע כוחות, אַרויסגע־ריסן די האַנט פון זיינע אייזערנע צוואַנגען און זיך האַסטיק געלאָזט אוועקגיין. שלמה איז אויף איין אויגנבליק שטיין געבליבן אָפּהענטיק, גלייך אָבער האָט ער זיך צוריקגעפונען און האָט זיך געלאָזט איר נאָכלויפן. זי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו אַ דורכלויפנדיקן טאַקסי. דער שאָפער האָט איינגעהאַלטן די מאַשין אין מיטן שליאַך. רייזל איז צוגעלאָפן, אויפ־געריסן דאָס טירל און מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעכריפּעט:

— אויף קאַראַוואַיעווסקע־גאַס! נאָר שנעל!

שלמה איז שוין געווען מיט איין פוס אויפן טרעפל. נאָר רייזל האָט מיט אַלע כוחות צוגעהאַלטן דאָס טירל. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צום צווייטן טירל, נאָר ער האָט נישט באַוויזן צולויפן. די מאַשין האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט. שלמה איז געבליבן שטיין אין מיטן גאַס ווי אָפּגעשמיסן.

אויטאָס האָבן סיגנאַליזירט, סירענעס גראָבע און דינע האָבן געעק־בערט די אויערן מיט זייערע משונהדיקע קולות, אָבער שלמה איז אַלץ געשטאַנען אין מיטן וועג, גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געזען פאַר זיך, ער איז געווען ווי פּאַראַליזירט, פאַרשטיינערט.

קאפיטל LXIII

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג, פונעם אויפשטיין אָן, האָט שלמה מיט זיך איינגעחזרט:

— איך גיי היינט נישט צו די פייגנבוימס! איך טאָר אהין נישט גיין, עס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע אכזריות פון מיין זייט! און מען דאַרף דאָך אַ חוץ אַלעמען זיין דערצו אַ פעלד־גזלן, אויף קענען צוקוקן רייזלס צער... דאָס מיידל האָט נעבעך אויסגעזאָגט איר הייליקן סוד. זיך אַליין אומפאַרזיכטיק אויסגעגעבן. און דער עיקר: פאַר וועמען? פאַרן בעל־דבר אַליין... ניין, ניין, איך טאָר זיך אין איר מחיצה נישט ווייזן. אויב אין מיר טליעט נאָך כאָטש אַ פונק יושר, עלעמענטאַרע מענטש־לעכע עטיק, מוז איך זיך היינט פון דעם פאַרגעניגן אָפּזאָגן, סיידן... איך זאָל זיך אויף עפּעס באַשליסן... אָבער צו וואָס נאַרן זיך אַליין? וואָס פאַר אַ באַשלוס בין איך אומשטאַנד אָנצונעמען? וואָס בין איך עפּעס אַ פרייער מענטש? איך האָב עפּעס צו שאַפן אויף מיין מויל, אויף מיי־נע געפילן? ס'איז פאַרפאַלן! אויפן דריטן יוני בין איך שוין איינגעלאַדן פון פאַלין אין טעאַטער אריין. דער נאָמען איז שטאַרקער פון מאַגנעט. דאָס פנימל פאַרשקלאַפּט. און איך פיל, אַז איך וועל נאָך זיכער זיין אויף אוריצקע אפילו ביזן דריטן יוני. עס איז גאָר קיין ספק נישט. און איך קען דערצו גאַרנישט העלפן און איך וויל גאַרנישט העלפן. אַזוי לאַנג, ווי פאַלי וועט נאָך זיין פריי, וועל איך גאַרנישט זוכן צו באַפרייען זיך פון איר היפּנאָז, וועל איך נישט פעאיק זיין אָנצונעמען קיינע באַשלוסן בנוגע אַנדערע מיידלעך. און דאָך איז מיר רייזל אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד!... אַזאַ גאָלדן קינד, אַזאַ זעלטענער מענטש!...

אָך, רייזל, רייזל, ליבע רייזל! מיר זענען ביידע אונטער איין שטערן געבוירן געוואָרן. די, וועלכע זענען אין אונדז פאַרליבט, ווילן מיר זיי נישט. דאַקעגן, די, וועלכע געפעלן אונדז, געפעלן מיר זיי נישט, אָדער מיר גע־פעלן זיי אפילו יאָ, נאָר דער שטן, וואָס משׁשת ימי בראשית פאַרגינט ער נישט דעם מענטשן זיין גליק, איז שוין אַ בריה אויף צו שאַפן אַזעלכע נעקיטנצלטע ווענט און ווענטעלעך, פאַרשידענע מחיצות און, אויב ס'איז נייטיק, איז גאַנצע אָפּגרונטן, אַבי נישט דערלאָזן צו פאַראייניקן זיך די ליבנדיקע נפשות... אַזוי פירט זיך שוין די וועלט מקדמונים: איינער שטייט צום צווייטן מיטן רוקן. דאָרט ווו עס ברויזן אויף ביים מענטשן זיינע ליידנשאַפטלעכע, עגאָיסטישע אינסטינקטן, ווערט ער צו דער איבערריי־קער וועלט טויב און שטום, טוט זיך אָן זיין הארץ אין גראַניט און זעלטן, זעלטן ווען עס געראָט זיך אויסצוניכטערן פון די פאַרפירערישע עולמשע תאוהלעך, איידער ער מאַכט צו מיט אַן אויג. ניין! און ניין! און ניין! איך גיי היינט נישט צו די פייגנבוימס, איך טאָר דאָס נישט טון!

נאָכן עסן. אַלע קינדער זענען זיך צעגאַנגען. טאַטע־מאַמע האָבן זיך

צוגעלייגט שלאָפן. שלמה איז געבליבן איינער אַליין אין שטוב. פון נישט האָבן וואָס צו טון איז ער געוואָרן זיך אַליין איבעריק: צו וואָס נעמט מען זיך? תהילים האָט ער נאָך אין דער פרי אָפּגעזאָגט. די סדרה פון דער וואָך האָט ער נאָך מעביר געווען פרייטיק פאַר נאַכט. וואָס זשע טוט מען פאָרט? לייענען עפּעס ווילט זיך נישט. וואָלט נישט געווען שבת, וואָלט ער געשריבן, אָבער אַזוי?... אַ־האַ! עס איז דאָ וואָס צו טון. שיר־השירים! פאַר ליכט־בענטשן האָט ער נישט באַוויזן אָפּצו־זאָגן שיר־השירים. ער כאַפּט זיך אָן אין דעם געדאַנק, ווי אין אַ רעטונגס־מיטל. ער לאָזט אַראָפּ די שטאָרן, מאַכט צו די טירלעך פון די עלטערנס שלאָפצימער און הייבט אָן צו זאָגן. ער זאָגט און פאַר זיינע אויגן שטייט רייזל. אָט זעט ער איר שעמעוודיק־גליענדיקן קוק, אָט הערט ער איר פאַרצווייפלטן קרעכץ: „אייך אינטערעסירט עס דען?“ ער זאָגט און אַ וואַרעמע פליסיקייט פאַרשטעלט אים די אויגן:

— שחורה אני ונאוה...

— אמת טאַקע, רייזל איז אי שוואַרץ, אי שיין. אַלץ הייסט שיין? ווונדערלעך שיין!.. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז אויף אים ליגט אַ קללה...

— הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים...

הייסע זודיקע טרערן רינען אויפן סידור, ער פאַרשטיקט אין זיך דאָס געוויין, ער האָט מורא אויפוועקן די עלטערן. אַלץ טרייסלט זיך אין אים פון אינערלעכן יאָמער:

— קומי לך, רעיתי, יפתי, ולכי לך...

— אַן אַנדער ברירה האָסטו? און מיר, מיינסטו, איז פיל בעסער ווי דיר? דו ביסט כאָטש מיט דיין אכזר פון דערוויטנס, איז דיין וווּנד אַ ביסל פאַרצויגן, אָבער איך זע מיין מלאך־המות אַלע טאָג... דו וועסט זיך שנעל אויסהיילן, דיין וווּנד איז נאָך נישט קיין ערנסטע, זי איז ערשט אַ וואָך אַלט. אָבער איך קרענק שוין אַזוי צען יאָר... שוין צען יאָר, זינט דער שטן האָט אַריינגעטראָגן אָט דאָס אש זרה אין מיין האַרצן. פון דאַמאָלסט אָן ברענט דאָרט דער גיהנום. מיין ייִדישע נשמה איז שוין פאַרקוילט, ס'איז שוין פון איר קיין שריד ופליט נישט געבליבן און איך קען זיך גאָרנישט העלפן...

— הראיני את מראיך, השמיעיני את קולך, כי קולך ערב ומראיך נאוה...

— וואָס איז דאָ צו רעדן? אודאי, ווען איך וואָג אַצינד צוצוגיין צו די פייגנבוימס, וואָלט איך זי אי געזען אי געהערט... אָבער ווי מעג איך עס טון? עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען איך קום איצט אַריין אַהין, וואָלט רייזל אַוועק פון דער שטוב. דאָס וואָלט געווען אַן אָפּענער סקאַנ־דאַל, נאָך דאָס פעלט מיר צו מיינע גליקן!...

כמעט אָן באַוווסטזיין פליסטערט שלמה דעם שיר־השירים און הערט זיך איין אין פאַרבאָרגענע קולות, וואָס רייסן זיך צו אים פון ערגעץ ווו. אָט זעט ער פאַר זיך דעם גרויסן קיעווער בית־עלמין. אַ פרידלעכע שטיל־

קיין רוט דאָ אין יעדן ווינקעלע. נישטאָ דאָ נישט קיין פּאַרדרוס, נישט קיין קנאה, נישט קיין שנאה — אייביקע מנוחה. ערגעץ וויט־ווייט, אין אַ הינטערגעסל פון אַט דער ריזיקער טויטער שטאָט, ליגט רייזלס מו־טער. אַ פרישע מצבה טיילט זיך שטאַרק אויס פון די איבעריקע. די ערשט אויסגעהאַקטע אותיות גלאַנצן מיט פרישער פאַרב. די מצבה שטייט נאָך פרעמד אויפן פרישן קבר, זיך נאָך נישט איינגעזעסן... דאָס שוואַרצע בערגל ערד צווישן אַזאַ גרויסן עולם גרינע בערגלעך זעט אויס, ווי אַן אבל אויף אַ חתונה און מאַכט קאַליע די שלוהדיקע האַרמאָניע. אויף דעם דאָזיקן קבר, זעט שלמה, ליגן צוויי שוואַרצע שלאַנגען. מיט פאַרמאַכטע אויגן קוקט ער זיך איין אין דעם בילד און ווערט פאַרציטערט: דאָס זענען נישט קיין שלאַנגען, דאָס זענען האָר! אַ געפלעכט פון מיידלשע האָר, זיידענע צעפּ... — ווער זשע האָט זיי דאָ געקענט פאַרלירן אויף דעם עלנטן קבר?... שלמה פרווט זיך צורירן צו זיי און שפּרינגט אָפּ ווי אַן אָנגעביסענער: גאָט מיינער! דאָ ליגט דאָך אַ מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש!... — ווער קען דאָס זיין? אַז דאָס איז אַ פרוי, זאָגן אויס די האָר, אָבער וואָס ליגט זי אַזוי איין די וועלט? וואָס רייסט זי אַזוי די ערד אונטער זיך? שלמה לייגט צו אַן אויער און כאַפּט אויף אַ צאַפּל פון אַן אומגליקלעכער נשמה: „האַרציקע מאַמע מיינע! פּתחתי אני לדודי, ודודי חמק עבר"*... אָך, דאָס איז דאָך רייזל, רייזל ליבערמאַן, און דאָס קלאָגט זי זיך אויף מיר!...

דאָס בילד צעשווימט און אַ פרישער קוואַל טרערן גיסט זיך אויס אויפן סידור. שלמה זאָגט שוין נישט, נאָר ער וויינט. ער פילט: עס איז אים שלעכט, עס איז אים ענג. מער פון אַלץ אויף דער וועלט טוען אים איצט ווי רייזלס יסורים, אירע שמערצן, אירע גרימעניש. אָך, ווען ער קען איר דערווייזן, ווי טיף ער איז געקרענקט פון איר דערקלערונג, נאָר העלפן איז ער נישט בכוח, ער איז אַליין אומבאַהאָלפן. אים איז שוין אַ פּנים, אַזוי באַשערט אויסצוגיין אויף אוריצקע־גאַס ביים פּלויט פון עם הויז נומער איין און צוואַנציק. וואַרשיינלעך איז גאָטס ווילן אַזוי. ווען נישט, וואָלט דאָך געווען אַנדערש.

שלמה מאַכט צו דעם סידור נישט פאַרענדיקנדיק דעם שיר־השירים און אויף די שפּיץ פינגער שלייכט ער אַרום פון שטוב. וווהין גייט מען? ער פילט, אַז בלייבן אַציַנד אַליין איז איבער זיינע כוחות, ער קען אַראָפּ פון זינען. מיט אַ מאָל גיט ער אַ טראַכט: פאַר וואָס זאָל ער נישט אַריינ־גיין צו מנשהן? באַרעכן נאָר, וואָס קען, דאַכט זיך, זיין פּשוטער?

מנשהן האָט ער אין שטוב נישט געטראָפן, געווען איז נאָר דער פעטער לייב.

— פעטער, ווו איז מנשה?

* איך האָב געעפנט מיין האַרץ פאַר מיין געליבטן, און מיין געליבטער — איז נעלם געוואָרן, אַוועק.

— אוועקגעגאַנגען.

— אַז ער איז נישטאָ, דאָס זע איך אַליין. איך פרעג, וווהין איז ער אוועקגעגאַנגען?

— די קינדער האָבן אים מיטגעשלעפּט צו די פייגנבוימס. עפּעס איז דאָרטן אַ גאַנצע גדולה. איך ווייס נישט, וועגן ווער עס זענען די חשובע געסט. כ׳ווייס נאָר, דיין פעטער מוזי — ער איז דאָ געזעסן — דערהערנדיק זייערע נעמען, האָט זיך אויפגעהויבן און איז אויך מיטגעלאָפן. אַן אַלטער נאַר! וווהין שטופּט ער זיך? וואָס האָט דאָס מיט אים צו טון? איבערגעלאָזט מיך איינעם אַליין. אפשר וועסטו זיצן אַ ביסל מיט אַן אַלטן פעטער?

— מיט מיין איצטיקן קאַפּוויטיק וועט איר פון מיר ווייניק נחת האָבן. שוין לאַנג, אַז זיי זענען אוועקגעגאַנגען?

— שוין אוודאי אַ שעה, אויב נישט מער. און פאַר וואָס, זאָג מיר. גייסטו נישט אַהין? דו ביסט דאָך עפּעס פון די „גלאָוונע" שמשים אין דער חברה־קדישא?

— כ׳האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט מיר וויי. אַ גוטן שבת אייך!

— אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר!

שלמה האָט לאַנגזאַם פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און אַ טראַכט געטון:

— נו, וווהין גייט מען איצט? פאַלי וועט ערשט אוודאי קומען אַהיים אַרום זעקס, זיבן פאַר נאַכט און איצט איז זיכער נישט מער פון צוויי אַ זייגער... וווהין טוט מען זיך אַהין?

שלמה געדענקט נישט, ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפן. ער הייבט נישט אָן צו געדענקען! נאָר געקומען צו זיך איז ער פון אַ קלאַפּ. דאָס האָט זיין אייגענע האַנט געקלאַפּט אין דער טיר פון די פייגנבוימס. שבת קלינגען טאָר מען דאָך נישט, קלאַפּט מען. און די שטוב־מענטשן ווייסן שוין, אַז שבתדיקן מעת־לעת מוז מען האַלטן די אויערן אָנגעשפּיצט. באַגרייפנדיק, וואָס ער טוט האָט שלמה ברייט צעעפנט די אויגן: וואָס טוט ער דאָ? ער האָט דאָך פעסט באַשלאָסן נישט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון דעם הויז, כל־זמן רייזל איז אין קיעוו?...

ער האָט אויף גיך געוואָלט אַנטלויפן, ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די טיר האָט אים געעפנט דער אַלטער פייגנבוים אַליין. ער איז צופעליק דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר און האָט דערהערט דעם קלאַפּ.

— וואָס טראַכסטו זיך, וואָלט איך נאָר געוואָלט וויסן — האָט ר׳ אברהם געמוסרט שלמהן נאָכן באַגריסן זיך — שטענדיק איז ביי דיר גלייך. מיר האָבן היינט אַזוינע אָנגעלייגטע געסט, פרעמדע און היימישע, און דו, ווי אויף צו להכעיס, מוזסט קומען שפּעטער פון אַלע...

שלמה, אַ פאַרלוירענער, האָט עפּעס געשטאַמלט, נישט וויסנדיק, וואָס צו ענטפערן.

נאָך אויף דער שוועל האָט זיך שלמהן געוואָרפן אין די אויגן, אַז דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען דער גאון פון אוקראַינע — הרב ביאַליק.

— דאָס ברענגען אַהער ביאַליקן אין אַ געוועגלעכן שבת, איז שוין לכבוד די געסט — האָט שלמה געמאַכט ביי זיך אַן אויספיר.

פון איין זייט פון הרב ביאַליק זענען געזעסן זעליק פייגנבוים, דער פע־טער מוזי, משה פרידמאַן און אַנדערע. הארט לעבן ביאַליקן, פון דער צווייטער זייט, איז געשטאַנען אַ ליידיקער פאָטעל, דעם אַלטן פייגנבוימס אָרט, און דאָן האָבן זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן צוויי אומבאַקאַנטע יונגעלייט: אַ פּנים די ליבערמאַנס. איינער, אין ברילן, אומגעפער פון אַ יאָר זעקס און דרייסיק, אַכט און דרייסיק. דער צווייטער אָן ברילן און יינגער מיט אַ יאָר פיר, פינף.ביידע, לויטן אויסזען, בכבודיקע מענטשן, מיט טיפּישע סעמיטישע נעזער און קלוגע אויגן.

שלמה איז געשטאַנען ביי דער טיר אומבאַשלאָסן. אין דער זייט פון די פרויען האָט ער בכלל מורא געהאַט זיך אומצוקוקן. און ווידער האָט זיך מיט אים איבערגעחזרט דאָס אומפאַרשטענדלעכע. נישט ער, חס־ושלום, ער נישט, נאָר זיין פּנים האָט זיך אויסגעדרייט צום פרויענטיש, מיט איי־ניקע פון זיי זיך געגריסט און זיך אָפּגעשטעלט אויף רייזלען. יענע האָט שטאָלץ באַגעגנט זיין בליק. איר פּנים האָט מיט גאָרנישט אויסגעגעבן, וואָס אין איר קומט פאָר. שלמה האָט אָבער געהאַט אַ געניט אויג. אים איז שווער געווען אָפּצונאַרן. ער האָט כלומרשט נאָך אַ מאָל באַקוקט אַלע זיצנדיקע און זיך לענגער פאַרהאַלטן אויף רייזלס געזיכט. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן זיין שאַרפן קוק און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אויף אירע מאַ־טע באַקן זענען אַרויסגעטרעטן פאַרדעכטיקע רויטע פלעקן. איבער אירע פּלייצעס איז דורכגעלאָפן אַ נערוועזער ציטער און זי האָט זיך אויפגעה־הויבן. מיט מלכותדיקע טריט איז זי צוגעגאַנגען צו שלמהן און אים העפ־לעך געזאָגט:

— איר ווילט דאָך אודאי זיך באַקענען מיט מיינע ברידער, קומט!

און אָפּגייענדיק אַ ביסל האָט זי שעפּטשענדיק, נאָר שטרענג, אים פירגעהאַלטן:

— איר האָט ערשט, מער ווי עס פּאַסט, געקוקט אויף מיר, דאָס איז נישט טאַקטיש פון אייער זייט!

— גלייבט מיר, איך האָב נישט געוואָלט.

— נישט געבן קיין שטאָף פאַר בייזע צינגער, דאָס איז נישט בלויז מיין אינטערעס...

— כ'וועל מער נישט.

זי האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר אירע ברידער און זיך אומגעקערט צוריק אויף איר אָרט.

קאפיטל LXIV

מנשה האט — אנווייזנדיק אויף שלמהן — געזאגט צו די ליבער־מאנס:

— אט דער בחור איז מיין תלמיד און חבר.

— און מיין רבי — האט ארייגעשטעלט דער פעטער מוזי.

— ווי אזוי דארף מען עס פארשטיין, ר' מוזי? — האט מיט אינטערעס געפרעגט ליבערמאן דער עלטערער, דער יונגער פאלטאווער רב.

— פשוטו כמשמעו. אנקערן קען ער מיר אן אור־פלימעניק. זיין באבע איז מיין ווייבס שוועסטער. נאר נישט קוקנדיק אויף דעם חילוק אין די יארן איז ער אין דער העברעאישער שפראך מיין רבי. טאמער ווייזן זיך אייך אויס מיינע רייד גוזמאדיק, קען זיי אייך הרב ביאליק באשטעטיקן. ער ווייסט עס נישט ערגער פון מיר.

שלמה האט דעם שמועס נישט געקענט פארליידן און האט זיך אריינגעמישט:

— פעטער, ווען אינטערעסירט עס און קעגן וואס איז דאס געקומען צו רייד?

ער האט שוין געוואלט צוריק אראפגיין צום עק טיש און זיך אויסמישן מיט דער חברה, נאר הרב ביאליק האט אים צוגערופן, אוועקגעזעצט לעבן זיך און אויסגעפרעגט, וואס עס הערט זיך ביי אים, פאר וואס קומט ער א מאל נישט צו גיין. פארגעווארפן אים, פאר וואס ער, שלמה, האלט אים שוין פאר אן אלטן יידן און עס איז אים נישט איינגעפאלן איינצולאדן אויך אים, הרב ביאליק, אויף ל"ג־בעומר אין וואלד אריין. מיט וואס פאר א פארגעניגן וואלט ער אויך געווען מיטגעפארן:

— איר האלט מיך שוין א פנים, אין גאנצן פאר אן אפגעלעבטן. אבער גלייבט מיר, איר מאכט א טעות... איר קוקט נישט דערויף, וואס ביי מיר אין דער בארד טאגט שוין, דאס איז שטותים, אבי אין די אדערן פליסט נאך יונג בלוט...

— האט נישט קיין פאראיבל, הרב ביאליק, נאר דאס האט געדארפט טון גארדאן. ער איז ביי אונדז גבאי. פון מיר וואלט אזא איינלאדונג געווען א השגת־גבול.

ביאליק האט אוועקגעמאכט מיט דער האנט:

— ווייס איך, גארדאן אהין, גארדאן אהער, ס'איז א תירוץ פאר די בענטש־ליכט. אזא זאך האט איר געמעגט אליין געדענקען.

— אויב דאס פארדריסט אייך טאקע אזוי שטארק, בעט איך אייך באמת איבער. האט נישט קיין פארדרוס אויף מיר...

— אן אנדער ברירה האב איך? אבער א בעל־חוב בלייבט איר פון דעסט וועגן, געדענקט... נו, דערציילט, ווי גייען עפעס די געשעפטן?

— גאט צו דאנקען, איך טאר מיך נישט באקלאגן.

— דאָס זאָגט איר נאָר אַזוי, צי טאַקע אויף אַן אמת?

— הרב ביאַליק, איר ווייסט דאָך ווי אַזוי מען טייטשט „בשמים ממעל ועל הארץ מתחת", במילי דשמיא — ממעל, דאַרף מען קוקן אויף העכערס פון זיך, במילא, בלייבט מען מיט זיך שטענדיק אומצופרידן, „ועל הארץ מתחת" ביי ארציות, ביי מילי דעלמא — דאַרף מען קוקן אויף נידעריקערס פון זיך, אויף אַזעלכע וועמען ס'איז נאָך ערגער, במילא, ווערט מען אַ „שמח בחלקו". היוצא לנו מזה, אַז דער מענטש דאַרף שטענדיק זיין אי צופרידן, אי נישט צופרידן...

— אויב איר גייט מיט דער שיטה, מעג מען אייך מקנא זיין...

ליבערמאַן, דער מאָסקוועער, האָט זיך געווענדעט צו שלמהן:

— אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט איר עס ל"ג־בעומר אין וואַלד געשפּילט אויף אַ פידל?

— הם... אפילו אַזאַ זאַך האָט מען אייך שוין אויך באַוויזן צו דער־ציילן? — האָט זיך שלמה צעלאַכט — טאַקע נייטיק געווען ווי אין לעבן. וואָס האָט איר געפרעגט? יאָ, א י ך האָב געשפּילט.

— טאָמער מיינט איר, חבר שלמה, אַז דערמיט, וואָס איר מאַכט אוועק אייער שפּילן, וועט איר ביי אונדז פיל פועלן, זענט איר אייך דווקא טועה. מען האָט דאָ נעכטן אויף דער נאַכט אַזוי געלויבט אייער ל"ג־בעומרדיקן קאָנצערט, אַז מיר האָבן זיך צווישן זיך אָפּגעשמועסט היינט אויף דער נאַכט אייך צו בעטן צוליב אונדז עפּעס שפּילן. מיר זענען דאָך פרעמדע, ווילט זיך אויך נהנה זיין פון אייער אוצר...

— דערווייל איז דאָך שבת, איז דאָס דאָך אַ מוקצהדיקער שמועס.

ביים טיש האָט זיך געשלייפט אַ שמועס אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. אַלעמען האָט אינטערעסירט צו הערן, וואָס עס טוט זיך אין מאָסקווע, און דער מאָסקוועער גאַסט האָט דעם עולם צו ליב געטון און אויספירלעך דערציילט וועגן די מאָסקוועער שומרי־שבת און דאָרטיקן יידישקייט בכלל. די טעמע האָט מען זייער לעבעדיק אַרומגערעדט און אַלע האָבן גענומען אָנטייל אין שמועס.

דער עלטערער ליבערמאַן האָט דערציילט:

— זינט מען האָט אין פּאָלטאַווע צוגעמאַכט די מקוה, איז שוין פאַר־וואַלגערט אַזוי גרויס ווי דריי יאָר. דאָס מקוה־שטיבל האָט מען חרוב געמאַכט און דעם בעל־הבית פאַרשיקט אויף פינף יאָר. לעבט שוין טאַקע אַזאַ ברך ווי פּאָלטאַווע דריי יאָר אָן אַ מקוה. אַזעלכע פרומע פרויען, וואָס זאָלן זיין בעלנטעס צו פאָרן קיין כאַרקאָוו אָדער קיין קיעוו, ספק־ציעל כדי צו גיין טבילה, זענען דאָ זייער ווייניק און אַלע איבעריקע באַגייען זיך טאַקע... פאַרשוועכן די הייליקייט פונעם נאָמען ייד. היינ־טיקן נאָך־פּסח האָב איך בפירוש צוגעזוכט אין עק שטאָט אַ היפשן פּאַד־וואַל, וואָס גייט אַרויס אין אַ פאַרלאָזענעם גאָרטן אַריין. די פענצטער — אין אַ הינטערשט געסל, וווּ מען זעט אפילו ביי טאָג נישט קיין דורכ־גייער. בקיצור, איך זאָג אייך, רבותי, דער פּאַדוואַל איז מששת־ימי־בראשית

אָנגעצייכנט געוואָרן אויף אַן אומלעגאַלער מקוה. און דאָס אויסבויען זי דאַרף דויערן אַמהעכסטנס צוויי וואָכן, מער אודאי נישט. וואָס זשע קומט אַרויס, אַז די אונטערנעמונג דאַרף אָפּקאָסטן בלי־גוזמא דריי טויזנט רובל און קיין אויסזיכטן האָב איך נישט אפילו אויף קיין איינציקע דריי רובל. זיך לאָזן איבער פּאָלטאַווע מיט דער פּאַטשיילע, איז פּשוט אַ חוזק פאַר זיך אַליין. קודם כל, קען מען דערפון נישט מאַכן קיין סוד פאַר גאַנץ בראָד, עס שמעקט מיט סכנות־נפשות! היינטיקע צייטן קען מען שוין דוקא אַפּליזן פאַר אַזאַ חטא, אַ ביסל מער פון פינף יאָר, און חוץ אַלעמען איז בסך־הכל נישטאָ דאָרטן ביי וועמען צו נעמען אויף. אויב אַ סך, וואָלט מען דאָרט צונויפגעשלעפּט ביז פינף הונדערט רובל. נו, און די איבעריקע? וואָס זאָגט איר, מורי ורבותי? אפשר קענט איר עפּעס צוקלערן? ביי זיך אין דער היים האָב איך דאָך אפילו נישט מיט וועמען צו רעדן דערפון. פאַרנדיק אַהער האָב איך טאַקע אין זינען געהאַט צו פרעגן ביי אייך אַן עצה. עפּעס צוקלערן לטובת דעם ענין וואָלט געווען די שענסטע מצבה פאַר דער מאַמען ע"ה. וואָס זשע זאָגט איר, ווי אַזוי טרעט מען צו צו דער פראַגע?

אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך אומעטיק איבערגעקוקט און געשוויגן. ר' אברהם פייגנבוים האָט זיך געווענדעט צו שלמהן:

— נו, שלמה, וואָס זאָגסטו עפּעס דערצו?

שלמה האָט געקלערט אַ ווײַלע און שלעפערדיק געענטפערט:

— וואָס האָב איך צו זאָגן? מאָרגן אם ירצה השם, זייגער זיבן אין דער פרי, וועל איך צושיקן די נייטיקע דריי טויזנט רובל און שוין.

אַלע האָבן דערשטוינטע זיך איבערגעקוקט צווישן זיך. דער יונגער פּאָלטאַווער רב איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט:

— איר זאָגט דאָס ערנסט, חבר פּיאַטיגאָרסקי?

— איך רעד אַלע מאָל ערנסט, מר ליבערמאַן.

— אויב אַזוי, קען איך אייך נאָר זאָגן, אַז איר שטעלט זיך גאָר נישט פאָר, וואָס פאַר אַ גרויסע זאַך איר טוט דאָ אויף. אַ גרויסן, גרויסן יישר־כוח אייך!

— אדרבה, מר ליבערמאַן, אייך קומט אַ יישר־כוח, וואָס איר טראָגט דעם ענין אויפן קאָפּ.

— וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דער רבותא? ווער דען זאָל אַזאַ זאַך אין זינען האָבן? דאָס איז דאָך מיין הייליקער חוב. דער טאַטע זאָל לעבן איז דאָך עפּעס מרא־דאתריה, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... נו, נו, ער זאָגט מיר גאָר אַ יישר־כוח...

מאיר סעגאַל האָט דערציילט, וואָס אין וואַסילקאָוו האָט זיך די וואָך פאַרלאָפן:

— ... איינער האָט געהאַט יאָרצייט, בסוד־סודות געמאַכט ביי זיך אין שטוב אַ מנין, האָבן אים פּיאַנערלעך געמסרט און מען האָט זיך אריינ־

געריסן אין שטוב אַריין אַקוראַט צו קדושה... כ׳זאָל אייך נישט מאריך זיין...

שלמה האָט זיך מער נישט איינגעהערט אין דעם, וואָס ביים טיש ווערט געשמועסט. דער קאָפּ איז אים געלעגן ביים צווייטן טיש. דער צווייטער טיש האָט זיך געפונען אויף אַ היפּשן שטח פון דעם אויבנ־אָן. צווישן אָנגעבויגענע רוקנס און פאַרשידענע מיידלשע פריזורן האָט שלמה פון דעסט וועגן דייטלעך געזען רייזלס פנים. דער קוראַזש, וועלכן זי האָט אויף זיך אָנגעיאָגט, בעת ער איז אַריינגעקומען, איז ביסלעכ־ווייז אויסגעוועפּט געוואָרן. זי איז געזעסן אַ בלייכע, אָן אויסגעלאָשענע. טאַני האָט זי אַלץ געמונטערט, געוואָלט זי אַריינציען אין אַלגעמיינעם שמועס, איר טרחה איז אָבער געווען אַרויסגעוואָרפן. רייזל האָט אויף אַלץ געענטפערט קורץ און אָפּגעהאַקט. שלמהן האָט זיך דאָס האַרץ צעריסן פאַר ווייטיק. אוי, ווען ער קען פאַר איר אָנטפּלעקן זיינע געפילן, אַריינ־פירן זי חדר לפנים מחדר... מיט וואָס פאַר אַ פאַרלייכטערונג פאַר דער נשמה וואָלט ער איר איצט געפאַלן צו די פיס, געקושט אירע טריט שעפּטשענדיק:

— אומגליקלעכע שוועסטער מיינע! נשמה מיינע! איך שווער דיר, אַז איך האָב אַלץ פאַרגעסן פון דעם, וואָס איז נעכטן צווישן אונדז געשען. נו, זיי זשע נישט אַזוי באַטריבט, האָב אויף מיר רחמנות...

אָבער וואָס קומט אַרויס פון די פאַנטאַזיעס? אין שטוב זענען דאָ אַזוי פיל געסט. רייזל איז אַזוי געדיכט אַרומגעזעצט, אַז ער וואַגט אפילו נישט דערנעענטערן זיך צו איר, ווער שמועסט נאָך, אויסגיסן פאַר איר זיין האַרץ...

אומבאַמערקט האָט זיך שלמה אַרויסגעגליטשט פון הינטערן טיש, ער איז צוגעגאַנגען צום ספרים־שראַנק, האָט אַרויסגענומען אַ רמב״ם און זיך אַוועקגעזעצט ביים עק טיש פון דער צווייטער זייט.

פון צייט צו צייט האָט ער בגניבה איבערגעכאַפּט רייזלס אַ קוק. יע־דער בליק אירער האָט אים געשניטן דאָס לייב מיט אַ טעמפּן מעסער. ער האָט איר בליק אַזוי פאַרשטאַנען:

— אַלץ האָב איך מיך אויף אייך געריכט, חבר שלמה, נאָר אַז איר זאָלט זיך אָננעמען מיט אַזאַ אכזריות און נאָך אונדזער נעכטיקער דערקלע־רונג קומען היינט אהערצו — דאָס נישט! אַזעלכעס וואָלט איך נישט געגלייבט... איר זעט דען נישט, ווי איך קוועל מיך? ווי איך קען זיך קיין אָרט נישט געפינען?... איך וואָלט אייך אפשר צוגעלאָזט די שטוב און אוועקגעגאַנגען, איז ערשטנס: ווי קען איך דאָס אָנמאַכן אַ בזיון מיינע ברידער? צווייטנס: בין איך דאָך אין קיעוו אַ פרעמדע. וווהין זאָל איך גיין? אין מיין היים, וועלכע איך האָב דאָ נישט? איי־איי־איי, חבר שלמה! ס׳איז זייער נישט ליטיש פון אייער זייט!... טאַקע גאָר, גאָר נישט פיין!... און איך, נאַרישער קאָפּ, האָב אייך נאָך געהאַלטן פאַר אַן איידלמאַן...

שלמה קוקט אין ספר און די שורות טאַנצן פאַר זיינע אויגן. אין מוח ביי אים עקבערט איין און איינציקער געדאַנק:

— וואָס טוט מען? ווי אַזוי כאַפּט מען זיך אַרויס פון דאַנען אומבאַמערקט?

עס איז אים זייער, זייער אומהיימלעך. ערשט איצט פילט ער, ווי ער האָט נישט געטאָרט קומען אַהער. ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה, ממש אַ רציחה...

דינה כאַדאַראָוו איז צוגעקומען און פרעגט ביי אים, צי קען ער איר נישט זאָגן: פּאָלי אַרבעט שוין, צי זי איז נאָך פריי?

שלמה הייבט אויף אויף איר אַ פּאָר פאַרגליווערטע אויגן און ענטפערט קאַלט:

— צייטווייליק אַרבעט זי ווידער, ביז דער באַשערטער פון לעניג־גראַד וועט קומען...

דינה שפּרינגט אָפּ פון אים, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטון. שלמה קען זיך נישט מוחל זיין: — וואָס האָט ער געהאַט צו דינהן? ער ווייסט דאָך באמת זייער גוט, אַז זי איז און יענער אַוואַנטיורע אין גאַנצן אומשולדיק. אַלץ טוט אויף נאָר גאָלדעטשקע, אָט די גרינע שלאַנג גאָלדע, וואָס האָט אַליין קיין לעבן נישט און פאַרגינט יענעם אויך קיין לעבן נישט. מעכאַניש הייבט זיך שלמה אויף, גייט צו צו דינהן, גיט זי לייכט אַ ריר אָן ביים אַרבל:

— אַנטשולדיק, דינה, פּאָלי אַרבעט שוין און אין אַ וואָך אַרום טרעט זי אַריין אין אינסטיטוט.

און נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפער גייט ער צוריק אויף זיין אָרט.

קאפיטל LXV

אין עטלעכע מינוט ארום גייט צו גאָרדאָן און זעצט זיך צו צו אים:

— וואָס איז מיט דיר היינט, שלמה?

— וואָס דאַרף דען מיט מיר זיין?

— פאַר וואָס עפּעס זיצסטו היינט אַזוי דערשלאָגן? דו ביסט דאָך אויף זיך אַליין נישט ענלעך... דאָס פּנים געל ווי וואַקס, די אויגן ווי אויסגעלאָשענער קאַלך...

— גיי ריכט זיך, גאָרדאָן — אַ פּאָעט! נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם...

— וואָס פאַררעדסטו מיר די ציין? דו ענטפער, אויף וואָס מען פרעגט דיך...

— ס'ווייזט זיך דיר נישט אויס, גוטער ברודער?

— קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, מיינס אַ וואָרט איז אַ רענדל.

— יאָ, דאָס מאָל האָסטו צופעליק געטראָפן. איך פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. נאָך פון אין דער פרי אָן... כ'ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז, אפשר אַ גריפּע.

— גיב אַ שפּיי אויף דיין גריפּע! פאָלג מיך, קום אַרויף אויף דיין פריערדיק אָרט. דו וועסט זיך פאַרשמועסן, וועט דיר איבערגיין.

— כ'בין עפּעס נישט אויפגעלייגט אַצינד צו שמועסן.

— קום, וואָס פראַוועסטו פוילע שטיק? נאַ דיר גאָר, ער איז נישט אויפגעלייגט. אויפגעלייגט גאָר דאַרף מען זיין... קום שוין, נו...

ער נעמט אים שלעפּן מיט גוואַלד.

— יוסף, גיי אַוועק מיט גוטן, זאָג איך דיר. דו הערסט צי ניין?

— אָן דיר גיי איך נישט, דאָס איז אָפּגערעדט. שאַ, ווייסטו גאָר וואָס? ווייז נאָר דיין פּולס!

— כ'האָב מורא, אַז איך וועל דיר באַלד מוזן ווייזן דעם פּולס מיט פינף פינגער אַלס אַ צוגאָב.

— הייסט עס, ווילסטו טאַקע נישט גיין? פראַוועסט יחידות...

— יוסף, ביסט ווי אַ קינד, ערנוואָרט. אַז דו טשעפּעסט זיך צו —

גאָרדאָן איז אַוועקגעגאַנגען און שלמה האָט זיך דערפילט נאָך עלנ־טער. רייזל, האָט ער באַמערקט, איז אויך נערוועז. אָט זעט ער, ווי זי האָט עפּעס זייער בייז געענטפערט מלכה פייגנבוים און יענע האָט זיך באַ־ליידיקט. רייזל באַמערקט גוט אי מלכהס באַליידיקן זיך אי דאָס, אַז שלמה קוקט אַלץ צו.

אַ נערוועזער קראַמף האָט אַ קרום געטון שלמהס פּנים.

— נאָך וואָס זיץ איך דאָ און מאַך אַלעמען קאַליע דאָס בלוט? — האָט ער זיך אין הארצן געפרעגט — איך האָב נישט קיין פאַרגעניגן און

יענעם בין איך מצער. מען דארף אוועקגיין! פאר וואס זאל איך זיך אין איר נוקם זיין?

ער האט זיך האסטיק אויפגעהויבן און איז צוגעגאנגען צום פרויען־טיש:

— טאניטשקע, ביי אייך אין שטוב מוז זיך זיכער געפינען א טער־מאמעטער?

— צו וואס דארפט איר עפעס א טערמאמעטער, מיין טייערער שפיל־פויגל?

— עפעס ווייזט זיך מיר אויס, אז איך דארף אים.

— שוין לאנג שטיל געווען, אט האסטו דיר די צווייטע טעג יום־טוב.

— טאניטשקע, און ווער זענען דאס די ערשטע טעג יום־טוב?

— ער פרעגט נאך, פאראכטאגן שבת זענען ביי אייך געווען די ער־שטע און איצט — די צווייטע.

שלמה האט זיך מעלאנכאליש צעלאכט:

— א מיניסטערשער קאפ ביי אייך, אויף מיין ווארט. איר גערענקט נאך, וואס פאראכטאגן שבת איז געווען... אז עק! הערט זיך שוין אויף צו חכמענען און זאגט, וו געפינט זיך ביי אייך דער טערמאמעטער?

— קומט צו דער מאמען אין צימער אריין, וועט זי אייך ווייזן, וואס הייסט גאר חברן זיך מיט טערמאמעטערס. קומט שוין, קומט, א שיינער גאסט. אלע מאל טרעפט זיך ביי אים אן אנדער נס.

שלמה האט אונטערגעלייגט דעם טערמאמעטער אונטערן ארעם, גע־נומען א צייטונג און איז אפגעגאנגען צום פענצטער. אין א מאמענט, ווען קיינער איז נאענט נישט געשטאנען, האט שלמה געגעבן עטלעכע שנאל אין קעפל פונעם טערמאמעטער, א קוק געטון: זיבן און דרייסיק מיט צוויי צענטל. ניין, עס איז נאך קארג. מיט אזא „נארישקייט" וועט מען אים נאך נישט אפלאזן. נאך א פאר שנאל: אכט און דרייסיק מיט פינף צענטל. איצט איז סאמע גוט! מער פאסט נישט, מען קען נאך אויפ־הייבן אן אליארם.

שלמה האט א שמיץ געטון די צייטונג אויף דער סאפע, וואס אין ווינקל, און ווי גארנישט געווען, גענומען שמועסן מיט דער פרוי פייגנ־בוים. עס זענען פאריבער א צען מינוט און טאני איז אריינגעלאפן:

— נו, תכשיט אונדזערער, ווייזט שוין אייער טערמאמעטער!

שלמה האט גלייכגילטיק ארויסגענומען דעם טערמאמעטער און איר דערלאנגט.

— ע, וואס איז דאס? איר רעדט דאך עפעס גאר צו דער זאך...

שלמה האט שולדיק געשמייכלט, לאנגזאם פארשפיליענדיק דאס אויבערהעמדל.

די ידיעה וועגן שלמהס הויכער טעמפעראטור האט זיך מאמענטאל פארשפרייט ביי די טישן און א גרויסער עולם האט זיך א לאז געטון אין

צווייטן צימער אַריין אַ בליק טון אויפן חולה. איינציקווייז האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש ביידע ליבערמאַנס, מנשה כאַדראַוו, דער פעטער מוזי, פרידמאַן מיט סעגאַלן. גאַרדאַן איז דאָרט געווען פון אָנהייב אָן. ענדלעך זענען אויך אַהין אַריינגעקומען הרב ביאַליק מיט ר׳ אברהמען. דינה כאַדראַוו מיט קלאַדניצקעס שוועסטער זענען אויך אַוועק אַהין. ביי די טישן איז קענטיק שיטערער געוואָרן. רייזל איז געזעסן ווי אויף גליענדיקע קוילן. גרויסע טראָפּנס קאַלטער שווייס זענען אַרויסגעטראָטן אויף איר פּנים. זי האָט אומבאַהאָלפן געוואָרפן בליקן אויף י ע נ ע ר טיר. דאָס חיות האָט זיך איר געעקט, אַזוי האָט זי געוואָלט אַריינגיין צו שלמהן, דאָרטן וווּ אַלע זענען אַצינד, כאָטש נאָר אויף איין מינוט. עס האָט זי געצויגן צו אים ווי מיט אַ מאַגנעט, אָבער זי איז געזעסן ווי צוגעשמידט צום אָרט, נישט גערירט מיט קיין אבר. און זאָל איז געווען שטיל. דורך דער אָפּע־נער טיר פון דער בעל־הביתטעס צימער האָט זיך דייטלעך דערטראָגן טאַ־נים קול:

— שלמה, אָט האָב איך אייך אויסגעבעט אויף דער סאָפע, אָט דאָ אַקעגן דער מאַמען, איר קענט זיך צושפּאַרן.

— ניין, איך וועל ליבערשט גיין אַהיים. איך פּיל, אַז די היץ שטייגט און דאָ וועל איך אייך נאָר שטערן.

— וואָס רעדט איר פאַר אַ נאַרישקייטן? וועמען וועט איר שטערן?

— ניין, ניין, איך מוז גיין אַהיים, דאָרט וועט מיר זיין באַקוועמער. הרב ביאַליק האָט זיך אַריינגעמישט:

— טאַני, אויב ער וויל דווקא אַהיים, שפּאָרט אים נישט איבער.

— אָבער ווי אַזוי זשע וועט ער? —

— ס׳איז טאַקע נישט נייטיק, ער זאָל ש ו י ן גיין, ער מעג זיך דאָ אַ ביסל אָפּרוען.

ביסלעכווייז האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן אומקערן אין זאַל אַריין. פון דאָס ניי האָבן זיך געפלאָכטן שמועסן וועגן פאַרשידענע זאַכן. שלמה האָט איבערגעוואָרט אַ ביסל און זיך אָנגעהויבן געזעגענען. געזעגענענדיק זיך מיטן עלטערן ברודער ליבערמאַן האָט ער אים געזאָגט:

— איינס מיטן דריטן איז נישט קיין מחותן. אם־ירצה־השם זיבן אין דער פרי האָט איר דאָ די דריי טויזנט רובל.

— וואָס טרייסט איר מיך? איך האַלט אייך גאָרנישט פאַר קיין חולה. עס איז אַן אָנגעלאָפענע היץ. גייט שלאָפט זיך איבער און איר וועט אויפשטיין געזונט און שטאַרק. און דעם קאָנצערט וועלן מיר אויך אַמאָל אויסמאָכנען ביי אייך... מיר שענקען אייך נישט.

שלמה איז פאַרבייגעגאַנגען דעם פּרויען־טיש און האָט געזאָגט אַן אַלגעמיינעם „גוטן־שבת". רייזל האָט בלויז מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטון, אָבער די אויגן נישט אויפגעהויבן. נאָר אַז עס האָט זיך פאַרקלאַפּט הינטער אים די פּאַראַדנע טיר, האָט זיך איר עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק:

— טאקע אוועקגעגאנגען! שוין, אָט דאָס איז דאָס. מער זע איך אים שוין נישט...

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דעם זעלבן צימער האָבן זיך געפּוּנען אירע ברידער, אמתע פריינד און גוטע באַקאַנטע, האָט אַ טיפער עלנט איינגעהילט איר נשמה, דעם האַרץ איז מיט אַ מאָל געוואָרן ענג אונטער דער ברוסט, אין האַלדז איז געוואָרן טרוקן, דער אָטעם איז געוואָרן שווער, עס האָט זיך איר געוואָלט שרייען, שרייען ביזן העכסטן הימל, ביזן טיפסטן אָפּגרונט, דאָס געשריי זאָל שאַלן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. זי וואָלט אַ בעלנטע געווען אויסשרייען פון זיך דעם פאַרשטיקטן ווייטיק צוזאַמען מיטן לעצטן אָטעם. אָבער קיין זילב האָט מען פון אירע פאַרשנורעוועטע ליפּן נישט געהערט, נאָר אין האַרצן האָט זי תּפילה געטון:

— גאָט מיינער! גיב מיר כּוחות אַריבערצוטראָגן אויך דעם אומגליק. אַז כ'האָב געקענט איבערלעבן מיין מאַמעס טויט, דאַרף איך שוין לעבן. אויב נישט צוליב זיך, איז צוליב מיין קראַנקן טאַטן, צוליב מיין ליבן, ליבן טאַטן...

*

שלמה איז שטיין געבליבן אויפן טראָטואַר.

— וווהין גייט מען איצט?

די זון איז געשטאַנען אין זעניט. פון דער הייך און פון אַלע זייטן האָט אַ מילדער נסתר געשאָטן פולע הויפנס מיט ליכט און מיט וואַרעמקייט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די זון האָט אַזוי בלענדנדיק געלויכטן, איז דער הימל געווען בלוי און דורכזיכטיק ווי איין גרויסער סמאַראַגד. אַלט און יונג האָבן אויסגעשאָטן אויף די גאַסן, געוואָלט זיך אויסוואַרעמען פאַרן גאַנצן ווינטער, איינאָטעמען אין זיך די שכּורנדיקע ריחות פון דעם פרילינג, די זיסע דופטיקייט פון די אַקאַציע־ביימער, דעם פיבערדיקן צאַפּל פון די ערשטע ווייַנשל־בליאונגען. יונגע פּאָרלעך, אויפגערוימטע, מיט אויגן, זיך שמעלצנדיקע פון גליק, האָבן האַלטנדיק זיך פאַר די הענט שפּאַצירט אויף רעכטס און אויף לינקס. זייערע קלינגענדיקע קולות, זייער אָנשטעקנדיקער געלעכטער האָבן גערייצט די געבליטן, עקשנותדיק און אומאויפהערלעך געוועקט פאַרבאָרגענע סטרונעס, געמאָנט, געוואָרנט:

— זיי נישט אבלדיק, יונגער מענטש! וואַרף אָפּ די מרה־שחורה, שיק זי אָפּ לעזאזל, ס'איז פרילינג אויף דער וועלט, עס איז מחיה־נפשות. קוק, וואָס פאַר אַ גן־עדן... נאָך אַ מאָל פרילינג אין יאָר 1932 וועט שוין מער נישט זיין... פאַרשלאָף נישט דאָס גליק, וואָס די נאַטור אַליין טראָגט דיר אונטער...

— וווהין גייט מען איצט?

מען דאַרף גיין אהיים, זיך אויך אַריינוואַרפן אין בעט אַריין און אַז

עק זאָל נעמען צו די אַלע רייזלס, צו די פּאַלים! און עק זאָל נעמען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל! ער איז שוין איבערגעזעטיקט, גענוג! נישט היינט, נישט מאָרגן, נישט איבערמאָרגן, וועט ער נישט אַרויסקריכן פונעם בעט. ער וועט נאָר האַלטן אין איין לייענען אָדער שרייבן און פאַרגעסן זיך, דער עיקר — פאַרגעסן זיך!... מנשה מיטן פעטער מוזי ווילן זיין ביי די פייגנבוימס, זאָל זיי זיין צו געזונט. ער — וויל נישט! אים — געפעלט דאָרטן נישט! אַלץ איז אים דאָרט צוגעגעסן... און רייזל אויך נמאס... און אוריצקע — אויך נמאס... און פון פאַלין עפּושט מיט מאַרוסיאַן... און אסתר מיטן גלעזל טיי און יאַני מיט דער פּאָליטיק און דער טאַטע מיט זיינע אייביקע טענות און די מאַמע מיט איר שטענדיקער גרייטקייט מסכים צו זיין מיט אים...

— אוי, גאָט מיינער! ווי מיר איז דאָס אַלץ נמאס... ווי איך בין זיך אַליין נמאס... ווען איך זאָל קענען... ווען עס זאָל מעגלעך זיין אויפהערן צו לעבן אויף אַ שטיקל צייט, אויסשליסן דעם שטראָם, אָט ווי בשעת מען שטעלט אָפּ אַ סטאַנאָק, ווען מען דאַרף אים דורכרייניקן... אַך, ווען עס איז מעגלעך איבערצורייסן —

שלמה שפּאַנט אונטערן בריק, וואָס פירט אויף סאָלאָמינקע, און שטעלט זיך אָפּ.

— ניין, אַהיים גיין טויג אויך נישט... דאָרט וועט מיך דער טאַטע מכבד זיין מיט אַ פּסוק „אור־החיים" אָדער מיט אַן אויפטו פונעם אברבנאַל. און אַז נישט, וועט ער מיר וויזן אַ קונץ פונעם אבן־עזרא. נ—ניין! מוחל דעם כבוד, כ'האַלט אַצינד נישט דערביי, דער קאָפּ נעמט נישט... טייערער פאָטער, האָב נישט קיין פאַראיבל...

ער פאַרקערעוועט צוריק.

— אַהיים נישט, וווהין דען?

די פיס באַוועגן זיך אויטאָמאַטיש, זיי פירן אים אין אַ באַקאַנטער ריכטונג — אויף קאַראַוואַיעווסקע. נאָר שלמה ראַנגלט זיך מיט דער אינערציע — צו די פייגנבוימס נישט! אויסגעשלאָסן!

קאפיטל LXVI

שלמה גייט פארביי א רעשטאָוואַניע. א האַלב־חרובע געביידע, פון א שרפה, צי וואָס. ער קריכט דורך דורך די שיטער־צונויפגעקלאַפּטע ברעטער און דערזעט זיך אין א הויף פון א האַלב־רואינירטער דריישטאָקיקער מויער. די פאַראַדנע פון דער חורבה איז פארשטעלט מיט גרויסע קעסלען אָפּגעלאָשענעם קאַלך. אומעטום זענען צעוואָרפן: ציגל, ברעטער, ליים, קאַנאַטן. אויף איטלעכן בוים באַזונדער ליגט א שפור פון דער איבערקערעניש, וואָס דאָ טוט זיך, אָדער עס הענגט א קאַלך־עמער אָדער א מיתה־משונהדיקע בודיאָנאָווקע*, אייזערנע און קאַנאַפּליאַנע אָנגעסמאָלעטע שטריק ציען זיך פון די פענצטער צו די ביימער און אויף זיי וואַגאַנעטקעס מיט פארשידענע בוי־מאַטעריאַלן. אונטער די פיס וואַלגערט זיך: שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, קעפ פון טשעבאַניעס** און צווייגלעך פון פאַרוועלקטן בעז. שלמה באַטראַכט דעם כאַאָס וואָס דאָ טוט זיך, ער קלעטערט פאַרזיכטיק אריבער די פעסער, וואָס פארשטעלן דעם אריינגאַנג — און הייבט זיך אויף אויף די טרעפּ. צוויי הויכע לייטערס, און אין דער מיט א קליין לייטערל, דאָס איז איין שטאָק. נאָך א מאָל דאָס זעלבע — דער צווייטער שטאָק. לענג־אויס די קאָרידאָרן זעט מען האַלב־פאַרענדיקטע צימערן, מיט פריש אָנגעוואָרפענעם סופיט. קיין טירן זעט מען נאָך נישט, נאָר נייע ראַמען, נאָך נישט קיין אריינגעשטעלטע. אויף אייניקע ווענט — א מאַלערישער וויש מיט דער בארשטש: מיט גרינעם, מיט געלן, מיט ציגקאָווע בעלילן*** — דאָס זענען פּראָבעס. דאָ ווערט שוין דורכגעפירט דער לעצטער עטאַפּ פונעם רעמאָנט. נאָך א מאָל טרעפּ. אָ, דער הימל! דאָס הויז שטייט גאָר אָן א דאַך.

אָט דאָס איז גוט! אונטערן הימל איז גאָר עפּעס אַנדערש. אונטערן הימל פילט ער זיך שטענדיק היימלעכער, ווי אונטער א סטעליע. דער הימל דערנעענטערט אים צו גאָט, שלעפּט אים ארויס פון דעם גשמיותדיקן זומפּ.

מיט הייליקן עקסטאַז קוקט ער זיך איין אין דער אומענדלעכער בלוי־קייט. ער פארכאַפּט דעם אָטעם, שטייט אַזוי א ווײַלע, דאַן פארקוועטשט ער מיט די הענט די אויגן:

— רבש״ע, צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי...

ער כאַפּט מיט די הענט די לופט און אים דאַכט זיך, אַז ער קלאַמערט זיך אין די פּאָלעס פון דעם רבונו־של־עולמס זשיפּיצע, ווי א קינד אין דער מוטערס פאַרטעך...

---

* אַזאַ היטל, וואָס עס פלעגן טראָגן אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע זעלנער פון בודיאָנעס אַרמיי.

** א געמיינער סאָרט הערינג.

*** ווייסע אויל־פאַרב געמישט מיט צעמאָלענעם צינק.

— עוטה אור כשלמה...

און ממש ער שפּרינגט אין דער לופטן פאַר כלות־הנפש. ער פאַרליירט דעם באָדן פון אונטער די פיס. פאַר דביקות קלאַפּט אים אַזש אַ צאָן אין אַ צאָן. ער כאַפּט אַרום אַ פּעסל פון אַכרע*, דריקט זיך צו צו דעם מיט אַלע כוחות און קרעכצט אַרויס:

— אוהב ד׳ שערי ציון מכל משכנות יעקב...

און באמת טאַקע, וועד קען עס אים פאַרוועדן זיך איבערטראַגן אויף אַ ווײַלע „אַהין“? אונטער יענער געבענטשטער זון? ער דאַרף עפּעס נעמען רשות ביי עמעצן? עמעצער וואָגט אים צו זאָגן אַ דעה דערויף? ארץ־ישראל, דאָס איז זיין פּריוואַט וועלטל, זיין קודש־קדשים, זיין הוד־שבהוד, וווהין עס איז פאַרבאָטן דער אַריינטריט פאַר יעדן. אפילו פאַר מנשהן, אפילו פאַר זיין בעסטן חבר משה פרידמאַן, אפילו פאַר רייז־לען... פאַר רייזלען? וואָס איז עפּעס פאַר רייזלען? גראָד פאַר איר איז דאָס קיין סוד נישט. זי האָט אפשר אויך איר וועלט פאַר זיך און פאַר אים האָט זי זי נישט פאַרשפּאַרט...

— פתחתי אני לדודי, ודודי חמק עבר...

עס פאַרשווינדט דער בלויער הימל, נישטאָ מער ציון. נישטאָ מער קיין דביקות. זיין האַרץ איז ווידער פול מיט רייזלען: גוואַלד, רייזל!... סטייטש, אַזאַ רייזל! אַך, ס׳איז אים אַ שאָד אַזאַ רייזל!...

שיין איז רייזעלע דעם רבינס,
שענער איז זי פון אייך אַלע,
יעדער ייִד וואָלט זיך געווונטשן...

— — — — — — — — —

ער קען זיך בשום־אופן נישט דערמאָנען, וואָס יעדער ייִד וואָלט זיך אַזעלכעס געווונטשן. מיט אַן אפיסת־הכוחות לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף די טרעפּ, לייגט אַריין דעם קאָפּ אין די דלאָניעס און ווערט אויפגע־ציטערט:

— אַך, וואָס פאַר אַ הייסן שטערן ער האָט איצט. ער קער איצט האָבן גרויסע היץ, אודאי פערציק בלי גוזמא. עס זאָל כאָטש פון קיין שפּאַס נישט איבערגיין אין קיין ערנסט. ער וואָלט שיין אויסגעזען! מען קען ברענגען דאָס מעל. די דריי טויזנטער דאַרף מען צושיקן מאָרגן אין דער פרי. דעם דריטן יוני דאַרף מען גיין זען „אינטריגע און ליבע“... שטיי נאַר, ווענעמס אינטריגע און ווענעמס ליבע? — נו, פאַרשטייט זיך, פאַלים אינטריגע און מיין ליבע... — פון וואַנען ווייסטו, אַז דווקא אַזוי? אפשר גאָר דיין אינטריגע און רייזלס ליבע?... דו ביסט נאָר אַ מבין אויף יענעם. און אַליין ביסטו דעם לייטישער — אַך, אַזוי גאָר? הייסט עס: בהתחברך לרשע, פרץ ד׳ את מעשיך... טאַקע געדעכט ווי משיח! מען

---

* אַזאַ געלע פאַרב.

מוז אומברענגען דעם מקור־הרשע, דעם גרעין... יאָ! כדי די וועלט זאָל אויפגעריכט ווערן מוז ער דערשטיקן דעם נחש־הקדמוני...

שלמה כאַפּט אַרויס פון אונטער דער פּאָלע אַ פינקלענדיקן קינ־זשאַל און לאָזט זיך לויפן פייל אויסן בויגן. גיך, גיך, אַבי נישט צו פאַרשפּעטיקן. פאַר זיין אייגענעם נפש האָט ער שוין קיין מורא נישט, ער זעט שוין ווו דער שטן האָט זיך באַהאַלטן, אויף אים האָט ער שוין די שליטה פאַרלוירן, אָבער די סטרא־אחרא קען נאָך באַקומען אַ יניקה ביי אַ צווייטן שלמהן, ביי אַ דריטן, ביי אַ צענטן און עס זאָל חלילה זיין אַרויסגעוואָרפן זיין טרחה אַזוי ווי ביי יוסף די לא ריינא... ניין, ער טאָר נישט מחמיץ זיין את השעה! ווי באַלד אַ נחש, איז בלי טענות ומענות — רצוץ את גלגלתו! מיט אַ מאָל עמעצער רייסט אים פון הינטן און שרייט אויף קולי־קולות. שלמה קוקט זיך אום: דער דירעקטאָר פון טאַרגסין. — וואָס יאָגט איר זיך נאָך מיר? — וואַרף אַוועק דעם קינזשאַל! — אייך טשעפּע איך דאָך נישט, וואָס איז אייער עסק? — אַזוי וויל איך! דו ביסט אַזוי בגלופין, אַז דו קענסט נאָך עמעצן צעשניידן. — קיינעם וועל איך נישט צעשניידן, נאָר צעשטעכן. — וועמען? — איך ווייס שוין וועמען, זייט זיכער!... ער רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט און לויפט ווייטער. ער לויפט טאַקע, אָבער דער דירעקטאָר שטייט נישט אָפּ. ער יאָגט זיך נאָך אים מיט אַ שטייגנדיקן טעמפּאָ, שלמה פאַלט פון די פיס: אָט, אָט יאָגט אים יענער אָן... מיט אַ פחד נורא קוקט זיך שלמה אום אויף זיין נאָכ־פאָלגער און ווערט פאַרגאַפט: ווער דירעקטאָר, וואָס דירעקטאָר, ס'איז גאָר דער אָדעסער עקספּעדיטאָר, ער פאַכעט צו אים מיט אַ שאַלעכל און שרייט עפּעס, אַז מען קען טויב ווערן.

פלוצים קומט אָן הרב ביאַליק. אויף די אַקסלען זיצט ביי אים ר' שמעיה פּאַקוטילאָווער אין אַ נייער פאַר ברילן. ביי דער זייט לויפט נאָך קלאַדניצקי מיט אַ קוישל פאַנטאָפל און מיט אַ היפש בינטל רויטע לולבים. הרב ביאַליק זאָגט בנעימותדיק צום עקספּעדיטאָר: פאָלגט מיך, מיט שלמהן דאַרף מען זיך נישט שפּאַרן. קוים גייט ער שטעכן, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט. דעם עקספּעדיטאָר הערט מען מער נישט. שלמה לויפט ווייטער... אַך, ווי גוט עס איז ווען קיינער יאָגט נישט נאָך, אַ מחיה!...

אויף „יעווו־באַז", אין מיטן מאַרקפּלאַץ, זעט ער, שטייט אַ טיפע מקוה. פון געפּלאַצטע פּעסער גיסט זיך אַהין בוימל, אַ ים פון בוימל. אַלע כמעל־ניקער פויערן און יאַקים דער באָד־שנץ אויך בתוכם שעפּן דעם בוימל מיט די זשמעניעס, מיט די היטלען, מיט די ברייט צעעפנטע מיילער... פּלוצלינג באַמערקט שלמה צווישן די פויערן אויך ר' אַברהם שאַרפּשטיין. ער האַלט אונטער דער פּאַכווע אַ ריזיקן פורים־קוילעטש, קנייפּט פון אים שטיקלעך, טונקט זיי אין בוימל און עסט... שלמה באַטראַכט פאַרוווּנדערט דעם טער־קישן שאַל, וואָס ר' אַברהם טראָגט, ווי מען טראָגט אַ טלית, דעם שטריימל מיט די דרייצן שפּיצן. וואָס הענגט אים איבער די אויערן. שלמה שטעלט זיך נישט אָפּ, אָבער לויפנדיק וואַרפט ער אים צו מיט אַ חוזק: — ר'

אברהם, האוכל בשוק... וואָס איז, איר האָט קיין היים נישט? ר׳ אברהם ווישט זיך אָפּ מיט די בוימלדיקע הענט דאָס פּנים און שמייכלט געמיט־לעך: — צי איך האָב נישט קיין היים, פרעגט ער, וואָס דען, איך האָב יאָ? קדחת האָב איך! לויף, לויף, שלמהקעלע, דיין פּאַרציע בוימל וועל איך פאַר דיר נעמען. לויף, צעשטעך זי, צעשמעטער זי אויף שטיקלעך, פאַר מיינע סאַליסטקעס אויך, פאַר דיינע פּעטערלעך אויך און פאַר דעם עמדע־נער סידור, וואָס מען האָט ביי מיר צוגעלקחנט, און פאַר דעם אַלטן יואלס איניקל און פאַר דעם געשמדטן „פּאַנטאָפל" און פאַר מיין שמירהדיקער שיסל, וואָס מען האָט מצהדיק געמאַכט... האַק, בראַק, האָב נישט קיין רחמנות...

שלמה לויפט נאָך, אָבער ער פילט, אַז עס גייען אים אויס די כוחות, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם. פּלוצלינג בלייבט ער שטיין ווי איינגע־גראָבן. עס וואַקסט אויס פאַר אים אַ ריזיקע פיגור מיט באַקן־באַרדן, זילבער־ווייסע, ווי ערשט געפאַלענער שניי, און אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ. די פיגור פאַרשטעלט מיט זיך די גאַנצע טיר און שטשירעט אויף אים די ציין: — וווהין לויפסטו, דו? — כ׳דאַרף, לויף איך. — וווהין דאַרפסטו? — אַהערצו דאַרף איך. — ווען דאַרפסטו דאָ? — איינע, אַ גיפטיקע שלאַנג מיט חזירישע אויגן. — גיי פון דאַנען, דאָ איז נישט קיין זאָאָלאָגישער גאָרטן, מאַרש צו אַלדע רוחות! שלמה פאַרלירט זיך אויף אַ ווײַלע: — זאָגסטו אויף זיכער, אַז דאָ איז נישט קיין זאָאָלאָגישער גאָרטן? — אויף זיכער, אויף זיכער, פאַרנעם זיך פון דאַנען מיט גוטן. — וואָס דען איז דאָ? — דאָ איז דער גראַנד־האָטעל „קאָנטינענטאַל". — אָט אַזוי זשע רעד, טאַקע אַהערצו דאַרף איך...

מיט איין שטויס איז דער שווייצאַר אָפּגעוואָרפן און מיטן קינזשאַל אויסגעשטרעקט אויף פאָרנט לויפט שלמה גלייך אין מאַרוסיאַס צימער: — אַ־האַ, איך האָב דיך געכאַפּט! ענדלעך באַקומסטו פון מיר דיין לוין, מרשעת דו! ער גיט אַ ריס פון איר דאָס קאַפּאָט. עס צעפליען זיך אין אַלע ווינקלען שטיקלעך און פיצלעך פון אירע מלבושים. שלמה דערפילט, ווי דאָס בלוט גיט אים אַ זעץ אין קאָפּ אַריין, ער גיט אַ זעץ אַריין דעם קינ־זשאַל גלייך איר אין האַרצן אַריין: נאַ, און וויים! באַצאָל מיט דיין בלוט פאַר מיינע יסורים!... אָבער דאָ האָט זיך געטראָפן עפּעס אויסטערלישעס: דער קינזשאַל גייט נישט אַריין. שלמה שטופּט אים, שטופּט מיט אַלע כוחות, איין מאָל — ניין, כאָטש צעריים זיך, ער נעמט זי נישט...

מאַרוסיאַ האַלט זיך פאַר די זייטן און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. די ווייסע איינגעלעך קייקלען זיך אַריין אין קאָפּ אַריין און זי טרייסלט זיך אין גאַנצן פאַר געלעכטער. אַלע לאַכן מיט מיט איר: פּאָלי לאַכט; די קוזינעס לאַכן; דער בייזער שווייצאַר לאַכט; די שפּיגלען, דער זייגער, דער ווײַן אין פלאַש, דער וווּרשט אויף די טעלער — אַלץ לאַכט פון אים. שלמה לאָזט אַראָפּ דעם קינזשאַל. עס באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שווייס. עס הייבט אים אָן פיבערן. ער וויל אַנטלויפן, נאָר ער קען זיך נישט רירן פון

אַרט. מאַרוסיאַ דערנענטערט זיך קריצנדיק מיט די ציין: — דו האָסט מיר געוואָלט לעכערן דאָס האַרץ? שלמה קען נישט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. ער שווייגט. — אַך, יאָלד איינער. אַזאַ נאַר וועל איך זיין, און זיך אַרומטראָגן מיט אַ פלייִשיק האַרץ, אַז יעדער חאַסידאַילע זאָל מיך קענען שטעכן? מאַרוסיאַ פאַרגייט זיך ווידער פאַר געלעכטער: — שוטה דו. ביי מיר איז אַ שטיינערן האַרץ. פון אמתן שטיין. אָט קוק אומיסטן, קענסט פּרוּוון אויך, ציטער נישט, עס וועט דיר דערפון גאָרנישט געשען... זי אַנטבלויזט איר האַרץ... פּאָטער אין הימל! ס'איז דאָך טאַקע אמת: שטיין, גראַניט! אויס נייגעריקייט רירט שלמה אָן מיט אַ פינגער און גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער: וואָס פאַר אַ קעלט! ווי אַ בר־מינן!

מאַרוסיאַ כאַפּט אים אָן ביי די לאַצן און טרייסלט מיט אים: — אַצינד פאַרשטייסטו שוין, פאַר וואָס מיר דיין האַרץ קענען שטעכן און דו אונדזערס נישט? דו האָסט עס צעקייעט, סאָלאָמינקער לאַמעדוואָוו־ניק? קלאָר, האַ? איצט, אויב דו ווילסט, אַז פאָלי זאָל דיך ליב האָבן, דאַרף מען דיר אויך מאַכן אָט די קליינע אָפּעראַציע... שלמה פּילט, ער איז אַריינגעפאַלן אין גיהנום אַריין. מיטן גאַנצן לעבן וואָלט ער וועלן מאַכן די פּליטה, נאָר ער שטייט ווי געליימט, די אברים זענען ביי אים אָנגעגאָסן מיט בליי. ער קען זיך קיין ריר נישט טון, נאָר די אויגן דינען נאָך. עס גייט אים דורך אַ גרויל איבערן לייב צוקוקנדיק, וואָס די מכשפה טוט, ער קען נאָר נישט באַנעמען — וואָס באַטייט עס?

מאַרוסיאַ בייגט זיך אָן, נעמט אַרויס פון אַ וואַנע אָן אוזבעקישן כאַ־לאַט, וויקלט אים אויף און נעמט אַרויס אַ גאַנצן הויפן שטיינערנע הער־צעלעך. זי שטופּט זיי שלמהן אין פּנים אַריין: נאַ, קלייב דיר אויס איינס פון די הערצער. קלייב אויס, טראַכט נישט אַזוי לאַנג. אָט וועסטו זען, ווי פאָלי וועט דיך באַלד ליב באַקומען. שלמה דערפילט ערשט די סכנה, וואָס עס דראָט אים. ער הייבט זיך אָן צו רייסן פון אירע הענט מיט די לעצטע כוחות, אָבער מאַרוסיאַ קוויטשעט מיט אַ שדיש קולכל: — ניין, ברודערקע, רייס זיך נישט, עס איז אומזיסט דיין טרחה. קוים ביסטו שוין געקומען צו אונדז, מוזסטו אויסטוישן דיין האַרץ, אַנדערש גייט עס נישט. קיין כמעלניקער הערצער גייען דאָ נישט אָן. דו ווילסט נישט אַליין בייטן, וועל איך פאַר דיר אויסקלייבן... און זי נעמט איינס פון די שטיינדלעך, רייסט אויס ביי שלמהן דעם קינזשאַל פון דער האַנט און פאַרמעסט זיך אַרויסצונעמען ביי אים דאָס מענטשלעכע האַרץ. ער גיט זיך אַ ריס אויס מיט אַלע כוחות און לאָזט אַרויס אַ ווילדן ריטשע:

— גוואַלד, איך וויל נישט!... — — — — — — — — — —

קאפיטל LXVII

אין דער זעלבער מינוט דערפילט שלמה א שניידנדיקן ווייטיק אין לינקן שלייף. ער עפנט די אויגן, קוקט זיך ווילד ארום, קען נישט פארשטיין: וואס טוט ער דא? ווער האט אים אהער געבראכט? זיין היטל וואלגערט זיך מיט א טרעפ נידעריקער. אליין ליגט ער אויסגעצויגן אויף דער ערשטער טרעפ, איינגעגיורעט מיטן קאפ אין דער וואנט. ביסלעכווייז הייבט ער אן קומען צו זיך. דער שטערן שמערצט אים געפערלעך. ער גיט א טאפ: א־א, א בייל! א הויכער, א ווייכער. ווו האט ער אים געפאקט? ער שטעלט זיך אויף, טרייסלט זיך אפ, כאפט א קוק אויף דער זון: עס קער שוין זיין אודאי פינף א זייגער. שוין זשע איז ער אט דא אויף דער טרעפ אפגע־שלאפן א פאר שעה?...

ער דערמאנט זיך, אז מיט א שטאק נידעריקער האט ער, דאכט זיך, געזען א פאס וואסער. ער גייט אראפ, וואשט לאנג דעם קאפ מיטן שטערן, טונקט איין דאס טיכעלע און לייגט צו צו דעם בייל, שפארט זיך אן אין דעם ראנד פון דער פאס און ווערט פארזונקען אין געדאנקען. אן אינערלעך קול רעדט צו אים בתחנונים, מיט אזא הארציקייט, מיט אזוי פיל אונטער־טעניקייט און געטריישאפט:

— שלמה, שלמה, מילא, חלומות אויף א זייט, חלומות זענען פוסטע מעשות. נישט דאס בין איך אויסן. שפיי אויס דריי מאל און פארגעס. אבער לאמיר טאקע אקארשט באטראכטן, וואס פאר א זינען האט שוין אצינד דיין גיין צו יאנין אין שטוב אריין? וואס? אדרבה, וואס? עס איז דאך א פראסט־פשוטער קל־וחומר. מה־דאך בשעת פאלי האט נישט גע־לערנט, נאר געארבעט, געהאט פיל פרייע צייט, וויניק פארבינדונגען און גאנץ קליינע פערספעקטיוון אויף ווייטער, האט זיך דיר נישט איינגעגעבן צו דערפירן דיין ענין צו קיין תכלית, מען האט דיר געשפיגן אין פנים אריין און דו האסט אפגעווישט די ליפן: שא־שטיל, עס איז גארנישט געווען און ביסט ווידער געקראכן פאר פאלין אויף אלע פיר היינט, על אחת כמה וכמה, אז קיין פרייע צייט וועט זי שוין מער כמעט נישט האבן, פערספעקטיוון באקומט זי גאנץ גרויסע, ווי זשע קען זי דיך טאקע אצינד אין זינען האבן?

איצט, ווייטער: אויב אין פאבריק האט זי זיך געהאלטן אפגעזונדערט פון דער יוגנט, נישט געגעבן קיין יינגל קיין מאטיוו דערויף, ער זאל זיך איינרעדן, אז ער געפעלט איר, איז דאס געווען בלויז דערפאר, ווייל עס איז איר נישט אנגעשטאנען צו נעמען פאר א חתן א פראסטן ארבעטער אדער אפילו אן אנגעשטעלטן. אבער אין א סביבה פון געלערנטע?... אין איין וואך ארום וועט זי שוין זיין באקאנט מיט א גאנצער מחנה סטודענטן, לעקטארס, רעפעטיטארס און פראפעסארן, מענטשן פון איר שניט, לויט איר פארשטאנד, לויט איר השגה. מענטשן אן הייליקע סודות ווי ביי דיר.

אַן פּלאַטאָנישע ליבעס, נאָר פּשוטע בשר־ודמס, ווי זי אַליין איז און ווי זי האָט ליב. מען וועט איר נישט נאָכגיין ווי אַ שאָטן, נאָר אַרומנעמען, זעצן אויף די קני, קושן און צוריק געקושט ווערן. און ביי דיר האָט זי בלויז רוחניות. זי דאַרף דאָס נישט, זי וויל דאָס נישט, זי פאַרשטייט דאָס נישט און וויל דאָס גאָרנישט פאַרשטיין!... דאָרט זענען מענטשן אָן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, אָן באַגרעניצונגען אין לעבן אויף יעדן טריט און שריט, אַז דאָס נישט, יענץ נישט און דאָס ווידער נישט...

גוואַלד געשריגן! אַליין פאַרשטייסטו דען נישט, אַז אין אַ חודש־צוויי אַרום, וועט פאַר דיר ווערן אומדערטרעגלעך דאָס אַריינקומען צו יאַנין אין שטוב אַריין? עס וועלן זיך דאָרט אין שטוב אָנהייבן אַרומדרייען אירע נייע חברים, חברטעס. מיט דער דאָזיקער חבריא האָסטו שוין גאָרנישט קיין געמיינזאַמס. וועסט זיך פילן אין זייער קעגנוואַרט זייער געדריקט. וועסט זיצן אין זייער געזעלשאַפט ווי אויף הייסע קוילן. ביסלעכווייז, ביס־לעכווייז וועט מען דיך ביי זיי אין שטוב פאַר רחמנות נישט קענען אָנקוקן, אָנהייבן וייכן דיך. יאַני אַליין, דיין גאַנצער מליץ־יושר, וועט זיך אויך מוזן איבערצייגן, אַז די ווירקלעכקייט איז שטאַרקער פון אים. ער וועט גאָר אין גיכן אויך איינשטימען דערויף, אַז דו ביסט נישט פאַר פאַלין, אַז ס'איז גראַם־שטראַם. דורך מנשהן דעם רב, צי דורך אַוראַמען וועט מען דיר אויף אַ דעליקאַטן אופן געבן אָנצוהערן, אַז דיינע באַזוכן ביי זיי אין שטוב זענען נישט געוואונטשן.

אדרבה, זאָג דו, אפשר בין איך מגזם? אפשר איז דאָס נישט אַזוי? האַ? דו שווייגסט? האָסט נישט, וואָס צו ענטפערן? אָט אַזוי איז דאָס!... איצט, לאָמיר איבערגיין צו רייזל ליבערמאַן. דו ווייסט גאַנץ גוט, וועלכע יונגעלייט עס האָבן זיך צו איר געשדכנט: געענדיקטע, גרויסע געלערנטע, סיי אין יידיש, סיי אין רוסיש. משה פרידמאַן אַליין האָט דאָך דיר דער־ציילט, אַז מען שלאָגט ביי זיי אָפּ די טירן מיט שידוכים און זי וויל נישט הערן און נישט זען. קיינער געפעלט איר נישט. היינט — דו, וואָס שטעקט אין דיר? זיך אַליין דאַרף מען דאָך נישט נאַרן, ערנסט גערעדט, וואָס ליגט אין דיר? טאָמער האָסטו אָפּגעלערנט עטלעכע בלאַט גמרא און איבער־געלייענט עטלעכע ביכלעך? ניין, באמת טאַקע, וואָס האָט זי אַזוינס גע־פּאַקט אין דיר? טאַקע גאָרנישט מיט נישט! אלא וואָס דען, דו ביסט איר געפעלן אָן פירושים, זי האָט דיך ליב באַקומען, איז דאָך דאָס פאַר דיר אַ זעלטן גליק!

אַשטייגער נאָר אַ טראַכט טון, אַז ערשט צוריק מיט דריי, פיר יאָר ביסטו נאָך געווען אַ סאַמע געוויינלעכער קליינשטעטלדיקער יאַרידניק, געשלאָגן זיך ווי אַ פיש אויפן אייז פאַר יעדן גראָשן, געקראָכן פון דער הויט אויסצוקאָנקורירן ביי די איבעריקע שניטקרעמער דעם קונה, יענעם קונה. און איצט קענסטו חתונה האָבן פאַר רייזל ליבערמאַן, אַ מיידל, מיט וועלכער עס קלינגט גאַנץ אוקראַינע, אַ מושלמת, אַ שיינהייט, אַ גוט האַרץ און אַ הייליקע יידישע נשמה. ביסטו אַזאַ שלימזל, אַז אָנשטאָט אָנכאַפּן זיך

מיט ביידע הענט אין דיין גליק, אַנשטאָט אָפּגעבן אַ שבח דעם בורא־עולם פאַר אַזאַ אויסטערלישער הצלחה, ציט עס דיך גאָר אין שאול־תחתית אַריין... און אַליין הייסט עס, פאַרשטייסטו דען נישט, אַז אויף אוריצקע לייגסטו אַליין, ברצון הטוב, אַריין דעם קאָפּ אין דער תליה? קיין אַנדערן פאַרגלייך קען איך נישט צוטראַכטן!

איך זאָל שוין גאָר זאָגן, אַז דער אינסטיטוט ראַבעוועט ביי דיר נישט צו פאַלין, זי בלייבט פאַר דיר דאַמאָלסט אויך צוטריטלעך. פאַרקערט, זאָל שוין גאָר זיין אַזוי. אָבער דאָס וועסטו מודה זיין, אַז ווען מען הייבט אָן לערנען אין אַ אינסטיטוט, מוז מען אים אויך ענדיקן? צי אפשר נישט אַזוי? אַך — יאָ? דאָס ביסטו אויך מודה? נו, געלויבט דער אייבערשטער דער־פאַר! האָסטו אַ קימאַ־לן: פינף יאָר דאָס לערנען, דערנאָך: צוויי יאָר מלוכהשע פּראַקטיק, איז שוין סך־הכל זיבן, און ערשט דאַמאָלסט וועט זי מוזן פאָרן, וווהין מען וועט זי שיקן, אפילו דאָס זאָל זיין אויף סאַכאַלין אָדער אויף דער אַפגאַנישער גרענעץ. קיינע תירוצים גייען דערביי נישט אָן. נו, פרעג איך דיך, איז דאָס יאָ אַ תכלית פאַר דיר?

זיבן יאָר וועסטו זיך קווען אין אוממענטשלעכע יסורים ווי היינט צו טאָג. און ערשט דערנאָך, אַז דער אייבערשטער וועט זיך אויף דיר מרחם זיין און זי וועט דיך נאָך וועלן מיטנעמען, וועסטו ערשט פאַרפאָרן מיט איר ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, ווו עס ווינען אפילו קיין יידן נישט. איבערלאָזן די עלטערן, די נאָענטסטע פריינד, די חברים פון „פאַנטאָפּל“, אַלע ענינים פון חיזוק הדת, געזעגענען זיך אויף אייביק מיט דער האָפע־נונג נאָך קומען אַ מאָל קיין ארץ־ישראל... ווייל פאַלי, זייענדיק אָן אינ־זשיניער צי אַ דאָקטאָר, זאָל מסכים זיין אַוועקצופאָרן פון רוסלאַנד — דאָס פאַרגעס! נישט געטראָפן דאָס אָרט. איי, שלמה, שלמה! ווו איז דיין געזונטער שכל? ווו איז דיין קאַלטער פאַרשטאַנד? דו שטייסט אויפן שיידוועג פון דיין לעבן. איין וועג פירט אין גיהנום אַריין, דער צווייטער — אין גן־עדן. דאַכט זיך קלאָר, וווהין דו דאַרפסט גיין? ניין! שלעפּט עס דיך צו אַלדי רוחות. און עס סטאַיעט אין דיר נישט קיין ענערגיע זיך אויפ־צוכאַפּן פון דעם שווידערלעכן חלום און צערייסן די קייטן פון זיך...

פאָלג מיך, לאָז זיך נישט פאַרפירן פון דעם נישטדגוטן, קער זיך אום צו די פייגנבוימס. דו וועסט זיי זאָגן, אַז דער קאָפּוויטיק איז פאַריבער און דו פילסט זיך שוין גוט. פאַרברענג דאָרטן דעם גאַנצן אויפדערנאַכט. מען וועט דיך בעטן זינגען — זינג! מען וועט דיך בעטן שפּילן — שפּיל! אדרבה, זע געפעלן צו ווערן רייזלס ברידער. זי איז ביי זיי די קרוין, זיי וועלן זי פאַר אַבי־וועמען נישט אָפּגעבן... מאָרגן אין דער פרי שיק נישט צו די דריי טויזנט רובל מיט קיין שליח, מעשה פריץ, נאָר אַליין זיי זיך מטריח מיט דיין כבוד און טראָג זיי אָפּ דאָס געלט און אָן קיינע שהיות רוף אָפּ די ברידער אויף אַ זייט און זאָג זיי קורץ און שאַרף: חשקה נפשי, עס געפעלט מיר אייער שוועסטער. איצט זענט איר אַקוראַט אַלע קינדער צוזאַמען, זייט זיך מיישב און גיט מיר אַ קלאָרן ענטפער... דו פאַרשטייסט

דאָך מן הסתם, אַז קודם־כל וועט מען זיך ווענדן, ווי זאָגט מען עס, צו דער בת־מלכה, ווי אין פּסוק שטייט: נקרא לנערה ונשאלה את פּיה. נו, רייזלס מיינונג וועגן דער זאַך איז, דאַכט זיך, אַ זיכערע. דערמאָן זיך נאָר איר געשריי דאַמאָלסט, וויפל ביטערניש האָט זיך געהערט פון איר, וויפל פאַרדרוס, וויפל ווייטיק:

— „אייך אינטערעסירט עס דען?"

פּרווו דיין מזל, און אַז וועסטו אומיסטן זען, גאָט קען דיר העלפן, אַז איבעראַכטאָג שבת קען שוין זיין ביי דיר נאָך תנאים, דו וועסט זיין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט... אָן עק, גיי שוין! די בייל פון שטערן איז שוין אָפּגעגאַנגען, גיי און זאָל זיין אין אַ גוטער, אין אַ מזלדיקער שעה!...

שלמה האָט זיך לאַנגזאַם ארויסגעקליבן פון דער רעשטאָוואַניע און זיך מעכאַניש געלאָזט גיין אויף קאַראַוואַיעווסקע. דער טאָג האָט זיך גענייגט צו דער נאַכט. די היץ איז אָפּגעטראָטן. די טראָטואַרן זענען געווען שוואַרץ פון שפּאַצירנדיקע. קינדער אויף איינרעדלדיקע וועגעלעך און אויף הילצערנע פערדלעך האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַר די פיס, פאַרהילכט די גאַס מיט זייערע געשרייען. שלמה האָט נאָכלעסיק געשלייכט הארט ביי די הייזער. ער האָט וועגן גאָרנישט מער געטראַכט, ער איז געווען אויסגעשעפּט. ערשט ביים הויז נומער 67, ווען זיינע פיס האָבן זיך לויט דער רגילות אָפּגעשטעלט, האָט ער זיך ראַש אַ כאַפּ געטון:

— וואָס, איך גיי טאַקע אַריין?

מיט אַ שניידנדיקער קלאָרקייט האָט ער מיט אַ מאָל דערשפּירט די גאַנצע ערנסטקייט פון אַזאַ שריט, וואָס ער גייט מאַכן: ער גייט נאָכגעבן רייזלען...

זיין פאַרבאָרגענער וואָרעם האָט אים קאַלט־בלוטיק אַ טאַטשע געטון:

— פון דעסט וועגן געדענק איך שוין נישט פון לאַנג־לאַנג, אַז דו זאָלסט שבת צו נאַכטס פאַרפעלן צו זיין ביי די טולטשינסקים. היי־יאָר האָט דאָס נאָך, דאַכט זיך מיר, נישט פּאַסירט. אין אַ שעה אַרום אָדער אפשר גאָר נאָר אין אַ האַלבער וועט פאַלי קומען פון דער אַרבעט. אייער צעווערטלען זיך דאַנערשטיק אין קינאָ האָט זי שוין זיכער פאַרגעסן. זי וועט זיך אַרומוואַשן, אָפּעסן, איבערטון און פאַרוווּנדערט אַ פרעג טון ביי דער מוטער:

— און שלמה איז נאָך גאָר היינט נישט געווען?

זי וועט נעמען איר ביכל פון דער עטאַזשערקע, ארויפקריכן אויפן פענצטער, און זיצן אַ שעה, אפשר אַנדערטהאַלבן און דאַן ברוגז אַ בורטשע טון:

— גענוג, מער וואַרט איך נישט. וואָס בין איך אים אַ מיידעלע, צי וואָס?

שלמה הערט זיך איין אין די מחשבות און פילט, ווי אַ סם צעגיסט זיך אים איבערן גאַנצן קערפּער. אַלע קלוגע טענות, וואָס ער האָט אויסגעהערט זיצנדיק אויף דער פּאַס — מיטן רויך פאַרשוווּנדן. ער וועט נישט

דערלאָזן, אַז פּאָלי זאָל זיך אויף אים בייזערן. פּאָלי, זיין פּאָליטשקע, זאָל דאַרפן זיצן און וואַרטן אויף אים... און אפשר נאָך וועט זי אויף אים אָפּוואַרטן א גאַנצן אויפדערנאַכט, זי ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז שבת צו נאַכטס פאַרפעלט ער נישט צו קומען... — ניין, ניין, פּאָלי, איך גיי שוין צו דיר... זיי מיר מוחל מיינע ספקות... זיי מיר מוחל מיין וועלן זיך באַפרייען פון דיין כשוף, פון דיין מאַכט... כ׳בין דיינער, כ׳בין דיינער אויף אייביק... דו קענסט מיט מיר טון, וואָס דו ווילסט, דו קענסט מיר באַפעלן, למשל, אָפּוואַשן דיין מאַרוסיאַן די פיס. אפילו פון אַזאַ זאַך וועל איך זיך אויך נישט אָפּזאָגן. קיין זאַך וועט מיר נישט שווער זיין צוליב דיר. אַלץ אין דער וועלט וועל איך פאַר דיר טון, אבי האָבן די מעגלעכקייט זיך געפינען לעבן דיר, אָנזעטיקן מיינע אויגן מיט דיין ליכטיקער צורה, הערן דיין זיס קולכל... פּאָלי, איך גיי... איך גיי שוין !...

אויפגעטרייסלט פון אַן אינערלעכער היסטעריע פליט שלמה אַרוים צוריק פון דער פּאַראַדנע. ער פילט, אַז אַן אוממענטשלעכער כח שלעפּט אים אַוועק פון די פייגנבוימס שטוב און שטויסט אים אין צענטער שטאָט אַריין, אויף אוריצקע. ער ווייסט, אַז ער באַגייט אַ פאַרברעכן, נאָר ער גייט, ער שטעלט נישט קיין ווידערשטאַנד. נאָר פּלוצלינג גיט ער זיך אַ שטעל אָפּ, קוקט זיך צעטראָגן אַרום, ווישט זיך אָפּ דעם קאַלטן שווייס און זאָגט בתחנונים צו זיך אַליין:

— אויף איין ווילעטשקע וועל איך זיך אונטערהערן, וואָס טוט זיך דאָרט אין שטוב. איין קליינע ווילעטשקע און איך גיי שוין...

ער מאַכט נישט קיין לאַנגע שהיות און מיט עטלעכע שפּרונג איז ער שוין צוריק אין קאָרידאָר.

קאפיטל LXVIII

אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ גנב, דערנעענטערט זיך שלמה צו דער טיר, לייגט צו דעם אויער צום שליסל־לאָך. אַלע טירן זענען אָפן, מען הערט גוט. מען זינגט.

— שאַ, לאָמיך הערן, ווער זינגט און וואָס זינגט מען ?... אַ־אַ ! קלאַר־ניצקי זינגט און סעגאַל מיט מנשהן האַלטן אים אונטער. אַ ! זיי זינגען זיס, מלא־טעם...

— — — אוי, וקרב פזורינו מבין הגוים, ונפוצותינו כנס מירכתי ארץ — — —

דער שליסל־לאָך איז קליין, אָבער דאָס קול איז מעכטיק, אַזאַ מאַ־נענדיקס... שלמה הערט זיך איין אין דעם געזאַנג מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. ער פאַרשטייט זייער גוט, אַז דער פסוק מיינט דאָס אים, דעם פאַרשטוי־סענעם, דעם אָפּגעריסענעם, די נשמות האזלין ערטילאין* דעם תינוק ישראל שנשבה לבין הגוים.

— וואָס ? — גיט זיך אין אים אַ וואָרף דאָס האַרץ, — דו אומפאַר־שעמטער ! שנשבה — זאָגסטו ? דו וואָגסט נאָך אַזוי צו זאָגן ? דו לייגסט ! דו ווילסט אַליין, קריכסטו צו דער סטרא־אחרא. ווען דו זאָלסט אַליין נישט וועלן, ווער לאָזט דיך איצט נישט אַנטלאָפן און אַריינגיין ?

שלמה האַלט זיך אַליין צו ביי די הענט. ער האָט מורא, אַז זיי זאָלן נישט אַנטלאָפן קעגן זיין ווילן. אַן אומגעהייערער חשק באַהערשט אים : אַנטלאָפן וואָס גיכער... אַריינלויפן אין זאַל אַריין, זיך אַ וואָרף טון די חברים צו די פיס און אויסשרייען, אַז די באַלקנס זאָלן ציטערן :

— אָט בין איך, חברימלעך ! האַלט מיך צו, מען זאָל מיך ביי אייך נישט צונעמען. האָט רחמנות און בינדט מיך צו פעסט צו זיך !... שטאַר־קער !... נאָך שטאַרקער !... בעט גאָט פאַר מיין עלנטער נשמה, אַז די סטרא־אחרא זאָל נישט גובר זיין... זייט מתפלל, זייט מתפלל...

דער שליסל־לאָך פאַרגייט זיך אויף דער העכסטער אָקטאַווע :

— אוי, וקרב פזורינו, מבין הגוים, ונפוצותינו — מאַטע זיסער — כנס, מירכתי אַ־אַ־אַ־רץ... אוי וקרב פ־זו־רי־נו...

שלמה כאַפּט זיך קאָנוואולסיוו אָן אין דער טיר, קושט די ברעטער, די וואַנט, באַוואַשט זיי מיט טרערן. דאָס האַרץ צערייסט זיך אים פאַר בענ־קעניש. די נשמה צעגייט פון געוויין : קום אַריין, קום אַריין, קום אַריין, גזלן, דערבאַרעם דיך אויף זיך אַליין און קום אַריין...

מיט אַ מאָל דערפילט שלמה, אַז עמעצער שטייט הינטער אים. ער גיט זיך האַסטיק אַ דריי אוים : מיכאל. זיין פעטער מיכאל ! אַן אויסגעפּוצטער ווי אַ חתן־בחור, אַ שבתדיקער פון קאָפּ ביז די פיס שטייט ער ווי אַ

---

* נשמות וואָס וואַנדערן אַרום איינזאַם, פאַריתומט.

פריטשמעליעטער, מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן און קוקט אויף אים. שלמה וויל עפּעס זאָגן, אָבער אין האַלדז איז אים טרוקן, די ווערטער גייען נישט. ענדלעך מאַכט ער איבער זיך אַן אָנשטרענגונג און כריפּעט אַרויס:

— וואָס טוסטו דאָ?

— וואָס הייסט, וואָס איך טו? גאָרנישט, איך שפּיגל זיך אין מיין פּלימעניק.

שלמה גיט זיך אַ וואָרף צו אים, טרייסלט מיט אים ווי מיט אַ לולב:

— ווי קומסטו אַהער? דעם אמת זאָג!

מיכאל, אַ ביסל דערשראָקן:

— כ'פאַרשטיי נישט דיינע פראַגן, וואָס הייסט, ווי איך קום? עס איז שבת און איך האָב עפּעס אַזוי נישט וווהין צו גיין, בין איך געקומען צו די פייגנבוימס פאַרברענגען אַ ביסל... וואָס האָב איך דאָ צו פאַרלייקענען דעם אמת? ס'איז מיר דאָס ערשטע מאָל, צי וואָס?

שלמה לאָזט אים אָפּ און פרעגט שוין אַ ביסל געלאַסענער:

— דו שטייסט שוין דאָ לאַנג?

— אַ מינוט צען, נישט מער. אַקוראַט פון דעם מאָמענט, ווען דו האָסט אָנגעהויבן אַרומלעקן דעם שטויב פון דער טיר. כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, כאָטש די פלייצע האָב איך געזען איז דיינע, פון דעסט וועגן האָב איך נישט געגלייבט מיינע אויגן. נאָר וואָס טויג מיר, זאָג בעסער, שלמה, וואָס באַטייט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזען? מען האָט דיך אַרויסגעטריבן, צי וואָס? וואָס, ניין? פאַר וואָס זשע גייסטו נישט אַריין? וואָס פאַר אַ ווייגעץ נאָר און קושן די ווענט? זאָג שוין, לאָמיך הערן, וואָס האָט געטראָפן? מיט וועמען האָסטו זיך צעאַמפּערט?

שלמה הערט נישט איין וואָרט פון מיכאלס פראַגן. עס איז קענטיק, אַז אין אים קומט איצט פאָר אַ ביטערער קאַמף, אָבער אויסערלעך ווערט ער רואיקער פון מינוט צו מינוט. די אָנגעלאָפענע קנייטשן אויפן פּנים גלעטן זיך אויס. אין די אויגן פאַרבייט דעם ווייטיק — אַ גליוער, אַן אַבסאָלוטע גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים. ער טרייסלט זיך אָפּ פון דער ווייסער ליים, וואָס ער האָט אויף זיך אָנגענומען, רייבנדיק זיך אין דער וואַנט, ברענגט די האָר אין אָרדענונג, גייט צו האַרט צו מיכאלן, באַטראַכט אים קאַלט און שטרענג:

— איך גיי אַוועק און דו גייסט אַריין. טאָמער פרעגט דיך עמעצער אויף מיר, זאָלסטו זאָגן, אַז איך פיל מיך אַ ביסל בעסער...

ער מאַכט אַ פּויזע און זייעט אַרויס פון צווישן די ציין:

— און וואָס נאָך?

שלמה שטעכט אין אים אַריין זיינע שאַרפע צוויי אויגן און זאָגט באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

— פון דעם, וואָס דו האָסט דאָ אין קאָרידאָר געזען, דאַרף קיינער קיין־מאָל נישט וויסן און טאָמער פאַרגעסטו, וואָס איך זאָג דיר אַן, וועט זיין אַ קלאָג צו דיינע יאָרן...

מיכאל האָט נישט באַוויזן אַ וואָרט צו ענטפערן, ווי שלמה איז פאַר־שווונדן פונעם קאָרידאָר. מיכאל איז אים נאָכגעלאָפן אויף דער גאַס — אָבער שלמה איז אויך דאָרטן נישט געווען. דאַן האָט ער אַ צעטראָגענער זיך אומגעקערט אין פּאַראַדנע, אָנגעקלאַפּט און איז אַריינגעגאַנגען צו די פּייגנבוימס. דער עולם איז אַקוראַט געגאַנגען זיך וואַשן צו שלש־סעודות און מיכאל איז אויך אַוועק אין קיך אַריין זיך וואַשן.

פאַר זמירות האָט זיך גאָרדאָן געווענדעט צו אים:

— מיכאל, איר האָט נישט געהערט, וואָס מאַכט עפּעס שלמה?

ביי אַלע טישן איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. יעדער איינציקער איז געווען נייגעריק צו הערן אַ גרוס פונעם חולה. מיכאל האָט וויל־יונגעריש אַ טרייסל געטון מיט די האָר און מיט זעלבסטווירדיקייט זיך אָנגערופן:

— פאַר וואָס עפּעס זאָל איך נישט וויסן? ער פילט זיך שוין נישקשה.

— איר קומט איצט גלייך פון סאָלאָמינקע?

— ניין, איך גיי איצט פון דימייעווקע, מבקר־חולה געווען אַ באַקאַנטן.

— פון וואַנען זשע ווייסט איר, ווי אַזוי שלמה פילט זיך?

— וואָס הייסט פון וואַנען? נאַ דיר גאָר פון וואַנען. כ'האָב אים באַגעגנט, האָט ער מיר געזאָגט.

— באַגעגנט? ווו האָט איר אים געקענט באַגעגענען?

— כ'פאַרשטיי נישט אייערע קלאָץ־קשיות. ווו באַגעגנט מען אַ מענטשן? אין גאַס געוויינלעך. ער איז געגאַנגען, איך בין געגאַנגען, האָבן מיר זיך באַגעגנט.

— וואָס רעדט איר? ביי אַזאַ טעמפּעראַטור גייט ער גאָר אַרום, נישט ער ליגט אין בעט?

— טעמפּעראַטור... וואָס עפּעס גאָר טעמפּעראַטור?

פון די קלוגיטשקע שמייכעלעך פון די אָנוועזנדיקע האָט מיכאל באַלד תופס געווען, אַז עפּעס זאָגט ער נישט דאָס, וואָס מען דאַרף. ער האָט זיך דערפילט זייער אומבאַקוועם, די פאַרב האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין און ער האָט געוואָלט פאַרריכטן דעם פעלער:

— ס'הייסט טעמפּעראַטור... אודאי האָט ער מן הסתם טעמפּעראַטור און ווער פון אונדז האָט זי דען נישט? אָבער איך רעכן, אַז שלמה האָט נישט חלילה אַזאַ הויכע טעמפּעראַטור, אַז ער זאָל מוזן ליגן.

גאָרדאָן האָט באַהאַלטן אַ שמייכעלע און בתמימות געפרעגט:

— שוין לאַנג, אַז איר האָט אים געזען?

— ניין, נישט לאַנג... עס הייסט, נישט זייער לאַנג... כ'מיין... כ'קען אייך נישט זאָגן פּינקטלעך.

— אָבער בערך, וויפל אַ שטייגער איז שוין דאָ דערינען?

— בערך? — — —

מיכאל מינעט זיך: גוואַלד, וואָס טוט מען דאָ? פון וואַנען זאָל איך וויסן שלמהס קונצן? איך וועל אים דאָ אָנמאַכן צרות און ער וועט מיך

דערהרגנען... ער ווישט אָפּ א קאַלטן שוויים און חזרט איבער מיט א נויט־שמייכעלע:

— בערך, זאָגט איר? נו, כ'וויים? אפשר צוויי שעה, אפשר א שעה און אפשר גאָר נאָר א האַלבע שעה... קיין נביא בין איך נישט און שבת דעם זייגער טראָג איך ביי זיך נישט.

רייזל האָט א קוק געטון אויף פרידמאַנען, פרידמאַן אויף רייזלען אוןביידע גלייכגילטיק אויף מיכאלן. קיין פראַגן האָט שוין מער קיינער נישט פאַרגעבן. מנשה האָט נישט געקענט פאַרליידן מיכאלס פאַרלוירנקייט און האָט פילדרייטיק א ווונק געטון צו הרב ביאַליק. מען האָט תיכף ומיד אָנגעהויבן זאָגן „אתקינו" און מיכאל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

*

פאַלין האָט שלמה אין דער היים נישט געטראָפן. זי איז נאָך נישט געווען פון דער פאַבריק. שלמה האָט זיך געחידושט:

— אַזוי שפּעט פון דער פאַבריק, וואָס איז די מעשה?

— פאַרשטייט איר, שלמה — האָט אסתר זיך געקלאָגט — איצט הייסט נאָך פרי, יענע נאַכט איז זי ערשט געקומען צען א זייגער. פון נאָך דער רעוויזיע אָן איז זי פאַרוואַלגערט מיט אַרבעט.

פונעם גאַנצן טאָג האָט זיך שלמה געפילט צעבראָכן און דערשיטערט. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרברענגען דעם אויפדערנאַכט ביי יאַנין אין שטוב, שוין מער אין ערגעץ נישט גיין. יאַנין האָט עפּעס ווי געטון א פּוס און ער איז נישט געגאַנגען אין שול אַריין. מען האָט צוזאַמען געטרונקען טיי מיט איינגעמאַכטס, געשמועסט וועגן פּאָליטיק און וועגן שטאָטרנייעסן.

נאָך הבדלה איז אָווראַם צוגעשטאַנען צו שלמהן, אַז זיי האָבן שוין לאַנג נישט געשפּילט אין שאַך. שלמה האָט אים נאָכגעגעבן און געמאַכט מיט אים א פּאַרטיע.

ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס שפּילן, האָט יאַני אַראָפּגעשאַרט די פיגורן פונעם טיש און נישט געלאָזט מער אויסשטעלן:

— גענוג געשפּילט. מוצאי־שבת איז דאָ עפּעס בילעכערס. שלמה, דערצייל עפּעס א מעשה פונעם בעל־שם־טוב, שבת צו נאַכטס איז א סגולה צו דערציילן א מעשה פונעם בעל־שם־טוב...

— צו וואָס דאַרפט איר א סגולה?

— צו אַלצדינג... אפילו צו פּאַלים אינסטיטוט, וואָס איידער זי האָט אים נאָך אָנגעקוקט, פּלעטשט ער מיר שוין דעם מח...

שלמה האָט א שמייכל געטון:

— איר האָט געהערט א מאָל פון די דריי לאו דווקאס?

— פון די דריי — וואָס?

— אויף דער סגולה, אויף אייערער, זאָגט מען דריי לאו דווקאס. לאו דווקא שבת־צו־נאַכטס — נישקשה אַלע נעכט פון א גאַנץ יאָר. לאו דווקא

פונעם בעל־שם־טוב — ס'איז נישקשה אויך פון אן אנדערן צדיק. לאו דווקא א מעשה — נישקשה סתם א ווארט נאכזאגן...

— זאל זיין אזוי, זאג נאך וואס דו ווילסט, אבי זאג עפעס...

— נישט שוין. שפעטער א ביסל. איך וועל זיך באלד דארפן ארויס־כאפן ערגעץ אויף א פאר מינוט.

— שבת האסטו אויך געשעפטן?

— א י ך האב טאקע נישט, אבער אנדערע האבן געקענט האבן פאר מיר.

— וואס הייסט — אנדערע?

— וואס זשע, איר ווייסט נישט דעם כלל: זכה, מלאכתו נעשית על ידי אחרים... עס געפינען זיך שוין אזעלכע, וואס טוען אלץ, כדי איך זאל גוט פארדינען...

ווען עס איז שוין געווען באלד א שעה אין דער נאכט און עס האט שוין נישט אויסגעמאכט פאר „מראית־עין", האט זיך שלמה ארויסגעכאפט אויף קרעשטשאטיק. דארט, נישט ווייט פון אוריצקע־גאס, האט זיך געפונען די הויפט־פארוואלטונג פון די אינוואלידן־ארטעלן. ער האט געוואלט געוויר ווערן, צי האט מען צופעליק פארן שבתדיקן טאג נישט צוגעפירט דאס טארגסינער מעל.

געטראפן האט ער שוין נאר דעם הויפט־בוכהאלטער. יענער האט אים דערציילט, אז פאר היינטיקן טאג האט מען גלייך פון דער באן צוגעפירט אין אלע פיליאלן פון זייער ארגאניזאציע דאס מעל, וואס איז געגאנגען פון שלמהן נאמען, און מארגן קען ער קומען, וועט מען אים אפצאלן דאס גאנצע געלט.

פון דער קאנטאר איז שלמה ארויסגעגאנגען שטארק אויפגעלייגט. דער בייטאגעדיקער אומעט האט זיך אפגערוקט אין טיפן אונטערגרונט פונעם באוווסטזיין. דאס הארץ האט געטאנצט פאר פרייד:

— געלויבט השם־יתברך!... אזא סומע ריוח, אזא גוואלדיקע סומע!...

וויפל ער האט גערעכנט און גערעכנט, האט זיך אלץ באקומען, אז ער האט פארדינט נאך מער, וויפל ער האט זיך געריכט. פאר דעם מעל האט ער אפגענומען דעם סאמע העכסטן פרייז. דער דאלאר איז שטארק „געפאלן". אלע אומשטענדן האבן זיך אזוי צונויפגעשטעלט, אז ער זאל „אנשארן געלט מיט די לאפעטעס". איצט דארף מען פינאנסירן אלע אנשטאלטן, וואס זענען שייך צו חיזוק הדת און נאך געשמאקער זיך נעמען צום שרייבן. פארענדיקן דאס בוך, זיין טייער בוך.

קאפיטל LXIX

שלמה האט זיך אומגעקערט צו יאַנין אין שטוב אריין, פאַלי איז נאָך נישט געווען. ערשט אַרום צען אַ זייגער איז זי אריינגעקומען. איר פּנים איז געווען מיד און מאַט. ערשט ווען אירע אויגן האָבן זיך געטראָפן מיט שלמהס און נישט געפונען אין זיי קיין שפור פון זייער לעצטן רוגז, איז זי פריילעכער געוואָרן. ביים עסן האט זי גערעדט אָן אן אויפהער. דערציילט וועגן נישט אינטערעסאנטע אינצידענטן אויף דער פאַבריק, אַ ביסל צעך־רכילותן. אויסגעפרעגט זיך ביים פאַטער, ביי שלמהן, וואָס האָבן זיי עפּעס געהערט „אַזוינס". צום סוף האט זי געמאָלדן, אַז מיטן גרעסטן פאַרגעניגן וואָלט זי איצט געגאַנגען זען דעם נייעם פילם, ער גייט אויף לוואָווסקע־גאַס.

יאַני האט פּראָטעסטירט:

— דו קומסט ערשט אריין פון דער אַרבעט, וואָס ברענט ביי דיר אַזוי אין קינאָ אריין?

— ווען דו זאָלסט געווען האָבן מײַן טאָג, מיט מײַנע פאַרגעניגנס, וואָלסטו, זיי זיכער, אויך נאָכגעזוכט, ווי אַזוי צו פאַרגעסן דעם טומל כאָטש אויף אַ פּאָר שעה פאַרן שלאָפן!

— ווער שטערט דיר דען דאָ זיך אָפּצורוען?

— אַ גרויסן דאַנק דיר. קוים צוגעטראַכט. איך בין שוין היינט גענוג געזעסן, ווי אַ צוגעבונדענע. און איך וויל טאַקע חוץ אַלעמען זען דעם פילם אויך. ווער ווייסט? מאָרגן קען איך קומען נאָך שפּעטער און איבערמאָרגן נאָך שפּעטער. וואָס האָסטו צו קלערן? כ'האָב מיך אָנגעפרעגט אַן אַרבעט אין פאַבריק, מעגסטו מיר מקנא זיין. פאַרברענט און פאַרקוילט זאָל זי ווערן, אָן ייִדישן שאָדן! קומט שלמה, איר גייט?

— קומט, אוודאי גיי איך. אוראַס, ניומאַ, סאָניע, איר האט אויך חשק צו זען דעם נייעם פילם?

— אַ שאלה, צי זיי האָבן חשק?!

עס האט זיך אויפגעהויבן אַ טומל פון אָנטון זיך, אַ קוקעניש אין די שפּיגלען, אַ בינדעניש פון שניפּסן. אין געצײלטע עטלעכע מינוטן איז שוין געווען נאָכן האַרמידער און חברה איז געשטאַנען גרייט ביי דער טיר. יאַני האט זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעגעבן. ער האט גאָר פאַלין נישט געקענט מוחל זיין, וואָס זי נעמט צו שלמהן פון דער שטוב. מען האט ביז איר קומען אַזוי געמיטלעך פאַרבראַכט, אַז עס איז געווען אַ חיות. ער גערעדנקט שוין נישט פון לאַנג אַזאַ אָוונט, האט זי דער נישט־גוטער אָנגעטראָגן ווי אַ וויכער. נאָ דיר גאָר קינאָ אום האַלבער נאַכט!

— ס'איז דאָך שוין שפּעט, ווו האט איר שוין איצט אַ סעאַנס?

— נעם זיך נישט צום האַרצן, טאַטע, אויף לוואָווסקע איז אַ צענ־טראַלע קינאָ, הייבט זיך דאָרט אָן דער לעצטער סעאַנס ערשט האַלב צוועלף.

אַרויסגייענדיק פון שטוב האט שלמה אָפּגעשיקט די ייִנגערע קינדער פאַרויס. ער האט זיי מיטגעגעבן געלט אויף בילעטן און ער מיט פאַלין זענען

זיך געגאַנגען לאַנגזאַם. נאָך אַ היפּשן מהלך, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט שווייגנדיק, האָט אים פֿאַלי גענומען אונטערן אָרעם:

— איר האָט גוט געטון, וואָס איר זענט היינט געקומען, שלמה.

— וואָס איז אַזוי דאָס גוטסקייט?

— כ׳ווייס אויך נישט. נאָר מיר איז זייער אָנגענעם, וואָס איר האָט אַזוי גיך מאָרגעטן אונדזער דאַנערשטיקן רוגז.

שלמה האָט מעלאַנכאָליש אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— ווייס איך, פֿאַרגעסן צי נישט פֿאַרגעסן: «Нехай біда спить».* גלייכער נישט דערמאָנען.

— איך האָב דאָס דערמאָנט דערפֿאַר, ווייל איך וויל, איר זאָלט וויסן, אַז נאָך אייער אַוועקגיין האָב איך שטאַרק חרטה געהאַט. איך האָב געפֿילט, אַז איך בין ווירקלעך שולדיק געווען קעגן אייך.

שלמה איז נישט נתפּעל געוואָרן פֿון איר אָפֿענער דערקלערונג:

— שוין ברוך־השם נישט דאָס ערשטע מאָל ביי אונדז, פֿאַלי. מיר האָבן שוין אויף דעם געבויט אַ גרויסן סטאַזש. לאָמיר בעסער דעם שמועס נישט אויפֿמישן.

אַ פּאָר מינוט גייען זיי שווייגנדיק. דאַן האָט שלמה אַ פֿרעג געטון:

— די סיבה פֿון אייער קומען אַזוי שפּעט פֿון דער אַרבעט ווייס איך פֿון דעסט וועגן נישט. וואָס איז געשען?

— איי, פֿרעגט בעסער נישט. מען איזדיעקעוועט זיך אויף מיר שטאַרק אויף דער פֿאַבריק. איך וואָלט שוין גערן געוואָלט זיך אַרויסכאַפּן פֿון דאָרט אַ לעבעדיקע.

— וואָס זשע עפּעס פּלוצלינג אַזאַ ענדערונג?

— אַלץ אַ דאַנק מיין צוקינפֿטיקן שטודירן. אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אַוועקגיין פֿון דער פֿאַבריק האָט מען מיר צוגעזעצט עפּעס איינע אַ דאַרפֿס־שיקסל, אַז איך זאָל זי אויסלערנען מיין אַרבעט, און כדי איך זאָל נישט מיינען, אַז ס׳איז אַ מהיכי־תּיתי זאַך, האָט מען מיר אויף אַן איידעלן אופֿן געגעבן אָנצוהערן, אַז ביז זי וועט נישט קענען גרונטלעך די אַרבעט, וועט מען מיך נישט באַפֿרייען פֿון דעם פּאָסטן, ווייל עס איז נישטאָ מיט וועמען מיך צו פֿאַרבייטן און די פֿאַבריק וועט מען צוליב מיר נישט אָפּשטעלן. נו, נו, פֿרעגט שוין גאָרנישט, איך האָב מיט מיין שילערין צו זינגען און צו זאָגן. איר מעגט מיר מקנא זיין. נו, און וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך?

— ביי מיר, נייעס? אויב נישט רעכענען דאָס, וואָס מיין אָפּעראַציע מיטן טאָרגסין איז מיט דערפֿאָלג דורכגעפֿירט געוואָרן, איז ביי מיר קיינע נייעס נישט געשען.

— שוין אין גאַנצן געענדיקט, שלמה?

— לחלוטין געענדיקט.

— און איבערגעציילט מזומנע דרייצן טוזנטער פֿאַרדינסט?

— נישט קיין דרייצן, נאָר כמעט פֿופֿצן.

* זאָל די צרה שלאָפֿן.

— זענט איר דאָך אַ גליקלעכער מענטש, שלמה. דאָס איז דאָך אַ גרויס עשרות!

— עפּעס פיל איך נישט אַזוי דאָס גליק.

— אַזאַ געוויינלעכע זאַך איז ביי אייך אַזאַ אָפּעראַציע?

— הלמאי זאָל איך זאָגן אַ ליגן, דוקא ווייט נישט קיין געוויינלעכע זאַך. פאַר מיינע צוויי און צוואַנציק יאָר איז דאָס ביי מיר דאָס ערשטע מאָל, אַז איך פאַרדין אין איין קלאַפּ אַזאַ היפּשע סומע.

— טאָ פאַר וואָס זשע דען זענט איר נישט צופרידן?

— ווער זאָגט דען? צו דעם געשעפט האָב איך חס־ושלום גאָרנישט, נאָר איר האָט דאָך געפרעגט וועגן גליק, אָט דאָס געפיל פיל איך עפּעס נישט אין זיך.

— פאַר וואָס זשע איז דאָס אַזוי?

— כ'ווייס פאַר וואָס? איר ווייסט עס מן הסתם נישט ערגער פון מיר. אפשר דערפאַר, וואָס דאָס הארץ איז ביי מיר פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. מילא, נו... עס איז נישט וויכטיק... אַ צוגעגעסענע טעמע. יאָ, זאָגט מיר, איז וואָס זשע אַזוינס טוט זי אייך, דאָס שיקסל, וואָס איר קענט פון איר נישט איבערטראָגן?

— אוי, פרעגט בעסער נישט, די גאַל קען פּלאַצן. קודם־כל איז זי אין גאַנצן ערשט אַלט זעכצן אָדער זיבעצן יאָר. אַ ציגעלע, אַ ווילד ציגעלע, זאָג איך אייך! איך לערן זי און חזר מיט איר איין, ווי צו מאַכן אַ בילאַנס פון דעם צעך, און זי, בשעת־מעשה, מוטשעט זיך נעבעך צו דערמאָנען דעם נייעם וואַלס, וואָס מען האָט ערשט נעכטן געשפּילט אין טאַנצזאַל... — „פּאַלינאַ יאַקאָוונאַ" — זאָגט זי מיר — „לאָזט מיך זיך דערמאָנען דעם וואַלס. איידער איך דערמאָן מיך, קען איך אפילו נישט הערן, וואָס איר רעדט צו מיר"... נו, ווי געפעלט אייך עפּעס? אָריגינעל, האַ?

שלמה לאַכט.

— מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַלץ? הערט נאָך אַ שטיקעלע. עס האָט נאָך נישט געקלונגען קיין גאַנצע פינף, אַ־האַ! מיין קראַסאַוויצע שטייט שוין ביי דער טיר. „וווהין איז, נאַטאַשאַ?" — אַזוי רופט מען זי. „אַהיים!" ווער איך אַזש אויפגעקאָכט: — וואָס הייסט אַהיים? דו ביסט אַ נעבטיקע? דו ווייסט גאָרנישט, אַז איך האָב באַפרייט די אוטשאָ־טשיצע פון דער צווייטער וואַכטע אויף דריי, פיר שעה, ספּעציעל כדי איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט מער אַ ביסל דיר אַריינצוקלאַפּן אין קאָפּ אַריין דיינע נייע פליכטן? וואָס מאַכסטו זיך טאַמעוואַטע? כלומרשט ווייסטו פון גאָרנישט?" — מיינט איר, זי ענטפערט עפּעס? דוקא נישט. וואָס האָט זי דען צו ענטפערן? זי זאָגט גאָרנישט, נאָר זי לויפט צו, כאַפּט מיך אַרום קושן: „פּאַלינאַ יאַקאָוונאַ, אַן עבירה די פאַרנאַכטן. אויף דער טאַנץ־פּלאַשטשאַדקע איז איצט אַזוי פריילעך. די אַרבעט — כאַפּט זי דער רוח! זיך מקריב זיין פאַר איר, וואָס? דער עיקר, אַבי איך הייס נישט קיין אַרבעטסלאַזע. און אַז עס וועט דויערן נאָך צוויי וואָכן, ביז איך וועל מיך

אויסלערנען פירן די חשבונות, איז מיר שלעכט? ! איך קען דאָ אָנווערן דאָס גרויסע געווינס?... יעדע שעה פרייד פון מיין יונגן לעבן איז ביי מיר טייערער פון דער גאַנצער פאַבריק מיטן דירעקטאָר צוזאַמען!... פּאַלינאַ יאַקאָווּנאַ, פאָלגט מיך, קומט אומיסטן היינט מיט מיר, וועט איר אַליין זען, ווי פריילעך עס איז דאָרט... קומט, פּרוּווט איין מאָל, אָט וועט איר אומיסטן זען: אַלע קאַוואַליערן וועלן זיך דאָרט שלאָגן פאַר אייך...״

שלמה האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ!... איז זי דאָך נעבעך זייער גערעכט, וואָס זשע ווילט איר?

— וועמען מיינט איר?

— טאַקע אייער נאַטאַשען מיין איך. קוים ווייסט זי דעם פּרייז פון יעדער שעה גליק אין די יונגע יאָרן, איז זי דאָך טאַקע אַ קלוג שיקסל...

פאָלי, מיט ביטערן פאַרדרוס:

— האַלט איר, הייסט עס, אַז אַזוי איז גוט?

— ערשט פון היינט אָן? אַלע מיינע יאָרן האָב איך געהאַלטן, אַז יוגנט־גליק איז דאָס סאַמע הייליקסטע, דאָס סאַמע אומשאַצבאַרע אין מענטשנס לעבן, דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון מיינע עטלעכע און צוואַנציק יאָר, דער סאַמע שטרענגסטער פּרינציפּ אין לעבן.

פאָלי, אַ צערייצטע, זייעט גיפטיק אַרוים צווישן די ציין:

— איך וואָלט דאָס נישט געזאָגט...

— אַז וואָס?

— אַז דאָס איז אייער שטרענגער פּרינציפּ אין לעבן...

— פאַר וואָס זשע וואָלט איר דאָס נישט געזאָגט?

— דערפאַר, ווייל ווען עס זאָל באמת זיין אַזוי, אַז יוגנט־גליק איז ביי אייך דאָס הייליקסטע, וואָלט איר שוין פון לאַנג־לאַנג געקענט זיין גליקלעך און איר טוט דאָס נישט...

— פאָלי, איך טו דען נישט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי צו דער־גרייכן דאָס דאָזיקע צוייבערנדיקע וואָרט?

— פאַרקערט, איר טוט גאָרנישט צוליב דעם.

שלמה, העכסט נייגעריק:

— זאָגט, וואָס וואָלט איך, נאָך אייער מיינונג, געדאַרפט טון?

— ווען איר זאָלט מער אינטערעס אַרויסווייזן פאַר אייער קלאַס מענטשן, אָפּטער זיך געפינען אין זייער געזעלשאַפט, וואָלט איר שוין לאַנג געקענט געווען גליקלעך זיין...

— אַך, דאָס האָט איר געמיינט? הא... אָט וואָס!... נו, אַ דאַנק פאַר אַ גוט וואָרט.

— איך בין נישט אויסן געווען קיינע אָנצוהערענישן. איך האָב פשוט געזאָגט דאָס, וואָס איך טראַכט.

— זיכער אַזוי, פאַרשטענדלעך. דאָס איז זייער אויפריכטיק פון אייער זייט. אַ דאַנק!

קאפיטל LXX

מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים האָט שלמה דערפילט אַ ווילדן אויפברויז אין זיין האַרצן. דער בייטאָגעדיקער שטורעם, וועלכן עס איז אים אַזוי שווער אָנגעקומען צו באַקעמפן, האָט זיך אויף דאָס ניי צעבושעוועט אין אים.

די לעמפעלעך פון די אַנטקעגנקומענדיקע טראַמווייען האָבן געדערט צו אים, זיך געבעטן ביי אים:

— וואָס שלעפסטו זיך נאָך איר, שוטה דו? זי האָט דאָך נאָר וואָס נישט צווויידייטיק דיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי געהערט נישט צו דיין קלאַס און מיט איר וועסטו נישט זיין גליקלעך... שלמה, פאָלג אונדז, זעץ דיך אויף מיט אונדז. ווילסטו אויף סאָלאָמינקע — איז אויף סאָלאָמינקע, ווילסטו אויף קאַראַוואַיעווסקע — זאָל זיין אַהין, וווהין דו ווילסט — נאָר אַנטלויף!... שפיי דיך אוים אויף די טולטשינסקעס... „וואָס איינער טרעט מיט די פיס, וואָלט אַ צווייטער אויפן קאָפ געטראָגן".

ביז דעם קינאָ איז צווישן זיי מער אַ וואָרט נישט אויסגערעדט געוואָרן. צום אָנהייב פונעם סעאַנס איז נאָך אויסגעקומען צו וואַרטן העכער אַ האַלבע שעה. שלמה האָט אַלעמען איינגעלאַדן אין בופעט אַריין. מען האָט זיך געזעצט אַרום אַ טישל. מען האָט געבראַמטשעט מאַנדל־בייגעלעך, געגעסן קאָנפעקטן, פאַרטרונקען מיט קרעם־סאָדע, מיט וויינטרויבן־זאַפט, אַלץ איז געווען לרוב, אָבער קיין ווערטער זענען נישט געווען. די יינגערע האָבן געקוקט אויף די עלטערע און די עלטערע האָבן געהאַלטן אַ שלאָס אויפן מויל.

ווען דאָס שווייגעניש האָט אָנגעהויבן צו וואַרגן אין האַלדז, האָט שלמה פאַרפירט אַ שמועס מיט אוראַמען מכח דעם ווערק, פון וועלכן עס איז געשריבן געוואָרן דער סצענאַר צו דעם פילם. ניומאַ האָט זיך אויף דעם מאַרמאָרנעם טישל געלערנט אויסציקלען אַ שיינע אונטערשריפט, טונקענדיק דעם פינגער אין אַ קאַליוזשקעלע קרעם־סאָדע. פאַלי מיט סאָנקען האָבן לאַנגזאַם שפּאַצירט אין אַלייע, וואָס פאַר דעם קינאָ.

ביים פאַרנעמען ערטער אין זאַל האָט פאַלי, זעענדיק, אַז שלמה הייבט קיין אויג נישט אויף, זיך געזעצט צווישן ניומאַן און סאָנקען.

אין משך פון צוויי שעה, וואָס דער פילם איז געגאַנגען, האָט שלמה נישט אַרויסגעלאָזט פונעם מויל קיין איין און איינציק וואָרט. אין גאַנצן קאָנצענטרירט אין זיך איז ער געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דער דלאָניע מיט דער רעכטער באַק און עס איז שווער געווען צו טרעפן, צי איז ער דאָס אַזוי פאַרטיפט אין פילם, צי פאַרקערט, ער קוקט אפילו נישט, וואָס אויפן עקראַן טוט זיך. אָפט מאָל פלעגט פאַלי בגנבה כאַפּן אַ קוק אין זיין זייט און יעדעס מאָל אַ ציטער טון. זיין געזיכט איז געווען פאַרגליווערט. קיין שום געפיל האָט זיך דערויף נישט אָפּגעשפּיגלט, נישט קיין פיינטלעכקייט, נישט קיין פאַראַכטונג — גאָר־נישט!... נאָר אַ קאַלטע גלייכגילטיקייט און אַ

טעמפּע אַפּאַטיע צו דער גאַנצער סביבה. אין פּראָפיל זעט ער אויס שאַרף אַנטשלאָסן, אָבער אויסטערליש רואיק.

א ביטער ווערעמל האָט זיך פאַרקליבן צו איר אין האַרצן און דאָרטן געטאַטשעט, געטאַטשעט:

— עס איז עפּעס אַן אָנשיקעניש אויף דיר, פאַלי. ווען דו גייסט מיט אים, מוזסטו אים אָדער אַ שטאָך טון אָדער אַ ביס טון אָדער אַזוי אַ גיפט אַריינלאָזן. עפּעס אַ דיבוק זיצט אין דיר, אַ נישט־גוטער, און שוין!...

אַרויסגייענדיק פון דעם קינאָ האָט שלמה, אפילו נישט אומקוקנדיק זיך אויף פאַלין, זיך קאַלט געזעגנט מיט אַן אַלגעמיינעם „אַ גוטע נאַכט“ און איז פאַרשוווּנדן אין דער גדיכטער פינצטערניש.

די טולטשינסקים זענען אַוועק אויף אוריצקע.

פון די פּוסטע, כמורע גאַסן האָט געטראָגן מיט בית־עלמין. נישט קיין טראַמוויי, נישט קיין אויטאָ, זעלטן ווען מען האָט אָנגעטראָפן אויף אַ דורכגייער. די אַטמאָספערע איז געווען אַ שטיקנדיקע, אָנגעלאָדן מיט פאַר־פּרעסטע גאַזן, מיט דושנעקייט פון אַ גליענדיקן זומערטאָג. אין שכנות מיט די סודות־פולע פאַרקן האָט געוויעט מיט פרילינג־ריחות, מיט זאַפט פון צעפּאַרעטער אַקאַציע און פאַרשפּעטיקטן בעז. פון די באַהאַלטענע אַלטאַנ־קעס האָבן זיך דערטראָגן זאַרגלאָזע געלעכטערס און פאַרשטיקטע קרעכצן פון גליקלעכע נשמות. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט לעבן, מיט מילדער געטלעכקייט. די אומבאַהאָלפענע באַשעפענישן האָבן זיך געצויגן צום מעכ־טיקן באַשעפער און דער לייטזעליקער באַשעפער האָט מיט ליבשאַפט גע־גלעט זיינע קינדער איבער די קעפּלעך.

אַווראַם האָט נישט געקענט מער אויסהאַלטן:

— וואָס איז געשען צווישן אייך, פאַלי? איידער דו ביסט געקומען פון דער אַרבעט איז שלמה געווען פיל אויפגעלייגטער ווי ביים געזעגענען זיך. איך רעד דאָך צו דיר, פאַלי, וואָס שווייגסטו?

— אַווראַם, לאָז מיך צו רו, איך בעט דיך. צייטנווייז בין איך זיך אַליין אַזוי נמאס... גאָט מיינער! אַזוי נמאס, אַז איך וואָלט אַ בעלן געווען זיך אַוועקלייגן און מער נישט אויפשטיין. כ'האָב שוין נישט קיין כח צו מאַטערן אי זיך אי יענעם. זאָל שוין זיין, וואָס עס וויל זיך, נאָר וואָלט עס שוין גיכער אַן עק גענומען. איין מאָל פאַר אַלע מאָל!...

— פאַלי, שוועסטער מיינע, רעג דיך אַזוי נישט אויף, איך קען שלמהן נישט ערגער פון דיר. ער איז זייער אַ דעליקאַטער מענטש, מיט זייער איידעלע געפילן. אויב עס איז דיר טאַקע אַזוי שווער מיט אים, איז די עצה: נאָר דעם אמת! דו דאַרפסט אים זאָגן, אַז דו בעטסט אים צו דיר מער נישט אַריינקומען, און דאַן קענסטו שוין זיין רואיק. איך בין דיר ערוב, אַז מער וועסטו אים אויף אונדזער שוועל נישט זען. וועט דיר שוין פאַר־שפּאָרן מיאוס ווערן דאָס לעבן.

נאָך אַ קורצער פּויזע גיט זיך אַווראַם אַ כאַפּ:

— שאַ, ווייסטו גאָר וואָס? טאָמער קלעקט ביי דיר קיין מוט נישט אים דאָס צו מעלדן, קען איך דיר די אַרבעט פאַרשפּאָרן.

פּאָלי איז אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— משוגענער, ווער בעט פון דיר טובות? זאָלסט נישט וואגן זיך צו מישן נישט אין דיינע געשעפטן... קיינער בעט דיך נישט, פאַרשפּאָרן מיר...

אַ שאַרפער בליץ האָט דורכגעשניטן די נאַכט, אַ בלענד געטון די אויגן און מיט אַ קרומען זיגזאַג פאַרשווונדן. די פינצטערניש האָט זיך נאָך שווע־רער אָנגערוקט אויף די אויסגעשטאַרבענע גאַסן. ערגעץ, נישט ווייט, האָט זיך הייזעריק צעכאַרכלט אַ דונער. נאָך אַ בליץ, נאָך אַ דונער, און אַפּטע קאַלטע טראָפּנס האָבן גענומען בריען די באַקן, דעם האַלדז.

*

שלמה האָט איינזאַם געשפּאַנט אַהיים. דער קאָפּ איז אים געווען שווער, פּוסט. נאָר איין איינגעגעסענער געדאַנק האָט געפּיקט אין מח, גע־פּיקט און גאַרנישט געוואָלט אויפהערן:

— אַזאַ אכזריות פון אַ מיידל! זי דאַרף מיר נאָך דערמאָנען רייזלען! זי האָט מורא אַז אָן איר קען איך זי נאָך פאַרגעסן... איין מאָל פאַר אַלע מאָל, מען דאַרף איבעררייסן מיט אַלץ און מיט אַלעמען און זיך נעמען צום שרייבן. נאָר שרייבן און שרייבן...

אויף מאָרגן האָט שלמה איינקאַסירט דאָס גאַנצע געלט פאַר דעם מעל, אויסגעצאָלט אַלע חובות. אָפּגעפּירט גאַרדאָנען אַ מנה־יפה אויף דער מקוה, קלאַדניצקען — פאַר דער קאַסע פון גמילות־חסדים, זעליק פייגנבוימען — אויף אַנדערע פאָנדן. ביים דירעקטאָר פונעם טאָרגסין, מיט וועלכן שלמה איז געוואָרן נפש־אחת, האָט ער געפּועלט, אַז אויב מען וועט עפּעס דער־הערן וועגן אַ נייעם טראַנספּאָרט מעל, וועט מען אים געבן צו וויסן אַהיים, אַזוי אַז ער קען זיך פאַרנעמען מיט אַ שטוביקער אַרבעט, ער וועט איבער דעם גאַרנישט פאַרשפּילן. צו די טולטשינסקעס האָט שלמה באַשלאָסן אַ וואָך צייט נישט צו גיין. אַלץ איינס האָט ער ווייניק נחת דערפון. און דערצו אַרבעט דאָך פּאָלי אַנדערהאַלבן סמענעס. צו ווען זשע וועט ער קומען? בעסער, וואָס גיכער ענדיקן דאָס גרויסע ווערק, וואָס ער שרייבט שוין באַלד צוויי יאָר.

פאַר נאַכט האָט שלמה אַריינגערופן זיין רבקהן צו זיך אין צימער.

— דו האָסט אָפּגעטראָגן, פאַרן גיין אין שול אַריין, די דריי טויזנט רובל צו די פייגנבוימס?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? אָפּגעטראָגן און אָפּגעגעבן.

— וועמען האָסטו זיי אָפּגעגעבן?

— כ'האָב דווקא געפרעגט אויפן עלטערן ברודער ליבערמאַן, אַזוי ווי דו האָסט מיר אָנגעזאָגט, זענען אָבער, ווי אויף צו להכעיס,ביידע ברידער געווען אין שול ביים דאַוונען. וואַרטן אויף זיי האָב איך קיין צייט נישט געהאַט, כ'האָב נאָך געקענט פאַרשפּעטיקן אין שול אַריין. האָב איך אויף

BIBLIOTECA DE NICOLAS E HILDA BACKAL

מיין אייגענער אחריות אפגערופן אין א זייט רייזלען, זייער שוועסטער טאקע, און איר אפגעגעבן. נישט גענדארפט געווען טון אזוי?

— פאר וואס נישט? עס איז קיין שום נפקא־מינה נישט. איך, צי די ברידער.

— זי האט זיך נאר געוואונדערט, וואס פאר א געלט ביסטו זיי שולדיק און פון ווען?

— וואס זשע האסטו איר דערויף געענטפערט?

— אז דאס איז נישט מיין זאך, איך בין נאר א שליח און וויים פון גארנישט.

— מאלאדיעץ! ביסט א קלוג מיידל. און וואס נאך האט זי געפרעגט?

— וואס נאך? מער, דאכט זיך, גארנישט. אה! זי האט נאך א פרעג געטון, צי דו ביסט נעכטן ביינאכט נאך געקומען פאר דעם רעגן, צי דער רעגן האט דיך פארכאפט אין מיטן וועג?

שלמה האט ברייט צעעפנט די אויגן:

— וואס זשע האסטו איר געענטפערט?

— אז איך בין שוין לאנג געשלאפן, ווען דו ביסט אהיים געקומען. האב איך נישט געהערט, צי פארן רעגן, צי נאכן רעגן.

שלמה האט נאריש שמייכלענדיק צוגעמאכט די טיר הינטער רבקהן און פארווארפן דאס קייטל:

— זי האט אלץ פארשטאנען, אט דער מזיק. זי האב איך נישט אפגע־נארט. אך, רייזל, רייזל!... ווי איך וואלט דיך אצינד געוואלט זען, נאר איך האב זיך אליין געגעבן דאס ווארט: היינטיקע וואך גיי איך נישט ארויס פון דער שטוב. איך בין נישטא אויף דעם עולם, איך שרייב!... און דער־ווייל וועסטו אוועקפארן אהיים און מיר וועלן זיך אפשר מער קיין מאל נישט באגעגענען. די צייט וועט אפווישן דעם אנדענק וועגן מיר. דו וועסט מיך פארגעסן. וואס קען איך העלפן? א פנים, איך בין נישט דיינער און דו ביסט נישט מיינע. עס איז אזוי באשערט... די השגחה פירט אזוי...

אפגעזאגט האט ער אפגעזאגט, אבער דער שורש־נשמה זיינער, וואס האט געהאט אזוי פיל שותפותדיקס מיט רייזלען, האט נישט אנגענומען קיין טרייסט און אין דער שטיל — געוויינט, געוויינט...

ע נ ד ע פ ו ן ד ר י ט ן ב א נ ד.

דער קומענדיקער באנד:

פארלאשענע שייטערס